STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09678

PALESTINE

Abraham Cahan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אב. קאַהאַן אין 1925

פאַלעסטינע

אַ באַזוך אין יאָהר 1925 און אין 1929

פון

אב. קאַהאַן

אין צוויי טיילען, מיט בילדער.

אַרויסגעגעבען פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן
ניו יאָרק, 1934

TRADES COUNCIL 200

אינהאלט.

ערשטער טייל.

מיין ערשטער באזוך, אין יאהר 1925.

ווי אזוי איך בין ארייגעפאהרען קיין ירושלים.

דער געגענט און די מענשען. — וואס מען זעהט אריינ-
פאהרענדיג קיין פאלעסטינע — — — — — — — — 11 —21

ווי זעהט אוים ירושלים.

ווי ווייט פיהלט זיך אין איהר די ירושלים פון ת"נך. —
וואס פאר א שטאט איז דאס? — די אידן און די
ניט-אידען. — אלערליי אידען. — די גאסען. —
דער אלגעמיינער אויסזעהן — — — — — — — 22 —33

ערב יום-כפור ביים כותל-מערבי.

מערקווירדיגע סצענעס ביי די שטיינער וואס זיינען אי-
בערגעבליבען פון בית-המקדש. — א באזוך אין 9
ירושלים'ער שוהלען צו כל נדרי — — — — — 34 —44

תל אביב — וואס פאר א שטאדט איז דאס?

דער אלגעמיינער איינדרוק. — סצענעס אויף די גאסען.
— דער ים. — יאפא. — די טיפען וואס מען בא-
געגענט — — — — — — — — — — — — 45 —57

אין תל-אביב אויפ'ן מארק.

אידישע הענדלערקעס און באלעבאסטעס. — אראבער און
אראבערקעס. — אן אויסגעפוצטע אראבישע פרוי. —
די צוקונפט פון תל-אביב. — וואס צוויי אידען
האבען געזאגט — — — — — — — — — — 58 —68

תל אָביב און איהר פּאָליציי.

דער אידישער פּאָליצאַנט און דער עולם. — פאַרברעכענס און פאַרברעכער. — דעטעקטיווס. — דער הויפּט פון דער פּאָליציי. — אַ מאָרד — אין תל-אָביב׳ער גע-ריכט. — די שטאָט-פארוואלטונג און די ארבייטער באַוועגונג — — — — — — — — — — — 69—77

די אידישע קאָמונעס פון פּאַלעסטינע.

די גרויסע ראָלע, וואָס זיי שפּילען. — אַ שווער לעבן. — דער איינפלוס אויף געוויסע יונגעליַיט אין אַנ-דערע לענדער. — דער „שעהנער זאַל”. — א מיידעל פון נוארק, ניו דזשוירזי — — — — — — — 78—87

די ראָלע פון די קאָמונעס אין פּאַלעסטינע.

דער אַרבייטער-לעגיאָן און זיין פיהרער. — וואָס פאַר אַן איינדרוק ער האָט אויף מיר געמאַכט — — — — — 88—101

ווי מ׳פיהלט זיך אין די קאָמונעס.

באַגייסטערטע מיטגלידער און ניט באַגייסטערטע. — פאר-העלטנישען צווישען די מיטגלידער. — דער אונטער-שיד צווישען די פּאַלעסטינער קאָמונעס און די אמאָליגע אידישע קאָמונעס אין אמעריקע — — — — — — 102—114

פּאַמיליען-לעבען אין די קאָמונעס.

די פראַגע וועגען חתונות. — פרייהייט און מאָראַל. — איוי-פערזוכט. — פרייע ליבע. — טראַגעדיעס. — קינ-דער-ערציהונג — — — — — — — — — — — — 115—128

שטריכען און פאַרבען אין די נייע קאָלאָניעס.

אן אויטאָמאָביל-רייזע דורך די אידישע פארמס. — דער וועג. — אַ קאָלאָניע פון ראַדיקאַלע אינדיווידואַלים-טען. — כפר יחזקאל. — די קאָמונע „גבע”. — איוי-דעלע גייסטער און פאַרהאָרעוועטע קערפּערס — — — 129—219

די אידישע אַרבייטער באַוועגונג אין פּאַלעסטינע.

אַ גאַנץ אַנדערע אַרבייטער באַוועגונג ווי אין אַנדערע לענ-דער. — די באַציהונגען מיט דער ציוניסטישער אָר-גאַניזאציע. — די פראגע וועגען אַראַבישע אַרבייטער, 220—233

א געשפרעך מיט א פיהרער פון די אראבער.

ביי דר. י. ל. מאגנעס אין הויז. — ער באקלאגט זיך אויף אידישער ספעקולאציע. — א דיסקוסיע. — דר. מאג-נעס נעמט אנטייל — — — — — — — — — — — 234—241

צווייטער טייל.

צווייטער באזוך — נאך די בלוטיגע פאגראמען און דעם העלדישען זעלבסטשוץ פון 1929.

ווידער אויפ'ן וועג קיין פאלעסטינע.

אין די טעג פון בלוטיגע פאסירונגען. — איינדריקע אויף א פראנצויזישער שיף וואס געהט פון מארסעיל קיין יאפא, 245—261

א העלדישע פארטיידיגונג.

די שרעקליכע נאכט אין דער קאלאניע הר טוב, נעבען ירושלים. — 20 אידישע פארמערס געגען הונדערט מערדער, רויבער און אונטערצינדער. — וואס בולגארישע אידישע קאלאניסטען האבען מיר דערצעהלט — — 262—300

דער בראווער קאמף אין חולדה.

פערציג אידען געגען צוויי טויזענט באוואפענטע אראבער. — א הויז אונטער א האגעל פון בליי און ארומגערינגעלט מיט אונטערגעצונדענע געביידעס. — אפרים טשיזשיק. — א העלדישער טויט. — א נייער קאמאנדיר. — סצע-נעס וואס מ'פארגעסט ניט. — צוויי שוועסטער. — א ברודער זאגט קדיש. — אן אלטע מאמע. — — — 301—343

דער קאמף אין תל אביב און אין בית אלפא.

א שווערער שבת צו נאכט. — בית שאן פריהער און איצט. — אראבער פון אלע זייטען. — דער דרום-בארג. — אונ-טערצינדער. — מ'האט איהם געשיקט און ער איז גע-גאנגען. — בית אלפא. — יעקב לאנדעס און קאפיטאן בראנד. — ענגלישער קאפיטאן איז מקנא די העלדיש-קייט פון די אידישע קאלאניסטען — — — — 344—358

די בלוטיגע דראַמע אין צפת.

אידען און אַראַבער פאַר דער מהומה. — די פּלוצלונגע ענ-
דערונג. — דער בלוטיגער דאָנערשטאג. — אין די היוי-
זער וואו אַראַבער האָבען געמאָרדעט, געברענט און
גערויבט — — — — — — — — — 359—410

וואָס שושנה האָט דערצעהלט.

מ'האָט ערמאָרדעט איהר פאָטער און מוטער פאַר איהרע
אויגען. — די מערדער האָבען געמיינט, אַז זי איז
שוין אויך טויט. — איינער פון די בלוטיגסטע קאַ-
פּיטלעך אין דער טראַגעדיע פון צפת — — — — — 411—423
נאָכוואָרט — — — — — — — — — — 424—426

בילדער.

בײַ זייט

אב. קאַהאַן אין יאָהר 1925, פּראָנט-בילד.
אַ גרופּע אַרבייטער-פיהרער פון תל-אָביב — — — — — — — 76

ה. לעפקאָוויטש, פיהרער פון עין-חרוד — — — — — — — 144

ד. בן-גוריון, פיהרער פון דער הסתדרות פון פּאַלעסטינע — — 228

אַ גרופּע: בוקס, אב. קאַהאַן און יאַש (פאָטאָגראַפירט צוזאַ-
מען אין חולדה) — — — — — — — — — — — — 302

אפרים טשיזשיק, פירער פון די העלדישע קאָלאָניסטען פון
חולדה — — — — — — — — — — — — 312

דער „זעלבסט-שוץ" אין חולדה — — — — — — — — — 320

אַ גרופּע פון די וויכטיגסטע מיטגלידער פון דער הגנה אין
בית-אלפא — — — — — — — — — — — 350

אַ גרופּע פּראָמינענטע פיהרער פאָטאָגראַפירט אויף דער סטאַנ-
ציע פון תל-אָביב עטליכע מינוט פאַר אב. קאַהאַן'ס
אָפּפאָהרען — — — — — — — — — — — 358

דיזער בוך איז אן אפשפיגלונג פון מיינע צוויי רייזעס קיין פאלעסטינע, איינע אין סעפטעמבער, 1925, און איינע פונקט פיר יאהר שפעטער. דער ערשטער באזוך איז געווען דער הויפט־פונקט אויף מיין רייזע־פראגראם יענעם זומער. אויף א גאנץ אנדערען אופן איז געבארען געווארען דער פלאן וועגען דעם צווייטען באזוך. דאן איז דער באשלוס אנגענומען געווארען פלוצלונג, גאר אונערווארטעטערהייד, אלס רעזולטאט פון דעם בלוטיגען פאגראם, וואס האט אויסגעבראכען אין ארץ ישראל אין אוגוסט פון יענעם יאהר.

איך האב זיך דאן געפונען אין זשענעווא, שווייץ. אלזא בין איך אריבערגעפאהרען קיין מארסעיל, פראנקרייך, און פון דארטען מיט א דאמף־שיף קיין יאפא.

אלץ וואס דא ווערט דערצעהלט און געשילדערט, ווערט אי־בערגעגעבען פונקט ווי עס איז פארצייכענט געווארען אין פא־לעסטינע אין דער צייט פון מיינע צוויי באזוכען, ווען די איינ־דרוקען זיינען נאך געווען פריש.

ערשטער טייל

מיין ערשטער באַזוך, אין יאָהר 1925

ווי אַזוי איך בין אַריינגעפאָהרען קיין ירושלים

דער געגענט און די מענשען. — וואָס מען זעהט אריינ־פאָהרענדיג קיין פאַלעסטינע.

מיר זיינען אָנגעקומען — איך און מיין פרוי — אין קאַנ־טאַרא, די גרעניץ צווישען עגיפּטען און פּאַלעסטינע. דאָס איז אויך די גרעניץ צווישען אפריקע און אזיע.

כ'האָב זיך געפונען אויפ'ן ברעג פון סועץ קאַנאַל. אין מיין געדאַנק האָבען אויפגעלעבט מיינע קינדער־יאהרען — די צייט ווען איך האָב צום ערשטען מאָל געלערענט געאָגראַפיע. דער לעהרער האָט אונז געוויזען אויף א לאַנד־קאַרטע ווי א שמאָלינקע שטיקעל לאַנד פאַראייניגט אפריקע מיט אזיע און זונדערט אָפּ די וואַסערען וואָס ליגען דאָ. צוליב אָט דיזען שטיקעלע יבשה פלעגט א שיף מוזען פאָהרען טויזענטער מיילען ארום. אביסעל שפּעטער האָב איך זיך דער־וואוסט, אז איבער דעם שמאָלען „העלזעלע" לאַנד איז עס איי־געגנטליך געקומען דערצו, אז מ'האָט ענטדעקט אמעריקע. וואָרים קאָלומבוס האָט דאָך בלויז געזוכט א וואַסער־וועג פון אייראָפּע קיין אזיע. אין אונזער צייט האָט מען גענומען און דאָס שטיקעלע יבשה דורכגעגראָבען און געמאַכט א קאַנאַל. וועלכער פאַראייניגט די ימים. דאָס איז דער בארי‍המטער סועץ קאַנאַל. דורך דיזען קאַנאַל קענען שוין שיפען געהן דירעקט פון אייראָפּא קיין אזיע (ווען אזא קאַנאַל וואָלט דאָ עקזיסטירט אין קאָלומבוס'עס צייי־טען, וואָלט ער ניט געדאַרפט זוכען א זייטיגען וואַסער־וועג.) דער קאַנאַל האָלט 90 מייל אין דער לענג. אין דער ברייט זיינען מיר איהם אריבערגעפאָהרען אין א פעררי אין דריי מינוט. אין דריי

מינוט אפגע׳פטר׳ט דאס, וואס עס פלעגט אמאליגע צייטען נעמען מאנאטען.

אט זיינען מיר אין אפריקע, און אין דריי מינוט ארום זייר־נען מיר שוין אין אזיע. די הארץ טוט א ציטער ביי אזא געפיהל.

* * *

אט דאס איז עס אלזא דער סועץ קאנאל! — האב איך צו זיך געזאגט מיט א געפיהל, וועלכען ס׳איז ניט לייכט איבער־צוגעבען. כ׳האב מיינע אויגען ניט געקענט אפרייסען. אין דערזעלבער מינוט האט זיך באוויזען א גרויסע שיף, אזוי ווי ספּעציעל כדי צו אילוסטרירען דעם געדאנק, וועלכער האט אנ־געפילט מיין גאנצען וועזען. איך בין געשטאנען א פארגאפטער. דער קאנאל איז אזוי שמאל, אז די שיף האט איהם אינגאנצען פארדעקט. די שיף האט זיך באוועגט זעהר לאנגזאם.

שוין עטליכע צעהנדליג יאהר אז עס עקזיסטירט דער סועץ קאנאל, און דאך, ווען איהר שווימט איהם אריבער, ווערט פאר אייך אלץ ניי, און הונדערטער היסטארישע בלעטלעך שוועבען ארום פאר אייערע געדאנקען. איהר פיהלט זיך באהערשט און דורכגעדרונגען מיט דער רעטעניש, וואס האט טויזענד יאהר באאונרוהיגט די וועלט, געבראכט קאלומבוס׳ן צו זיין גרויסער ענטדעקונג און געשאפען ריזיגע ענדערונגען אין דער ציוויליזאציע; מיט דער רעטעניש וועלכע איז ענדליך געלעזט געווארען דורך אט דיזען שמאלינקען פאס וואסער, וואס איהר פאהרט איצט אריבער אויף א פעררי, אזוי ווי פון נויארק קיין ברוקלין!

עגיפטען געפינט זיך אונטער ענגלישען קאנטראל און פא־לעסטינע געפינט זיך אונטער ענגלישען קאנטראל. איהר זעהט ענגלישע מיליטער אויףביידע זייטען פון דעם קאנאל. דער קאנאל איז אינגאנצען ענגלאנד׳ס, הגם שיפען קענען איבער איהם געהן פון אלע לענדער. און דאס וואס דער סועץ קאנאל איז ענגלאנד׳ס און ער איז אזא וויכטיגער שליסעל צו די פאר־בינדונגען צווישען די ימים, איז טאקע אפשר געווען די הויפּט־אורזאכע וואס ענגלאנד האט נאך דער גרויסער מלחמה געהאט אן אינטערעס צו באקומען פאלעסטינע אין איהרע הענט. איצט

האָט זי ביידע זייטען פון קאַנאַל איינגאַנצען אונטער איהר קאָנ־טראָל. מיליטעריש האָט דאָס אַן אונגעהייערע באַדייטונג פאַר איהר.

אָבער דאָך איז עגיפּטען אַ באַזונדערע מדינה און פּאַלעס־טינע אַ באַזונדערע. ס׳איז דערפאַר פאַראַן אַ קאָסטאָם־הויז (טאַמאָזשנע סטאַנציע) אין קאַנטאַרא, ווי אויף אַלע גרעניצען. מען קוקט איבער אייער פּאַס און מען דרעהט אייך אַ מוח, פּונקט ווי ווען איהר פאָהרט אריבער פון דייטשלאַנד קיין פראַנק־רייך.

אָבער ניט נאָר דערפאַר וואָס פּאַלעסטינע איז אַ באַזונדער מדינה איז ענגלאַנד אַזוי פאַראינטערעסירט אַז דאָ זאָל זיין אַ קאָסטאָם־הויז. ענגלאַנד איז אַ פּראַקטישע לאַנד, און סתם בעאונרוהיגען אַ רייזענדען איז ניט אין איהר נאַטור. די קאָס־טאָם־הויז ביי דעם אַריינטריט אין פּאַלעסטינע איז אַ גאַנץ ערנסטע זאַך, וועלכע די ציוניסטען באַטראַכטען פאַר אַ זעהר וויכטיגען ענין. גלייך ביי דעם אַריינטריט אין פּאַלעסטינע, אויף די בענק, אויף וועלכע מען האָט איבערגעקוקט מיין באַ־גאַזש, האָב איך זיך אָנגעשטויסען אָן איינער פון די פראַגען, וועלכע זיינען פאַר די אידען פון פּאַלעסטינע אַ קוואַל פון זאָרג.

זיי האָפען צו ענטוויקלען אַן אינדוסטריע אין פּאַלעסטינע. וועט דאָס אָבער ענגלאַנד צולאָזען? זי קוקט אויף קאָלאָניעס ווי אויף אַ מאַרק פאַר איהרע אייגענע פאַבריקען. איהר צוועק איז, אַז אַ קאָלאָניע זאָל ביי איהר קויפען פאַרטיגע וואַרע און ניט אַליין פאַבריצירען. זי דאַרף האָבען אַ הויכען טאַריף אויף רויהע מאַטעריאַלען, וואָס קומען אַריין אין פּאַלעסטינע, כדי ס׳זאָל זיך ניט לוינען אַזעלכע סחורות אַהין אַריינצוברענ־גען. פאַר איהר איז אויך וויכטיג אַ הויכער טאַריף אויף פאַב־ריצירטע וואַרע, וואָס מען פיהרט אַרויס פון פּאַלעסטינע.

דאָס קאָסטאָם־הויז ביי דעם שוועל פון ארץ־ישראל איז דערפאַר ניט אַ פּוסטע צערעמאָניע.

זיינען מיר שוין אַלזאָ אין אַזיע אָדער, אום צו זיין פּינקט־ליך, אין קליין־אַזיע. דאָרט האָט געוואַרט אַ צוג, אַן אייראָ־פּעאישער צוג, מיט אַ אייראָפּעאישען שלאָף־וואַגאָן.

נאָך א נאכט אין דעם שלאָף־וואגאָן פון צוג, זיינען מיר זעקס אין דער פריה אָנגעקומען פון קאנטארא קיין לוד, וואו מיר האָבען ארויסגעשטיגט. דארטען האָבען שוין אויף אונז גע־ווארט עטליכע פריינט, וועלכע זיינען געקומען פון תל אָביב און ירושלים אונז באַגעגענען. צווישען זיי איז געוועזען מיין יונגער פריינד משה ווינאָגראד, וועלכער איז אהין ספּעציעל געקומען פון ניו יאָרק אום מיך צו באגלייטען אויף מיין וויי־טערדיגער רייזע און מיר צו העלפען מיט זיין מיטווירקונג און אלס סעקרעטער.

לוד געפינט זיך א האלבע שטונדע רייזע פון תל־אָביב, און תל־אָביב איז איצט אייגענטליך די אמת'ע הויפּט שטאָט פון דער אידישער פּאלעסטינע. לויט א פריהער־אויסגעארבייטען פּראָגראַם האָב איך אָבער געדארפט באזוכען ירושלים פריהער. מיר האָ־בען דערפאר גענומען א צווייטען צוג, א פּאמעליכערען, מיט וועלכען ס'האָט אונז גענומען ארום פיר שטונדען צייט צו קו־מען קיין ירושלים.

דאָס לאנד פון ביידע זייטען צוג איז צוערשט געווען פלאך, זעהר פלאך; טרוקען, מאָגער, פלאך.

עס האָבען זיך געזעהן אראבער. אראבער האָב איך געזעהן אין די טויזענטער די לעצטע צוויי וואָכען. די שיף, וועלכע האָט מיך געבראכט קיין עגיפּטען (פון טריעסט) איז געווען פול מיט אראבער; און אין אלעקסאנדריען און קאאירא, וואו איך האָב פארבראכט כמעט א וואָך צייט, זיינען די גאסען, די קאפעס און די געשעפטען הויפּטזעכליך פארנומען מיט אראבער. אָבער די אראבער, וואָס האָבען זיך איצט גענומען זעהן פון צוג, זעהען אויס אנדערש ווי יענע, וואָס איך האָב געזעהן אין עגיפּטען.

אין עגיפּטען איז א גרויסע טייל פון דער באפעלקערונג גאנץ שווארץ — עכטע נעגערס אויף'ן אויסזעהן. פילע זיינען אביסעל וועניגער שווארץ, פילע האָבען ניט קיין נעגערשע געזיכטס־שטרי־כען, אָבער זיי זיינען אלע דורכגעמישט, און ס'איז ניטאָ קיין אונטערשייד ניט געזעלשאפטליך, ניט אין פראגען פון הייראט. ווייסע אראבער זיינען אין עגיפּטען א זעלטענהייט.

די מענשען, וועלכע איך האָב אָנגעפאַנגען צו זעהן פון דעם וואַגאָן, זיינען אויך ניט געווען קיין גאָר ווייסע. די פּנים׳ער זיינען ביי זיי טונקעל־ברוין, אָבער אויף נעגערס זיינען זיי אַבסאָלוט ניט עהנליך, ניט אין קאָליר, ניט מיט׳ן געשטאַלט.

אויפ׳ן אָנבליק זיינען זיי זעהר עהנליך צו אונז, אידען. און וואָס מעהר איך האָב געקוקט, אַלץ מעהר האָב איך די דאָזיגע עהנליכקייט געפיהלט. איך האָב זיך געפּרואווט פאָרשטעלען, ווי דעם אָדער יענעם אראַבער פּוצט מען אויס אין אַ אייראָפּעאישען קאָסטיום. וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס איז אַ איד? און דער ענטפער וואָס איך האָב זיך אַליין געגעבען איז אימער געווען: „יאָ, געוויס!"

יעדע פּאָר מינוט פלעגט זיך באַווייזען אַן עלטערער אראַבער מיט אַ בערדעל, און דאַן איז די עהנליכקייט געווען גאָר אַן אומ־געהייערע.

זיי זיינען מעהרסטענס געשטאַנען אָדער געזעסען אויף דער ערד, קוקענדיג מיט אַ טיפען ערנסט, אַזוי ווי מיט אַן אומעט, אויפ׳ן פּנים. פּונקט אַזעלכע אומעטיגע פּנים׳ער זעהט מען אין אידישע שטעדט און שטעדטלעך אין די טויזענטער.

ניט אומזיסט זיינען מיר סעמיטען און זיי אויך סעמיטען. ניט אומזיסט געהערען מיר צו דער זעלבער פעלקער־משפחה. עס איז זאָגאָר פאַראַן אַ מיינונג, אַז די אראַבער וואָס וואוינען אין פּאַלעסטינע זיינען אַמאָל געווען אידען. צי די סברה האָט אַ ממשות צי ניט, — זייער אָנבליק איז זעהר נאָהענט צו דעם אידישען.

זעהר אָפט אויף אַ סטאַנציע, ווען איך פלעג קוקען אויף אַ גרופּע אראַבער אַזעלכע, ווי זיי זיינען געזעסען מיט זייערע טור־באַנעס ארומגעוויקעלט ארום זייערע קעפּ, און די פאַרמלאָזע קליי־דער אָדער לייַלעכער ארום זייערע קערפּערס, פלעג איך, ניט ווילענדיג, זיך קלעהרען: אָט פּונקט אַזוי האָבען אויסגעזעהן אונזערע אידען אין אברהם אָבינו׳ס צייטען.

סטאַנציעס זיינען געווען אַ סך. דער צוג האָט זיך אָפּגע־שטעלט אַלע עטליכע מינוט. אָבער ארום די סטאַנציעס האָבען זיך געזעהן זעהר ווייניג הייזער. די דערפער, וואָס מיר האָבען באַגע־

געגט, זיינען געווען זעהר קליינינקע, און אויסגעזעהן האָבען זיי גיכער ווי אָרימע לאַגערס פון ציגיינער. דאָ און דאָרט האָבען מיר באַגעגענט סטאַדעס שעפּסען — געלבליך־ווייסע אָדער גאַנץ שוואַרצע. און אין אַנדערע פּלעצער זיינען די שוואַרצע שעפּסען געווען געמישט מיט שוואַרצע ציגען.

עטליכע פּאַסטוכער: פרויען, מענער, קינדער. דאָ און דאָרטען זיינען די מענער און די פרויען געזעסען אויף דער ערד צווישען די בהמות. עס האָבען פאַרבייגעריטען מענער אָדער פרויען אויף אייזלען אָדער אויף קעמלען. אימער זיינען זיי געזעסען גלייך, גע־ריטען מיט אַ אינטערעסאַנטער, ניט־איירְאָפּעאישער געלאַסענקייט. אין איין פּלאַץ איז אַן אַראַבישער אינגעל פון אַ יאָהר צעהן געזע־סען אויף אַ קעמעל, ניט מיט'ן פּנים צום קעמעל'ס קאָפּ, נאָר פאַר־קעהרט. דער קעמעל איז הויך, און דער אינגעלע איז געזעסען ווי אויף אַ געהענדיגען דאַך. ער האָט זיך אָבער געהאַלטען מיט דער־זעלבער רוהיגקייט ווי די עלטערע רייטערס.

פילע פון די קעמלען האָבען געשלעפּט משא. אַ גרויסער באַרג פון אַ מין גראָז, אָדער שטרוי, אָדער פון פעסלעך. דער באַרג באַוועגט זיך פון זיך אַליין. צוערשט מאַכט דאָס אַ מאָדנעם איינדרוק. אין דעם נעקסטען מאָמענט אָבער באַמערקט איהר, אַז אונטער דעם באַרג געפינט זיך אַ קעמעל און אַז ער שלעפּט עס. איהר ווייסט ניט ווי שווער דער באַרג איז. איהר ווייסט ניט וואָס אין די זעק, אדער אין די פעסער געפינט זיך. לייכט אָבער קען דאָס ניט זיין, וואָרים דער באַרג איז זעהר גרויס. אָבער דער קעמעל געהט, אַזוי ווי ניט איהם מיינט מען עס. ער געהט מיט זיין גראַדען גאַנג, ווי אימער.

איך פלעג מיינען, אַז אַ קעמעל איז אַן אומגעלומפּערטע, מיאוס'ע באַשעפעניש. אין ענגיפּטען האָב איך געענדערט מיין מיינונג. איך האָב זיך ארומגעזעהן, אַז איך טו איהם אַן עולה. ווען איהר קוקט אויף איהם אַביסעלע פון ווייטען, זיינען זיינע באַוועגונגען פול מיט חן, און זיין גאַנצע פיגור, מיט די הויכע שלאַנקע פיס, מיט דעם לאַנגען שלאַנקען האַלז, מאַכט אויף אייך דעם איינדרוק, אַזוי ווי אַ ריזיגער, חן־עוודיגער פויגעל, ווי אַ מין גרויסער „בוטשאַן". און דער אייזעל — ער איז נאַטירליך אַ סך

קלענער, און מיט זיינע זעהר גרויסע אויערען איז ער זעהר קאָמיש, ער איז אָבער פיל שטארקער ווי ער זעהט אויס, און ער קען אויך טראָגען א היבש ביסעל משא.

ווען אן אראבער רייט אויף א קעמעל אָדער אויף אן אייזעל, איז דער בילד זעהר א אינטערעסאנטער. דאָס איז אָבער געדעדט, ווען דער קעמעל אָדער דער אייזעל איז ניט אָנגעלאָדען מיט משא.

אין איין פלאַץ האָב איך געזעהן אזא סצענע: א בארג מיט פעסער, און אויבען אויפ'ן בארג זיינען געזעסען צוויי אראבישע פרויען מיט זייערע זויג־קינדער אויף די הענט. זיי זיינען אויס־געקומען הויך, ווי אויף א צווייטען עטאזש, און דאָס אלעס האָט געשלעפט א קעמעל. ס'איז געווען קאָמיש צו זעהן, נאָר דער קאָמיזם האָט אין זיך עפּעס טראגישעס.

אין אלעקסאנדריען און קאאירא, און אויך אין די זאמדיגע וויסטענישען אונטער'ן שטאָדט, וואו די פּראמידען געפינען זיך, טראָגען די אראבער לאנגע, לאנגע קיטלען מיט לאנגע, לאנגע ברייטע ארבעל. די קיטלען דערגרייכען ביז צו דער סאמע ערד. מייסטענס זיינען די קיטלען ווייסע אָדער שווארצע. עס זיינען אָבער אויך פאראן א סך בלויע, און געלבליכע. אין די לאנגע קיטלען, זעהען זיי אויס נאָך העכער ווי זיי זיינען, און דער הויכער, רויטער „פעץ״ (די מאכמעדאנישע היטעל, וועלכע עס טראָגט יעדער איינער, פון דעם גרעסטען ביז דעם קלענסטען) מאכט זיי נאָך העכער. זיי זיינען אָבער אין דער ווירקליכקייט מייסטענס טאקע הויכע — הויכע און שלאנקע.

די אראבער אָבער, וועלכע איך האָב איצט געזעהן אריינ־פאָהרענדיג אין פאלעסטינע, האָבען אזעלכע לאנגע קיטלען ניט געטראָגען. זייערע קערפּערס זיינען צוגעדעקט מיט א קירצערען בגד, וועלכער האָט מייסטענס ניט קיין באשטימטע פאָרמע און קיין באשטימטען קאָליר. אין אלגעמיין האָט עס אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען געווען ארומגעוויקעלט מיט טראנטעוואטע לייליכער פון עטליכע ברודנע קאָלירען. און דאָס האָט דעם עפעקט פון פארצייטיגקייט נאָך פיל פארגרעסערט. מיר האָט זיך געדוכט, אז פונקט אזוי פלעג איך זיך פאָרשטעלען די מענשען פון חומש.

ביי א געוויסער סטאנציע, ווען אן אלטער אראבער מיט א

גרויליכער בערדעל איז געזעסען אויף דער ערד מיט צונויפגעלייגטע הענט און געקוקט אויף מיר, האט עס מיך דורכגעדרונגען מיט א מאדנעם געפיהל. א ביבלישער קוק! — האב איך צו זיך געזאגט. — דער גאנצער מענש איז צו מיר אזוי ווי פון חומש ארויסגע־שוואומען.

עס איז אייגענטליך שווער דעם געפיהל איבערצוגעבען. אייער חדר, אייערע קינדער־יאהרען, אייער טאטע, אייער מאמע — אלץ וואס איז אייך אזוי טייער און וואס איז שוין לאנג פאראיבער — הויבט פלוצלונג אן צו אייך צו ריידען פון די קברים פון דער פארגאנגענהייט. און דאס אלץ ווערט צוזאמענגעגאסען מיט אט דיזען אראבער, אזוי ווי ער וואלט געווען איינער פון די ניט־אידען וועגען וועלכע עס ווערט דערמאנט אין חומש.

אין אזא מאמענט שוועבט אום א הייליגקייט אין דער לופטען.

די אראבישע פרויען, מיט די קינדער אין די ארעמס, האבען זיך געזעהן פון נאהענטען און פון וויטען. פרויען מיט זויג־קינדער אויף די הענט, אויף אייזלען, קעמלען. פרויען מיט זויג־קינדער אויף די הענט ביי דער ארבייט. אט זיצען צוויי אראבער און שמועסען, און הינטער זיי שטעהען זייערע פרויען, יעדע מיט א קינד אין די ארעמס, און פארטיגען צו עסען. קינדער, קינדער, קינדער...

ניט ווילענדיג האב איך זיך א קלער געטאן, אז דאס האט א שייכות צו דער פראגע פון אידישער מינאריטעט אדער מא־יאריטעט אין דער באפעלקערונג פון פאלעסטינע. היינט האט פאלעסטינע זעקס מאל מעהר אראבער ווי אידען. אויף פרוכט־לאזיגקייט האבען זיך די אידישע פרויען ניט צו באקלאגען, אבער די אראבישע — אודאי ניט.

נאטירליך, ס'איז דא אן אימיגראציע. אבער וויפיל אידען קענען אימיגרירען?

* * *

אויף איין סטאנציע איז אויפגעשריבען אויף ענגליש און אויף העברעאיש „אשדוד". דער העברעאישערווארט איז מיט גרויסע בוכשטאבען. דאס איז געווען דער ערשטער נאמען, וואס

איך געדענק פון תנ"ך אלס א נאמען פון פלאץ. לוד איז א נאמען וואס געפינט זיך אין תלמוד, און ער איז מיר אויך באַקאנט. אָבער ווען מיר זיינען אהין אָנגעקומען, האָב איך גראָדע דעם אויפשריפט ניט באמערקט. „אשדוד" איז אלזא געווען דער ערשטער נאָמען פון דער ווייטער פארגאנגענהייט, וועלכער האָט צוגעצויגען מיין אויפמערקזאמקייט. אָבער מעהר ווי דעם נאָמען האָט מען ניט געזעהן. אשדוד — אָבער וואו איז דאָס?

דאָ און דאָרטען זיינען די פלאכע, פרוכטלאָזע פעלדער אויף א ווייטע פארשוואונדען, און ס'האָבען זיך באוויזען שטרעקעס גרינע גראָז, גרופען בוימער, לאָנקעס, אזוי ווי די נאטור וואָלט פלוצלונג אויפגעלעבט.

דערנאָך האָבען זיך באוויזען בערג. די נאטור איז ווידער אָפגעשטאָרבען. די בערג זיינען געווען מייסטענס פון פעלזען. עס ציהען זיך אָרימע פאסען גראָז, עס פיטערען זיך סטאדעס שעפסען און ציגען אָדער אייזלען. איהר וואונדערט זיך אָבער, וואָס זיי געפינען דאָרט צו עסען. איהר דערמאָנט זיך אָן די אונגעהייער פרוכטבארע פעלדער, דורך וועלכע איהר זייט דורכגעפאָהרען פון עגיפטען. דער אונטערשייד איז אָן אונגעהייערער, א שרעקליכער, קען מען זאָגען.

די בערג ווערען גרעסער און הויקערדיגער, און אייך דוכט זיך, אז וואָס גרעסער זיי ווערען, אַלץ הארטער, אַלץ פעלזיגער זיינען זיי. איהר קוקט אויף איין זייט וואגאָן, אויף דער אַנדערער זייט; איהר בויגט ארוים דעם קאָפּ פון דעם פענסטער'ל, איהר באטראַכט דעם גאנצען געגענד — איהר געפינט זיך אזוי ווי אין א ריזיגען קעסעל. ארום און ארום אייך — ברוינע, נאַקעטע, טרוקענע בערג. זיי זיינען ניט פלאך, ווי די פעלדער, נאָר קיילעכדיג, ווי בייכער פון שטיין.

דאָס זיינען די בערג פון יהודה, מיט וועלכע יעדער אינגעל ווערט באַקאנט אין חדר, לערנענדיג תנ"ך.

צו קומען אהער פון עגיפּטען האָט די אידען געדויערט פערציג יאָהר, האָט מען אונז געלערענט אין חומש. מיר האָבען די רייזע געמאכט אין איין נאכט. די אידען פון משה רבינו'ס צייטען האָבען זיך נעבעך געמוזט שלעפּען דורך די גרויסע אראַ־

בישע וויסטעניִשען, און קיין אייזענבאהנען מיט שלאָף־וואַגאָנען האָבען זיי ניט געהאַט...

איך זאָג, אַז די בערג זיינען ברוין. זיי זיינען ברוין און וויַיס, וואָרים די פעלזען זיינען קאַלכיגע. איבער דעם געגענד טראָגט זיך אַרום אַ ווייסער שטויב, וועלכער דרינגט אַריין אין אייער וואַגאָן. איהר הויבט אָן צו באַמערקען, אַז די בוימלעך און די ביסעל גראָז זיינען אין פילע פּלעצער באַדעקט אַזוי ווי מיט קרייד אָדער מעהל. אויף טריט און שריט זעהט איהר אַן אַראַבער, ביי וועמען די האָר זיינען באַשאָטען מיט דעם ווייסען שטויב, אַזוי ווי די האָר ביי אַ מילנער.

ביי איין סטאַנציע הענגט אַן אויסשריפט „ביתר”. דאָס איז דער געגענד, וואו בר כוכבא האָט פאַרזאַמעלט זיין מחנה צו קעמפפען געגען די רוימער. דאָ איז דער העלדישער אידישער קעמפער געפאַלען. איהר שטעלט זיך פאָר די שרעקליכע שלאַכט, וואו עס זיינען געפאַלען די אידישע מחנות.

כ'האָב זיך פאַררעדט אַ מינוט מיט אַ פאָרשטעהער פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון פאַלעסטינע. אין מיטען דערינען שטעלט זיך אָפּ דער צוג און אימיצער זאָגט:

— שוין! מיר זיינען אין ירושלים.

מיט אַ מאָדנעם געפיהל טוט איהר זיך אַ כאַפּ פון אייער פּלאַץ. ענדליך זייט איהר שוין אין יענער שטאָדט, וועגען וועלכער איהר הערט אַזוי לאַנג ווי איהר געדענקט זיך! די שטאָדט, וועגען וועלכער אייך האָט דערצעהלט אייער פאָטער, ווען איהר האָט נאָר גענומען פאַרשטעהן וואָס מען רעדט צו אייך. די וואונדערבאַרע שטאָדט, די טייערע שטאָדט, די הייליגע שטאָדט ירושלים, וועגען וועלכער מען האָט אייך געזונגען אין שטוב און אין שוהל, וועגען וועלכער מען האָט מיט אייך געלערענט אין חדר...

בוכשטעבליך אייער גאַנצען לעבען האָט איהר זיך איהר פאָרגעשטעלט. ווען איהר זייט געווען זעהר יונג, האָט די פאַנטאַזיע אייך איהר געמאָלען אויף אַן אַנדער שטייגער, און ווען איהר זייט געוואָרען עלטער — ווידער אויף אַן אַנדער שטייגער. אָבער אַזוי צי אַזוי — דאָס בילד איז אימער געווען

פול מיט אונגעוועהנליכען אינטערעס, מיט צויבער. אימער, ווען איהר האָט אויסגערעדט דאָס וואָרט ירושלים, האָט איהר געפיהלט, אז דאָס איז אַ שטאָדט, וואס וואקסט ארויס פון דעם תהום פון אייביגקייט.

רוים רופט מען די „אייביגע שטאָדט”. דער אידישער אינ־געל וואָס האָט געהערט דעם אויסדרוק, וויים אז ס'איז טאָקע בלויז אַן אויסדרוק. גאַנץ אַנדערש איז מיט ירושלים. זי איז ביי איהם די אמת'ע אייביגע שטאָדט.

אָבער דאָ דארף מען פריהער פון אַלץ צוזאמענגעמען דעם באַגאַזש. אַן איילעניש, אַ שטיקעל געפילדער, מען ברענגט אַן אראבישען באַגאַזש־טרעגער, וועלכער נעמט צו די זאכען.

איהר גערט ארויס אויפ'ן פּלאטפאָרמע. איהר גערט דורך א גאַנץ קליינעם שטילען וואקזאל ווי אין א פּראָווינץ־שטאָדט אין רוסלאַנד אָדער אין פּוילען ערגעץ־וואו.

די נעקסטע מינוט זייט איהר אויפ'ן גאַס. איהר גערט ארויף בארג. באַלד געפינט איהר זיך אין דעם צענטער פון דער וויכטיגסטער גאַס — רחוב יפו.

ווי זעהט אויס ירושלים?

ווי ווייט פיהלט זיך אין איהר די ירושלים פון תנ"ך? וואָס פאר אַ שטאָט איז דאָס? די אידען און די ניט-אידען. — אַלערליי אידען. — די גאַסען. — דער אַלגעמיינער אויסזעהן.

אויב דער לעזער שטעלט זיך פאָר ירושלים ווי אַ געוועהנ־ליכע שטאָדט אין אויסזעהן, האָט ער אַ גאַנץ פאַלשען בילד אין זיין געדאַנק. זי איז גאַנץ אַנדערש.

פון אַלע שטעדט, וואָס איך האָב פריהער באַזוכט, האָט ווענעציע געמאַכט אויף מיר דעם זאָנדערבאַרסטען איינדרוק. זי איז גאָר ניט ווי אַלע אַנדערע שטעדט.

פּונקט אַזאַ איינדרוק פון אַבסאָלוטער אַנדערשקייט האָט אויף מיר איבערגעלאָזט ירושלים.

איהר הערט אימער וועגען צוויי ירושלים׳ס: די אַלטע און די נייע.ביידע זיינען גאַנץ אַנדערש ווי אַלע אַנדערע שטעדט.

די אַלטע ירושלים איז אָפּגעצוימט מיט אַ וואַנט פון דער נייער שטאָדט. די וואַנט האָט אין זיך עטליכע גרויסע טויערען. יעדער טויער האָט אין זיך אַ גרויסע אייזערנע טיר. נאָך מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק פלעגען ביינאַכט דיזע ריזיגע טירען פאַרשלאָסען ווערען (פאַרצייטען פלעגט מען אַ שטאָדט ביינאַכט פאַרמאַכען, אַזוי ווי מען מאַכט צו אַ הויז — אַבסאָלוט אויפ׳ן זעלבען שטייגער).

די וואַנט איז נאָך דאָ, אַלע איהרע טויערען זיינען נאָך דאָ און די טירען זיינען אויך דאָ. די וואַנט איז ניט די זעלבע, וואָס איז געשטאַנען אַרום ירושלים מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק; ניט די זעלבע, דורך וועלכער טיטוס האָט דורכגעבראָכען זיין וועג. יענע איז שוין לאַנג פאַרניכטעט געוואָרען דורך די

אטאקעס פון די רוימער און פון די שפעטערע שונאים. אָבער די יעצטיגע וואנט איז אויך גענוג אַלט, און אין זעהר פילע פלעצער שטעהט זי אויף דעם זעלבען אָרט ווי יענע. איינגע טיילען פון איהר זיינען עלטער, אנדערע זיינען נייער. געוויסע טיילען באשטעהען פון שטיינער, וועלכע טראָגען אויף זיך סמנים פון א וויטער פארצייטיגקייט.

זאָל דער לעזער ניט מיינען, אַז דאָס איז סתם אַ שטיקעל וואנט, וואָס איז איבערגעבליבען פון פאר פינף הונדערט יאָהר, אָדער פון פאר צוויי טויזענד יאָהר. דאָס איז אַ גרויסער דיקער הויכער מויער, וועלכער רינגעלט ארום א היבשע שטאָדט פול מיט לעבען. ער צוימט זי ארום אינגאַנצען, און מען קען זיינע טויערען היינט פארשליסען, אַזוי ווי איהר פארשליסט אייער צימער, און דאַן וואָלט מען ניט געקענט אין שטאָדט אריינ־קומען אָדער פון איהר ארויסגעהן.

די נייע שטאָדט איז אויסגעוואקסען ארום דער אַלטער, פון דרויסען פון די טויערען.

די שטאָדט־וואנט, וועגען וועלכער מיר ריידען דאָ, האָט א געלבליכען אויסזעהן. זי איז וואהרשיינליך געמאכט געוואָרען מייסטענס פון אָט יענע קאַלכיגע פעלזען, וועלכע רינגלען ארום ירושלים. איהר באקומט דעם איינדרוק, אַז ווען איהר זאָלט שטעהן צוגעשפּארט צו איהר וועט אייער ראָק ווערען ווייס, ווי פון א פריש־אָפּגעקאַלכטער וואנט. דער קאַלכיגער שטויב באַ־דעקט די גאַסען.

די נייע שטאָדט איז אויפגעבויט געוואָרען גלייך לעבען דער וואנט. זי פאנגט זיך אָן ביי איהרע סאַמע טויערען. און די איינוואוינער פון ביידע טיילען מישען זיך דורך די טויערען, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין וואנט ניט געווען. דער אונטערשייד איז אָבער אַן אונגעהויערער.

* * *

ירושלים אַליין שטעהט אויף בערג. די גאַסען געהען זעלטען גלייך, נאָר ארויף און אראָפּ. פילע פון זיי זיינען אַזוי משופּע'־דיג, אַז עס וואָלט אויף זיי געווען זעהר שווער צו געהן, ווען זיי וואָלטען ניט געהאט די פאָרמע פון טרעפּ. געהענדיג מוז

מען זיין פּאַרזיכטיג. מען קען פאַרגעסען, אַז דאָס זיינען טרעפּ און מען קען אַמאָל ברעכען דעם געניק. אַזוי איז אין דער נייער שטאָדט, און נאָך מעהר אין דער אַלטער.

אידישע גאַסען און אידישע געשעפטען געפינט איהר איןביידע. די אידען זיינען אַרום אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג, און איהר געפינט זייער טעטיגען לעבען אין ביידע טיילען פון ירושלים. אָבער די אַראַבער האָבען אויך מאַסען קלייטען און קלייטלאַך, סטענדס און סקלאַדען. איינינע היבשע געשעפטען געהערען צו קריסטען.

די אַלטע שטאָדט איז די אָרימערע. דאָרטען געפינען זיך אויך אידען, וואָס מאַכען אַ פיינעם לעבען, אָבער עס געפינען זיך דאָרטען אויך אָהן אַ צאָהל נעסטען פון דער שרעקליכסטער אָרימקייט און עלענד, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען.

רחוב יפו, אָדער „יאַפאַ ראָוד״, ווי מען רופט זי אויף ענגליש, איז די וויכטיגסטע גאַס אין גאַנץ ירושלים. אויף איהר געפינען זיך די בעסטע געשעפטען, וואָס די שטאָדט פאַרמאָגט, און זי איז אַ טייל פון דער נייער שטאָדט. זי געהט אויך אַראָפּ־באַרג און זי האָט אויך מייסטענס די פאָרמע פון טרעפּ. ווען איהר קוקט אויף די סטאָרס אָדער באַנק-געשעפטען, קענט איהר אויף אַ ווײַלע האָבען דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ גאַנץ מאָדערנע שטעדטעל, אַזוי ווי אַ קליינע שטאָדט אין אייראָפּאַ ערגעץ־וואו. אָבער גלייך ווערט דיזער איינדרוק אייערער צו־שטערט. דער אַלגעמיינער אויסזעהען פון די קראָמען, וואָס אייער אויג באַגעגענט, האָט מיט אייראָפּעאישע שטאָדט־בילדער קיין שייכות ניט.

און די באַרגיגקייט און פּרוכטלאָזיגקייט לאָזט זיך פיהלען אויף טריט און שריט. אין רעכטען מיטען פון דער יאַפאַ־גאַס, פון איין זייט איהרער, געפינט זיך דער שטאָדט־פּאַרק; ס׳איז מיר גאָר ניט געקומען אויפ׳ן זינען, אַז דאָס איז אַ פּאַרק. איך האָב געמוזט פרעגען וואָס דאָס איז אַזוינס. שטעהענדיג אויף דעם געגענאיבערדיגען טראָטואר האָב איך געזעהן עטליכע בוימלאַך מיט בלעטער פאַרשאָטען אַזוי ווי מיט מעהל. צווישען

איין בוימעל און דעם צווייטען איז א גרויסע שטרעקע פון טרוקענע, טויטע ערד, אָהן א סימן פון א גרעזעלע.

צוויי יונגעלייט האָבען זיך געוויצעלט איבער דעם „זאָגע־נאַנטען שטאָדט־פּארק", ווי זיי האָבען איהם גערופען.

— ניטאָ קיין וואסער! ניטאָ קיין וואסער! — האָבען זיי געזאָגט מיט א טרויעריגען שמייכעל. — רוטענבערג וואָלט שוין געמאכט עס זאָל זיין וואסער. האָט מען אָבער די קאָנצעסיע אוועקגעגעבען א גרעק. קומט אין תל־אביב, וועט איהר זעהן דעם אָנהויב פון אן אמת'ן פּארק.

עס זיינען פאראן צייטען ווען דער מאנגעל אין וואסער דריקט ירושלים אויף א טראגישען אופן. פיהלען פיהלט זיך די נויט אין וואסער אימער, און זי פיהלט זיך אויך אויף די גאסען — אין דעם גאנצען אויסזעהן פון שטאָדט.

ווען איהר געהט אָפּ צעהן מינוט, ווערען אייערע שיך באדעקט מיט ווייסען שטויב. מיין באגאזש, אין דעם האָטעל־צימער, וואו איך שטעה איין, איז אינגאנצען באדעקט מיט ווייסען שטויב. עס דוכט זיך אויס, אז די גאנצע נייע שטאָדט, אזוי ווי די פּארצייטיגע וואנט, איז געבויט פון אזא מאטעריאל, וואָס אין א קורצער צייט מוז זיך דאָס אָפּרייבען אזוי ווי קרייד.

גרויסע פּוסטע פּלעצער, וועלכע אונטערברעכען די גאסען פון דער נייער שטאָדט, מאכען דעם איינדרוק, אזוי ווי אַלע נייע גאסען וואָלטען געווען געבויט אויף חורבות פון אמאָליגע וואוינונגען, אָדער א פארוויסטונג, וואָס איז געבליבען נאָך א שרפה.

* * *

לאָמיר זיך אויף א ווייַלע אריבערכאפּען אין דער אַלטער שטאָדט.

איך מוז ווידער אָנהויבען מיט א פארגלייך. איך גלויב, אז דאָס וועט דעם לעזער לייכטער מאכען זיך פאָרצושטעלען וואָס אַלט־ירושלים איז אזוינס.

פּאָמפּעי איז נאָהענט פון אכצעהן הונדערט יאָהר געלעגען אונטער דער ערד, א פארשאָטענע, א פארגעסענע. דורך א צופאַל האָט מען איהר געפונען און מען האָט איהר גענומען

אויפגראָבען, און איצט קען מען איהר זעהן פונקט ווי זי איז געווען אין דער צייט ווען זי איז פארשאָטען געוואָרען. אזוי ווי זי איז געווען באגראָבען, מוז מען צו איהר איצט ארונטער־קומען געהענדיג אראָפּ־בארג. איהר געהט ארונטער, ארונטער, אזוי ווי אין א טיפער הייל, ביז איהר דערזעהט איהרע פאר־צייטיגע גאַסען.

פונקט אויף אזא ארט קומט איהר צו דעם לעבעדיגען לעבען פון דער אַלטער ירושלים.

איהר געהט ארונטער מיט דער יאפא־גאס, ביז איהר קומט־צו צו איינער פון די אַלטע שטאָדט־טויערען. אידען רופען איהם „מגדל דוד", ווייל מען גלויבט, אז דאָרטען האָט זיך געפונען דוד'ס פעסטונג. מען ווייזט דאָרט אָן אויף אַלטע גרויסע שטיינער, וועלכע זיינען פון דעם זעלבען סאָרט ווי די שטיינער פון דעם כותל מערבי.

איהר געהט דורך דורכ'ן טויער. א מינוט אָדער פיליכט צוויי געהט איהר גלייך. דער הימעל איז פריי, די זון ברענט. באלד אָבער קומט איהר צו צו טרעפּ און איהר הויבט אָן געהן בארג־אראָפּ. פון ביידע זייטען טרעפּ געפינען זיך קרעמלאך און שטעלכלאך. דאָס איז א גאַס, זעהר א שמאָלינקע. פאָהרען קען מען איבער איהר ניט, וואָרים זי באשטעהט דורכאויס פון שטיינערנע טרעפּ. באלד האָט איהר איבער זיך גאָר א דאך. די גאַס געהט אונטער א געוועלבטען סופיט. עס איז פינסטער־ליך. דער געוועלב הערט אויף, איהר זעהט ווידער דעם פרייען הימעל, דער געוועלב פאנגט זיך ווידער אָן. און אזוי געהט איהר ווייטער און ווייטער ארונטער־צו.

ווען איהר הויבט אויף דעם קאָפּ, זעהט איהר, אז ביידע זייטען פון דער „גאָס" זיינען פון אויבען פאראייניגט ווי מיט בריקלאך. אויף יעדען בריקעל געפינט זיך א וואוינונג, און איהר קענט זעהן דעם פענסטערעל פון דער וואוינונג.

די קלייטלאך זיינען פארשיידענע: איינינע גרויסע, אנדערע גאַנץ קליינע. פילע פון זיי, גאָר א סך פון זיי, זיינען אזוי ווי לעכער, וואָס זיינען אויסגעגראָבען אין דער וואַנט. אין איין פּלאַץ זעהט איהר א גאַנץ גרויסען סקלאַד, אָדער א קאַפע־הויז,

וואו עס זיצען אראבער, טרינקען קאווע פון זייערע קליינטשינקע קריגעלאך, אָדער רויכערען זייערע „נארגילעס"; און גלייך דערביי זעהט איהר א מין אויסגעגראבעלטע קליינע לאָך, וואו אַן אראבישער פעדלער פארקויפט פרוכט, שטיקלאך מאטעריע אָדער אראבישע נאשעריייען.

אין פילע ערטער איז די זאָנדערבארע גאס דורכגע־שניטען פון זייטיגע געסלאך. אייניגע געהען דורך טרעפ גאנץ הויך ארויף; פילע ווידער פארדרעהען זיך דורך א זייט. די הויפט־גאס איז אזוי שמאָל, אז פינף־זעקס מענשען קענען זיך קוים דורכשפארען. און די זייטיגע געסלאך זיינען נאָך שמע־לער. אָבער ניט אלע; אייניגע זיינען ברייטער און פילע זיינען ליכטיגע. אזוי געהט איהר אלץ אראָפ און אראָפ. אין אלגעמיין דוכט זיך אייך די גאנצע צייט, אז איהר געהט ארונטער אין א קעלער.

ביי איין פונקט פארנעמט זיך א זייטיגע געסעל, וועלכע איז די בארימהטע אידישע גאס. זי האָט דעם אלגעמיינעם אויס־זעהן פון דער „גאס" איבער וועלכער איהר געהט, נאָר זי איז גלייכער. זי איז אלט הונדערטער יאָהרען און דורך איהר געהט מען אין די אלטע אידישע קווארטאלען פון ירושלים. איהר וועלען מיר באזוכען שפעטער. דערווייל פארקירעווען מיר זיך אין א זייט. מיר שפארען זיך אלץ ווייטער און ווייטער, אלץ איבער טרעפ און אלץ ארונטער און ארונטער. איך זאָג: מיר שפארען זיך, ווייל פון צייט צו צייט קומט אָן אַן אראבער מיט אַן אייזעל און שטופט אייך צו צום וואנט. מען דארף זיך היטען, ווייל דער אייזעל קען אייך געבען א גוטען זעץ.

* * *

דאָ האָב איך פאר דעם לעזער פאָרגעשטעלט נאָר איין גאַס פון דעם אלטען ירושלים. ס'זיינען פאראן אנדערע אזעלכע גאסען, און יעדע פון זיי האָט צעהנדליגע זייטיגע געסלאך, וועלכע שנייד־דען זיי דורך.

די אלטע שטאָדט ליגט כמעט אין גאנצען אויף דעם דאָזיגען שטייגער. אזוי ווי אונטער דער ערד. ריכטיגער געזאָגט: אזוי ווי אויף טרעפ, וואָס פיהרען טיפער און טיפער אונטער דער ערד.

פילע פון די הויפט־גאסען זיינען אזוי ווי די זייטיגע געס־לאך, און ס'איז ניט לייכט אונטערצושיידען א געסעל פון א הויף. און פילע פון די הויפען זיינען גאר אין דער הויך. פון העלער הויט זעהט איהר פענסטער מיט א גאניק פון א שטוב, וועלכע שטעהט אויף א הויכען בארג פון שטיינער, און פילע פון די הייזער זיינען געבויט אויף די אויבען־דערמאנטע בריקלעך, אונטער וועלכע איהר געהט. די שטאדט איז געבויט געווארען אויף דער זייט פון א בארג, און פילע פון די הייזער זיינען גע־שטאנען אויף אלטע חורבות. מען ווייסט ניט וואס דארט איז פריהער געווען און מען ווייסט אויך ניט וואס מען וואלט גע־קענט ענטדעקען ווען מען זאל גראבען א ביסעל טיפער אונטער דער ערד.

איך בין דארטען געגאנגען און געגאנגען צוויי מאל אין איין נאכמיטאג און אין דעם זעלבען אווענד (צו כל נדרי). אפשר דריי שטונדען האב איך דארט פארבראכט, ארומשפריי־זענדיג איבער די פארשיידענע גאסען און געסלאך, באגלייט פון צוויי געגאסען פון דער היגער סאציאליסטישער באוועגונג (הארצ־פעלד און בן־צבי).

דער סך־הכל פון אלע איינדרוקען, וואס ביי מיר איז גע־בליבען, איז, אז אלט־ירושלים איז אזוי ווי א שטאדט, וואס איז געלעגען פארשאטען אונטער דער ערד און וועלכע מען האט אויפגעגראבען און אויפגעלעבט.

און מאסען פון די אידישע קינדער, וועלכע איך האב דארט באגעגענט, האבען מיט זייער אויסזעהן און מיט זייער ארט רייידען אויף מיר אן עהנליכען איינדרוק געמאכט.

* * *

ווען מען קוקט אויף אלט־ירושלים ארונטער פון א בארג און מען זעהט איהר אין גאנצען, זיינען ניט אלע פלעצער זעהר הויך. איינציגע געפינען זיך א סך העכער ווי די אנדערע. אלט־ירושלים איז אויסגעוואקסען אויף א זעהר לעבעדיגען פלאץ, און פילע פון איהרע גאסען ליגען אראפ־בארג צו, אדער גאר אונטען, וועהרענד אנדערע קומען אויס אויבען. אין אל־געמיין אבער, ווען איהר דרינגט אריין אין דער אלטער שטאדט,

מאכט עס דעם איינדרוק אזוי ווי די ווינקטיגסטע גאסען וואלטען געלעגען אויף די טרעפ, וואס פיהרען אין א קעלער אריין אדער אין דעם קעלער גופא.

טיילווייז שטאמט דער איינדרוק פון דעם, וואס די גאסען זיינען שטרעקענווייז פון אויבען צוגעדעקט מיט א געוועלב, אדער מיט די אויבען־דערמאנטע בריקלאך, וואו עס געפינען זיך וואוי־נונגען. די האלב־פינסטערניש און די טרעפ מאכען אייך פיהלען, אז איהר געהט אין א קעלער, און דא וואו איהר געפינט זיך אונטער א געוועלב איז עס טאקע פונקט ווי א קעלער.

ווען איהר געהט דורך דער נייער שטאדט, זייט איהר פון אזא איינדרוק אין גאנצען פריי. די גאנצע שטאדט ליגט אין דער הויך, און קיין קעלער־גאסען מיט געוועלבען אדער בריקלאך פון אויבען זיינען דארט ניטא.

* * *

פאראן אהן א שיעור קריסטליכע קירכען אין ירושלים; וואָרים פאר די קריסטען איז דאך ירושלים אויך דער הייליג־סטער ארט אין דער וועלט. פילע רייזענדע באזוכען די שטאדט, אום צו זעהן דיזע פלעצער. ענגלישע אדער אמעריקאנישע גלחים, אדער אזוי מענשען, מענער און פרויען, וואס זיינען פאר־אינטערעסירט אין דער קריסטליכער תורה, האלטען ירושלים פאר איינעם פון די ווינקטיגסטע פלעצער אין א רייזע־פראגראם.

ווען איהר לעזט די ביכער אדער פאמפלעטען אדער אנאנסען פון רייזע־ביוראס, קענט איהר פארגעסען, אז ירושלים האט עפעס געהאט צו טאן מיט דעם אידישען פאלק. מען וואלט געקענט מיינען, אז דער עיקר פון דער שטאדט און אלע איינ־צעלהייטען פון איהר געשיכטע זיינען פארבונדען נאר מיט דעם לעבען און די באוועגונגען פון יעזוס קריסטוס און זיינע אפאס־טאלען. אט דא איז ער געשטאנען, דא איז ער געגאנגען, דא האט מיט איהם פאסירט אזוינס און דא האט מיט איהם גע־טראפען עפעס אנדערש.

צוליב דער דאזיגער „הייליגקייט" פון ירושלים האבען פילע קריסטליכע רעגירונגען דא געלאזט בויען זייערע אייגענע קירכען. פאראן זעהר א גרויסע איטאליענישע קירכע, א דייטשע

קירכע, אַ רוסישע קירכע און אַזוי ווייטער. דערצו נאָך זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מיסיאָנערישע הייזער. און דאָס איז נאַטירליך גאַנץ באַזונדער פון די מאָסקען, אָדער מאַכמעדאַנישע טעמפּלען, דער וויכטיגסטער און עלטסטער פון וועלכע שטעהט אויף דעם פּלאַץ וואו דער בית־המקדש איז אַמאָל געשטאַנען.

אָבער אויף מיין ערשטען דריי־שטונדיגען שפּאַציר איבער די צוויי טיילען פון דער שטאָדט, האָבען דיזע אַלע קריסטליכע קירכען און מאַכמעדאַנישע מאָסקען קיין שאַרפען איינדרוק, אַלס אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם בילד, נישט געמאַכט. אין דער אַלטער שטאָדט האָב איך דאָס כמעט גאָר ניט באַמערקט. אַזוי ווייניג שייכות האָט עס געהאַט צו דעם גרויסען איינדרוק, וואָס יענע קעלער־גאַסען האָבען איינגעקריצט אין מיין מוח.

* * *

וואָס פאַר אַ סאָרטען מענשען זעהט מען אויף די גאַסען? הונדערטע סאָרטען!

איןביידע טיילען פון ירושלים זעהט מען אייגענטליך דיזעלבע, נאָר אין דער אַלטער טייל שוויבעלט און גריבעלט מיט אָרימקייט און פאַרצייטיגקייט, וועהרענד אין דער נייער שטאָדט באַגעגענט מען פילע מענשען, וואָס זיינען בעסער געקליידט, פילע מענשען, וואָס טראָגען אויף די געזיכטער דעם זיגעל פון אַ בעסערען עקאָנאָמישען צושטאַנד. און אַזוי ווי איין טייל פון דער באַפעלקערונג באַזוכט די אנדערע, באַגעגענט איהר אין דער נייער שטאָדט אַ סך מענער און פרויען פון דער אַלטער און אין דער אַלטער — מעהר אָדער ווייניגער — פאָרשטעהער פון דער נייער.

אין דער נייער שטאָדט זעהט איהר אַ סך אַראַבער, וואָס זיינען פון עגיפּטען. דאָס רוב פון זיי זיינען גאַנץ שוואַרצע, ווי טיף־שוואַרצע נעגערס. זיי דינען אין די האָטעלען און אין אייניגע פון די אָפיסעס. די פאַלעסטינישע אַראַבער אָבער קען מען פון זיי לייכט אָפּטיילען. אפילו ווען זיי זיינען זעהר טונקעל, זעהען זיי אַלץ ניט אויס ווי נעגערס, ווי שוין געזאָגט.

דער שטאָדטישער אַראַבער איז נאַטירליך געקליידט אַ

סך בעסער ווי דער דאָרפישער. מיר רײדען דאָ אַלץ וועגען די מאכמעדאנער. איהר בעגעגענט אָבער אויך אָפט אַן אראַ־בער, וועלכען די מיסיאָנערען האָבען שוין אָפּגע׳שמד׳ט פאַר אַ קריסט. אַזעלכען איז ניט שווער צו דערקענען: ער איז אָנגעטאָן אייראָפּעאיש. די פרויען פון די קריסטליכע אראבער טראָגען ניט קיין שלייער און אויב די קאָפּ איז פון הינטען איינגעהילט אין אַ פאַטשיילקע, אָדער אַ „סקאַרף" אָדער אַ שאַל, איז עס מייסטענס אלס באשיצונג פון דער זון, אָדער פון אייראָפּעאישער מאָדע וועגען. אָבער מיט דער מאכמע־דאנישער רעליגיע האָט עס ניט צו טאָן. פון צייט צו צייט באַגעגענט איהר אויך אויפ׳ן גאַס אַן אייראָפּעאישען קריסט. אייניגע וואוינען דאָרטען און אַנדערע זיינען געקומען באזוכען די קריסטליכע הייליגע ערטער.

די קאָלירפולע טיפּען, וואָס איהר באגעגענט, זיינען אראַ־בישע און אידישע. דער באָרוויסער דאָרף־מענש, וועלכער איז צוגעדעקט מיט טראנטעס פון די ביבלישע צייטען, דער רייך־געקליידעטער אראַבער מיט אַ צימרינג־קאָלירטען מאנטעל, אָדער אַזאַ אראַבער וועלכער דיענט ביי אַ קאָנסול און טראָגט אַ יוניפאָרם פון זייד מיט גאָלד — יעדער באזונדער און אַלע צוזאמען זיינען פארבען־רייך און שטעלען צונויף אַן איינ־דרוקספול בילד.

אַן איינדרוק מאכען אויך די רוסישע אָדער גריכישע גלחים מיט זייערע זעהר הויכע שווארצע היטלען אָהן „דאשיקעס". אָט געהען עטליכע באלעבאטישע אראַבער צוזאמען און שמועסן. אויפ׳ן קאָפּ טראָגט יעדער פון זיי אַ ווייסען שאַל מיט אַ שווארצען קאָפּ־גארטעל, אַזוי ווי אַ רייף ארום אַ פעסעל, און אויפ׳ן קערפּער טראָגט ער אַ מאַנטעל פון אַ געלבליך־רויטען אָדער צימרינג־קאָליר. און אָט טרעפען זיי זיך אויף דעם שמאָלען טראָטואר מיט צוויי גריכישע גלחים. דער צוזאַמענמיש פון די קאָלירען און פון די ליניען איז זעהר אינטערעסאנט, כאָטש נעהם אַ פּענזיל און מאָהל. און אָט שלעפּט זיך אַ פארשטויבטער באָרוועסער פויער מיט אַ פארשטויבטען אייזעל אָקאָרשט פון דאָרף. זיין קאָפּ איז פארוויקעלט מיט אַ וויי־

סער שמאטע און זיין קערפּער איז צוגעדעקט מיט א ווייסען שמוציגען בגד, ווי א ליילאך. ער געהט מיט זיין טיעף־ערנסטען קוק, מיט זיין טיעף־ברוינעם קאליר. און אָט מיידט אוים דעם אייזעל'ס וועג א איד מיט א שטריימעל, מיט לאנגע פּאות'ן און מיט א מאנטעל פון א העל־רויטען פּלוש, און אָט קומט אן אָרטהאָדאָקסישער איד פון היינטיגען פּוילען — א געמיש פון די ווארשעווער נאלעווקעס מיט א אידישער גאַס ערגעץ־וואו אין פּערסיען.

אזעלכע פארבען־פּלאָנטערס, אזעלכע עפעקטען באגעגענט איהר אויף יעדען טריט און שריט.

* * *

אידען זעהט איהר דאָ פון א צוואנציג פארשידענע סאָר־טען: רוסישע אידען, פּוילישע, גאליצישע, פּערסישע, בוכא־רישע, תימנ'ער אידען, טורקעסטאנישע אידען וואָס זייערע זיי־דעם אָדער טאַטעם האָבען זיך באזעצט אין ירושלים. א גע־ניטע אויג קען גלייך דערקענען צו וואָס פאר א טיפּ יעדער געהערט; אָבער דעם אונטערשיד זעהט אפילו דער, וואָס איז אָקאָרשט אָנגעקומען.

ירושלים האָט א באפעלקערונג פון זעכציג אָדער פינף און זעכציג טויזענט נפשות, און ווי כ'האָב געזאָגט, זיינען א העלפט פון זיי אידען. דיזע העלפט באשטעהט פון די אלע אויסגערעכענטע מינים און פון פילע אנדערע, וועלכע זיינען דאָ ניט דערמאָנט געוואָרען.

ביי דרייסיג, פערציג טויזענט אידען, און א גרויסער חלק פון זיי זיינען ירושלים'ער געבוירענע, פילע פון וועלכע געפינען זיך דאָ פון פארצייטיגע דורות אָן. אָבער הגם זיי וואוינען שוין דאָ לאנג צוזאמען, בלייבען די פארשידענע מינים גאנץ פארשידען. אלע ריידען זיך צונויף אויף העברעאיש, מיט דעם ספרדישען אקצענט, וועלכער איז אויך אָנגענומען פון די ציוניסטען, אָבער יעדער סאָרט פאר זיך געברויכט זיין באַ־זונדערען לשון — אראביש, פּערסיש, בוכאריש, ליטוויש־אידיש, פּויליש־אידיש, אונגאריש־אידיש און אזוי ווייטער.

קומענדיג צווישען זיך אין באציהונגען, לערנען זיי זיך

אמאָל אויס איינער דעם אַנדערענס מוטער־שפּראַך, אָבער נאָר ווי אויסלענדער. איך האָב באַגעגענט אַ אידען, וואָס האָט מיט מיר גערעדט אידיש ווי אַ גוי, און אַן ענגליכען סאָרט אידיש האָט צו מיר גערעדט אַ אידענע. איהר זיידע איז אַלס קינד געקומען קיין ירושלים פון באַגדאַד.

„טאַטע, מאַמע רייד אַראַביש, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — איך אַראַביש; אַלע ירושלים, איך געוואוינט מיט פּוילישע איד, איך קען רייד פּויליש״.

מיט „פּויליש״ האָט זי געמיינט אידיש.

ווייטער האָב איך מיט מעהרסטע אידען גערעדט דורך אַ העברעאישען איבערזעצער, נאָר אָפט האָט דער איד מיט כעס זיך ענטזאָגט צו ענטפערען אויף אַ העברעאישער פראַגע. דאָס איז אימער געווען אַן אָרטאָדאָקסישער פּוילישער איד. דיזער טיפּ איז געגען העברעאיש אַלס אַ גערעדטע שפּראַך, צוליב די ציוניסטען וועלכע ער האַלט פאַר אפּיקורסים. איך האָב אויפ׳ן גאַס עטלאַכע מאָל געפּרוואוט אָפּשטעלען אינגלאַך, וועלכע מען קען דערקענען נאָך זייערע קאַפּעלאַך און פּאות׳ען, אַז זיי זיינען חסידישע. זיי האָבען מורא געהאַט צו ריידען מיט אונז צוליב דער העברעאישער שפּראַך, דורך וועלכער מיין איבערזעצער האָט זיך צו זיי געווענדט.

ערב יום כפור ביים כותל מערבי

מערקווירדיגע סצענעס ביי די שטיינער, וואס זיינען איבער־געבליבען פון בית־המקדש. — א באזוך אין 9 ירושלים'ער שוהלען צו כל נדרי.

לויט א פריהער־צוזאמענגעשטעלטען פראגראם, בין איך אין ירושלים אנגעקומען דעם 26טען סעפטעמבער. בשעת איך האב דעם פראגראם אויסגערעכענט, האב איך אליין ניט גע־וואוסט, אז אויף מארגען נאך מיין אנקומען וועט זיין ערב יום כפור. א גאלדענע געלעגענהייט! תשעה באב און ערב יום כפור זיינען די צוויי מערקווירדיגסטע טעג אין יאהר ביי דעם כותל מערבי, דער גרעסטער עולם זאמעלט זיך דארטען צונויף אין די טעג. די ריהרענדסטע סצענעס זעהט מען דאן.

גלייך ביי דעם אנפאנג פון דער „קעלער גאס" און נאך פריהער, האבען זיך געזעהען שטראמען אידען, מענער און פרויען, מייסטע פון זיי מיט סידורים אדער מחזורים אונטער די ארעמס, אייניגע זיינען געלאפען, אייניגע זיינען געגאנגען; אייניגע אין דער ריכטונג פון דער הייליגער וואנט, אנדערע שוין פון דארטען. און וואס ווייטער מיר זיינען ארונטערגע־גאנגען איבער דער זאנדערבארער האלב־פינסטערער גאס, וועל־כע געהט אין דער פארמע פון טרעפ, אלץ מעהר אידען האט מען געזעהען.

פילע פון די סטארס פוןביידע זייטען זיינען געווען אפען. דאס זיינען אראבישע סטארס. די אידישע זיינען יענעם טאג געווען צוגעמאכט, און אויף דער גאס זיינען געווען א היבש ביסעל אראבער. אבער אידען האבען זיך באוויזען אלץ מעהר און דער עולם איז געווארען געדיכטער און געדיכטער, ביז

קיין אראבער האָבען זיך אין דער מאַסע שוין מעהר ניט געזעהן. דורכאַוים אידען.

איינינע האָבען זיך געשפּאַרט צו דער הייליגער וואַנט צו; אנדערע — צוריק. פון די וואָס זיינען געגאַנגען צוריק, זיינען איינינע פרויען געווען מיט פאַרוויינטע פּנים׳ער. זיי האָבען זיך אויסגעוויינט ביי דעם כותל מערבי, און איצט, געהענדיג צוריק, האָבען זיי אויף זייערע געזיכטער געטראָגען סמנים פון דעם ווייטאָג, וואָס זיי האָבען אויסגעגאָסען פאַר׳ן רבונו של עולם.

דער כותל מערבי האָט זיך נאָך אַלץ ניט געזעהן.

דער עולם איז געוואָרען אַזוי געדיכט, אַז עס איז געווען שווער זיך דורכצושטופּען. מיר ריידען דאָ אַלץ וועגען די, וואָס באַזוכען די הייליגע וואַנט. מיר האָבען נאָך פאַרלויפיג ניט דערמאָנט די אָרימע לייט וואָס בעטען נדבות. די גאַנצע צייט, וואָס מיר זיינען געגאַנגען איבער דער גאַס, האָבען מיר זיי געהאַט פוןביידע זייטען. זייער צאָהל איז אויך געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. אָרימע־לייט פון פאַרשידענע סאָרטען אידען און פון פאַרשידענע טיפּען. דאָס רוב פון זיי האָבען זיך צו אייך געווענדעט אויף העברעאיש, נאָר דאָ און דאָרט האָט אַ איד אָדער אידענע געבעטען אַ נדבה אויף אידיש. די וואָס האָבען צו אייך גערעדט העברעאיש, זיינען מייסטענס געווען פון דער אַלטער אידישער באַפעלקערונג פון ירושלים, וועמענס עלטערען אָדער זיידעס זיינען אַהין געקומען פון פאַרשידענע לענדער פון קליין־אַזיען, אָדער פון דערבייאיגע אייראָפּעאישע מדינות. אָבער אַלע האָבען זיי זיך געווענדעט צו אייך מיט דיזעלבע אידישע רחמנות־פּנים׳ער. זיי האָבען אייך געריסען פאַר׳ן אַרבעל, געשלעפּט, געשפּאַרט זיך איינער געגען דעם אַנדערען. אָבער צו־עקשנות׳דיג זיינען זיי ניט געווען, און צווישען זיי גופא איז די קאָנקורענץ צו קיין געשלעג ניט דער־גאַנגען. איינינע פון זיי האָבען אייך גערוקט אַ פּושקעלע, אַ קענדעלע, אָדער אַ טעלעריל אין פּנים, אַנדערע האָבען אויסגע־שטרעקט זייערע הענט.

זייער נעבאַך, זייער געשריי, אויף פאַרשידענע העברעאישע

אקצענטען, האט זיך צוזאמענגעגאסען אין א כאר, עפעס אזוי ווי ניט פון דער וועלט.

איך האב געזעהען עהנליכע סצענעס אזעלכע אין פארשידענע אידישע שטעדט; דיזע אבער איז געווען א גאנץ אנדערע.

דער שטראם פון די אידישע קינדער, וועלכע זיינען געגאנגען צום כותל מערבי, און דער שטראם פון די, וועלכע זיינען געגאנגען צוריק, איז באשטאנען פון די פארשידענע אידישע טיפען, וואס געפינען זיך אין ירושלים. עטליכע מאל האב איך באגעגענט א אידען אין אן אויבער־מאנטעל פון א העל־אראנזשענעם פלוש. אין די ערטער, וואו אויבען איבער'ן גאס איז ניטא קיין געוועלב, און וואו די הייסע זון האט ארונטערגעשיינט, האט דער מאנטעל געבליסטשעט שעהן און רייך. פילע האבען געטראגען לאנגע קאפאטעס פון א לייכטען ווייסען שטאף מיט שווארצע אדער בלויע שטרייפען. איין איד האט געטראגען א קאפאטע פון א געלען זייד א העלען. די מאיאריטעט איז געווען געקליידעט אויפ'ן גאליצישען שטייגער, מיט לאנגע, לאנגע שווארצע זשופעצעס און גרויסע, ברייטע, שווארצע פלושענע קאפעלושען, פון דעם סארט, וואס פרומע קראקאווער אידען טראגען. א היבשע צאהל האבען געטראגען די הויכע רויטע „פעצען", מיט שווארצע קוטאסען, וועלכע זיינען דער קאפ־צודעק פון מיליאנען מאכמעדאנער. דאס זיינען געווען תימנ'ער אידען, אדער אנדערע אידען פון דעם אריענט אדער פון טערקיי, פון גריכענלאנד, פון סערביען. איך האב געפרעגט ביי איינעם, פארוואס ער טראגט א מאכמעדאנישען היטעל, איז זיין ענטפער געווען:

— מיר זיינען אויסגעהאדעוועט געווארען צווישען מענשען, וואס טראגען אזעלכע היטלען. דאס איז דער מנהג המדינה.

פיאות'ען! געוואלד, וואס פאר א פיאות'ען. איך האב דעם דאזיגען ארטיקעל „באוואונדערט" זייענדיג אין גאליציען, אבער אזעלכע פיאות'ען ווי אין ירושלים, האב איך ניט געזעהן ניט אין לעמבערג, ניט אין קראקאוו, ניט אין בראד. אפילו ביי

דעם בעלזער רבי׳ן אין שטיבעל — אויך ניט. גאַנצע שטריק שלעפּען זיך אַרונטער פון אונטער די היטלען. אָפּט צוויי־דריי שטריק מיט אַמאָל. איך האָב באַגעגנט אַ אידען מיט גרויסע באָרד און פיאות, און עס איז מיר אוממעגליך געווען צו באַ־שטימען וואָס איז גרעסער און געדיכטער — די פּיאות צי די באָרד. איניגע אידען זיינען געווען שרעקליך באַוואָקסען מיט שוואַרצע האָר, באָרד און פּיאות. דער פּנים האָט זיך קוים געזעהען.

די גרויסע פּיאות׳ען אָבער זיינען דורכאויס פּוילישע, גאַ־ליציאַנע אָדער אפשר ליטווישע. די פערסישע, בוכאַרישע, טער־קישע און אַנדערע אידען פון אָריענט טראָגען ניט אַזעלכע קוסטעם אויף זיך. תימנ׳ער אידען טראָגען יאָ פּיאות, אפילו זייערע אינגלאַך אויך, אָבער אַלץ אין מאָס.

אין דעם שטראָם זיינען געווען איניגע יונגע־לייט און פרויען, מאָדערן געקליידעטע. מאַנכע פון זיי האָבען געטראָגען סידורים אין די הענט און אַ פרומען אויסדרוק אויף די פּנים׳ער. אויף אַנדערע ווידער האָט מען געקענט זעהן, אַז זיי געהען בלויז אַלס בעאָבאַכטער, אַזוי ווי מיר.

מיר זיינען געקומען צו אונזער ציעל. עס איז געוואָרען ליכטיג. אויבען איז געהאַנגען אַ היבשע שטרעקע פון אַ שעה־נעם בלויען הימעל. אַנטקעגען אונזערע אויגען איז געשטאַנען אַ הויכע וואַנט, ביי דיזער וואַנט איז געשטאַנען אַ געדיכטע מאַסע פרויען, געוויינט און געיאָמערט. וויטער צו דער רעכ־טער האַנט, איז געשטאַנען אַן עולם פון מאַנסבילען.

לאָמיר פריהער איבערגעבען ווי דער פּלאַץ זעהט אויס.

די ערד איז אויסגעפּלאַסטערט מיט גלאַטע שטיינער, און סך הכל זעהט דאָס אויס פּונקט ווי אַ הויף, אַ קורצער ניו יאָרקער בלאָק די לענג, אָדער פיליכט אביסעל ווייניגער. עס איז ליכטיג, דער באָדען איז גלייך. די וואַנט, ביי וועלכער מען שטעהט און מ׳וויינט, איז די העכסטע און די לענגסטע פון די פיער ווענט, וואָס נעמען אַרום דעם לאַנגען שמאָלען הויף. די אַנטקעגנדיגע וואַנט איז פיל נידעריגער. דער הויף איז אַרומגעצוימט פון אַלע פיער זייטען. אויסער איין

שטיקעל וואו ער איז אָפען. דיזע אָפענע שטיקעל, דאָס איז דער אריינגאַנג. ווען איהר שטעהט מיט'ן פנים צו דער הויכער וואַנט האָט איהר פון דער לינקער זייט, אין דער הויך, עטליכע בוימער, וועלכע געפינען זיך אין א הויף אויף יענער זייט פון לינקען ווענטל.

דער איינדרוק איז געווען אַן אַנגענעמע איבערראשונג. צוואַנציג מינוטען זיינען מיר געגאַנגען ארונטער, ארונטער. עס האָט זיך געפיהלט אַזוי ווי מיר וואָלטען געגאַנגען צו א פינסטערער הייל. און אַז מיר האָבען ענדליך דערגרייכט דעם צוועק פון אונזער גאַנג, האָבען מיר זיך גאָר געפונען ניט אין א פינסטערען קעלער, נאָר אין א הויף פול מיט גאָלדענער זונען־שיין.

די הויכע, לאַנגע וואַנט פון אונזער הויף באַשטעהט פון צוויי טיילען. די אונטערשטע טייל איז צוזאַמענגעשטעלט פון זעהר גרויסע, זעהר אַלטע שטיינער. אין קאָליר זיינען זיי שוואַרצליך און גרוי פון אַלטקייט.

אויף דיזען טייל פון מויער איז ארויפגעבויט א וואַנט פון היינטיגע ציגעל און פון היינטיגער ארבייט.

דער אונטערשייד צווישען די צוויי טיילען איז אַזאַ דייטליכער, אַז א קינד קען איהם גלייך באַמערקען.

די אַלטע, די אונטערשטע טייל פון דער וואַנט, איז א סך העכער פון א מענשען. ווען איהר שטעהט נאָהענט, מוזט איהר פאַררייסען דעם קאָפּ, אום צו דערזעהן איהר אויבערשטען ענד. זי איז הויך ווי צוויי און א האַלב עטאַזש. אין אָפיציעלע קוועלען ווערט איהר הויך אָנגעגעבען אַלס 59 ענגלישע פוס.

אָט די לאַנגע אונטערשטע טייל פון דער וואַנט איז דער כותל מערבי.

די נייע טייל פון דער וואַנט האָט געלאָזט אויפבויען משה מאָנטעפיאָר. ער האָט עס געטאָן אום צו באַשיצען די אַלטע טייל און די אידען, וואָס קומען איהר באַזוכען. אַראַבישע קינדער פלעגען פון יענער זייט וואַנט אריינוואַרפען שטיינער און שמוץ. ער האָט די וואַנט געלאָזט מאַכען העכער, כדי מען זאָל ניט דערגרייכען עפּעס אריבערצוואַרפען.

אויף מיין צווייטען באזוך, אויף מאָרגען נאָך יום־כיפור, האָבן זיך ביי דעם כותל מערבי געפונען זעהר וועניג מענשען. א פּאָר צעהנדליג תימנ׳ער אידען, אלע מיט רויטע „פעצען" אויף די קעפּ, זיינען געזעסען אויף דער ערד, ביי דער געגענ־זייטיגער וואנט פון דעם הויף און געשמועסט. א פּאָר פון זיי האָבען פארריכט זייערע קליידער, א פּאָר אנדערע האָבען געטאָן אנדערע ארבייט. ביי דער הייליגער וואנט גופא זיינען גע־שטאנען צוויי פרויען, איינע מיט א סידור; די אנדערע — אזוי. א פּאָר פון זיי. תימנ׳ער אידען און א אידענע, האָבען אויסגע־שטעלט די הענט נאָך נדבות. אזוי איז דער הויף געווען כמעט פּוסט. איך האָב זיך גענומען איבערמעסטן די לענג פון דעם כותל מערבי. איך האָב איינפאך אָפּגעמאָסטען די לענג פון דעם הויף. געהענדיג לאנגזאם און שטעלענדיג א פוס הינטער א פוס, האָב איך איבערגעצעהלט הונדערט מיט צוויי טריט (אָפיציעל ווערט אָנגעגעבען, אז די וואנט האלט 52 יארד אין דער לענג).

איך האָב אויך אָפּגעמאָסטען א פּאָר פון איהרע גרעסטע שטיינער. איינער פון זיי האלט זיבען און א האלבען שפּאַן אין דער לענג און פינף און א האלבען שפּאַן אין דער ברייט.

די שטיינער זיינען גוט ארומגעהאקט און דאָרטען וואו די וואנט איז נאָך ניט צובראָכען, ליגען זיי גלאַט צוגעפּאסט איינער צו דעם אנדערען. נאָר ביי די שטארק־אָפּגענוצטע ברעגעס זיינען פאראַן שפּאַלטען אָדער לעכער. איינעגע פון די שטיינער זיינען ביי די ווינקלען שטארק אָפּגעריבען, אָדער ארומגעבראָכען. אָבער אזעלכע ערטער זיינען ניטאָ קיין סך. סך הכל זעהט מען, אז די וואנט איז געווען גוט אויפגעבויט. עס זעהט ניט אוים ווי א חורבה פון א מויער. עס איז א פאָל־שטענדיגער מויער — א גרויסער מויער פון גרויסע פּארצייטיגע שטיינער, וועלכע געהען אין גלייכע גראַדע שורות, איין שורה איבער דער אנדערער. ניין שורות אזעלכע. אין די אויבער־שטע שורות זיינען די שטיינער קלענער ווי אין די אונטערשטע.

אויף פילע פון די שטיינער זיינען אויפגעשריבען נעמען אויף העברעאיש. דאָס האָבען אויפגעשריבען (מיט פארב)

אידען, וועלכע זיינען געקומען מתפלל זיין ביי דער וואנט. די נעמען זיינען ענטוועדער זייערע אייגענע אדער נעמען פון קרובים. דורך דיזע אויפשריפטען אויפ'ן כותל מערבי ערווארטען זיי א רפואה אדער א רעטונג.

אויף דער אלטער איסט-סייד פון ניו יארק זיינען פאראן הונדערטע הויפען פונקט אזעלכע ווי דער, אויף וועלכען עס געפינט זיך דער כותל מערבי. אבסאלוט אזעלכע. שטעלט זיך פאר אזא הויף אויף נארפאלק אדער אויף קלינטאן סטריט ערגעץ וואו אין א פלאץ, וועלכער איז ארומגערינגעלט מיט די אלטע טענעמענט-הייזער. ער האט ארום זיך פיר ווענט. שטעלט זיך פאר, אז דריי פון די ווענט זיינען נידעריגע, און איינע פון די צוויי לענגערע ווענט איז זעהר א הויכע. ווען איהר האט אזא בילד אין אייער געדאנק, האט איהר דעם בילד פון כותל מערבי. די הויכע וואנט, דאס איז דער הייליגער, מעהר ווי צוויי טויזענד יאהריגער בנין, וואס איז איבערגע־בליבען פון דעם צווייטען בית־המקדש.

ווער וואוינט אויף יענער זייט פון די פיר ווענט? ווער זיינען די שטענדיגע שכנים פון דיזען פארהייליגטען אידישען פלאץ?

דארטען וואוינען אראבער.

גלייך הינטער דעם כותל מערבי שטעהט דער גרויסער מאכמעדאנישער מאסק, אדער קירכע — דער „מאסק פון אמאר". ער שטעהט אויף דעם פלאץ, וואו דער בית המקדש איז גע־שטאנען. פון אונזער הויף אבער זעהט ער זיך ניט; דער כותל מערבי פארשטעלט איהם.

אין אווענד, ווען דער הויף פון כותל מערבי איז פוסט, ווען קיין אידען זיינען דארט ניטא, קענען די אראבער דארטען עפעס אפטאן. וואס פאר א באווארעניש האט מען געגען דעם?

איך האב די פראגע געשטעלט פילע ירושלים'ער אידען, וועלכע וואוינען ניט ווייט פון דארטען. די ענטפערס, וואס איך האב באקומען, זיינען באשטאנען אין פאלגענדעס: ער־שטענס, האלטען די אראבער דעם פלאץ אויך הייליג. צוויי־טענס, טרעפט טאקע, אז זייערע לאבוסעס באשמוצען דעם

פלאץ. עס זיינען אָבער פאַראַן פרומע אידען, וועלכע גיבען אכטונג, אז מען זאָל גלייך אָפּראַמען. דריטענס, גיט די ענגלישע רעגירונג אכטינג דורך איהר פּאָליציי, אז מען זאָל דאָרט קיין שאדען ניט טאָן. עס זיינען פאַראַן לעגענדען, אַז די טערקען האָבען געפּרואווט צושיסען די וואַנט און האָבען ניט געקענט. אַנטיסעמיטען מיט היינטיגע מעטאָדען וואָלטען איהר געקענט מיט דינאַמיט צורייסען און פאַרניכטען. אָבער אַזאַ געפאהר עקזיסטירט אין ירושלים אַב־סאָלוט ניט.

* * *

דער כותל מערבי איז אייגענטליך ניט אַ וואַנט פון דעם בית המקדש גופא. דאָס איז זאָגאַר ניט קיין וואַנט נאָר אַ טייל פון אַ פונדאַמענט פון אַ וואַנט. די דאָזיגע וואַנט האָט ארומגערינגעלט דעם בארג מוריה, אויף וועלכען דער בית־המקדש איז געשטאַנען — איהם ארומגערינגעלט און אונטער־געשפּאַרט. דער כותל מערבי געהט אַ היבשע שטיק אונטער דער ערד אויך.

איז עס אמת, אז דאָס איז ווירקליך אַ טייל פון יענעם אַלטען בנין, וועלכען טיטוס האָט פאַרניכטעט, נאָהענט פון צוויי טויזענד יאָהר צוריק?

די פראַגע איז ניט אויסער אָרדנונג, וואָרים אין ירושלים און אין גאַנץ פּאַלעסטינא ווייזט מען אייך אָן אויף הונדערטער איבערבלייבונגען פון ביבלישע צייטען, און אין מייסטע פאַלען איז דאָס געבויט אויף אַ פּוסטע לעגענדע. מען ציינט אייך אָן אויף רחל'ס קבר, און טויזענטער ווייבער געהען אַהין אויסוויינען זייערע הערצער; מען צייגט אייך אָן אויף דער מערת המכפלה, אויף אליהו הנביא'ס הייהל און אויף פילע אַנדערע ערטער אַזעלכע. און דאָס אַלץ האָט ניט קיין ברעקעל היסטאָרישע ממשות. ניט נאָר זיינען ניט פאַראַן קיין וויסענ־שאַפטליכע באווייזע, אז די פּלעצער זיינען דאָס, וואָס מען זאָגט וועגען זיי, נאָר עס זיינען פאַראַן וויסענשאַפטליכע באווייזע, אַז זיי זיינען דאָס ניט.

וועגען דעם כותל מערבי אָבער איז אַבסאָלוט קיין צוויי־

פעל ניטא, אז ער איז א טייל פון דעם בנין ארום דעם בית־המקדש.

אין ירושלים און אין אנדערע פלעצער אין פאלעסטינע זיינען פאראן נאך א פאר ערטער, וועלכע זיינען דענקמאלען פון די גאנץ פארצייטיגע יאהרען און וועגען וועלכע די וויסענשאפט איז זיכער. מען מאכט איצט נייע אויסגראבונגען און זיי האבען שוין געבראכט זעהר אינטערעסאנטע רעזולטאטען. מען קען ערווארטען אומגעהויערע נייעסען דורך נייע וויסענשאפטליכע אויסגראבונגען. אבער דאס געהערט ניט צו אונזער ענין.

* * *

איצט קענען מיר זיך אומקערען צו אונזער ערשטען באזוך ביי דעם כותל מערבי, ערב יום כפור.

איך האב געזאגט, אז ביי א טייל פון דער וואנט זיינען געשטאנען ווייבער און ביי א טייל — מענער. אויף דער אנטקעגענדיגער וואנט העננט א געדרוקטע, איינגעפאסטע מודעה, אז די פרויען זאלען זיך האלטען ביי דער לינקער העלפט פון כותל מערבי, און די מאנסבילען — ביי דער רעכטער זייט.

אויף ערב יום כפור און יום כפור האבען אידען באקומען ביי דער רעגירונג אן ערלויבניש אוועקצושטעלען ביים כותל מערבי אן ארון קודש. ווען מיר זיינען געקומען אהין, איז דער ארון קודש געשטאנען אויף דער רעכטער זייט פון דעם הויף. עס האט גדאווענט א חזן און ארום איהם איז געשטאנען אן עולם מיט סדורים און מחזורים אין די הענט. מען האט געדאווענט פרום, מען האט זיך געשלאגען על חטא. מען האט געקושט די וואנט ווי א ספר תורה.

פילע פון די פרומע אידען זיינען געקומען נאר אויף א פאר מינוט, צוגעגאנגען צו דער וואנט, אפגעזאגט א קאפיטעל תהלים, א קוש געטאן די שטיינער און אוועק פארפאסטען אויף יום־כפור.

די מאנסבילען האבען געוויינט א סך וועניגער ווי די ווייבער. זיי זיינען געווען פארטאן אין זייער רעליגיעזער בא־

גייסטערונג און אין דער פּאָעזיע, וועלכע דער כותל מערבי פאַרקערפּערט אין זיינע גרייז־גרויע שטיינער. די ווייבער האָבען אויף דעם הייליגען מויער אויסגעגאָסען זייערע ביטערע הער־צער. יעדע איז געקומען אויסלעגען פאַר'ן רבונו של עולם איהר צרה, איהר אומגליק. די האָט מסתמא געוויינט אויף א זוהן, וואָס זי האָט פאַרלאָרען; די — אויף א קראַנקען קינד; צעהנדליגע — אויף דער שרעקליכער נויט פון זייער פאַמיליע; אַנדערע — אויף די נאָהענטע און טייערע, וועלכע זיינען פון זיי אָפּגעריסען געוואָרען דורך דער מלחמה און די פּאָגראָמען. אָט שטעהט א אידענע פון די מיטעלע יאָהרען, מיט איהר קאָפּ צוגעשפּאַרט צום וואַנט, ווי אויף א מאַמען, און שרייט מיט אַזאַ ביטערען געוויין, אַז עס צורייסט אייער הארץ. און אָט שטעהט איינע און קוקט אויף דער וואַנט און כליפּעט צו איהר, אויך ווי צו א מאַמען. א דריטע זאָגט צו דער וואַנט פון א סדור, מיט א ניגון, וועלכער קלינגט פיליכט מיט א טיפערער טראַ־געדיע ווי יענער געוויין. אייניגע פרויען האָבען געיאָמערט, געקוויטשעט אויפ'ן קול, אַז עס איז געווען שרעקליך צו הערען.

די אַלע איינצעלהייטען באַמערקט מען ערשט דערנאָך. דער ערשטער איינדרוק, ווען מיר זיינען צוגעקומען, איז געווען אַזוי ווי איין כאָר פון געוויין, פון יאָמעריי. איין אַל־געמיינע סצענע פון יסורים אין הונדערט פאָרמען צוזאַמען.

דאָס אַלעס, און דער געדאַנק, אַז דאָס איז דער כותל מערבי, אָט־די גרויסע שוואַרץ־גרויע שטיינער! — האָט מיין האַרץ א נעם געטאָן, אַזוי ווי א געוואַלדיגע האַנד וואָלט מיר מיט א צוואַנג אָנגעגריפען. עס איז אוממעגליך איבערצוגעבען דעם געפיהל אין אַזאַ מאָמענט...

די צאָהל פון פרומע אידען איז געוואָרען קלענער, וואָרים זיי האָבען זיך געאיילט צום פאַרפאַסטען און געהן צו כל נדרי אין די שוהלען. דערפאַר אָבער האָבען זיך געזעהן מעהר היינטיג־געקליידעטע מענשען, וואָס זיינען געקומען סתם באַקוקען דעם באַריהמטען פּלאַץ. אָבער דער הויף איז געוואָרען גראַמער און גראַמער.

מיר האָבען זיך געקליבען געהן צוריק. עס איז אָבער

געווען שווער זיך אפצורייסען. עס האט זיך מיר געוואלט באקוקען יעדען שטיין באזונדער. איך האב באטראכט די אנדערע דריי ווענטלאך, די פארשטויבטע בוימער, וואס קוקען ארוים פון דער לינקער וואנט. איך האב ווידער איבערגעלעזען די מודעה. אין איין פונקט איהרען שטעהט, אז צו פאטאָ־גראפירען דעם כותל מערבי איז ניט ערלויבט, ווייל דאס איז א הייליגער פלאץ און מען טאר איהם ניט פארשוועכען מיט אינסטרומענטען. איך האב ווידער געקוקט אויף די שווארצע שטיינער, ווידער און ווידער.

ענדליך האבען מיר גענומען געהן צוריק. איצט איז דער גאנג, אלזא, געווען ארויף־בארג. איבער טרעפ, ארויף, ארויף. יעדער טרעפ איז געמאכט פון דעם ברוק, און ער איז זעהר ברייט. עס איז געווארען פינסטער, עס איז געווארען ליכטיג, און עס איז געווארען ווידער פינסטער, און אזוי ווייטער. דא האבען מיר איבער זיך א געוועלב איבער א היבשע שטרעקע, און דא איז אויבען איבער אייך קיין געוועלב ניטא, נאר דא האט איהר איבער זיך א טויערל. אזוי איז די וויכטיגסטע גאס אין אלט־ירושלים. באטראך גאס הייסט זי. אפילו אין איהרע ליכטיגסטע פלעצער איז זי אפט האלב־טונקעל, דורכדעם וואס איבער די סטארם הענגען בלעכענע דעכעלאך צו באשיצען די מענשען פון דעם שרעקליכען ברען פון דער זון. דעכעלאך פון איין זייט און דעכעלאך פון דער אנדערער זייט. און די גאנצע גאס איז ווי א שמאלע סטעזשקע.

מיר זיינען דערנאך געגאנגען דורך אנדערע גאסען פון דער אלטער שטאדט. און, ווי איך האב שוין געזאגט, איז דער עפעקט פון קעלער־טרעפ מייסטענס דער זעלבער. פאר אן אויטאמאביל אדער פאר א פערד און וואגען איז אין דער אלטער שטאדט דעריבער אונמעגליך זיך צו באוועגען. נאר אויף אייזלען קען מען רייטען אויף די בערגיגע, טרעפיגע געסלאך.

תל אָביב — וואָס פאַר אַ שטאָט איז דאָס?

דער אַלגעמיינער איינדרוק. — סצענעס אויף די גאַסן. — דער ים. — יאַפאַ. — די טיפען, וואָס מען באַגעגענט.

איך האָב זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן תל אביב אַלס אַ מאָדערנע אייראָפּעאישע שטאָדט, אָבער נאָכדעם ווי איך בין אין תל אביב אָפּגעווען עטליכע טעג איז מיר אויסגעקומען, אַז דאָס איז גיכער ווי אַן אַמעריקאַנישע שטאָדט, פון יענע, וואָס וואַקסען אויס ווי איבערנאַכט. זי דערמאָנט מיך אָן די נייע טיילען פון עדזשמיר און עהנליכע שטעדטלאך ביים ים-ברעג ארום ניו יאָרק, וועלכע פארגרעסערען זיך מיט אַן עכט־אַמעריקאַנישער האַסטיגקייט.

די הייזער פון תל־אביב זיינען כמעט אַלע געמויערטע (פון זאַמד־ציגעל) און זיי זיינען אויך אַלע ווייס. דער ציגעל אַליין איז ווייס, און איבער איהם ליגט אַ וויים־געקאַלכטער צודעק פון וואַפּנע.

אין פילע פּלעצער רייסט מען ארונטער פּארטיגע הייזער, אום ארויפצושטעלען אויף דעם פּלאַץ העכערע געביידעס. די קליינע הייזער זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען, ווען מען האָט געמיינט, אַז תל אביב וועט זיין אַ קליינע שטעדטעל, נאָר פּאָר איינוואוינער, וואָס האָבען געשעפטען אין יאַפאַ. אַז פון איהר וועט ווערען אַ גרויסע שטאָדט מיט קראָמען און פאַבריקען, האָט זיך דאַן קיינעם ניט גע׳חלומ׳ט. איצט, אַלזאָ, איז ריעל־עסטייט אַזוי הויך, אַז אויף אַ שטיקעל לאַנד לוינט זיך ניט צו האַלטען קיין קליינע הויז. די ערד קאָסט צו טייער. די זעלבע גע־שיכטע ווי אין אַמעריקאַנער שטעדט, נאָר אין אַ קלענערער מאָס.

איך קוק אויף די הייזער, וואָס האַלטען זיך אין בויען,

אויף די „לאטס” וואו מען קלייבט זיך ערשט אנצופאנגען בויען, אויף די פעסלאך מיט צעמענט; אויף די פלעצער, וואו מען מישט די וואפנע; אויף די רעשטאוואניעס; אויף די יונגע־לייט, וועלכע שטעהען אויף די ברעטער אין דער לופטען, אויבען און אונטען, און דערלאנגען זיך איינע די אנדערע עמערס מיט וואפנע; איך קוק אויף די האלב־פארטיגע קראַמען; אויף אזעלכע קלייטלאך, וואס זעהען אויס צו זיין פארטיג, אבער אזוי ווי זיי וואלטען אליין ניט וויסען צי זיי וועלען בלייבען אין דער זעלבער פארמע, צי זיי וועלען ווערען גרעסער, צי קלענער, צי אפשר גאר פארשווינדען. איך קוק אויף די העברעאישע שילדען, וועלכע זיינען אויפגעשריבען מייסטענס אויף לייווענט, אדער גאר אויף פאפיר, און די גאנצע שטאדט זעהט מיר אויס מעהר ווי א אונטערנעמונג, א האפנונג, איידער ווי אן עקזיסטירענדע זאך.

עס איז פאראן דא א בולוואר, דאס הייסט א שמאלער פארק פון שעהנע גרינע פלאנצונגען און בלומען. אזוי ווי ער ווערט באגאסען מיט וואסער, גרינט ער און בליהט. אבער אפילו זיין בליהען און זיין שעהנער אלגעמיינער אויסזעהן שמעקט אויך מיט אומבעשטימטקייט, מיט אומווירקלאכקייט.

דא, וואו דער פארק ענדיגט זיך, זיינען פאראן עטליכע פיינע הייזער. איך בין געוועזן אין איינער פון זיי, און זי איז ווירקליך שעהן, באקוועם און אינטערעסאנט, מיט א פלאכען דאך, פון וועלכען איהר זעהט דעם ים. אבער ווען איהר געהט ארויס פון דעם אינטערעסאנטען הויף מיט די איינדרוקספולע בוימער פון די הייסע געגענדען, און איהר קומט ארויס אויף דער גאס, באזיגט אייך ווידער דער געפיהל, אז פארלויפיג איז דאס נאך ניט קיין שטאדט נאר א צוקינפטיגע שטאדט.

תל אביב וואקסט צו שנעל. שנעלער פילייכט ווי אן אמעריקאנער „בום”־שטאדט איז ווען עס איז געוואקסען. און דעריבער זיינען היינט פילע זאכען אין איהר ניט אזוי ווי זיי האבען באדארפט זיין. דער אימפעט־וואוקס יאגט איבער די איינריכטונגען. צום ביישפיל: אלץ איז געוועזן ארגאניזירט

פאַר אַ שטעדטעל פון צעהן טויזענד איינוואוינער; און איידער וואָס־ווען וואַקסט דאָ אויס אַ שטאָדט פון צוואַנציג טויזענד, און כמעט באַלד ווערט פון די צוואַנציג — דרייסיג; און אין עטליכע מאָנאַטען ארום איז זי שוין אַ תל אביב פון פערציג טויזענד.

די צאָהל באַאמטע און די איינריכטונגען זיינען צו קליין זיך צו ספּראַווען מיט דעם פאַרהעלטניסמעסיגען כרך צו וועלכען מען איז ניט געווען צוגעגרייט. דער היגער פּאָסט־מאַסטער, פישעל זאַקס (אַ געבאָרענער אין ירושלים), טוט זיין אַרבייט אויסגעצייכענט. אָבער ער דאַרף האָבען דריי מאָל אַזוי פיל אַרויסהעלפערס ווי ער האָט. דערפאַר אַרבייטען די באַאמטע איבער די קרעפטען און דער עולם וואָס קומט אַהין מוז וואַרטען און וואַרטען.

די גאַסען זיינען צו שמאָל. אַ פּאָר זיינען ברייטער, אָבער די גרעסטע האַנדעלס־גאַס, די הערצל־גאַס, וואו עס געפינען זיך די וויכטיגסטע געשעפטען און די גרעסטע מענשען־מאַסען, איז צו שמאָל. בשעת מען האָט געמאַכט דעם ערשטען פּלאַן פון דער שטאָדט, אָדער זאָגאַר פאַר איהרע שפּעטער־צוגעקומענע קוואַרטאַלען, האָט מען ניט געוואוסט ווי שנעל זי וועט זיך ענטוויקלען.

גוטע, האַרטע און ברייטע טראָטואַרען זיינען פּאַרלויפיג פאַראַן ווייניג.

אַלענבי סטריט איז געבויט געוואָרען שפּעטער ווי הערצל סטריט; איז זי טאַקע אַ סך ברייטער און איהרע טראָטואַרען זיינען גוטע, האַרטע און זעהר ברייטע — דער בעסטער פּלאַץ אין שטאָדט צו געהן שפּאַצירען. אָבער אַפילו זי זעהט אויך אויס ווי אַ צוקונפטיגע גאַס, ניט ווי אַ פאַרטיגע.

ווען איהר קוקט אויף די זייטיגע גאַסען פון ווייטען, און ווען איהר כאַפּט אַ שפּאַציר אין די נייע קוואַרטאַלען אריין, זעהט איהר לאַנגע רייהען פון הייזער, הייזער און הייזער, גע־ענדיגטע, האַלב־געענדיגטע, אָדער קוים־אָנגעהויבענע. אַלץ איז ווייס. ציילען פון ווייסע ווענט, וועלכע געהען ווייטער, ווייטער, ביז זיי ווערען פאַרשוואונדען פון אייער אויג. די ווייסקייט

ווערט אין אייער געדאנק צוזאמענגעמישט מיט א געפיהל פון א נערוועזען אונטערנעמונגס־גייסט. איך דוכט זיך, אז די ווייסע געביידעס האבען אויף זיך א נערוועזען אויסדרוק, אזוי ווי זיי וואלטען ניט וויסען וואס מיט זיי וועט זיין, וואס די צוקונפט וועט ברענגען.

* * *

און אזא אויסדרוק האבען אויך פילע פון די פנים׳ער, וואס איהר זעהט אויף די גאסען.

דורך דער הערצל־גאס בין איך געגאנגען פילע מאל. איך בין געגאנגען שפאצירענדיג, געקוקט אויף די קראמען, אויף די געשטעלען, אויף די רעסטאראנען. געהן א לאנגע שטרעקע מיט אמאל איבער א טראטואר קען מען ניט. דא בויט זיך א נייע הויז, דא איז סתם דער טראטואר ניט אין קיין גוטען צו־שטאנד. מ׳גרופירט זיך דערפאר דא אויפ׳ן טראטואר, דא אויף דער בלאטיגער גאס. מענשען זעהט איהר דא א סך, מייסטענס זעהען זיי אוים פרעהליך און זארגלאז.

דאס זיינען אבער אלץ יונגע ליים. די עלטערע, וואס איהר באגעגענט, מאכען א שווערען איינדרוק. זיי זעהען אוים פאר׳דאגה׳ט און אזוי ווי צושראקען. עס דוכט זיך אייך ווי זיי וואלטען פרעגען צי וועלען זיי געפינען די רעטונג, נאך וועלכער זיי האבען געדורשט זינט די מלחמה האט אויסגע־בראכען. **פון צייט צו צייט האוועט** דורך א איד מיט א פנים, אויף וועלכען עס איז אויפגעשריבען פארטיפטקייט אין מסחר און קאפ־דרעהעניש. אפט באגעגענט איהר א מיטעל־יאהריגען מענשען, מאדערן געקליידט און מיט אן אויסדרוק פון אינטע־ליגענץ און פון בוך־אינטערעס אויפ׳ן פנים. איהר טרעפט א יונגען מאן מיט גרויסע צופאטעלטע האר, מיט א משונה׳דיגען אלגעמיינעם אויסזעהן, וועלכער שמעקט מיט ליטעראַרישע פרע־טענזיעס. אבער אזעלכע האב איך דא באמערקט א קלענערע צאהל ווי איך האב ערווארטעט צו טרעפען.

די קראמען זיינען מייסטענס קליינע. פאראן עטליכע גרע־סערע, און אין א פאר פון זיי פיהלט זיך דער גייסט פון ערפאלג און זעלבסט־גלויבען. די פאר קראמען וואלטען אויף גרענד

סטריט אין ניו יאָרק געווען צווישן די קלענערע סטאָרס. אָבער זיי קלייבן זיך פאַרגרעסערט צו ווערן און זיי ערוואַרטען בליהענדע געשעפטען. אויף שריט און טריט באַגעגנט איהר אַביידעל פון „גזוז" (סאָדע וואַסער) מיט אביסעל סיגאַרעטלאַך.

צופיל קראָמען, צופיל געשטעלען, צופיל רעסטאָראַנדלאַך, צופיל באַרבער־שאַפּס. דאָ וואו איין קראָם וואָלט געקענט מאַכען אַ לעבען, געפינען זיך פיר אָדער פינף.

איך בין ספּעציעל געגאַנגען איבער די קראָמען. איהר קענט דאָ קויפען איינציגע זאַכען אַזוי ווי אין אַ היבשער שטאָדט. אָבער אויב איהר דאַרפט האָבען אַן עכטען גוטען אַרטיקעל, קענט איהר דאָס פאָרלויפיג אין תל אביב ניט באַקומען. ירושלים שטעהט אין דער הינזיכט העכער, און ירושלים אַליין איז דאָך נאָך אַלעמען ניט מעהר ווי אַ פּראָווינץ־שטעדטעל.

נאַטירליך, אויב דער וואוקס פון תל אָביב וועט אָנהאַלטען און אַלעס וועט זיך באַפעסטיגען מיט אַ סאָלידען פונדאַמענט פאַר אינדוסטריע און האַנדעל, וועט ווערען אַנדערש. זי וועט ווערען אַ ווירקליכקייט און דער איינדרוק פון נערוועזער פאַר־לויפיגקייט וועט פאַרשווינדען.

די געדיכטע מענגעס מענשען, וואָס געהען פאַרביי אין הערצל סטריט, הויפּטזעכליך אין אָוונט, מאַכט אַ זאָנדערבאַרען איינ־דרוק. איהר פרעגט זיך: איז דאָס אַ פאַרקלענערטע גרענד סטריט, אָדער איז דאָס אַ פאַרקלענערטע נאַלעווקעס? און איהר ענטפערט זיך: עס איז ניט די און ניט יענע.

די מענגעס אין גרענד סטריט און אין די נאַלעווקעס פיהלען זיך ביי זיך אין דער היים. אָבער דער עולם פון הערצל סטריט מאַכט ניט אַזאַ איינדרוק. ערשטענס זיינען דאָ פילע נייע אימיגראַנטען, און דאָס מערקט זיך גלייך; און צוויי־טענס זעהען אַפילו די „אויסגעגרינטע" אויך ניט אויס ווי תושבים, וואָס פיהלען זיך אין אַ באַשטימטער לאַגע.

אפשר דוכט זיך דאָס מיר אויס? ניין; איך האָב וועגען דעם ענין גערעדט מיט אַ סך מענשען, און עס האָט זיך אַרויס־געצייגט, אַז זיי האָבען אויך אַזאַ איינדרוק.

* * *

תל־אָביב שטעהט ביי דעם סאַמע ברעג פון ים. צוצוגעהן פון מיטען שטאָדט צום וואסער געדויערט פופצעהן מינוט. עס וואָלט געדויערט א סך ווייניגער, ווען די גאַסען וואָלטען געווען גוט אויסברוקירט און מיט גוטע טראָטואַרען. איצט מוזט איהר זיך שלעפּען דורך זאמד.

ביי דעם סאַמע וואסער געפינט זיך שוין אַ „קאסינאָ", א קאפע מיט אַן ארויסקוק צום ים גלייך ביים פענסטער. די קאַסינאָ איז נאַטירליך אַ קליינטשיקע. פאַראַן דאָרט אויך עטליכע סטענדס און אַ פּאָר קראָמען — אַלץ אזוי ווי נאָר אויף דערוויל.

ביים ברעג פון ים ציהט זיך אַ באַנק. פּלאַץ איז אויף איהר פאַראַן פאר זעהר ווייניג מענשען, אָבער ביי דעם יונגען עולם איז דאָס זאמד די בעסטע זאָפע. שבת־צו־נאכטס קענט איהר דארטען זעהן א מאסע מענשען, אָבער אין מיטען וואָך איז דאָ אויך לעבעדיג.

ביים ים געפינט זיך אויך אַן אָפענער פּלאַץ פאר מיטינ־גען פון אַרבייטער. עס איז צוגעריכט אַ פּלאַטפאָרמע און א גרויסע צאָהל בענק. און אויב דער מיטינג איז גרעסער ווי די צאָהל פון די זיץ־פּלעצער זיצט מען אויפ'ן זאמד.

איך האָב אַזאַ מיטינג בייגעוואוינט. עס איז געווען ביי א לעקציע פון בערל קאַצענעלסאָן (ער איז דער רעדאקטאָר פון דער פּאַלעסטינער אַרבייטער צייטונג „דבר", און איינער פון די וויכ־טיגסטע פיהרער פון דער פּאַלעסטינער ארבייטער באַוועגונג). איך האָב געהאַט די געלעגנהייט דעם עולם צו באַקוקען אי פון דער פּלאַטפאָרמע, אי פון דרויסען. עס איז געווען אַן עולם פון פופצעהן הונדערט, און פיליכט אכציג פּראָצענט פון איהם איז באַשטאַנען פון גאַנץ יונגע לייט, פון אַכטצעהן ביז פינף־און־צוואנציג יאָהר אַלט. אין די איבעריגע צוואנציג פּראָצענט האָב איך באַמערקט נאָר דריי עלטערע מענשען. (אַ איד מיט ווייסע האָר און מיט אַ קורצע ווייסע בערדיל איז געזעסען אין דער צווייטער ציילע פון די בענק. ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַ טיפער אויפמערקזאמקייט.) פרויען זיינען געווען אַ סך ווייניגער ווי מענער, דאָך ביי אַ פּאָר הונדערט וואָלט מען געקענט איבערצעהלען; אפשר מעהר.

דער רעדנער האָט נאַטירליך גערעדט אויף העברעאיש און זיין לעקציע איז געווען איבער אַ גאַנץ ערנסטען ענין. די גרויסע מאַיאָריטעט פון די צוהערער האָט געשיינט צו זיין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין זיינע ווערטער.

* * *

עס איז געווען הייס. די זון ברענט, אָבער קיין גראָז זעהט מען ניט. זאמד און זאמד און זאמד. בוימער זיינען פאַראַן, אָבער ניט פיל, און דאָס רוב זיינען זיי פאַרשטויבט. באַגיסען די בוימער אדער גראָז וואָלט געווען אַ צו־טייערער לוקסוס, וואָרים מיט די וואַסער לייטונג איז דאָ פונקט ווי מיט אַלע אַנדערע איינריכטונגען: די שטאָדט איז איבערגעוואַקסען די מיטלען.

וואַסער איז דאָ לייכטער צו באַקומען ווי אין ירושלים, וואָרים ירושלים שטעהט אויף אַ הויכען פּלאַץ, און תל־אָביב איז פיל נידריגער. אָבער פאָרלויפיג מוז מען דאָ מיט וואַסער זיין שפּאָרעוודיג. הויפּטזעכליך איז דאָס צוליב דעם, וואָס מען בויט אַזוי פיל הייזער מיט אַמאָל. און ביים בויען מוז מען האָבען וואַסער אויף צו מאַכען וואַפנע אדער מישען צעמענט.

פאַר דעם בולוואַר מאַכט מען אַן אויסנאַהמע. דאָרטען באַגיסט מען די פלאַנצען רעגעלמעסיג און זיי האָבען אַ שעהנעם אויסזעהן. אָבער איהר קריגט דאָך אַן איינדרוק, ווי די בלומען און די אַנדערע פלאַנצען וואָלטען געווען דורשטיג.

קיין גערדיכטען שטיקעל שטח פון גרינס האָט איהר דאָ ניט אפילו אויפ׳ן בולוואַר. די בלומען, די שעהנע הויכע בלעטער, אָדער די ביימלאַך — יעדע פון זיי איז ארומגערינגעלט מיט טרוקענע ברוינע ערד, וואָס זעהט אויס ווי פאַרשמאַכט.

אַזוי איז אַלץ אין גאַנצען געגענד און אַזוי איז תל־אָביב.

איך באַדויער זעהר, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו באַזוכען פאַלעסטינע אין פריהלינגס־צייט. אַלע ריידען מיט ענטציקונג וועגען דעם פּראַכט פון דער פאַלעסטינער נאַטור אין יענע מאָנאַטען. אין אַ געשפּרעך וואָס איך האָב געהאַט וועגען דעם מיט שמריהו לעווין, האָט ער געמאַכט אַ אינטערעסאַנטע באַמערקונג:

„ווי ערקלערט זיך דאָס, — האָט ער געזאָגט — אַז די שעהנסטע טעפּיכער קומען פון די מזרח־לענדער ? זינט איך וואוין אין פּאלעסטינע פּארשטעה איך דאָס. די נאַטור אַליין גיט זיי דעם מוסטער אין פריהלינג. אַלץ איז דאן פול מיט אַזאַ פּראַכט, מיט אַזאַ רייכטום פון קאָלירען, אַז דאס אויג ווערט בוכשטעבליך באַצויבערט".

ביי אנדערע פון מיינע היגע באקאנטע האָב איך גע־פרעגט : „און ווי אַזוי איז מיט די פעלזענע בערג, וואָס ציהען זיך ארום ירושלים און כמעט די גאנצע שטרעקע פון ירושלים ביז תל־אָביב ?" אויף דעם האָט מען מיר געענטפערט, אַז אויף די פעלזען־בערג געפינען זיך פרוכטבארע פאסען און זיי ווערען אין פריהלינג אנגעפילט מיט גרינס און בלומען ; אַז פיעלע פּלאנצען וואקסען אין דעם זאמד, און אַז אַלץ בליהט דאָ און גרינט.

אין די ווייטערע געגענדען פון פאלעסטינע איז די ערד פרוכטבארער, און עס זיינען פאראן פלעצער וואו זי איז זעהר פרוכטבאר, און זאָגאר אַ פּאָר מייל פון תל־אָביב געפינען זיך שהענע פּארמס און רייכע אָראַנדזש וועלדלאך.

* * *

איידער מען געוואוינט זיך צו צו דעם היגען לעבן קומען דאָ פיעלע זאכען אויס זעהר מאָדנע.

אָט געה איך, למשל, איבער אַ גאס פון תל־אָביב. פון אַ צווייטען עטאזש פון אַ הויז הילכט אַ פּיאנא, און דאָס שפּיעלען איז ניט שלעכט אויך. איך שטעל זיך פאָר אַז איך בין ערגעץ־וואו אין דייטשלאַנד, אין פראנקרייך, אדער אפשר איןווארשע. איך געה צוהערענדיג זיך צו די אנגענעמע קלאנגען און באַ־געגען אַ מאַן מיט אַ פּאָרטפעל אונטער'ן אָרים, מיט אַן איינ־טערעסאנטען, אינטעליגענטען פּנים, מיט אַן ארומגעשוירען בער־דיל, אין אַן אויסגעפּרעסטען ווייסען קאָסטיום. אויף דער אַנ־דער זייט גאס זעה איך ווי צו אַ געוועלב פאָהרט צו אַן אויטאָ־מאָביל מיט עטליכע נייע קאָסטענס, ערשט פון פאבריק. און אויף דעם זעלבער גאס געהט לעבען מיר פארביי אַ קעמעל מיט צוויי קאסטענס זאמד אויף זיין רוקען. איין קאסטען

הענגט אַראָפּ פון איין זייט; דער אַנדערער פון דער אַנדערער זייט. נאָך דעם קעמעל געהט אַ צווייטער, נאָך דעם צווייטען אַ דריטער, אַ פערטער, אַ פינפטער, און אַזוי אַ גאַנצע רייהע, אַ לאַנגע שורה פון קעמלען, יעדער אָנגעלאָדען מיט זאמד. יעדער קעמעל איז צוגעבונדען מיט אַ שטריק צו דעם נעקסטען קעמעל, וואָס געהט הינטער איהם. און אַזוי געהען זיי, שטעלענדיג זייערע דאַרע, הויכע פיס מיט אַ חן׳עוודיגער לאַנגזאַמקייט, און צו־שאָקלענדיג מיט די לאַנגע מאָרדעס אין טאַקט מיט דעם גע־מיטליכען גאַנג.

איך פלעג זיך פאָרשטעלען אַזאַ בילד אין דער וויסטעניש, אין אַן אַזיאַטישער שטאָדט. אין אַ גאַס פון היינטיגע הייזער און פון היינטיגע מענשען קומט דאָס מיר פאָר ווי אַ ווידער־שפּרוך.

און אָט רייט דורך אַ איד אויף אַן אייזעל. דער אייזעל טראָגט אויך זיינע פעקלאַך. אין אַ סעקונדע אַרום זעה איך דאָ דריי אַראַבער. צוויי פון זיי זיינען באָרוועס, דער דריטער איז אויסגעפּוצט און אַ געלער טוך איז אַרומגעוויקעלט אַרום זיין רויטע היטעל. הינטער איהם געהט אַ פרוי, אין גאַנצען אַרומגעדעקט מיט אַ געדיכטען שוואַרצען שלייער, קיין סימן פון אַ פּנים זעהט זיך ניט. איהר וואונדערט זיך, ווי אַזוי זי זעהט צו געהן. הינטער איהר געהען נאָך אַ פּאָר אַראַבער. די גאַנצע גרופּע איז פול מיט קאָליר, אָבער אַזוי ווייט פון דעם אייראָפּעאישען לעבען ווי דער חומש איז ווייט פון אַ זונטאַג־אויסגאַבע פון דער „ניו יאָרק טאַימס".

אויף די גאַסען שטעהען פּאָליצאַנטען אין ברוינע זומער־דיגע יוניפאָרמס — פּאָליציי מיט אידישע פּנים׳ער און מיט העברעאישע בוכשטאַבען אויף איין עפּאָלעט און אויף איין זייט פון דעם קאָלנער. אויף דעם אַנדערען עפּאָלעט און אויף דעם אַנדערען זייט פון׳ם קאָלנער טראָגען זיי ענגלישע בוכשטאַ־בען. דאָס זעלבע איז אויך אויפ׳ן היטעל. אָבער פון וויטען זעהט איהר ניט וואָס פאַר אותיות דאָס זיינען. איהר זעהט מאָדערנע פּאָליצאַנטען.

מענשען שטעהען דאָ אויף זעהר פריה, ווייל די ערשטע

פּאָר שעה פון דעם פריהמאָרגען איז קיהל און עס איז לייכטער צו ארבייטען. איך שטעה אויך אויף פריה, און דאן האָב איך ליב דורך דעם פענסטער צו קוקען אויף די סצענעס וואס איך זעה. ווידער א געמיש פון דער היינטיגער אייראָפּע אדער אמעריקא מיט דער פארצייטיגער אזיע. אידישע באַלעבאָסטעס געהען מיט קאָשיקעס אין מארק אריין און אראבישע פארמערס אויף אייזלען פיהרען אין מארק אריין זייערע פּראָדוקטען.

היינט אין דער פריה האָב איך פון מיין פענסטער געזעהן א קעמעל, אויף וועלכען עס איז געזעסען א גאַנצע אראבישע פאַמיליע, מיט זייערע בעבעכעס, און לעבען זיי איז פארבייגעפאָהרען א פאָרד מאַשין, פון וועלכער דער שאופער איז געווען א דארער איד, אזוי באוואקסען מיט באָרד און האָר, אז עס האָט זיך קוים געזעהן א פּנים. און דאָ, פונקט אנטקעגען, וואו עס בויט זיך א נייע הויז, האָבען עטליכע יונגע לייט מיט אינטעליגענטע פּנים׳ער פארקאַשערט די ארבעל, גרייטענדיג זיך צו דער ארבייט, אלס מוליארעס — א פאך, וואס זיי האָבען זיך אויסגעלערענט ערשט די לעצטע פּאָר יאהר.

* * *

תל־אָביב און יאפא זיינען זעהר נאָהענט איינע צו די אַנדערע. פון צענטער פון תל־אָביב ביז צום צענטער פון יאפא איז אזוי ווייט ווי פון „פּאַרוועדטס" בילדינג ביז דער פערצעהנטער סטריט. מיר איז אויסגעקומען צוויי מאָל צו פאָהרען אין יאפא אויף א דראָזשקע. איך האָב געקוקט אויפ׳ן זייגער. ס׳האָט מיר געדויערט פונקט עלף מינוט ביז דעם רעכטען מיטעל־פונקט פון יאפא. מיט אַן אויטאָמאָביל נעמט דאָס מיר פינף מינוט. דערביי מוז מען האָבען אין זינען, אז דער וועג איז ניט קיין גוטער — א זאמדיגער און פול מיט גריבער.

געוועהנליך האָט מען א באַגריף אז יאפא און תל־אָביב זיינען צוויי באזונדערע שטעדט, און דאָס זיינען זיי ווירקליך. פאר׳ן אויג אָבער זיינען זיי אבסאָלוט איין שטאָדט. ווען איהר פאָהרט, ניט דורך די גאסען, וואָס ליגען נאָהענט צום ים, נאָר דורכ׳ן מיטען שטאָדט, זעהט איהר ניט קיין שום אפטיילונגס־

פונקט. עס ציהט זיך די זעלבע גאַס, נאָר מען זאָגט אייך, אַז דאָ ענדיגט זיך תל־אָביב, און עס הויבט זיך דאָ אָן יאפאָ.

ווען איהר פאָהרט אביסעל ווייטער, דערזעהט איהר, וואָס פאַר אַן אונגעהויערער אונטערשיד עס איז צווישען די צוויי שטעדט. יאפאָ איז אַן אַלטע, שמוציגע, שמאַטעוואַטע שטאָדט, אַן אַזיאַטישע, ווערענד תל־אָביב איז אַ היינטיגע, מיט היינטיגע הייזער.

יאפאָ שטעהט אויף אַ העכערען פּלאַץ ווי תל־אָביב. ווען איהר קוקט אויף זיי ביידען פון אַ שיף, וועלכע שטעהט ניט ווייט פון ברעג, זיינען ביידע איין שטאָדט; נאָר די שטעהט פאַר אייך ווי אַ גרופּע פון הויכע, גרויע געביידעס, ווערענד די אַנדערע ציהט זיך אוועק ביי דעם ברעג ים, בלישצענדיג מיט נייקייט, מיט ניט־הויכע ווייסע הייזער, וועלכע שיינען דער זון און שטעהען אין אַ בילדליכע פאַראייניגונג מיט די פרעכטיגע בלויקייט פון דעם ים און פון דעם הימעל.

אין יאפאָ וואוינען אויך אביסעל אידען. זיי האָבען דאָרטען וויכטיגע געשעפטען.

פריהער האָבען דאָרט געוואוינט עטליכע טויזענט אידען. אָבער ווען אין יאפאָ איז פאָרגעקומען דער פּאָגראָם, האָבען זיי אַלע זיך אריבערגעקליבען אין תל־אָביב. זיי האָבען זיך גענומען בויען הייזער אין דער אידישער שטאָדט. די געשעפטען אָבער האָבען זיי אין יאפאָ ניט אויפגעגעבען. דערנאָך זיינען אין יאפאָ צוגעקומען אידישע אַרבייטער, אַזוי, אַז דאָרטען געפינען זיך איצט עטליכע אידישע יוניאָנס, אָבער דאָס אַלץ איז אַזוי ווי אַ טייל פון תל אָביב.

יאפאָ איז איינע פון די עלטסטע שטעדט אין דער וועלט. זי ווערט דערמאָנט אין דער ביבעל. נאַטירליך, זי איז ניט דיזעלבע יאפאָ, וואָס זי איז געווען פאַרצייטען. זי איז פיל מאָל אטאַקירט און חרוב געוואָרען... אַלט און פאַרצייטיג זעהט זי אָבער נאָך היינט אויך אויס.

* * *

יאפאָ איז אימער געווען דער האַפען פון גאַנץ פּאַלעסטינע, און דאָס איז זי נאָך היינט. אַלס אַזעלכע איז זי נאָך פאַר־

צייטיגער ווי אין אנדערע הינזיכטען. צום ביישפיל, די גאס, וואס פיהרט צו דעם פלאץ, וואו די שיפען קומען אריין און וואו עס געפינען זיך די האפען־געשעפטען און האפען אפיסעס, איז לעכערליך שמאל. קיין פערד און וואגען קען דארטען ניט דורכ־געהן. און איין מאל, ווען איך בין געגאנגען, און אן אראבער האט דורך דארטען געקייקעלט א פאס מיט אויל, האבען מיר ניט געקענט דורכגעהן. אלע פוסגעהער האבען געמוזט װאר־טען ארום צעהן מינוט, ביז ער וועט ארויסקייקלען זיין פעסעל אויף א ברייטערען פלאץ.

די הייזער און די ערד אויף דיזער גאס געהערען צו דער ארמענישער קירכע. אלזא, קען מען איהר ברייטער ניט מאכען.

דער אייזענבאהן צענטער פון פאלעסטינע געפינט זיך איצט אין לוד, ניט ווייט פון יאפא. דארטען איז דער „קניפעל". די באהן־ליניעס קרייצען זיך דארט. איצט ערווארטען די אי־דען, אז דיזער קניפעל־פונקט וועט איבערגעטראגען ווערען אין תל־אביב. דאן וואלט די אידישע שטאדט אויך געווארען א האפען־שטאדט. ווייניגסטענס, א טייל פון די האפען געשעפ־טען וואלט אריינגעקומען אין תל־אביב, צוליב דעם באהן־צענטער.

יאפא איז א שטאדט פון דער פארגאנגענהייט; תל־אביב, אויב אלע ערווארטונגען וועלען מקוים ווערען, איז א שטאדט פון דער צוקונפט. אבער מיר רײדען דא וועגען יאפא און תל־אביב ווי זיי זיינען היינט, און היינט איז יאפא פארלויפיג אלס האנדעלס־שטאדט וויכטיגער ווי תל־אביב.

אלץ איז פארצייטיג און בלאטיג. איין גאס, די וויכטיג־סטע, געהערט אין גאנצען צו אראבער.

אין יאפא זעהט איהר ציילען מיט צרה'דיגע קרעמלעך און קאַ־פעס פול מיט שמוציגע, פיעל־פארביג געקליידעטע אראבער. אויפ'ן גאס ביי די ווענט זיצען אראבער אויף דער ערד, מיט די פיס אונטער זיך. ביי פילע פון זיי איז איין אויג א בלינדע — פון דעם שרעקליכען שטויב, פון דער שרעקליך ברענענדער זון און פון זייער אייגענער אונציכטיגקייט.

צווישען תל־אביב און יאפא געהט א „באס" — א צרה'דיגער

„אָמניבוס", אויף וועלכע מ'צאָהלט אַ האַלבען פּיאַסטער (צוויי און אַ האַלב סענט). אין תל־אָביב קומען אריין פיעלע אַראַבער האַנדלען אדער אויף אן אַנדער שטייגער פאַרדינען. (דער סעלנער און הויפּט דינער פון דעם איינפאָהר הויז, וואו איך שטעה איין איז אן אַראַבער). אין תל־אָביב גופא וואוינען אי־בער זעכציג אַראַבער. איינינע פון זיי האָבען דאָ לאַנד. אַנדערע האַלטען דאָ קראָמען אָדער קאַפעס. (אויב א קאַפע, איז דאָס נאָר פאַר אַראַבער).

פאַר אַ מאַהלער איז יאַפאַ א פיל אינטערעסאַנטערע שטאָדט. יעדע אַלטע שטאָדט איז אינטערעסאַנטער, און אין יאַפאַ זיינען פאראַן אזוי פיל טשיקאַווע סצענעס, בילדער, טיפּען, אַן אוצר פון פאַרבען. תל־אָביב, ווידער, איז פאַר א קינסטלער איינ־טאָניג. פּראָזאַאישע צייל̃ען פון ווייסע היינטיגע הייזער. די בעסערע מויערען זיינען געבויט אייגענאַרטיגער און איינינע מיט אַן אָריגינעלען געשמאַק. און דאָס אַלגעמיינע בילד פון תל־אָביב האָט אויך אַ בילדליכע אייגענאַרטיגקייט אין זיך.

ווען מען רעדט וועגען קולטור און אויסזיכטען אויף דער צוקונפט, געהערט דער אויבען־אָן נאַטירליך צו תל־אָביב.

אין תל־אביב אויפ'ן מאַרק

אידישע הענדלערקעס און באַלעבאַסטעס. — אַראַבער און אַראַבערקעס. — אין „אויסגעפּוצטע" אַראַבישע פרוי. — די צוקונפט פון תל־אָביב. — וואָס צוויי אידען האָבען מיר געזאָגט.

איך בין געגאַנגען אָנקוקען דעם מאַרק פון תל אביב.

עס איז געוועזן האלב נאָך פינף אין דער פריה. די זון האָט שוין אָנגעהויבען צו וואַרימען און אָט־אָט וועט זי אָנהויבען צו ברענען. ס'איז אָבער נאָך געוועזן קיהל און אין שאָטען איז כמעט געוועזן קאַלט.

פון פאַרשיידענע זייטען האָבען זיך געצויגען ציילען מיט קעמלען, אָנגעלאָדען מיט פּראָדוקטען פון די ארומיגע דערפער. אזוי ווי צוגען פון לעבעדיגע וואַגאָנען זיינען זיי געשטאַנען.

עס זיינען אויך אָנגעקומען געלאָדענע אייזלען; אָבער זיי זיינען ניט געגאַנגען אין לאַנגע ציילען. עטליכע פון זיי זיינען געוועזן ארומגעדעקט מיט קוישען און מיט אָנגעפּילטע זעק, אז מעהר ווי דעם אייזעל'ס קאָפּ האָט זיך ניט ארויסגעזעהן. אפילו זיינע פיס זיינען געוועזן פאַרשטעלט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז די סחורה געהט פון זיך אליין. איך וואונדער זיך, קוקענדיג אויף די אייזלען מיט די משא, וואָס זיי שלעפּען: אזא קליינע באשעפעניש, און האָט אזוי פיל כח!

עס האָבען זיך אויך געזעהן איינעגע פערד־און־וועגען. אויף א פּאָר פון זיי זיינען געזעסען דייטשע פּאַרמערס (לעבען תל־אביב געפינט זיך אן אַלטע דייטשע קאָלאָניע — „שרונה". זי איז די בעסטע אין לאַנד).

צווישען די, וואָס האָבען געפיהרט פּראָדוקטען אויפ'ן מארק, זיינען אויך געוועזן אידישע פּאַרמערס. אָבער די גרעסטע צאָהל

זייערע האָב איך שוין געהאַט פאַרשפּעטיגט. זיי קומען אין שטאָדט, ווען עס איז נאָך פינסטער; זיי ברענגען אַ סך מילך אין תל־אָביב (ניט ווייט פון תל־אָביב געפינען זיך די עלטסטע צוויי אידישע קאָלאָניעס: ראשון לציון און פתח תקוה. יעדע פון זיי ליגט אומגעפער 7 אָדער 8 מייל פון שטאָדט).

דער פּלאַץ וואו איך בין איינגעשטאַנען געפינט זיך אויף דער בעסטער גאַס, פון די נייערע. די הויז שטעהט ניט ווייט פון עק גאַס, און צו יענעם עק איז מיר איצט אויסגעקומען צו געהן. ווען די גאַס ענדיגט זיך פאַנגען זיך אָן שטויביגע שטרעקעס. איך בין געגאַנגען דורך דעם זאַמד און דעם שטויב, און דאַן זיך פאַרקירעוועט רעכטס. ביסלאַכווייז האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען אַ גאַס. פאַרשיידענע קראָמען אָדער קרעמלאַך, וועלכע ערוואַרטען אויסצואוואַקסען דורך דער נאַכבאַרשאַפט פון דעם מאַרק. דיזע געשעפטלאַך זיינען נאָך קליין און שיטער, און אַלץ שמעקט מיט אָנהויב, ווי אַלץ אין תל אביב.

איך בין צוגעקומען צו דעם מאַרק. איך בין איהם אַרום־געגאַנגען אַרום און אַרום און בין דורכגעגאַנגען דורך די שורות פון זיינע סטענדס. כ'האָב אַלץ באַקוקט. איך האָב זיך אָפּגע־שטעלט ריידען מיט די ווייבער, וואָס פאַרקויפען; מיט די ווייבער, וואָס קויפען; מיט די אידען, וואָס האַנדלען דאָ. איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט אַן אַראַבער, וועלכער קען ריידען אידיש; מיט אַן אַנדער אַראַבער, וואָס רעדט גוט העברעאיש, האָב איך גערעדט דורך אַן איבערזעצער. אַנדערע אַראַבער האָבען גערעדט צו מיר אַראַביש דורך איבערזעצער. איך בין פאַר־בליבען אויפ'ן מאַרק ביז האַלב נאָך זיבען.

צוויי זאַכען האָבען מיך איבערראַשט: ערשטענס, איז דער מאַרק אַ סך קלענער ווי איך האָב ערוואַרטעט. תל־אביב האָט נאָך צוויי מערק, אָבער יענע האָבען גאָר קיין באַדייטונג ניט. דאָס איז ד ע ר מאַרק פון תל־אביב, און ער פאַרנעמט אין גאַנצען ניט מעהר ווי אַ קליינעם ניו יאָרקער בלאָק. צווייטענס, האָב איך אויפ'ן מאַרק אַבסאָלוט ניט געהערט קיין העברעאיש. מען האָט זיך געדונגען, גע'טענה'ט, געזידעלט זיך אויף אידישען

אידיש, פונקט ווי אויף א מארק אין די קליינע אידישע שטעדט אין ליטע אָדער גאַליציען.

די ווייבער און די מאַנסבילען, וואָס האַנדלען דאָ, זיינען מייסטענס ניט פון דעם יונגען דור, וועלכער לערענט זיך שנעל אויס העברעאיש. אַלזאָ, האַנדעלט מען אויף אידיש, און א האָהן טוט ניט א קרעה.

אייגענטליך האָבען הענער געקרעהט פון אַלע זייטען. זיי האָבען געקרעהט פון די שטייגען, אין וועלכע מען האָט זיי געבראכט פון די פארמס. עס הערט זיך א כאָר פון הענער פון דער רעכטער זייט מאַרק, און איהם ענטפערט אָפּ א הענער־כאָר פון דער לינקער זייט מארק.

די הינער האָבען פון זיך ניט געלאָזט הערען. זיי זיינען געזעסען אין זייערע שטייגען, שטיל, אָהן א שפור פון „ניין מאָס רייד״.

עטליכע אראַבער זיינען געזעסען אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך, ווי זייער שטייגער איז. עטליכע זיינען געשטאַנען ביי דער סחורה, וואָס זיי האָבען געבראכט, און א פּאָר האָבען געשמועסט מיט דעם אידען, וואָס האלט דאָרט די שטאָדטישע וואָג. די אידען האָבען זיך אויסגעלערענט ריידען אראַביש. איינינע פון די אינטעליגענטערע קענען די שפּראך גוט און גרינדליך. אָבער די הענדלער און הענדלערקעס ריידען דעם לשון פון זייערע מאכמעדאַנישע שכנים אויף אזא שטייגער ווי א ווילנער אידענע רעדט פויליש מיט א פּויער.

עס האָבען זיך באוויזען אייניגע אראַבערקעס. א פּאָר פון זיי זיינען געקומען מיט אזא מין צוקערקעס, געמאַכט פון פרוכט. דאָ האָב איך צום ערשטען מאָל געזעהן זייערע ווילדע פארצייטיגע צירונג. א פּאָר פון זיי האָבען געטראָגען נאָז־בענדער — איין זייט פון נאָז איז דורכגעלעכערט און דורך דעם לעכעל איז אריינגערוקט א זילבערנער רינג מיט באפוצונגען. איך האָב זיך דערמאָנט, אז איך האָב וועגען דעם געלערענט אין תנ״ך און געלייענט אין באשרייבונגען וועגען דעם לעבען פון ווילדע אָדער האלב-ווילדע פעלקער. דאָך בין איך ערשטוינט געוואָרען. קיין בעסערען מיטעל צו מאכען א פרוי עקעלהאפט,

אָפּשטויסענד און שוידערהאַפט קען מען זיך ניט פאָרשטעלען. אָבער שעהנקייט איז, נאָך אַלעמען, אַ געשמאַק־זאַך...

ניט וועניגער מיאוס און שוידערהאַפט איז אַן אַנדער צירונג, וואָס אייניגע פון די דאָרפישע אַראַבערקעס האָבען געטראָגען. דאָס זיינען קייטען פון זילבערנע מטבעות. גרויסע, קיילעכדיגע, דינגע שטיקער זילבער זיינען צוזאַמענגעקייטעלט, און אַזוי הענגט עס אַראָפּ פוןביידע זייטען פון דער „דאַמע'ס" געזיכט. איך האָב געוואָלט זעהן וואו די קייט הויבט זיך אָן. האָט די פרוי צוערשט ניט געוואָלט ווייזען. אָבער אַ אידישע הענדלערקע האָט צו איהר געזאָגט אַ פּאָר פריינדליכע ווערטער אויף אַראַביש, און זי האָט אַ ביסעל אויפגעהויבען דעם טוך, וועלכער האָט צוגעדעקט איהר קאָפּ. די קייט איז געגאַנגען איבער'ן קאָפּ אויך, נאָר דאָרט איז זי באַשטאַנען פון קליינע זילבערנע מטבעות.

ביי אַנדערע זיינען די זילבערנע קייטען אַראָפּגעהאַנגען פון אונטער דער מאָרדע.

אַ פּאָר פון די אַראַבישע פרויען זיינען געווען „טאַטואירט" מיט קליינע פיגורען אָדער קוויטלעך, אויסגעמאָלט מיט בלוי אויפ'ן שטערן און אויף דעם אונטערשטען טייל פון פּנים. אייניגע פון זיי האָבען געטראגען א גרויסען הילצער־נעם טאַץ אויפ'ן קאָפּ. אין טאַץ זיינען געווען פאַרשיידענע זאַכען. אַמאָל וועגט עס זעהר פיל, אָבער די אַראַבישע פרויען זיינען קינסטלערינס אויף צו טראָגען גרויסע משא'ס אויף די קעפּ. די מענער זיינען אויף דעם ניט אַזעלכע בריה'ס. זיי האָבען ליב, אַז די פרויען זאָלען טראָגען די משא. אַלזאָ, האָט זיך דאָס אויסגעאַרבייט אַלס אַ ספּעציעלער ווייבערשער קונץ. ס'איז ווירקליך וואונדערבאַר צו זעהן ווי אַזוי זיי טראָגען דיזע משאות אויף די קעפּ, אַפילו ניט צוהאַלטענדיג עס. די איטאַ־ליענישע פרויען זיינען אויך גרויסע בריות אויף דעם, אָבער ניט אַזעלכע גרויסע קינסטלערינס ווי די אַראַבישע פרויען. איין אַראַבישע פרוי איז געקומען אויפ'ן מאַרק מיט אַ גרויסען קרוג וואַסער אויפ'ן קאָפּ. דער קרוג איז ניט געשטאַנען גלייך נאָר איינגעבויגען, און די פרוי איז געגאַנגען מיט איהם שנעל, אַהין און אַהער. אייך איז שווער צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי זי קען

איהם טראָגען אויף אזא שטייגער, און זי טראָגט זיך ארום, אזוי ווי דאָס וואָלט ניט געווען קיין גרויסער קרוג מיט וואסער נאָר א הוט.

אין איין פּלאַץ איז געזעסען אן אראבער אויף די קניע, און לעבען איהם איז געשטאַנען איינגעבויגען א איד מיט א באָרד. דער אראבער האָט עפּעס געזונגען; א טרויעריג־פרעה־ליכער נגון האָט געהילכט. איך האָב ביי דעם אידען געפרעגט: וואָס זינגט ער? און דער איד האָט מיר געענטפערט מיט אומגעדולד:

— ער זינגט? ווער זינגט? ער צעהלט אייער! איהר זעהט דען ניט?

דער אראבער האָט געבראכט אייער אויפ'ן מאַרק, און דער איד האָט זיי ביי איהם געקויפט. האָט דער אראבער געצעהלט די אייער מיט אזא נגון, אז איך האָב געמיינט אז ער זינגט א ליד אזא.

* * *

וואָס פארקויפט מען דאָ?

פילע פון די גרעסערע סטענדס זיינען איינפאך קליינע יאַטקעס. מען האָט געהאקט רינד־פלייש און קאַלב־פלייש אויף צום פארקויפען; מען האָט אויך געשניטען הינער. די קצבים האָבען זיך געטאָן זייער ארבייט. די ווייבער אָבער האָבען צו מיר געשריען צי וויל איך קויפען א הוהן, און זיי האָבען זייער סחורה געלויבט, אויף דעם זעלבען שטייגער ווי מען טוט דאָס אין קאָוונע אָדער אין לעמבערג. ווייטער האָט מען פארקויפט פּאָמידאָרען, באַרנעס, באַנאַנעס, אוגערקעס, טרויבען, אייער, בורי־קעס, מערען, „זיסע פעפער", ציבעלעס, קארטאָפעל „עגג־פלענטס", „סקוואַש", פייגען, נים און אנדערע עסענוואַרגען. גרוים און געראָטען האָבען מייסטענס אויסגעזעהן די „עגג־פלענטס", די „סקוואַש" און עפּעס א פּאָר אנדערע מינים, וועלכע איך האָב אין אמעריקא ניט געזעהן. די אוגערקעס, די באַנאַנעס און די פּאָמידאָרען זיינען דאָס רוב געווען זעהר קליינע און האָבען געהאַט א נעבעכדיגען אויסזעהן.

א שפּאַניאָלישער אידישער אינגעל איז געשטאַנען מיט א גרויסער בלעכענער שיסעל פול מיט זאָקען.

א אידעל איז געשטאַנען מיט א קאַשיק, אין וועלכען עס זיינען געלעגען עטליכע בויגעלאך פּאַפּיר, עטליכע קאָנווערטען, נאָטיץ־ביכלאך, העפטלאך. א צווייטער איד, אן אַלטער מאַן, איז געשטאַנען מיט עטליכע ציצות, לוחות און אויך מיט א ביסעל שרייב־פּאַפּיר און צוויי פּאָר זאָקען. עס איז געווען א רחמנות צו קוקען.

איך האָב מיט איהם פאַרפיהרט א געשפּרעך.

— איך בין צוויי און זיבעציג יאָהר אַלט. וואָס קען איך טאָן? שווער צו מאַכען א לעבען! — האָט ער געזאָגט, — אהער דאַרפען קומען יונגע־לייט. אין מיינע יאָהרען איז שווער צו פאַרדינען און שווער זיך אויסצולערנען לשון קודש.

דעם אַמעריקאַנער אויסדרוק „מאַכען א לעבען” הער איך דאָ אומעטום. ווי עס ווייזט אויס, איז דער דאָזיגער אויסדרוק אריין אין דער אידישער שפּראַך דורך אונזערע ציימונגען און דורך די מיליאָנען בריף, וואָס מען באַקומט פון אַמעריקא אין אונזערע אַלטע היימען.

* * *

א איד, א הענדלער פון מאַרק, זאָגט מיר, אז פילע פון די אַראַבער, וואָס קומען האַנדלען, קענען ריידען העברעאיש. א הענדלערקע מישט זיך אריין אין דעם געשפּרעך און זאָגט:

— העברעאיש? הלואי וואָלט איך אַזוי געקענט! אָט בין איך שוין דאָ דריי יאָהר, און איך קען זיך ניט צונויפריידען. אַראַביש קען איך שוין בעסער. די אַראַבער קומען אהער, מען האַנדעלט מיט זיי, לערענט מען זיך אויס.

די זעלבע אידענע האָט מיר געזאָגט, אז פילע אַראַבער האָבען זיך אויסגעלערענט ריידען אידיש.

— ווייזט מיר אַזעלכען, — האָב איך איהר געבעטען.

זי האָט מיר אָנגעוויזען אויף איינעם. ער האָט אָבער נאָר געקענט עטליכע אידישע ווערטער. צונויפריידען זיך מיט איהם איז מיר געווען אוממעגליך. ער האָט מיר אָבער אָנגעוויזען אויף

א צווייטען, און יענער האָט גערעדט אידיש גאַנץ פליסיג און האָט פארשטאַנען אַלץ, וואָס איך האָב איהם געזאָגט.

— איהר רעדט דאָך אויסגעצייכענט אידיש! — האָב איך איהם געגעבען א קאָמפּלימענט. — איהר זייט א פרומער איד.

ער האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול.

איך האָב געהערט ווי אַן אראבער רעדט העברעאיש צו א אידענע, וועלכע האָט איהם ניט פארשטאַנען. איהר מאַן האָט איהם יא פארשטאַנען א ביסעל.

די העברעער ריידען מיט באַוואונדערונג וועגען דער העברעאישער אויסשפראַך פון די אראבער, וואָס קענען דעם לשון. נאָר די היגע געבאָרענע קינדער קענען אַזוי אויסריידען געוויסע בוכשטאַבען. זיי זיינען איבערצייגט, אַז אַזוי האָבען גערעדט העברעאיש די פארצייטיגע אידען.

אָבער לאָמיר זיך אומקערען צום מארק.

א תימנ'ער איד איז געזעסען אויף דר'ערד מיט באָרוועסע פיס אונטער זיך, פונקט ווי אַן אראבער. ריידען האָב איך מיט איהם ניט געקענט; קיין אַנדער שפראַך ווי העברעאיש און אראביש קען ער ניט. אָבער אונזערער א איד האָט מיר ערקלערט, אַז ער העלפט א געוויסען הענדלער שלעפען זיין משא.

— די תימנ'ער אידען זיינען דאָך די אמת'ע, טאקע די אמת'ע אראבער, — האָט דער איד געזאָגט, — אייניגע פון זיי געהען אפילו אין שוהל באָרוועס; זיי לעבען ווי די אראבער.

— מען זאָגט דאָך אָבער, אַז זיי קענען גוט לערנען, — האָב איך באַמערקט.

— לערנען צו לערנען איז ניט גלייך; זיי זיינען לומדים! כמעט אַלע פון זיי! הלואי וואָלטען אַלע אונזערע אידען געקענט אַזוי לערנען.

* * *

די קאָשיקעס, מיט וועלכע די באַלעבאָסטעס זיינען געקומען אויפ'ן מארק, זיינען מייסטענס געווען קיילעכדיגע, הויכע, ניט קיין גרויסע. אייניגע האָבען געהאַט היימישע סעראַטענע האַנטטאַשען אַזעלכע. כ'האָב געפרעגט ביי איין אידענע צי זי האָט

עס געקויפט אין תל־אביב. איהר ענטפער איז געווען: „ניין, איך האב עס געבראכט פון פוילען".

אין איין ווינקעל האב איך צוגעהערט א הייסע „דעבאטע" צווישען א הענדלערקע, א ליטוואטשקע, און א קונה'טע. זיי האבען זיך געדונגען און ארגומענטירט וועגען דעם פרייז. די הענדלערקע האט געלויבט איהר סחורה און זיך געשוואוירען מיט ליטווישע שבועות; און די אויגען, די הענט, די פלייצעס איהרע האבען זיך געשוואוירען נאך שטארקער ווי איהר מויל. די קונה'טע איז אוועקגעגאנגען, ניט קויפענדיג די סחורה, וואס זי האט געדונגען.

איך בין אויף דעם זעלבען פלאץ געבליבען שטעהן א מינוט צעהן. איך האב געקוקט און זיך צוגעהערט צו פארשיידענע זאכען. באלד האט די זעלבע הענדלערקע גענומען שרייען צו אימיצען פון ווייטען:

— קומט אהער, קומט אהער, שעמט זיך ניט! וואס שעמט איהר זיך? איך וועל אייך אויפעסען? כ'וועל דאך אייך ניט אויפעסען!

יענע איז נעבאך צוגעגאנגען ווי א צושראקענע. דאס איז געווען די זעלבע באלעבאסטע, וועלכע האט זיך פריהער געדונגען.

— נו, איהר האט עפעס איינגעהאנדעלט א מציאה ביי דעם אראבער? — האט די הענדלערקע געפרעגט מיט א גיפטיגען שמייכעלע. — אדרבא, זאגט מיר אויך, וויפיל האט איהר באצאהלט?

— וואס מאכט עס אוים וויפיל איך האב באצאהלט? — האט יענע געענטפערט אהן מוט.

— שעמען דארפט איהר זיך! — זאגט די הענדלערקע — ביי אידען ווילט איהר ניט קויפען. דוקא ביי אראבער, הא?

א אידישער יונגערמאן, וועלכער איז געשטאנען דערביי, האט זיך ארייגעמישט.

— אזעלכע רייד דארפט איהר ניט ריידען. די אראבער זיינען אויך מענשען. מיר דארפען מיט זיי לעבען גוט. אז ניט, וועט זיין אך און וועה. די עפענדים רייצען זיי אן געגען די אידען. ווילט איהר, אז זיי זאלען זיך צוהערען צו זיי?

מיר דארפען דעם אראבער געבען צו פארשטעהן, אז זיינע אייגענע עפענדים עקספלואטירען איהם און אז אידען זיינען ניט זיינע שונאים, נאר זיינע פריינד.

— כ'האב עפעס געמיינט שלעכטס? — האט די הענד־לערקע געזאגט.

ביי דער אנדערער אידענע האט געשיינט דער פנים מיט נצחון.

ארום זיבען אוהר איז דער מארק געווארען א סך לעבע־דיגער. די צאהל באלעבאסטעס, וואס זיינען געקומען מיט זייערע קיילעכדיגע הויכע קאשיקעס, איז אזוי ווי פלוצלונג פארדאפעלט געווארען. עס האט געהוזשעט, געקאכט, אבער אלץ אויף א קליינעם שטייגער. צווישען די, וואס זיינען געקומען מיט קאַ־שיקעס קויפען, זיינען געווען עטליכע אלטע אידען.

איינער א איד אין די מיטעלע יאהרען האט מיך דערקענט. ער איז געקומען אויפ'ן מארק, אהן א קאשיק, וועגען עפעס א מסחר. ער האט זיך פארגעשטעלט פאר מיר, און א ביסעל שפעטער, ווען איך בין אוועק פון מארק, איז ער מיר נאכגע־לאפען. ער האט געוואלט ריידען מיט מיר. ער האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט די איינדרוקען, וואס איך באקום אין פאלעס־טינע. ער איז גלייך צוגעגאנגען צום פסוק:

— וואס וועט איהר שרייבען אין „פארווערטס"? — האט ער געפרעגט — א גוטע מיינונג, הא?

איך האב געענטפערט, אז אזעלכע זאכען קען מען מיט א פאר ווערטער ניט איבערגעבען; אז ער וועט מוזען לעזען מיינע ארטיקלען אין „פארווערטס". ער איז אבער שטארק צוגעז־שטאנען, אז איך מוז איהם גלייך זאגען וואס איך וועל שרייבען וועגען תל־אביב און וועגען פאלעסטינע אין אלגעמיין.

— שעהנע געשעפטען וואלטען רעדאקטארען געמאכט, ווען זיי וואלטען פאראויסגעזאגט וואס אין זייער ציימונג וועט שטעהן — האב איך איהם געענטפערט.

ער האט דעם שפאס אנגענומען גאנץ ערנסט. עס איז געווען זעהר קאמיש. און דאך האט דער זעלבער איד גערעדט וועגען פאלעסטינע אויף אזא שטייגער, אז מיר איז אינטערע־

סאַנט געווען זיך צוצוהערען צו זיינע ווערטער. ער האָט עס געזאָגט, געהענדיג מיט מיר פון מאַרק.

— פון מיר וועט איהר גאָרניט ארויסקריגען, — האָב איך איהם געזאָגט. — זאָגט איהר מיר וואָס א י י ע ר מיינונג איז וועגען פּאַלעסטינע. איהר גיט דאָך קיין ציימונג ניט ארויס; איהר האָט דאָך ניט וואָס צו פאַרלירען...

— מיין מיינונג? — האָט ער געענטפערט. — מיין מיינונג איז, אַז עס מוז ווערען גוט! וואָס עס זאָל איצט ניט זיין, מען מוז אויפבויען ארץ ישראל. און אַז מען מאַכט זיך א „מוז", ווערט עס מקוים. איך וועל אייך ניט זאָגען, אַז אַלץ איז גוט און גלאַט אין תל-אביב. אייניגע מאַכען געלט; א סך אָבער פאַרלירען געלט. איך האָב אויך פאַרלאָרען געלט. אָבער אָפּ־הענגטיג טאָר מען ניט זיין. מען דאַרף פּרואווען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. איהר ווייסט ווי מען זאָגט? „אַז מען מאַכט זיך ניט איבער־גוואַלד, האָט מען ניט". אָט אַזוי דאַרף יעדער איד טראַכטען. דאַן וועלען מיר אויפבויען אונזער לאַנד.

ער האָט צוגעגעבען נאָך פילע ווערטלאַך, אַלץ אין דעם זעלבין זין. איך געדענק ניט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. איך געדענק אָבער דאָס פאָלגענדע:

— א קונץ איז ווען מען האָט מזל? מיט מזל קען דער גרעסטער גולם ווערען א גביר. א קונץ איז, ווען מ'האָט ניט קיין מזל, ווען עס געהט „מיט די פּוטער אראָפּ", און דאָך פיהרט מען אויס! אָט דאָס מוזען מיר באַווייזען אין ארץ ישראל. אויב מיר זיינען אַן עם קשה עורף, טאָ זאָלען מיר עס איצט באַווייזען צום גוטען, אויפצובויען אונזער לאַנד. עס טאָר ניט זיין „ניין". עס מוז זיין „יאָ". אַז מיר וועלען זיך נעמען אויף דעם וועג, וועט שוין ווערען „יאָ".

זיינע ווערטער האָבען מיר אינטערעסירט אַן און פאַר זיך, אָבער הויפּטזעכליך האָבען זיי געצוויגען מיין אויפמערקזאַמקייט ווייל זיי דריקען אויס דעם גייסט פון פילע מענשען, וואָס איך באַגעגען דאָ.

אין דער עפענטליכקייט רעדט מען ניט אַזעלכע רייד. עס

איז געגען דער עפענטליכער מיינונג אַזעלכע געדאַנקען אויסצו־דריקען. די מאָדע איז צו זאָגען, אַז אַלעס געהט פיין, אַז עס וואַקסט ווי אויף הייוועז. אין פּריוואַט־געשפּרעכען אָבער הערט איהר אויף טריט און שריט אַ פאַרקערטע מיינונג. אָבער צוויי־שען די, וואָס דריקען אויס אַזאַ פאַרקערטע מיינונג, זיינען פאַראַן פילע, וועלכע ריידען אין דעם טאָן פון דעם אידען, וואָס איז מיט מיר געגאַנגען פון מאַרק.

תל־אַביב און איהר פּאָליציי

דער אידישער פּאָליציאַנט און דער עולם. — פאַרברעכענס און פאַרברעכער. — דעטעקטיווס. — דער הויפּט פון דער פּאָליציי. — אַ מאָרד. — אין תל־אַביב'ער געריכט. — די שטאָט־פּאַרוואַלטונג און די ארבייטער באַוועגונג.

די אידען פון תל אביב פיהלען זיך אבסאָלוט ביי זיך אין דער היים. געהענדיג דורך איהרע גאַסען, איז מען דורכגע־דרונגען מיט אַ באוואוסטזיין, אַז ס'איז אין גאַנצען אַ אידישע שטאָדט, דורכאויס, אין יעדער איינצעלהייט; אַז אידען זיינען די פּאָלשטענדיגע באַלעבאַטים איבער איהר; אַז אַלץ איז אין זייערע הענט. וואָס עס וועט זיין מיט פּאַלעסטינע אין אַלגעמיין, ווי וויט זי וועט ווערען אַ אידישע היים־לאַנד — דאָס דאַרף נאָך די צוקונפט ווייזען. תל־אביב אָבער — פאַרלויפיג ווענינ־סטענס — איז שוין אַ אידישע היים־שטאָדט אין דעם פּאָל־שטענדיגסטען זין פון דעם וואָרט.

דאָס האָט אַ זאָנדערבאַרע ווירקונג אויף די איינוואוינער. אַ ספּעציעלער צויבער ליגט אין דעם.

איך האָב דאָ באַגעגענט גענוג מענשען, וואָס רייסען זיך אוועקצופאָהרען. זיי געהט דאָ ניט גוט. זיי באַקלאָגען זיך אויף פאַרשידענע זאַכען. תל־אָביב גופא קריטיקירען זיי, לאַכען איהר אויס. און דאָך זיינען זיי מודה, אַז עס וואָלט זיך זיי זעהר ניט װעלען אוועקפּאָהרען.

— מען פיהלט זיך דאָ אַזוי גוט! — האָט איינער צו מיר געזאָגט.

דאָס איז געװען אַ פּוילישער איד. אין זיין געבורט־שטאָדט זיינען די אידען ארומגערינגעלט מיט דעם עקעלהאַפטסטען האָס. אַ איד קען ניט זיצען רוהיג אין אַ קאַר און זיין זיכער, אַז אַ פּאָליאַק וועט איהם ניט באַליידיגען. ער קען ניט דורכגעהן אַ

גאַס, ניט ציטערענדיג יעדע מינוט פאַר אַ שימוף־וואָרט. נאָך אַ וואַרשע, אַ לאָדז אָדער אַ לובלין, איז תל־אביב אַ גן־עדן.

צווישען די נייע קאָלאָניסטען איז פאַראַן אַ היבשע צאָהל דייטשע אידען, און זיי פיהלען זיך אין תל־אביב אויף דעם זעלבען שטייגער ווי די אידען וואָס קומען פון פוילען. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אין דייטשלאַנד אימער געלאָזט פיהלען, אָבער די לעצטע צייט, זינט עס האָבען זיך אָרגאַניזירט די דייטשע פאַשיסטען, איז די מגפה דאָרטען פיל שטאַרקער געוואָרען.

— איך קען דאָס ניט פאַרטראָגען, — האָט אַ יונגער דייטשער איד מיר געזאָגט — איך וואָלט דעם גאַנצען לעבען געגעסען נאָר ברויט מיט וואַסער, אבי צו פיהלען, אַז איך בין אַ מענש מיט אַלעמען צוגלייך. דאָ, אין תל־אביב, פיהל איך אַזוי.

* * *

דער באַוואוסטזיין, אַז אַלע פּאָליציאַנטען אין שטאָדט זיינען אידען האָט אַ היבשע ביסעל צו טאָן מיט דער שטימונג, וועגען וועלכער דאָ איז גערעדט געוואָרען. אין באַצוג צו דער פּאָליציי דערגעהט דאָס אפשר שוין אַ ביסעל צו ווייט. מען איילט זיך ניט צו היטען די שטאָדט־געזעצען. מען טאָר ניט פאַרצאַמען דעם וועג? דער פּאָליציימאַן הייסט געהן אַן אַ זייט? — מאַלע וואָס ער הייסט! אַן אייגענער חיים אָדער ברוך!...

און די פּאָליציי האָט טאַקע גרויסע שוועריגקייטען צוליב דעם. אָבער ווי די מעשה איז, מען פיהלט זיך אין דער היים. און די פּאָר העברעאישע אותיות, וואָס געפינען זיך אויף דעם פּאָליציאַנט'ס קאָלנער און עפּאָלעטען, האָבען אַ מערקווירדיגען עפעקט אויף די איינוואוינער.

אין מיין וואונש באַקאַנט צו ווערען מיט דעם לעבען פון דער נייער שטאָדט, האָב איך צוויי מאָל באַזוכט די הויפּט־קוואַרטיר פון דער פּאָליציי, באַאָבאַכטעט די פּאָליצאַנטען אויפ'ן גאַס און געהאַט געשפּרעכען מיט דעם הויפּט פון דער פּאָליציי און מיט אַ טייל פון זיינע פּאָליציאַנטען.

די הויפּט קוואַרטיר געפינט זיך אין אַן אַלטער אַראַבישער הויז. עס איז ענג, ווי כמעט אַלע אָפּיסעס אין תל־אביב זיינען ענג, ווייל די שטאָדט האָט שנעל אַריבערגעוואַקסען אַלע איהרע

מיטלען. אַלע צימערען ווערען אָבער געהאַלטען ציכטיג. איין צימער איז אַ צייטווייליגע געפענגעניש פאַר פאַרברעכער. דעם אַרעסטירטען האַלט מען דאָרטען נאָר איין טאָג. דאַן פיהרט מען איהם איבער קיין יאַפאַ, וואו עס געפינט זיך אַ העכערער גע־ריכט און אַ גרויסע טורמע. ווען איך בין געווען אין דער הויפּט־קוואַרטיר דעם ערשטען מאָל איז דער אַרעסטירטער געווען אַן אַראַבער, וועלכער האָט עפּעס גע׳גנב׳עט. דאָס רוב פון די איינוואוינער פון דיזען צימערעל זיינען אַראַבער. עס זיינען פאַראַן אידען אויך, אָבער ניט פיל.

דער הויפּט פון דער פּאָליציי איז אַ יונגער מאַן מיט׳ן נאָמען אַלפערין. ער איז אַ מינסקער, און אין דער היים האָט ער געענדיגט עטליכע קלאַסען גימנאַזיע. ער איז אַ גאַנץ אינטעליגענטער יונגערמאַן פון אַ יאָהר זיבען און צוואַנציג, מיט אַן אינטעלי־גענטען אידישען פּנים, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ אינטערעסאַנ־טער. ער איז געווען אין דעם אידישען לעגיאָן און האָט אַנטייל גענומען אין דער מלחמה. ער האָט זיך געפונען אין רעכטען פייער אין אַ שלאַכט ביי דעם ירדן און ער האָט מעדאַלען. דאָס, זיין אינטעליגענץ, זיין נאָמען אַלס אַן עהרליכער מאַן און די מיינונג, אַז ער האָט אַ שכל הישר, איז געווען דער גרונד, פאַר וואָס מען האָט איהם געגעבען די שטעלע.

אַז דאָס איז ניט קיין לייכטע שטעלע, קען מען זיך פאָר־שטעלען, ווען מען נעמט אין אנבאַטראַכט די ספּעציעלע אומ־שטענדען, אונטער וועלכע אַ תל־אָביב׳ער פּאָליציי־שעף קומט אוים צו ערפילען זיינע פליכטען.

תל אביב האָט דריי און זיבעציג פּאָליציאַנטען. פון זיי זיינען זיבען אויף פערד. די שטאָדט איז צוטיילט אויף פיר פּאָליציי־טיילען מיט פיר סטאַנציעס. פילע פון די פּאָליציאַנטען זיינען אינטעליגענטע יונגען. אַלע ריידען זיי גוט העברעאיש, אַראַביש און ענגליש. פילע פון זיי קענען אויך ריידען נאָך אַ שפּראַך. דרייסיג פון די פּאָליסלייט האָבען געענדיגט גימנאַזיע אין רוסלאַנד, און עטליכע האָבען אויך אַן אוניווערזיטעט־בילדונג.

קיין לייכטען לעבען האָבען זיי אויך ניט. דערהויפּט איז זייער לעבען שווער אין די רעגענדיגע מאָנאַטען. דאַן שמעקט

דער „דזשאב" מיט רומאַטיזם. אין די זומערדיגע מאָנאַטען, ווידער, איז די היץ אונערטרעגליך. מיט וועמען פון זיי איך האָב גערעדט, האָט ער זיך באַקלאָגט אויף זיין שיקזאַל. דאָך האָבען זיי גערעדט אין אַ טאָן פון טרייהייט און איבערגעבענהייט צום פּאָליציי־דעפּאַרטמענט.

— יעדער פון אונז מוז טאָן זיין פליכט אין פּאַלעסטינע, — האָט איינער געזאָגט. — מען מוז היטען די שטאָדט. אַי עס איז שווער, לעקט דאָך דער קאָלאָניסט אויך ניט אימער קיין האָניג.

און גאָר באַזונדערס שווער איז צו זיין אַ טרעפיק־פּאָליסמאַן — אכטונג צו געבען, אַז די וואָס געהען און פאָהרען איבער די גאַסען זאָלען אָפּהיטען די אָרדנונג. אין אַזאַ קלימאַט ווי דער היגער איז אַזאַ אַרבייט פול מיט גרויסע שוועריגקייטען. עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ גאַנץ אַנדערע גרויסע שוועריגקייט, אויף וועלכער זיי האָבען זיך פאַר מיר באַקלאָגט: פאַר אַ אידי־שען פּאָליסמאַן האָט דער אידישער עולם ניט גענוג רעספּעקט, ווי אויבען איז שוין דערמאָנט געוואָרען. מען זאָגט אַ אידענע, אַז דאָ טאָר מען ניט געהן, אַז מען דאַרף אַריבערגעהן אויף יענער זייט, אָדער אַז זי זאָל זיך ניט אָפּשטעלען אויפ׳ן רעכטען מיטען גאַס, — וויל זי ניט פאָלגען...

— זעה נאָר, זעה נאָר, ער מיינט, אַז אויב ער האָט אָנגע־טאָן אַ מעשענעם קנעפּעל, איז ער שוין אַ גאַנצער „יאַ טעבע דאַם"! — אַזאַ באַמערקונג הערט אַ תּל־אביב׳ער פּאָליציאַנט גאַנץ אָפט...

דער הויפּט פון דער פּאָליציי מוז געברויכען אַ סך טאַקט, אום אויסצוקומען מיט די פאַרשיידענע פּאַרטייען. דער באַשולדיגט איהם, אַז ער איז צו „לינק"; יענער באַשולדיגט איהם, אַז ער איז צו „רעכט". די אָרטאָדאָקסען פאָדערען, אַז ער זאָל זיין שטרענג מיט די היינטיגע; די ראַדיקאַלען פאָדערען, אַז ער זאָל אין גאַנצען איגנאָרירען די אָרטאָדאָקסען. סאָציאַליסטישע אַר־בייטער פאַרגעסען, אַז פאָרלויפיג לעבט נאָך תּל־אביב אין אַ קאַ־פּיטאַליסטישער אָרדנונג, און פאַבריקאַנטען פאַרגעסען, אַז תּל־אביב געפינט זיך ניט אין צאַרישען רוסלאַנד.

די ענגלישע רעגירונג, ווידער, באשולדיגט דעם פּאָליציי־שעף, אַז ער האָט אין זינען בלויז די אינטערעסען פון די אידען און ניט פון דער רעגירונג; און די אידען באשולדיגען איהם, אַז ער האָט אין זינען נאָר די אינטערעסען פון דער מלוכה, און ניט פון די אידען. אויך איז ניט זעהר לייכט אויסצוקומען מיט אַ אינטעליגענטען אידישען פּאָליצאַנט; דאָ וואו עס פאָדערט זיך דיסציפּלין, שטעלען זיי זיך גאָר ארגומענטירען און אויס׳טענה׳ן.

ווען דער פּאָליציי־דעפּארטמענט דארף האָבען נייע פּאָליצאַנטען, אַנאָנסירט ער. דאַן קומען אריין מיטגלידער פון די ראַדיקאַלע פּאַרטייען, אַזוי גוט ווי פון אַנדערע; פון די ראַדיקאַלע פּאַרטייען נאָך מעהר, וואָרים זיי זיינען אינטעליגענטער, און צו דער שטעלע פאָדערט מען, אַ חוץ הויכע, געזונטע, אויך אינטעליגענטע מענשען. טרעפט דעריבער ניט זעלטען, אַז דעם פּאָליציאַנט קומט אויס צו האַנדלען געגען מיטגלידער פון זיין אייגענער פּאַרטיי, און ער וויל דאָס ניט טאָן.

* * *

די צאָהל פון פארברעכענס וואַקסט אין תל־אָביב. מייסטענס זיינען די פארברעכענס ניט פון דעם גוואַלטיגען סאָרט. די גרעסטע סומע, וואָס מען האָט דאָ גע׳גנב׳עט, האָט באטראָפען דריי הונדערט פונט (פופצעהן הונדערט דאָלאַר). דאָס איז געטאָן געוואָרען פון אַ פּראָפעסיאָנעלען גנב, און מען האָט איהם ניט געכאַפּט. קעשענע־גנבים זיינען אין פּאַלעסטינע פאראַן אַ היבש ביסעל. פריהער זיינען זיי געקומען פון עגיפּטען און סיריען; איצט זיינען פאראַן אידישע אויך.

דאָ געהט אום אַ ווערטעל פון שמריהו לעווין: „די פערד־גנבים זיינען שוין ביי אונז דאָ; עס פעהלען נאָר די פערד".

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט איין תימנ׳ער איד אָפּגעביסען ביי אַ צווייטען תימנ׳ער איד אַן אויער. אָבער די שפּאַנישע אידען זיינען נאָך פיל ווילדער פון זיי, און צווישען זיי איז מעהר פארשפּרייט שכרות.

עס זיינען דאָ פאָרגעקומען איינינגע פּראָצעסען איבער אומנאַטירליכע געשלעכטליכע פארהעלטניסען און אַ פּאָר מאָרד־

פראָצעסען. אין איינעם פון זיי איז דער מערדער געווען אַן אַראַבער; אין אַ צווייטען — אַ איד. דער איד האָט געקוילעט זיין פרוי. ער איז געווען אַ גאַליציאַנער, און זי — אַן אונ־גאַרישע. זי איז געווען אַ שעהנע און איז פון איהם אוועק. דאָ איז ניט געווען קיין פראגע פון אומטרייהייט, ווייל זי איז איינפאך אוועק ארבייטען אַלס דינסט (ער איז געווען אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן). ער האָט זיך ביי איהר געבעטען זי זאָל קומען צוריק, אָבער זי האָט זיך אנטזאגט. דאַן איז ער געקומען אין דער הויז, וואו זי האָט געאַרבייט, האָט איהר אריינגעשלעפּט אין דעם באַדע־צימער און איהר איבערגעשניטען דעם האַלז און אויפגעשניטען דעם בויך. ער איז אנטלאָפען קיין חיפה. דער חשד איז אָבער גלייך געפאַלען אויף איהם און מען האָט איהם געכאַפּט. מען האָט איהם פאַראורטיילט אויף פופצעהן יאָהר.

מען האָט גלייך פארשטאַנען, אַז דער מערדער איז ער, און ניט אַן אַראַבער. ביי אַראַבער קען מען טויטען אַ מענשען איבער אַ קאָרטען־שפּיל, אָבער אַן אַראַבער שניידט קיינמאָל ניט איבער דעם האַלז. ער כאַפּט ארויס דעם מעסער, וועלכען ער טראָגט אימער מיט זיך, און שטעכט איהם אריין דעם שונא אין הארצען.

קליינע גנבות זיינען אַ גאַנץ אָפטע זאַך. מייסטענס קומען זיי ארויס דורך דעם, וואָס מען פארגעסט צו פארמאַכען אַ פענסטער אָדער אַ טיר, אָדער וואס מען פארשליסט ניט די קראָם ווי עס בעדאַרף צו זיין. אין פילע פאַלען באַקלאָגט מען זיך, אַז מען האָט אוועקגע'גנב'עט די וועש פון הויף.

פּראָסטיטוציע ווערט געטריבען בלויז פון אַראַבישע פרויען. קיין פּראָפעסיאָנעלע אידישע פראָסטיטוטקעס זיי־נען ניטאָ. עס זיינען אָבער פאַראַן אידישע פרויען, וועל־כע פיהרען זיך ניט אַנשטענדיג, אָבער ניט אָפען. ווען איינע אַזאַ ציהט אויפמערקזאמקייט, רופט מען איהר אין פּאָליציי און מען גיט איהר אַ ווארנונג.

ווען מען אַרעסטירט איינעם פאַר גנבה, נעמט מען ארונטער זיינע „פינגער־צייכענס" און זיינע „פּוס־צייכענס", „ווי ביי לייטען".

דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט פון תל־אָביב פאַרמאָגט צוויי דעטעקטיוום. ביידע זיינען געבוירען געוואָרען אין פּאַלעסטינע. זיי קענען גוט דאָס לאַנד, איהרע מנהגים און די שפּראַכען — אַראַביש, העברעאיש, אידיש און ענגליש. ווען איך האָב גע־פרעגט צי זיי זיינען געניט אין דעם פאַך, האָט מיר אַלפּערין געענטפערט: „זיי האָבען שכל, און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע". ער האָט מיר דערצעהלט וועגען דעם ווי אַזוי איינער פון זיינע דעטעקטיווס האָט געפונען דעם גנב פון צוויי פידלען, וועלכע זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען. ער איז אַוועק אין דער קראָם פון אַ אידען, וועלכען ער האָט חושד געווען אַז ער פיהרט גע־שעפטען מיט גנבים (יענער האַנדעלט מיט אַלץ אין דער וועלט). דער דעטעקטיוו, וועלכען דער קרעמער האָט ניט געקענט, האָט געבעטען אַ פידעל פון אַזאַ און אַזאַ סאָרט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט יענער איהם געבראַכט איינעם פון די צוויי גע־גנב'עטע פידלען. פון אָנפאַנג האָט ער ניט געוואָלט אויסזאָגען ווי אַזוי ער האָט די פידלען באַקומען. אָבער נאָכדעם ווי מ'האָט איהם אָפּגעהאַלטען צוויי וואָכען אין טורמע, האָט ער דעם גנב אַרויסגעגעבען. דער גנב האָט באַקומען אַ יאָהר, און דער קרע־מער — זעקס מאָנאַטען.

איין דעטעקטיוו האָט באַפרייט אַ געוויסע נאָכבאַרשאַפט פון גנבים דורך פאָלגענדען מיטעל: אין אַ שטוב, למשל, לאָזט מען אָפען די פענסטער און אויפ'ן טיש לאָזט מען ליגען אַ זיל־בערנע זאַך. אינוועניג אין הויז ליגט באַהאַלטען דער דעטעקטיוו, און ווען דער גנב קריכט אריין דורך'ן פענסטער כאַפּט ער איהם.

די אידישע קאָלאָניע רחובות האָט שוין אויך אַ אידישע פּאָליציי. און אַ פּאָליציי אָרגאַניזירט זיך שוין אויך אין פּתח תקוה און אין ראשון לציון. מיט דער צייט האָפט מען צו האָבען אידישע פּאָליציי אין פילע אַנדערע פּלעצער.

— דאָס וועט זיין די בעסטע שוץ געגען פּאָגראָמשטשיקעס, — האָט געזאָגט צו מיר איינער, וואָס איז פאַרבונדען מיט דעם פּאָליציי-דעפּאַרטמענט פון תל־אביב.

* * *

די נייע אידישע שטאָדט תל־אביב האָט שוין פינף און

צוואנציג אדוואָקאטען, און אלע מאכען זיי א פיינעם לעבען. אין תל־אביב גופא זיינען פאראן צוויי געריכט־הייזער — איינער איז א פּאָליציי־געריכט, און דער אַנדערער איז פאר ציווילע פּראָצעסען (וואו מען קען קלאָגען אויף ניט מעהר ווי פינף הונדערט דאָלאר). ווען עס האנדעלט זיך וועגען א העכערער סומע, מוז מען געהן אנקלאָגען אין דעם געריכט, וואָס געפינט זיך אין יאפא. איך בין געוועזען אין דעם ציוויל־געריכט פון תל־אביב. ער געפינט זיך אין א קליין צימערעל, און אלץ זעהט אוים אזוי ווי אויף דער־וויל. אין א דערבייאיגען צימער, דורך א פענסטער, האָבען זיך געזעהן א גרופּע לאָיערס ארום א טיש. דער ריכטער, הער נייפאך, א דיקליכער איד אין די מיטעלע יאָהרען, א רוסישער, וועלכער האָט שטודירט אין מאָסקווע און אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, איז באשטימט געוואָרען פאר דעם אמט פון דער ענגלישער מלוכה־מאכט. ער זיצט אין דער הויך, און נעבען איהם שטעהט א באדינער אין א יוניפאָרם. די פּאפּירען זיינען מייסטענס גע־שריבען אויף העברעאיש, די אדוואָקאטען טענה'ן זיך אוים אויף העברעאיש און דער ריכטער ענטפערט זיי אויף העברעאיש. מען רעדט אָבער אויך אראביש און ענגליש.

איך האָב אויסגעהערט א גאנצען פּראָצעס אויף העברעאיש מיט ארגומענטען און טענות פון ביידע צדדים, אלץ אין דער שפּראך פון דער אלט־נייער ארץ ישראל. אָבער אין די פיר וואָכען, וואָס איך האָב דאָ פארבראכט, בין איך שוין צו דער היגער העברעאישער שפּראך צוגעוואוינט געוואָרען, און די סצענע האָט מיר שוין ניט אויסגעזעהן אויסערגעוועהנליך.

אין די געשפּרעכען, וואס איך האָב געהאט מיט אדוואָקאטען, האָב איך געהערט אייניגע כאראקטעריסטישע זאכען. צום ביי־שפּיל: א איד האָט אין ווארשע באנקראָטירט אויף צוואנציג טויזענד פונט, און איז געקומען אין תל־אביב מיט א היבשער סומע. פון ווארשע איז אין תל־אביב אָנגעקומען א נאכריכט וועגען דעם באנקראָט. דער איד האָט זיך דערוואוסט דערפון און איז זיך געגאנגען בעראטען מיט אן אדוואָקאט. דער אדוואָ־קאט האָט איהם געהייסען באצאָלען זיינע בעלי־חובות אין פּוילען. דער ווארשעווער איד איז געוואָרען אין כעס:

ערשטע רייהע, פון לינקס אויף רעכטס: ב. בצנלסון (רעדאקטאָר פון דעם טעגליכען אָרגאַן פון דער הסתדרות, „הדבר"), ד. זכאי, א. האַרצפעלד, י. אהרונוביץ, זלמן רובאַשאָוו, ד. בן-גוריון (פיהרער פון דער הסתדרות), י. עפנער (בילד פון קאַציזנאַ)

— איך פאַרשטעה ניט, — האָט ער געזאָגט, — איהר ווילט איך זאָל זיי באַצאָהלען דאָרט, אין פּוילען? סאַי־ווי־סאַי וועט דאָך די פּוילישע רעגירונג דאָס צונעמען ביי זיי. אז א איד קומט אין ארץ-ישראל, ווילט איהר דוקא אָנשטאָפּען גראַב־סקי׳ן מיט זיין געלט?

* * *

נאָך א פּאָר פאַקטען וועגען דער שטאָדט־רעגירונג און דער שטאָדט אין אַלגעמיין.

זי ווערט פאַרוואַלטעט פון א מעיאָר מיט איין און פערציג ראַטמענער. דער מעיאר האָט צו זיך א געהילפס־מעיאר.

ניינצעהן מיטגלידער פון די 41 זיינען פון דער ארבייטער־באַוועגונג, און דער געהילפס־מעיאָר איז איינער פון די פּראָמי־נענטסטע פיהרער פון דער ארבייטער־באַוועגונג.

די פּראַקטישע ארבייט ווערט דורכגעפיהרט דורך א קאָמי־טעט פון ניין, וועלכע די ראַטמענער באַשטימען, און פיר פון די ניין זיי׳נען ארבייטער-פיהרער.

די צאָהל פון געוועהנליכע קינדער־שולען איז פינף (אין 1921 זיינען נאָר געווען דריי). ווי באַקאַנט, האָט די שטאָדט א גימנאַזיע פון אכט קלאַסען. אַלעס ווערט, נאַטירליך, געלערנט אויף העברעאיש. ווי הער מאָזעסאָן, דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע, האָט מיר ערקלערט, ווערען די דיפּלאָמען פון דער גימנאַזיע אָנערקענט אין די אוניווערזיטעטען פון איטאַליען.

דער בודזשעט פון דער שטאָדט (די סומע, וועלכע זי גיט אוים אויף עפענטליכע אינסטיטוציעס) באַטרעפט איבער הונדערט טויזענד פונט א יאָר. די מיטגלידער פון דער שטאָדט־פאַרוואַלטונג ערוואַרטען אָבער, אז דורך א גרעסערער אימיגראַציע וועט זיך דער בודזשעט אַליין מעהר פאַרגרעסערען.

דאָס עראינערט מיך אָן די ציפערען, וועלכע איך האָב געזעהן ווען איך האָב באַזוכט רוטענבערג׳ס קראַפט־סטאַנציע אין תל־אביב — די סטאַנציע, וועלכע מען האַלט אין פאַרגרע־סערען אויף צוויי מאָל און א האַלב. זי פאַרקויפט איצט 33 מאָל אַזוי פיל עלעקטרישע קראַפט ווי מיט א יאָהר פריהער.

די אידישע קאָמונעס פון פאַלעסטינע

די גרויסע ראָלע, וואָס זיי שפּילען. — אַ שווער לעבען. — דער איינפלוס אויף געוויסע יונגעלייט אין אַנדערע לענ־דער. — דער „שעהנער טאָל". — אַ מיידעל פון נוארק, ניו דזשוירזי.

דורך ספּעציעלע אומשטענדען איז אַזוי אויסגעקומען, אַז קאָ־מונעס שפּילען איצט די וויכטיגסטע ראָלע אין פאַלעסטינע. דאָס זיינען טאקע אמת'ע קאָמונעס, וועלכע קומען פון פרייוויליגער צוזאמענארבייט צוליב אַ אידעאַל, און ניט דורך דעקרעטען פון „הויכע פענסטער". דער טיפּ פון פאַלעסטינער קאָמוניסטען האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם טיפּ קאָמוניסטען־באָלשעוויקעס פון רוסישען שטייגער.

דאָס וואָס די דאָזיגע קאָמוניסטען טוען אויף, איז פאַר דעם ציוניזם פאַרלויפיג זעהר וויכטיג: מיט זייער באַגייסטע־רונג, פראַצע און אָפּפערוויליגקייט פאַרוואַנדלען זיי וויסטעני־שען מיט זומפּען אין פרוכטבאַרע פעלדער און גערטנער; און דאָס איז דער בעסטער פונדאַמענט פון אידישע אייגענטומס־רעכט אין פאַלעסטינע. דאָס מאַכט אַן איינדרוק אויף דער וועלט.

דאָס געהט אויך אויף אַ געוויסען נייעם טיפּ פון ראַדיקאַלע קאָלאָניעס, וואָס זיינען געגרינדעט אויף פּריוואַט־אייגענטום, אָבער אויך אויף דעם כלל, אַז דער פאַרמער מוז אַר־בייטען מיט זיינע אייגענע הענד, אָהן געדונגענער הילף. און אויף אַ געוויסען גראַד קאָאָפּעראַציע (די קאָלאָניע באַשטעהט פון אַ באַשטימטע צאָהל פאַרמערס און יעדער פון זיי האָט זיך זיין שטיקעל לאַנד, און בעאַרבייט איהר אַלס זיין באַזונדערע אייגענטום. זיי האָבען אָבער צווישען זיך אַ שותפות־סיסטעם, ביים קויפען און פאַרקויפען פּראָדוקטען, און ווען אימיצער ווערט

קראַנק. למשל, קומט איהם איינער פון דער גרופּע צו־הילף, לויט א באשטימטער אָרדנונג).

די אלטע אידישע קאָלאָניסטען פון פּאַלעסטינע האָבען אויך שווער געארבייט; אָבער היינט האַלטען זיי געדונגענע „הענט" — מייסטענס אראבישע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שטיצט די צווייערליי קאָלאָניסטען פון דעם נייעם טיפּ — די קאָמוניסטישע און די אינדיווידואַליסטישע — מיט לאַנד און מיט געלט.

דער פּרינציפּ איז געווים א שעהנער; און שעהן איז אויך די ברייטע הילף און די ווארימע פריינדליכקייט, וואָס די אָרגאַניזאַציע ווייזט ארויס די אידעאַליסטישע קאָלאָניעס.

דער פאַקט, אַז זיי פאַרדינען כשר די שטיצע, וואָס זיי באַקומען, פאַרקלענערט ניט די סימפּאַטישקייט פון דער האַנדלונג. און מען מוז זאָגען דעם אמת: ווען ווייצמאַן און די אַנדערע פיהרער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג וואָלטען זיך ניט געפונען, מעהר אָדער ווייניגער, אונטער דעם איינפלוס פון דעם פאָרטגעשריטענעם געדאַנק, וואָלטען זיי אַזוי ניט געהאַנדעלט.

אויף אוסישקינ׳ען ווייזט מען געוועהנליך אָן ווי אויף איינעם פון די קאָנסערוואַטיווסטע פון זיי. און ער איז דער הויפּט פון דעם „נאַציאָנאַל־פאָנד", וועלכער קויפט און פאַרטיילט לאַנד אין ארץ ישראל. איך בין דעריבער געווען נייגעריג צו וויסען, ווי אַזוי ער פאַרהאַלט זיך צו די קאָמונעס אין באַצוג צו דער ערד, וואָס זיי פאַדערען; און דער ענטפער איז אימער געווען, אַז אין דיזער הינזיכט האָבען זיי זיך ניט וואָס צו באַקלאָגען.

צווישען זיך ריידענדיג, דריקען די פיהרער אויס די מיינונג, אַז די קאָמונעס שטעלען מיט זיך פאָר נאָר אַן איבערגאַנגס־שטופע. איינפאַכער גערעדט, אַז זיי וועלען זיך לאַנג ניט האַלטען. און וועגען די קאָלאָניעס פון דעם אידעאַליסטיש־אינדיווידואַליסטישען סאָרט זאָגען זיי, אַז ביסלעכווייז וועלען זיי מסתמא פארגעסען אָן זייער אידעאַליזם און זייער אייגענטומס־אינטערעס וועט ביי זיי זיין דער וויכטיגסטער פּרינציפּ. אָבער פון דיזעלבע פיהרער הערט איהר אָפט אויך די מיינונג: אַז די אידישע

מדינה וועט אויפגעבויט ווערען גאנץ אנדערש ווי אלע אנדערע מדינות זיינען אויפגעבויט געווארען; אז זי וועט זיין גע־גרינדעט אויף א העכערע מאראל, לויט א נאָבעלערען עקאָנאָ־מישען סיסטעם, נעמליך, אויף די פרינציפען פון סאָציאליזם. „ניט נאָר א אידישע לאנד בויט זיך אין פאלעסטינע. עס בויט זיך אויך א העכערע מענשליכע געזעלשאפט". אזעלכע רייד הערט מען פון די פיהרער גאנץ אָפט.

עס ווענדט זיך, אין וואָס פאר א שטימונג דער איינ־פלוסרייכער ציוניסט געפינט זיך בשעת ער רעדט וועגען די ראַ־דיקאלע קאָלאָניעס — צי איבער איהם הערשט דאן דער געלאַ־סענער פראקטישער שכל, צי די התלהבות פון אן אידעאליסטישען „אתה בחרתניזם".

יעדענפאלס, ריידען מיר דאָ ניט וועגען דער צוקונפט, נאָר וועגען היינט, און פאָרלויפיג זיינען די דערמאָנטע קאָלאָניעס דורכגעדרונגען מיט שעהנע אידעען און געפיהלען.

אינעווייניג איז דער עפעל ניט אומעטום אזוי געזונט און געשמאק ווי ער זעהט אויס פון דרויסען. אָבער א סך הער־ליכעס ענטהאלט דער לעבען אין דיזע קאָלאָניעס אינערליך אויך.

די צוויי גרופען, וועגען וועלכע מיר האָבען דאָ גערעדט, שפי־לען אין דיזען מאָמענט די וויכטיגסטע ראָלע אין פאלעסטינע.

זיי געפינען זיך מייסטענס אין דעם עמק יזרעאל (טהאָל פון יזרעאל), וועלכען מען רופט געוועהנליך נאָר מיט דעם ערשטען וואָרט — „עמק". ווען איהר זייט אין ארץ ישראל, הערט איהר דעם וואָרט אויף שריט און טריט. מען רעדט איהם אויס מיט שטאָלץ און מיט ליבע. אין דעם דאָזיגען טאָל גע־פינט זיך א היבשע ביסעל פרוכטבאָרע ערד, און פאר'ן אויג איז ער אן אינטערעסאנטער, זעהר שעהנער שטח, ארומגערינ־געלט פון אלע זייטען מיט בערג. ווי א ריזיגע שיסעל זעהט עס אויס. דער פלאַכער גרונט איז פונאנדערגעווירעט אין שטריי־פען פון פארשידענע קאָלירען; די בערג זיינען פארשידען אויף זייער אייגענעם שטייגער; און כמעט יעדע שעה בייט זיך דער בילד. אם הערליכסטען איז ער גאנץ פריה, ווען די זון געהט

אויף. ער איז אָבער אימער שעהן. אין יעדען טייל פון דעם טאָג האָט ער זיין באַזונדערע פּראַכט.

א צייט האָב איך פאַרבראַכט נאָר פאָהרענדיג דורך דעם טאָל. און אימער איז מיר שווער געווען אָפּצורייסען די אויגען פון איהם — פון זיינע פעלדער און פון זיינע בערג, פון די סטאַדעס וואָס פּיטערן זיך אויף זיי, פון די קעמלען, וואָס געהען איבער איהם מיט זייערע לאַנגזאַמע חן׳פולע טריט.

יעדער פון די בערג, וואָס רינגעלט ארום דעם „עמק״, האָט זיין נאָמען אין תנ״ך, און כמעט יעדער ווינקעל אין דעם טאָל גופא אויך. דאָ זיינען פאָרגעקומען די מלחמות, וועגען וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין „שמואל״, אין „שופטים״, אין „מלכים״. די אינטערעסאַנטסטע מעשות, וואָס א אידישער אינגעל לערענט אין חדר, מעשות, וועלכע דער פוילסטער תלמיד לערענט מיט חשק, זיינען פאַרבונדען מיט דיזע ערטער. דאָ זיינען פאָרגעקומען די אמת׳ע פּאַסירונגען, וועלכע זיי ענטהאַל־טען, און דאָ זיינען געבאָרען געוואָרען די לעגענדעס, מיט וועלכע זיי זיינען דורכגעמישט.

אין א מאָדערנעם חדר אין פּוילען אָדער ליטא לערענט מען די ביבעל מיט דער הילף פון א לאַנדקאַרטע פון פּאַלעסטינע. ווען די קינדער פון פּאַלעסטינע לערנען תנ״ך, האָבען זיי די נאַטור גופא מיט איהרע בערג, טהאָלען, טייכלעך און וואַסער־קוואַלען פאַר א לאַנדקאַרטע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט שוין אָפּגעקויפט א גרויסען טייל פונ׳ם „עמק״ און זי האָפט מיט דער צייט אים אין גאַנצען צו ערווערבען. און פּונקט ווי דער „עמק״ איז די בלום פון ארץ־ישראל, אזוי זיינען די ראַדיקאַלע קאָלאָניעס די בלום פון דעם „עמק״.

* * *

ביידע טיפען ראַדיקאַלע קאָלאָניעס געהערען צו דער אַל־געמיינער ארבייטער־אָרגאַניזאַציע פון פּאַלעסטינע. און זיי זיי־נען ניט צוגעטשעפּעט צו איהר, נאָר זיינען א טייל פון איהר פלייש און בלוט. דאָס קומט אויס זאָנדערבאַר. וואָס פאַר א שייכות קען, דאכט זיך, א פאַרמער, וואָס ארבייט פאַר זיך,

האָבען צו טרייד־יוניאַנס, וועלכע קעמפּפען געגען פאַבריקאַנטען און באָס־פאַרמערס? און אפילו די קאָמונעס, ווי קומען זיי צו אַן אָרגאַניזאַציע פון לוין־ארבייטער, וואָס זיינען פאַראייניגט זיך צו באַשיצען געגען די, וואס עקספּלואַטירען זיי?

אָבער די ארבייטער באַוועגונג פון פאַלעסטינע איז אַ גאַנץ אנדער זאַך ווי די ארבייטער באַוועגונג אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. דאָס, וואס מיר האָבען דאָ אָנגעוויזען, איז ניט די איינציגע זאָנדערבאַרקייט, מיט וועלכער זי צייכענט זיך אויס; אָבער ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו ערקלערען איהר כאַראַקטער און באַקאַנט צו מאַכען דעם לעזער מיט די פאַרשידענע טיילען, פון וועלכע זי באַשטעהט. דאָ איז נאָר וויכטיג געווען צו דערמאָנען, אַז די ראַדיקאַלע קאָלאָניעס זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פאַלעסטינער צענטראַלער ארבייטער קערפּערשאַפט („הסתדרות הפועלים").

מיר האָבען דאָ אַלץ אין זינען די צוויי פארשידענע טיפּען פון ראַדיקאַלע קאָלאָניעס — די קאָמוניסטישע און די אינדיווידואַליסטישע. פון דיזע צוויי זיינען די ערשטע פאַרלויפיג פיל גרעסער אין צאָהל און אין באַדייטונג. די עכטע קאָמונעס שפּילען דיזע פאַר יאָהר די וויכטיגסטע ראָלע אין פאַלעסטינע.

די וויכטיגסטע אינדיווידואַליסטישע קאָלאָניע איז „נהלל" (עס ווערט אויסגעשפּראָכען „נאַהאַלאַל"), און זי איז געגרינדעט געוואָרען פון מענשען, וועלכע האָבען פריהער געהערט צו אַ קאָמונע. דער לעבען אין איהר איז זיי מיאוס געוואָרען. זיי האָבען געבענקט נאָך מעהר פערזענליכע זעלבסטשטענדיגקייט. און ביי זיי האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ טעאָריע פון האַלב־קאָאָפּעראַטיווען צוזאַמענלעבען, וועלכער איז געגרינדעט אויף פּריוואַט אייגענטום מיט געוויסע פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע, אויף אַ באַשטימטער פאַראייניגונג פון אינדיווידואַליזם מיט געמיינשאַפטליכקייט.

די איינפלוסרייכסטע פערזאָנען אין נהלל זיינען יאָפּע און אורי. דער ערשטער, וועלכער האָט געגרינדעט די אַגריקולטורשולע אין וואַודביין, ניו־דזשוירזי, איז דער טעאָרעטיקער פון אַלע קאָלאָניעס פון דיזען סאָרט. ער איז אויך דער פיהרער פון

דער פּאַרטיי „הפועל הצעיר״, די גענגערין פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי („אחדות העבודה״) פון פּאַלעסטינע.

נאָך דעם ווי איך האָב מיט איהם פאַרבראַכט ביי א שטונ־דע אין געשפּרעך, האָב איך איהם געפרעגט:

— איהר פּרעדיגט אַ מין אַנאַרכיזם?

— עס איז כמעט אזוי — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

מען קען אָבער ניט זאָגען, אז דער „הפּועל הצעיר״ איז אן אנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע. עס איז איבערהויפּט שווער צו פאַרשטעהן, אין וואָס עס באַשטעהט איהר פּראָגראַם.

אז יאָפּע איז אן אויפריכטיגער, ערנסטער מענש, קען קיין פראַגע ניט זיין. דאָס זעלבע געהט אויך אויף אורי׳ן. זיי און די אנדערע מיטגלידער פון זייער קאָלאָניע, מיט וועלכע איך האָב געשמועסט, און וועלכע האָבען אונז געוויזען די פאַרשידענע טיילען פון די פאַרמס און אַלץ ערקלערט — אַלע מאַכען זיי אַ גוטען איינדרוק.

דאָס זעלבע קען איך אויך זאָגען וועגען די מיטגלידער פון „כפר יחזקאל״ (אויך אן אינדיווידואַליסטישע קאָלאָניע), און פון די אַלע קאָמונעס, וואָס איך האָב באַזוכט. ווי ווייט מען קען זיך פאַרלאָזען אויף אַן ערשטען איינדרוק, זיינען זיי סימפּאַטישע מענשען, עהרליכע געווים. ניט קיין־עהרליכער מאַן וואָלט זיך אין אַזאַ קאָלאָניע לאַנג ניט געהאַלטען. מען וואָלט איהם אויסגעשלאָסען.

די אַרבייט אין די קאָלאָניעס איז שווער און די שפּייז זעהר אָרים. מען האָרעוועט פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, און דאָס עסען איז ניט גענוג אויפצוהאַלטען די כוחות פאַר אַזאַ פּראַצע. און דאָס לעבען איז איינטאָניג. און ווען דער אבענד־גלאָק קלינגט, און מען קעהרט זיך אום פון פעלד אָדער פון גאָרטען, אָדער פון שטאַל, איז מען אזוי פאַרמאַטערט, אז דער שלאָף איז דער בעסטער פאַרגעניגען, וואָס מען קען זיך ווינשען.

ווען מען זאָל דערביי ניט ציהען קיין גייסטיגען פאַרגעניגען פון דעם אידעאַל, וואָלט אַזאַ לעבען געווען קאַטאָרגע.

ניט אלע האָבען דיזען געפיהל. ניט אלע זיינען גליקליך אין די קאָמונעס. עס זיינען אָבער פאראַן גענוג אזעלכע, ביי וועמען דער גרויער לעבען אין דער קאָמונע איז באלויכטען מיט שטראַלען פון גייסטיגען זונענשיין.

פילע געהען פון זיי אוועק; אנדערע קומען אויף זייער פּלאַץ. די צאָהל מיטגלידער, וואָס בלייבען עטליכע יאָהר, איז ניט גרויס. די עלטסטע פון די נייע קאָלאָניעס אין פאלעס־טינע, „דגניה", עקזיסטירט שוין נאָהענט פון פופצעהן יאָהר. צווישען די פינף־און־צוואַנציג מיטגלידער, וואָס זי האָט היינט, זיינען פינף אין איהר פון דעם ערשטען טאָג אָן, און דאָס איז א סך. די איבעריגע קאָמונעס עקזיסטירען א סך ווייניגער. די גרעסטע פון זיי — נאָר א פיר־פינף יאָהר, און דער פּראָצענט פון די, וואָס זיינען פארבליבען ביז היינט, איז ניט קיין גרוי־סער.

די לעצטע פאָר יאָהר איז דער שטאַנד פון די קאָמונעס אזוי געשטיגען, אז זייער איינפלוס האָט זיך געלאָזט פיהלען אין געוויסע קרייזען, ניט נאָר אין פאלעסטינע, נאָר אויך אין רוס־לאַנד, אין פּוילען, אין דייטשלאַנד, טשעכאָ־סלאָוואקיע און זאָ־גאָר אין אמעריקע. א מין קאָמונע־צויבער שטראַהלט פון זיי ארוים. און יונגע לייט און מיידלאך, וועמען עס איז ענג אין זייער געבורטס־פּלאַץ, און א חוץ פאלעסטינע האָבען זיי ניט וואו־הין צו עמיגרירען, ווערען באהערשט פון זיין ווירקונג.

אין איינער פון די צוויי גרעסטע קאָלאָניעס — „תל יוסף" הייסט זי — האָב איך געזעהן א געבילדעטע אמעריקאנער־געבאָרענע מיידעל, פון נוארק, ניו־דזשוירזי. איהרע עלטערען און זאָגאָר איינע פון איהרע באָבעס זיינען אויך געבאָרען גע־וואָרען אין די פאראייניגטע שטאַאטען (זיי שטאַמען פון דייטשע יאָהודים). זי האָט געענדיגט סמיטה קאלעדזש ,און זי האָט גע־האַט א שטעלע אלס סאָשעל וואָירקער. ווען א מיידעל, וואָס האָט באזוכט פאלעסטינע, האָט פאר איהר געשילדערט דעם לעבען אין די דאָרטיגע קאָמונעס, האָט דאָס אויף איהר געמאַכט אזא שטאַר־קען איינדרוק, אז זי האָט באַשלאָסען צו פאָהרען אהין און אריינ־טרעטען אין איינער פון די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס.

איבער זעקס מאָנאַט שוין ווי זי לעבט דיזען שווערען לעבען.

— נו, ווי פיהלט איהר זיך? — האָב איך איהר גע־פרעגט.

— איך בין גליקליך — האָט זי געענטפערט, און איהר שטי־מע האָט געקלונגען מיט אבסאָלוטער אויפריכטיגקייט — די ערשטע צייט איז די ארבייט מיר געווען שווער. איך האָב זיך אָבער באַלד צוגעוואוינט. נאָר מיט דער שפּראַך איז אביסעל אונבאַקוועם. איך קען עטליכע תפילות אויף אויסענווייניג (איהר פאָטער איז א ראַבאַי פון א רעפאָרמירטער שול), אָבער די העברעאיש, וואָס מען רעדט דאָ, איז אַזוי אַנדערש. די אויס־שפּראַך איז א גאַנץ אַנדערע, און דאָס רוב פון די ווערטער זיינען מיר אונבאַקאַנט. די חבר'טעס ערקלערען מיר אָבער, און איך קען זיך שוין צוזאַמענריידען.

— ווי גיבען זיי אייך צו פאַרשטעהן די באַדייטונג פון די ווערטער? זיי קענען דען ענגליש?

— ניין. איך קען א ביסעל דייטש.

— ביי וואָס ארבייט איהר?

— די לעצטע פּאָר וואָכען ארבייט איך אין פעלד. פון מאָרגען אָן וועל איך ארבייטען אין קיך. (די ארבייט ווערט באַשטימט פון א קאָמיטע. ניט אימער דאַרף מען אויף א געווי־סער ארבייט דיזעלבע צאָהל מענשען. עס ווענדט זיך אָן דער צייט פון יאָהר און אָן אומשטענדען. אלזאָ, בייט מען די באַשטי־מונגען לויט די פאָדערונגען).

ווען איך האָב זי גערופען „מיסס האָפמאַן", האָט זי מיט א פאַרשעהמטען שמייכעל מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אז דאָס איז איהר ניט אנגענעהם.

— ווי דען זאָל איך אייך רופען? — האָב איך איהר גע־פרעגט.

— אָה, רופט מיך חנה, ווי אַלע רופען מיך דאָ — האָט זי געענטפערט.

אין אָבענד איז געווען א מיטינג, מיט רעדעס, און זי מיט נאָך צוויי מיידלאַך זיינען געשטאַנען אויף א באַנק און זיך צוגעהערט. זיי זיינען געשטאַנען מיט די אָרעמס איינע אַרום

די אנדערע, און איך האב געקענט זעהן, אז זי פיהלט זיך ווירק־ליך גוט צווישען זיי.

— וואס זאגט אייער מוטער אויף דיזען לעבען אייערען? — איז געווען איינע פון מיינע פראגען, וואס איך האב איהר גע־שטעלט.

— זי גלויבט, אז דאס איז ניט מעהר ווי אן עקספערימענט — האט זי געענטפערט מיט א פרעהליכען שמייכעל.

אויף מארגען אין דער פריה, פאר פרישטיק, האב איך איהר געזעהן אין קיך. די קאפ איז ביי איהר געווען ארומגע־וויקעלט מיט א פאטשיילקע, און זי איז געווען שטארק באשעפ־טיגט, שיילענדיג און שניידענדיג אוגערקעס.

מיט מיר צוזאמען איז אין קיך געשטאנען קאציזנא, דער „פארווערטס" פאטאגראפיסט, וועלכער איז קיין פאלעסטינע צו מיר געקומען פון ווארשע. ווען איך האב איהר געזאגט, אז ער וועט נעמען איהר בילד, האט זי זיך ענטזאגט.

— ער וועט אייך פאטאגראפירען צוזאמען מיט די אנ־דערע חבר'טעס פון קיך — האב איך איהר ערקלערט.

דאן איז זי מרוצה געווארען.

בשעת קאציזנא האט געהאלטען אין אנשטעלען זיין „קא־מערא", האט איינע פון די אנדערע צוויי מיידלאך זיך צולאכט אויפ'ן קול, און אום ניט צו שטערען דעם בילד, איז זי א לאכענדיגע אנטלאפען. עס זיינען, אלזא, געבליבען נאר צוויי, פריילייו האפמאן און א צווייטע חבר'טע.

עטליכע טעג שפעטער, ווען איך האב וועגען מיסס האפמאן דערצעהלט א באקאנטען אין תל־אביב, האט ער געפרעגט:

— איז זי א פארזעסענע, שוין ניט קיין יונגע און ניט קיין שעהנע?

די נואדקער מיידעל איז, אבער ניט מעהר ווי צוויי און צוואנציג יאהר אלט, און קיין מיאוס'ע איז זי אויך ניט. זי איז א גאנץ חנ'עוודיגע און סימפאטישע.

וואס עס טוט זיך ביי איהר אין הארצען, ווייס נאר זי אליין. ווי ווייט זי וועט דיזען לעבען אויסהאלטען, און אויב איהר מוטער האט רעכט, אז דאס איז נאר א מין „עקספערימענט"

ביי איהר — דאָס וועט די צוקונפט ווייזען. אז איצט איז זי באגייסטערט און פיהלט זיך גליקליך, אין דעם בין איך איבער־צייגט.

אין אן אנדער קאָמונע — אין א גרופּע פון יונגע לייט און מיידלאך, וואס ארבייטען אין א שטיין־ברעכעריי אין ירושלים — געפינען זיך צוויי אכטצעהן יעהריגע מיידלעך פון אמעריקע, און אן אנדער קאָמונע ערווארט אויך קאנדידאטקעס פון די פאר־איינינגטע שטאאטען.

איך האָב געהאַט אַ אינטערעסאַנטען לאנגען געשפּרעך מיט א יונגען דייטשען אַגראָנאָם, וועלכער איז א מיטגליד פון אן אנדער קאָמונע; מיט א יונגען מאַן פון בולגאריען, וועל־כער געהערט אויך צו איינער פון די קאָמונעס, און מיט א יונגען מאַן פון טשעכאָ־סלאָוואקיע, וועלכער געהערט צו דער זעלבער אָרגאַניזאציע.

ווי לאנג דיזע קאָמונעס וועלען אָנהאַלטען; וואס פאר א ווירקונג אויף זיי וועט האָבען די ענטוויקלונג פון אינדוסטריע אין פּאַלעסטינע, אויב אזא ענטוויקלונג וועט ווירקליך פּארקו־מען — דאָס זיינען פראַגען צו וועלכע מיר וועלען קומען אין פאַרלויף פון די ווייטערדיגע קאַפּיטלען. פאַרלויפיג האַלטען זיי אין רעכטען בליהען, אין א גייסטיגען זין יעדענפאַלס.

די פיהרער פון די קאָמונעס און פון דער אלגעמיינער אר־בייטער אָרגאַניזאציע דערצעהלען מיר, אז אין רוסלאַנד און אין פּוילען זיינען פאראן טויזענדער יונגע לייט וואס גרייטען זיך צו ערד־ארבייט אין די קאָמונעס פון פּאַלעסטינע; אז אין פּוילען זיינען זאָגאַר פאראַן באגייסטערטע אידישע יונגע לייט אזעלכע, וואס פארדינגען זיך אַלס פאַרם־ארבייטער ביי פּריצים צו לערנען זיך; אין רוסלאַנד קומט דאָס זעלבע פאָר אויף אן אנדער שטייגער, און דארטען שטעהען די קאָמונע־ציוניס־טען אויס פארפאָלגונגען פון דעם „טשעקא". זיי פארטראָגען אָבער אלץ אין דער האָפנונג ענדליך צו קומען אין פּאַלעסטינע און דאָרטען אריינצוטרעטען אין א קאָמונע.

די ראָלע פון די קאָמונעס אין פּאַלעסטינע

דער אַרבייטער-לעגיאָן און זיין פיהרער. — וואָס פאַר אַן איינדרוק ער האָט אויף מיר געמאַכט.

אין גאנצען זיינען אין פּאַלעסטינע פאראן ביי זעכצעהן אדער אכטצעהן קאָמונעס, און דער סך הכל פון די מיטגלידער, וואָס זיי האָבען איז איבער דריי טויזענד.

די קאָמונעס זיינען צוטיילט אויף צוויי גרופּעס און אויף עטליכע זעלבסטשטענדיגע.

עס איז אן אלטער כלל, אז וואו עס ענטוויקעלט זיך עפּעס א באוועגונג, ענטוויקלען זיך אויך פארשידענע פּארטייען און לאַגערען. אויף דעם קאָנטינענט פון אייראָפּע איז דאָס א גע־וועהנליכערע זאך ווי אין ענגלאנד אָדער אמעריקע. און ביי אידען פיהלט זיך דאָס נאָך מעהר ווי ביי ניט־אידען.

אַלע קאָמונעס פון פּאַלעסטינע זיינען אבסאָלוטע קאָמונעס, און עס איז ניטאָ קיין אורזאכע פאר וואָס זיי זאָלען זיין צו־טיילט אויף באזונדערע לאגערען. אָבער זייערע פיהרער האָ־בען באזונדערע געדאנקען (און אפשר אויך באזונדערע אמביציעס — טיילווייז, וויינינגסטענס). אַלזאָ, זיינען זיי צוטיילט אויף פארשידענע מחנות.

די פאַרשידענע מחנות זיינען טיילען פון דער זעלבער אַל־געמיינער ארבייטער אָרגאַניזאציע („הסתדרות הפועלים”), ווע־גען וועלכע איבען איז גערעדט געווארען. צו דער זעלבער צייט זיינען זיי אָבער צוטיילט אויף באזונדערע לאַגערן אויך.

די גרעסטע צוויי קאָמונעס זיינען „עין חרוד” (איין כאראָד) און „תל יוסף” (טעל יאָסעף). די ערשטע האָט צוויי הונדערט אכציג (280) מיטגלידער און די צווייטע אביסעל וויניגער.

די ערשטע געהערט צו איין קאָמונע־גרופּע, און די צווייטע — צו דער צווייטער. די אנדערע קאָמונעס זיינען קלענער. זיי האָבען פון פערציג ביז אכציג מיטגלידער.

ספּעציעל אינטערעסאנט איז די קאָמונען־גרופּע, צו וועלכער עס געהערט „תל יוסף". איהר נאָמען איז „גדוד עבודה" (ארבייטס־לעגיאָן), און צו איהר געהערען דריי פאַרם־קאָמונעס און קאָמונעס פון שטאָדט־ארבייטער.

פון אָנפאנג, ווען דער ארבייטס־לעגיאָן איז געגרינדעט געוואָרען, האָט „איין כאָראַד" אויך צו איהם געהערט. שפּעטער אָבער האָט זי זיך אָפּגעטיילט, און איצט זיינען מיט איהר פאַרבונדען אַ פּאָר שטאָדטישע קאָמונעס אויך.

דער ערשטער קאָמונע־מיטגליד, מיט וועלכען איך האָב גע־האָט אַ געשפּרעך אויף דער רייזע וואָס איך האָב געמאכט דורכ'ן „עמק יזרעאל", האָט געמאכט אַ באַמערקונג וואָס האָט אַ שייכות צו דיזען ענין. איך האָב איהם געפרעגט, אויב ער איז געוועזען אַ סאָציאַליסט אין דער היים, און אויף דעם האָט ער גע־ענטפערט:

— ניין, איך בין נאָר געוועזען אַ ציוניסט. דאָ, ארבייטענ־דיג, בין איך שוין ממילא געוואָרען אַ סאָציאַליסט. די ארבייט גופא האָט מיך צו דעם געבראַכט.

די באַמערקונג האָט מיך פאַראינטערעסירט. פאַר אַ כלל האָב איך איהר אָבער ניט אָנגענומען. סאָציאַליזם הייסט ביי יע־נעם יונגען מאַן, אַז מען דאַרף לעבען אין אַ קאָמונע. און אָט, מיט אַ פּאָר שעה פריהער, האָב איך באַזוכט אַן אנדער קאָלאָניע, און זי איז ניט קיין קאָמונע. דאָרטען ארבייטען די מיטגלידער אויך שווער, און זיי זיינען אויך איבערגעבענע ציוניסטען; און דאָך ווילען זיי דוקא לעבען אויף דעם גרונד פון פּריוואַט איי־גענטום. ניט אַלע קומען דורך די זעלבע ערפאַהרונגען צו די זעלבע געדאַנקען. ניט יעדער ווערט אַ סאָציאַליסט דורך דער ארבייט; און ווייט ניט יעדער וואָס ווערט אַ סאָציאַליסט, באַ־שליסט זיך צו לעבען אין אַ קאָמוניסטישער גרופּע. דער סאָציאַ־ליזם האָט אין זין אַז אַ גאַנצע לאַנד זאָל זיין אָרגאַניזירט אויף דעם פּרינציפּ פון סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם.

ווען עס זיינען אָרגאַניזירט געווארען די קאָמונעס אין פּאַ־לעסטינע, האָבען פּערזענליכע געדאנקען און נייגונגען דערביי געווים געשפּילט א גרויסע ראָלע, און די אידעען און דער ווילען פון די שטארקערע פּערזענליכקייטען האָבען, נאַטירליך, געווירקט אויף אַנדערע אויך. אָבער דאָס אַלץ איז נאָר איינע פון די אורזאכען, וועלכע האָבען די קאָמונעס געשאפען און זייער איינ־פלוס ענטוויקעלט. עס איז פאראַן נאָך אַן אורזאכע, און זי ליגט אין די אומשטענדען גופא, וועלכע האָבען די יונגע פּאַרמערס ארומגערינגעלט.

די נאַטור פון פּאַלעסטינע איז אַן אָרימע און דעם אָנפאַנ־גער ווייזט זי ארוים ווייניג גאַסט־פריינדליכקייט. ער מוז אר־בייטען אונגעהייער שווער, אויסשטעהן פארשידענע געפאהרען, און זיך לאַנג מוטשען איידער זיין פארם הויבט איהם אָן צו שפּייזען ווי עס איז. מיט דער צייט, נאָך דעם ווי מען לייגט אויף איהר אוועק קרעפטען, ווערט זי פרוכטבאר; און דאן איז זי טייער און ליב ווי א קרענקליכע קינד ביי דער מוטער.

אָבער די ערשטע יאהרען מוז מען זיין געגרייט אויף לויטער פּראצע און געפאהרען. און מיט דעם וואָרט „געפאהרען" מיינט מען ניט נאָר קראנקהייטען, וואס מען באקומט טריקענענדיג זומפּיגע פעלצער, נאָר אויך אַן אָנפאַל פון אַן אראבער אָדער פון א גאַנצע מחנה אראבער. וואָרים דאָס אַלץ האָט שוין געטראָפען ניט איין מאָל און ניט איין אידישער יונגער מאַן איז שוין געפאַלען אלס קרבן פון זיין פּיאָנער ארבייט.

צו זיין פאר זיך אַן איינצעלנער אָפּגעזונדערטער פּאַרמער איז אונטער אַזעלכע אומשטענדען, נאַטירליך, ניט ראַטזאַם.

אין די געשפּרעכען וואס איך האָב געהאַט ווענען די קאָ־לאָניעס, זייענדיג אין פּאַלעסטינע, האָב איך מעהר ווי איין מאָל געהערט א פארגלייך צווישען דעם אַמאָליגען ענגלישען אָדער האָלענדישן פּיאָנער, וואס האָט זיך באַזעצט אין אמעריקע, און דעם היינטיגען ציוניסטישען פּיאָנער, וועלכער קומט ווערען א פּאַרמער אין ארץ ישראל:

אין אמעריקע איז די נאַטור רייך. זי איז פול מיט בוימער און מיט פויגעל. אַלץ וואָס דעם פּיאָנער איז געווען נויטיג,

איז אַ האַק ארונטערצוהאַקען אַ בוים און צוזאַמענקלאַפּען אַ הייזעל פאַר זיך און אַ ביקס צו שיסן אַ פויגעל אויף מיטאָג. אגב איז דער זעלבער ביקס געווען אַ באַשיצונג געגען אינדיאַנער אויך. אין פּאַלעסטינע, ווידער, איז אַ בוים אַ זעלטענהייט און פויגעל אויך. און אַלס אַ פאַרטיידיגונג איז שוין דער ביקס ניט אַזאַ זיכערע זאַך ווי אין דער פּאַרציייטיגער אמעריקע, וואַרים אַזאַ וואַפע קען שוין דער אַראַבער אויך האָבען.

אויסקומען איינער אַליין אין אַ נייעם פּאַלעסטינישען געגענד, איז דעריבער אונמעגליך. מען מוז זיך באַזעצען גרופּענווייז. מען ציהט זיך ממילא איינער צום אַנדערען. און די שווערע פּראַצע מיט די געפאַהרען ברייגנען הערצער נאָך נעהענטער צוזאַמען.

אָהן באַגייסטערונג ווערט מען ניט קיין מיטגליד פון אַ קאָמונע. דאָס איז ניט קיין שטרענגער כלל. דאָך געוועהנליך איז דאָס אַזוי. אָבער באַגייסטערונג האָט דאָ ניט געפעהלט. ווארימע געפיהלען פון דעם רעליגיעזען סאָרט ווערען געבוירען פון יעדער באַוועגונג, וואָס איז געבויט אויף געזעלשאַפטליכע אינטערעסען, ניט אויף פּערזענליכע. דאָס געהט אייגענטליך ניט דוקא אויף באַוועגונגען, נאָר אויך אויף אַלץ וואָס אַ מענש טוט ניט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר אַנדערע. ווען מ׳קומט אימיצען צו הילף, ווערט ווארים אויפ׳ן הארצען; און אויב איהר ווילט, קענט איהר אַזאַ געפיהל רופען באַגייסטערונג.

אין די לעצטע עטליכע יאַהרען איז די ציוניסטישע באַוועגונג שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרען, דורך אַלערליי נייע אידישע טראַגעדיעס פון איין זייט, און דער באַלפור דעקלעראַציע פון דער אַנדערער זייט. פונ׳ם פלאַם פון באַגייסטערונג איז געוואָרען אַ פלאַקער. עס איז פאַרדאָפּעלט געוואָרען דער נאַציאָנאַליזם. עס איז אָבער אויך פאַרדאָפּעלט געוואָרען די אָפּפערווילליגקייט.

עס זיינען געווען צייטען און ערטער, וואו קינדער זיינען געשטאָרבען ווי די פליגען, — אַזוי אונגעזונט זיינען געווען יענע געגענדען. מען איז אָבער פון די פאַרמס ניט אַנטלאָפען. מען האָט אַלץ איבערגעטראָגען און ווייטער געשטעלט דעם לעבען

אין קאָן, און ווייטער געארבייט טאָג און נאכט. היינט זיינען די ערטער שוין געזונטע, היינט ווייזען די פארמערס אויף זיי אָן מיט שטאָלץ, און היינט נעמט מען זיך צו נייע זומפּיגע געגענדען.

מ'איז דערגאנגען צו אזא שטופּע פון התלהבות, אז א געוויסע גרופּע האָט ערקלעהרט פאר איהר פליכט און אויפגאבע צו בעארבייטען גראָד די ערגסטע און געפעהרליכסטע פלעצער, און צו טאָן גראָד די שווערסטע ארבייט — ניט נאָר אלס פארמערס, נאָר סתם אלס ארבייטער.

„פאראַן באשעפטיגונגען, פאר וועלכע אידען נעמען זיך געוועהנליך ניט — האָבען זיי געזאָגט, — ברעכען שטיינער, צום ביישפּיל, אדער בויען שאָסעע־וועגען. לאָמיר ווייזען אז אידען זיינען אויף דעם אויך פעהיג; און אז זיי האָבען חשק דערצו אויך. לאָמיר געהן בעארבייטען די ווילדסטע און זומפּיגסטע ערטער! לאָמיר ווייזען, אז אידען שטעלען זיך ניט אָפּ פאר קיין שווערינקייט און פאר קיין סכנה, אז זיי האָבען ליב זייער ארץ ישראל און זיינען באריים אויך צו אָפּפערען זיך פאר איהר".

אזעלכע רייד האָט מען געהערט פריהער אויך, אָבער אלס די דייטליכע פּראָגראַם פון אַן אָרגאַניזאַציע זיינען זיי צום ערשטען מאָל ארויסגעזאָגט געווארען מיט פינף יאהר צוריק. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע האָט זיך א נאָמען געגעבען „גדוד עבודה" — „דער ארבייטער לעגיאָן". זיי דארפען זיין דער אידישער אוואַנגאַרד, די מחנה וואָס געהט די ערשטע אין פייער...

זי באשטעהט פון עטליכע קאָמונעס, וועלכע געפינען זיך אין פארשידענע פלעצער, און זי באשרענקט זיך ניט אויף ערד ארבייטער, נאָר זי נעמט אריין קאָמונעס פון שטאָדט־ארבייטער אויך. זיי זיינען באשעפטיגט ביי אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

ווען די אָרגאַניזאַציע באשטימט אז א געוויסער מיטגליד איהרער זאָל זיך אריבערציהען פון איין קאָמונע, אדער פון איין פארם־קאָלאָניע אין א צווייטער — פון איין שטאָדט־גרופּע אין

א צווייטער, צי פון א שטאָדט־גרופּע אין א לאַנד־גרופּע, אָדער פּאַרקעהרט — מוז ער פּאָלגען.

פון אָנהויב האָט דער „גדוד" געפּרופּט איינפיהרען אז די פינאַנסען פון אַלע זיינע קאָמונעס זאָלען זיין אַלגעמיינע; ווען א שטאָדט־גרופּע וועט אויספּעהלען אַרבייט, למשל, זאָל זי געשטיצט ווערען פון די אַנדערע קאָמונעס פון דער אָרגאַניזאַציע. מיט אַנדערע ווערטער, אַלע קאָמונעס פון דעם „גדוד" זאָלען זיין איין קאָמונע.

דאָס איז אָבער ניט געווען אַזוי לייכט דורכצופיהרען. די לאַנד־קאָמונעס, צום ביישפּיל, זיינען עקאָנאָמיש נאָך אַליין שוואַך; זיי נויטיגען זיך אַליין אין הילף אום זיך אויף די פיס צו שטעלען. ווען זיי זאָלען דעקען די דעפיציטען פון זייערע שוועסטער־גרופּען, וואָלט דאָס פאַר זיי געווען אַן עקאָנאָמישער אָפּהאַלט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די גרעסטע פון זיי, „עין חרוד", האָט איבער דעם פאַרלאָזען דעם „גדוד". די צווייטע גרויסע לאַנד־קאָמונע, „תל יוסף", איז אין איהם פאַרבליבען; אָבער היינט אַנטזאָגט זי זיך אויך צו דעקען די דעפיציטען פון די אַנדערע גרופּען. דער דערמאָנטער כלל איז אייגענטליך גע־בליבען נאָר אויף פּאַפּיר. עקאָנאָמיש איז יעדע גרופּע פון דעם „גדוד" א זעלבסטשטענדיגע קאָמונע. אין אַנדערע באַציהונגען אָבער זיינען זיי אַלע פאַראייניגט.

דער „גדוד" איז געגרינדעט געוואָרען צו זיין אימער באַרייט דער ערשטער צו געהן אין פייער. און דיזען נדר זיינעם איז ער טריי. אָבער ער איז ניט דער איינציגער אין דיזער ראָלע. דער „עין חרוד" און די אַנדערע קאָמונעס וואָס זיינען מיט איהם פאַראייניגט, און די זעלבסטשטענדיגע קאָמונעס, אַלע דינען זיי דער ציוניסטיש־קאָמוניסטישער אידייע ניט ווייניגער טריי ווי די „גדוד"־גרופּען.

ביי ביידע פאַראיינען טוען די מיטגלידער די שווערסטע אַרבייט פון פריה ביז נאַכט, און קומען אָפּ מיט אָרימע שפּייז, ניט אָפּזאָגענדיג זיך פון קיין געפאַהר און ניט ערוואַרטענדיג קיין מאַטעריעלע פערזענליכע נוצען פאַר זיך.

וואָס מען זאָל ניט זאָגען וועגען זייער שטאַנדפּונקט, אָדער

וועגען די פראקטישע ממשות פון זייערע שטרעבונגען, אזא לעבען מוז ארויסרופען דעם טיפסטען רעספעקט. עס איז דעריבער נאטירליך, אז די אנדערע ציוניסטען (מיט דער אויסנאהמע אפשר פון די ארטאדאקסישע, וועלכע קענען ניט פארשטעהן קיין אנדער בעגייסטערונג ווי א רעליגיעזע) שטעהען פאר זיי אהן א היטעל, אזוי צו זאגען. זיי, די קאמונע-ציוניסטען, זיינע די אמת'ע פיאנערען! זיי זיינען די אמת'ע העלדען פון דעם ציוניזם!

נחום סאקאלאוו האלט גאנץ ווייט פון קאמוניזם אדער סאציאליזם. ווען איהם איז אבער אויסגעקומען צו ריידען מיט מעבטיגע פאליטיקער וועגען אידישע אויפטואונגען אין פאלעסטינע, מיט וואס האט ער זיך ספעציעל בארימט? מיט די דארטיגע קאמונעס!

* * *

דער פירער פון דער גרופע קאמונעס, וואס זיינען פאראייניגט אין דער ארגאניזאציע „גדוד עבודה" איז א יונגערמאן מיט'ן נאמען מענדעל עלקין. אין פאלעסטינע האב איך אפט געהערט ריידען וועגען איהם. טעטיגע מיטגלידער פון דער אלגעמיינער ארגאניזאציע האבען מיר געזאגט, אז אין זיין פאליטישער פראגראם איז ער שטארק גענויגט צום באלשעוויזם, הגם דעם דריטען אינטערנאציאנאל אנערקענט ער ניט, ווייל דער דריטער אינטערנאציאנאל איז געגען ציוניזם.

עלקין'ס איינפלוס איבער די זעקס אדער זיבען הונדערט „גדוד" מיטגלידער איז זעהר גרויס; אלזא, מאכט דאס דעם איינדרוק, אז פריהער אדער שפעטער וועט ער זיינע אנהענגער אין גאנצען פארשלעפען צום באלשעוויזם.

זיינע פאליטישע געגנער אין דער פאלעסטינישער ארבייטער באוועגונג רעדען וועגען איהם אהן פיינדשאפט. אבער דאס, האב איך צוערשט געגלויבט, הייסט נאר, אז זיי ווילען פאר א „זייטיגען" מענשען ניט אויסזאגען פון חדר. אז עלקין'ס פאליטיק איז זיי ניט צום הארצען, איז פאר מיר געווען דייטליך.

מיר האט זיך געוואלט זיך זעהען מיט איהם. ער איז אבער דאן געווען ניט געזונד, און די צייט האט מיר ניט ערלויבט ארייבערצופאהרען אויף דעם פלאץ, וואו ער האט זיך דאן געפו־

נען. דאָך פאַרלאָזען פּאַלעסטינע ניט האָבענדיג געהערט פון איהם אליין און וואס עס באשטעהט זיין פּאָליטישע פּראָגראם, האָב איך נישט געוואָלט; האָב איך ניט גערוהט ביז מיין וואונש איז פאַרווירקליכט געוואָרען.

א טאָג פאַר מיין פאָהרען האָבען מיר זיך געזעהן, און פאַר־בראַכט א פּאָר שטונדען צוזאַמען.

ער מאַכט א זעלטען־גוטען איינדרוק. גלייך ווי איהר גיט א קוק אויף איהם, הויפּטזעכליך, ווען איהר זעהט זיין שמייכעל, געווינט ער אייער סימפּאַטיע. און ווען איהר זיצט און רעדט מיט איהם, געפינט ער ביי אייך מעהר און מעהר חן.

ער איז אכט־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, א הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט ריינע, אונשולדיגע, קינדעריש־עהרליכע אויגען.

ער האָט געטראָגען א ווייסע בלוזקע, ווי די וואס כמעט אלע ראַדיקאַלע יונגע לייט טראָגען אין תל אָביב און אין די קאָלאָניעס, און אין אַלגעמיין איז ער געווען געקליידעט זעהר אָרים, ווי א גאַנץ פּראָסטער טאָג־ארבייטער.

ער האָט געענדיגט א גימנאַזיע אין קרים און האָט צוויי יאהר פאַרבראַכט אין דעם יעקאַטערינאָסלאווער פּאָליטעכניקום. אז ער איז א פּאָלשטענדיג אינטעליגענטער מענש איז איבעריג צו זאָגען. ער איז אָבער אויך א פעהיגער מענש. ער האָט א קלאָהרען און שאַרפען קאָפּ; ער איז אַן אויסגע־צייכענטער לאָגיקער.

— אין גימנאַזיע און אין פּאָליטעכניקום האָט מען אייך מסתמא געהאַלטען פאַר א גוטען מאַטעמאַטיקער — האָב איך באַמערקט נאָך דעם, ווי איך האָב ביי א האַלבע שטונדע זיך צוגעהערט צו דער פּאָליטישער טאָעריע, וועלכע ער האָט פאַר מיר פאַנאַנדערגעוויקעלט.

— יא, — האָט ער געענטפערט מיט זיין קינדעריש־אָפענהערציגען, צויבערפולען שמייכעל.

ער האָט פאַרטגעזעצט. פון צייט צו צייט האָב איך איהם אונטערבראָכען מיט א פראַגע.

דער „גדוד” באַשטעהט הויפּטזעכליך פון מיטגלידער, וואס זיינען נאָך פיל אינגער ווי ער. און ווען איך האָב געזעהן

ווי מאגנעטיש און פעהיג ער איז, איז דער צויבער, וואס ער האט איבער זיי, פאר מיר געווארען א גאנץ נאטירליכע זאך.

„אויב מיר זיינען א פאליטישע פארטיי, איז דאס ניט אינ'ם געוועהנליכען שמאלען זין — האט ער געזאגט — נאר אין א ברייטען. דאס הייסט אין א פילאזאפישען זין. מיט דעם מיין איך צו זאגען, אז מיר באשרענקען זיך ניט אויף די רעזולטאטען וואס וועלען ארויסקומען אויפ'ן שטעל, נאר מיר האבען אויך אין זינען מיט אונזער טעגליכען לעבען מיטצואווירקען אין דער באפרייאונג פון דער מענשהייט. אט אין דעם באשטעהט דער אונטערשיד צווישען אונז און די אנדערע קאמונעס. מיר האבען צוויי צילען, איינע האט א נאציאנאלען כאראקטער, און זי באשטעהט אין דעם, וואס מיר העלפען אויפבויען פאלעסטינע. די אנדערע האט א סאציאלען כאראקטער און זי באשטעהט אין דעם, וואס מיר שטרעבען צו העלפען אויפבויען די קאמוניסטישע געזעלשאפט אויף דער וועלט.

„סאציאל־קאמוניזם איבער גאנץ פאלעסטינע איז היינט נאך אונמעגליך. דאס וועט מעגליך ווערען ערשט נאך דער סאציאלער רעוואלוציע. אין דער הינזיכט איז פאלעסטינע ניט קיין אויסנאהם פון אנדערע לענדער. דער „קרן היסוד" און דער „קרן קימת" זיינען ניט גרוים גענוג צו געבען די קאלאניעס די נויטיגע שטיצע. דארום זיינען פריוואט אונטערנעמונגען אין ארץ ישראל אונפארמיידליך. אהן פריוואט אונטערנעמונגען וועט מען די לאנד מיט א גרויסע אידישע באפעלקערונג באזעצען ניט קענען. א חוץ דעם, ביי א פיל פארגרעסערטע אימיגראציע וועלען די צוויי פאנדען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע זיך ניט קענען באשריינקען אויף קאמוניסטישע קאלאניעס און קאמוניסטישע אינדוסטריע, נאר זיי וועלען העלפען פריוואט אייגענטימער אויך.

— ווי פארהאלטען זיי זיך פארלויפיג? — האב איך איהם געפרעגט.

— פארלויפיג פארהאלטען זיי זיך אויסגעצייכענט — איז געוועזען זיין ענטפער — מיר האבען זיי אייגענטליך מאנאפאליזירט. אבער ווי לאנג קען דאס אנהאלטען? עס באוויזען זיך

שוין פאַרשטעהער פון פּריוואַט־אייגענטום, וואָס פאָדערען א חלק.

„קורץ, פּאַלעסטינע וועט מוזען געהן דורך דעם זעלבען וועג ווי אנדערע לענדער — דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אנ־דערש וועט זי צו אמת'ע עקאָנאָמישע פרייהייט און גלייכהייט ניט קענען קומען. אלזאָ, האַלטען מיר עס פאַר אונזער פליכט אנטייל צו נעמען אין דעם קלאַסען־קאַמף, ביז די סאָציאַלע רע־וואָלוציע וועט קומען. דאָס קענען מיר טאָן דורך אונזערע שטאָדטיגע קאָמונעס, וואָס זייערע מיטגלידער אַרבייטען מייסטענס ביי פּריוואַטע בעלי הבתים.

דאָ האָב איך איהם געשטעלט א פראַגע וועגען דעם „גדוד'ס" האַלטונג צו דעם „סולל־בונה" — צו יענער אָפּטיי־לונג פון די פּאַלעסטינער פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, וועלכע שפּילט די ראָלע פון א קאָאָפּעראַטיווען קאָנטראַקטאָר. דיזע אָרגאַניזאַציע, וועלכע וואַקסט אין דער מאָס פון איהר אונ־טערנעמונגען און אין מאַכט, נעמט אָן צו בויען הייזער, שאָ־סעען, בריקען א. ז. וו., און זי גיט די אַרבייט אַרויס צו יוניאַנס אָדער צו גרופּען וואָס געהערען צו יוניאַנס. די שטאָדטיגע גרופּען פון דעם „גדוד" אַרבייטען ביי דיזען אַנשטאַלט, היינט ווי פיהרען זיי זיך אויף, אויב זיי גלויבען אז די שכירות זיי־נען צו קליין?

— ביי דעם „סולל בונה" סטרייקען מיר ניט — האָט עלקין געענטפערט — מיר סטרייקען נאָר ביי פּריוואַט קאַפּיטאַל.

— אָבער די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נאָך ניט די קאָ־מוניסטישע געזעלשאַפט — האָט ער זיך אומגעקעהרט צו זיין ערקלעהרונג — זי איז נאָר אן ערשטע סטאַנציע אויפ'ן וועג צו איהר. און דער איבערגאַנג פון דער ערשטער סטאַנציע צו דעם אמת'ן קאָמוניזם וועט נעמען מעהר צייט און מעהר אַר־בייט ווי רעוואָלוציע. אונזער ציעל איז צו שאַפען אן אינערליכען פונדאַמענט פאַר דעם עקאָנאָמישען לע־בען פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. איך מיין א סיסטעם, ווי אזוי צו אָרגאַניזירען די אַרבייט און די געגענ־זייטיגע פאַרהעלטנישען אין באַצוג צו דער אַרבייט. דער קאַ־פּיטאַליזם האָט זיך זיין סיסטעם דערצו. זי איז געבויט אויף

דער מורא פאר הונגער. דער ארבייטער מוז ארביי־טען, ווארים אז ניט, האט ער ניט וואס צו עסען. און דער קאפיטאליסט, ווידער, קומט אין פאבריק ווייל זי גיט איהם נייע און נייע רייכטימער. אין א קאמוניסטישער געזעלשאפט אבער זיינען דיזע טרייב־מיטלען ניטא. אלזא, מוז מען געפינען אנ־דערע. דאס ברענגט אונז צו די נייע פארמען פון לעבען אין א קאמוניסטישער געזעלשאפט.

„די פאמיליע ווערט צופאלען, און צוזאמען מיט איהר צו־פאלען זיך אויך אנדערע טיילען פון לעבען אין א קאפיטאליס־טישער געזעלשאפט. פון דער אנדער זייט אבער, שאפען די נייע באדינגונגען נייע באדירפניסע אין דעם קולטור־לעבען פון דער געזעלשפט.

„אין דער סאציאלער טייל פון זיין פראגראם האט דער „גדוד" דעריבער די פאלגענדע דריי אויפגאבען: 1) דעם קלא־סען־קאמף; 2) צו שאפען א אינערליכען פונדאמענט פאר דעם קאמוניסטישען עקאנאמישען לעבען פון דער געזעלשאפט, און 3) צו שאפען דעם ספעציעלען סארט קולטור און דעם ספעציעלען טיפ צוזאמענלעבען, וועלכער וועט זיך פאדערען אין א קאמו־ניסטישער געזעלשאפט. די נומערען 2 און 3 לאזט די ארבייטער באוועגונג פון דער וועלט פארלויפיג איבער ביז נאך דער סא־ציאלער רעוואלוציע. דאס איז דערפאר, ווייל זיי האבען ניט קיין מעגליכקייט צו בויען קאמונעס ווי אונזערע. אין דיזער באציהונג געפינען מיר זיך אין א ספעציעלער לאגע. א חוץ דעם: אזוי ווי רוסלאנד מאכט שוין אן אנהויב אין דעם פונקט 2 און דעם פונקט 3, האבען דיזע צוויי אויפגאבען פאר אונז א דייטלי־כע פארמע. אלס א טייל פון דעם ארבייטער קלאס פון דער וועלט זעהען מיר דיזע פונקטען גאנץ קלאר."

לויט דיזע ווערטער זיינע, האב איך ערווארטעט, וועט ער ענדיגען אויף אן עכט־באלשעוויסטישען שטייגער. אבער, ערש־טענס האט ער באלד באמערקט, אז ער האלט די רוסישע רעוואלו־ציע פאר א „מפיל־קינד" (ער האט געברויכט דעם רוסישען וואָרט „וויקידיש"), און, צווייטענס האט ער גענומען באוויי־

זען, פאר וואס דער „גדוד" טאָר ניט און קען ניט געהן אין פּאָליטיק אלס א פּאָליטישע פּארטיי אין דעם געוועהנליכען זין.

„מיר זיינען אין דעם קלאסען־קאמף — האט ער ווידער פאָרטגעזעצט — אָבער דאס מערקט זיך ניט אזוי שארף ווי ביי א פּאָליטישער פּארטיי, מיט א דייטליכע פּאָליטישע קלאסען־פּראָגראם. קיין פּראָגראם אלס א פּארטיי, וואס קען געהן אין די וואהלען, האָבען מיר ניט. אונזער פּאָליטישע ראָלע איז נאָר אין באצוג צו דער פּארבערייטונגס־ארבייט וואָס מיר טוען אין אונזערע קאָמונעס פאר דער צוקונפטיגער קאָמוניסטישער געזעלשאפט.

— ווי זשע טוט איהר אין דער צייט פון וואהלען?

— מיר לאָזען אונזערע מיטגלידער שטימען פאר וועמען זיי ווילען. ביי פּערציג פון זיי זיינען סאציאל־דעמאָקראטען („אחדות העבודה") און ביי פערציג סימפּאטיזירען מיט דעם „פּועל הצעיר", אדער מיט די „לינקע פּועלי ציון". ביי אונז קענען זיין אי באָלשעוויקעס, אי סאָציאליסטען פון דעם צווייטען אינטערנאציאָנאל. מיר פאדערען אָבער פון אלע מיטגלידער א באשטימטען שטאַנדפּונקט אין באצוג צו דער צוקונפטיגער פאָרמע פון דער געזעלשאפט. וואָרים מיר מאַכען דאָך שוין עקספּערימענטען פאר דער צוקונפט. מיר לייגען דאָס ניט אָפּ, ווי די ארבייטער פון אנדערע לענדער טוען. די צוקונפטיגע מענשליכע געזעלשאפט פארנעמט אונזער ערנסטע אויפמערקזאמקייט. מיר גרייטען זיך צו איהר.

„און דאָס איז ווידער אן אורזאכע פאר וואָס מיר קענען ניט זיין א פּאָליטישע פּארטיי. א פּאָליטישע פּארטיי באנוגענט זיך מיט דעם מיטגליד'ס מיינונגען, איבערצייגונגען. אויב ער נעמט אָן דער פּארטיי'ס פּראָגראָם איז גענוג. מיר אָבער שטעלען זיך מיט דעם אליין ניט צופרידען, מיר פאדערען, אז דער מיטגליד זאָל מאכען א פּאָלשטענדיגע רעוואָלוציע אין זיין אינערליכען לעבען, אין א מאָראלישען און קולטורעלען זין אזוי גוט ווי אין אן עקאָנאָמישען. א ראדיקאלע איבערקעהרעניש אין זיין גאנצען פּערזענליכען טעגליכען לעבען פאדערען מיר. און דאָס איז ניט קיין לייכטע זאך. פון צעהנדליגע אדער הונ־

דערטע טויזענדער מענשען קענט איהר דאס ניט פאדערען, און א פאליטישע פארטיי מוז אריינגעמען אין זיך טויזענדע און מיליאנען".

ריידענדיג וועגען דעם דריטען אינטערנאציאנאל, האט על־קין געזאגט, אז דעם „גדוד" איז אונמעגליך צו געהען צו איהם, און ער האט אנגעגעבען די פאלגענדע אורזאכען:

— ערשטענס זיינען מיר דאך ניט קיין פאליטישע פארטיי — האט ער געזאגט, — אלזא האבען מיר צו איהם קיין שייכות ניט. צווייטענס קענען מיר ניט אננעמען זיין שטאנדפונקט וועגען דער נאציאנאלער פראגע, און דריטענס, קענען מיר זיך ניט אונטערשרייבען אונטער זיין קאלאניע־פאליטיק, ווארים אין זיין שטרעבונג צו פארניכטען ענגלאנד, איז דער דריטער אינ־טערנאציאנאל באריט זיך צו באנוצען מיט דער בורזשוא־פריי־צישער באוועגונג פון די אראבער.

זיין ערקלערהונג איז געווען שטרענג לאגיש און פול מיט דעם העכסטען אידעאליזם. אלס א קייט פון ארגומענטען, איז זי געווען ריכטיג. דער שלום אבער, צו וועלכען ער איז דורך איהר געקומען, און דער גאנצער עיקר פון זיין טעאריע, שמעקט א סך מעהר מיט יוגענט ווי מיט לעבענס־ערפאהרונג. אביסעל מעהר ערפאהרונג, אביסעל מעהר באקאנטשאפט מיט דער וועלט און מיט איהרע מענשען, מיט די קנייטשען און שאטענס פון דער ווירקליכקייט, און ער וועט זיין איצטיגע פילאזאפיע אפרוקען אן א זייט מיט א שמייכעל.

אויף א רייהע פראגען, וואס איך האב איהם געשטעלט צום שלום, האט ער געגעבען די פאלגענדע ענטפערים:

„עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז אהן קאפיטאליזם וועט מען פאלעסטינע ניט קענען אויפבויען."

„מיר זיינען א קליינינקע וועלטעלע. אבער מיר מאכען די עקספערימענטען, וועלכע די גרויסע ברייטע וועלט וועט מוזען מאכען. מיט אונזערע ערפאהרונגען וועלען מיר פארלייכטערען דעם פראצעס."

„דער פיינליכער ביישפיל פון דער רוסישער רעוואלוציע איז קיין באווייז ניט. מיר לעבען איצט איבערהויפט אין א רעוואלו־

ציאָנערער צייט. דאָס וואָס קומט איצט פאָר מיט דעם ארבייטער־קלאַס אין ענגלאנד, איז וויכטיגער ווי דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאנד."

איך האָב געפּרובט פאר איהם אויסדריקען דאָס פאָלגענדע:

די מענשהייט ענטוויקעלט זיך ניט לויט די סאָציאַלע עקספּערימענטען פון קליינע גרופּען. זי געהט מיט איהר גאַנג אַלס א גאַנצע. סאָציאַלע „לאַבאָראַטאָריעס" קענען פאר איהר גאָר ניט אויפטאָן. מיט דעם וואָס עטליכע קליינע קאָמונעס וועלען פיהרען אַן אידעאַלען לעבען, וועלען זיי דער געזעלשאַפט איהר צוקונפטיגען קאָמוניסטישען געבורט ניט פארגרינגערען.

מיין ארגומענט האָט אָבער אויף איהם קיין איינדרוק ניט געמאכט, און אין ווייטערע דרכים האָב איך זיך ניט געוואָלט ארייגלאָזען. מיין צוועק איז געווען צו הערען וואס ער זאָגט, ניט צו דעבאטירען.

ווי מ׳פיהלט זיך אין די קאָמונעס

באַגייסטערטע מיטגלידער און ניט־באַגייסטערטע. — פאַר־העלטנישען צווישען די מיטגלידער. — דער אונטערשיד צווישען די פאַלעסטינער קאָמונעס און די אַמאָליגע אידישע קאָמונעס אין אַמעריקע.

מענדעל עלקין, דער פיהרער פון די „גדוד" קאָמונעס אין פאַלעסטינע, זאָגט אליין אז פון די קאָמונעס געהען אוועק פילע מיטגלידער, אז אין די פינף יאָהר, וואָס דער „גדוד" עקזיסטירט, זיינען דורך איהם דורכגעגאנגען ביי צוויי טויזענט יונגעלייט און מיידלאך, און אז פון זיי איז געבליבען נאָר 650.

עהנליכעס איז מיט די אנדערע קאָמונעס אין פאַלעסטינע. מיטגלידער געהען אוועק; עס קומען נייע. פון זיי געהט אויך אוועק א היבשער פראָצענט, און אויף זייער פלאַץ קומען ווידער נייע.

„ניט אלע זיינען מאָראליש פעהיג צו זיין מיטגלידער אין א „קאָמונע" — זאָגט עלקין. און די זעלבע מיינונג האָב איך געהערט פון אנדערע פיהרער פון דעם קאָמונע־לעבען אין ארץ ישראל.

„עס פאָדערט זיך א שטאַרקער כאַראַקטער, א פעהיגקייט צו לעבען אינגאַנצען פאַר א אידעע" — האָט איינער פון זיי ער־קלערט. און ער האָט צוגעגעבען די פאָלגענדע ווערטער: „דער וואָס שטעלט ניט דאָס אויפבויען פון ארץ ישראל העכער פאַר זיין אייגענעם וואוילטאָג, וועט לאַנג אין א קאָמונע ניט בלייבען".

ווען מען באַטראַכט די קאָמונעס, זעהט מען אז זיי ענט־האַלטען ווירקליך א געוויסע צאָהל מענשען פון דעם קלאַס, וואָס איז דאָ באַצייכענט געוואָרען — פון די מאָראַליש־שטאַרקע און באַגייסטערטע. אָבער נאָר א געוויסע צאָהל. עס איז א פאַקט,

אז צווישען די וואָס פארבלייבען אין זיי א לענגערע צייט, געפינט זיך א גרויסער פּראָצענט מענשען מיט שוואכע כאראקטערס, און אזעלכע וואָס האָבען ניט קיין ספּעציעלע פעהיגקייט באגייסטערט צו ווערען פאר אן אידעע.

אום צו דערגעהן וואָס אין אזא קאָלאָניע טוט זיך, און באקאנט ווערען מיט די פארשידענע טיפּען, וואָס געפינען זיך אין איהר, וואָלט איך, נאַטירליך, באדארפט לעבען אין אזא קאָלאָניע, אָדער שטאָדטיגע גרופּע, ווענינסטענס א פּאָר וואָכען. איך האָב געטאָן די „נעקסטע בעסטע" זאך: איך האָב געהאט גרונטיגע געשפּרעכען מיט פארשידענע מענשען וואָס לעבען איצט אין די קאָמונעס, און מיט פארשידענע וואָס האָבען דאָרטען געלעבט; אויך מיט אנדערע פּערזאָנען, וואָס זיינען גוט באקאנט מיט דעם לעבען אין זיי.

די וואָס געהערען איצט צו א קאָמונע, וועלען ווענען איהר, נאַטירליך, שלעכט ניט ריידען, אויב זיי פיהלען זיך אין איהר גליקליך, ווען זיי איהר לויבען פון גאנצען הארצען; אויב ניט, ווען זיי זייערע אמת'ע מיינונגען באהאלטען. אומגינסטיגע ווערטער קען מען נאָר הערען פון די, וואָס זיינען פון די קאָמונעס אוועק; און דאָס אויך ניט פון קיין סך. ווי איך האָב שוין ערקלערט ביי א פריהעריגער געלעגענהייט, האלט מען אין פּאַלעסטינע — אין אזא פאל — פון דעם כלל, אז שווייגען איז געזינטער ווי ריידען.

און נאָך א זאך: ניט יעדער וואָס איז בארייט אייך אָפענהערציג צו ענטפערען אויף אייערע פראגען, איז אימשטאנד אייך צו געבען דאָס וואָס איהר האלט פאר וויכטיג. דער געוועזענער קאָמונע מיטגליד, מיט וועלכען איהר רעדט, האָט טאקע געלעבט אין די קאָמונעס א היבשע צייט, און אפשר זאָגאר א לאנגע צייט; ער איז אָבער ניט פון די, וועלכע באמערקען וואָס עס טוט זיך ארום זיי. עס פעהלט איהם בעאָבאכטונגס־פעהיגקייט און כאראקטער־באגריף.

דאָך האָט זיך מיר איינגעגעבען באקאנט צו ווערען מיט אייניגע מענשען וועלכע האָבען מיר געקענט געבען א סך וויכטיגעס וועגען דער „אנדערער זייט פון דעם מעדאל". יעדענפאלס, האָב

איך זיך אָנגעהערט אַזוי פיל פאַקטען, אַז מאַסע איינצעלהייטען וועגען דעם לעבען אין די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, אַז פון דעם גופא איז מיר ניט שווער געווען זיך צוזאַמענצושטעלען דעם בילד וואָס איך האָב געזוכט.

א סך פון די פּאַסירונגען און די איינצעלהייטען וואָס איך האָב געהערט פון געגנער, איז אַזוי שטאַרק באַפאַרבט מיט פּאַרטייאישקייט, אַז זי שטעכט פּשוט אין די אויגען. דאָס רוב איז אָבער געווען לייכט די קערנער אַרויסצוזיפּען פון די מעקענע.

די גייסטיגע זייט האָב איך באַקומען פון די פיהרער פון די קאָמונעס און פון דער אַרבייטער באַוועגונג בכלל. אָבער דאָ מוז מען ווידער זאָגען דאָס זעלבע: אין זייער איבערגעבענהייט צו דער זאַך און אין זייער פּאַרטייאישקייט צו דעם קאָמונע־לעבען און צום ציוניזם, האָבען זיי מיר דאָס רוב געגעבען אַן איינזייטיגע און פלאַכע שילדערונג. איך שטרייך אונטער די ווערטער „דאָס רוב”, ווייל עס זיינען געווען אויסנאַמען. אין איינינגע פאַלען האָבען פּראָמינענטע מענשען פון דער אַרבייטער באַוועגונג (און דאָס הייסט אייגענטליך אויך פון די קאָמונעס, וואָרים אַלץ געהערט אין פּאַלעסטינע צו איין צענטראַלער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע) וועגען אַלץ גערעדט גאַנץ אָפען און אויפריכטיג און האָבען מיר געהאָלפען אַריינקוקען אין פאַרבאָרגענע ווינקעלאַך אויך.

אַזוי צי אַזוי, דער מאַטעריאַל וואָס איך האָב באַקומען פון די איבערגעבענע פריינד פון די קאָמונעס און פון אַנדערע צדדים, און די איינדריקע וואָס די קאָמונעס האָבען געמאַכט אויף מיר פּערזענליך, ווען איך האָב זיי באַזוכט, — דאָס צוזאַמענגענומען, ניט מיר, האָף איך, די מעגליכקייט זיך צוזאַמענצושטעלען אַ ריכטיגען באַגריף וועגען זיי.

* * *

אַ היבשע צאָהל יונגע לייט טרעטען אַריין אין די קאָמונעס איינפאַך ווייל זיי געפינען אין זיי אַ פאַרטיגען שטיקעל ברויט. און ווען זיי זיינען שוין דאָרטען, האָבען זיי ניט קיין מוט אַרויסצוגעהן פון זיי. זיי האָבען פּשוט מורא זיך צו באַגעגענען מיט די אונזיכערהייטען פון דעם געוועהנליכען לעבען.

די ארבייט אין די קאָמונעס איז אונגעהויער שווער, און דאָס לעבען אין זיי ענטהאלט זעהר ווייניג פון די געוועהנליכע מענש־ליכע פארגעניגענס. אָבער וואָס פאר אַ סאָרט לעבען דאָס זאָל ניט זיין, פון דאגות איז מען פריי; און פאר דאגות שרעקט זיך אַ געוויסער קלאַס מענשען מעהר ווי פאר די שווערסטע ארבייט און פאר דעם לאַנגוויילינסטען לעבען.

אויב אין דער קאָמונע זיינען פאראַן פינאנציעלע שוועריג־קייטען, אויב עס איז פאראַן זאָרג, נעמט דאָס אַלץ אויף זיך דער קאָמיטעט, די פיהרער. צו דעם דורכשניטליכען מיטגליד האָט דאָס קיין שייכות ניט; און דער טיפּ, וועגען וועלכען מיר ריידען דאָ, איז אַ דורכשניטליכער טיפּ.

וועגען די שוועריגקייטען און זאָרגען פון דער קאָמונע, הערט ער אויף די מיטינגען. ער הערט אָבער וועגען דעם ווי וועגען אַ קהל'שע זאַך, ניט ווי וועגען זיינעם אַ פּערזענליכען אינטערעס.

עס זיינען זאָגאר פאראַן מענשען מיט שטארקע כאראַקטערס, וועלכע ציטערען פאר דאגות חיונה, און זיינען בארייט זיך צו פארשקלאפען אין אַנדערע באַציהונגען, אַבי פון דעם צו זיין פריי. מען קען זיך פאָרשטעלען אַ מענשען פון דיזען טיפּ אַלס מיטגליד פון אַ פּאַלעסטינער קאָמונע, און עס זיינען טאַקע פאראַן איינינגע אַזעלכע.

* * *

איך רייד דאָ ניט וועגען די גרינדער פון אַ קאָמונע. זיי, אָדער יעדענפאלס זייערע פיהרער, זיינען געוועהנליך שוין ניט פון דעם שוואַכען, מוטלאָזען סאָרט. דאָס זיינען מענשען מיט ענערגיע, מיט ארבייטס־פעהיגקייט, אונטערנעמונגס־גייסט, און ניט קיין טרוסען.

פילע מיטגלידער פון קאָמונעס איז דער לעבען אין דיזע גרופּעס צו־לאַסט. זיי פיהלען זיך ווי אין אַ קאַזארמע. זיי טרוימען וועגען אַרויסגעהן אויף דער ברייטער וועלט, וועגען אַ ברייטען זעלבסטשטענדיגען לעבען. איינינגע מאַכען זיך הארץ און שליסען זיך טאַקע אויס. אַנדערע אָבער לייגען דאָס אָפּ פון טאָג צו טאָג, פון יאָהר צו יאָהר.

* * *

אין באצוג צו איינינע קאמונעס הערען זיך קלאגען אויף דעספאטישער פיהרערשאפט. ניט אימער זיינען אזעלכע קלאגען באגרינדעט. וויכטיג איז אבער ניט די פראגע צי זיי זיינען באגרינדעט, נאר די פראגע ווי אזוי דער מיטגליד פיהלט זיך: אויב איהם דוכט זיך, אז די פיהרענדע חברים טרעטען אויף זיינע געשמאקען און אויף זיין זעלבסטווירדע — איז די קאמונע פאר איהם א טורמע. ביי פילע איז דאס נאר א שטימונגס־זאך: היינט דוכט זיך זיי אז מען דריקט זיי און מען שטיקט זיי, און מארגען זעהען זיי אלץ אין א העלערע ליכט. עס זיינען אבער פאראן אזעלכע, ביי וועמען דער געפיהל פון פארשקלאפטקייט וואקסט אונטער אזעלכע אומשטענדען. איינער פון די געוועזענע קאמונע־חברים האט דיזען גייסטיגען צושטאנד פאר מיר געשילדערט מיט שארפע אויסדריקע.

זעלבסטפארשטענדליך, ניט אלע פיהרער זיינען מילדע מענשען. איינינע צווינגען זייער ווילען ארויף אויף די חברים מיט א שטארקע האנט. פאראן אבער איינפלוסרייכע מיטגלידער, וואס זיינען סימפאטיש און וואס זייער איינפלוס לאזט זיך פיהלען פון זיך אליין, אונבאמערקבאר. פאראן אזעלכע, וואס זייער פערזענליכער מאגנעטיזם מאכט דעם לעבען אין דער קאמונע צוציהענדער און אנגענעמער ווי ער וואלט געווען אהן זיי.

פיהרער זיינען פאראן אומעטום, הגם אפיציעל איז אזא ראנג נאטירליך ניטא. אין איינינע פון די קלענערע קאמונעס איז זאגאר ניטא קיין פארמעל אויסערוועהלטער קאמיטעט. עס מאכט אבער ניט אויס. **אין יעדער קאמונע איז פאראן איין חבר אדער צוויי אדער מעהר אפשר, וועלכע האבען דעם גרעסטען איינפלוס, די גרעסטע באדייטונג.** ווי וויט איך האב געקענט דערגעהן, זיינען זיי מייסטענס די באליבטעסטע חברים. עס יינען אבער פאראן ניט ווייניג אויסנאמען: חברים וואס הערשען, הגם אין הארצען האט מען זיי ניט ליעב. זיי האבען איינפלוס און מאכט דורך זייערע פעהיגקייטען (אדער ביטרעקייט), שטארקען ווילען אדער רעדנער־קראפט.

פאראן, נאטירליך, אינטריגעס, פלאטקעס, רכילות־טרייבעריי. אמאל נעהמען זיי אן גאנץ שארפע פארמען; אבער מייסטענס

געהען זיי פאָראיבער לייכט און אנשטענדיג — עס ווענדט זיך אָן די טעמפּעראַמענטען. וואונדען קלייבען זיך אָבער אויף די הערצער אָן מעהר ווי מען גיט־צו. די אַלגעמיינע נייגונג איז, זיך צו מאכען ניט וויסענדיג פון אזעלכע זאכען.

די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען יאָהרען־לאַנג געלעבט אין סיבירער טורמעס צוזאמען, פלעגען מיאוס ווערען איינע די אַנדערע, עס זיינען געווען פאַלען, ווען די טייערסטע חברים האָבען זיך אָנגעהויבען צו האסען, איינפאַך ווייל זיי זיינען געווען טאָג־טעגליך אינאיינעם, אָהן שום ענדערונג. עהנליכעס פיהלען איינציגע פון די פּאַלעסטינער קאָמונע־ציוניסטען. דאָס לעבען אין די דאָזיגע קאָמונעס איז ענג און גראָה, און דער מיטגליד זעהט אַרום זיך אימער דיזעלבע פּנים׳ער. ווערט איהם נמאס די קאָמונע בכלל און געוויסע פון די חברים בפרט.

אין דיזער באַציהונג זיינען די גרעסטע קאָמונעס אין א פארהעלטניסמעסיג בעסערער לאַגע ווי די קלענערע. אין „עין חרוד״, למשל, וועלכע האָט 280 מיטגלידער, איז אָן אונגעווינש־טען חבר גרינגער אויסצומיידען, ווי אין א קאָמונע וואָס האָט נאָר 40 מיטגלידער.

דיזער פונקט ווערט אייגענטליך אָפען דיסקוטירט. די ראַט־זאַמקייט פון האָבען וואָס גרעסערע קאָמונעס, ווערט איצט אַל־געמיין אָנערקענט. די ערפאַהרונג פון די עטליכע יאָהר וואָס די קאָמונעס עקזיסטירען אין פּאַלעסטינע, האָט געגעבען אזא לעקציע.

מיט קאָמוניזם אָדער סאָציאַליזם מיינט מען די גאנצע וועלט, ניט קליינע קאָמוניסטישע גרופּעס. און אויב שוין יע לעבען אין א קליינער קאָמונע, איז וואָס גרעסער אַלץ בעסער.

אז צוויי קאָמונע חברים אָדער קאָמונע חבר׳טעס זאָלען זיך איבער א קלייניגקייט ווערען בלוט־שונאים, דאָס איז א געוועהנ־ליכע זאַך, הגם עס איז א מנהג וועגען אזעלכע זאכען ניט צו ריידען, און דעריבער הערט מען וועגען זיי ניט. עס טרעפען דאָך געוויס סקאַנדאַלען, קלענערע און גרעסערע.

דאָס וואָס אין דעם ברייטען פרייען לעבען געהט אָפּ מיט א וואָרט, פיהרט אין א קאָמונע אָפט צו א שאַרפען צוזאַמענשטויס, אָדער צו א פאַרשטיקטע פאַרביסנהייט.

פאר פילע ווערט דער לעבען אונערטרעגליך; און פילע פון זיי ווערען אויך דער קאמונע אונערטרעגליך. פריהער אדער שפעטער מוזען זיי אוועקגעהן.

פילע אבער האבען פשוט ניט גענוג טעמפעראמענט זיך צו נעהמען אן עולה שטארק צום הארצען. זייער כלל אין לעבען איז „זאל מיינע איבערגעהן". אזעלכע קענען אין דער קאמונע פארבלייבען יאהרען־לאנג.

מען זאגט, אז צווישען די איינוואוינער פון א קאנוועגט געפינען זיך א סך פון דיזען טיפ. און דאס ערראינערט מיר אן נאך אן עהנליכקייט פון א קאמונע צו א קאנוועגט; מען הערט אפט פון א פרוי וואס איז געווען א נאנע אלס רעזולטאט פון א ביטערע ענטוישונג איבער א פארשפילטע ליבע אדער עפעס אן אנדער אורזאכע פון פארצווייפלונג. פון יונגע לייט אדער מייד־לאך, וואס זיינען דורך אזעלכע אורזאכען אריין אין א פאלעס־טינער קאמונע, הערט מען אויך. ווי פיל — קען מען נאטירליך ניט באשטימען. אזעלכע פאלען לאזען זיך ניט איבערצעהלען. ווען מען זאל אבער דעם אויסדרוק „ענטוישטע אין לעבען" נעהמען אין א גאנץ ברייטען זין, וואלט צו דיזען קלאס געהערט יעדער וועמען עס געהט ניט אזוי גוט ווי ער ווינשט. און דאן וואלט די צאהל געווען גרויס.

אבער אויב דער לעבען אין דער ברייטער וועלט איז פול מיט ענטוישונגען, פעהלען זיי אין דער קאמונע אויך ניט.

— עס איז ניט דאס וואס איך האב זיך פארגעשטעלט, — האט א געוועזענער קאמונע־חבר מיר ערקלערט פארוואס ער איז געווארען אויס מיטגליד פון א געוויסער גרופע — איך האב געמיינט, אז די חברים פיהלען איינער צום אנדערען ווי אמת'ע ברידער, נאך בעסער. איך האב זיך ניט געקענט פאר־שטעלען, אז אין א קאמונע זאלען עקזיסטירען קנאה, קאנקורענץ, ניט-פארגינערייי; אז איינער זאל ברויכען פארשידענע מיטלען דעם אנדערען צו פאררוקען אן א זייט און זיך צורוקען צום אויבען־אן.

אויף דעם האב איך באמערקט, אז ער האט צופיל ערוואר־טעט; אז מענשען זיינען איבערהויפט קיין מלאכים ניט, און

אַז היינטיגע מענשען טראָגען אין זיך די גיפט, וואָס זיי האָבען געירש'נט פון די אַלע ניט־סאָציאַליסטישע דורות.

ער איז אָבער איבערצייגט, אַז אמת'ע מענשען קאָנען יאָ צוזאַמענשטעלען אַ ריכטיגע קאָמונע. אי די קאָמונע, צו וועלכער ער האָט געהערט, האָט ניט געטויגט? — איז דאָס נאָר אַ באַווייז, אַז די מיטגלידער זיינען ניט געווען קיין אמת'ע מענשען...

איין יונגערמאַן האָט פאַרלאָזען די קאָמונע, צו וועלכער ער האָט געהערט דערפאַר, וואָס מען האָט ניט געשאָנקען גענוג אויפמערקזאַמקייט צו זיינע מיינונגען. אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ געוויסע צייט. ער האָט געליטען; ער האָט אָבער אַלץ פאַרטראָגען. איין מאָל האָט זיך אין דער קאָמונע געמאַכט אַ וויכטיגע פראַגע. דער באַטרעפענדער חבר האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג. ער איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרען. דער פאַקט איז, אַז מען האָט דעם פאָרשלעגער זאָגאַר ניט אויסגעהערט. דערנאָך, ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט, האָט מען זיך ארומגעזעהען, אַז זיין פּלאַן איז אַ פאַרנינפטיגער, און ווען מען וואָלט איהם אָנגענומען, וואָלט די קאָמונע באַפרייט געוואָרען פון גרויסע שוועריגקייטען. דאַן איז איהם נאָך דייטליכער געוואָרען, אַז די חברים באַהאַנדלען איהם ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, און דער סוף איז געווען, אַז ער איז אַוועק פון זיי.

אין דיזען פאַל איז דער אומצופרידענער מסתמא פון יענע מענשען וואָס האָבען שכל און געדאַנקען, און זייערע באַקאַנטע אַנערקענען דאָס ניט, אָדער באַמערקען דאָס אפילו ניט. פאַרוואָס? ווייל זיי פעהלט פערזענליכקייט, ווי מען רופט דאָס. איינפאַכער גערעדט, זיי קענען ניט ארויסרופען קיין רעספּעקט צו זיך. זיי ווייסען ניט ווי צו מאַכען אַן איינדרוק. איך האָב אָבער אויך געהערט פון אַ יונגענמאַן, וועלכער האָט ווייניגער טאַלק ווי אַמביציע, אַז ער האָט פאַרלאָזען אַ קאָמונע אויס אייפערזוכט צו אַ חבר, וועלכען די אַנדערע חברים האָבען געשאָנקען אַ סך מעהר צוטרוי ווי איהם און וועלכער האָט טאַקע געהאַט אַ סך מעהר פעהיגקייטען און שכל ווי ער.

* * *

דער פּראָצענט פון די וואָס פיהלען זיך ניט גליקליך אין די קאָמונעס איז גרויס; די צאָהל אָבער פון די וואָס פיהלען זיך יאָ גליקליך, אָדער יעדענפאַלס צופרידען, איז אויך גרויס. צו זיי געהערען נאַטירליך די וואָס לעבען אין אַ קאָמונע פון טיפער איבערציינונג.

און דיזער קלאַס שליסט אין זיך געוויינליך שוין איין מיס־טע פון די וואָס האָבען איינפּלוס און שפּילען אַ ראָלע. צווישען אַזעלכע האָב איך באַמערקט גייסט־מענשען פון אַ שעהנעם טיפּ, מענער אָדער פרויען מיט אַ געטליכען פייער פון איבערגעבענהייט צו אַ אידעאַל. די ציוניסטישע קאָמונע איז זייער רעליגיע. מען קען אַזעלכע געפינען צווישען די געוועהנליכסטע מיטגלידער, צווישען די וואָס נעהמען קיינמאָל דאָס וואָרט ניט, און וואָס זייער אנוועזענהייט אין דער קאָמונע לאָזט זיך קוים מערקען. אין דעם „דורכשניטליכען" קלאַס וואָלט איך אָבער אַזעלכע מענ־שען ניט אַריינגערעכענט. אַ מענש וואָס קען זיין אַזוי איבערגעבען אַ פּרינציפּ און אַרבייטען פאַר איהם מיט אַזאַ תענוג, קען מען „קאַלירלאָז" ניט רופען.

* * *

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ מיטגליד געהט אַוועק פון אַ קאָמונע און דערנאָך קומט ער צוריק — ניט ווייל עס איז שווער צו מאַכען אַ לעבען, נאָר פּשוט ווייל אין דער וועלט פון פּריוואַט אייגענטום פיהלט ער זיך ניט באַקוועם. עס ציהט איהם צוריק. ער איז צוגעבונדען צו דער קאָמונע־פּסיכאָלאָגיע אין באַצוג צו אייגענטום, און צו אַן אַנדערער איז איהם שווער זיך צוצוגע־וואוינען.

מיר האָבען אויבען גערעדט וועגען פיהלען זיך פריי פון דעם פּרנסה־יאָך. עס איז אויך פאַראַן אַן אַנדער סאָרט באַפריי־אונג, וועלכע מען געפינט אין דער קאָמונע: מען איז פּטור פון די אַלע לאַסטען און קאָפּ־דרעהעניש וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער פראַגע פון „מיינע" און „דיינע".

אין דעם געוועהנליכען לעבען פיהרט יעדער איינער חשבונות — וויפיל ער האָט און וויפיל ער האָפט צו האָבען; וויפיל ער

איז שולדיג און וויפיל מען איז איהם שולדיג; ווי אַזוי צו באַקומען מעהר און צו געבען וויניגער. דאָס אַלץ איז פאַר־בונדען מיט זיין אייגענטומס־געפיהל. דער דאָזיגער געפיהל פאַרנעמט אַ גרויסען טייל פון זיין „איך". דער מיטגליד פון אַ קאָמונע איז פון דעם אַלעם פריי, און דער באַוואוסטזיין פון דעם איז איהם אנגענעהם. עטליכע פון די קאָמונע־חברים, מיט וועלכע איך האָב גערעדט, האָבען דאָס דערמאָנט. יעדער אויף זיין שטייגער, און אין יעדען פאַל איז די ערקלערונג געווען אויפריכ־טיג און איבערציינגענד.

ביי דעם דאָזיגען געפיהל אַליין בלייבט ער שוין ניט. ביי דעם באַגייסטערטען קאָמונע־מיטגליד ענטוויקעלט זיך פון דערפון אַ נייע מאָראַל אין באַצוג צו דער פראַגע וועגען דעם וואָס מען רופט תכלית, און צו פילע אַנדערע זאַכען.

פילע פון די קאָמונע־חברים, מיט וועלכע איך האָב גערעדט, האָבען אונטערגעשטראָכען זייער ליבע צו דער אַרבייט וואָס זיי טוען (איך מיין דאָ פאַרם־אַרבייט, וואָרים מיט מיטגלידער פון שטאָדט־קאָמונעס איז מיר וועגען דיזען ענין ניט אויסגעקומען צו שמועסען). אפילו פון אַזעלכע וואָס זיינען פון די קאָמונעס אַוועק, האָב איך דאָס אויך געהערט.

„איהר ווייסט ניט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגען עס איז איינ־צופלאַנצען עפּעס און דערנאָך צו זעהען ווי עס שפּראָצט, ווי עס בליהט, ווי עס וואַקסט! איהר דערלעבט קוים דעם מאָרגען ווידער צו זיין ביי די גרינס, אָדער ביי דעם בוימעלע; אָדער ביי דער קאַלב וואָס איהר האָדעוועט". — אַזעלכע רייד האָב איך געהערט ווידער און ווידער; און אומעטום, אין יעדער קאָלאָניע, וואָס איך האָב באַזוכט, האָט מען מיר געפיהרט ווייזען ווי עס וואַקסט און מען האָט מיר דערצעהלט מיט איינ־צעלהייטען, ווי פריהער איז געווען, און ווי אַלע שוועריגקייטען זיינען באַזייטיגט געוואָרען. מיט מוטערליכער ליבע און מיט מוטערליכער באַריהמעריי האָט מען מיר דאָס אַלץ געוויזען און דערצעהלט. און ווען די צייט איז געווען קורץ, און איך האָב זיך געמוזט איילען, פלעגט דער פאַרמער בלייבען אַן ענטוישטער,

טאקע ווי א מוטער, ווען מען קען ניט אויסהערען די אלע וואונ־
דער וואס איהר קינד באווייזט.

* * *

איך האב זיך געשטעלט די פראגע: פארוואס האלטען זיך כמעט אלע פאלעסטינער קאמונעס טראץ דעם גרויסען פראצענט מיטגלידער, וואס געהען פון זיי אוועק? מיר האבען געזעהן, צום ביישפיל, אז אין דער קאמונע „דגניה", וועלכע איז די עלטסטע אין ארץ ישראל, זיינען געבליבען נאר פינף חברים פון גאר די ערשטע. עס זיינען אוועק מיטגלידער, געקומען אנדערע; ווידער איינינע אוועק, און ווידער געקומען נייע אויף זייער פלאץ. א געוויסע גרופע בלייבט אימער, און די קאלאניע האלט זיך. פארוואס צופאלט זי זיך ניט?

די פראגע האט מיך ספעציעל אינטערעסירט, ווייל איך האב זיך דערמאנט אן די קאמונעס פון אונזערע ערשטע רוסישע אימיגראנטען אין אמעריקע. זיי האבען זיך ניט גע־האלטען. די בעסטע און סימפאטישסטע פון זיי — די „ניו אדעסא", פון דעם „עם עולם", די וואס האט זיך אין 1882 באזעצט לעבען פארטלענד, ארעגאן, און פון וועלכער פאול קאפלאן איז געווען איינער פון די פיהרער — זי האט עקזיס־טירט ניט מעהר ווי אנדערהאלבען יאהר אומגעפעהר.

באגייסטערונג האט די מיטגלידער פון דער „ניו אדעסא" ניט געפעלט. אפפערוויליגקייט אויך ניט. פארוואס זשע האט זי געהאט א סך ווייניגער קיום ווי די ציוניסטישע קאמונעס?

איין פונקט פון דעם אונטערשיד ליגט פון אויבענאויף: די אומשטענדען וואס האבען ארומגערינגעלט די „ניו אדעסא", זיינען געווען אבסאלוט גענען איהר. זי האט געהאט צו טאן מיט א הויך־ענטוויקעלטען קאפיטאליזם — קאפיטאליזם אין פארמעריי, אזוי גוט ווי אין שטאדטיגע אינדוסטריע. ניט איין אמעריקאנער פארמער ווערט פון דעם אמעריקאנער קאפיטאל פארניכטעט. די „ניו אדעסא" האט זיך מיט פארמעריי געקענט ווייניג באשעפטיגען. זי האט געמוזט ציהען איהר חיונה פון האקען האלץ פאר א דערבייאיגער אייזענבאהן. זי איז אייגענט־

ליך געווען א לוין־שקלאפין ביי דער אייזענבאהן־קאמפאניע, ניט קיין זעלבסשטענדיגע פרייע קאמונע.

דער לעבען איז געווען שווער און גייסטיגע טרייסטען זיינען געווען ווייניג. און אין די שטעדט ניט זוייט פון דער קאלאניע, זיינען געווען אויסזיכטען אויף א לייכטערען און אינטערעסאנטערען לעבען. דער יצר־הרע פון קאמפארט און קולטור איז געווען שטארק, און די קאמונע האט ניט געהאט גענוג גייסטיגען גליק פארצולייגען אלס א געגענזאץ.

דער פונדאמענט איז געווען א פאלשער פון אנהויב אן. אלזא, האבען זיך אנגעהויבען שטילע צוזאמענשטויסען, געגענזייטיגע אונצופרידענהייטען א. אז. וו.

אין פאלעסטינע איז קיין ענטוויקעלטער קאפיטאליזם ניטא. די קאמונע שפילט א פיל וויכטיגערע ראלע ווי די „ניו אדעסא" האט געשפילט. און זי באשעפטיגט זיך טאקע מיט ערד־ארבייט. איהרע מיטגלידער האבען א מעגליכקייט זיך צוצוביגדען צו דעם פארם.

א צווייטער פונקט איז פאר מיר קלאר געווארען ווען איך האב באזוכט די פאלעסטינער קאמונעס.

איך האב אויבען דערמאנט די ספעציעלע אייגענטום־פסיכאלאגיע, וואס ארבייט זיך אוים ביי די מיטגלידער. מיט פריוואט־אייגענטום האט דאס קיין שייכות ניט. דערפאר איז אבער פאראן א געפיהל פון געמיינשאפטליכען אייגענטום. אט דאס, גלויב איך, איז דער אמת'ער פונדאמענט, וואס לאזט די קאמונע ניט צעפאלען. עס געפינען זיך אימער מיטגלידער, אין וועמען דער דאזיגער געפיהל אין באצוג צו דער באטרעפענדער קאמונע איז שטארק.

מען האט געארבייט. ענטוויקעלט די שטיקעל לאנד, פארגרעסערט איהר ווערט און איהר באדייטונג. דאס אלץ איז בערלאזען פאר'ן טייפעל?

עס געפינען זיך אימער עטליכע מיטגלידער, וועלכע וועלען שוין צוליב דעם אליין בשום אופן ניט אוועקגעהן. די

שטיקעל לאנד ענטהאלט אין זיך א טייל פון זייער „איך“. עס איז זייער קינד.

אין דער „ניו אָדעסא“, ווידער, האָט אזא געפיהל זיך ניט געקענט אויסארבייטען. דער פארם איז ניט ענטוויקעלט גע־וואָרען. זייער פראצע איז אוועק מיט די האָלץ וואָס זיי האָבען געהאקט פאר די אייזענבאהן־קאפיטאליסטען.

די אַרומיגע וועלט האָט, אלזאָ, צו זיך געצויגען פיל מעהר ווי זי ציהט אין פאלעסטינע, און דער פארם האָט צו זיך געצויגען א סך וויינינגער ווי א בעארבייטער פארם פין א פאלעסטינישער קאָמונע.

פאַמיליען־לעבען אין די קאָמונעס

די פראַגע וועגען חתונות. — פרייהייט און מאָראַל. — אייפערזוכט. — פרייע ליבע. — טראַגעדיעס. — קינדער־ערציהונג.

אין דער גרעסטער פון אלע פּאַלעסטינער קאָמונעס, אין „עין חרוד“, איז מיט א יאָהר פאר מיין באזוך פאָרגעקומען א דאָפּעלטע טראגעדיע. איינע פון די חבר׳טעס, א פאר־הייראטע פרוי, האָט געשאָסען איהר געליבטען און זיך אליין. די געשיכטע האָט געטראָפען אין אַן אָווענט־שטונדע, ווען אלע זיינען געווען אויף, און אין דער קאָמונע זיינען געווען א פאָר געסט, פאָרשטעהער פון דעם צענטראל קאָמיטעט פון דער אַלגעמיינער ארבייטער אָרגאַניזאַציע. פּלוצלונג האָט מען דער־הערט צוויי שאָסען. עס איז געוואָרען א קאָך, א געלאָף; און אין איינעם פון די צימערען האָט מען דערזעהן ווי זיי ליגען טויט פון פרישע וואונדען, און זי האלט א פּיסטאָלעט אין האנט.

גענוי ווי אזוי די בלוטיגע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט, ווייס מען ניט. אייניגע זיינען גענויגט צו גלויבען, אז זיי האָבען אָפּגערעדט צו מאכען א סוף צו זייער ביידענס לעבען. אבער די, וואָס האָבען זיי בעאָבאכטעט די לעצטע צייט פאר זייער טויט, האָבען באמערקט אז ער איז צו איהר אָפּגעקילט געוואָרען, און אז זי האָט שטארק געליטען דערפון. אַלזאָ, קען מען זיך גיכער פאָרשטעלען, אז זי האָט עס באשלאָסען צו טויטען איהם און זיך.

וואָס אנבעטרעפט דעם מאַן פון דער אומגליקליכער חבר׳טע, האָט ער די לעצטע עטליכע מאָנאַטען זיך געהאלטען ווי א פרעמדער צו איהר. ער האָט געזעהן וואָס עס קומט פאָר צווישען איהר און יענעם יונגענמאַן. ער האָט געהאַט גרויסע

יסורים דערפון. ער האָט אָבער ניט געמאַכט קיין סצענע, און זיך צוריקגעצויגען פון זייער געזעלשאפט. אזוי ווי די קאָ־מונע באשטעהט פון צוויי הונדערט אכציג מיטגלידער, איז איהם געווען ניט שווער זיי אויסצומיידען. און ווען עס האָט עקס־פּלאָדירט די צווייפאכע טראַגעדיע, איז ער אריבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער קאָמונע.

די געשיכטע איז געווען די סענזאציע פון יאָהר אין פּא־לעסטינע; און דער פאמיליען־לעבען אין די קאָמונעס איז א היבשע צייט געווען די טהעמא פון שמועסען, צווייפעלהאפטע וויצען און פּלאָטקעס.

ווען איך בין געווען אין פּאלעסטינע, האָט אַן אָרטאָדאָק־סישער איד מיר אָנגעוויזען אויף די פאָלגענדע פאסירונג, וועגען וועלכער איך האָב געהערט פריהער: א רב איז געפאָהרען פון תל־אביב אין די קאָמונעס און פאָרגעשלאָגען די פּאָרלאַך וואָס האָבען געלעבט אָהן חופה־וקדושין, אז ער זאָל זיי חתונה מאכען לויט דעם אידישען דין.

— און ווי מיינט איהר האָבען זיי געטאָן? — האָט דער ארטאָדאָקס געענדיגט מיט אַן אויסדרוק פון זיג אויף זיין פּנים, — זיי האָבען געפאָלגט!

איך האָב געהערט, אַז ניט אַלע האָבען „געפאָלגט“; אַז א קליינע מינאָריטעט האָט זיך ענטזאָגט דעם רב׳ס פּאָרשלאג אָנצונעמען.

דער אַלגעמיינער איינדרוק איז, אַז דער דערמאָנטער רב איז אַריבערגעפאָהרען אין די קאָמונעס פון זיך אַליין; אז ער איז איינפאך א פרומער איד און א מענש מיט אונטערנעמונגס־גייסט. אלזאָ, איז איהם אַריינגעפאלען אין זינען צו מאכען די אונטערנעמונג און ראַטעווען אידישע קינדער פון א „זינדיגען“ לעבען. דאָס איז אָבער ניט איננאַנצען ריכטיג. ווי בן־גוריון, דער סעקרעטער פון דעם צענטראל קאָמיטעט פון די פּאלעס־טינער ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, האָט מיר דערצעהלט, האָט די גאַנצע געשיכטע געשטאַמט פון סיר סעמיועל׳ן, דער ענגלישער איד, וועלכער איז דאַן געווען דער הויי־קאָמישאָנער (א מין גענע־ראל־גובערנאַטאָר) אין פּאלעסטינע. א קורצע צייט איידער ער

האט פארלאזען זיין אמט, האט ער געזאגט צו פארשטעהער פון דער ראדיקאלער ארבייטער באוועגונג:

„אויף מיין פלאץ קומט א קריסט. ער וועט די פרייגעזאג־נענע קאלאניסטען ניט פארשטעהן, און דאס קען ברענגען שאדען. עס וועט מאכען א שלעכטען איינדרוק אין ענגלאנד. אלזא, גלויב איך, אז דאס בעסטע וואס מען קען טאן, איז געזעצליך צו מאכען די הייראטען און די קינדער".

דאן האט דער אטוירני דזשענעראל פון פאלעסטינע גע־שיקט אן אפיציעלען בריעף וועגען דעם ענין צו דער צענטרא־לער קערפערשאפט פון די ארבייטער און פון די ראדיקאלע קאלאניעס, און די צענטראלע קערפערשאפט האט צו די חברים ארויסגעשיקט א צירקולאר, וואו די אנגעלעגענהייט איז ער־קלערט געווארען.

דער רב איז אלזא ניט געפאהרען פון זיין אייגענעם ווילען; דאס איז ניט געוועזען אן אייגענער אויפטו זיינער, נאר מען האט איהם געשיקט. מען האט אויסגעקליבען גראד דיזען רב, ווייל ער איז ניט אזא פארביסענער ארטאדאקס און ניט אזוי אונ־וויסענד ווי מאנכע אנדערע רבנים. קיין חופות האט מען ניט געשטעלט. מען האט זיך באנוגענט מיט קדושין, און די גאנצע סצענע האט געהאט דעם כאראקטער פון א האכצייט אין אן אמעריקאנער קאורט גיכער ווי פון א רעליגיעזע צע־רעמאניע.

די געשיכטע איז פארגעקומען אין חודש יוני, 1925.

איך האב וועגען איהר גערעדט מיט נאך עטלאכע מיט־גלידער פון דער פאלעסטינער ארבייטער באוועגונג און פון די קאמונעס, און אלע האבען זיי אונטערגעשטראכען דעם פאקט, אז די פארלאך, וואס האבען אנגענומען דעם אטוירני דזשע־נעראל'ס פארשלאג, האבען דאס געטאן איינפאך ווייל עס איז פראקטיש, ווארים דער ענגלישער געזעץ רעכענט א קינד ניט פאר א געזעצליכע סיידען די עלטערן האבען חתונה געהאט אויף א רעליגיעזען שטייגער.

„צעהנדליגע טויזענטע ראדיקאלע מענשען טוען אזוי ווי מיר האבען געטאן, — האט געזאגט איינער פון די קאמונע־

מיטגלידער, מיט וועלכע איך האב געשמועסט וועגן דעם ענין. מענשען זיינען געצוואונגען צו טאן פילע זאכען, אין וועלכע זיי גלויבען ניט. די געזעלשאפט איז ארגאניזירט לויט אבערגלוי־בישע און אומגערעכטע פרינציפען, און מיר מוזען זיך אפט בויגען פאר זיי, מיר קענען זיך ניט העלפען.

בן־גוריון האט אין אונזער געשפרעך אנגעוויזען אויף דער ווירקונג וואס די עקאנאמישע ארדנונג פון א קאמונע האט אויף דער באציהונג פון איהרע מיטגלידער צו דער הייראט־פראגע. ער איז א באלעזענער און דענקענדער מענש, בר־גוריון, מיט שכל און מיט טאלק. זיינע באמערקונגען וועגן דער פראגע זיינען מיר געווען אינטערעסאנט צו הערען. זייער עיקר איז באשטאנען אין דעם געדאנק, וועלכען אלע סאציאליסטען זאגען ארויס אין באצוג צו דעם אונטערשיד צווישען דער הייראט אין א קאפיטאליסטישער און אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט. און ער האט איהם אויסגעדריקט ווי אן ענט־וויקעלטער זעלבסטשטענדיגער מענש. זיין מיינונג איז וויכטיג, ווייל עס ווייזט ווי אזוי איינער פון די באדייטענדסטע און איינפלוסרייכסטע פיהרער פון דער ראדיקאלער פאלעסטינע קוקט אויף דעם פאמיליען־לעבען אין די קאמונעס. דער עיקר פון זיין ערקלעהרונג איז באשטאנען אין פאלגענדען:

אין דעם געוועהנליכען היינטיגען לעבען האלט זיך די פאמיליע אויף אן עקאנאמישען פונדאמענט. צי מען ליעבט זיך צי ניט, כל זמן עס עקזיסטירט דער פונדאמענט, לעבט מען צוזאמען. די פרוי בלייבט אין שטוב אפילו ווען דער מאן געפעלט איהר ניט, ווארים ער גיט איהר און איהרע קינדער עסען. און ער, ווידער, בלייבט איהר מאן, צי ער אינטערעסירט זיך מיט איהר צי ניט, ווייל זי פיהרט זיין הויז און האדעוועט זיינע קינדער. אין א קאמונע אבער איז יעדער פריי פון פערזענליכע דאגות פון דיזען סארט. די חיונה־פראגע איז א פראגע פאר דער גאנצער קאמונע; די שטוב ווערט געפיהרט פון דער קאמונע און די קינדער ווערען געשפייזט און ערצויגען פון דער קאמונע. אלזא, איז די הייראט אונאבהענגיג פון אזעלכע חשבונות. זי איז נאר א

געשלעכטס־שייכות און אַ פאַרוואַנדשאַפט פון נאָהענטע חבר׳שע באַציהונגען. דאָס שאַפט גאַנץ אַנדערע פאַרהעלטניסע ווי די וואָס עקזיסטירען צווישען מאַן און ווייב אין אַ הייראַט, וועל־כע איז צוזאַמענגעקניפּט מיט עקאָנאָמישע אינטערעסען. דער פּריוואַט־אייגענטום־געפיהל האָט אַ סך צו טאָן מיט דער פאַרמירונג פון דער מענשליכער נאַטור. אין דער קאָמונע איז דער מענש פריי פון פילע זאַכען, וועלכע ווערען ענטוויקעלט דורך דער עקאָנאָמישער הייראַט. די פּסיכאָלאָגיע פון די פאַר־הייראַטע איז אַ גאַנץ אַנדערע און די פּסיכאָלאָגישע אויפפאַ־סונג פון דער הייראַט־פראַגע אין אַלגעמיין איז אַ גאַנץ אַנדערע.

די ווערטער זיינען דאָ ניט איבערגעגעבען פּונקט ווי ער האָט גערעדט. דער עיקר פון דעם אינהאַלט איז אָבער דער זעלבער. ער האָט אויך געמאַכט אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג וועגען דער ראָלע וואָס דער כאַראַקטער פון אַ מענשען שפּילט אין זיין באַציהונג צו דער הייראַט־פראַגע. ער האָט אַנגעוויזען אויף געוויסע פּערזענליכקייטען, מיט וועלכע איך בין שוין באַ־קאַנט געוואָרען — קאָמונע־מיטגלידער מיט אידעען, און מיט אַ זעלטענע איבערגעבענהייט און פעהיגקייט זיך צו אָפּפערן פאַר זיי.

זיין געדאַנק ביי דיזען פּונקט איז באַשטאַנען אין דעם, דאָס אַזעלכע מענשען קענען אויף דער הייראַט ניט קוקען מיט די אויגען פון מענשען וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט וואָ־כעדיגע פּריוואַט־אייגענטום־אינטערעסען.

זיין הויפּט־געדאַנק אָבער איז געווען די אַלגעמיין אָנגע־נומענע סאָציאַליסטישע אידעע. און די פראַגע איז, אויב מען קען איהר צופּאַסען צו קליינע קאָמונעס, וועלכע עקזיסטירען אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

אַז די הייראַט־פּסיכאָלאָגיע אין אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט וועט זיין אַ גאַנץ אַנדערע ווי זי איז היינט, איז ריכ־טיג. נאַטירליך; וואָרים דאָרטען וועט די עקאָנאָמישע פּסי־כאָלאָגיע פון דעם מענשען טאַקע זיין אַ גאַנץ אַנדערע ווי

זי איז היינט. קען מען אָבער דאָס זעלבע זאָגן וועגן א היינטיגע קאָמונע?

איז יעדער מיטגליד פון א פאלעסטינער קאָמונע אבסאָלוט זיכער מיט דער צוקונפט פון דער קאָמונע, און מיט זיין אייגענער צוקונפט? אזא געפיהל האָבען פילע מיטגלידער, אָבער ניט אלע. און דאָס ענדערט די גאַנצע לאַגע.

וועגען די הויך־באַגייסטערטע מיטגלידער, וועגען די וואָס לעבען אבסאָלוט פאר דער אידעע, רעדען מיר דאָ ניט. זיי זיינען אן אויסנאַהמע. אמת, זיי בעאיינפלוסען אנדערע, און האבען א ווירקונג אויף דעם גאנצען לעבענס־גאַנג אין דער קאמונע. אָבער איינגאַנצען בייטען די פסיכאָלאָגיע פון א מאַ־יאָריטעט מיטגלידער אין באַצוג צו זייער צוקונפט, קענען זיי נאַטירליך ניט.

* * *

וואָס אנבאַטרעפט דער פראַגע פון מאָראַל (פון א געוועהנ־ליכען היינטיגען שטאַנדפונקט, ניט פון דעם שטאַנדפונקט פון א צוקונפטיגער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט), גלויב איך, אז נאָך אלעמען, און רעדענדיג וועגען דעם דורכשניט פון די קאָמונע־מיטגלידער, פיהרען זיי זיך אויף ווי אלע מענשען. ניט ערגער, ניט בעסער.

איך האָב וועגען דער פראַגע אויסגעהערט ניט נאָר פאָר־שטעהער פון דער ארבייטער־באַוועגונג און פון די קאָמונעס, נאָר אויך עטליכע פון די וואָס האָבען צו די קאָמונעס ניט קיין פריינדליכען געפיהל; איך גלויב, אז איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט די פארשיידענע זייטען פון דער לאַגע און וויים דעם עיקר פון דעם אמת. אין באַצוג צו דער פאַמיליען־פראַגע זיינען פאראַן אייניגע אונגינסטיגע פונקטען. אָבער צו דער פראַגע פון אַנשטענדיגקייט האָבען די דאָזיגע פונקטען קיין שייכות ניט.

באשולדיגען די קאָמונעס אין אַלגעמיינע אויסגעלאַסענקייט, אָדער אין יענעם סאָרט „פרייע ליבע”, וועלכע איז ניט מעהר ווי אן איידעלער נאָמען פאר אויסגעלאַסענהייט, איז ניטאָ קיין גרונד.

וועגען אויסנאַמען רעדען מיר דאָ ניט. אויסנאַמען פון

דעם מין, וועלכען מיר האָבען דאָ אין זינען, טרעפען גענוג אויף דער געוועהנליכער גאָטפאָרכטיגער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אויך — נאָך מעהר; ווארים דער מאָראַלער טאָן פון די קאָמונעס איז אַ פיל העכערער ווי דער מאָראַלער טאָן פון אַ געוועהנליכער היינטיגער געזעלשאַפט. אין יעדער קאָמונע געפינען זיך וועניגסטענס עטליכע מיטגלידער פון דעם קלאַס, וועלכען בן־גוריון האָט דערמאָנט אין אונזער געשפּרעך. איך מיין ניט דוקא די, וואָס האָבען אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען און אונגעוועהנליכע כאַראַקטערס. איך מיין איבערהויפּט מיטגלידער, וואָס זיינען אמת באַגייסטערט פאַר דעם ציוניסטישען קאָמונע־אידעאַל. דורך זיי ווערט דיזער טאָן אויפגעהאַלטען אין דער גאַנצער קאָמונע.

איבערהויפּט זיינען אידען, רעדענדיג וועגען דעם דורכשניט, ניט קיין אונמאָראַליש פאָלק. די דורכשניטליכע אידישע פרוי איז אין אַ מאָראַלען זין וואהרשיינליך ציכטיגער ווי די דורכשניטליכע פרוי ביי אַנדערע פעלקער. מ׳דאַרף גאָר ניט זיין קיין שאָוויניסט דאָס צו אַנערקענען. און דאָ וואוינען צוזאַמען מענשען, וועלכע אָפּפערען זיך פאַר אַ נאָבעלער שטרעבונג. דאָס גופא ערוועקט אין זיי אַ הויכען מאָראַלישען געפיהל.

דער פאַקט, אַז מענער און פרויען געפינען זיך אין דער קאָמונע צוזאַמען, פאַרדינט ניט קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. מענער און פרויען זיינען פילע שטונדען צוזאַמען אין די שעפער, אויף מיטינגען, אויף בעלער.

איינער פון די פאַרביסענע געגנער פון די קאָמונעס, וועלכער האָט פריהער אַליין געוואוינט אין אַ קאָמונע, האָט וועגען דיזען פונקט געמאַכט די פאָלגענדע באַמערקונג:

— די מיידלאך פון די קאָמונעס זיינען אַנשטענדיגע אידישע קינדער. אחוץ דעם: זיי האָבען אין זין די צוקונפט. באַגעהן אַ נאַרישקייט, אויף וועלכער זיי וועלען דערנאָך חרטה האָבען — אַזוי לייכטזיניג קענען זיין נאָר איניגע. אַזאַ זאַך טרעפט, אָבער ניט אָפט. און דאָס זעלבע איז מיט די פאַרהייראַטע. דורכשניטליך זיינען זיי אַבסאָלוט ריין.

אַ צווייטער געגנער פון די קאָמונעס, אויך אַ געוועזענער

קאמונע־מיטגליד, האט מיר דערצעהלט פון א פאר פאלען, וואו חברים אדער חבר'טעס האבען געמוזט פארלאזען א קאמונע, ווייל זיי האבען זיך אויפגעפיהרט ניט אנשטענדיג. איין יונגער־מאן, צום ביישפיל, האט זיך אפגעגעבען מיט ראמאנטישע אוואנ־טורעס. ער האט געזוכט צו פארבינדען אינטריגעס מיט צוויי פרויען מיט אמאל. ער איז איבערהויפט געווען צו פיל פאר־נומען מיט אינטערעסען פון דעם סארט, און אייניגע פון די אנדע־רע מיטגלידער האבען געגלויבט, אז ער ברענגט אריין א שעדליכען גייסט אין דער קאמונע. אנדערע האבען איהם פארטיידיגט, ווארים אזוי איז ער געווען א סימפאטישער יונג און א גוטער חבר. דאס איז געווען זיין שוואכקייט.

מען האט מיר אויך דערצעהלט וועגען „וועמפס"—חבר'טעס, וואס האבען זיך צופיל אפגעגעבען מיט ראמאנטישע אינ־טריגעס. איינע, ניט קיין פארהייראטע, האט ארויסגערופען די איפערזוכט פון עטליכע פון די פארהייראטע חבר'טעס. עט־ליכע פון די מענער און אויך א פאר פון די פרויען זיינען געווען זיכער, אז זי איז אונשולדיג, — אז יענע פרויען האבען קיין אורזאכע ניט צו זיין אייפערזיכטיג, און אז אויב אימיצער פון די מאנסבילען אינטערעסירט זיך ווירקליך מיט איהר, קען מען איהר ניט האלטען פאראנטווארטליך פאר דעם.

מען האט וועגען איהר א סך גערעדט, דיסקוטירט, אבער אלץ שטילערהייט. אפיציעל איז די פראגע ניט אויפגענומען געווארען, און זי איז אליין אוועקגעגאנגען פון דער קאמונע.

אזעלכע געשיכטעס, אויף צעהנדליגע פארשיידענע אופנים, קומען פאר אין מייסטע קאמונעס. אן אינטערעסאנטע, לעב־האפטע פרוי קען ווערען א קוואל פון צוזאמענשטויסען, א שטערונג פאר דער רוה און פון דער רעגעלמעסיגער ארבייט אין דער קאמונע.

דאס זעלבע קען אבער אויך טרעפען צווישען די איינ־זאוינער פון א קליין שטעדטעל, אדער צווישען די געסט פון א זומער־פלאץ, צום ביישפיל. אין א שטעדטעל זיינען אבער די איינוואוינער ניט צוזאמענגעקניפט ווי א פאמיליע; יעדער געהערט צו זיין היים, און אז עס איז פאראן אן אורזאכע

אויסצומיידען וועמען־עס־איז, מיידט מען איהם אָדער איהר אויס. וואָס אַנבאַטרעפט אַ זומער־פּלאַץ, ציהט מען זיך אַריבער אין אַן אַנדער פּלאַץ, אויב אימיצער שטעהט אין וועג. אין אַ קאָמונע איז מען אימער צוזאַמען, און אַרויסציהען זיך, הייסט אַוועקגעהן פון דער קאָמונע, פאַרלירען אַלץ וואָס אייך געהערט אין איהר.

אַז אַ פאַרהייראַטע פרוי זאָל זיך פאַרליבען אין אַן אַנדער מאַן, דאָס טרעפט נאַטירליך אין דער ניט־קאָמוניסטישער וועלט אויך. אַלזאָ טרעפט דאָס אויך אין די קאָמונעס. געוועהנליך געהט דאָס אָפּ אָהן סקאַנדאַלען — אויף אַ ציוויליזירטען שטייגער. די געשיכטע מיט דער פאַרצווייפעלטער פרוי, וואָס האָט ערמאָרדעט איהר אָפּגעקיהלטען געליבטען און זיך, איז אַן אויסנאַהמס־פאַל; און זי האָט אין זיך ניט קיין איינציגען שטריך, דורך וועלכען זי זאָל פאַר דעם קאָמונע־לעבען זיין כאַראַקטעריסטישער ווי פאַר דעם לעבען אונטער געוועהנליכע אומשטענדען.

אַן אַרבייטער־פיהרער, וועלכען עס קומט אָפט אויס אַרומצופאָהרען איבער די ראַדיקאַלע קאָלאָניעס, האָט פאַר מיר דערמאָנט אַ צווייטען פאַל, וואו אַ חבר איז אַוועק פון אַ קאָמונע דורך דעם וואָס זיין פרוי האָט זיך פאַרליבט אין אַן אַנדערען. דעם מאַן פון דער פאַרליבטער פרוי איז די קאָמונע געווען טייער. דער אַוועקגעהן איז פאַר איהם געווען אַן אָפּפער. אָבער וועגען אָפּפערס, אונטער עהנליכע אומשטענדען, הערט מען טאָג־טעגליך פון דעם לעבען אין דער וועלט פון פּריוואַט־אייגענטום אויך.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגען, אַז אַזעלכע טראַגעדיעס — פון דעם שטילען סאָרט — פּאַסירען אין די קאָמונעס ניט זעהר אָפט — אַ סך זעלטענער ווי געוויסע מענשען זיינען גענייגט זיך פאָרצושטעלען.

* * *

אין וועלכע פאָרמען ווייזט זיך אַרויס די פרייע ליבע?

געוועהנליך באַשטעהט עס אין דעם, וואָס קיינער מישט זיך ניט אין די ראָמאַנטישע פאַרהעלטניסען וואָס קומען פאָר

צווישען א חבר און א חבר'טע. אזעלכע זאכען ווערען באַ־טראכט אלס זייער פּריוואַט־אינטערעס. „מען קריכט ניט מיט די שטיוועל אין דעם אנדערענס נשמה" — ווי א קאָמונע־מיטגליד האָט פאר מיר זיך אויסגעדריקט — „יענעמס גע־פיהלען ווערען געשעצט. דאָס איז איינער פון די גרונד־פּרינ־ציפּען, אָהן וועלכע דאָס לעבען אין א קאָמונע וואָלט געווען אונמעגליך".

א ראַדיקאַלער ציוניסט, וואָס איז גוט באקאנט מיט דעם אינערליכען לעבען אין די קאָמונעס, האָט מיר דערצעהלט דעם פאָלגענדען פאַקט: א יונגע פרוי, א מיטגליד פון איינער פון די קאָמונעס, האָט פּאַרטרוויט פאר א פּאָר פון די אנדערע חבר'טעס, אז זי דאַרף ווערען מוטער. אָבער ווער דער פאָטער איז, האָט זי ניט געזאָגט, און קיינער האָט ביי איהר ניט געפרעגט.

דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען און האָט זיך געהאָ־דעוועט צוזאמען מיט די אנדערע קינדער. יעדען אווענד און אין יעדער אנדער פרייער צייט וואָס די פרוי האָט געהאַט, איז זי געגאַנגען צו איהר קינד, איהם געצערטעלט און געשפּילט זיך מיט איהם. און די אנדערע מיטגלידער האָבען דעם קינד באַ־האַנדעלט ווי אלע אנדערע קינדער. די פראַגע, ווער איז דעם קינד'ס פאָטער, האָט קיינמאָל קיינער ניט געשטעלט. אפשר האָבען אייניגע ביי זיי אין הארצען געוואוסט אָדער געפּרואווט טרעפען ווער דאָס איז. אָבער גערעדט וועגען דעם האָט מען ניט. דאָס וואָלט מען באטראכט פאר טאַקטלאָז און געגען דעם פאַרטגעשריטענעם באַגריף וועגען אזעלכע זאכען.

פארוואָס האָט די פרוי ניט געוואָלט מען זאָל וויסען ווער דעם קינד'ס פאָטער איז? אויף דיזער פראַגע האָט דער דער־מאָנטער ציוניסט געענטפערט: „אפשר איז זי ניט געווען באַרייט צו ווערען זיין פרוי. וואהרשיינליך איז ער איהר ניט געפעלען געווען און זי האָט זיך מיט איהם ניט געוואָלט פאַר־בינדען. און אפשר זיינען דערביי געווען אורזאכען פון אַן אנדער כאַראַקטער". פיליכט האָט אימיצער פון די חבר־טעס אָדער חברים געוואוסט וואָס צווישען זיי איז פאָרגעקומען, און פיליכט קיינער ניט.

— איז מעגליך, אַז אַ פרוי זאָל ווערען מוטער, און אַליין ניט וויסען ווער דער פאָטער איז? — האָב איך געפרעגט ביי אַן אַנדערען, וועלכער איז גוט באַקאַנט מיט די קאָמונעס.

— דאָס קען אויך טרעפען, אָבער ניט אָפט, — האָט ער געענטפערט. — עס האָט אָפט פאַסירט, אַז צוויי יונגעליט האָבען אַרויסגעוויזען ליבע צו דעם זעלבען קינד, זיך געשפּילט מיט איהם, געצערטעלט איהם, און מען האָט געגלויבט אַז ניט זיי, ניט די מוטער קען באַשטימען ווער פון זיי עס איז דער פאָטער. אָפּיציעל האָט איינער פון זיי געטראָגען דעם נאָמען פון דער פרוי'ס מאַן און פון דעם קינד'ס פאָטער. דעם אמת האָט מען ניט געוואוסט, און מען האָט קיין קשיות ניט געפרעגט.

אין אַזעלכע פאַלען טראָגט שוין די פרייע ליבע דעם כאַראַקטער, וועלכער ווערט געשילדערט פון די אָרטאָדאָקסישע שונאים פון די קאָמונעס. מען קען אויך ניט לייקענען, אַז אין געוויסע פון די פּאַלעסטינער קאָמונעס האָט די פרייע ליבע אויף אַ געוויסער צייט אָנגענומען ספּעציעל „פרייע" פאָרמען. מען איז אַרויס פון די גרעניצען. אָבער די גרויסע מאַיאָריטעט פון די קאָמונע־ציוניסטען פירט זיך אָנשטענדיג. די מענער וואָלטען אפשר געוועזען מעהר געניינט אַראָפּצואוואַרפען פון זיך יעדען יאָך פון צוריקגעהאַלטענקייט. די פרויען, אָבער, פאַר וועמען די רעזולטאַטען, זיינען ערנסטערע, זיינען מייסטענס מאָראַליש ציכטיג. אַזוי איז אין דער פּריוואַט־אייגענטום וועלט און אַזוי איז אויך אין די קאָמונעס פון פּאַלעסטינע.

און דאָס ברענגט אונז צוריק צו דער פראַגע פון עקאָנאָמישער זיכערקייט.

עס איז אַ פאַקט, אַז די צאָהל הייראַטען, וועלכע קומען פאָר אין די פּאַלעסטינער קאָמונעס, איז פאַרהעלטניסמעסיג זעהר קליין. פאַר וואָס איז דאָס?

דער ענטפער איז, אַז די מיטגלידער פיהלען ניט זיכער אַז די קאָמונע איז זייער צוקונפט, און די מאַיאָריטעט פון די מיטגלידער ווילען זיך ניט פאַרבינדען.

ערשטענס, איז מען ניט איבערצייגט אַז די קאָמונע וועט עקזיסטירען אויף אימער. און, צווייטענס, איז דער מיטגליד

ניט איבערצייגט, אז ער וועט וועלען אין איהר בלייבען, ווען זי זאָל אפילו יא עקזיסטירען. דאָ האנדעלט זיך ניט נאָר וועגען דער פראגע פון פערזענליכער זעלבסטשטענדיגקייט. עס איז פשוט א פראגע פון ברויט און פוטער און די געוועהנליכע באקוועמליכקייטען.

דער לעבען אין זיי איז אן אָרימער און א שווערער. אין דעם רוב פון זיי איז פשוט ניטאָ גענוג צו עסען. וועגען עסען אזוי ווי אן ארבייטער איז געוואוינט אין אמעריקא, איז אָפּגערעדט. מען פרעהט זיך, צום ביישפּיל, אז עס איז דאָ גענוג מילך פאר די קינדער. פאר ערוואקסענע איז דאָס אָפּט א לוקסוס־ארטיקעל, אן וועלכען זיי מוזען פארגעסען.

א גרויסע צאָהל פון די קאָמונע־מיטגלידער זיינען וועגע־טאריאנער. אָבער דאָס איז אפשר א „מוז" גיכער ווי א פּרינ־ציפּ. וואָרים די, וואָס זיינען ניט קיין וועגעטאריאנער, באַ־קומען פלייש נאָר דריי מאָל א וואָך; און, ווען די אנדערע וואָלטען זיך ענטזאגט פון זייער וועגעטאריאניזם, וואָלט אפשר געווען פלייש נאָר איין מאָל א וואָך.

ביי דער שווערער ארבייט, וואָס מען טוט פון זון־אויפגאנג ביז זון־אונטערגאנג, איז די שפּייז צו אָרים, און שטילערהייט באקלאָגען זיך אויף דעם כמעט אַלע.

מען דאַרף זיין אמת באגייסטערט, אום זיך צו פיהלען גליקליך ביי אזא לעבען.

* * *

מיר האָבען דאָ גערעדט וועגען דער פראגע פון תכלית. ניט נאָר וועגען דער צוקונפט פון דעם מיטגליד האנדעלט זיך דאָ. וועגען דער צוקונפט פון די קינדער אויך. וואו וועט דאָס קינד לערנען? ווי אזוי קען די קאָמונע איהם צוגרייטען פאר דער וועלט? דאָס זיינען וויכטיגע פראגען פאר יעדען, וואָס וויל ווערען א פאָטער אָדער א מוטער פון קינדער. און די פאלעסטינער קאָמונעס האָבען אויף דעם געביט נאָך א סך שווערע פראָבלעמען צו לייזען.

א סך באָבע־מעשיות הערט מען וועגען די קאָמונעס אין באצוג צום ענין פון קינדער־ערציהונג. מען דערצעהלט, למשל,

אז די קינדער האָדעווען זיך ביי זיי אויף אזא „קאָמוניסטישען" שטייגער, אז די קינדער קענען ניט זייערע עלטערען און די על־טערען זיינען אין גאנצען אָפּגעפרעמדט פון זייערע קינדער.

איך האָב אין די קאָמונעס פארבראכט גענוג צייט צו זיין אימשטאנד צו ערקלערען, אז דאָס איז א לעכערליכער בלבול.

די מוטערס פארברענגען מיט זייערע קינדער ניט ווייניגער ווי א ניו יאָרקער מוטער, וועלכע געהט ארבייטען און לאָזט איהרע קינדער איבער ביי א שכנה אָדער אין א „דעי נוירסערי". אייגענטליך מעהר. וואָרים א ניו יאָרקער מוטער, וואָס געהט אין שאָפּ, קען איהר קינד ניט זעהן א גאנצען טאָג, ווערענד א מוטער אין א קאָמונע זעהט זיך מיט איהר קינד אין דער מיטאָג־שטונדע אויך.

איך האָב זיך ספּעציעל צוגעקוקט צו די קינדער און צו זייערע עלטערען, און די צוגעבונדענקייט פון איינע צו די אנ־דערע איז די זעלבע שעהנע, צערטליכע צוגעבונדענקייט, וועלכע עקזיסטירט אויף דער גאנער וועלט. אין דעם עס־צימער צו אָוונד־ברויט האלטען פילע פון די מאַמעס אָדער טאַטעס זייערע קינדער אויף די הענד, און נאָכ'ן עסען טראָגען זיי זיך מיט זיי ארום און לאָסטשען זיי ווי אלע טאַטעס און מאַמעס.

אויב איין טאַטע פארנעמט זיך מיט זיין קינד מעהר און אן אנדערער ווייניגער, זיינען אין דיזער באציהונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אויך ניט אלע טאַטעס גלייך.

די פרוי איז אין דער קאָמונע באפרייט פון די שווערע ארבייט און דאגות, וועלכע זיינען פארבונדען מיט אכטונג געבען אויף א קינד. דיזע ארבייט און דיזע זאָרגען נעמען אויף זיך א פּאָר ספּעציעלע חבר'טעס, און אין דעם באשטעהט זייער טייל פון די פליכטען וואָס די קאָמונע האָט צו ערפילען. די מוטערס קענען זיך אָפּגעבען צו זייער ארבייט מיט א פרייען קאָפּ, און דאָס פארקלענערט ניט זייער מוטערליכקייט אויף א האָר.

די קינדער שלאָפען צוזאמען, אונטער דער השגחה פון א

ספעציעלער חבר'טע, און די מוטערס קענען זייער רוה האבען אונגעשטערט.

מוז דען א מוטער דוקא שלאפען מיט איהר קינד? אויב אזוי, טא צו וואס עקזיסטירען ניאנקעס אויף דער וועלט?

טאמער וויל אבער א מוטער אין א קאמונע פארט האבען איהר קינד ביי זיך א גאנצע נאכט, איז זי דאס פריי איינצו־פיהרען.

איך האב זאגאר געזעהן קאמונע־מיטגלידער, וואס עסען וועטשערע ניט אין דעם אלגעמיינעם עס־זאל, נאר מיט זייערע עלטערען, וועלכע זיינען צו זיי אריבערגעקומען אין דער קאמונע. געוועהנליך זיינען די עלטערען פרום, און פאר זיי איז פאראן א ספעציעלע קיך, א כשר'ע, און א באזונדער עס־צימער.

שטריכען און פאַרבען אין די נייע קאָלאָניעס

אן אויטאָממאָביל־רייזע דורך די אידישע פאַרמס. — דער וועג. — א קאָלאָניע פון ראַדיקאַלע אינדיווידואַליסטען.— כפר יחזקאל. — די קאָמונע „גבע". — איידעלע גיים־טער און פאַרהאָרעוועטע קערפּעס.

איך וועל איצט איבערגעבען מיינע איינדרוקען פון די קאָ־לאָניעס, ווי איך האָב זיי אליין געזעהן.

מיר זיינען געפאָהרען פון תל־אביב אין אן אויטאָמאָביל.

גענאָסע הארצפעלד, איינער פון די פּראָמינענטסטע און טעטיגסטע טוער אין דער אַרבייטער־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע, וועלכער האָט אונז באגלייט אויף דער רייזע, איז ספּעציעל פאַר־בונדען מיט דער אָפּטיילונג, וועלכע האָט צו טאָן מיט די קאָלאָ־ניעס. ער איז א ליידענשאפטליכער זינגער פון אלערליי אידישע נגונים. זיין טאַטע איז א ראַכמעסטריווקער חסיד, און ער, דער זוהן, האָט פון איהם גע'ירש'נט דעם חסידישען פייער און טרויער אין זינגען.

דער אָטאָמאָביל פליהט, און הארצפעלד זינגט און פּאַטשט מיט די הענט, מיט אן אָנשטעקענדיגער התלהבות. ניט ווילענדיג מוזען מיר אלע מיטזינגען, און אפילו מיט־פּאַטשען מיט די הענט אויך.

* * *

דאָס איז געווען דער פופצעהנטער אָקטאָבער ,אום צעהן אוהר אין דער פריה. אין תל אביב איז געווען הייס, אזוי ווי אין ניו יארק אין יולי. אין א געוויסען זין קען מען זאָגען, אז ס'איז געווען נאָך הייסער. די זון ברענט דאָרט מיט אן אייגענאַר־טיגער ענערגיע. די לופט אָבער איז פריי און אנגענעהם. פון דער

דושנעקייט וואס באגלייט אונזער ניו יארקער היץ, איז גיטא קיין שפור. דערפאר אבער פלאקערט די זון מיט א קראפט, וועלכע איז פאר מיר געווען יעדען טאג א נייע איבערראשונג. זי ברענט אייך אין די אויגען, אזוי ווי מען וואלט אויף אייך אנגעשטעלט דעם „פאקוס" פון א שטארקען פארגרעסער־גלאז. איהר ווערט כמעט דערשראקען. עס דוכט זיך אייך, אז נאך א פאר אונפארזיכטיגע סעקונדען — און איהר ווערט א בלינדער. און ניט ווילענדיג דערמאנט איהר זיך אן דער אונגעהויערער צאהל אראבער, וועלכע זיינען בלינד אויף אן אויג.

אין א פריהערדיגער באשרייבונג האב איך די גרויסע צאהל האלב־בלינדע ערקלעהרט טיילוויז דורך די שטויב* און דורך דער אונציכטיגקייט פון די אראבער. גאר ביז א געוויסען גראד האב איך דאס צוגעשריבען צו דעם פלאקער פון דער זון. דאס איז ריכטיג, ווארים די אידען ליידען ניט דערפון. זיי זיינען א סך ציכטיגער, און דער רעזולטאט איז: אז צו זעהן א אידען, וואס האט פארלוירען אין פאלעסטינע אן אויג, איז א גרויסע, גרויסע זעלטענהייט. איך האב אזעלכען אין גאנצען ניט באגעגענט. כמעט יעדער איד אין פאלעסטינע האט צוויי אויגען, און ער געברויכט זיי ביידע גאנץ פלייסיג.

אויף דעם אבער, וואס איז נאך ניט צוגעוואוינט צו דער פאלעסטינישער זון, מאכט עס אן איינדרוק, אז זי איז א פראפעסיאנעלער מלאך המות אויף מענשליכע אויגען.

ווען איך האב געפרעגט: ווען די זון ברענט אין פאלעסטינע ניט, האט מען מיר געענטפערט, אז אזא צייט איז אייגענטליך ניטא. שפעטער, אין ווינטער, פאנגען זיך אן די רעגענס, אבער ווען עס רעגענט ניט, איז ווידער העל און היים. אזוי איז אין דעצעמבער, אזוי איז אין יאנואר אדער אין פעברואר, און דערנאך הויבט זיך שוין אן דער באריהמטער פאלעסטינישער פריהלינג, מיט זיינע שעהנע בלומען, מיט זיין רייכער קאלירען־וועלט.

צו דער ברענענדיגער זון איז יעדענפאלס ניט שווער זיך צו־צוגעוואוינען. און די לופט איז אימער גוט. פאראן ניט קיין געזונטע פלעצער — דארטען, וואו די זומפען זיינען נאך ניט אויסגעטריקענט געווארען. אזוי אבער איז דער פאלעסטינישער

קלימאט געזונט און אנגענעהם. איך, וויינינגסטענס, האב זיך דארטען געפיהלט גאנץ גוט.

* * *

מיר זיינען געפאהרען דורך יאפא. די גאסען זיינען מייסטענס באשטאנען פון זאמד. פון די זייטען, דא, וואו עס איז נאך ניט אויפגעבויט קיין הויז, ליגט די זאמד אין כוואליעס. די הייזער זיינען שטיינערנע. שטיין איז אין פאלעסטינע א פיל געוועהנליכערער ארטיקעל ווי האלץ, ווארים קיין וועלדער זיינען נאך איצט ניטא; מען דארף זיי ערשט שאפען.

שטויב אהן א שיעור. נאר אין תל אביב איז דער שטויב א סך וויינער ווי אין ירושלים. דער מענשליכער אטעם אבער אינטערעסירט זיך ניט מיט זיין קאליר...

אין צעהן מינוט זיינען מיר שוין געווען אויף יענער זייט יאפא. צוערשט איז דער וועג געווען שרעקליך. ס'האט אונז געשלײדערט, אזוי ווי אונטער אונז וואלט אלע ווילע עקספלאדירט א באמבע. עס האט געטרייסעלט די ציינער, געווארפען דעם צונג און געשמיסען די ליפען. אפט איז געווען אונמעגליך צו ריידען. איהר זאגט, דאכט זיך, אז עכט אידישען ווארט — און עס קומט ארויס א כינעזישער.

אזוי האט אנגעהאלטען ביי דריי פערטעל שטונדען.

דאן איז די וועג געווארען בעסער, און דערנאך — א סך בעסער. דער אטאמאביל איז געגאנגען איבער אן אויסגעצייכענטען שאסע.

פוןביידע זייטען האט זיך געצויגען פלאכע לאנד, און גרויסע שטרעקעס זיינען געווען באדעקט מיט גרינס. עס האבען זיך באוויזען מאסען בוימער. עס האט אנגעהויבען אויסצוזעהן אביסעל ווי איירעפע. איהר הערט, אז דארטען געפינען זיך א פאר אלטע דייטשע קאלאניעס. מען דערצעהלט אייך וועגען זיי און וועגען דער מערקווירדיגער ארבייט וואס די קאלאניסטען האבען אין זיי אריינגעטאן. שוין פערציג יאהר ווי זיי עקזיסטירען דארטען. מיט זייער ארבייטסזאמקייט, פינקטליכקייט און טעכנישער אינטעליגענץ האבען זיי וויסטענישען פארוואנדעלט אין שעהנע, פרוכטבארע פארמס.

דאָך, דעם אויסדרוק „גרויסע שטרעקעס זיינען געווען באַדעקט מיט גרינס", דאַרף דער לעזער בוכשטעבליך ניט נעהמען. אַזאַ זאַך איז אין פּאַלעסטינע כמעט ניטאָ. אין אייראָפּע און אין אמעריקע זיינען מיר געוואוינט צו פעלדער און לאָנקעס, וועלכע באַדעקען די ערד אין גאנצען, אזוי ווי א גרינער טעפּיך. אין פּאַלעסטינע וואקסט די גראָז (אויב זי וואקסט נאָר) בינטלעך־ווייז. אויב די פעלד איז גוט באארבייט און גערעטען, וואקסען די בינטלאך געדיכט; אויב ניט גערעטען — זיינען זיי שיטער. צווישען זיי זעהט זיך מייסטענס דער זאמד. פון וויטען זעהט עס אויס אזוי ווי עס וואָלט געווען באדעקט אין גאנצען מיט גראָז, אָבער ניט פון נאָהענט.

איך בין דורכגעפאָהרען דורך פארשידענע לענדער, און אומעטום איז דער איינדרוק גאָר ניט דער, וועלכען איך האָב באקומען אין ארץ ישראל. פאָהרענדיג צוריק פון פּאַלעסטינע, איז מיר אויסגעקומען דורכצושניידען די גאנצע לענג פון איטאַליען. איטאַליען איז א דרום־לאַנד. דאָרטען איז ווארעם, ווען אין ווארשא טראָגט מען שוין פוטערס. די פעלדער זיינען נאָך דאָרט גרין, ווען פּוילישע לאָנקעס זיינען שוין באַדעקט מיט שניי. איהר זעהט אין איטאַליען פּאַלמען־בוימער און אנדערע פלאַנצען, מיט וועלכע א פּוילישער אָדער א ליטוואק איז באקאנט נאָר פון בילדער. עס מאכט אָבער ניט אויס. דער אלגעמיינער בילד פון דער נאטור איז אין איטאַליען דער זעלבער ווי אין אייער געבורטס־לאַנד. אין פּאַלעסטינע אָבער איז ער א גאַנץ אנדערער. אויף מיין רייזע צוריק האָב איך דאָס דערפיהלט גאַנץ שטאַרק. גלייך ווי איך בין אראָפּ פון שיף אויף אַן איטאַליענישען ברעג, האָב איך דערפיהלט עפּעס היימישעס. ס'האָט געשמעקט מיט דער נאטור, צו וועלכער איך בין אימער געוואוינט.

היימישעס! — וואָס פאַר א גיפטיגע איראָניע פון דעם שיקזאַל עס ליגט אין דיזען וואָרט! אידען שטאַמען פון פּאַלעסטינע, דאָרטען איז געווען די היים פון אונזערע אור־עלטערען. דאָרטען איז די געבורטס־לאַנד פון דעם אידישען פאָלק; דער נאטור־בילד פון פּאַלעסטינע האָט באדאַרפט זיין דער

היימישער בילד ביי א אידען... אבער דער זכרון פון א מענשען האט גאנץ ווייניג שייכות מיט די ביכער, אדער מיט די ערפאהרונגען וואס זיינע עלטער־זיידעס האבען דורכגעמאכט. די פוילישע לאנקעס, די פוילישע פעלדער, די פוילישע וועלדער — אט די זיינען אין זיינע נערוועז ארייגעוועבט. היינט, געהט טענה'ט מיט איהם!

פאר די קינדער אבער, וואס זיינען געבוירען געווארען אין פאלעסטינע, איז די דארטיגע נאטור אין די נערוועז איינגעוועבט. און טיילווייז מוז מען דאס זעלבע זאגען וועגען יענע אימיגראנטען, וואלכע האבען מיט זייערע קרעפטען, און מיט זייערע אפפערס געמאכט פון פאלעסטינישע וויסטענישען — פרוכטבארע ערד. זי איז זיי טייער.

און נאך אן אמת מוז מען זאגען: מאסען אידען, וועלכע וואוינען אין תל אביב אדער אין ירושלים, אין יאפא אדער אין חיפה, איז אויך די פאלעסטינישע ערד טייער; מיט די זאמד, מיט די שטויב, מיט די שטיינער, מיט די שרעקליכע היצען, מיט אלעמען איז זי זיי טייער. זיי האפען דא אויפצובויען א זיכערע אידישע היים, און צוליב דער דאזיגער האפנונג איז זי זיי טייער.

* * *

א גאנץ קליינע שטרעקע פון די דייטשע קאלאניעס געפינט זיך די אלטע אידישע קאלאניע „פתח תקוה”. מיר זיינען זאגאר דורכגעפאהרען א שטיקעל לאנד, וועלכע געהערט צו איהר. מיר האבען געזעהן גרויסע בוימער, וואס זי האט געפלאנצט און אויסגעהאדעוועט — אויך סמנים פון שווערע ארבייט און צערטליכע אויפפאסונג.

באלד האט אונזער באגלייטער אנאנסירט, אז מיר געפינען זיך לעבען דעם טייך ירקון. ער האט די ווערטער ארויסגעזאגט מיט א זעלטענעם פאראד, כמעט מיט א מין עהרפורכט, עפעס אזוי ווי מען זאגט אן, אז אט באלד וועט מען זעהן דעם קיסר.

א טייך אין פאלעסטינע איז ווירקליך אזוי ווי א קיסר פון דער נאטור. עס איז א זעלטענהייט, אן אוצר. אפילו א ברונען איז א זעלטענהייט און אן אוצר. און דער ירקון איז דערצו נאך

ניט קיין געוועהנליכער טייך. ער פליסט מיט א מערקווירדיגער קראפט.

באלד האבען מיר איהם דערזעהן. לכבוד זיין מאיעסטעט זיינען מיר ארויס פון אטאמאביל.

א שמאלער פאס וואסער, אבער ווירקליך א „פערזענליכ־קייט"! וואס פאר א כח, וואס פאר א האסט! זיין שטימע פילט אן דעם גאנצען געגענד מיט זיין „איך". אין פאלעסטינע איז דאס די שעהנסטע מוזיק.

דריי אראבישע פרויען האבען געשעפט וואסער. צוויי פון זיי האבען געטראגען זילבערנע רינגען אין זייערע נעזער. די סצענע האט אזוי געשמעקט מיט חומש, אז אויף א מינוט בין איך געוועזען אבסאלוט פארזונקען אין מיינע חדר־יאהרען.

באלד זיינען מיר צוגעקומען צו א פלאץ, וועלכער הייסט: „די צעהן מיהלען". דער ירקון פאלט דארט ארונטער מיט א גרויסען אימפעט, און דערפון קומען אין עטליכע פלעצער ארויס וואסער־פאלען. קיין צעהן וואסער־פאלען זיינען ניטא, אבער זיבען האבען מיר איבערגעצעהלט.

עס געפינט זיך דארטען א מיהל. קיין גרויסע טעטיגקייט האט זיך ניט געמערקט. א גרופע אראבער זיינען געזעסען אויף דער ערד, געשמועסט, געדרעמעלט, געראוכערט און זיך שטילער־הייט געקוויקט מיט דער וואסער־סימפאניע.

דער גאנצער געגענד מיט אלע וואסער־פאלען, מיט די מיה־לען, געהערט צו איין עפענדי, דאס הייסט צו איין אראבישען פריץ. און דאס האט אונז ערצעהלט, אז מיט דריי פערטעל שטונדען פריהער זיינען מיר דורכגעפאהרען דורך דער וויכטיג־סטער גאס אין יאפא, און אז זי געהערט אויך אין גאנצען צו איין עפענדי, מיט אלע איהרע הייזער, מיט אלע סטארס.

רוטענבערג האט וויכטיגע פלענער וועגען דעם טייך ירקון. מיט זיין קראפט וואלט ער געקענט באפרוכטבארען א גרויסע געגענד ארום און ארום. דאס איז איינער פון די פונקטען אין דער ברייטער פראגראם, וואס רוטענבערג האט פאר דער אנט־וויקלונג פון פאלעסטינע.

* * *

מיר זיינען געפאהרען ווייטער. פלאכע לאנד ווערט פארט־געזעצט. אבער פארמס זעהען זיך ווייניג. דא און דארטען באַוויזט זיך אן אראבישער דערפעל. די הייזער זיינען פון שטיין אדער פון ערד.

פארלויפיג זיינען מיר אין דער טייל, וועלכע הייסט „יהודה". אין דיזער טייל געפינט זיך ירושלים, תל־אביב און יאפא. באלד אבער האט זיך „יהודה" געענדיגט. עס האט זיך אנגעפאנגען „שומרון".

דערפער באגעגענען זיך נאך ווייניגער. איהר פאהרט און איהר פאהרט איבער דעם אויסגעצייכענטען שאסעע, און פוןביידע זייטען, אזוי ווייט ווי אייער אויג קען גרייכען, ציהט זיך אן ענדלאזע וויסטקייט. איהר באגעגענט דארף־אראבער, איהר באַגעגענט וואנדערענדע אראבער — בעדואינער.

פרויען געהען מיט גרויסע לאגלען וואסער, אדער מיט אנדערע משאות אויף די קעפ. עס רייט פארביי אן אראבער אויף אן אייזעל, א צווייטער — אויף א קעמעל. פון ווייטען זעהט איהר א גרויסע סטאדע שעפסען. איהר קוקט זיך ארום; וואס עסען זיי, די שעפסען? אזוי ווייניג גראז... נאר א בינטעלע דא און א בינטעלע דארטען...

— אט דאס עסען זיי, — ענטפערט מען אייך.

און מיט די דאזיגע גראז הייצען די אראבער זייערע אויוועגס אויך.

דער אויטאמאביל פליהט. איך זיץ און קוק. דאס בילד איז אזוי פרעמד, און דאך אזוי באקאנט — דורך געמעלעכצען, דורך דער ביבעל, דורך פאעטישע שילדערונגען...

ווי אין א חלום געפין איך זיך...

* * *

מיר זיינען אריינגעקומען אין עמק יזרעאל, דער טאל, וועלכער איז דער שטאלץ און די האפענונג פון די ציוניסטען. דארטען געפינען זיך מייסטע פון די קאמונעס, און דארטען ווערט אויך פארקויפט לאנד פון וועלכען עס דארפען ארויסקומען נייע פארמס און נייע שטעדטלאך און שטעדט. אזוי ערווארט מען.

מיר זיינען אריינגעפאהרען אין כפר יחזקאל, א נייע

קאלאניע. זי איז ניט קיין קאמונע, אבער זי פיהרט זיך לויט דעם פרינציפ, אז מיט פרעמדע הענט זאל די ארבייט ניט געטאן ווערען. די מיטגלידער גלויבען ניט אין קאמוניזם: אי־דעאליסטען אבער זיינען זיי. זיי אונטערשטרייכען דעם אידעאל פון פערזענליכע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

מיר האבען די גאנצע קאלאניע געפונען ביי דער ארבייט. עס איז געשטאנען א דרעש־מאשין, און ארום איהר — ביי א פופצעהן, צוואנציג אידישע פארמערס, מייסטענס יונגע — פון א יאזור פינף און צוואנציג ביז פינף און דרייסיג.

די מאשין האט געאטעמט און געארבייט ווי א מענש. עס האט זיך געשאטען ווייץ; ס'איז געווען א שטויב, אן אנגענעהמער שטויב, מיט בשמים האט ער געשמעקט.

די זון האט געשיינט אויף די קאלאניסטען, און זיי האבען געארבייט ווי די ביהנען. פון וויטען האט זיך געשלענגעלט א וועג, און א ביסעל ווייטער האבען זיך געצוייגען די בערג, אזוי ווי זיי וואלטען געוואקסען פאר אייערע אויגען. מיין באגלייטער האט זיי אנגערופען מיט די נעמען: „הרי גלבוע", „הרי מואב".

— און דארטען ווייטער, זעהט איהר? — האט ער צוגע־געבען מיט באגייסטערונג — דאס זיינען די בערג פון נצרת. קריסטען זאגען, אז יעזוס האט זיך דארטען געלערענט סטאלעריי.

א ביסעל אן א זייט האט א מידעל געקארמעט שעפסען. איינער פון די שעפסען האט זיך ניט געקאנט דערווארטען אויף זיין רייהע, און ער האט ארויסגעלאזען א טאן פון אונצו־פרידענהייט. דערזעלבער שעפסענער טאן ווי אויף א ליטווישען אדער אויף אן אמעריקאנער פארם. א פאר טריט ווייטער איז געשטאנען א פיר־קאנטיגער בארג מיט שטיינער, פינקטליך צוזא־מענגעלייגט, אזוי ווי א מויער. דאס האבען די קאלאניסטען זיי ארויסגענומען פון דער ערד, אום איהר צוגרייטען צום אקער. אגב וועט מען פון די שטיינער בויען הייזער.

פון ראגאזשעס האט מען צוזאמענגעשטעלט א מין שטאל. עס זיינען געקומען עלטערען פון קאלאניסטען, האט מען זיי אפגע־געבען צימערען, און עטליכע קאלאניסטען אליין האבען זיך איבערגעקליבען אין דעם ראגאזשענעם שטאל.

דער פארם איז געלעגען אויסגעשפרייט אין גרויסע גרינע פאסען און פאסען פון ברוינער ערד. עס האָבען זיך געזעהן עטליכע רויטע דעכלעך פון הילצערנע הייזער.

ביי אראבער זיינען די הייזער כמעט דורכאויס פון שטיין אָדער פון ערד. האַלץ אלס בוי מאטעריאל פיהרען איין אידען. אָבער, ווי שוין געזאגט, איז עס ניט קיין גאנץ געוועהנליכער ארטיקעל.

ביי א פּאָר פון די פארמערס זיינען די קעפּ געווען ארומגע־וויקעלט מיט ווייסע האנטוכער, אזוי ווי ביי די אראבער. עס איז א גוטע באשיצונג געגען דער זון.

די קאָלאָניסטען האָבען זיך שטארק פאראינטערעסירט מיט דעם באזוך. ווען עס באווייזט זיך א מענש פון דער אויסערליכער וועלט, אונטערברעכט ער די איינטאָניגקייט פון דעם דאָרפישען לעבען. און דאָ איז מען נאָך געקומען באקוקען פאלעסטינע מיט איהר נייעם לעבען!

די קאָלאָניסטען האָבען גענומען ערקלעהרען די ארבייט פון דער מאשין, ווייזען די פארשידענע טיילען פון זייער פארם. אלץ האָבען זיי געטאָן מיט שיינענדיגע פנים׳ער און באגייסטערונג.

עס האָט זיך באוויזען א איד מיט א האנטוך ארום קאָפּ און מיט א הוהן אין האנט. ער איז געווען איינגאנצען באוואקסען מיט א רויטער באָרד, און געגאנגען איז ער באָרוועס. א שטיק בערדיטשעוו און א שטיק תנ״ך צוזאמענגעמישט אין איינעם. דער דאָזיגער איד איז געקומען פון א דערבייאיגען פלאץ, פאר־קויפען א הוהן אין דער קאָלאָניע.

איך האָב געשמועסט מיט די קאָלאָניסטען וועגען דעם עקאָ־נאָמישען צושטאנד פון זייער פארם, און זיי האָבען מיר מיטגע־טיילט איינינע פאקטען:

— מיר פּראָדוצירען גענוג ווייץ פאר אונזער אייגענעם געברויך; און גערשטען און האָבער פאר פערד. מיר האָבען היהנער און קיה. אייער און מילך האָבען מיר גענוג. יעדער מיט־גליד האָט צוויי קיה און ביי א 50 היהנער. אויך האָבען מיר אינדיקעס. ביי אונז וואקסט א ביסעל פרוכט, באנאנעס, בארן. מיט דער צייט, ווען אונזער קאָלאָניע וועט זיך אנטוויקלען, וועלען

מיר פראָדוצירען א גרויסען איבערשוס פאר'ן מארק. מיר האָבען שוין א ביסעל פּראָדוקטען צו פארקויפען; מיר קענען זיך ניט באקלאָגען; עס געהט פאָרוועדטס. און מיר איבערצייגען זיך וואָס א טאָג אלץ מעהר, אז אונזער האָפנונג איז ניט קיין פוסטער חלום. ס'הייסט: אונזער האָפנונג אויפצובויען ארץ ישראל, צו מאכען אן אנשטענדיגען לעבען און אנשטענדיג צו ערציהען אונזערע קינדער.

איינער פון די קאָלאָניסטען האָט אונז גענומען דערצעהלען וועגען די צרות וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען, איידער זיי האָבען געבראַכט דעם פארם צו זיין יעצטיגען צושטאַנד.

די מיטגלידער פון כפר יחזקאל מאכען אן איינדרוק פון אינטעליגענטע מענשען. דאָס רוב זיינען זיי, ענטוועדער געוועזענע ישיבה־בחורים, אָדער יונגע לייט וואָס האָבען שטודירט אין דער אַלטער היים, אָבער זייערע הענט און פּנים'ער זיינען אָפּגעברענט פון זון. איהר פיהלט, אז איהר האָט פאר זיך מענשען, וואָס זיינען שוין לאַנג צוגעוואוינט צו פּראַצע און שרעקען זיך ניט אָפּ פאר קיין געפאהר. — אן איינדרוקספולער געמיש פון אן איידעלען, אינטעליגענטען גייסט מיט א פארהארטעוועטען קערפּער.

מיט באַזונדער פרייד און שטאָלץ האָבען די קאָלאָניסטען אונז געוויזען א נייעם שטאַל, וועלכען זיי בויען פאר קיה, מיט א גרויסען מאַגאַזין פאר פאַשע. אלץ איז אבסאָלוט מאָדערן.

דיזער שטאַל איז א קאָאָפּעראַטיווער. די קאָלאָניע איז טאַקע געגרינדעט אויפ'ן פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגענטום. אָבער, וואו עס איז עקאָנאָמישער און באַקוועמער, זיינען די אַלע קאָלאָניסטען פאראייניגט קאָאָפּעראַטיוו. די דרעש־מאַשין איז נאַטירליך ניט קיין פּריוואַט־אייגענטום. זי ווערט געברויכט פון אַלע מיטגלידער צוזאַמען.

* * *

עטליכע מינוטען מיט'ן אַטאָמאָביל האָבען אונז געבראַכט צו דער נעקסטער קאָלאָניע. זי איז שוין א קאָמונע, „גבע" הייסט זי. לאַנג האָבען מיר זיך דאָ ניט אָפּגעשטעלט. עס איז געוואָרען שפּעטליך, און מיר האָבען זיך געאיילט צוצוקומען צו דער

נעקסטער קאָלאָניע, װעלכע איז די גרעסטע קאָמונע אין פּאַלעס־טינע, צו „עין חרוד”.

אין „גבע” האָב איך גערעדט מיט אַ גרופּע פֿון די מיט־גלידער, אָבער אַם דײַטליכסטען געדענק איך די װערטער, װאָס איך האָב געהערט אין אַ געשפּרעך מיט אײנעם פֿון זײ, מיט װעלכען איך בין זיך דורכגעגאַנגען איבער דער פֿאַרם. דאָס איז געװען אַ שענער, הױכער יונגערמאַן, מיט ברײטע שולטערן און מיט אַ סימפּאַטישען, עהרליכען, אינטעליגענטען פּנים.

— דערװײל איז קײן זאַך נאָך ניט באַשטימט — האָט ער געזאָגט. — מיר האָבען בטחון, מיר האָפען: פֿאָרלױפֿיג איז ניט שלעכט, און די האָפֿנונג גיט אונז קרעפֿטען אױף צו אַרבײטען.

— װי קומט איהר אױס צװישען זיך? — האָב איך געפֿרעגט.

— פֿאָרלױפֿיג גאַנץ גוט, — האָט ער געענטפֿערט, — מיר זײנען זיך ניט צוזאַמענגעלאָפֿען סתם אַזױ; מיר קענען זיך גוט און מיר פֿאַרשטעהען זיך אײנער דעם אַנדערען. מיר זײנען גוט באַקאַנט פֿון פֿריהער, און מיר האָבען באַשלאָסען צו באַזעצען זיך אַלס אַ קאָמונע, װײל מיר פֿיהלען זיך װי אײגענע מענשען. דער אײנציגער עגמת־נפֿש באַשטעהט אין דעם, װאָס די לאַגע איז נאָך ניט קײן באַשטימטע. װי מײנט איהר, װעט עפּעס אַרױס־קומען דערפֿון?

אין זײנע װערטער האָט זיך געהערט אַ סימפּאַטישער געמיש פֿון האָפֿנונג און צװײפֿעל.

אײדער מיר זײנען אָװעקגעפֿאָהרען פֿון „גבע” האָט מען אונז געװיזען דעם „חדר ילדים”, װאו די קינדער האָדעװען זיך צוזאַמען. די קינדערלאַך זײנען געװען ציכטיג און זײ האָבען אױסגעזעהן געזונט און מונטער.

— דערקענען זײ זײערע מוטערס? — האָב איך געפֿרעגט בײ אײנער פֿון די ערציהערינס.

— נאָך װי! — האָט זי אױסגעשריהען פֿרעהליך.

גראָדע אין דער מינוט איז פֿאַרבײגעגאַנגען אַ מוטער פֿון אײנער פֿון די קינדערלאַך, האָט זיך דאָס קינד צושריען אױפֿ'ן קול און זיך גענומען ציהען צו דער מאַמע'ן.

זיי האָדעווען זיך פון דעם ערשטען טאָג אָן צוזאמען. און דאָך איז יעדע קינד דורכגעדרונגען מיט דעם באוואוסטזיין, אז דיזע און דיזע פרוי איז איהר מאמע; נאָר איהרע.

— מיר האָבען ניט קיין קאָמיטע — האָבען די קאָלאָניסטען אונז ערקלערט. מיר לעבען ווי איין משפחה, און יעדער טוט זיין פליכט. אז מען דארף עפּעס באטראכטען, טוען מיר עס אלע צוזאמען. און וואָס מען דארף ווערט געטאָן.

— ווי באַציהט זיך צו אייך די אלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאציע? — האָב איך געפרעגט ביי די קאָלאָניסטען.

— זעהר גוט — האָבען זיי געענטפערט, — מיר האָבען זיך ניט וואָס צו באקלאָגען. זי טוט דאָס בעסטע פאר אונז. דער קרן היסוד און דער נאַציאָנאַל־פאָנד פארהאלט זיך צו די ראדיקאלע קאָלאָניסטען זעהר פריינדליך.

מיר זיינען, אלזאָ, געפאָהרען קיין „עין חרוד", א קאָמונע פון 280 מיטגלידער (פון זיי זיינען 115 פרויען. קינדער זיינען פאראן 70. זיי זיינען, נאטירליך, אין דער צאָל מיטגלידער ניט אריינגערעכענט).

די גרעסטע פאַלעסטינער קאָמונע „עין חרוד" — סצענעס נאָך דער אַרבייט. — אין עס־צימער. — רעדעס — אַ אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט. — בוימער, גערטנער, באָקסער. — דער ירובעל פון תנ"ך. — קינדער גרייטען זיך צו אַ פאַרצייטיגען שמחת תורה.

מיר זיינען אהין געקומען פארנאכט. אייניגע מינוטען נאָך זונען־אונטערגאנג. די ארבייט אין די פעלדער האָט מען אקאָרשט געענדיגט. אויף די געזיכטער פון די קאָלאָניסטען איז געלעגען אן אויסדרוק פון רוה נאָך פילע שטונדען פון שווערער מיה. אויפ'ן הימעל און אויף די פעלדער איז געלעגען א גע־היימניספולע שטילקייט פון פרידען. עס איז געווען א פראכט פאר'ן אויג און פאר אלע חושים.

איינער פון די ערשטע פאָרטרעטען, וואָס האָבען געפאנגען מיין אויפמערקזאמקייט, איז געווען א באָרוועסער יונגערמאַן

מיט א קינד אויף די הענד, — א יונגערמאן מיט אן אינטערע־סאנטען, אינטעליגענטען פנים. ער איז נאר־וואס געקומען פון פעלד און ער האט זיך גלייך געכאפט צו זיין קינד. נעהנטער צו מיר, לעבען קיך, זיינען געשטאנען דריי יונגע פרויען, סייענדיג און ריידענדיג אויף העברעאיש צווישען זיך. זיי זיינען געווען מונטער, פרעהליך. די העברעאישע שפראך איז ביי זיי געגאנגען פליסיג, נאטירליך; נאר דער נגון און דער אקצענט זיינען געווען עכט־אידישע, און די אוואיעס און באוועגונגען, וואס זיי האבען געמאכט מיט די הענד, זיינען אויך געווען אידישע.

איין פרוי האט עפעס דערצעהלט פאר די אנדערע צוויי. ריידענדיג האט זי געשמייכעלט און געלאכט, און די אנדערע האבען איהר צוגעהערט מיט א לוסטיגען אינטערעס.

די קאלאניע „עין חרוד" ליגט ביי דעם בארג גלבוע. מען האט אונז אויף דעם בארג אנגעוויזען. מען האט אונז דער־מאנט אן א שטיקעל תנ"ך, וואו עס ווערט דערצעהלט, ווי עס איז גע'הרג'עט געווארען דער אידישער קעניג שאול. אט אויף דעם בארג האט עס פאסירט. שאול האט געזוכט צו טויטען דוד'ן, און דאך האט איהם דוד באוויינט. טראץ שאול'ס בלו־טיגע שנאה צו איהם, האט דוד געקלאגט אויף זיין טויט און ער האט פארשאלטען דעם בארג, אויף וועלכען דער אידישער קעניג איז געפאלען.

* * *

דער עולם האט אונז ערוואַרטעט. עס האבען זיך ארומ־געקליבען מיטגלידער, ארומגעוואשענע, אין פרישע ווייסע בלוז־קעס אדער רעקלעך. עס איז געווארען א פרעהליכער גערודער.

דער ערשטער האט זיך מיט אונז באשעפטיגט א יונגערמאן מיט רויטע האר (איך באדויער זעהר וואס איך האב פארגעסען זיין נאמען). פון זיינע רייד האט מען גלייך געזעהן, אז דאס איז א דענקענדער מענש. אין דער מלחמה האט מען איהם פאר־וואונדעט א פוס און ער איז צו פעלד־ארבייט ניט פעהיג. ער האט זיך אויסגעלערענט רימערייִ, און באשעפטיגט זיך מיט דעם אין דער קאלאניע.

מען האט געגרייט צו טיש אין דעם גרויסען עס־צימער.

דערוויייל זיינען מיר געזעסען אויף א באנק אין דרויסען און געשמועסט. כ'האב דעם רויט־האריגען יונגענמאן געשטעלט פראַ־גען, און ער האט מיר אויף זיי געענטפערט. פון צייט צו צייט האבען אויך אַנדערע אַנטייל גענומען אין דעם געשפרעך.

מיינע ערשטע פראגען זיינען געווען שייך צו טעכנישע ענינים, צו דער ארגאניזאציע פון דער קאמונע, און אזוי ווייטער.

איך האב, צום ביישפיל, געהערט, אז אין קיך ארבייטען אימער זעכצעהן מיטגלידער. דאָס שליסט שוין אויך איין די „קעלנערס". די זעכצעהן זיינען אָבער ניט אימער דיזעלבע. עס געהט נאָך דער רייהע נאָך. און יעדער מיטגליד מוז איין מאָנאט זיין באשעפטיגט דערביי. אויך די ארבייט פון וועש־וואשען געהט נאָך דער רייהע נאָך. (דאָס אַלץ קומט אוים פונקט ווי בעלאמי שטעלט פאר א סאָציאַליסטישע געזעלשאפט אין זיין ראָמאן „לוקינג בעקוואַרד", וועלכער איז באקאנט אונטער'ן נאָמען „אין הונדערט יאָהר ארום" אויף אידיש.)

איין מיטגליד איז א גאנצען טאָג פארנומען אַלס וועכטער, און ביינאכט — פון זון אונטערגאנג ביז זון אויפגאנג — זיינען מיט דעם באשעפטיגט דריי חברים. די וועכטער זיינען, נאַטיר־ליך, באוואָפענט. און ווען עס זאל זיך מאכען א געפאהר, איז יעדער מיטגליד געגרייט צו באשיצען די קאָלאָניע — ניט נאָר די מענער, נאָר אויך די פרויען.

איך האב דערמאָנט די פּאָגראָמען, די בלוטיגע צוזאמענ־שטויסען, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען אידען און בעדואינער אין געוויסע פלעצער.

אין פארלויף פון דיזען געשפרעך האב איך געפרעגט:

— האַלט איהר זיך געגרייט צו אזעלכע זאכען?

— נו, געווים, — האט א קאָמונע־מיטגליד געענטפערט.

ער האט די ווערטער ארויסגעזאגט מיט אַן איינפאכקייט, וועלכע איז געווען שטארקער ווי די שטאַרקסטע פראַזען.

* * *

אין „עין חרוד" ווערט ערוועהלט א קאָמיטע פון דריי צו פאר־טיילען די ארבייט. די קאָמונע האט עטליכע שעפער—א שוסטעריי, א רימעריי, א טישלעריי און א שמידעריי. זומער אָבער, ווען די

ארבייט אין די פעלדער פאדערט וואס מעהר מענשען, און ווען יעדער טאג איז טייער, מאכט מען די שעפער כמעט אין גאנצען צו. און די וואס זיינען דארט געוועהנליך באשעפטיגט, העלפען מיט אין פעלד. דאס איז אבער נאר איין ביישפיל ווענגען דעם ווי די ארבייט בייט זיך. צו באשטימען, אלזא, וויפיל מען דארף פאר יעדער סארט ארבייט און ווער עס זאל זיך מיט איהר פארנעמען — דאס איז די ראלע פון דער דרייער קאמיטע, וועגען וועלכע מיר ריידען דא.

— ווי טוט איהר ווען עס איז פאראן א קלאגע פון איין מיטגליד געגען אן אנדערען? — האב איך געפרעגט.

— אויף דעם האבען מיר אויך א ספעציעלע קאמיטע, אויך פון דריי; דיזע קאמיטע האט אבער גאנץ ווייניג צו טאן, — איז געווען דער ענטפער.

* * *

מיר זיינען אריין עסען אווענט-ברויט.

א גרויסער זאל, מיט לאנגע טישען און לאנגע בענק. די טישען זיינען צוגעדעקט מיט ווייסע ציראטע. עס שטעהען גלעזער מיט טיי, טעלער מיט געקאכטע אדער געבראטענע שטיק־לעך קארטאפעל. אויך געקאכטע ארבעס, דאכט זיך. עס זיינען געלעגען שטיקער ברויט, וועלכע האבען אויסגעזעהן ווי קארענע. איך זאג „אויסגעזעהן", ווייל אין דער אמת'ן איז אין פאלעסטינע קיין קארענע ברויט ניטא. אנשטאט דעם עסען די אידען א גרעבערען סארט ווייצענע ברויט. עס איז אבער גוט און געשמאק.

דער עולם אין דעם עס־צימער האט אויסגעזעהן גרויס. מיר האט זיך געדוכט זאגאר, אז ער איז א סך גרעסער ווי אן עולם פון צוויי הונדערט אכציג מענשען. ס'האט געהוזשעט און געטומעלט זיך ווי ביי א מאסענפארזאמלונג איידער די פארזאמ־לונג עפענט זיך. די מייסטע פון די מענער האבען געטראגען ווייסע בלוזקעס. וועגען אויבער־העמדער, קראגענס און האלז־טיכער איז נאטירליך ניטא וואס צו ריידען. אין דעם שווערען פארם־לעבען, וואס די קאלאניסטען קומט אויס צו פיהרען, וואל־טען אזעלכע זאכען געווען א שווערע און לעכערליכע צערעמאניע.

די פרויען זיינען אויך געווען געקליידעט זעהר איינפאך. דער אלגעמיינער איינדרוק איז געווען, אז אלעס איז ציכטיג.

אין „עין חרוד" האבען זיך דאן געפונען ארום פינף־און־צוואנציג עלטערע מענשען, וועלכע זיינען ניט קיין מיטגלידער פון דער קאלאניע. דאס זיינען פאטערס און מוטערס פון מיטגלידער. פאר זיי פיהרט מען א באזונדערע קיך, א כשר'ע, און זיי עסן אין א באזונדער צימער. דיזען מאל אבער זיינען זיי אלע געווען אין דעם גרויסען עס־צימער. זיי האבען געוואלט זעהן די געסט און הערען די רעדעס, וואס מ'האט ערווארטעט. לעבען דעם פלאץ, וואו איך בין געזעסען האב איך באמערקט א פאר יונגע לייט מיט קליינע קינדער אויף די הענט. און אין אנדערע טיילען פון דעם זאל האבען זיך אויך געזעהן יונגע לייט און פרויען מיט זייערע קינדער אויף די הענט. די גאנץ קליינע קינדער אבער זיינען שוין געשלאפען.

אונז, די געסט, האט מען געגעבען מילך צום מאהלצייט. די מיטגלידער אבער קענען זיך אזא לוקסוס נאך ניט ערלויבען. די מילך וואס די קאלאניע באקומט פון איהרע קיה, סטייעט פאר־לויפיג נאר פאר די קינדער און פאר קראנקע.

* * *

לעבען מיר איז געזעסען א מאן פון א יאהר פערציג, אדער עטוואס מעהר. א דארער, א געראזירטער, מיט א פאר לעבעדיגע אינטעליגענטע אויגען. דאס איז געוועזע לעפקאוויטש ,איינער פון די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען אין „עין חרוד" און אין דער גאנצער באוועגונג, אין וועלכער די קאמונעס און די אנדערע ראדיקאלע קאלאניעס זיינען פאראייניגט מיט די יוניאנס.

ער איז באשטימט געווארען צו זיין דער פארזיצענדער פון דעם אווענט.

עסענדיג דעם מאהלצייט, האב איך געשמועסט מיט איהם און מיט אנדערע פון די מיטגלידער, וועלכע האבען זיך געפונען נאהענט דערביי. מען האט מיר ערקלערט, אז א טייל פון די עלטערע מענשען, דאס הייסט, די פאטערס און מוטערס פון די מיטגלידער, ארבייטען אויך. קיינער צווינגט זיי ניט דערצו; זיי טוען דאס פון זייער אייגענעם ווילען. אויך האב איך דא גע־

ח. לעפקאָוויטש, פיהרער פון עין-חרוד.

הערט וועגען א מיטגליד, וועלכער עסט אימער צוזאמען מיט די עלטערע מענשען, בלויז דערפאר וואס ער וויל ניט עסען קיין טריפה.

דאס רוב פארהייראטע מיטגלידער זיצען אין עס־צימער צוזאמען מיט זייערע פרויען און איך האב באמערקט א פאר צערטליכע ליבע־פּאָרעס, אבער א היבשע צאהל זיצען באזונדער.

ענדליך איז דער מאהלצייט געווען פאראיבער. גענאסע לעפ־קאוויטש האט געעפענט דעם מיטינג. ער האט גערעדט אויף העברעאיש. דערנאך איז די רעדע איבערזעצט געווארען אויף אידיש — פון הארצפעלד'ן.

לעפקאוויטש'עס רעדע האט זיך אנגעפאנגען מיט א פריינד־ליכער באגריסונג, פון וועלכער ער האט ענטוויקעלט אן ערקלעה־רונג וועגען דער שייכות וואס זייער קאמונע האט צו דער אלגע־מיינער ארבייטער באוועגונג. ער האט געצוויגען אויפמערקזאמ־קייט צו זייער טעטיגקייט אלס א ספעציעלע פארמע, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס זייער ביישטייערונג צו דעם וואס די ארביי־טער טוען איצט אויף פאר דעם סאציאליזם. יעדער טוט זיין טייל אויף זיין אייגענעם שטייגער, און דער „עין חרוד" גלויבט, אז אויף זיין ספעציעלען אופן שאפט ער א זעהר ניצליכע זאך אין דער אלגעמיינער סומע פון טעטיגקייטען, וואס פיהרען די מענש־הייט צו א בעסערען, עהרליכערען און גליקליכערען לעבען.

* * *

נאך די רעדעס זיינען אוועק איינינע מינוטען. עס זיינען צוגעגאנגען פארשידענע מיטגלידער. א פאר פון זיי — מיט פרא־גען וועגען באקאנטע אין אמעריקע; א פאר — מיט באמערקונ־גען וועגען די רעדעס.

דערנאך זיינען מיר איבערגעגאנגען אין א קלענערען צימער, מיט דעם ספעציעלען צוועק זיך דורכצוריידען גענויער וועגען דער קאלאניע. דא האט זיך אויך אנגעזאמעלט א היבשער עולם. דער צימער איז געווען געפאקט. קיין פארמעלען פארזיצער האט מען ניט באשטימט. דער געשפרעך איז צוערשט פארגעקומען צווישען גענאסע לעפקאוויטש'ען און מיר. איך האב איהם געשטעלט פראגען, און ער האט געענטפערט אויספיהרליך.

מינוטענווייז האָט זיך צווישען אונז ענטוויקעלט א שטיקעל דעבאטע. שפּעטער האָט גענומען דאָס וואָרט דער מיטגליד מיט די רויטע האָר, און דערנאָך א יונגערמאַן מיט'ן נאָמען ליבינ־שטיין.

די דריי זיינען צווישען די אָנגעזעהענסטע מיטגלידער פון דער קאָמונע, און זיי רעפּרעזענטירען מיט זיך — אין אַלגעמיין ריידענדיג — די מיינונגען און די געפיהלען פון דער קאָמונע; איך מיין פון די פון איהרע מיטגלידער, וואָס זיינען באַגייסטערט און לעבען פאר איהר אידעאַל.

די ווערטער וואָס איך האָב געהערט ביי דיזען טיש זיינען דעריבער וויכטיג, לויט מיין מיינונג, פאר יעדען וואָס וויל וויסען וואָס עס קומט פאָר אין פאַלעסטינע.

לעפּקאָוויטש איז פון פוילען, א לאָדזער, דאַכט זיך. אין די אינגערע יאהרען איז ער געווען א למדן און א ברענענדיגער חסיד. שפּעטער איז אין איהם פאָרגעקומען א גייסטיגע רע־וואָלוציע; ער איז געוואָרען א מאָדערנער מענש, אָבער זיין חסידישער גייסט האָט זיך דורך דעם ניט געענדערט. ער איז נאָר צוגעפּאסט געוואָרען צו א נייעם אינהאַלט. דעם פּלאַץ פון זיין פריהערדיגער רעליגיע האָט פארנומען דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם.

ער איז א זעהר אינטערעסאַנטער מענש, לעפּקאָ־וויטש, מיט אַן אונרוהיגען מארך און מיט אַן אונרוהיגער נשמה. ער איז איינער פון די בולטסטע פיגורען אין דעם ראַ־דיקאַלען ציוניזם.

„אונזער באַוועגונג וואַקסט, — האָט ער געזאָגט — עס קו־מען צו נייע מיטגלידער, אי צו די פארם־קאָמונעס, אי צו די שטאָדטישע קאָמונעס. מיר באַקומען אַ סך בריף פון מענשען וועלכע ווילען אַריינטרעטען אין אונזער קאָמונע. עס טרעפט, נאַטירליך, אז מיטגלידער גהען ארויס אויך, אָבער ניט אָפט. אין איין פאַל אזעלכען האָט א פּאָר פאָלק אונז פארלאָזען, פּשוט ווייל די פרוי האָט זיך ניט געקענט צופּאסען צו דעם קאָמונע לעבען. עס האָט איהר ניט אינטערעסירט. איהר מאַן האָט זיך יאָ צוגעפּאסט, און ער וואָלט דאָ געבליבען,

אָבער זי האָט ניט געוואָלט זיין. זי איז געקומען שפּעטער פון איהם, און צוליב איהר איז ער אויך אַרויס. דערפאַר האָט אָבער אויך געטראָפען, אַז אַ פּאָר פאָלק האָט זיך צושיידט און ביידע זיינען געבליבען אין דער קאָמונע.

עס פּאַסירט, נאַטירליך, אַז מיטגלידער וואָס האָבען אָפּ־געלעבט אַ היבשע צייט, ווערט דיזער סאָרט לעבען נמאס. אָבער אַזעלכע זיינען ניט פאַראַן קיין סך."

ריידענדיג וועגען דער פראגע פון חשק צו דער אַרבייט, האָט לעפּקאָוויטש געזאָגט, אַז אין באַצוג צו דיזען ענין האָט די קאָמונע קיינמאָל ניט קיין טראָבעל. זעלטען, זעלטען ווען עס קומט זיך אויס צו באַקלאָגען אויף אַ מיטגליד, אַז ער פאַר־נאַכלעסיגט זיין פליכט. „די אַרבייט ווערט מייסטענס געטאָן גרופּען־ווייז, — האָט ער ערקלערט, — און די עפענטליכע מיי־נונג פון דער גרופּע איז דער בעסטער פאָרמאַן. מען אַרבייט מיט מיט די אַנדערע. מען טוט עס מיט חשק."

— ענטוויקעלט זיך ניט אַמאָל ביי איינינע פון אייך אַ געפיהל פון אונגעדולד? — האָב איך געפרעגט. — דאָס איז אַ ריין־מענשליכע פראגע. מיר האָבען איינגעזויגען מיט אונזער מוטער'ס מילך עגאָאיסטישע שטרעבונגען. איז דען ניט נאַ־טירליך, אַז זיי זאָלען זיך לאָזען פיהלען אין אייער קאָמונע?

אויף דעם האָט ער געענטפערט:

— ביי אונז אַרומצוטראָגען זיך מיט אַ פאַרשטיקטען גע־פיהל, הייסט זיין ניט אָפענהערציג צו אונז, און פאַלש צו זיך אַליין. עס זיינען, נאַטירליך, פאַראַן חברים, וואָס שטעלען זיך אַמאָל אָפּ: „איז דאָס אַ לעבען פאַר אונז?" פרעגען זיי זיך. אָבער ווען זיי באַרעכענען, קומען זיי צו דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס איז דער בעסטער לעבען, וואָס מען קען זיך פאָר־שטעלען. אונזער אידעע זאָגט אונז, אַז עקספּלואַטירט צו ווערען אויף אַ פאַבריק, הייסט לעבען פאַר'ן טייפעל, און אַז אַזאַ לעבען ווי אונזערער איז אַ קוואַל פון גליק. מען צאָהלט אונז ניט פאַר אונזער שאַפען מיט געלד, אָבער דאָס שאַפען גופא איז אַ תענוג, פון וועלכען דער פאַבריק אַרבייטער האָט קיין באַגריף ניט.

— מיר פאַרשטעהען גאַנץ גוט, אַז אויף אידעאַליזם אַליין קען מען נים בויען. מיר האָבען אַ פּראַקטישען שטאַנדפּונקט. מיר ווייסען, אַז אַ קליינע גרופּע קען גאַנץ ווייניג דערגרייכען. מיר גלויבען אין דעם עקאָנאָמישען פּרינציפּ, אַז אַ ווירטשאַפט דאַרף זיך פיהרען אויף אַ גרויסען שטייגער. וואָס גרעסער זי איז, אַלץ שפּאָרעוודיגער און פּרוכטבאַרער איז זי. מיר באַשרענקען זיך נים אויף פאַרם אַרבייט אַליין, מיר האָבען אויך ווערקשטאַטען, און, צום ביישפּיל, ווען עס פאַנגען זיך אָן די גרויסע רעגענס, און מיר קענען אין פעלד גאָרנים געהן, נע־מען מיר זיך פאַר אַזאַ אַרבייט, וועלכע מיר קענען זיך אין די שעהנע טעג נים פאַרגינען צו טאָן. מיר גלויבען איבערהויפּט אין מאַכען אונזער טעטיגקייט וואָס ברייטער און וואָס פיל־פאַכער. מיר זיינען אויך פאַרבונדען מיט געוויסע קאָמונים־טישע גרופּען, וואָס אַרבייטען אין די שטעדט אָדער אויף פרעמ־דע פאַרמס — ביי די אַלטע קאָלאָניסטען, צום ביישפּיל. ווען מיר וועלען זיין אימשטאַנד אריינצונעמען מעהר מיטגלידער, וועלען זיי צו אונז קומען. אייניגע פון זיי וועלען אַרבייטען אין פעלד, און אַנדערע אין די ווערקשטאַטען.

— מיר גלויבען, אַז ארץ ישראל דאַרף איבערגעבויט ווערען אויף אונזער שטייגער, דורך קאָמונעס. אייניגע זאָגען אונז, אַז מיר קענען נים געהן געגען דער היינטיגער מענשליכער נאַטור. פיליכט! מיר גלויבען אָבער, אַז מען דאַרף פּרובען. עס איז אונזער פליכט צו פאַרשפּרייטען אונזער אַרט לעבען.

דאָ האָט לעפקאָוויטש ווידער אָנגעריהרט זיין פּונקט ווע־גען דעם באַזונדערען שטייגער, אויף וועלכען יעדע לאַנד נעמט אַנטייל אין דעם קאַמף פון דער אַרבייטער־וועלט געגען קאַ־פּיטאַל.

— דאָס איז דער שטייגער פון אונזער מיטאַרבייטערשאַפט אין דער וואַקסענדער סאָציאַלער רעוואָלוציע — האָט ער גע־זאָגט.

— דאָס וואָס עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ מיטגליד פון „עין חרוד” פאַרלירט דעם אינטערעס אין אַזאַ לעבען, ווי אונ־זערער, קען אונז נים אָפּשטעלען, פּונקט ווי אונז קען נים אָפּ־

שטעלען דער פאקט, אז אין אונזער נאכבארשאפט, אין דער נייער קאלאניע „עפולה" האבען זיך ארייגעדרעהט ספעקולאנ־טען. מיר מוזען געהן מיט אונזער גאנג, טראץ אלע שטע־רונגען, — האט ער צוגעגעבען מיט א שיינענדיגען פנים.

— איהר האט גערעדט וועגען די וואס געהען אוועק פון אונז — האט ער ווייטער געזאגט — דאס רוב קומען זיי אבער צוריק. ווען זיי דערזעהען דאס לעבען פון שטאדט מיט אלע זיינע עקעלהאפטע זייטען, קעהרען זיי זיך אום אין „עין חרוד". דאן דערפיהלען זיי מיט א נייער קראפט ווי ווייט אונזער לעבען איז העכער און גליקליכער ווי יענער. אונזער לעבען שטעהט העכער, ערשטענס, אין באצוג צו קינדער ער־ציהונג; צווייטענס, ווייל יעדער פון אונז פיהלט, אז ער שאפט עפעס און אז ער ארבייט נים נאר ווי א מאשין; דריטענס, ווייל מיר בויען אויף א נייע, א העכערע פארם פון מענשליכ־קייט און א נייע פאמיליע.

— דער וואס האט ניט אין זיך קיין אידעאליזם, דארף נים קומען צו אונז, ווארים אידעאליזם באוועגט איצט דאס אידישע פאלק, און דאס קאמונע־לעבען איז זיין ריכטיגסטע און ווירקזאמסטע פארמע.

— יא, פילע מענשען קלאפען אין אונזער טיר. די צייט, מיט איהר שטוים, שיקט אונז צו נייע קאנדידאטען. איך זאג, אז מיר זיינען אידעאליסטען, אבער צו דער זעלבער צייט זיי־נען מיר דאך גאר די פראקטישסטע מענשען. מיר האבען איינגעזעהן ווי פוסט דער אנדערער לעבען איז, וועהרענד די אזוי־גערופענע פראקטישע מענשען זיינען טויב און בלינד.

— אונזערע חברים קענען ניט געהן ארבייטען צו קיין עקספלואטאטאר אויף א פאבריק. מיר זיינען אונרוהיגע מענ־שען. מיר זוכען דעם אמת און דעם עיקר פון גליק, און מיר זיינען זיכער, אז מיר זיינען אן אנשטעקענדיגע קריינק.

— עס טרעפט אפט, אז מען איז ביי אונז ניט צופרידען מיט'ן עסען. עס איז ווירקליך צו ארים פאר אונזער שווערער ארבייט, אבער דאס האט ניט קיין גרויסע באדייטונג. מיר זיי־

נען באריים נאָך פיל מעהר צו פארטראָגען, פיל גרעסערע אָפּ־פער אונזער אידעאל צו ברענגען.

— מיר לייגען פיל האָפנונג אויף דעם נייעם דור, וואס מיר ערציהען. מיר ערציהען א דור, וועלכער וועט פון דער פסיכאָלאָגיע פון זיינע זיידעס ניט וויסען, און מיר האָפען אויפ־צובויען אזא סאָרט פאלעסטינע, אז ביי אונז וועט זיין דער עיר המקלט פאר יעדען אומגליקליכען.

— תל־אָביב! — האָט ער אויסגערופען מיט א פייערל אין זיינע אויגען — שטעלט אונז ניט אוועק אין איין ליניע מיט יענע ציוניסטען, וועלכע גלויבען אין אויפבויען ארץ ישראל מיט אזעלכע מיטלען. מיר גלויבען אין אויפבויען ארץ ישראל, אָבער אידען קענען ניט קאָנקורירען מיט דער וועלט, און די וואָס גלויבען אין די תל־אָביב וועגען, מיינען, אז מיר קע־נען יא קאָנקורירען מיט דער וועלט. אין דער גרויסער קאפי־טאליסטישער וועלט ארבייט מען מיט נעגערס אָדער מיט אראַ־בער; מיר קענען אויף דעם וועג ניט געהן. אויף דעם וועג קענען מיר סאי ווי סאי גאָר ניט אויפטאָן. אלזאָ, מוזען מיר אויפבויען א ווירטשאפט אינוויינינג, כדי וואס ווייניגער צו דאר־פען קויפען פון דרויסען. זאָלען די רייכטימער וואס מיר שאפען ניט אוועקגעהן אין אַנדערע לענדער, נאָר בלייבען אין אונזער קליינער היים. מיר דארפען ווערען און מיר וועלען ווערען א מאיאריטעט אין ארץ ישראל, אָבער ניט אויפ׳ן וועג פון תל־אָביב. מיר זאָגען צו די תל־אָביב׳ער ציוניסטען, אז זיי בויען אויף זאמד. אונזער פונדאמענט איז אונזער ארבייטער אָרגאַ־ניזאציע מיט אַלע איהרע יוניאָניסטישע און קאָאָפעראטיווע צווייגען.

נאָך לעפקאָוויטש׳ען האָט גענומען דאָס וואָרט ליבינשטיין.

ליבינשטיין איז א סך אינגער פון לעפקאָוויטש׳ן. ער מוז זיין א יאָהר זעקס־און־צוואנציג — דער דורכשניטליכער עלטער פון די מיטגלידער אין „עין חרוד“. ער איז פון מיטעלען וואוקס, מיט רויטליכע באקען, און בשעת ער רעדט ליגט אויף זיינע ליפען א שמייכעלע פון זעלבסטשטענדיגקייט.

ער האָט געזאָגט, אז אידיש איז איהם שווער צו ריידען

און ער האט גערעדט אויף רוסיש (העברעאיש רעדט ער אויס־געצייכענט).

ווען איך בין אביסעל באקאנט געווארען מיט זיין כאראק־טער, איז מיר איינגעפאלען א פראגע: צי האט ער ניט אויס־געמידען די אידישע שפראך מיט א כיון?

ער איז א פרינציפיעלער מענש, אין דעם שארפסטען זין פון דעם אויסדרוק. זיינע אינטימע פריינד דערצעהלען מיר וועגען איהם דאס פאלגענדע, צום ביישפיל: זיין פאטער, וועלכער וואוינט אין תל־אביב, איז רייך, און ער, דער זוהן, באזוכט איהם גאנץ אפט. אבער עסען פון זיין טיש ענטזאגט ער זיך אבסאלוט. זיין פאטער פארדינט זיין געלד אויפ׳ן גע־וועהנליכען קאפיטאליסטישען שטייגער, דעריבער וויל דער יונ־גער ליבינשטיין ניט טרינקען אפילו א גלאז טהיי ביי איהם.

האבענדיג דאס אין זינען, האב איך מיר פארגעשטעלט ווי אונאנגענעם עס איז פאר דעם יונגען ליבינשטיין, פאר דעם ברענענדען ציוניסט, אויסצורייִדען אווארט אידיש. איידער אידיש, איז שוין בעסער רוסיש — דאס איז שוין אן אלטער כלל ביי די פאנאטיקער פון העברעאיש.

לעפקאוויטש האט זיך אויף דעם ניט אפגעשטעלט. אין דעם גרויסען עס־זאל, וואו די רעדעס האבען געהאט א פאראד־נעם כאראקטער, האט ער טאקע גערעדט העברעאיש, אבער אין דעם קלענערען צימער האט ער ניט געמאכט קיין צערעמאניעס און גערעדט גלייך אויף מאמע־לשון.

כמעט פון די ערשטע עטליכע פראזען, וועלכע ליבינשטיין האט ארויסגערעדט, האט מען געקענט באמערקען אז דאס איז א יונגערמאן מיט א שארפען קאפ...

קיין רעדנער איז ער ניט, אבער זיינע ווערטער ווייזען אן אויף אן ענערגישער געדאנקען־ארבייט. אויך ווייזען זיי, אז דאס איז א מח, וואס פאלגט נאך פאקטען מיט ציפער און ציהט פון זיי שלוסען.

— מיר גלויבען, — האט ער אנגעפאנגען — אז די ענט־וויקלונג פון דער שטאדט איז פאר דעם אידישען פאטערלאנד א רעאקציאנערע ענטוויקלונג. סיי־ווי־סיי געהט עס ניט אויפ׳ן

נאטירליכען וועג. די שטאָדט־רעגירונג פון תל־אָביב, צום ביי־שפיל, האט אין איין מאָנאט ארויסגעגעבען הונדערט און זעכציג ערלויבנישען אויף צו בויען הייזער אויף וואוינונגען, און נאָר איין ערלויבניש אויף צו בויען א פאבריק. גאנץ איינפאך: ס'איז ניטאָ קיין געלד. זיי ווילען אויפבויען פאלעסטינע אויף א קאפיטאליסטישען פונדאמענט, אָבער אָהן קאפיטאל. דאָס מוז פיהרען צו א קראך.

— פריוואט־קאפיטאל איז אין פאלעסטינע פאראן זעהר ווייניג. אלזאָ, באנוצען זיך ספעקולאנטען מיט'ן קהל'שען קאַ־פיטאל — מיט'ן קרן היסוד און, אינדירעקט, מיט דעם אנגלאָ־פאלעסטינישען באנק, מיט די געלד פון „פיקא", און אזוי ווייַ־טער. אלס געגענזאץ דערצו שטעלען מיר ארויס אונזער „סולל־בונה" (די קאָאָפעראטיוו־קאָנטראקטאָר אָפטיילונג פון די פאַ־לעסטינער געווערקשאפטען) און אונזער קאָנסום־פאראיין.

— די פריוואט־אונטערנעמער פון פאלעסטינע שטרעבען צו דינגען וואָס מעהר פון די אונענטוויקעלטע אראבער. זיי זוכען זיי אריינצוברענגען אין שטאָדט, און דורכדעם נאָך ביי־ליגער צו מאכען די ארבייט אין פאלעסטינע. מיר זיינען געגען דעם, נאטירליך. מיר ווילען אָבער דעם אראבער ניט באָי־קאָטירען. אונזער צוועק איז אויפצוהויבען זיינע פארדינסטען און זיינע באדערפענישען. און די אראבער שעצען דאָס אָפּ.

— מיר דאָ, אין „עין חרוד", לעבען מיט אונזערע אראַ־בישע שכנים זעהר גוט. מיר באהאנדלען זיי פריינדליך, און זיי האָבען קיין שנאה ניט צו אונז. מען קען דעם אראבער נאטירליך אויפהעצען, אָבער אין הארצען האָבען זיי פאר אונז דרך ארץ, און קיינע שלעכטע געפיהלען.

— די אראבער פארנעמען א סך ערד, וואס זיי בעאר־בייטען ניט. מיר ווילען ארבייטען, און ווען אידען באזעצען זיך אין א קאָלאָניע, לייגען זיי אוועק זייער לעבען אויף איהר. יעדעס שטיקעל לאנד, וואס מיר מאכען פאר אידישע לאנד, פאר־דינען מיר כשר. דער וואָס וועט פרואווען אונז ארויסשטו־פען אפילו פון איין ווינקעל אונזערען, וועט זיך האָבען צו

רעכענען מיט אונז. מיר זיינען אימער געגרייט. אפילו ווען עס איז רוהיג, זיינען מיר געגרייט.

ליבינשטיין האָט דערמאָנט דעם בלוטיגען קאמף, וואָס די אידישע קאָמונע „תל־חי" האט געהאט מיט א דערבייאיגען שבט פון בעדואינער. זיבען אידען זיינען געפאלען אין דיזען קאמף. איינער פון זיי איז געווען דער באקאנטער יוסף טרומפעלדור.

עס האָבען אויך גערעדט הארצפעלד און דער יונגערמאַן מיט די רויטע האָר. דערנאָך האָט זיך פארבונדען א פריוואט־געשפרעך. איך האָב געהאט די געלעגענהייט צו רייךען מיט אנדערע פון די מיטגלידער. עס איז געווארען שפעטלאך. אונזער פּלאַן איז געווען צו פאָהרען נעכטיגען אין דער אמעריקאנער קאָלאָניע „בלפוריה", צו באזוכען די פארם „כפר־ילדים", וואו עס ווערען אויפגעהאלטען הונדערט און זעכצעהן מלחמה־יתומים, און דאן זיך אומצוקעהרען אין „עין חרוד".

אזוי ווי מיר זיינען געקומען אהער שפּעט אין אווענט, איז אונמעגליך געווען צו באקוקען דיווירטשאפט, די קינדער־צימערען און אזוי ווייטער. האָבען מיר דאָס אָפּגעלעגט אויף מאָרגען.

דעם נעקסטען טאָג, אלזאָ, נאָכדעם ווי מיר האָבען באזוכט א פּאָר אנדערע פּלעצער, זיינען מיר ווידער געקומען אין „עין חרוד". דער גרויסער פארם איז געווען באגאָסען מיט הייסען זונען־שיין. די דריי־פיר בערג „גלבוע" זיינען געשטאנען הויכע, ברייטע, כמורנע. פון וויטען אין די פעלדער האָבען זיך געזעהן די מיטגלידער פון דער קאָמונע ביי דער ארבייט. אין די גערטנער האָבען זיך אָפּגעצייכענט די איינגעבויגענע פיגורען פון יונגע פרויען, זייערע קעפּ איינגעוויקעלט אין ווייסע האנטיכער. קיה האָבען זיך געפיטערט.

לעפקאָוויטש האָט אונז גענומען ווייזען די פארשידענע טיילען פון דער קאָלאָניע: אראנזש־ביימער, קארשען־ביימער, באנאנעס, טראָפּישע פלאנצונגען.

איבערגעהענדיג פון איין טייל פארם אויף א צווייטען, זיינען מיר צופעליגערוויז פארבייגעגאנגען איינע פון די צימערען, וואו עס געפינען זיך די קינדער. טיר און פענסטער זיי־

נען געווען אָפּען, און ווען מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף א מינוט באַקוקען די קליינוואַרג, האָט אַ אינגעלע פון אַ יאָהר צוויי אויסגערופען צו די אַנדערע אינגעלעך:

— אבא של ירובעל! אבא של ירובעל!

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס הייסט, און לעפּקאָוויטש האָט מיר ערקלערט:

— דאָס מיינט ער מיך, — האָט ער געזאָגט, — מיין אינגעלע הייסט ירובעל. נו, האָט ער מיך דערקענט, אַז איך בין ירובעל'ס טאַטע. יעדעס קינד אין צימער דערקענט ניט נאָר זיינע אייגענע עלטערען, נאָר אויך די עלטערען פון די אַנדערע קינדער.

לעפּקאָוויטש'עס פּנים האָט געשטראַהלט.

מיר זיינען געגאַנגען ווייטער.

ער האָט אונז געוויזען באָקסערען. מיט דיזען אַרטיקעל האָב איך זיך ספּעציעל אינטערעסירט. וואָרים דאָס איז, דאַכט זיך, געווען די איינציגע פּאַלעסטינע־פּרוכט, וואָס איך פּלעג אָפט קויפען אַלס חדר־אינגעל. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מען פּלעגט אונז זאָגען, אַז באָקסער עסען אין ארץ ישראל ציגען. און פּונקט אין דער זעלבער סעקונדע האָט לעפּקאָוויטש באַמערקט:

— דאָס איז גוטע שפּייז פאַר די קיה. זייער מילך ווערט פעט דערפון.

מיר האָבען געזעהן אַנדערע טיילען פון „עין חרוד". מיר האָבען געשמועסט וועגען דער קאָלאָניע, וועגען דעם אַרומיגען געגענד. לעפּקאָוויטש האָט גענומען ריידען וועגען דער לעגענדע פון תנ"ך (אין שופטים), וועלכע איז פאַרבונדען מיט „עין חרוד". איך בין מיט דער דאָזיגער לעגענדע ניט געווען בעקאַנט, וואָרים אין מיינע חדר־יאָהרען האָט זיך גראַד אַזוי געמאַכט, אַז „שופטים" האָב איך ניט געלערענט. ער האָט פאַרגעלייגט מיר צו דערצעהלען די מעשה. איך האָב זיך געוואָלט ענטשולדיגען. מיר האָבען זיך געאיילט צו באַזוכען אַנדערע קאָלאָנעס. איך האָב אָבער באַמערקט, אַז ער האָט אין דער דאָזיגער לעגענדע אַ שטאַרקען אינטערעס, אַז דאָס איז אַ טייערע

שטיקעל ליטעראטור ביי איהם. איך האב איהם אלזא געבע־
טען דערצעהלען, און ער האט דערצעהלט:

די אידען האבען געזינדיגט. זיי האבען געדינט צו פרעמ־
דע געטער. און גאט האט זיי באשטראפט. ער האט אנגע־
שיקט אויף זיי דאס פאלק פון מדין, און זיי זיינען אויסגעשטא־
נען גרויסע צרות. דאן האט גאט געשיקט א מלאך צו א אידישען
יונגענמאן מיט'ן נאמען גדעון און איהם געהייסען באוואפנען
די אידען און פיהרען זיי אין קאמף געגען זייערע אונטערדריי־
קער.

גדעון איז געווען א גאטספארכטיגער מאן. איהם האט
זיך אבער ניט געגלויבט, אז גאט האט וויקליך געשיקט א מלאך
צו איהם. ער האט געוואלט האבען א באוויז, אז דער מלאך
איז אן אמת'ער מלאך.

גדעון האט אנגעגרייט א קרבן. ער האט געקוילעט א ציי־
געלע און ער האט אויסגעבאקען א געבעקס. די פלייש פון
דעם ציגעלע האט ער אריינגעלייגט אין א קארב און די יויך
איז געווען אין א טאפ. דאס אלץ האט ער אוועקגעשטעלט
אונטער א דעמבע־בוים און האט עס פארגעלייגט צו גאט פאר
א קרבן.

און דער מלאך פון גאט האט צו איהם אזוי געזאגט:

— נעם דאס פלייש און דאס געבעקס און לייג דאס אוועק
אויפ'ן פעלז, און די יויך גיס אויס.

און גדעון האט אזוי געטאן.

דאן האט דער מלאך פון גאט אויסגעשטרעקט דעם שטעקען
וואס ער האט געהאלטען אין זיין האנד, און ער האט מיט איהם
אנגעריהרט די פלייש און דאס געבעקס; און גלייך איז פון
דעם פעלז ארויס א פייער און האט פארצעהרט דאס פלייש
און דאס געבעקס. דער מלאך פון גאט איז דאן פארשוואונדען.

און ווען גדעון האט שוין געזעהן, אז דאס איז טאקע אן
אמת'ער מלאך, איז איהם באפאלען א שרעק. ווארים ווען מען
קוקט אויף א הייליגען פנים ברענגט עס די געפאהר פון טויט.
גאט האט איהם אבער בארוהיגט.

— שרעק זיך ניט, גדעון, דו וועסט ניט שטארבען.

גדעון׳ען האָט זיך אַלץ ניט געגלויבט, אַז גאָט וויל איהם מאַכען פאר זיין פאַרשטעהער און קעמפער. ער האָט געבעטען ווייטערע סימנים: ער וועט אוועקלייגען אַ שטיקעל וואָל אויף דער ערד, און אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען עס פאַלט אוים דער טהוי, זאָל אַלץ ווערען נאַס, נאָר דאָס שטיקעל וואָל זאָל בלייבען טרוקען. אויב דאָס וועט אזוי געשעהן, וועט ער וויסען, אַז גאָט וועט ווירקליך זיין מיט איהם אין דעם קאמף געגען די מדינים.

גאָט האָט זיין פאַרלאַנג באוויליגט. דער נס איז געשעהן.

גדעון האָט זיך נאָך אַלץ ניט בארוהיגט. ער האָט געבעטען, אַז גאָט זאָל איהם געבען נאָך אַ סימן — דעם זעלבן נס, נאָר אויף אַ פאַרקעהרטען שטייגער: אַלץ ארום זאָל בלייבען טרוקען און נאָר דאָס שטיקעל וואָל זאָל זיין נאַס.

און דאָס איז אויך געשעהן.

דאַן האָט גדעון גערופען דאָס פאָלק צו וואפען. עס איז זיך צוזאמענגעקומען אַ מחנה פון פילע טויזענדער, און גאָט האָט געזאָגט צו גדעונ׳ען:

— דיין מחנה איז צו גרויס. ווען איך וועל דורך זיי פאַרניכטען די מדינים, וועט דאָס פאָלק ישראל זיך באריהמען, אַז דעם זיג האָבען זיי נאָר זיך אליין צו פאַרדאַנקען.

ער האָט איהם געהייסען אויסרופען צום פאָלק, אַז דער וואָס האָט ניט קיין מוט זאָל געהן אהיים. און אַ סך זיינען אַוועק. עס זיינען אָבער דאָך געבליבען צופיל. האָט גאָט איהם געהייסען אזוי טאָן: צופיהרען די מחנה צום קוואַל „חרד” און הייסען זיי זיך אָנטרינקען, און ער זאָל זיך צוקוקען ווי אזוי זיי טוען דאָס. דער וואָס וועט זיך אויסציהען אויף דער ערד און לעקען די וואסער אזוי ווי אַ הונד טוט, יענעם זאָל ער איבערלאָזען. די אָבער וואָס וועלען זיך שטעלען אויף די קניע און טרינקען, זאָל ער אַוועקשיקען אהיים.

גדעון האָט אזוי געטאָן, און אויף דעם אופן האָט ער אָפּגעקליבען נאָר דריי הונדערט מאַן.

מיט די דאזיגע דריי הונדערט איז ער ארויס אין שלאכט און מיט זיי האט ער פארניכטעט דעם שונא.

נאכדעם ווי לעפקאוויטש האט געענדיגט דערצעה־לען אונז די לעגענדע, האט ער אונז צוגעפיהרט צו דעם בארג, און האט אנגעוויזען אויף אן אויסגעהוילטען פעלז, וואו עס געפינט זיך וואסער.

— אט דאס איז דער קוואל פון „חרד״, — האט ער גע־זאגט מיט א טיפען געפיהל. אט דא פאנגט ער זיך אן. אביסעל געהט ער אונטער דער ערד, און אט איז דער טייך. אט דא האט גדעון געמאכט די פראבע מיט זיינע מענשען. אט דא איז געוועזן זייער לאגער. אן אינטערעסאנטע לעגענדע, ניט אמת?

איינינגע מינוטען שפעטער זיינען מיר געגאנגען זעהן די קינדער־צימערען. עס זיינען געווען אינטערעסאנטע סצענעס, און קאציזנא האט זיך גלייך גענומען זיי פאטאגראפירען. לעפקא־וויטש האט געוואלט מען זאל אויך פאטאגראפירען ירובעל׳ן, זיין זוהן. אבער ירובעל איז גראד אין יענעם מאמענט גע־שמאק געשלאפען. לעפקאוויטש׳ס פנים איז באדעקט געווארען מיט אן אויסדרוק פון די צערטליכסטע פאטער־ליבע און אויך מיט באדויערען וואס דאס קינד קען ניט פאטאגראפירט ווערען.

מיט עטליכע טעג שפעטער האב איך גענומען א תנ״ך, אויפגעמישט די קאפיטלעך פון „שופטים״, וואו עס ווערט דער־צעהלט די מעשה וועגען גדעון׳ען. לעזענדיג איהר, האב איך געמאכט די פאלגענדע ענטדעקונג:

גדעון האט געהאט א צווייטען נאמען — דאס איז גע־ווען ירובעל.

„עין חרוד״ איז ביי לעפקאוויטש׳ן דאס שעהנסטע וואס זיין לעבען פארמאגט. אלץ וואס איז פארגעקומען מיט דעם פלאץ איז ביי איהם א הייליגטום.

זיין קינד איז ביי איהם ווי אן אויג אין קאפ. האט ער דען געקענט דענקען פון א בעסערען נאמען פאר איהם ווי דער נא־מען פון דעם ביבלישען העלד פון „עין חרוד״? און פון

גדעונ'ס צווייט נעמען האָט ירובעל אין זיך ווירקליך מעהר מוזיק. לעפקאָוויטש'ן קלינגט דאָס ווי די העכסטע מוזיק.

אָבער ניט נאָר די פּראַכט פון קלאַנג איז דאָס ביי איהם. דער נאָמען ירובעל איז ניט געווען סתם א צווייטער נאָמען; ער האָט א ספּעציעלע באַדייטונג.

„בעל" (באַאל) איז געווען דער נאָמען פון דעם פאַלשען גאָט, צו וועלכען אידען האָבען געדינט, איידער גאָט האָט אויף זיי אָנגעשיקט די מדינים. ווען גדעון איז אַרויסגעטראָטען אלס דער קריגס-קאָמאַנדיר און פאַרשטעהער פון דעם אמת'ן גאָט האָט ער צובראָכען די מזבחות פון דעם אָפּגאָט בעל. דאן זיינען די גנעצענדינער פון שטאָדט געקומען צו גדעון'ס פאָטער, זיך צו באַקלאָגען אויף איהם. אויף דעם האָט דער פאָטער געענט־פערט:

— אויב בעל איז אין אמת'ן א גאָט, טאָ זאָל ער אליין קעמפען פאר זיך („יריב בעל" — זאָל בעל שטרייטען פאר זיך), זאָל ער זיך אָפּרעכענען מיט דעם וואָס האָט צושטערט זיינע מזבחות, אויב ער קען.

פון דאן אן האָט מען גדעון'ען גערופען ירובעל (א פאַר־קירצונג פון „יריב בעל").

לעפקאָוויטש'ס קינד איז געבוירען געוואָרען לעבען דעם קוואַל, וואו גדעון, לויט דער לעגענדע, האָט אָרגאַניזירט זיין ארמיי. האָט ער געקענט דענקען וועגען א בעסערען נאָמען ווי ירובעל?...

* * *

אין דער שול פון „עין חרוד" האָט מען ניט געלערענט; עס איז געווען שמיני-עצרת, און די אידישע יום-טובים ווערען אָפּגעהיט אלס נאַציאָנאַלע פייערטעג אפילו פון די ראַדיקאַלסטע ציוניסטען. אין דעם שול-צימער האָט זיך א גרופּע קינ־דער געגרייט צו א גרויסען פּאַראַד, וועלכען עטליכע קאָלאָניעס האָבען אָרגאַניזירט אויף מאָרגען, לכבוד שמחת-תורה — א צע־רעמאָניע פון געזאַנג, מיט בלומען, מיט טענץ, אויפ'ן ביב־לישען שניט.

מיר זיינען אריינגעקומען אין דעם שול-צימער. די קינ־

דער האָבען זיך פארשעהמט און אויפגעהערט צו זינגען. זיי האָבען אָבער באלד ווידער אָנגעפאנגען.

די ווערטער זיינען נאטירליך געווען העברעאישע. עפעס א ליד וועגען דעם ווי מען וועט מאכען א סעודה און די פיינע־לאך וועלען מיט זיי מיטעסען.

חברה האָט געזונגען מיט פייער. די טענער האָבען זיך ניט אימער צוזאמענגעגאָסען, און די שטימען האָבען ניט אלע מאָל געקלונגען ריכטיג. אָבער איך האָב ניט געהאט קיין פרע־טענזיעס.

איך האָב זיך געוואָלט פאָרשטעלען די קינדער אין א ביב־לישען גייסט, אָבער דאָס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען. וויפיל איך האָב זיך ניט געסטארעט, האָב איך אלץ פאר זיך געזעהן היינטיגע אידישע אינגעלעך און מיידעלעך, — פונקט די זעל־בע ווי אין ניו יארק אָדער אין ווארשע.

אָבער אויף דעם האָב איך אויך קיין פרעטענזיעס ניט געהאט. די גאנצע סצענע איז מיר געווען זעהר ליב. און דער כאָר, מיט אלע זיינען פעהלערען, האָט געהאט א זעהר אנגע־נעהמען קלאנג אין מיינע אויערען.

די אַמעריקאַנער קאָלאָניע „בלפוריה". — דער טאָל און די בערג 6 אַזייגער אין דער פריה.

מיר האָבען באזוכט די אמעריקאנער קאָלאָניע „בלפוריה", אויף וועלכער די גרינדער לייגען גרויסע האָפנונגען. מען ערווארטעט, אז עס וועט זיך ענטוויקלען דאָרט א גאנצע שטאָדט. פאָרלויפיג האָבען זיך דאָרט באזעצט אידישע פארמערס, וועלכע ווערען געשטיצט פון דעם „קרן היסוד" און פון דער ציון־געזעלשאפט אין אמעריקע. דאָ זעהט זיך א געוויסע צאָהל הייזער פון דעם בעסערען סאָרט, און דער אלגעמיינער איינדרוק איז, אז די פארמערס זיינען דאָ גוט באַ־זאָרגט אין זייער פריוואט־ווירטשאפט.

צי דאָ וועט ווירקליך אויסוואקסען א שטאָדט, איז איינע פון די פראגען אויף וועלכע די צוקונפט דארף געבען איהר ענט־פער.

אויף דעם סמך פון די האַפנונגען, אז דאָ וועט אויסוואַקסען א שטאָדט, האָט מען דערווייל אויסגעבויט א שטיקעל האָטעל, איינער פון די צוויי, וואס געפינען זיך אין דעם עמק־יזרעאל. דער אייגענטימער איז א איד, וועלכער האָט פילע יאָהרען געוואוינט אין אמעריקע.

מיר האָבען דאָרט גענעכטיגט, און דעם זעלבען אווענד האָבען זיך דאָרט אויפגעהאַלטען עטליכע אמעריקאנער אידען. מיט איינעם האָב איך פארצויגען א געשפרעך. ער רעפּרעזענטירט א געוויסען טיפּ, און איך גלויב, אז עס איז כדאי דעם לעזער מיט איהם באקאנט צו מאכען.

דאָס וועלען מיר אָבער טאָן א ביסעל ווייטער. צוערשט מוז איך דערמאָנען דעם פּרעכטיגען נאַטור־בילד, וועלכער האָט זיך פונאנדערגעוויקעלט פאר מיינע אויגען אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון מיין האָטעל־צימער, און באקוקט דעם געגענד.

דער טאָל יזרעאל ליגט דאָ — הויפּטזעכליך אין אזא שטונדע ווי זעקס אוהר אין דער פריה — אין אן אמת'ן צווּבער פון קאָלירען, ליכט און שאָטענס. ארום און ארום שטעהען די בערג. אין וועלכער זייט איהר זאָלט זיך ניט קעהרען — בערג! דאָ האָב איך אָם שטאַרקסטען דערפיהלט ווי נויטיג עס איז צו זיין בעקאנט מיט דעם אַלטען תנ"ך אויף אזא רייזע. מיינע באַגלייטער האָבען אָנגערופען יעדען בארג ביי זיין ביבלישען נאָמען, און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז דער נאָמען האָט א שייכות צו זיין אינטערעסאנטען, געהיימניספולען אויסזעהן. עס האָבען פאר מיר אויפגעלעבט פאסירונגען און לעגענדעס, וועגען וועלכע איך האָב יא אמאָל געלערענט אין „ר א ש ו נ י ם", אָבער וועלכע איך האָב שוין לאַנג פארגעסען.

די זון האָט שוין געברענט, אָבער די בערג זיינען נאָך געווען פארצויגען מיט א טומאַן, און דער טומאַן איז געווען דורכגעמישט מיט גאָלד און מיט פּערלמוטער.

דער טאָל ליגט אויסגעשפּרייט פלאַך, לאַנג און ברייט. ווי א טישטוך מיט ברייטע פאסען, ליגט ער. גרויסע שטרעקעס ערד זעהען אויס שווארץ. ס'איז דאָרט א גוטער באָדען,

זאָגט מען מיר. אָבער נאָר ערטערווייז. מייסטענס איז דער גרונד אַן אָרימער. עס פאָדערען זיך גרויסע סומען, אום איהם פרוכטבאר צו מאכען. די בערג זיינען נאַקעט, האַרט, טרוקען.

מען ווייזט מיר אָן אויף איינעם פון די בערג, אז דארטען האָט דבורה גערופען די אידען צום קאמף געגען זייערע שונאים, און נאָכהער געזונגען צו גאָט א לויב־געזאנג, א ליד פון נצחון.

דער אמעריקאנער איד, מיט וועלכען איך האָב פארצוויגען א געשפּרעך אין בלפוריה, וואוינט אין סאוט־קאראָליינא. דאָר־טען זיינען אויסגעוואקסען זיינע קינדער, און דארטען האָט ער געמאכט געלד. ער האָט הייזער און געשעפטען. עס האָט איהם אָבער גענומען ציהען קיין פּאלעסטינע. ער איז געקומען, און ווען עס האָט זיך אָנגעפאנגען דער „בום" אין דער קאָלאָניע „עפולה", האָט ער דארטען געקויפט לאנד. געקומען איז ער אלס ציוניסט, מיט א ריינעם צוועק מיטצוהעלפען אין דעם אויפ־בויען פון ארץ ישראל. זיין אבזיכט איז געווען צו ענדיגען זיינע יאהרען אין דעם אידישען לאנד. ווארים ער איז שוין ניט קיין יונגערמאן. אָבער אז עס „בומט" מיט ריעל עס־טייט, איז דאָך ניט שייך... עס האָט זיך אין איהם אפּגע־רופען דער סאוטה־קאראָליינער ריעל עסטייטניק. ער האָט גע־קויפט א היבש שטיקעל לאנד, פשוט אלס אן אינוועסטמענט.

פאר איין גאנג גערינט אי גאָט, אי דעם טייוועל, הייסט עס.

איצט אָבער פאָהרט ער אהיים. די ווייב און די קינדער פאָדערען ער זאָל קומען צוריק. עפּעס איז ניט אויסגעקומען אזוי, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

מיט וואס ער איז ענטוישט, האָט ער דייטליך ניט ארויסגעזאָגט. אביסעל האָט ער ניט געוואָלט און אביסעל האָט ער ניט געוואוסט ווי אזוי מען דריקט עס אויס.

ריידענדיג וועגען עפולה, האָט ער געזאָגט:

— אָ, עס וועט זיין א גרויסע שטאָדט!

— פון וואנען ווייסט מען, אז עס וועט זיין א גרויסע שטאָדט? — האָב איך געפרעגט.

— עס איז לעבען באהן. ביי א סטאנציע.

— ווערט דען ביי יעדער באהן־סטאנציע א גרויסע שטאדט?

— כ'וויים! — מען זאגט, אז עפולה וועט זיין גרויס און די לאנד וועט דארט שטייגען אין ווערט.

— פון וואנען וויים מען פארט?

— אזוי זאגט מען.

— פון וואנען וועלען די איינוואוינער פון עפולה לע־בען?

— מען וועט לעבען איינער פון דעם אנדערען.

איך האב איהם געפרופט דערצעהלען דעם באקאנטען וויץ פון מארק טוועין, וועגען די איינוואוינער פון די פידזשי אינד־לען. זיי מאכען א לעבען פון דעם וואס זיי וואשען איינער ביים אנדערען גרעט, — דערצעהלט דער באריהמטער וויצלינג.

דער סאוטה קאראליינער אידעל האט א פארטראכטען לאך געטאן.

ער איז קליין געוואקסען און זיין פנים איז באדעקט מיט קורצע, גרויע, שטעכיגע הערעלעך. איבער דיעזע ווייסע הערע־לאך האט ארומגעשוועבט א נערוועזער שמייכעל. עס איז גע־ווען לייכט צו זעהן, אז ער איז אונרוהיג, אז עס איז איהם ניט היימליך אויפ'ן הארצען.

נאך דעם ווי ער האט געפרופט באווייזען, אז עפולה וועט ווערען א גרויסע שטאדט און אז ריעל עסטייט וועט דארט וואקסען, האט ער פלוצלונג זיך אליין אונטערבראכען:

— דער אמת איז, אז עס טויג ניט. אין אמעריקא זיינען פאראן שווארצע, פון וועלכע מען קען מאכען געלט, און די ווייסע זיינען אויך ניט קיין שלעכטע קאסטאמער. און וועמען האט מען דא?

— און די אראבער? — האב איך געפרעגט.

— וואס קען מען מיט זיי מאכען, — האט ער געענט־פערט, — א נעגער קויפט א סוט פאר זעכצעהן דאלער; אן אראבער אבער דארף קיין זאך ניט. אבער צו דער לאנד, וואס איך האב געקויפט אין עפולה וועל איך ניט צולייגען. איך וועל נאך מאכען פראפיט.

— איך בין דא אפגעווען א יאהר און א האלב, — האט ער ווייטער דערצעהלט. — איך האב געמיינט איך וועל דא קענען בלייבען. איך זעה אבער, אז פאר מיר איז דא קיין פלאץ ניט, און... השיבנו נאזאד!... מיין געלט אבער וועל איך ניט פארלירען; איך וועל נאך מאכען פראפיט.

* * *

פארטזעצענדיג אונזער רייזע, זיינען מיר דורכגעפארען דורך כפר־ילדים (קינדער דארף), דער פארם וואו עס האדעווען זיך הונדערט זעכצעהן מלחמה־יתומים, אויף דער שטיצע פון די אי־דען פון זיד־אפריקע. עס געפינען זיך דארט 82 אינגלעך און 34 מיידלעך. די קינדער זיינען אין דער עלטער פון זעקס־און־א־האלב ביז זעכצעהן.

דער פארוואלטער הייסט גרשון געפנער. און דער הויפט פון די לעהרער איז א ציוניסט מיט'ן נאמען פוגאטשאוו, פון וועלכען איך האב געהערט ווי פון א געבילדעטען, פעהיגען און באגייסטערטען פעדאגאג.

די קינדער פארברענגען פיר שטונדען אין שול און פיר שטונדען אין די גערטנער. די ארבייט איז ביי זיי דער גרעס־טער תענוג. יעדעס קינד האט זיך זיין בעיט מיט זיינע פלאנ־צונגען, און ער גיט אויף זיי אכטונג ווי א מוטער אויף א קינד.

הערר געפנער האט מיר געוויזען אינטערעסאנטע זאכען, דעם רעזולטאט פון דער ארבייט וואס די קינדער טוען אין די גערט־נער. קינדער פון צעהן, אדער זאגאר אכט יאהר, ענטוויקלען אין זיך אזעלכע אגראנאמישע קענטניסען, מיט וועלכע גרויסע מענשען וואלטען זיך געמעגט באריהמען.

אין זייער ערציהונג ערלויבט מען זיי צו פיהרען זייער אייגען וועלטעלע. זיי ערוועהלען א קאמיטע; זיי האבען א קליינע רעגירונג אן אייגענע.

— ריידען זיי וועגען זייערע עלטערען? — האב איך גע־פרעגט.

— דאס איז נאטירליך דער הייליגסטער ענין ביי זיי. מיר ריידען צו זיי וועגען דעם ניט; מיר מיידען דאס אויס. אבער

צווישען זיך דערמאָנען זיי די טראַגעדיעס גאַנץ אָפּט. זיי זי־צען און דערצעהלען זיך איינע די אַנדערע וועגען די שחיטות, וואָס זיי האָבען בייגעוואוינט; די שרעקליכע סצענעס, ווען זיי האָבען פארלוירען זייערע עלטערען.

— דעם יאהרצייט פון די עלטערען האַלט יעדעס פון די קינדער זעהר טייער, — האָט ה׳ געפּנער צוגעגעבען. דאַווע־נען דאַוונען זיי ניט, נאָר דעם טאָג פון יאהרצייט היט יעדעס קינד אָפּ. ער שטעהט דאַן אויף גאַנץ פריה.

דיזע עטליכע ווערטער האָבען אויף מיר געמאכט אזא טיפען איינדרוק, אז איך האָב דורכגעלאָזען אַנדערע פראגען, וואס איך האָב געהאַט אין זינען צו שטעלען. די נעקסטע עטליכע מינו־טען האָב איך אין מיין געדאַנק ניט געהאַט קיין אנדער בילד ווי וועגען אַ אינגעלע, וואס שטעהט אויף גאַנץ פריה אפּצוהי־טען דעם יאָהרצייט פון זיין טאַטע־מאַמע, וועלכע זיינען גע־הרג׳עט געווארען אין א פּאָגראָם.

ה׳ געפּנער האָט אונז דערצעהלט וועגען די גוטע באַצי־הונגען וואס זיי האָבען מיט זייערע אַראַבישע שכנים. פון וויטען האָט ער אונז אָנגעוויזען אויף דריי קליינע פּאַסטו־בער, וואס גיבען אכטונג אויף זייערע בהמות אין פעלד. צוויי זיינען געוועזען אידישע אינגלעך פון כפר ילדים, און דער דריי־טער — אַן אַראַבישער אינגעל פון אַ דערבייאיגען דאָרף.

דאָס ערינערט מיך אָן אַ יונגען אַראַבער, מיט וועלכען מיר זיינען באַקאַנט געווארען אין כפר ילדים, אדער דערביי — איך געדענק ניט גענוי דעם פּלאַץ. דער יונגער אַראַבער קומט אָפּט אַריין צו די אידישע שכנים און ער וויל, ניט אנדערש, חתונה האָבען מיט אַ אידישער מיידעל. ער איז ניט פארליבט אין אַ באַשטימטער מיידעל, נאָר ער וויל סתם טאָן אַ אידישען שידוך. ער איז פארליבט אין אַלע אידישע מיידלעך. די אידען „קיבעצען" איהם וועגען דעם, אָבער דער „קיבעץ" גע־פעלט איהם אויך.

דער דאָזיגער יונגער אַראַבער רעדט מיט די אידען אויף העברעאיש. ער רעדט די שפּראַך אויסגעצייכענט, און זיין

אויסשפראך איז אזא גוטע, אז א סך ציוניסטען זיינען איהם מקנא.

— הלואי וואלטען מיר געקענט אזוי גוט אויסריידען העב־רעאישע ווערטער, — האט איינער פון די אידען געזאגט.

זייענדיג אין פאלעסטינע האב איך דיזעלבע באמערקונג וועגען דער אראבישער אויסשפראך פון העברעאישע ווערטער געהערט פיל מאל. אייגענטליך ווייס איך ניט ווי אזוי די ציוניסטען קענען באשטימען וועלכע העברעאישע אויסשפראך איז די ריכטיגע. ווער קען וויסען ווי אזוי אידען האבען גערעדט העברעאיש מיט צוויי טויזענט יאהר צוריק? איך מיין דא ניט די אלגעמיינע אויסשפראך פון די נקודות; איך רייד בלויז וועגען די קלאנגען פון געוויסע בוכשטאבען, ווי דעם „ח" אדער „כ", צום ביישפיל. ביים אראבער קומט דיזער קלאנג אויס געדיכטער ווי ביי אונז. ער גערט ביי זיי מעהר פון האלז. עהנ־ליכעס איז מיט'ן „ר". איהם ריידען זיי אויך אויס אנדערש ווי מיר. עס איז מעגליך, אז פארצייטיגע אידען האבען אויך געהאט דיזע קלאנגען, אבער ווי אזוי קען מען דאס באשטימען? דער פאקט, אז אראביש און העברעאיש געהערען צו דערזעלבער שפראכען־פאמיליע איז נאך ניט קיין באווייז. פויליש און רוסיש געהערען אויך צו דערזעלבער שפראכען־פאמיליע, דאך זיינען די קלאנגען גאנץ פארשידען.

די אידישע קינדער, וואס ווערען געבוירען אין פאלעסטינע ריידען אויס דעם „ח" מיט'ן „ר" אויפ'ן אראבישען שטייגער. ווען דיזע קינדער ריידען העברעאיש, קלינגט עס מיר פונקט ווי אראביש.

צו דעם וואס איך האב שוין וועגען דעם געשריבען, האלט איך פאר נויטיג צוצוגעבען דאס פאלגענדע:

נאך אונזער צווייטען באזוך אין עין חרוד האבען מיר אויך באזוכט א האספיטאל. ער געפינט זיך אין די גרענעצען פון „עין חרוד", אבער געהערט ער ניט ספעציעל צו דיזער קאלאניע. ער דינט אלע ראדיקאלע קאלא־ניעס פון דעם טאל יזרעאל. ער ווערט אויפגעהאלטען פון דער

קראנקען־קאסע פון דער ארבייטער־ארגאניזאציע פון פאלעסטינע.

אהער ברענגט מען, אלזא, קראנקע און קינפעטארינס פון די קאלאניעס. די דאקטוירים זיינען געווען אנגעטאן אין קלאר־ווייסע לייוועטענע רעק, און די נוירסעס האבען געטראגען די יוניפארם פון זייער פראפעסיע. אלץ איז דא געווען ציכטיג אין דעם שטרענגסטען זין פון דעם ווארט.

אין איין צימער זיינען געלעגען דריי מענער פאציענטען. אלע זיינען זיי געווען ערנסט קראנקע. אין א נעקסטען צימער האבען זיך געפונען פיר פרויען. זיי האבען שוין געהאלטען ביים געזונט ווערען. דריי פון זיי האבען געהאט ביכער אין די הענט.

אין א דריטען צימער האט מען אונז געוויזען אקארשט־געבוירענע קינדער, א טאג אדער צוויי טעג אלט. יעדעס קינד איז געלעגען אין א בעטעלע אין גאנצען ארומגערינגעלט מיט טול — א באשיצונג פון די פליגען וועלכע זיינען אין פאלעס־טינע גרויסע ליבהאבער פון מענשען פלייש. איך האב געקוקט אויף די בייבעלעך — קליינינקע מאדעל־פיגורלעך פון מענש־ליכע באשעפענישען. איך האב זיך שיער ניט צולאכט. אזוי קאמיש האבען די ליאלקעלעך אויסגעקוקט.

זייערע מוטערס זיינען געלעגען אין א צימער גלייך דערביי.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין האספיטאל האבען מיר באגעגענט אן אינטעליגענט־אויסזעהענדען אראבער מיט א פאר־בונדענער האנט. ער האט ניט געטראגען אויפ'ן קאפ דעם ווייסען צודעק, וועלכען מען זעהט אויף די אראבער פון די דער־פער, נאר א הויכען רויטען „פעץ", ווי א שטאדט־מאן. ער האט געהאט א קראנקע האנט, און די דאקטוירים פון דעם אי־דישען האספיטאל קורירען איהם.

— ער איז א לעהרער אין א שול פון א דערבייאיגען אראבישען דארף, — האט איינער פון די דאקטוירים אונז ערקלערט. ער קומט אריין צו אונז גאנץ אפט. אונזערע אראַ־בישע שכנים זיינען איבערהויפט אין פריינדליכע באציהונגען מיט אונז. ווען זייערע פריצים וואלטען זיי ניט אויפגעהעצט, וואלט קיין אראבישע פראגע ניט געווען.

ווען מיר האָבן פֿאַרלאָזן דעם האָספּיטאַל, איז אונז אויסגעקומען ווידער פֿאַרבײַצוגײען די צימערן פֿון די קינדער פֿון „עין חרוד". איך האָב ווידער געהאַט אַ שמועס וועגן די באַציִונגען פֿון די קינדער צו די מוטערס און פֿון די מו־טערס צווישן זיך.

— טרעפֿט זיך ניט אַמאָל, — האָב איך געפֿרעגט, — אַז צוויי קינדער צעשלאָגן זיך, און דורכדעם קומט אַרויס אַ קריגערײַ צווישן די מוטערס?

די פֿרוי וועמען איך האָב געשטעלט די דאָזיקע פֿראַגע, האָט זיך לוסטיק צעלאַכט מיט אַ מינע פֿון שפּאָט איבער פֿרויען, וועלכע קענען זיך צעקריגן צוליב אַזאַ זאַך.

— אַזעלכע נאַראָנים זײַנען אונזערע פֿרויען ניט! — האָט זי געענטפֿערט. — אַז צוויי קינדער צעפּאַטשן זיך, צעפּאַטשן זיי זיך. די וועלט וועט דערפֿון ניט אונטערגײן.

איהר האַלטונג און דער אויסדרוק פֿון איהר פּנים האָט דערבײַ אַזוי ווי געזאָגט:

— ווײַבער פֿון דעם סאָרט, וועלכע איהר שטעלט פֿאָר, געהערן ניט צו דעם מין, פֿון וועלכע מיר ציהען אונזערע מיט־גלידער.

* * *

מיר זײַנען געפֿאָהרען ווײַטער. אַרײַנגעקומען אין עפֿולה, דעם פּלאַץ, פֿון וועלכען מען האָפֿט צו מאַכען אַ גרויסע שטאָדט.

פֿאָרלויפֿיג איז דאָס אַ גרויסער, ליידיגער שטח. ער איז צוטיילט אויף פֿאַרם־באָדען און אויף שטיקלאַך לאַנד צום בויען הייזער; אָבער הייזער זײַנען דאָרט פֿאַראַן נאָר עטליכע. עס זײַ־נען דאָרט פֿאַראַן ציילען פֿון ביידלעך, וואו עס וואוינען מיט־גלידער פֿון אַן אַרבייטער־קאָמונע (דאָס איז איינע פֿון די גרופּען פֿון דעם „גדוד־העבודה").

עס ציהען זיך גראָבענס, און אין די גראָבענס געהען רעהרען. דאָס איז אַ טייל פֿון דער סיסטעם, מיט וועלכער מען קלייבט זיך אויסצוטריקענען די זומפּיגע פּלעצער. ווײַטער איז אַלץ פּוסט. מען האָפֿט אָבער דאָך אַז דאָרט זאָל ווערען אַ בליהענדע שטאָדט און דער מיטעל־פּונקט פֿון דעם גאַנצען טאָל „יזרעאל",

דער צענטער פון זיין פארקער און פון זיינע ביזנעס־פארבינדונ־גען. אזוי האט אויסגערעכענט דער באקאנטער ציוניסטישער פיהרער, דער דייטשער איד, דר. רופין, וועלכער האט אויך באשטימט דעם פלאץ פון תל־אביב אלס דעם ארט פאר א גרויסער אידישער שטאדט.

אזוי ווי אין באצוג צו תל־אביב איז זיין נבואה מקוים געווארען, האט מען שטארקען צוטרוי צו דיזער נבואה זיינער אויך. אלזא, איז געווארען א כאפעריי אויף „לאטס", און מען זאגט מיר, אז די לאנד פון דער צוקונפטיגער שטאדט איז שוין אויספארקויפט געווארען. דא האט עס דער סאוט־קארליינער אידעל אריינגעלייגט זיין געלט.

וועגען דיזען פלאץ האבען זיך די מיטגלידער פון „עין חרוד" באקלאגט, אז דארטען האבען זיך אריינגעדערהט ספעקולאנטען.

מיר פאהרען ווייטער.

אויפ'ן וועג זעהען מיר א גרויסע סטאדע שעפסען. פילע פון זיי זיינען אפגעפארבט אויף רויט. מען ערקלערט מיר, אז די פארב איז א גוטע באשיצונג געגען דער זון... דער קאליר מאכט א זאנדערבארען איינדרוק. אויף דער זון בלישטשעט ער מיט אן אומנאטירליכער שארפקייט.

די סטאדע איז טיילווייז אינאיינעם און טיילווייז צו־שפרייט... אן אראבישער פאסטוך, א האלב־נאקעטער, מיט א וויי־סען צודעק אויפ'ן קאפ, מיט א שטעקען אין האנט, געהט מיט לאנגזאמע טריט. אלע ווײלע שטעלט ער זיך אפ און דאן זעהט עס אויס אזוי ווי זיין פיגור וואלט געווען אויסגעמאלען אויפ'ן בלויען הימעל.

אונזער אטאמאביל פליהט ווייטער. די ארומיגע בערג לויפען מיט און בלייבען אויף אן ארט.

הארצפעלד זינגט א ליד, וועלכע די אידען האבען איבער־זעצט פון אראביש, — אינטערעסאנטע פערזען, וועגען א פאר־ליבטען פאסטוך, פאר וועמען בייזע צינגער האבען אנגערעדט אויף זיין רחל. עס שטעלט זיך איהם פאר ווי שאקאלען וויי־נען אין דער שטילקייט פון דער נאכט. די שטילקייט פון דער

נאכט זינגט פון זיך ארויס א ליד, און דעם פאסטוך'ס הארץ ענטפערט אפ מיט א געזאנג צו זיין געליבטער.

הארצפעלד זינגט, און מיר אלע זינגען נאך. אונזער געזעלשאפט באשטעהט איצט: פון הארצפעלד'ן, קאציזנא'ן, ווינא־גראד'ן; א יונגען מאן מיט'ן נאמען ישראל קאהאן; דעם שאופער און דעם שרייבער פון דיזע צייל עו. ישראל קאהאן איז דער זוהן פון דעם אידישען שרייבער מרדכי בן הלל הכהן. ער איז א געבוירענער אין פאלעסטינע, און ער איז פאר אונז וויכ־טיג געוועזן מיט דעם וואס ער קען אויסגעצייכענט דעם געגענד און ער רעדט אראביש ווי זיין מוטער־שפראך (ער רעדט אכט שפראכען פונקט אזוי גוט). דער שאופער איז געוועזן א יונגער מאן מיט'ן נאמען דאוויד, א שעהנער, געזונטער, בולגארישער איד, וועלכער איז געקומען קיין פאלעסטינע אלס חלוץ.

הארצפעלד געהט איבער צו אן אנדער ניגון—א חסידישען, פון ראכמעסטריווקע. ער צוזינגט זיך אויפ'ן קול און מיר זינגען מיט. ער פאטשט חסידיש מיט די הענט, און מיר טוען דאס אויך נאך. די קולות קלינגען, זיי הילכען אפ אויף די ביבלישע בערג. אראבער רייטען פארביי אויף קעמלען. זיי הערען זיך צו צו אונזער כאר מיט נייגעריגקייט, מיט שמייכלען. א פאר פון זיי כאפען אויף דעם ניגון. זיי זינגען מיט... זיי ווערען פאר־שוואונדען.

מיר דערזעהען א גרופע מענשען פון ווייטען. פרויען פיגורען, פארזאמעלט אויף א הויכען פלאץ. מיר קומען צו נע־הענטער — עס איז א ברונען. א פיר־קאנטיגער מויערעל פון שטיינער. דער ברונעם איז אין מיטען.

איך האב שוין דערמאנט וואס פאר א וויכטיגע ראלע א ברונען שפילט אין דער טרוקענער פאלעסטינע. וואסער איז א זעלטענהייט, די ברכה פון לעבען. ארום יעדען ברונעם איז א יאריד. פון מיילען ווייט קומט מען זיך צוזאמען מיט לאגלען און מיט קרוגען נאך דער טייערער משקה.

ארום דעם ברונען זיינען אויך געשטאנען אייזלען, קעמלען. עס זיינען געווען עטליכע אראבישע מענער. אבער זיי זיינען געשטאנען אדער געזעסען אויף דער ערד, מיט די פיס אונטער

זיך, ווי זייער שטייגער איז, און האָבען געררויכערט און שטיל געשמועסט מיט א רוהיגער, גלייכגילטיגקייט. שעפען וואסער, דאָס איז אַן עסק פאַר ווייבער, ניט פאַר זיי...

פון ברונעם האָבען די פרויען געצויגען די וואסער, אָנגעפילט די כלים, געררעדט, געלאַכט. עס איז געווען לעבעדיג, פרעהליך, יום טוב איז אויף זייערע פּנים׳ער געלעגען.

מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט. אראבישע אינגלעך האָבען זיך ארומגעדרעהט ארום אונזער אָטאָמאָביל. דריי אַלטע אראַבער און איינער א יונגער האָבען אונז פילאָזאָפיש באקוקט. אַן אראבישע מיידעל, א שלאַנקע, א חנ׳עוודיגע, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף אַן אייזעל, און ניט אויפגעהערט צו בלישטשען מיט איהרע ווייסע צייהן.

די גאַנצע סצענע האָט געשמעקט מיט יענע בלעטלעך פון חומש, וואו אליעזר זעהט רבקה׳ן און זי גיט איהם זיך אָנצוטרינקען — איהם און זיינע קעמלען.

* * *

מיר זיינען אָנגעקומען אין „נהלל“ — איינע פון די נייע קאָלאָניעס, וועלכע ציהען א סך אויפמערקזאמקייט. זי איז ניט קיין קאָמונע, נאָר געבויט אויף דעם אינדיווידואליסטישען פּרינציפּ, און נאָר טיילווייז זיינען די מיטגלידער פאַרבונדען קאָאָפּעראטיוו. זי געהערט צו דעם זעלבען קלאס קאָלאָניעס ווי כפר יחזקאל, נאָר זי איז גרעסער. עס געפינען זיך דאָרט הונדערט פאמיליעס. דאָס הייסט, זי באשטעהט פון הונדערט פּריוואט ווירטשאַפטען.

נאָר פינף און זיבעציג פון דער גרופּע ארבייטען אויפ׳ן לאַנד. פינף און צוואנציג באשעפטיגען זיך מיט אנדערע זאכען, טיילווייז פאַר דיזער קאָלאָניע און טיילווייז פאַר שכנים. צווישען די פינף און צוואנציג געפינט זיך א דאָקטאָר, א וועטערינאַר, א פאָר לעהרער, א שוסטער און א סטאָליער.

דאָס לאַנד געהערט צו דעם נאציאָנאל־פאָנד פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, און ווי געוועהנליך באַשטעהט איינע פון די באדינגונגען אין דעם, וואָס די ארבייט מוז געטאָן

ווערען דורך דעם פארמער אליין. דינגען פרעמדע ארבייטער איז אבסאלוט ניט ערלויבט.

גלייך ווי מען קומט אריין אין דיזען פארם, דערשפירט מען א געפיהל פון זיכערקייט. מען קען גלייך מערקען, אז דיווירטשאפט מאכט פארטשריט און אז זי איז שוין, מעהר אדער ווייניגער, איינגעפונדעוועט.

אן עהנליכען איינדרוק מאכט אויך „עין חרוד", און דאס איז ספּעציעל אינטערעסאנט, ווייל די צוויי פּלעצער, — „עין חרוד" און „נהלל" רעפּרעזענטירען דאך צוויי שארף־ענטגעגענגעזעצטע טיפּען פון פּאלעסטינישע קאלאניעס, פארקערפּערונגען פון צוויי געגענגעזעצטע אידעען.

ווען מיר זיינען אריינגעפאהרען אין „נהלל", האט זיך מיר געדוכט, אז דער אונטערשיד זעהט זיך גלייך פון אויבען־אויף. „נהלל" האט דעם פנים פון א שטעדטעל; „עין חרוד" האט אזא אויסזעהן ניט, זי מאכט גיכער דעם איינדרוק פון איין גרויסען פארם, וועלכער געהערט צו א צאהלרייכע פאמיליע.

דאס איז אייגענטליך נאטירליך, ווארים אין „נהלל" זיינען פאראן א סך באזונדערע וואוינונגען. יעדע פאמיליע האט זיך איהר הויז, איהר היים, איהר אייגענע שטוב, איהר אייגענע קיך, איהר אייגענעם עס־צימער; ווערהענד אין „עין חרוד" האבען אלע איין קיך, איין גרויסען עס־צימער (אויסער די עלטערען פון די מיטגלידער, פאר וועמען עס איז פאראן א באזונדער עס־צימער). נאטירליך, יעדע פּאר האט זיך איהר אפּגעטיילטען שלאף־צימער. דאס הייסט אבער ניט, אז יעדע פארנעהמט א באזונדער הויז.

דאך איז מעגליך, אז דער אויסערליכער אונטערשיד, וועלכען איך האב געזעהן צווישען די צוויי קאלאניעס, האט זיך מיר טיילוויז נאר אויסגעדוכט. ווייל איך האב וועגען דיזען אונטערשיד זיך א סך אנגעהערט.

די מיטגלידער פון „עין חרוד" ריידען וועגען „נהלל" ווי מען רעדט וועגען א פּרינציפּיעלען געגנער, צו וועמען מען האט רעספּעקט. די „נהלל'יסטען" ווערען געשילדערט אלס ראדיקאלע מענשען, מיט אידעאלען, פאר וועלכע זיי זיינען פונקט

אַזוי באַרייט זיך צו אָפּפּערען ווי די קאָמונע־מיטגלידער זיינען באַרייט זיך צו אָפּפּערען פאַר זייערע אידעאַלען.

איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אַז יאָפע איז דער פיהרער פון דער קאָלאָניע „נהלל". איך האָב אויך באַמערקט, אַז ער האָט געענדיגט די באַראָן דע־הירש אַגריקאַלטשורעל סקול אין וואוד־ביין, ניו דזשוירזי. דיזער יאָפע און דער דערמאָנטער אורי, האָבען אונז אויפגענומען ווען מיר זיינען געקומען קיין „נהלל".

מיר האָבען געגעסען מיטאָג צוזאַמען אין דעם האָטעל, וועלכער געפינט זיך אין זייער קאָלאָניע. מען האָט אונז אַרומ־געפיהרט און געוויזען די פאַרשיידענע פאַרמס פון דער גרופּע. מען האָט אונז אַלץ ערקלערט און געענטפערט אויף די פראַגען וועלכע מיט האָבען געשטעלט.

עטליכע שטונדען האָבען מיר דאָרטען פאַרבראַכט.

יאָפע — אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג, ניט קיין הויכער, מיט שטעהענדיגע רויטליכע האָר — איז אַ מענש פון איבערצייגונגען, אַ מענש מיט געדאַנקען. אויף זיין שטייגער פאַרנעמט ער אין „נהלל" אַזאַ פּלאַץ ווי לעפקאָוויטש פאַרנעמט אין „עין חרוד". ער איז אָבער אַ רוהיגערער ווי לעפקאָוויטש. אַזאַ איינדרוק האָט ער אויף מיר געמאַכט.

מען האָט מיר געזאָגט (נאָכדעם ווי מיר האָבען באַזוכט „נהלל"), אַז די גרינדער פון דיזער קאָלאָניע זיינען פריהער געווען מיטגלידער אין אַ קאָמונע. צי דאָס געהט אויך אויף יאָפע'ן, האָב איך פאַרגעסען צו פרעגען. וואהרשיינליך יאָ.

איך וועל דאָ איבערגעבען וואָס יאָפע האָט געזאָגט וועגען דער ווירטשאַפט פון דער גרופּע און איהר לעבען. דערביי וועלען מיר אויך זעהן זיינע געדאַנקען אין אַלגעמיין. זיי רעפּרעזענ־טירען די מיינונג פון אַ גאַנצען קלאַס קאָלאָניסטען פון דעם יונגען און ראַדיקאַלען טיפּ.

— מיר גלויבען ניט אין קאָמוניזם, — האָט ער געזאָגט מיט אַ רוהיגער און ווייכער שטימע און מיט אַ רוהיגען ווייכען בליק אין זיינע גרויסע אויגען — מיר גלויבען אָבער אויך ניט, אַז אַבסאָלוט־פּריוואַטע ווירטשאַפט קען האָבען אַן ערפאָלג. גע־גענזייטיגע הילף און שכני'שע פריינדליכקייט איז אין דעם פאַר־

מער־לעבען זעהר וויכטיג. ווען יעדער איז אַבסאָלוט באַזונדער און עס מאַכט זיך אַז אימיצער איז קראַנק, אָדער עס טרעפט איהם אַן אַנדער אומגליק, געהט ער אונטער. קאָאָפּעראַציע אין קויפען און פאַרקויפען און געגענזייטיגע הילף זיינען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט.

— מיר גלויבען, אַז אינדיווידואַליזם איז דער העכסטער אידעאַל אין אַ מאָראַלען זין, אַזוי גוט ווי אין אַ מאַטעריעלען. ער שאַפט אַ פיל העכערע מאָס פון פרייהייט און פון פערזענ־ליכע אונטערנעמונגס־קראַפט ווי דער לעבען אין אַ קאָמונע.

— ווען איינער פון אונזער גרופּע ווערט קראַנק, האָבען מיר אַ קאָמיטע, וועלכע פאָדערט אויף די שכנים איהם צו העל־פען מיט דער ארבייט. עס געהט ביי אונז נאָך דער רייע. אָבער ווען מען נויטיגט זיך ניט אין שטיצע, איז יעדער אַ זעלבסטשטענדיגער באַלעבאָס איבער זיין פאַרם און איבער זיך אַליין.

— מיר גלויבען אין ארבייט, וואָס שאַפט, וואָס קען עפּעס אויפטאָן. און דאָס קען אַם בעסטען געשעהן אויף דעם אינ־דיווידואַליסטישען שטייגער.

— קענען צוויי קינסטלער פאַראייניגען זייער ארבייט און זייער שאַפען? קענען צוויי סקולפּטאָרען מאַכען איין סטאַטוע? ניין. יעדער ארבייט לויט זיין אייגענער איינבילדונגס־קראַפט. דעם סקולפּטאָר׳ס אידעע און די געשטאַלטען וואָס ער האָט אין זיין מח ווערען פאַרקערפּערט דורך זיין אייגענעם שאַפען. אַ פאַרמער איז ניט קיין קינסטלער. אָבער אַזוי ווייט ווי ער שאַפט עפּעס און קען הנאה האָבען פון זיין ארבייט, האָט ער די זעלבע פּסיכאָלאָגיע, ווי דער קינסטלער. דעריבער איז אינדיווידועלע זעלבסטשטענדיגקייט אַזוי וויכטיג.

— איהר זייט אַנאַרכיסטיש געשטימט, ניט אמת? — האָב איך געפרעגט.

— מען קען זאָגען אַז יאָ, — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל, — איך בין געגען דעם, אַז איין מענש זאָל מאַכען געזעצען פאַר אַ צווייטען. אָבער דאָ וואו קאָאָפּעראַציע איז אַבסאָלוט נויטיג און פאַרנינפטיג, באַנוצען מיר זיך מיט איהר.

מיר האָבען אַ געמיינשאַפטליכען מאַגאַזין, וואו מיר לעגען אַוועק אַלע אונזערע פּראָדוקטען. מיר פאַרקויפען זיי צוזאַמען. פריי־וואַט צו פאַרקויפען איז ביי אונז פאַרבאָטען. יעדער באַקומט פאַר זיינע פּראָדוקטען לויט דעם ווערט וואָס זיי האָבען, ניט מעהר און ניט ווייניגער. אַלעס ווערט אויסגערעכענט. יעדער באַקומט אַ קבלה פאַר די שטאָף וואָס ער ברענגט אריין; דערנאָך באַקומט ער די סומע וואָס עס באַטרעפט.

— און וואָס איז מיט די פינף און צוואַנציג פון אייער גרופּע וואָס אַרבייטען ניט אויפ׳ן לאַנד? — האָב איך געפרעגט.

— די לעהרער, צום ביישפּיל, — האָט ער געענטפערט, — אָדער דער בוכהאַלטער, באַקומט געהאַלט אַזוי גרויס ווי דער דורכשניטליכער איינקונפט פון אַן ערד־אַרבייטער. דער שוסטער, אָבער, און דער סטאָליער באַקומען ניט קיין שכירות: זיי באַקומען געצאָהלט פון זייערע קונדען. נאָר די פּרייזען ווערען רעגולירט פון אונזער קאָמיטע.

— מיר האָבען ערפאָלג, — האָט ער פאָרטגעזעצט, — מיר מאַכען פאָרטשריט.

דערביי האָט ער און אורי מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף טאַבעלעס, וועלכע זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט — צייכנונגען מיט ציפער, וועלכע ווייזען דעם צושטאַנד פון דער קאָלאָניע אין פאַרשיידענע יאָהרען — איהר פאָרטשריט פון יאָהר צו יאָהר. זיי האָבען די טאַבעלעס אַראָפּגענומען און מיט שטאָלץ אָנגעוויזען אויף די פיגורען און אויף די ציפער.

— איהר זעהט, דעם ערשטען יאָהר האָבען מיר געהאַט אַכט און זעכציג קיה, און איצט, אין אונזער פערטען יאָהר, האָבען מיר צוויי הונדערט און זעקס און נײנציג קיה. דעם ערשטען יאָהר האָבען מיר קולטיווירט צוויי הונדערט און דרייסיג דונאַם ערד. היינט קולטיווירען מיר זעקס טויזענד ניין הונדערט. דעם ערשטען יאָהר האָט אונז אַ דונאַם ערד געגעבען פינף און דרייסיג קילאָ ווייץ. איצט באַקומען מיר הונדערט פינף און דרייסיג. דעם ערשטען יאָהר האָבען מיר געהאַט דרייצעהן הונדערט היהנער; איצט האָבען מיר אַכט און נײנציג הונדערט. מילך האָבען מיר די ערשטע צוויי יאָהר געהאַט נאָר פאַר אונזער

אייגענעם געברויך; איצט בלייבט אונז שוין איבער איין און אכציג ליטער מילך אויף צום פארקויפען (זיבען א האלב ליטער איז איין גאלאן). אייער האבען מיר די ערשטע צוויי יאהר געהאט נאר פאר זיך אליין; דיזען יאהר האבען מיר פארקויפט צוויי און פופציג טויזענד.

די ערשטע צוויי יאהר האבען מיר גאר ניט געהאט וואס צו פארקויפען. קיין פעני האבען מיר ניט באקומען פון דעם מארק. פאריגען יאהר האבען מיר פארקויפט פאר ניין הונדערט פונט (אומגעפער פיר און פערציג הונדערט דאלאר), און דיזען יאהר שוין פאר זעקס און דרייסיג הונדערט פונט. זיבעציג פראָ־צענט פון דיזען איינקונפט אונזערען באקומען מיר פון דער מילך, וואס מיר שיקען אין מארק, פופצעהן פראצענט — פון די טשיקענס מיט די אייער און צעהן פראצענט — פון די גרינצייג.

די פראדוקטען פון „נהלל", אזוי ווי פון די קאמונעס, ווע־רען פארקויפט דורך דעם אלגעמיינעם קאפעראטיוו פון די ראדי־קאלע ארגאניזאציעס „המשביר".

די פארשטעהער פון „נהלל" האבען צוגעגעבען נאך א פאר ציפער. זיי האבען ניט קיין שייכות צו פראדוקטען, וועלכע מען פארקויפט אויפ'ן מארק; זיי זיינען אבער ניט ווייניגער וויכטיג:

— דעם ערשטען יאהר זיינען זעכצעהן פראצענט פון אונז געווען קראנק אויף מאלאריע. ביי אונז האבען זיך געפונען שרעקליכע זומפען, וועלכע האבען פארפעסטעט די לופט. מיר האבען שווער געארבייט זיי אויסצוטריקענען, און אונזער מיה איז ניט געווען אומזיסט. דעם צווייטען יאהר האבען מיר אינ־גאנצען געהאט צוויי קראנקע. די וואסער פון די זומפען האבען מיר פארוואנדעלט אין גוטע, געזונטע טרינק־וואסער. מיר האבען דא געפונען מאסען מאסקיטאס; איצט אבער זיינען מיר פון זיי אינגאנצען פריי.

— די אראבער פלעגען אונז זאגען, אז אונזער ברונעם איז א פארשאלטענער, און אז דער וואס טרינקט פון איהם באקומט געשווילאכץ אין קאפ. מיר האבען די וואסער געלאזט אנאלי־זירען, און עס האט זיך ארויסגעצייגט אז עס איז גוטע וואסער.

איצט זאָגען די זעלבע אראבער, אז די אידען האָבען דעם זעלבען קוואַל געבענשט. זיי טרינקען איצט אַליין אויך פון איהם.

צווישען די פאָרשטעהער פון די קאָמונעס און אַזעלכע מענ־שען ווי יאַפע אָדער אורי קומט פאָר א שטילע קאָנקורענץ, א דעבאַטע מיט ווערטער און מיט טאַטען אויף דער טעמא: וועלכע פאָרמע פון קאָלאָניעס איז בעסער און האָט א בעסערען אויס־זיכט אויף ערפאָלג — דער קאָמונע־טיפ, אָדער דער קאָאָפּעראַטיוו־אינדיווידואַליסטישער טיפ?

סימפאַטיש זיינען ביידע. עס מאַכט ניט אויס וואָס אייער אייגענע מיינונג איז וועגען דער גאַנצער לאַגע; איהר דענקט וועגען די לעפקאָוויטשעס און די יאַפעס, וועגען די ליבינשטיינס און די אורים מיט די פריינדליכסטע געפיהלען. זיי גלויבען אין אויפבויען פאַלעסטינע ניט נאָר אַלס א אידישע לאַנד נאָר אויך אַלס א לאַנד אָהן עקספּלואַטאַציע, אָהן עקאָנאָמישע שקלאַ־פעריי; א לאַנד, וואו די ווירטשאַפט און דער גאַנצער לעבען איז געבויט אויף העכערע אידעאַלען. ביי אייך אין קאָפּ שוועבט ארום די פראַגע, אויב פאַלעסטינע קען געבויט ווערען אָהן דער הילף פון קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, און אויב עס מוז פאָרלויפיג זיין קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע, ווי אַזוי וועט זי ווירקען אויף דער עקזיסטענץ פון די אידעאַליסטישע קאָלאָניעס?

דאָס איז א בייזע פראַגע, און אייך איז זעהר אונאַנגענעהם איהר זיך צו שטעלען.

מיר האָבען זיך געזעגענט מיט אונזערע פריינד און גע־פאָהרען ווייטער.

* * *

ווידער סטאַדעס, ווידער אראַבער, ווידער קעמלען און אייז־לען; ווידער אראַבישע פרויען מיט לאָגלען וואַסער אויף די קעפּ.

אין אייניגע פּלעצער זיינען אראַבער און אראַבערקעס גע־זעסען און געהאַקט שטיינער. זיי בויען א שאָסעי פאַר דער רעגירונג.

דער וועג איז מייסטענס אויסגעצייכענט, וואָרים מיר פאָהרען איבער א שאָסעי, וועלכער איז שוין פאַרטיג.

מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין אַן אראַבישען דאָרף. עס

זיינען געווען אינטערעסאנטע טיפען, און קאציזנא האט געפּרואווט זיי פאטאגראפירען — „געפּרואווט", ווייל זיי האבען זיך ניט געלאזען. איינער פון די אראבער האט ביי אונז געבעטען באקשיש (כאבאר אדער טרינק־געלט). אהן דעם וועט מען זיך ניט לאזען פאטאגראפירען, האט ער געזאגט. מיר האבען איהם מכבד געווען מיט א פּאר מטבעות און זיין פּנים האט געלויכטען. אבער עס האט זיך באלד ארויסגעשטעלט, אז ער האט ניט גע־קענט ערפילען זיין טייל פון דעם „מסחר".

א גרופּע פרויען און אינגלאך זיינען אויף א מינוט גע־שטאנען רוהיג, אבער ווי נאר קאציזנא האט אנגעשטעלט דעם אפּאראט, האבען זיי אלע אפּגעקערט זייערע פּנים'ער.

איך בין געזעסען אין דעם אויטאמאביל. פּלוצלונג הער איך ווי מען זינגט אריין דורכ'ן פענסטער. מיר גיבען א קוק: עס שטעהט אן אראבישער אינגעל פון א יאהר צוועלף און זינגט. דערביי שפּרינגט ער צו און קלאפּט זיך אין הארצען און אין באק — א קלאפּ אין הארצען, א קלאפּ אין באק. דאס קלאפּ־פעניש איז געווען ביי דעם סוף פון יעדען פערז, וואס ער האט געזונגען; און ביי יעדען זעץ, וואס ער האט זיך געטאן אין הארצען אדער אין באק האט ער אויסגעשריען „יאמא"!

דאס איז געווען א מין סערענאדע, א באגריסונגס־ליד פאר אונז; איינפאכער גערעדט: „גיב באקשיש!"

און מיר האבען איהם געגעבען באקשיש.

גלייך האט זיך באוויזען א גרעסערער אינגעל. ער האט דעם קלענערען אפּגעשטויסען אן א זייט און ער האט זיך אוועק־געלאזען קאנצערטעווען.

דער זעלבער נגון, די זעלבע אוואיעס, די זעלבע קלעפּ און די זעלבע „יאמא", נאר מיט מעהר התלהבות ווי דער ערשטער. ער איז געשפּרונגען שטארקער, און קלעפּ האט ער זיך אויך גע־געבען שטארקערע.

* * *

אויפ'ן וועג פון „נהלל" האבען מיר באגעגענט א אידישען יונגענמאן אין א יארמולקע און אין א טלית־קטן. דאס פּנים איז ביי איהם געווען באדעקט מיט האר. דיזער טיפּ איז אין

דעם טאָל „יזרעאל” אַן אונגעוועהנליכע זאַך, וואָרים די קאָלאָ־ניסטען זיינען דאָרט פון דעם היינטיגען דור: ראַדיקאַלע מענשען, אידעאַליסטען פון דעם מאָדערנעם שניט.

דער חסידישער יונגער מאַן איז איינער פון דער גרופּע, וועלכע איז אריבערגעקומען פון פּוילען מיט דעם יאַבלאָנער רבי'ן. צו זיי זיינען מיר דאָס איצט געפאָהרען.

מיר האָבען אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל אַ ווײַלע, גע־פרעגט ביי דעם יונגען מאַן וואו עס געפינט זיך זייער קאָלאָניע, און ער האָט אונז ערקלערט:

דערווייל וואוינען זיי אין הילצערנע באַראַקען. עס דאַרף געדויערען צייט, איידער זיי וועלען שאַפען פאַר זיך בעסערע וואוינונגען און אַ ביסעל ענטוויקלען זייערע פאַרמס. פּאָרלויפיג זיינען זיי צוטיילט אויף צוויי טיילען. זיי זיינען אָבער נאָהענט איינע פון די אַנדערע. זיי אַרבייטען גאַנץ שווער, און קיין גרויסען ערפאָלג קענען זיי אַזוי גיך ניט ערוואַרטען.

דער יאַבלאָנער רבי און זיינע חסידים, וועלכע האָבען אוועק־געוואָרפען זייערע אַלטע היימען און האָבען זיך אינאיינעם באַזעצט אין פּאַלעסטינע, האָבען אין יענער צייט געצויגען אַ היבש ביסעל אויפמערקזאַמקייט.

— ווי געהט עס? ווי פיהלט איהר זיך? — האָב איך געפרעגט דעם יונגען חסיד, וועלכער האָט אונז ערקלערט ווי צוצופאָהרען צום רבי'ן.

זיין ענטפער האָט געוויזען, אַז ער געהערט צו דעם נייעם טיפּ חסידים — חסידים, וואָס זיינען באַלעזען און אינטעליגענט אויף אַ היינטיגען אופן.

— ווי זאָל געהן?! — האָט ער געזאָגט. — מיר הויבען ערשט אָן. מיר אַרבייטען.

אימיצער האָט געמאַכט אַ באַמערקונג וועגען באַגייסטערונג, וועלכע פאַרגרינגערט די אַרבייט. אויף דעם האָט דער חסידישער יונגערמאַן געענטפערט:

— באַגייסטערונג? — אונזער אַרבייט און אונזער לעבען דאָ איז אַזוי נאַטירליך, אַז עס איז גאָר ניט שייך צו זאָגען „באַגייסטערונג”.

עטליכע מינוט שפעטער זיינען מיר צוגעפאהרען צו א שורה הייזער, ריכטיגער געזאגט, באראקען.

פון איינעם פון די „הייזער" איז ארויסגעקומען א טונקעל־בלאנדער יונגערמאן פון א יאהר דרייסיג. ער האט געטראגען א יארמולקע, און אין אלגעמיין האט ער אויסגעזעהן ווי א חסידישער באלעבאטישער איידעם.

דאס איז געווען דער יאבלאנער רבי.

זיין פנים מאכט גלייך א זעהר אנגענעמען איינדרוק. און ווען איהר רעדט מיט איהם, ווערט דער איינדרוק נאך שטארקער. איהר פיהלט, אז דאס איז א מענש אהן א ברעקעל קאקעטסטווא, אז יעדער ווארט זיינער איז אויפריכטיג.

געוועהנליך איז אזא סארט מענש זעהר נאאיוו. דאס קען מען אבער אויפ.ן יאבלאנער רבי'ן ניט זאגען. צו דער זעלבער צייט, וואס איהר פיהלט זיין אויפריכטיגקייט, פיהלט איהר אויך, אז ער איז ניט קיין נאר און ניט קיין אונוויסענדער מענש.

ער האט ניט געמאכט קיין שום רבני'שע צערעמאניעס, קיינע חסידישע פרעטענזיעס; ער האט גערעדט ווי אן אינטע־ליגענט באלעבאטיש קינד פון דעם ארטאדאקסישען קלאס.

ווען מיר האבען זיך מיט איהם צושמועסט, האבען מיר געזעהן, אז ער איז ניט נאר אן אינטעליגענטער מענש, נאר — אויף זיין שטייגער — א דענקענדער אויך.

זיין אייגענארטיגער סארט אידעאליזם מאכט א מערק־ווירדיגען איינדרוק.

דער לעזער וועט מיט איהם באקאנט ווערען דורך זיינע אייגענע ווערטער. צוערשט וויל איך נאר דערמאנען אן די פאלגענדע פאקטען: זיין פאטער איז געווען א באריהמטער רבי אין פוילען, און ער, דער זוהן, האט גע'ירשנ'ט זיין „טראן".

מיט עטליכע יאהר צוריק האט ער געלאזט וויסען זיינע אנהענגער, אז ער האט באשלאסען צו עמיגרירען קיין פאלעס־טינע אום צו גרינדען דארטען א קאלאניע. ער האט גענומען אגיטירען דערפאר, און ער האט ארויסגערופען גרויס באגייס־טערונג צווישען די חסידים. אין דער חסידישער וועלט איז זיין אגיטאציע געווען א גאנץ נייער ווארט, און עס האט געמאכט א

גרויסען איינדרוק ניט נאָר צווישען חסידים, נאָר אויך איבער גאַנץ פוילען. און זיינע רייד האָבען געהאַט א ווירקונג: א געוויסע צאָהל אידישע געשעפטס-לייט האָבען פארקויפט אלץ וואָס זיי האָבען געהאַט און זיינען מיט איהם געפאָהרען באַ־ארבייטען די ערד פון ארץ־ישראל.

* * *

דער רבי האָט אונז ארייגערופען צו זיך. מיר האָבען זיך געזעצט ביים טיש. מען האָט ארייגעבראַכט טיי. ארום אונז זיינען געשטאַנען א פּאָר פון זיינע חסידים, באלעבאַטישע מענשען אויפ'ן אויסזעהן.

איך האָב איהם געבעטען מיר צו דערצעהלען ווי אזוי עס איז אין איהם פאָרגעקומען די ענדערונג; נאָכהער האָב איך איהם געשטעלט אַנדערע פראַגען. און אויף אלץ האָט ער מיר געענטפערט איינפאַך און צום פונקט, מיט א זעלטענעם טאַקט און אָהן איבערטריבענער באשיידענהייט. דאָ וואו איהם וואָלט אויסגעקומען ריידען ספּעציעל וועגען זיין איינפלוס און זיין פערזענליכע ראָלע, האָט ער דאָס אויסגעמידען אויף א טאַקט־פולען שטייגער.

די וויכטיגסטע פון זיינע רייד האָב איך פארצייכענט כמעט וואָרט אין וואָרט.

— אידען האָבען שטענדיג געשטרעבט צו ארץ ישראל, — האָט ער געזאָגט. — איצט אָבער האָט דער דאָזיגער געפיהל באקומען גאָר א נייעם כאראַקטער. אידען זיינען אימער געווען א פארמיטלונגס־קלאַס; איצט האָבען די לעצטע פאַקטען באַ־וויזען, אז אלס א פארמיטלונגס־קלאַס האָבען זיי אין פוילען מעהר קיין פּלאַץ ניט. אין אונזער קרייז זיינען פאראַן זעהר ווייניג בעל־מלאכות. אונזערע מענשען פארנעמען זיך מיט געשעפט; זיינען מיר געקומען צו דעם געדאַנק זיך צו באזעצען אין ארץ ישראל און צו באַארבייטען די ערד. דאָס איז דער איינציגער וועג ווי אזוי מיר קענען ארויסגעהן פון דער אומ־נאַטירליכער לאַגע.

— פון אָנפאַנג האָבען זיך אָפּגערופען נאָר מענשען פון

אן ענגען קרייז, אין דעם געגענד פון ווארשא. מיר האבען אפּ־געהאלטען אסיפות, און די צאהל איז געוואקסען.

— פלעגט איהר האבען גרויסע מיטינגען? — האב איך געפרעגט.

— צוערשט זיינען זיי געווען ניט זעהר גרויס, אבער נאכ־הער זיינען זיי געווארען זעהר גרויס.

— שרייבט איהר דאס צו צו אייער פערזענליכען איינ־פלוס? — האב איך ווייטער געפרעגט.

— אלע האבען דערפיהלט דאס זעלבע. אלע האבען גע־זעהן, אז די לאגע פון דעם אידישען מיטעל־קלאס איז געווארען אונמעגליך. נאר, נאטירליך, ניט אלע זיינען דאס בכח אויס־צודריקען און פארצושטעלען. און ווען איינער טוט דאס, האט עס א ווירקונג; מען רופט זיך אפּ.

— איך בין געפאהרען קיין פאלעסטינע צו באקוקען דאס לאנד און באטראכטען. איך בין דא אפּגעווען צוויי חדשים, פון פאר ראש־השנה ביז איניגע טעג אין כסליו.

— אין ארץ־ישראל בין איך ענטוישט געווארען: כ'האב זיך פריהער פארגעשטעלט, אז איך וועל דא געפינען די הערר־ליכסטע נאטור אין דער וועלט און די פרימסטע אידען; און דאס האב איך ניט געפונען. דערפאר אבער האב איך געפונען א ווארימע שעהנע זון אין א מאראלען זין. איך האב צווישען די קאלאניסטען געפונען באגייסטערונג פאר דער ארבייט. אין דעם האב איך געזעהן דעם הייליגסטען אידעאל. דעם הייליגען גלויבען אין דער ארבייט, וואס מען געפינט דא, האב איך ניט געזעהן ביי די טייערסטע מענשען צווישען די ארבייטער פון פוילען.

— דער אידעאל פון ארבייט! — האט ער אויסגע־רופען אויף זיין שטילען נאטירליכען אופן. — מען ארבייט דא, ניט ווייל מען האט מורא פאר'ן הונגער, נאר אויס ליבע צו דער ארבייט גופא.

— ווען איך בין געקומען אהיים, האבען מיר שוין געהאט פארזאמלונגען פון איניגע טויזענד מענשען. און דאס האט געמאכט א גרויסען איינדרוק.

— דירעקט פארבונדען מיט אונזער געזעלשאפט זיינען פארלויפיג נאר עטליכע הונדערט; אבער אינדירעקט — טויזענדער.

— ווי געהט אייך דא? — האב איך איהם געפרעגט.

— עס געהט אונז גוט, און די ליבע צו דער ארבייט איז נאך גרעסער ווי איך האב זיך פארגעשטעלט.

— מיר זיינען געקומען אהער פאר פסח. דער זומער איז נאטירליך געווען א סך בעסער ווי דער ווינטער וועט זיין, ווארים מיר וועלען די רעגענדיגע חדשים פארברענגען אין צייטוויילינגע באראקען. עס וועט זיין קאלט און דער רעגען וועט אריינדרינגען.

— עס וועט אונז זיין קאלט און שווער און גוט, — האט ער דערנאך געזאגט מיט א שמייכעל. — מיר זיינען אויף אלץ בארייט.

די חסידים האבען זיך צוגעהערט מיט ליבע און עהרפורכט. יעדעס מאל וואס ער האט זיך געשטעלט, האבען זיי איהם אפגעטראטען דעם וועג, מיט אן אויסדרוק פון גרויס דרך־ארץ און צערטליכקייט. און ער צו זיי האט זיך געהאלטען ניט מיט צופיל עניוות. ער האט זיך געהאלטען ווי א רבי, נאר מיט טאקט.

איך האב איהם געזאגט, אז דער יונגער חסיד, וואס מיר האבען באגעגענט אויפ׳ן וועג, רעדט ווי אן אינטעליגענטער מענש, און וואהרשיינליך זיינען פאראן נאך אזעלכע ווי ער. איך האב איהם געפרעגט צי זיי וועלען זיך באשרענקען אויף רעליגיעזע ספרים אדער לעזען מאדערנע ביכער אויך.

— די צווייערליי אידעאליזמען, דער אלטער און דער נייער, קומען ניט אין קאנפליקט איינער מיט דעם אנדערען, — האט ער געענטפערט. — אויב מען מיינט, אז איינס איז געגען דאס אנדערע, איז דאס א מיספארשטענדניס.

איך האב איהם געפרעגט וועגען דער בילדונג, וואס ער אליין האט באקומען.

— איך האב געלעזען א ביסעל פויליש, א ביסעל רוסיש, — האט ער געענטפערט — איך האב געלעזען טאלסטאי׳ס ווערק אויף רוסיש; אבער מייסטענס האב איך געלייענט אין איבערזעצונגען, דאס רוב אידישע און איניגע העברעאישע.

איך האב גערעדט מיט א פאר פון די חסידים. איך האב זיי געפרעגט וואס עס איז געווען זייער באשעפטיגונג אין דער היים.

איינער האט געהאנדעלט מיט לעדער און דער אנדערער מיט ברעטער.

— אין דער היים האבען אנדערע געמאכט די סחורה, און איך האב פארקויפט, — האט איינער געזאגט. — דא וועל איך ארבייטען און זאלען אנדערע פארקויפען.

* * *

מען דערצעהלט, אז די חסידים פיהרען זעהר א סימפאטישען לעבען אין זייער קאלאניע. דאס איז אייגענטליך קיין חידוש ניט. ביי חסידים איז דער פרינציפ פון געגענזייטיגער הילף אימער געווען ענטוויקעלט. זיי זיינען דעמאקראטיש, און דער גייסט וואס עקזיסטירט צווישען זיי, ווען זיי קלייבען זיך צוזאמען ביי א רבי'ן, איז א פאמיליען־גייסט. איצט, אין דער קאלאניע אין ארץ ישראל געפינט דיזער גייסט א ספעציעלען גוטען באדען פאר זיך.

* * *

פאהרענדיג ווייטער, האב איך זיך די ערשטע צייט געפונען אונטער דעם איינדרוק פון מיין געשפרעך מיט'ן יאבלאנער רבי'ן. איך האב גענומען באטראכטען זיינע ווערטער, און דאן האב איך דערפיהלט, מיט וואס זיי האבען אויף מיר געהאט אזא שטארקע ווירקונג, גאנץ אפגעזעהן פון זיין סימפאטישער פערזענליכקייט.

איך האב זיך דערמאנט ווי ער האט געזאגט: „אידען זיינען אימער געווען א פארמיטלונגס־קלאס. איצט האבען די לעצטע פאקטען באוויזען, אז אלס א פארמיטלונגס־קלאס האבען זיי אין פוילען מעהר קיין פלאץ ניט.”

די ווערטער האבען איצט אויף מיר געמאכט א טיפען איינדרוק. הונדערטע יאהרען זיינען אידען געווען געשעפטס־לייט אין פוילען. מיט דעם האבען זיי געלעבט. פלוצלונג דערפיהלען זיי, אז עס קען אזוי ווייטער ניט געהן. פלוצלונג האבען זיי פארלארען זייער אנהאלט, הייסט עס; זיי מוזען זיך געהן זוכען אן אנדער היים מיט אנדערע באשעפטיגונגען.

די עטליכע איינפאכע ווערטער האבען אויסגעדריקט א שרעקליכע טראגעדיע.

אונזער אטאמאביל איז געפלויגען, אבער אין מיין מח זיינען אלץ געשטאנען די ווערטער: „מיר זיינען געווען א פאר־מיטלונגס־קלאס, און די לעצטע פאקטען האבען באוויזען, אז אלס א פארמיטלונגס־קלאס האבען מיר אין פוילען מעהר קיין פלאץ נים.״

* * *

מיר זיינען געקומען אין חיפה. צופאהרענדיג צום שטאדט, האבען מיר געזעהן די גרויסע צעמענט פאבריק, וועלכע א רייכער רוסישער איד מיט׳ן נאמען פאלאק האט דארט געגריינדעט. ער אליין וואוינט אין ענגלאנד. די פאבריק מאכט דעם איינדרוק פון א גרויסער קאפיטאליסטישער אונטערנעמונג. וואס מען זאל נים זאגען וועגען די אנדערע פאבריקען פון פאלעסטינע, וועגען איהר זיינען אלע איינפארשטאנען, אז איהר ערפאלג איז פאר־זיכערט.

דער רויהער מאטעריאל געפינט זיך גלייך דערביי, און קאפיטאל האט הער פאליאק אריינגעלייגט גענוג. צעמענט איז א וויכטיגער ארטיקעל, נים נאר פאר פאלעסטינע, נאר אויך פאר סיריען און אנדערע ארומיגע לענדער. און דאס וועט זיין די ערשטע פאבריק, וואס וועט דיזען פראדוקט שאפען אין יענע געגענדען.

פאלאק האט די פאבריק געגריינדעט נים צוליב ביזנעס. ער איז א מיליאנער. און אום צו ציהען גרויסע פראפיטען, איז איהם נים געווען נויטיג צו מאכען אן אינוועסטמענט גראד אין פאלעסטינע.

— די פראגע וועגען א אידישער היים האט איהם א נעהם געטאן, — ווי איינער האט זיך אויסגעדריקט, דערצעהלענדיג מיר וועגען איהם.

מען דערצעהלט אויך דאס פאלגענדע: ריידענדיג וועגען פאלעסטינע, האט פאלאק געזאגט:

— דער וואס לייגט אין פאלעסטינע אריין געלט, אדער באזעצט זיך דארטען, איז משוגע.

— און איהר? — האט מען ביי איהם געפרעגט.

— איך אויך, — האט ער געענטפערט.

מיט דעם האט ער געמיינט צו זאגען, אז די באגייסטערונג פאר פאלעסטינע איז א קליפה אזא, אז די וואס האבען די דאזיגע קליפה טוען זאכען, וועלכע זיינען פיליכט נים פראקטיש; אז די גאנצע באוועגונג האט אין זיך דעם כאראקטער פון א באצויבערונג און מען שטעלט זיך נים קיין פראגען.

קורץ, עס האט איהם „א נעהם געטאן".

ווי די מעשה איז, פאלאק'ס אונטערנעהמונג אין פאלעס־טינע איז יעדענפאלס גאר נים קיין משוגענע זאך. ווען אלע אנדערע אונטערנעמונגען וואלטען געווען אזוי זיכער מיט זייער ערפאלג, וואלט וועגען דער צוקונפט פון פאלעסטינע נים געווען קיין צווייפעל.

און דער, וואס באזוכט איצט דאס לאנד, און זעהט די גרויסע אפפערס וואס מענשען ברענגען איהר אויפצובויען, מוז זיי ווינשען ערפאלג; צי ער איז איינפארשטאנען מיט זיי, צי נים. דערפאר דערפרעהט מען זיך ווען מען דערזעהט דארט אזא פאבריק.

* * *

אין חיפה האבען מיר אויך געזעהן רוטענבערג'ס צווייטע „עלעקטרישע סטאנציע" (די ערשטע איז אין תל־אביב). איך האב באזוכט ביידע, און ביידע זיינען גרויס און עכט־מאדערן. נאר די תל־אביב'ער סטאנציע איז גרעסער. קיין בעסערע עלעקטרישע סטאנציע קען מען זיך נים פארשטעלען אין אן אמעריקאנער שטאדט פון א פופציג טויזענט איינוואוינער. אונזערע טאטעס האט זיך אזא אויפטהו נים גע'חלום'ט. ווען איהר באקוקט די ריזיג גרויסע רעדער, מיט די אלע צוריכטונגען, און איהר דער־מאנט זיך, אז פון דרויסען קענט איהר זעהן אראבער מיט קעמ־לען, וועלכע זעהען אוים פונקט ווי זיי האבען אויסגעזעהן אין די צייטען פון די אבות, מאכט עס א מערקווירדיגען איינדרוק אויף אייך. — גענומען און געבראכט א שטיק ניו יארק, לאנדאן, אדער בערלין פון דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט אין דעם

לעבען, וואָס איז דאָ אָנגעגאַנגען ווי מיט פיר טויזענט יאָהר צוריק.

חיפה איז אייגענטליך די זעלבע סאָרט שטאָדט ווי יאפא. שמאָלע, פארצייטיגע געסלאך אָהן טראָטוארען, שטויב, שמוץ; אראבער, געקליידעט ווי אין די ביבלישע צייטען און קעמלען מיט באפוצטע העלזער ווי אין די ביבלישע צייטען. דער געשעפטס־צענטער פון חיפה זעהט אָבער אויס אביסעל מאָדערנער ווי אין יאפא, און עס בויט זיך א נייער אידישער קווארטאל, וועלכער איז עהנליך צו תל־אָביב. נאָר תל־אביב שטעהט אויף פלאכע לאנד, און דיזער קווארטאל וואקסט אויף א בארגיגען פלאץ, אזוי ווי ירושלים.

בערג מיט שטיינער ליגען צווישען הייזער וואָס זיינען געבויט פון שטיינער. דאָ איז א פארטיגע הויז, דאָ איז נאָך ניט פארבויט; נאָר אין תל־אָביב באשטעהען די ליידיגע פלעצער פון בערג מיט זאמד; און דאָ — פון בערגלאך שטיינער.

וועגען חיפה רעדט מען אין פאלעסטינא מיט א באזונדערען רעספעקט. מען פארהאלט זיך צו איהר עפעס אזוי ווי אין אמע־ריקא פארהאלט מען זיך צו שיקאגא.

דער האפען, וואָס געפינט זיך אין חיפה וועט וואר־שיינליך זיין דער הויפט־האפען פון גאנץ פאלעסטינע, און אויב אזוי וועט חיפה זיין די וויכטיגסטע און גרעסטע שטאָדט פון לאנד. זי איז אָבער שוין וויכטיג. און גרויס איז זי, דאכט זיך, שוין ווי יאפא. נאטירליך, יאפא מיט תל־אָביב צוזאמען זיינען פיל גרעסער. עס איז אבער זעהר מעגליך, אז חיפה וועט די צווילינגס שטאָדט שנעל איבערשטייגען.

דעם האפען האָב איך באקוקט ערשט אויף מאָרגען אין דער פריה, ווייל עס איז געוואָרען שפעט.

* * *

אויף נאכט־לעגער זיינען מיר געפאָהרען אין דעם האָטעל „כרמל", וועלכער איז דער איינציגער האָטעל אין פאלעסטינע, וואָס ערָאינערט אָן א גאסט־הויז אין א מאָדערנער שטאָדט.

ער הייסט „כרמל", ווייל ער געפינט זיך אויף דעם בארג כרמל.

מיר זיינען געפאהרען ארויף־בארג — געפאהרען און געפאה־רען. דער בארג איז הויך און משופע׳דיג. אלזא, געהט דער וועג זעהר געדרעהט. איבער א האלבע שטונדע האט געדויערט איידער מיר זיינען צוגעקומען צו דעם ציל פון אונזער רייזע.

דער האטעל שטעהט אזוי ווי איינער פון די גרויסע האטעלען אין די אמעריקאנער קעטסקיל־בערג — דער „אלד־מאונטעין האוז", אדער דער „קאאטערסקיל" האטעל.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען האבען מיר דערהערט אידישע געזאנג. א מינוט שפעטער האבען מיר דורך אן אפענע טיר געזעהן א היימישע שמחת־תורה־סצענע. איינגלעך האבען מאר־שירט מיט פאנען. און עלטערע אידען האבען געזונגען.

דער האטעל האט ווירקליך געקענט זיין אין אמעריקא. בלויז אן עלעווייטאר פעהלט איהם. די קארידארן און די צימערען זיינען אבער מעבלירט און צוגעריכטעט אויף א גאנץ מאדערנעם שטיי־גער. דאס איז דער איינציגער פלאץ אין פאלעסטינע, וואו די צימערען האבען אמת׳ע „לויפענדע וואסער".

דרויסען איז שוין געווען פינסטער, אלזא, האט זיך פון דעם בארג קיין זאך ניט געזעהן, אויסער די הונדערטער פלעמליך פון חיפה און פון א פאר דערבייאיגע פלעצער.

אויף מארגען בין איך אויפגעשטאנען מיט׳ן טאג צוגלייך. איך בין ארויסגעגאנגען אויפ׳ן באלקאן, און פאר מיינע אויגען האט זיך געשפרייט ווייט און ברייט א בילד פון בערג, א טאל און א שטיק ים. דער טאל איז געווען באדעקט מיט גרינע בוימער, וועלכע אידישע הענט האבען פארפלאנצט אין די לעצטע פאר יאהר.

איבער׳ן הויף איז אומגעגאנגען א קעמעל, אזוי ווי אין א היימישע שטעדטעל געהט ארום א ציג. ווייטער אונטען, לעבען ברעג ים, האבען זיך גערויטעלט דעכער פון הייזער אויף א פלא־כען ווייסען פאס זאמד. א בלישטשענדיגע לענטע האט זיך געדרעהט אהין און אהער, ציהענדיג זיך צום ים צו.

שפעטער האט מען מיר ערקלערט, אז דער דאזיגער פאס איז דער טייך „קישון". מען האט מיר אויך געוויזען אויפ׳ן פלאץ וואו עס איז געפאלען די ארמיי פון דעם ביבלישען גענעראל

סיסראָ, וועלכער האָט געקעמפט געגען די אידען, נאָכדעם ווי דבורה האָט געהאַלטען איהר באַגייסטערטע רעדע און זיי האָבען זיך העלדיש געשטעלט געגען איהם.

נאָך פריהשטיק זיינען מיר אַלע ארונטערגעגאַנגען צו אַ פּונקט, פון וועלכען דער ים זעהט זיך אם בעסטען. דער בילד איז ווירקליך אַ שעהנער. אַ ים איז אימער שעהן, צי ער געפינט זיך אין ארץ ישראל, צי אנדערש־וואו.

דער הימעל איז געווען קלאָר און די וואַסער איז געווען רוהיג; רוהיג און בלוי. זי עסט זיך דאָ אריין אין דער יבשה, און פון דעם ווערט אַ האַלב־קייַלעכדיגער „איינגוס" — ווירקליך אַן אויסגעצייכענטער האַפען.

אויף דער אנדער זייט פון דעם וואַסער, אביסעל ווייטער צו דער לינקער האַנט צו, זעהען זיך הייזער. מען זאָגט מיר, אַז דאָס איז עכו. די שטעדטעלע, וועלכע ווערט דערמאָנט אין דער גמרא. נאָך ווייטער צו דער לינקער האַנט צו, זעהט זיך אַ פּלאַץ וואָס קוקט אוים ווי אַ ווייסער באַרג.

— דאָרטען ענדיגט זיך פּאַלעסטינע, און עס הויבט זיך אָן סיריען, — זאָגט הארצפעלד.

אויף דער רעכטער זייט, אויף אַ שטח פון פּלאַכע לאַנד, ביי דעם וואַסער, בלישטשען דעכער פון הייזער.

— דאָס זיינען אַלץ אידישע וואוינונגען, — זאָגט מען מיר, — און ווען דער האַפען פון חיפה זאָל אַנטוויקעלט ווערען, וועט דאָ אויסוואַקסען אַ גרויסער צענטער.

די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע קלייבט זיך דאָ צו באַקומען אַ גרויס שטיק לאַנד, און צו בויען דאָ הייזער פאַר ארבייטער.

עס זיינען צו אונז צוגעקומען אַ פּאָר אידישע יונגע לייט, וועלכע ארבייטען אויפ'ן כרמל. איינער פון זיי איז גוט באַקאַנט מיט יעדען ווינקעלע פון דעם גרויסען באַרג, און ער האָט מיר אָנגעוויזען אויף איניגע פּלעצער.

וועגען יעדען טייל פון דעם געגענד האָט ער גערעדט מיט אַ טיפען אינטערעס.

ביי אַ געוויסען פּונקט האָב איך געפרעגט:

— אָט דאָ וועט זיין אייער פּאָרשטאָדט?

— וואס עפעס „א י י ע ר ע ?” — האט ער געפרעגט מיט א שמייכעל.

— הקהא את שיניו, הא ? — האב איך געזאגט.

דער יונגערמאן האט זיך צולאכט*).

*   *   *

דער נאטור־בילד איז ווירקליך א שעהנער. און דער ווירע־קול פון תנ"ך און פון גמרא־צייטען, וועלכער טראגט זיך איבער איהם, מאכט דעם איינדרוק נאך שטארקער. אבער די יונגע לייט, וואס זיינען מיט מיר דא געשטאנען, זיינען אזוי ווי א מוטער אין באצוג צו איהר קינד. — וויפיל איהר זאלט דאס קינד נישט לויבען, בלייבט זי אלץ ענטוישט. איהר מוזט זאגען, אז דאס איז די שעהנסטע קינד אין דער וועלט. טאמער גלויבט איהר, אז עס זיינען פאראן נאך שעהנע קינדער, טויג שוין ניט.

די באגייסטערטע ציוניסטען האבען זיך ניט געקענט צופריי־דענשטעלען, סיידען איך זאל זאגען, אז אויף דער גאנצער וועלט איז ניטא אזא שעהנער ים ווי זייער ים, און אז די פרעכטיגסטע נאטור־בילדער פון דער שווייץ אדער פון אמעריקא זיינען פראזע געגען פאעזיע, אין פארגלייך מיט דעם בילד, וואס מען זעהט פון דעם בארג כרמל.

גענאסע הארצפעלד'ן קען איך אין דעם אייגענטליך ניט באשולדיגען. ער איז פארטאן אין סאלידערע זאכען ווי נאטור־שעהנקייט. ער האט געטייטעלט אויף די שטיק פלאכע לאנד, וואס די ארבייטער־ארגאניזאציע האלט ביים קויפען.

— דאס איז דאס אייגענטום פון דעם נאציאנאל־פאנד, — האט ער מיר ערקלערט — א דריטעל וועלען מיר ווארשיינליך באקומען דיזען יאהר. מ'וועט מוזען אויסגעבען א היבשע מטבע, אום די זומפיגע ערד צו מאכען טרוקען און געזונט. מיר וועלען עס אבער אויפטאן, און דאן וועט עס זיין אן אויסגעצייכענטע ארבייטער־פארשטאדט.

---

*) אין דער הגדה פרעגט דער רשע וועגען דעם סדר: „וואס פאר א צערעמאניע איז דאס ב י י א י י ך ?” און דער בעל־הגדה זאגט אויף דעם: „ער זאגט „ב י י א י י ך” ביי איהם ניט, הייסט עס? טא גיב איהם אזא גאב, אז עס זאלען איהם איליג ווערען די ציין! . . .

און ער האָט זיך אוועקגעלאָזען שילדערען פאַר מיר ווי חיפה וועט זיין א גרויסע בליהענדע ארבייטער־שטאָדט, וואו די אַרבייט ווערט מייסטענס געטאָן קאָאָפּעראַטיוו דורך דעם „סולל־בונה", און וואו יעדער ארבייטער וועט זיך האָבען זיין הויז, זיין גאָרטען, זיין שטיקעל ערד.

ער האָט אונז ווידער אָנגעוויזען אויף די בוימער — א ספּעציעלער מין, וועלכער וואקסט גוט צווישען פעלזען.

— דאָס אַלץ האָבען מיר פאַרפּלאַנצט, — האָט ער געזאָגט. עס וועט זיין א גרויסער געדיכטער וואלד.

ווידער האָט מען געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט צו דער גרופּע הייזער אויף יענעם זייט וואסער, צו דעם שטעדטעלע עכו. ווידער האָט די איינבילדונגס־קראַפט זיך אוועקגעטראָגען אין די צייטען פון דער גמרא.

זיי לעבען דאָ כסדר אין דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט אָדער אין דער צוקונפט, האָב איך מיר געקלערט.

* * *

פון חיפה זיינען מיר ווידער געפאָהרען איבער אן אויסגע־צייכענטען שאָסעי. ער געהט דאָרט צום שטעדטעל נצרת. און דיזער שאָסעי, א גרויסען טייל פון איהם וויינינגסטענס, האָבען טאַקע געבויט אידישע יונגעליים, בחורים און מיידלעך. זיי דערצעהלען איצט מיט פרייד און מיט שטאָלץ ווי אזוי עס איז געקומען דערצו.

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער אין פּאַלעסטינע האָט פאַר זיך געהאַט א גאַנץ ערנסטע פראַגע: עס קומען יונגעליים, זיי זיינען באַגייסטערט, זיי זיינען באַרייט צו טאָן אַלעס אין דער וועלט. וואו נעמט מען אָבער ארבייט פאַר זיי? איז איינגעפאַלען א פּלאַן: מען דאַרף אָננעהמען ביי דער ענגלישער רעגירונג א קאָנטראקט אויף צו בויען א שאָסעי.

אַי, בויען א שאָסעי דאַרף מען דאָך קענען? און ווי קומען געוועזענע ישיבה־בחורים אָדער סטודענטען צו טאָן אזא אַרבייט? ערשטענס ווייסען זיי דאָך ניט מיט וואָס מען עסט דאָס, און

צווייטענס האט זיך ניט געגלויבט, אז זיי וועלען איהערהויפט זיין פעהיג צו אזא שווערער פראצע.

אבער אידען פרעגען קיין קשיות ניט אויף אזעלכע זאכען. ניט אומזיסט זאגט מען, אז א ליטוואק קען זיך אונטערנעהמען צו זיין אן אם, ווען מען דארף...

איין פראגע אבער האט מען אבי־ווי ניט געקענט אפ׳פטר׳ן: ווי אזוי מאכט מען אז די רעגירונג זאל זיי געבען דעם קאנטראקט?

נו, האט גאט צוגעשיקט א רוטענבערג׳ען, וועלכער האט ביי דער ענגלישער רעגירונג געהאט א נאמען אלס א פעהיגער אינ־זשיניער און איבערהויפט אלס א גרויסער בריה; און ער האט גע׳פועל׳ט, אז מען זאל דער ארבייטער־ארגאניזאציע פון פאלעס־טינע געבען דעם קאנטראקט אויף דעם שאסעי.

די ארבייטער־ארגאניזאציע האט אראפגעבראכט א פאר טעכניקער און געניטע שאסעי־ארבייטער פון דייטשלאנד, און די ישיבה־בחורים און די סטודענטען האבען זיך גענומען פאר דער מלאכה, ניט נאר יונגעלייט נאר מיידלעך אויך.

עלטערע אידען האבען געקוועטשט מיט די פלייצעס און געשמייכעלט. ווי קומען אידישע מיידלעך צו אזא ארבייט? — האבען זיי געפרעגט — זיצען אויף דער ערד און ברעכען שטיינער, דאס איז אן עסק פאר אראבישע פויערטעס; ניט פאר באלעבאטישע אידישע טעכטער, וואס זיינען צוגעוואוינט נאר צום ביכעל.

אבער די באלעבאטישע אידישע מיידלעך, וואס זיינען צוגע־וואוינט צום ביכעל, האבען זיך געזעצט אויף דער ערד און גע־בראכען שטיינער ניט ערגער ווי די אראבישע פויערטעס; און אויף דיזער ארט האבען זיי און די בחורים געארבייט טאג איין, טאג אויס, און זיי האבען טאקע געמאכט אן אויסגעצייכענטען וועג.

איצט זיינען מיר געפאהרען איבער דעם שאסעי, וועלכען זיי האבען אויפגעבויט. קיין גרויסער מבין אויף שאסעיען בין איך ניט, אבער דער אטאמאביל איז איבער איהם געגאנגען ווי איבער פינפטע עווענין אין ניו יארק.

אונזער דאָוויד האָט די מאַשין אַזוי אָוועקגעלאָזען, אַז הארצפעלד האָט זיך ווידער צוזונגען און ווידער גענומען פּאַטשען מיט די הענט אויפ'ן חסידישען שטייגער.

אָט פון דעם, וואס די ארבייטער אָרגאַניזאַציע האָט געבויט, האָט זיך דאָס ענטוויקעלט דער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכען זי רופט „סולל בונה". זיי האָבען אָנגענומען ווייטערע קאָנטראַקטען אויף צו בויען וועגען, און שפּעטער האָבען זיי זייער טעטיגקייט נאָך מעהר פארברייטערט און גענומען בויען הייזער אויך. („סולל" הייסט: וועג־מאַכער, און „בונה" — בויער.)

מיר זיינען אָנגעקומען אין נצרת, די שטעדטעל, וואו יעזוס זאָל האָבען געאַרבייט ביי אַ סטאָליער. זי שטעהט אויף אַ בארג. אין אַלגעמיין זעהט זי אויס ווי אַ גרויסער אראבישער דאָרף, אָדער ווי צוויי־דריי דערפער אין איינעם. אייניגע פון איהרע געביידעס אָבער זיינען גרויס און האָבען אַ פיינעם מאָדערנעם אויסזעהן. דאָס זיינען די מיסיאָנערסקע אנשטאַלטען, וואָס קריסטען האַלטען דאָ אויף.

עס וואוינען דאָרטען קריסטליכע מיסיאָנערען; עס וואוינען אָבער דאָרטען עטליכע אידישע פאַמיליעס אויך. פאַר די קריסטען איז דאָס אַ הייליגע שטאָדט.

* * *

דערנאָך האָבען מיר זיך אפּגעשטעלט אין אַ קליינעם דערפעל, דורכאויס פון אראבער. אראבישע מיידלעך האָבען אונז צוגעטראָגען וואסער, מילגרוימען און קליינע ליימענע צאַצקעס. קיין גרויסע קונסט־ארבייט האָט אין די צאַצקעס ניט געשטעקט, מיר האָבען זיי אָבער געגעבען צו לייזען.

די מילגרוימען האָבען מיך פאַראינטערעסירט, ווייל מיין באַקאַנטשאַפט מיט זיי שטאַמט פון חדר (אינגעלוויז האָב איך געמיינט, אַז מעהר ווי אין חומש געפינען זיי זיך ניט). דאָך, עסען זיי בין איך ניט געוועזען קיין בעלן.

עס האָט זיך באַוויזען אַן אראבישער אינגעל מיט אַ פייפעל. ער האָט געשפּילט אַ ניגון, וועלכער האָט מיר געקלונגען זעהר אידישלעך. ער איז צוגעקומען צום אָטאָמאָביל. מיר האָבען איהם

געגעבען „באקשיש", און ער האט ווייטער געשפילט. מיינע באַגלייטער האבען מיר פארזיכערט, אז דאס איז דער זעלבער סארט פייפעל ווי דער וואס ווערט דערמאנט אין חומש.

איך נעם דעם אינסטרומענט אין האנט און פרואוו שפילען. עס קומט ארויס א געשריי ווי פון א געקוילעטער גאנז. די אראַבער צולאכען זיך. דער מוזיקאנטעל ווייזט מיר ווי צו האלטען זיין „קלארנעט"; און איך מאך א צווייטע פראבע. דיזען מאל מיט מער ערפאלג. דער אראבישער אינגעל נעהמט דאן די פייפעל און שפילט ווידער דעם פריהערדיגען ניגון. איך זינג מיט, אום זיך צו איבערצייגען, אז עס קלינגט טאקע אידיש. א פאר פון די אראבער זינגען מיט מיר, און שאקלען צו מיט די קעפ. איך האב ביי זיי אויסגעהאלטען דעם עקזאמען...

* * *

מיר זיינען צוגעקומען צו דעם ים „כנרת" — אן אזערע וואס האט די פארמע ווי א פידעל. אין דיזער אזערע פאלט אריין דער ירדן. פון א צווייטער זייט געהט ער ארויס און געהט ווייטער.

דער „כנרת" איז זעהר שעהן. א שטח פון צויבערליכע בלויע וואסער, מיט געלע בערג ארום. די בערג זיינען פעלזען, זיי זעהען אבער אויס ווי זאמד־קיילעכדיגע מאסען, געקנייטשטע און געקארבטע.

עטליכע אראבער, אינגלעך און עלטערע, שטעהען אין וואסער, מיט די הויזען, מיט אלעמען, און פאנגען פיש.

מען זאגט מיר, אז דער כנרת גיט די בעסטע פיש פאר חיפה, פאר תל אביב און פאר ירושלים. די וואסער איז אויסגעצייכענט צום טרינקען. צו דיזען פאקט ציהט מען מיין ספעציעלע אויפמערקזאמקייט אלס א געגענזאץ צו דער וואסער פון ים המלח, אין וועלכען דער ירדן פאלט אריין עטליכע מייל ווייטער. די וואסער פונ'ם ים המלח איז זעהר געזאלצען און שווער. קיין פיש לעבען דארט ניט, און טרינקען איהר איז אונמעגליך. (דערפאר גלויבט מען אבער, אז זי ענטהאלט אין זיך געוויסע מינעראלען, וועלכע קענען זיין וויכטיג פאר אינדוסטריע).

* * *

א ביסעל ווייטער ביי דעם כנרת שטעהט די גמרא־שטאדט טבריה. די גמרא דערצעהלט וועגן איהרע הייסע וואסער־קוואלען און וועגן זייער מעדיצינישען ווערט. דער קעניג הורדוס וועל־כער האט געהאט מיאוס'ע קראנקהייטען, האט זיך אין די הייסע טבריה־וואסער געבאדען.

מיר האבען זיך, אלזא, אפגעשטעלט אין טבריה, און מיר האבען באקוקט די קוואלען. איך האב אריינגעשטעקט די האנט, אויסצופרואווען אויב די וואסער איז הייס. איך האב אבער גלייך געמוזט צוכאפען די האנט. די וואסער ברענט ניט ווי קאכעדיגע וואסער. אפבריהען קען זי ניט, אבער האלטען אין איהר די פינגער האב איך ניט געקענט איין סעקונדע.

מיר זיינען אריינגעגאנגען אינוויינינג. עס איז פאראן א גרויסע באד און א קלענערע. עס איז דארטען שרעקליך הייס און דושנע. די גרויסע באד האט דעם אויסזעהן פון א ריזיגען קייי־לעכדיגען ברונעם. אהין לאזט מען אריין די הייסע וואסער, וועלכע קומט ארויס פון א בארג. ביי צעהן אדער פופצעהן מענשען זיי־נען געלעגען נאקעט ארום דעם ברונעם, רוהענדיג נאך דער באד. די לופט איז דא געווען שרעקליך.

מיר זיינען דערנאך דורכגעגאנגען די קלענערע בעדער, וואו יעדער קען האבען א צימערל פאר זיך.

מ'גלויבט, אז צוליב דער טבריה־וואסער וואלט מען דא געקענט מאכען א גרויסען און זעהר וויכטיגען אנשטאלט. און דאס וועט ווירקליך געשעהן, האפט מען. אויף טבריה קוקט מען ווי אויף איינעם פון די פארשידענע קוואלען פון עקאנאמישער אנטוויק־לונג אין פאלעסטינע. מען זאגט, אז מיט קאפיטאל און מיט געהעריגע טעכנישע מיטלען קען טבריה ווערען דער בעסטער פלאץ אין דער וועלט אויף צו קורירען רומאטיזם און א גאנצע רייהע אנדערע קראנקהייטען. פיליכט איז דאס איבערטריבען, אבער אינגאנצען אהן א פונדאמענט איז די באהויפטונג געווים ניט.

אין טבריה ליגט דער רמב"ם, און מיר האבען באזוכט זיין קבר. ער איז ארומגעצאמט מיט אן אלטען מויער. דורך א טויער זיינען מיר אריינגעגאנגען אין א הויף, וועלכער געהט ניט גלייך.

ערטערהווייז דאַרפט איהר קלעטערען, און אין גאנצען ווייזט ער אוים ווי א פארלאָזענער פלאַץ. דער קבר גופא זעהט פון דרויסען אוים ווי אן אויסגעקאלכטער אויוועז. די מויל פון דעם אויוועז — א פיר־קאנטיגע, א שווארצע — איז אָהן א טירעל. דער קבר גופא געפינט זיך אינווענינ און אונטער דר'ערד.

איך בין דאָ ניט ווילענדיג געבליבען שטעהן א געוויסע צייט. געשטאַנען און געקוקט אין דער פינסטערער מויל אדיין אזוי ווי איך וואָלט ערווארטעט צו דערזעהן דעם גרויסען אידישען מאַן, וועלכען מען רופט מיט די ראָשי תיבות רמב"ם. געקלערט וועגען די זיבען יאָהרהונדערטע וואָס טיילען איהם אָפּ פון אונזער צייט. געטראַכט וועגען שפאַניען, וועגען דער אינקוויזיציע, וועגען די אידישע צרות.

אין א שלומער פון עהרפורכט בין איך געשטאַנען. אָבער מיינע געדאנקען וועגען דעם רמב"ם מיט זיין דור זיינען די גאַנצע צייט געווען געשטערט: איך האָב זיך ניט געקענט באפרייען פון דעם באַוואוסטזיין, אז די הייסע וואַסער דאָרטען אין דרויסען איז פארבונדען מיט דורות, וועלכע זיינען א סך עלטער. דער רמב"ם האָט געלעבט מיט זיבען־אכט הונדערט יאָהר צוריק, און הורדוס האָט זיך געבאָדען אין די הייסע וואַסער פון טבריה מיט צוויי טויזענט יאָהר צוריק.

ניט ווייט פון רמב"ם'ס קבר געפינט זיך דער קבר פון רבי מאיר בעל הנס, וואָס „זיינע" פושקעס זיינען געווען צוגעשלאָגען ביים טיר פון אונזער וואוינונג, אזוי לאַנג ווי איך קען געדענקען.

דיזען קבר אָבער האָבען מיר נאָר געזעהן פון ווייטען.
מיר האָבען פארטגעזעצט אונזער רייזע.

מיר זיינען איצט צוגעפאָהרען צו דעם פלאַץ וואו דער ירדן קומט אַרויס פון דעם כנרת. מיר האָבען פאר זיך געהאט א היבשען שטח פון גרין־בלויע וואַסער. א טייל פון דעם איז דער ירדן. אָבער דייטליך זעהן וואו ער איז, דער ירדן, איז מיר פון אָנפאַנג געווען שווער. א שמאָלע שטיק וואַסער דאָ, א שמאָלע שטיק וואַסער דאָרטען; דאכט זיך דאָס זיינען גאַנץ באַזונדערע טייכלעך אָדער סאַזשעלקעס. אָבער ווען מען קוקט

זיך גוט צו, זעהט מען אז דאָס איז איין טייך. דאָך, קיין קלאָרען באגריף וועגען ירדן האָב איך דאָ ניט באקומען.

„דגניה". — די עלטסטע קאָמונע אין פּאַלעסטינע. — צייטען, ווען אָהן אַ ביקס האָט מען ניט געטאָרט געהן. — די „פּרויען פראַגע."

גלייך דערביי געפינט זיך די קאָמונע „דגניה (פון דעם וואָרט „דגן" — קאָרן) — די עלטסטע קאָמונע אין פּאַלעסטינע. פופצעהן יאָהר עקזיסטירט זי שוין.

עס איז געווען ארום איינס אוהר. עס איז געווען שבת, און די קאָלאָניסטען האָבען ניט געאַרבייט. וואָרים ווי דער לעזער ווייסט שוין, ווערט דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך אָפּגעהיט אפילו פון די ראדיקאַלסטע קאָמונע־ציוניסטען. דער ראַדיקאַליזם שטערט דעם נאַציאָנאַליזם ניט אויף אַ האָר. עס קען נאָר זיין, אז ער מאַכט איהם נאָך שאַרפער.

ווען אונזער אָטאָמאָביל איז אַריינגעפאָהרען, זיינען געשטאַנען ביי אַ צעהנדליג פון די מיטגלידער אויפ'ן פאָדערשטען הויף. זיי זיינען געווען אויסגעפּוצט שבת'דיג, דאָס הייסט, אין קלאָרווייסע בלוזקעס אָדער העמדער. עטליכע פון די פרויען זיינען געגאַנגען באָרוועס. זיי זיינען געווען איינפאַך געקליידעט, אויפ'ן מאָדערן־דאָרפישען שטייגער, ציכטיג און פריש.

איינע פון די באָרוועסע פרויען האָט געהאַט קורץ געשוירענע האָר, און פון וויטען האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ איינגעל. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אז זי איז איינע פון די עלטסטע אין דער קאָלאָניע.

עס זיינען צוגעקומען נאָך מיטגלידער. הארצפעלד האָט אונז פאָרגעשטעלט. מיר האָבען זיך באגריסט. און איידער מיר זיינען געגאַנגען עסען מיטאָג, האָבען מיר באַקוקט אַ טייל פון דער קאָלאָניע.

גלייך ווי מען קומט אריין אין דיזער קאָלאָניע, פיהלט זיך אז זי איז אן עלטערע ווי די אַנדערע קאָמונעס. די געביידעס זיינען בעסערע און גרעסערע; בוימער זיינען פאַראַן אַ סך

מעהר, און זיי זיינען אויך גרעסער און עלטער ווי די בוימער אין אנדערע קאמונעס.

אויך זעהען די מיטגלידער דורכשניטליך אויס עלטער ווי די מיטגלידער פון אנדערע קאמונעס. ווארים אויב די צאהל פון די גאר ערשטע מיטגלידער וואס זיינען געבליבען אין „דגניה" איז ניט מעהר ווי זיבען, זיינען אבער דארטען פאראן א היבשע צאהל מענער און פרויען וואס געפינען זיך אין דיזער קאלאניע א יאהר צעהן אדער צוועלף.

דער אלגעמיינער איינדרוק וואס די מיטגלידער מאכען, איז אייגענטליך דער זעלבער, וואס איך האב באקומען אין „עין חרוד", אין „גבע", אין „כפר יחזקאל" און אין „נהלל". מייסטע פון זיי זעהען אויס ווי מענשען, וואס האבען געלערענט גמרא און געלעזען „היינטיגע ביכלעך", און וועלכע האבען דערנאך פארבראכט יאהרען אין שווערער ארבייט אונטער'ן פרייען הימעל.

איך באדויער זעהר וואס איך האב ניט פארצייכענט דעם נאמען פון דעם גענאסע, וואס האט אונז געפיהרט דורך די פאר־שידענע טיילען פון דער קאלאניע. ער איז איינער פון איהרע פיהרער.

לאמיר צוערשט מיטטיילען עטליכע פאקטען וועגען דער געשיכטע פון דער קאמונע און איהר איצטיגען צושטאנד.

די קאמונע „דגניה" איז געגרינדעט געווארען פון א גרופע פון צוועלף ציוניסטען — ניין מענער און דריי פרויען — וועלכע האבען פריהער געארבייט אויף פארמס, מיט דעם צוועק צו גרינדען א קאמוניסטישע קאלאניע. מייסטע פון זיי זיינען געווען אינטעליגענטע מענשען.

זיבען פון די צוועלף זיינען נאך אין דער קאמונע עד־היום. פון די אנדערע פינף זיינען צוויי אריבערגעגאנגען צום אינדיווי־דואליזם, און זיי האבען געגרינדעט די קאלאניע „נהלל"; צוויי זיינען אומגעקומען (איינער איז דערטרונקען געווארען אין ים כנרת, און איינער איז ערמארדעט געווארען פון אן אראבער; דער ציוניסט האט דאן געריטען אויף א פערד, און דער צוועק פון דעם מארד איז געווען איינפאך צוצונעהמען דעם פערד).

דער פינפטער וואס איז אוועק פון „דגניה", האט פארלאזען די קאמונע צוליב זיין פרוי, וועלכע האט געוואלט וואוינען אין שטאדט. זיי געפינען זיך איצט אין תל־אביב.

עס זיינען צוגעקומען אנדערע מיטגלידער; עס זיינען ווידער אוועק אייניגע און עס זיינען ווידער געקומען נייע. איצט באַשטעהט די קאלאניע פון פינף און פופציג מיטגלידער — צוויי און דרייסיג מענער און דריי און צוואנציג פרויען. די צאהל פון קינדער אין דער קאלאניע איז פיר און צוואנציג.

די קאלאניע האט איצט פופצעהן הונדערט דונאם ערד (פיר הונדערט און פופציג אקער). זי פארמאגט זעכציג קיה און דורכשניטליך ביי א צוועלף הונדערט הינער (ווען מיר זיינען דארטען געווען, איז גראד די צאהל הינער געווען נאר פינף הונדערט; דערפאר זיינען אבער פאראן מאנאטען, ווען זיי האבען מעהר ווי צוועלף הונדערט).

דער הויפט קוואל פון וואנען די קאלאניע ציהט איהר איינקונפט, איז: מילך, קארטאפעל, מערען, אליווס, באנאנעס, א ביסעל ווייץ, גריץ, ליגזען, ארבעס, באב. פון דיזע פראדוקטען האבען זיי מעהר ווי גענוג פאר זייער אייגענעם געברויך; דאס איבעריגע שיקען זיי אוועק אין די קאאפעראטיווע קראמען פון דעם „הסתדרות", אויף צו פארקויפען.

— נאטירליך, דער קרן היסוד האט אונז א סך אויסגעהאלפען — האט א פיהרער פון „דגניה" ווייטער געזאגט, — מיר צאלען אבער דעם חוב בישלעכוויז אפ. דערווייל קענען מיר נאר צאהלען פינף הונדערט פונט א יאהר, ווארים מיר מוזען נאך האבען געלד פאר וויכטיגע געביידעס, וואס מיר דארפען צו אונזער ווירטשאפט.

— ווען מיר האבען זיך דא באזעצט, — האט איינער פון די מיטגלידער געזאגט, — איז די שטיק לאנד געווען א וויסטעניש. אהער פלעגען קומען פארשידענע שבטים בעדואינער, און מיר האבען פון זיי געהאט א סך צרות. אהן א ביקס אין האנד פלעגט מען ניט קענען געהן עטליכע טריט פון דער קאלאניע. די קאלאניע האט אימער געמוזט באוואכט ווערען פון באוואפענטע רייטער. אפילו אקערען האט מען ניט געקענט ארויס־

געהן אהן א ביקס. איצט אבער איז א סך בעסער. ווארים די ענגלישע רעגירונג האט ביי די בעדואינער צוגענומען זייער גע־וועהר. און זיי, די בעדואינער, זיינען געוועזן אונזער הויפט גע־פאהר. די פעלאכען (אראבישע פויערים, וואס האבען א שטענ־דיגע היים) זיינען פיל פריינדליכער. אונזערע שכנים פיהרען זיך אויף גוט.

* * *

מיטאג האבען מיר געגעסען אין דעם גרויסען עס־צימער פון דער קאלאניע. די מיטגלידער האבען שוין געהאט אפגע־געסען, אבער זיי האבען זיך אלע פארזאמעלט. און עסענדיג, האבען מיר פארטגעזעצט אונזער געשפרעך מיט זיי.

אויף איינער פון די ווענט הענגט א פאטאגראפיע פון „דגניה'ס" מארטירער — דער מיטגליד וועלכער איז ערמאר־דעט געווארען פון אן אראבער. אויף אנדערע ווענט הענגען נאך א פאר בילדער פון פערזענליכקייטען, וועלכע ציוניסטען האל־טען טייער.

מיר האבען גערעדט וועגען פארשידענע זאכען, וואס זיי־נען שייך צו „דגניה" און צו פאלעסטינישע קאמונעס בכלל. איך האב געפרעגט וועגען אומשטענדען וועלכע קענען שטע־רען דעם לעבען אין א קאמונע ווי „דגניה" אדער ווי „עין חרוד". — וועגען פערזענליכע צוזאמענשטויסען, וואס שטאמען ארויס פון פארשידענהייטען אין מיינונגען, אין געשמאק, אדער פשוט פון א געפיהל פון אומ'חן, און אזוי ווייטער. דער ענט־פער איז באשטאנען אין פאלגענדען:

— דורך טאקט און דורך א ווארימער איבערגעבענהייט צו דעם אידעאל, האבען מיר אימער געוואוסט ווי אזוי אזעל־כע שוועריגקייטען בייצוקומען. די וויכטיגסטע פראגע ביי אונז איז: ווי אזוי פערזענליכע פרייהייט זאל געהן האנט־אין־האנט מיט די נויטיגע קאמונע־דיסציפלין, און דאס איז ניט שווער דורכצופיהרען.

— בשעת מיר האבען געגרינדעט „דגניה", — האט איינער געזאגט, — האבען מיר געהאט אין זינען צו שאפען א קאלאניע, וואס זאל זיין אבסאלוט אנדערש ווי די אלטע קאלאניעס, ווי

„פתח־תקוה", צום ביישפיל, וואו יעדער פארמער איז פאר זיך, און ער בעארבייט די לאנד מיט אראבער, וועמען ער צאהלט גאנץ קליינע שכירות. מיר האבען אונזער אונטערנעמונג גע־גרינדעט אויף ריין־סאציאליסטישע פרינציפען, און מיר האבען ערפאלג. דער ערפאלג גיט אונז צו מוט ווייטער צו ארבייטען פאר אונזער אידעאל.

מיר האבען גערעדט וועגען דער ערציהונג פון קינדער אין דער קאמונע. מען האט געשמועסט וועגען א שול וואס דער „הסתדרות" געהט גרינדען פאר קינדער פון צעהן ביז פערצעהן, פאר אלע קאלאניעס פון דעם טאל „יזרעאל".

די מיטגלידער פון „דגניה", וועלכע האבען זיך באטיי־ליגט אין דעם געשפרעך האבען מיט ספעציעלער דייטליכקייט אויסגעדריקט זייער וואונש, אז די קינדער זאלען ערצויגען ווע־רען אלס פארמער און קאמונע־מענשען; אז זיי זאלען ניט אוועק געהן פון די קאמונעס, נאר בלייבען ארבייטען פאר זיי און פאר ארץ ישראל.

איך האב געשטעלט פראגען וועגען דעם פאמיליען־לעבען אין „דגניה". נאר קיין ספעציעל וויכטיגע מיטטיילונגען האב איך וועגען דעם ענין דא ניט באקומען. די ענטפערס הא־בען געהאט א צו־אפיציעלען כאראקטער. אין דער אינטי־מערער זייט פון דעם ענין האט מען דא ביים טיש זיך ניט גע־קענט ארייינלאזען.

מיר האבען געשמועסט וועגען דער ראלע פון דער פרוי אלס מוטער, און דאן האט זיך אין דעם געשפרעך באטייליגט די אוי־בענדערמאנטע פרוי, ביי וועמען די האר זיינען קורץ־געשוירען ווי ביי א אינגעל. איהר נאמען איז מרים ברץ (באראץ). איהר מאן איז איינער פון די אנגעזעהענסטע ארבייטער־פיהרער אין פא־לעסטינע.

מאדאם באראץ האט נאר פון צייט צו צייט ארייננגעווארפען א ווארט אין געשפרעך. זי איז געווען פארנומען מיט דער הויז־ארבייט. נאר שפעטער ווען מיר האבען שוין געהאלטען ביים זעגענען זיך, און זי איז געשטאנען ביים אטאמאביל, האט זי דעם געשפרעך וועגן דער פרויען־פראגע באנייט. אין א פאר טעג

ארום, ווען איך בין שוין געווען צוריק אין תל־אביב האב איך פון איהר באקומען א בריף. אין דעם בריף רעדט זי וועגען דער זעלבער פראגע.

אזוי ווי זי איז איינע פון די ערשטע מיטגלידער אין דער קאמונע, און איהר מיינונג רעפרעזענטירט די מיינונג פון דער גאנצער קאמונע, גלויב איך, אז עס איז כדאי איהם איבערצו־דרוקען.

אט איז ער, דער בריף:

„געעהרטער חבר אב. קאהאן!

„מיר קימערט זעהר, וואס איינע פון די וויכטיגסטע פראגען אין אונזער קבוצה (גרופע, קאמונע) זיינען מיר פארביייגעגאנגען אין אונזער געשפרעך כלאחר יד. איך מיין די פרויען פראגע, וועגען וועלכער איך האב אייך דערמאנט אין קורצען און ניט דייטליך, שטעהענדיג ביי דעם אטאמאביל.

„די פראגע איז: ווי אזוי די פרוי זאל פארנעמען א פלאץ אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען אלס פרוי, מענש, מוטער און חברה (חבר'טע). די פראבלעם איז ענטשטאנען ביי אונז מיט איהר גאנצער שארפקייט אין די עטליכע יאהרען, אבוואל מיר קלעהרען וועגען דעם פון דעם ערשטען טאג פון אונזער געגאסענשאפטליכען לעבען. דורכפיהרען אונזער אויפגאבע האבען מיר צוערשט ניט געקענט, ווייל מיר זיינען געווען זעהר קליין אין צאהל. אויך האבען אונז געשטערט אנדערע אור־זאכען.

„יעדער פון אונז האט וועגען דעם געטראכט פאר זיך. מיר האבען געווארט אויף א גינסטיגערע צייט, און די צייט איז ענדליך געקומען.

„די קבוצה לעזט ביסלעכווייז די פראגע, און זי וועט סוף־כל־סוף באקומען איהר פאלשטענדיגע לעזונג; ניט־רעכענענדיג זיך מיט דעם פלאץ וואס זי פארנעמט אין דער גרויסער וועלט, וועגן וועלכער איהר האט גערעדט בקיצור, זיצענדיג אין דעם אטאמאביל — אין דער וועלט וואו פרויען האנדלען מיט זיך, וואו יונגע פרויען הייראטען מיט אלטע מענער, און וואו די פרוי טוט פילע אנדערע זאכען, צו וועלכע זי איז געצוואונגען

דורכדעם וואס זי האט אין דעם לעבען ניט קיין זעלבסטשטענ־דיגען פלאץ, קיין זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ. אט דאס ווילען מיר אפשאפען דורך אונזער קאמונע־לעבען.

„מיר ווילען שאפען א פרוי, וועלכע זאל אין אלע צייטען, און אונטער אלע אומשטענדען, זיין ביי זיך גרויס און שטאלץ. זי זאל פיהלען, אז זי האט א יסוד אונטער איהרע פיס. זי זאל וויסען, אז זי איז א מענש מיט א ווילען. דאס אלץ קען אונז ברענגען די געמיינשאפטליכע ערציהונג פון די קינדער.

„אזא ערציהונג דערוויי‏טערט ניט די מוטער פון איהר קינד, נאר פארקעהרט — עס מאכט איהר נאך פאר א בעסערע מו־טער. די געמיינשאפטליכע ערציהונג באפרייט די פרוי פון דער ארבייט וואס זי טוט געוועהנליך אין שטוב. עס גיט איהר די מעגליכקייט צו זיין מיט אלעמען גלייך און זי זאל קענען טראכ־טען וועגען איהר לעבען און וועגען איהר ארבייט. טראכטען ווי אזוי איהר לעבען צו פארברייטערען. דאס אלץ קען זי טאן אין דער קאמונע און בלייבען רוהיג איבער דעם גורל פון איהר קינד.

„אין דער גרויסער קיך פון דער קאמונע, אין דער „היה־נער־צוכט”, אדער אין דער מילכינעריי פון דער קאמונע, איז די ארבייט פאר דער פרוי א סך אינטערעסאנטער, ווי אין א פריוואט־הויז, וואו זי האט צו טראכטען וועגען איהר אייגענעם קליינעם טעפעל. די גרויסע ווירטשאפט גיט איהר גרויסע פאר־אנטווארטליכקייטען. די פליכטען זיינען ברייטערע און זיי מא־כען אויך דעם געדאנק ברייטער. דורך דעם ווערט דער מענש אפגעוואוינט פון קליינינקייטען. דאס איז ספעציעל וויכטיג פאר דער פרוי, וועלכע האט אין א משך פון פילע דורות זיך באגרענעצט אויף קליינינקייטען און דורך דעם באקומען א פאלשע ערציהונג, אין וועלכער זי איז נאטירליך ניט שולדיג.

„ווען די פרוי וויל איצט ענדערען איהר ארט לעבען קומט דאס אוים אביסעל שווער. מיר פרויען, מיטגלידער פון א קא־מונע, מוזען געהן געגען דעם שטראם. מיר מוזען דינען אלס א ביישפיל פאר דער גרויסער וועלט אויך.

„פיליכט דענקען איינינע, אז מיר קוקען אוים לעבערליך.

איך געדענק ווי פון מיין שטעדטעל, מיט ניינצעהן־צוואנציג יאהר צוריק, ווען א מיידעל איז געפאהרען קיין ארץ ישראל, האבען די מענער איהר געמאכט צו שפאט. און ווען זי האט נאך געזאגט, אז זי וועט אין ארץ ישראל ארבייטען, און ארבייטען דוקא אין פעלד, האט מען זי אנגעקוקט ווי א משוגענע. דאס איז געווען מיט צוואנציג יאהר צוריק. היינט קומען אין ארץ ישראל אריין הונדערטער און פילייכט טויזענדער מיידלאך, און אלע נעמען זיך דוקא צו דער ארבייט; און קיין שפאס ערוועקט דאס שוין ניט. עס איז געווארען א פאקט, וועלכער איז פארשטענדליך און נאטירליך.

„פון דיזער נייער באוועגונג, וועלכע ברענגט די פרוי צו דער ארבייט, האט געמוזט ארויסשפראצען די אידעע פון געמיינשאפטליכע ערציהונג פאר די קינדער. און ווען איהר מיינט, אז די געמיינשאפטליכע ערציהונג רויבט ביי די עלטערען און ביי די קינדער די שעהנע פאמיליען געפיהלען, האט איהר א טעות. עס איז פונקט פארקעהרט: דאס וואס די מוטער איז א גאנצען טאג באפרייט פון קינד און פון די אלע זארגען וועגען דעם קינד, ברענגט דערצו דאס נאך דער ארבייט איז איהר באגעגעניש מיט דעם קינד דער שענסטער און בעסטער מאמענט.

„די פרוי אין דער קבוצה האט ניט די שטענדיגע אויפרעגונג פון דעם קינד, וועלכעס זאל איהר א גאנצען טאג שטערען ביי דער ארבייט, אזוי ווי דאס שטערט דער פרוי אין א פריוואטווירטשאפט. ווען זי קומט צו איהר קינד, נעמט זי איהם אויף רוהיג, מיט א גרויסען, אונגעשטערטען פארגעניגען. זי איז ניט נערוועז. די אויפרעגונג וואס זי האט אין משך פון דעם טאג, ווען עס ציהט איהר צום קינד, ווי דאס טרעפט איהר אפט ביי דער ארבייט, דאס געהט איבער. דערפאר איז דער מאמענט ווען די מוטער מיט'ן קינד קומען זיך ווידער צוזאמען נאך דער ארבייט, אן אמת'ער נחת פאר ביידע.

„דורך אונזער ארט לעבען ווילען מיר בטול מאכען די קאקעטוטסווא, וועלכע באהערשט די גאנצע וועלט בכלל און די פרויען־וועלט בפרט. מיר ווילען, אז די פרוי זאל פארשטעהן — פריהער פון אלץ זאל זי אליין פארשטעהן און דערנאך זאל

די גאנצע וועלט פארשטעהן, — אז זי, די פרוי, איז ניט באַשאפען געוואָרען צו דינען אלס משרת ביי דער מענשהייט, און אויך ניט אלס א קוקלע. מען מוז איינמאָל פאר אלע מאָל וויסען, אז די פרוי איז א מיטגליד פון דער געזעלשאפט צוגלייך מיט די מענער.

„דורות וועלען אוועקגעהן איידער דאָס וועט איינגעוואָרצעלט ווערען. אָבער סוף־כל־סוף וועלען מיר דאָס עררייכען.

„איך האָב געפונען פאר נויטיג אייך צוצושיקען די עטליכע ווערטער, כדי צוצוגעבען צו אייערע איינדרוקען איבער אונזער „דגניה" דאָס וואָס שפּילט אזא גרויסע ראָלע אין אונזער לעבען, און איז איינער פון די וויכטיגסטע פאקטאָרס אין דער ענטוויקלונג פון דעם געמיינשאפטליכען לעבען בכלל.

„איך פיהל, אז מיין שרייבען איז קורץ און ניט דייטליך, אָבער מען מוז געהן ארבייטען.

„מיט אכטונג און ארבייט־גרוס,

מרים, „דגניה".

איך ציה ספּעציעלע אויפמערקזאמקייט צו די ווערטער: „ארבייט־גרוס". דער וואָרט „ארבייט" האָט איצט אין פאלעסטינע א באדייטונג, וועלכע איז פאר דער אויסערליכער וועלט ניט לייכט אפצושאצען. דער וואָרט „ארבייט" רעפּרעזענטירט מיט זיך ניט נאָר דאָס וואָס מען מיינט מיט איהם געוועהנליך. דאָס איז די העכסטע אידעע, דאָס איז א אידעאל, דאָס איז א רעליגיע.

איך האָב שוין פריהער איבערגעגעבען אויף וועלכען שטייגער דער יאבלאָנער רבי געברויכט דיזען וואָרט. ארבייט — דאָס איז א הייליגטום. די באגייסטערונג פאר ארבייט, וואָס ער האָט געפונען אין פאלעסטינע, איז דער הויפּט קוואל פון דעם אינטערעס, וועלכער האָט איהם געמאכט גרינדען זיין קאָלאָניע.

מען דארף האָבען אין זינען דעם איבערגאנג פון דער אידישער ראָלע אלס הענדלער, אלס פארמיטלונגס־קלאַס, ווי דער יאבלאָנער רבי דריקט זיך אויס, צו דער ראָלע אלס ערד־ארבייטער

אין פאלעסטינע. מען דארף דאס האבען אין זינען, זאג איך, אום צו פארשטעהן די באזונדערע באדייטונג וואס דאס ווארט „ארבייט” האט דארטען איצט.

דער ירדן. — די קאמונע „גשר”. — אן אראבער לאדט אונז איין צו זיך. — אזוי ווי אין א חלום. — מיר נעכטיגען אין דער קאלאניע „תל־יוסף”. — א קאמונע פון 23 מיידלאך.

אונזער אטאמאביל איז געפאהרען ווייטער. די בערג זיינען געווארען קיילעכדיגער, יעדער בארג — בולט'ער. אייניגע פון זיי האבען אויסגעזעהן אזוי ווי מענשען וואלטען זיי אויפגעשטעלט — אזוי גלאט זיינען זיי, פונקט ווי ארומגעהובעלט. עטליכע האבען געמאכט דעם איינדרוק ווי ווענט, וואס געהען זעהר משופע'דיג. מען וואלט געקענט מיינען, אז דאס איז א פעסטונג, וואס איז ספעציעל אויסגעבויט אזוי. דערנאך זיינען די בערג ווידער געווארען גלייך.

אונטען פליסט דער ירדן. ער איז ניט זעהר ברייט; ער לאזט זיך אבער הערען; ער געהט מיט א קרעפטיגען שטראם.

ער איז געווען דונקעל־בלוי און ער האט געראשט מיט אזא מורמעל, אז מיר האט זיך כמעט געדוכט, אז איך פארשטעה וואס ער זאגט. עס גלויבט זיך קוים, אז דיזער לעבעדיגער טייך איז אזוי אלט.

אלע טייכען זיינען אלט. אבער די אנדערע ווערען ניט דערמאנט אין חומש, און דער ירדן ווערט יא דערמאנט, און גאנץ אפט אויך. איהר האט וועגען איהם געהערט אפשר נאך איידער איהר האט געזעהן א טייך. דעריבער, מסתמא, דוכט זיך דאס אייך, אז דער ירדן איז דער עלטסטער אין דער וועלט. דער געדאנק פליהט אייך דורך דורכ'ן מח, און איהר קוקט זיך גוט צו צו זיין בלויער וואסער.

מיר זיינען צוגעקומען צו א הויכען געמויערטען אייזענבאהן בריק איבער'ן ירדן. אונטען איז א וואסער־פאל. דער ירדן רוישט און רעש'ט, אז עס הערט זיך איבער'ן גאנצען געגענד.

מיר פאהרען ווייטער. מיר האבען זיך אפגעשטעלט ביי א

פלאץ, וואו אויף א בארג שטעהען חורבות. זיי ווייזען אוים ווי אלטע, פארלאזענע פעסטונגען, און מען ערקלעהרט מיר, אז דאס איז טאקע געווען א פעסטונג, א טערקישע. אן אלטע גע־ביידע, איבער אכט הונדערט יאהר אלט. (אבער וואס פאר א ווערט האבען ביי אייך אכט הונדערט יאהר, ווען איהר קוקט אויפ'ן ירדן!) מיר פאהרען ארויף, מיר געהען ארום פון אונ־זער אטאמאביל; מיר קלעטערען איבער בערגלעך, איבער שטיי־נער, איבער שטיקלעך מויערען.

א גרופע יונגעלייט קומט ארוים אונז מקבל פנים זיין.

דאס זיינען מיטגלידער פון א קליינער קאמונע מיט'ן נא־מען „גשר", וועלכע באשטעהט אין גאנצען פון אכט און צוואנ־ציג פערזאן, מענער און פרויען. ארום די חורבות פון דער אל־טער פעסטונג און אינווייניג אין איהר הויף ליגען פעלדער, וואס די קאלאניע וויל אפקויפען. איצט געהערט דאס טיילווייז צו דער רעגירונג, און טיילווייז צו אן עפענדי (אן אראבישער פריץ). די קאלאניע האט זיך דא באזעצט נאך איידער די ענגלישע רעגירונג האט איהר דעם פלאץ פארקויפט; נאך איי־דער עס איז ענטשידען געווארען דער סכסוך צווישען דער רע־גירונג און דעם עפענדי. זיי האפען אבער דאס לאנד צו באקו־מען. דערווייל וואוינען זיי אין באראקען און ארבייטען. גרויסע טיילען פון די חורבות וועלען זיי ארונטעררייסען. פון די שטיינער וועלען זיי זיך אויסבויען א זאל אויף צום עסען און אנדערע הייזער.

דער גאנצער פלאץ האט דעם אויסזעהן פון א פארגעסענער שטאדט, וועלכע איז געלעגען טויט פילע יאהרהונדערטע, און מען האט איהר פלוצלונג געפונען.

די מיטגלידער פון „גשר" זיינען מייסטענס גאנץ יונגע. איך האב געקוקט אויף זייערע מונטערע געזיכטער און אויף דיזע חורבות, וועלכע זיי האבען גענומען ארונטעררייסען. עס האט זיך כמעט ניט געגלויבט. באלעבאטישע יונגעלייט און מיידלאך — זייערע הענט זיינען נאך ניט פארגרעבט געווארען; די פנים'ער זיינען נאך ניט שטארק פארברוינט פון דער זון,

און קיין זאך איז זיי ניט שווער; קיין אונטערנעמונג שרעקט זיי ניט אפ.

מונטערע, פרעהליכע, האבען זיי ארומגעפאדעט ארום אונז. דער ירדן געהט גלייך אונטער דעם בארג, אויף וועלכען עס געפינען זיך די חורבות. זיי האבען מיר פארגעשלאגען ארויפצוגעהן מיט זיי אויף אן אלטען טורעם, פון וועלכען מען קען דעם טייך זעהן אם בעסטען. זיי האבען מיך געפיהרט איבער א שמאלען שטעג, וואס ציהט זיך איבער די חורבות, כמעט ביי דעם סאמע ברעג, וועלכער הענגט איבער דעם ירדן. איין טריט ניט קיין ריכטיגער — און איהר פאלט ארונטער. אבער זייער מונטערקייט און לעבעדיגקייט איז אין מיר אויך אריין. איך בין נעגאנגען און געלאפען איבער'ן שטעג און געקלעטערט איבער די בערגלעך שטיינער, אזוי ווי איך וואלט געווען אין זייערע יאהרען.

ווען מען קוקט אויבען פון דעם טורעם, איז דער ירדן ווירקליך זעהר אינטערעסאנט. איצט האב איך זיך געפיהלט אזוי ווי מיר זיינען שוין אלטע בעקאנטע, דער ירדן און איך.

* * *

די קאמונע „גשר" איז פארבונדען מיט דער קאמונע „עין חרוד". אלס א פארם-קאלאניע איז זי נאך ניי. הגם קאמוניסטיש לעבט די גרופע שוין איבער דריי יאהר. פריהער האבען זיי געוואוינט אין ירושלים, וואו זיי האבען געארבייט ביי בויען הייזער. ענדליך האבען זיי באשלאסען אריבערצוגעהן צו פארמעריי. מייסטע פון די מיטגלידער זיינען פון אוקראינע.

נאכדעם ווי מיר האבען דא פארבראכט א געוויסע צייט, האט מען אונז געזאגט, אז דער עפענדי לאדעט אונז איין צו זיך אין הויז.

עס איז שוין געווארען שפעט, און מיר האבען זיך געאיילט צו פאהרען ווייטער. אבער ניט אננעמען די גאסטפריינדליכקייט פון אן אראבער, הייסט, איהם שטארק באליידיגען. זיינען מיר אריינגעגאנגען.

ער האט אונז עמפפאנגען אין א גרויסען צימער. דער פלאר איז געווען באדעקט מיט טעפיכער, און ביי א וואנט איז געלעגען

א גאנצער בארג מיט קלענערע טעפיכער און פאטשיילעס. קיין אנדער מעבעל איז אין דעם צימער ניט געווען. קיין טישען, קיינע שטוהלען, קיינע בענקלעך, אויסער איין קליינינקען טישעלע, אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען די רויכער־געצייג פון דעם באלע־באס.

ער האט אויף דער ערד אוועקגעלייגט קישעלעך, און מיר האבען זיך אויף זיי געזעצט.

ער אליין האט זיך געזעצט לעבען טיר און גענומען רויכערען א „נארגילע”. דאן האט זיך אנגעפאנגען די געוועהנליכע אראבישע צערעמאניע: ער האט געזאגט וואס פאר א תענוג ער האט פון אונזער באזוך, און מיר האבען איהם דורך אן איבערזעצער איבערגעגעבען אן עהנליכען קאמפלימענט.

עס איז אריינגעקומען זיין פרוי, א שלאנקע אראבערקע, מיט א טאטואירטען פנים, און עפעס נאך א פרוי, א אינגערע.

מיט א זעהר פריינדליכער מינע האט ער אונז פארגעלייגט קאפע. איך האב אבער געהייסען איהם איבערגעבען, אז איך בעדויער זעהר, וואס איך מוז זיך ענטזאגען. ווארים עס איז שפעט און מיר מוזען פאהרען.

מיר האבען זיך געזעגענט אזוי פריינדליך, ווי מיר האבען זיך באגריסט. און, באגלייט פון דער גאנצער קאלאניע „גשר”, זיינען מיר געפאהרען ווייטער.

דער נעקסטער פונקט אויף אונזער פראגראם איז געווען „תל יוסף” — די צווייטע גרעסטע קאמונע אין פאלעסטינע.

עס איז געווארען פינסטער. סטאדעס זיינען געגאנגען פון פעלד אין די דערפער אריין. אין איין דארף האט א מאסע שעפסען און קיה אונז פארצאמט דעם וועג.

עס איז געווען א לעבעדיגע וועלט אין דארף. פון ביידע זייטען קרעמלאך, און אין מיטען א מהומה פון קיה און שעפסען.

אן אראבער דארף זעהט בייטאג אויך אויס גענוג זאנדערבאר. ביינאכט אבער, האט די סצענע מיר אויסגעקוקט ווי א בילד אויף דער לבנה ערגעץ־וואו. די פייערלאך האבען ניט

אויסגעזעהן ווי פייערלעך; די מענשליכע פיגורען — ניט ווי מענשליכע פיגורען.

איך פרעג, ווי דער דארף הייסט, און מען זאגט מיר, אז זיין נאמען איז „בית שאן", און אז אויף דער מויער ארום דיזער שטעדטעל האבען די פלשתים אויפגעהאנגען דעם קערפער פון דעם אידישען קעניג שאול, וועלכער איז גע'הרג'עט געווארען ביים בארג גלבוע, אט דארטען, וואו עס געפינט זיך איצט די קאמונע „עין חרוד".

אט דא האבען געוואוינט פלשתים? און דא האבען זיי אויפגעהאנגען דעם טויטען קערפער פון שאול'ען? דאס פאסט זיך טאקע. עס שטימט מיט מיין באגריף, אז די פייערלאך זיינען קיין פייערלאך ניט, און די מענשליכע פיגורען — זיינען ניט קיין מענשליכע פיגורען...

אויף דיזער רייזע מיינער דורך פאלעסטינע, איז צייטענווייז אויף מיר אנגעפאלען אזא שטימונג, אז איך האב געצווייפעלט אין דער ווירקליכקייט פון מיין אייגענעם איך. מיר האט זיך געדוכט, אז איך שוועב ערגעץ־וואו אין א חלום־וועלט.

עס האט געדויערט א היבשע צייט איידער מיר האבען זיך אויסגעפלאנטערט פון די סטאדעס, און דער וועג איז געווארען פריי אויף צו פאהרען ווייטער. און דאן האט זיך ארויסגעצייגט, אז דאוויד, אונזער שאופער, האט פארגעסען אין וועלכער זייט „תל יוסף" געפינט זיך. די דארטיגע אראבער זיינען אבער געוועזן פריינדליך צו אונז און זייערער א אינגעל האט זיך אנגעבאטען צו ווייזען אונז דעם וועג. ער האט זיך צוגעטשעפעט צום אטאמאביל, שטעהענדיג אויף די זייטיגע ברעט און אנהאלטענדיג זיך מיט די הענט ביי דעם הענטעל פון טיר. אזוי איז ער מיט אונז מיטגעפאהרען, קאמאנדעיוענדיג איבער דעם אויטאמאביל, ווי א „פאילאט", וואס פיהרט א שיף אין האפען אריין.

מיר זיינען אפגעפאהרען א מייל, צוויי מייל, דריי מייל, און דער אראבישער אינגעל האט זיך אלץ אנגעהאלטען אן דעם אטאמאביל. צוריק האט ער געזאלט געהן צופוס, און דער וועג וואלט איהם געדויערט פיליכט א שטונדע. אבער דאס האט איהם ניט געקימערט. ערשטענס, האט ער ערווארט א

פיאַסטער (פיר סענט), און צוויטענס, האָט ער אַזאַ הנאה גע־האַט פון זיין ראָלע, אַז צוליעב איהר וואָלט ער אפילו צעהן מייל אויך געגאַנגען צופוס.

ענדליך זיינען מיר צוגעקומען צו אַ פונקט, וואו אונזער שאופער האָט זיך אין דעם וועג־ווייזער שוין מעהר ניט גע־נויטיגט. וויטער האָט ער שוין אַליין געוואוסט דעם געגענד. ער האָט דעם אַראַבישען אינגעל געגעבען אַ פיאַסטער, און יענער האָט גענומען שפּאַנען צוריק אַהיים, אין דער שטעדטעל, וואו די פלשתים האָבען אויפגעהאַנגען שאול׳ס טויטען קערפּער.

עס איז געווען פינסטער, נאָר ערטערווייז איז דער שוואַר־צער תהום געווען שיטער אויסגעפּינטעלט מיט פייערלאַך.

* * *

מיר זיינען אָנגעקומען אין „תל־יוסף" אין דער זעלבער שטונדע, וואס מיר זיינען, מיט צוויי טעג פריהער, געקומען אין „עין חרוד". דאָ האָבען מיר איבערגענעכטיגט, און אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען מיר אויך פאַרבראַכט אַ היבשע צייט.

אין דעם עס־זאַל זיינען דאָ אויך געהאַלטען געוואָרען רעדעס. אין אַלגעמיין האָט דער אָוונד געהאַט דעמזעלבען כאַראַקטער ווי יענער.

די מיטגלידער זיינען דאָ אביסעל אינגער, ווי אין „עין חרוד". זיי זיינען דורכשניטליך פון פינף־און־צוואַנציג ביז אַכט־און־צוואַנציג יאָהר אַלט. צווישען זיי געפינט זיך אויך אַ געוויסע צאָהל יונגע לייט, וואָס ריידען דייטש — אימיגראַנ־טען פון דייטשלאַנד, אָדער פון טשעכאָ־סלאָוואַקיען. (ניט וויט פון „עין חרוד", אגב, געפינט זיך אַ קאָמונע, וועלכע באַשטעהט אינגאַנצען פון דייטשע אידען — פּופּצעהן אין צאָהל, און אין „עין חרוד" גופא געפינען זיך אויך פופצעהן דייטשע יונגעלייט).

דער פאָרזיצער, ווען די רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָ־רען אין „תל־יוסף", איז געווען אַ יונגערמאַן פון גאַליציען.

אין דער קאָלאָניע האָב איך געטראָפען די אמעריקאַנער מיי־דעל חנה האָפמאַן, פון נוארק, ניו דזשוירזי, וועגען וועלכער איך האָב שוין גערעדט פריהער.

א חוץ די רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטען געוואָרען אויפ'ן מי־טינג, האָט אונזער קאַציזנא פאַרגעלעזען זיינעם א געדיכט. ער האָט אזוי אויסגענומען, אז דער עולם האָט איהם געצוואונגען ווייטער פאַרצולעזען.

ער האָט דעקלאַמירט הומאָריסטישע זאַכען, און זיינע צו־הערער האָבען זיך געקייקעלט לאַכענדיג, און ניט אויפגעהערט צו אפּלאָדירען.

— מיר האָבען ניט אָפט אזא אונטערהאַלטונג, — האָט צו מיר שפּעטער געזאָגט א גרופּע מיטגלידער, ריידענדיג וועגען קאַציזנאָ'ס פאַרלעזונגען.

— איהר מוזט דאָך אָבער האָבען עפּעס א שטיקעל צייט־פאַרטרייב, — האָב איך באַמערקט.

— מיר טאַנצען, — האָבען זיי געענטפערט, — ווייטער איז דער בעסטער צייט־פאַרטרייב דאָס לעזען, אדער די מיטינגען, וואָס מיר האַלטען אָפּ, ארומצורײדען אונזערע אייגענע אנגעלע־גענהייטען אדער אלגעמיינע פראַגען.

נאָך דעם מאָלצייט און נאָך דעם מיטינג זיינען מיר זיך דורכ־געגאַנגען איבער'ן פאַרם, שפּאַצירענדיג צווישען די באַראַקען, אין וועלכע די קאָמונע וואוינט פאַרלויפיג. דורך דער פינסטער־ניש האָט זיך געזעהן דער באַרג, וועלכער שטעהט דערביי. ער האָט אויסגעזעהן ווי א ווייטער וואָלקען, נאָר אויבען האָבען גע־פינקעלט פייערלאַך.

— דאָרט געפינען זיך אונזערע חבר'טעס, — האָט מען מיר ערקלערט. אונזערע קינדער ווערען דאָרט ערצויגען. די לאַנד געהערט צו אונז און אין גיכען האָפען מיר איינגאַנצען זיך אריבערצוקלייבען אהין. עס איז בעסער, אז מיר זאָלען זיין אויבען און די אראַבער זאָלען זיין אונטען.

דאָס איז, נאַטירלאַך, געווען אַן אַנצוהערעניש אויף דער געפאהר פון אַן אָנגריף, פון א פּאָגראָם. די אידישע קאָלאָ־ניסטען האַלטען זיך שטענדיג געגרייט דערצו, הגם זייערע טאָג־טעגליכע באַציהונגען מיט די אראַבישע שכנים זיינען גוטע.

אגב איז די לאַנד אויבען בעסער.

מען האָט אונז צוגעגרייט א באַזונדערען צימער אויף נאַכט־

לענער. איך האָב זיך אָבער נאָך ניט געאײַלט צו געהן שלאָ־פען. איך האָב ארומגעשפּאַצירט איבער'ן פאָרם, טײלװײז אליין, טײלװײז מיט געזעלשאַפט. איך האָב געהערט געשפּרעכען. אין אײן פּלאַץ האָט מען געשמועסט אויף רוסיש, אין א צװײטען אויף אידיש, אין אַ דריטען — װידער אויף רוסיש. און שפּע־טער, דורך דעם אָפענעם פענסטער פון אונזער צימער, האָב איך געהערט אַ שמועס, װעלכער איז געװען אַ געמיש פון העברע־איש מיט רוסיש.

דאָס אַלץ איז פאַר מיר געװען אַן איבערראַשונג. װאָרים דער אַלגעמײנער אײנדרוק איז, אַז קײן אַנדער שפּראַך, װי העב־רעאיש, רעדט מען אין די קאָלאָניעס ניט. און אין „עין חרוד" האָב איך װירקליך קײן אַנדער שפּראַך װי העברעאיש ניט גע־הערט. װען עטליכע יונגע פרויען זײנען געשטאַנען און גע־שמועסט, אַפילו װען קײנער איז ניט געשטאַנען נאָהענט צו זײ, איז זײער געשפּרעך געװען דורכאויס אויף העברעאיש. דאָ אָבער האָט מען גערעדט רוסיש און אידיש.

איך האָב װעגען דעם געפרעגט אויף מאָרגען אין דער פריה און איך האָב באַקומען פאַרשידענע ענטפערס. קײ־נער האָט אָבער ניט געלײקענט, אַז דאָ איז מען פרײער אין דיזער באַציהונג, און אַז פילע פון די נײע מיטגלידער קענען נאָך איבערהויפּט װײניג העברעאיש.

* * *

איך האָב געװאָלט זעהן, װי אַזוי די קאָמונע שטעהט אויף צו דער ארבײט, און צוליב דעם בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה.

עס איז װירקליך געװען אינטערעסאַנט.

זון־אויפגאַנג איז דאַן געװען, אונגעפעהר אַ פערטעל נאָך פינף. מען האָט גענומען קלינגען (ניט מיט אַ גלאָק, נאָר מיט אַ „גאָנג" — װאַרשײנליך אַ קופּערנע טאַץ מיט אַ שטעקען).

דער קלונג איז זיך צוגאַנגען אין לאַנגזאַמע כװאַליעס דורך דער גרויער ליכט, װעלכע האָט זיך פאַרשפּרײט איבער די באַ־ראַקען, איבער די גערטנער און פעלדער.

די בערג האָבען יעדע מינוט געביטען זײער אויסזעהן.

עס האבען זיך גענומען באווייזען מענשליכע פיגורען — בחורים, מיידלעך, מייסטענס בארוויסע.

ארויסקומענדיג פון די באראקען, האבען די מיידלאך גע־האלטען אין ארומבינדען ווייסע האנטיכער ארום זייערע קעפ — די באשיצונג געגען דער זון.

גינג־ג, גאנג־ג־ג־ג!

גינג־ג, גאנג־ג־ג־ג!

עטליכע מאל האט אזוי געקלונגען. עס זיינען ארויסגעקו־מען מעהר פרויען, מעהר מענער. אייניגע פון די יונגעלייט הא־בען אויך פארבונדען זייערע קעפ מיט ווייסע האנטיכער.

קיה און עופות זיינען ארויסגעקומען פון די שטאלען. איי־ניגע פון די מיטגלידער האבען ארומגעפאדעט ארום זיי.

גענז זיינען געלאפען איינע נאך די אנדערע. די קיה האבען געצויגען זייערע טיפע הילכענדע טענער. פון ווייטען האבען זיך געהערט קראהעס. א פערד־און־וואגען איז דורכגעגאנגען מיט א שווערען גערויש.

די זון איז יעדע סעקונדע געווארען ליכטיגער און ווארי־מער און אין צעהן מינוט ארום האט זי שוין געפלאקערט.

כמעט יעדע פון די פרויען האט, געהענדיג צו דער ארבייט, געטראגען אונטער׳ן ארעם א צוזאמענגעלייגט ווייסע העמדעל.

— דאס נעמען זיי מיט צו דער ארבייט, אין פעלד, — האט מען מיר ערקלעהרט, — שפעטער אביסעל ווערט אזוי הייס, אז זיי וועלען מוזען זיך אנטאן וואס לייכטער.

מיט ערנסטע פנים׳ער זיינען זיי אלע געגאנגען צו דער ארבייט. און מיט ערנסטע פנים׳ער האבען זיך מיט מיר גע־גריסט די, וואס האבען מיך באגעגענט אויפ׳ן וועג, אזוי ווי זיי וואלטען זאגען: „נעכטען האבען מיר זיך געזעהן ביים עסען, ביים מיטאג; מיר האבען געשמועסט וועגען וויכטיגע זא־כען, זיך אונטערהאלטען, אבער איצט מוז אלץ פארגעסען ווע־רען; איצט געהען מיר צו דער ארבייט".

„דער אידעאל פון ארבייט!" — האב איך זיך דערמאנט די ווערטער פון דעם יונגען יאבלאנער רבי׳ן.

* * *

איך האָב זיך אומגעקעהרט אין דעם צימער, וואו מיר זיי־נען געשלאָפען. צו פרישטיק איז נאָך געווען א צוויי שעה, האָב איך די צייט געוואלט פארברויכען אויף דיקטירען אן ארטיקעל פאר׳ן „פאָרווערטס״.

אונזער פראָגראם איז געווען, אז צעהן אוהר מוזען מיר שוין פון דאנען אוועקפאָהרען. איך האָב געבעטען ביי דעם רבונו של עולם, אז עס זאָל זיך מאכען עפעס א צופאל, אז מיר זאָלען מוזען בלייבען א ביסעל לענגער. ערשטענס האָב איך געוואלט ענדיגען דעם ארטיקעל, און צווייטענס האָב איך גע־וואָלט א ביסעל מעהר זיך צוקוקען צו דעם לעבען פון דער קאָמונע.

מיין ארבייט איז געשטערט געוואָרען. עטליכע מאָל האָט מען מיר אונטערבראָכען. אָבער די ערגסטע שטערונג האָב איך געהאט ניט פון מענשען, נאָר פון פליגען.

די פליגען זיינען אין גאנץ פאלעסטינע אונערטרעגליך. אזוי פיל און אזעלכע אונערשראָקענע פליגען האָב איך זיך קיינמאָל ניט פארגעשטעלט. אין תל־אביב האָבען זיי מיר איינגאנצען צוביסען. איך בין געווען פשוט באדעקט מיט וואונדען, אָבער דאָ, אין תל־יוסף, האָבען זיך פארזאמעלט די קאמפסלוסטיגסטע פון זיי. טרייב זיי היינט, טרייב זיי מאָרגען; פון שלאכט־פעלד טרעטען זיי ניט אָפּ.

עס איז אבסאָלוט אונמעגליך געווען צו שרייבען. מיר האָבען זיך געטיילט מיט דער ארבייט: איך האָב דיקטירט דעם ארטיקעל און געטריבען די פליגען, און מיין יונגער פריינד ווינאָ־גראד, מיין סעקרעטאר, האָט געשריבען. עס זיינען אָבער געווען מאָמענטען, ווען זיי האָבען איהם אטאקירט פון אלע זייטען און אויף אזא ארט, אז ער האָט ניט געקענט באוועגען א פינגער.

— דאכט זיך, א גאנץ אונשולדיגער ארטיקעל! וואָס פאר אן אינטערעס האָבען די פאלעסטינער פליגען ניט צוצולאָזען, אז ער זאָל געשריבען ווערען? — האָט ער געשפאסט.

* * *

מען האָט זיך צוזאמענגעקליבען צו פריהשטיק — ברויט מיט טיי און ציבעלע מיט שמאלץ. דאָ און דאָרטען איז גע־

שטאנען א טעלער מיט שמאלץ, און די מיטגלידער זיינען צוגע־גאנגען און גענומען צוביסלעך פאר זייער ציבעלע.

עס איז געווען לוסטיג, לעבעדיג. אלע יונגע מענשען, און זיי האבען געגעסען מיט א יונגען, געזונטען אפעטיט.

פון דער בליהענדער יונגער מאסע האט זיך ארויסגעזעהן איין עלטערע פיגור — א מאן פון א יאהר עטליכע און פופציג, מיט א נעט־ארומגעשווירענע גרויע בארד. ער האט גראד גענומען זיין לעפעל שמאלץ פון א טעלער, וואס איז געשטאנען ניט ווייט פון מיר. איך האב איהם באקוקט, באגריסט, און עטליכע מינוט שפעטער האב איך זיך אוועקגעזעצט לעבען איהם.

איך האב געמיינט, אז ער איז א ליטוואק. איך וויים ניט פארוואס, נאר עפעס האב איך זיך מיט א קאפריז איינגעשפארט, אז ער מוז זיין פון ביאליסטאק, און —

פון זיינע ערשטע ווערטער האב איך גלייך געזעהן, אז ער איז פון גאליציען. זיין נאמען איז אברהם יצחק קוויטנער. ער איז פיר און פופציג יאהר אלט און קומט פון סטאניסלאוו.

איך האב געמיינט, אז ער איז געקומען אין „תל־יוסף" צו א זוהן אדער צו א טאכטער. ער האט מיר אבער ערקלערט, אז ער איז קיינמאל ניט געווען פארהייראט, און אז ער איז דא א מיטגליד ווי אלע מיטגלידער.

— א האלבען טאג ארבייט איך אין גארטען, — האט ער געזאגט, — און דעם צווייטען האלבען טאג לערען איך מיט די קינדער.

אין סטאניסלאוו איז ער אויך געווען א לעהרער; און א ציוניסט איז ער נאך פון יענע יאהרען, ווען ציוניסטען האבען זיך גערופען „חובבי־ציון".

נאך צוויי פיגורען זיינען ארויסגעשוואומען פון דעם אלגע־מיינעם בילד: ביי אן אנדער טיש זיינען געזעסען צוויי אראבער, ריכטיגער געזאגט, בעדואינער, מיט זייערע ווייסע צודעקען אויף די קעפ און איבער די פלייצעס, און מיט די שווארצע קאפ־גארטלען פון אויבען. זיי זיינען געזעסען און געגעסען צוזאמען מיט די יונגעלייט און מיידלאך, וואס האבען זיך געפונען ביי יענעם טיש.

זיי זיינען פשוט אריינגעקומען און האָבען זיך געזעצט צום טיש. אזוי איז דער מנהג אין די מזרח־לענדער. ווען א איד וויל עסען, און ער געפינט זיך לעבען זייערער א פאלאטקע, נעמט מען איהם אויף ווי א גוטען גאַסט. גאַסט־פריינדליכקייט איז א געזעץ, וועלכער ווערט שטרענג אָפּגעהיט ביי די אראבער. אייגענטליך, ביי אַלע אונענטוויקעלטע פעלקער.

איינער פון די מיטגלידער, וועלכען איך האָב באמערקט נאָך פריהער, א יונגערמאַן מיט גרויסע שווארצע וואָנסען, האָט זיך באוויזען אין א קאָסטיום פון אַן אראַבער. איך האָב איהם דערקענט, און ער האָט זיך צולאכט.

— איהר וואונדערט זיך, ווארום איך האָב געענדערט מיינע בגדים? — האָט ער געפרעגט, — איך געה זיך לערנען פיטערען בהמות ביי די אראַבישע שכנים. איך וועל פארברענגען א סך צייט אין זייער געזעלשאַפט, וויל איך שוין זיין אָנגעטאָן אויך אזוי ווי זיי.

* * *

מיין תפלה צו גאָט, אַז מיר זאָלען אזוי גיך ניט קענען אוועקפאָהרען, איז מקוים געוואָרען.

דאוויד, אונזער שאָופער, איז פארשוואונדען. מען האָט איהם געזוכט איבער דער גאַנצער קאָלאָניע, געשריען „דאוויד!" אין יעדען ווינקעל און — אין קול ואין עונה — ניטאָ קיין דאוויד!

איך האָב געענדיגט מיין ארטיקעל און עס איז מיר נאָך איי־בערגעבליבען א סך צייט ארומצוגעהן איבער דער פארם, זיך צוצו־קוקען און צו ריידען מיט די מיטגלידער.

ענדליך, אין א מזל'דיגער שעה, האָט זיך דאוויד אָפּגעזוכט. ער איז פראָסט געלעגען ערגעץ־וואו אין א באהאַלטענעם פלאַץ און געשלאָפען. ער איז א שעהנער, געזונטער יונג, א גוטער שאָופער און א געזונטער שלאָפער.

דער אויטאָמאָביל איז געשטאַנען גרייט. מיר האָבען זיך אריינגעזעצט. דאוויד און מיר, זיינע פאַסאַזשירען, זיינען געווען פיקס־און־פארטיג צו דער רייזע. עטליכע פון די מיטגלידער פון

דער קאָמונע זיינען געשטאַנען ארום דער מאַשין, ווארטענדיג זיך צו געזעגענען מיט אונז. אָבער —

וואו איז קאַציזנאַ ?

ווידער א זוכעניש, ווידער א געלאַף, ווידער א געשריי. נאָר אָנשטאָט דעם נאָמען „דאַוויד", האָבען די בערג איצט אָפּגעהילכט דעם נאָמען „קאַציזנאַ".

עס איז ווידער אוועק איבער א שעה. איך האָב ווידער געהאַט צייט ארומצושפּאַצירען, צו באַקוקען די קאָלאָניע און צו ריידען מיט איהרע מיטגלידער.

ענדליך האָט מען קאַציזנאַ'ן אויך געפונען. ער האָט דערזעהן פארשיידענע אינטערעסאַנטע זאַכען, און ער האָט גענומען פאָטאָגראַפיעס פאר'ן „פאָרווערטס".

* * *

מיר האָבען באַזוכט „ראשון לציון", די עלטסטע קאָלאָניע אין פּאַלעסטינע, זיך באַגעגענט מיט איהר פיהרער, מייעראַוויטש, וועלכער האָט אונז דורכגעפיהרט דורך די באַריהמטע ווײן-קעלערען און אונז מכבד געווען מיט וויין. מיר האָבען דערמאָנט די אַלטע צייטען, דעם אָנפאַנג פון דער גרויסער אידישער עמיגראַציע — די „פּאַלעסטינצעס" און די „אַמעריקאַנצעס". מייעראָוויטש איז געווען א „פּאַלעסטינעץ" און געפאָהרען קיין ארץ ישראל; איך בין געווען אַן „אַמעריקאַנעץ" און האָב עמיגרירט קיין אמעריקע. נאָהענט פון ראשון לציון ליגט די קאָלאָניע, וועלכע געהערט צו א קאָמונע פון 23 מיידלאַך, און וועלכע הייסט: „משק פּועלות בנחלת יהודה". דאָס הייסט: א פארם פון ארבייטער-מיידלאַך אין נחלת יהודה.

* * *

די קאָלאָניע „משק פּועלות בנחלת יהודה" איז אייגענטליך אַן אגריקולטור-שול. יעדע מיידעל בלייבט דאָ נאָר צוויי יאָהר. זי לערענט זיך דאָ אויס פארמערײ אין אַלע איהרע צווייגען, און דאַן געהט זי אוועק אין איינער פון די אַנדערע קאָמונעס. די איינציגע, וואָס בלייבט דאָ שטענדיג, איז די פיהרערין און פארוואַלטערין, פרוי טשיזשיק, וועלכע איז אין פּאַלעסטינע זעהר פּאָפּולער און באַליבט.

די דריי און צוואנציג מיידלאך פון „נחלת יהודה״ פאר־געטערען איהר פשוט. אין דער קאלאניע געפינען זיך צוויי מענער: פרוי טשיזשיק׳ס מאן און נאך איינער. זיי זיינען די וועכטער פון דעם פלאץ.

מיר האבען דא געגעסען מיטאג און געהאט אן אינטערע־סאנטען געשפרעך.

די מיידלאך ארבייטען שווער. אבער פון זייערע רייד האט מען געקענט זעהן, אז ווען זיי זאגען זיי פיהלען זיך גליקליך, מיינען זיי עס פון גאנצען הארצען.

— טרעפט ניט אמאל, אז א פאר פון אייך צוקריגען זיך? — האב איך געפרעגט.

— צוקריגען זיך? — האט א מיידעל, וואס האט געענדיגט אין מינסק גימנאזיע, געענטפערט מיט א הארציגען שמייכעל — חלילה! וואס האבען מיר זיך עפעס צו קריגען?

און זי האט זיך צולאכט.

זי און די אנדערע זיינען געווען אזוי סימפאטיש, און איהר געלעכטער איז געווען אזא אויפריכטיגער, אז איך האב זיך כמעט פארשעמט פארוואס איך האב געשטעלט די פראגע.

איין מיידעל פארברענגט א האלבען טאג ביי דער ארבייט, און דעם אנדערען האלבען טאג לערענט זי מיט איהרע חבר׳טעס.

זיי האבען אונז געוויזען די פלאנצונגען, וואס וואקסען אין זייער פארם. זיי האדעווען אויך אוים בוימלאך אויף צום פאר־קויפען. און זיי האבען אונז געוויזען, ווי אזוי די ארבייט געהט צו. זיי האבען אונז ערקלערט, ווי שווער די דאזיגע ארבייט איז און וויפיל קענטשאפט זי פאדערט.

זיי האבען זיך באקלאגט אויף דער ארימקייט פון דער פארם און וועגען די גרויסע שוועריגקייטען, וואס זיי האבען דורכדעם וואס זיי פעהלט לאנד און געלט. זיי נויטיגען זיך אין נייע הייזער און אין אן אייגענעם ברונעם.

— מיר האבען נאך פינף און צוואנציג דונאם ערד, און מיר דארפען האבען הונדערט. די דעכער אויף אונזערע באראקען זיינען צרה׳דיגע. דער רעגען געהט דורך דורך זיי. און קיין וואסער אויף צו טרינקען האבען מיר ניט גענוג.

— עס איז שווער, — האָט פרוי טשיזשיק געזאָגט מיט א שמייכעל, — אָבער וואָס קען מען העלפען?!

די קאָלאָניע האָט קיה, הינער; זי פארקויפט א ביסעל מילך, א ביסעל אייער, א ביסעל טאבאק, גרינצייג, בלומען, ביימער, וואָס זיי האָדעווען אליין אוים; האָניג פון זייערע אייגענע ביהנשטאָקען. זיי לעבען נאטירליך זעהר אָרים, אָבער זיי זיינען באגייסטערט.

אין פאלעסטינע זיינען פאראן נאָך דריי קאָמונעס פון מיידלאך, און עס אָרגאניזירען זיך אנדערע אויך.

די מיידלאך האָבען מיט א ספעציעלען אינטערעס אונז געפיהרט ווייזען דעם שטאל מיט זייערע קיה.

יעדע קוה האָט זיך איהר נאָמען (אויף העברעאיש, נאטירליך). איינע הייסט: „אביה" (פריהלינגס-קינד), א צווייטע — „חביבה" (די געליבטע, די ליבליכע), א דריטע — „יפיפיה" (די שעהנקייט, די „קראסאוויצע"), א פערטע — „פראית" (די ווילדע), א פינפטע — „פחדונות" (די שרעקעדיגע).

עס זיינען פאראן נאָך עטליכע קיה, נאָר מעהר האָב איך ניט פארשריבען.

אויף א פאָר פון די קיה האָבען זיי אָנגעוויזען מיט א באזונדערער ליבע, וואָרים זיי זיינען געבוירען געוואָרען ביי זיי, אין „נחלת-יהודה". זיי האָבען זיי געגלעט אזוי ווי א מאמע גלעט א קינד.

* * *

ווען איך האָב זיך געזעגענט מיט דיזער קאָמונע און געפאָהרען ווייטער, האָב איך מיר געקלערט: האָט עס א צוקונפט? אָבער, וואָס אַרט מיר די פראגע פון דער צוקונפט? דערווייל איז דאָס א שטיק פאָעזיע, א שעהנע מעלאָדיע. און ווען מען הערט זיך צו ווי מען שפילט א שעהנעם נגון, איז וועגען דער צוקונפט קיין פראגע ניטא.

די אידישע אַרבייטער באַוועגונג אין פּאַלעסטינע

אַ גאַנץ אַנדערע אַרבייטער־באַוועגונג, ווי אין אַנדערע לענדער. — די באַציהונגען מיט דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע. — די פראַגע וועגען אַראַבישע אַרבייטער.

די אידישע אַרבייטער באַוועגונג שפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין פּאַלעסטינע. זי איז אַ קאַמף־פאַראייניגונג פון מענ־שען, וועלכע אַרבייטען פאַר פרעמדע, און צו דער זעלבער צייט איז זי אַ פאַרהעלטניסמעסיג־גרויסע קאָאָפּעראַטיווע אונ־טערנעמערין. אחוץ דעם האָבען זיך אין איהר אויך אויסגע־אַרבייט פאַרשיידענע שטריכען, וועלכע גיבען איהר אַ גאַנץ אַנדער פּנים ווי דער פּנים פון דער אַרבייטער־באַוועגונג אין אַנדערע פּלעצער.

מיט אַ יאָהר פיר צוריק, ווען די אַלגעמיינע אַרבייטער־פעדעראַציע פון פּאַלעסטינע האָט צו אונז אין אַמעריקע געשיקט דריי דעלעגאַטען, האָב איך מיט זיי גערעדט וועגען דער זאָנ־דערבאַרקייט פון זייער באַוועגונג.

— אונזערע אַרבייטער וועט ניט לייכט זיין אייער אָרגאַ־ניזאַציע צו פאַרשטעהן, — האָב איך צו זיי געזאָגט, — וואָרים זי טראָגט אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, ווי די אַרבייטער־באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט. אין אַלע לענדער עקזיסטירט זי צו פאַראייניגען לוין־אַרבייטער צו אַ קאַמף געגען זייערע אַרבייטס־געבער. אין דעם באַשטעהט איהר ציל און איהר עיקר. עס איז אַ קלאַסען־קאַמף. אַזוי איז אויך די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג אין אַמעריקאַ. אין אייער אָרגאַניזאַציע, ווידער, גע־פינט זיך אַ גרויסער פּראָצענט מענשען, וואָס אַרבייטען פאַר זיך. צי זיי זיינען פאַראייניגט אין קאָמונעס, צי אין אַנדערע גרופּען,

צי זיי ארבייטען אַלס איינצעלנע פּאַרמערס — קיין באַלעבאַטים האָבען זיי איבער זיך ניט. זיי האָבען ניט געגען וועמען צו קעמפּען. היינט ווי קומען זיי צו זיין אַ טייל פון דער ארבייטער באוועגונג?

דעם איינציגען קלאָרען ענטפער, וואָס איך האָב דאָן באַ־קומען, איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען:

יעדער מיטגליד פון דער פּאַלעסטינישער ארבייטער־אָרגאַ־ניזאַציע מוז ארבייטען מיט זיינע אייגענע הענט. דינגען אַנדערע טאָר ער ניט. עקספּלואַטירען ארבייטער איז איהם ניט ערלויבט.

דאָס איז גאַנץ שעהן. אָבער דאָס ענדערט ניט די לאַגע אין באַצוג צו דער פראַגע וועגען קאַמף. דאָס, וואָס דער אָדער יענער פּאַרמער עקספּלואַטירט קיינעם ניט, איז נאָך וועניג, אַז מען זאָל איהם אריינגעמען אין אַן ארבייטער־אָרגאַניזאַציע. דערצו דאַרף ער ווערען עקספּלואַטירט פון אַן אַנדערען. וואָרים דער ציל פון די יוניאָנס און זייערע צענטראַלע קערפּערשאַפטען באַשטעהט אין פאַראייניגען עקספּלואַטירטע געגען זייערע עקס־פּלואַטאַטאָרס.

דער, וואָס האָט ניט געגען וועמען זיך צו באַשיצען, קען זיך זיין אַ גאַנץ פיינער מענש. אַ פאַרבאַנד אָבער פאַר געמיינ־שאַפטליכע זעלבסט־שוץ, אַ קאַמפּס־פאַרבאַנד איז ניט פאַר איהם.

די ארבייטער־אָרגאַניזאַציע פון פּאַלעסטינע האָט אָבער אַ ספּעציעלען צוועק, אַ ספּעציעלען אידעאַל:

אויפבויען פּאַלעסטינע און מאַכען אַ אידישע היים פון איהר.

און צו דיזען צוועק איז דער פּאַרמער אָדער פּאַרמער־גרופּע, וואָס ארבייט פאַר זיך אַליין, ניט וועניגער וויכטיג ווי דער, וואָס ארבייט פאַר אַן עקספּלואַטירענדען באַלעבאָס.

דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדער געשיכטע. מיט דער ארביי־טער־באוועגונג, ווי די ווערטער ווערען געברויכט אויף דער גאַנ־צער וועלט, האָט דאָס קיין שייכות ניט.

די ארבייטער־אָרגאַניזאַציע פון פּאַלעסטינע האָט, אַלזאָ, אַ דאָפּעלטען כאַראַקטער מיט אַ דאָפּעלטען ציל: 1) צו פאַר־אייניגען די, וואָס ארבייטען פאַר פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטען, צום

קאמף געגען זיי, און 2) צו אָרגאַניזירען און באַגייסטערען אַלע ארבייטער פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס אַ אידישע לאַנד.

פון די צוויי צילען איז „נומער 2" ביי איהר פאַרלויפיג דער וויכטיגסטער. אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון דער אָרגאַניזאַציע באַשטעהט פון סאָציאַליסטען (און די איבעריגע זיינען אויך ראַדיקאַל־געשטימט). דער ציוניזם איז ביי זיי אָבער אויפ'ן ערשטען פּלאַן און דער סאָציאַליזם אויפ'ן צווייטען. זיי וואָלטען װעלען דערגרייכען ביידע זייערע אידעאַלען צוזאַמען. זיי מיינען דאָס מיט'ן גאַנצען הארצען. אָבער צוערשט קומט ביי זיי אימער דאָס אויפבויען פון ארץ ישראל. זיי און אַפילו די ניט־סאָציאַליסטישע ציוניסטען (אויסער די מזרח'יסטען) ווילען אין פּאַלעסטינע האָבען ארבייטענדע מענשען, ניט קיין עקספּלואַטאַטאָרס. אָבער פון דעם ציוניסטישען שטאַנדפּונקט איז יעדער אימיגראַנט וויכטיג. ער איז וויכטיג, ווייל מיט זיין קומען פאַרגרעסערט ער די אידישע באַפעלקערונג. און אויב ער האָט געלט און קען „אינוועסטען" אין פּאַלעסטינישער אינדוסטריע, איז אודאי גוט. דאַן מעג ער זיין אַן עקספּלואַטאַטאָר.

פון אַ פּראַקטישען פּאַלעסטינע־שטאַנדפּונקט איז דאָס אַלץ פאַרשטענדליך. דאָ ריידען מיר אָבער נאָר אין באַצוג צו דער ארבייטער־באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט.

ווען מען רעדט אין אַמעריקא וועגען שטיצע פאַר די אַרבייטער פון פּאַלעסטינע, איז דער נאַטירליכער ענטפער: שטיצע? יאָ! אָבער ניט מעהר ווי פאַר די אידישע ארבייטער פון די „גלות"־לענדער! מיט וואָס זיינען זיי דאָס בילכער ווי אידישע סטרייקערס, למשל, אין ווארשע אָדער גראָדנע?

דער, וואָס גלויבט, אַז אַ פּאַלעסטינישע ארבייטער־יוניאָן פאַרדינט מעהר אויפמערקזאַמקייט ווי אַ אידישע יוניאָן אין אַן אַנדער לאַנד, האָט אַזאַ מיינונג דורך זיין סימפּאַטיע מיט דער באַוועגונג, וואָס שטרעבט צו שאַפען אַ ווינקעל, וואו אַ איד זאָל זיך פיהלען ביי זיך אין דער היים.

* * *

די צאָהל אַרבייטער אין פּאַלעסטינע איז דערווייל נאָך ניט

גרויס — ווייניגער פון צוואנציג טויזענד (אין דעם זיינען אריינגערעכענט די מיטגלידער פון די פארם־קאמונעס, די מיט־גלידער פון די האלב־קאאפעראטיווע אינדיווידואליסטישע פארם־גרופען און איינצעלנע פארמס, וואס האלטען ניט קיין געדונגענע „הענט").

אויב די דאזיגע צאהל זאל שטארק פארגרעסערט ווערען, קען זיין, אז דערביי וועט זיך ענדערען דער כאראקטער פון דער גאנצער באוועגונג. עס איז מעהר ווי וואהרשיינליך, אז זי וואלט דאן באקומען דעם זעלבען פנים ווי אין אנדערע לענדער; ווארים פאר א באדייטענדע ארבייטער־באפעלקערונג קען אין פאלעסטינע זיין פלאץ נאר דאן, ווען דארטען וועט זיך ענטוויקלען פאבריקאציע און האנדעל, און ענטוויקעלטע פאבריקאציע און האנדעל וואלטען מיטגעבראכט ענדערונגען אין פילע זאכען.

די איצטיגע קאמונעס מיט זייער שעהנעם אידעאליזם און בראווע זעלבסט־אפפערונגען וואלטען דאן זיך לאנג ניט גע־קענט האלטען.

עס וואלט געוועזען מעהר מעגליכקייטען צו מאכען א לעבען; און טאקע א בעסערען לעבען ווי אין די קאמונעס. א סך פון די וואס בלייבען איצט אין די קאמונעס הויפטזעכליך, ווייל עס איז ניט לייכט צו קריגען אנדערע ארבייט, וואלטען דאן אוועק פון זיי; און די באגייסטערטע פרינציפיעלע מיטגלידער וואלטען פאר זיך געהאט א נסיון אין דער פארמע פון א בעסערען און ברייטערען לעבען אין שטאדט — א יצר־הרע, וועלכען ניט אלע פון זיי וואלטען געקענטביישטעהן.

וואס פאר א ווירקונג אזעלכע זאכען וואלטען געהאט אויף דער התלהבות, מיט וועלכע מען ארבייט איצט פאר דעם אויפ־בויען פון פאלעסטינע, איז א פראגע, וועלכע האט מיט אונזער היינטיגען ענין קיין פארבינדונג ניט. איך וועל נאר באמערקען, אז צום אויפבויען א לאנד איז אינדוסטריע און מסחר א ווירקזאמערער מיטעל ווי התלהבות.

* * *

די ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג פון פאלעסטינע איז,

אלזא, א געמיש פון יוניאנס אין דעם געוועהנליכען זין מיט פארמער־קאמונעס, אינדיווידואליסטישע פארמער־גרופען, איינ־צעלנע פארמערס און ארבייטער, וואס ארבייטען פאר זייער אייגענעם קאנטראקט־קאאפעראטיוו „סולל בונה”. אלע זיינען זיי פאראייניגט און צוזאמענגעשמאלצען אין דער זעלבער ארבייטער פעדעראציע.

זיי זיינען מיט איהר פארבונדען א סך ענגער ווי א ניו יארקער קלאוקמאכער, צום ביישפיל, איז פארבונדען מיט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אדער מיט דער אמעריקען פעדערייזשאן אוו לייבאר. ווארים דער אמעריקאנער ארבייטער געהערט דאך פריהער פון אלץ צו זיין יוניאן, און בלויז דורך דער יוניאן געהערט ער צו דער אלגעמיינער ארבייטער קערפערשאפט, וועהרענד אין דער פאלעסטינישער ארבייטער באוועגונג איז פארקעהרט; דער ארבייטער געהערט פריהער פון אלץ און הויפטזעכליך צו דער פעדעראציע, אין וועלכער עס זיינען פאראייניגט אלע פאכען און פארם־גרופען. דערנאך ערשט ווערט ער באטראכט אלס א מיטגליד פון דער אדער יענער יוניאן.

דאס איז איינער פון די פונקטען, וועלכען מען מוז האבען אין זין, אויב מען וויל פארשטעהן די ארבייטער באוועגונג פון פאלעסטינע — א באוועגונג, וואס שפילט דארטען איצט אזא גרויסע ראלע.

די פאלגענדע איינצעלהייטען וועלען דאס קלערער מאכען:

אויף די צוזאמענפאהרען פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג פון פאלעסטינע (זיי קומען פאר אלע 2 יאהר) זיינען די יוניאנס אדער די פארם־גרופען ניט פארטראטען. אין די וואהלען, וועלכע שיקען די דעלעגאטען צו אזא צוזאמענפאהר, שטימט יעדער שטאדט־ארבייטער, פארמער אדער פארם־ארבייטער ניט אלס מיטגליד פון א יוניאן, נאר אלס א מיטגליד פון דער גאנצער פעדעראציע, פון דער גאנצער אלגעמיינער קערפערשאפט פון ארבייטער און פארמערס.

ער קען שטימען פאר א קאנדידאט, וואס האט וועגען זיין פאך קיין באגריף ניט.

די קאנדידאטען, וואס באקומען גענוג שטימען, ווערען ער־וועהלט אלס פארשטעהער פון דער ארגאניזירטער ארבייטער באַ־וועגונג בכלל, גאנץ אפגעזעהן צו וועלכער יוניאן אדער פארם־גרופע דער אדער יענער פון זיי געהערט.

אויפ'ן צוזאמענפאהר, וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט אויף אזא ארט, ווערען ערוועהלט איין־און־דרייסיג חברים צו רינען אלס צענטראל־ראט. דאס איז דער פארוואלטונגס־קאמי־טעט פון דער גאנצער ארגאניזאציע, און ער האט אונבאגרענצטע מאכט ביז דעם נעקסטען צוזאמענפאהר.

ער פארזאמעלט זיך איין מאל אין פיר מאנאט. אויף צו פיהרען די געשעפטען פון דער ארגאניזאציע קלייבט ער פון זיך אוים א שטענדיגע עקזעקוטיוו קאמיטע פון עלף.

דער צענטראל־ראט ווערט, אלזא, ערוועהלט און קאנטראָ־לירט, ניט פון די פארשידענע טיילען פון דער באוועגונג, נאר פון דעם צוזאמענפאר, און דער צוזאמענפאר, ווידער, רעפרעזענ־טירט אויך ניט די פארשידענע טיילען, נאר די מיטגלידער די־רעקט, און זי רעפרעזענטירט זיי ניט אלס שניידער, שוסטער, אדער סטאליארעס, נאר סתם אלס ארבייטער.

פון די יוניאנס אדער פארם־גרופען, אלס ארגאניזאציעס, איז דער צוזאמענפאהר, דער צענטראל־ראט און די עקזעקוטיוו קאמיטע אונאפהענגיג.

דעריבער, ווען א גרויסע מאיאריטעט פון א יוניאן, למשל, זאל באשליסען ארויסצוטרעטען פון דער ארבייטער פעדעראציע, וואלט דאס ניט געהאט קיין ווירקונג. די פעדעראציע וואלט אנערקענט די מינאריטעט אלס די יוניאן. די מיטגלידער, וואס בלייבען אין דער פעדעראציע — זיי זיינען די יוניאן! דאס איז איהר שטאנדפונקט. און דאס איז דער פונדאמענט, אויף וועל־כען עס איז אויפגעבויט די גאנצע ארבייטער באוועגונג פון פא־לעסטינע.

ווען איך האב געפרעגט ביי די פיהרער פאר וואס עס איז אנגענומען געווארען אזא סיסטעם, איז זייער ענטפער געווען, אז די פעדעראציע זארגט זיך וועגען דעם ארבייטער ניט נאר אלס א מויערער, שניידער, סטאליער, שמיד, אדער פארמער,

און אויך ניט אלס אן איינוואוינער פון תל־אביב, ירושלים, חיפה אדער טבריה, נאר וועגן אלע זיינע אינטערעסן.

מיט דעם האבען זיי געמיינט דעם פאקט, אז די פעדע־ראציע האט א קראנקען־קאסע, א בילדונגס־קאמיטע, א „סולל־בונה", וואס זוכט קאנטראקטען אום דעם ארבייטער צו באזאר־גען מיט ארבייט. אבער אזעלכע זאכען, אויסער דעם „סולל בונה", האבען דאך די ארבייטער באוועגונגען אין אנדערע לענ־דער אויך. און דאך זיינען די ארבייטער באוועגונגען אין אנ־דערע לענדער ניט ארגאניזירט אויף דעם פאלעסטינער אופן. אויב א מאיאריטעט פון א יוניאן זאל אין ענגלאנד, צוםביישפיל, שטימען פאר ארויסטרעטען פון א צענטראלע קער־פערשאפט, וועט דער באשלוס ניט איגנארירט ווערען.

איך גלויב, אז די הויפט־אורזאכע, פאר וואס מען האט אין פאלעסטינע אנגענומען די הויך צענטראליסטישע סיסטעם, וועלכע דא איז ערקלערט געווארען, באשטעהט אין פאלגענדען:

אלץ איז דארטען נאך אונבאשטימט, און די יוניאנס אזוי גוט ווי די פארם־קאמונעס האבען נאך ניט קיין פעסטען, שטענ־דיגען פונדאמענט. די באוויזען זיך, די ווערען צופאלען; די מיטגלידער קומען אריין, די טרעטען ארויס.

די יוניאנס האבען ביז מיט א פאר יאהר צוריק איבער־הויפט קיין ממשות ניט געהאט. די צאהל ארבייטער איז געווען צו־קליין. און די צאהל פון אימיגראנטען מיט באשטימטע פאכען איז געווען נאך פיל קלענער. דאס רוב זיינען זיי גע־ווען געוועזענע ישיבה־בחורים אדער סטודענטען, און שפעטער, ווען עס האט זיך אנגעהויבען דאס בויען פון תל־אביב און די צאהל ארבייטער האט זיך שטארק פארגרעסערט, איז דער פראָ־צענט פון ארבייטער מיט באשטימטע פאכען אלץ געווען זעהר קליין.

אלץ האט א כאראקטער פון ניט־באשטימטקייט, פון פאר־לויפיגקייט. פארלאזען זיך אויף א יוניאן אדער א קאמונע, ווי זיי זיינען אין א געוויסען מאמענט, קען מען ניט. מען וויים ניט וואס מארגען וועט זיין. אלזא, האבען די פיהרער, די אנער־קענטע פארשטעהער, געפונען פאר נויטיג צו פארזיכערען די

באַוועגונג דורך דער דערמאָנטער אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמע און דורך נאָך אַ מיטעל.

מיט דעם צווייטען מיטעל האָט מען אין זינען צו פּאַרזיכע־רען די אייגענטום, וואָס די יוניאָן אָדער קאָלאָניע פאַרמאָגט. (ניט דאָס שטיקעל לאַנד פון אַ קאָלאָניע מיינט מען דאָ. דאָס געהערט סיי ווי סיי ניט צו די קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט דער אַרבייטער פעדעראַציע. מען מיינט אַנדערע אייגענטום). צו דיזען צוועק האָט מען צוגעקלעהרט אַ ספּע־ציעלען „אַרבייטער פאַראיין”, צו וועלכען עס זאָל אָפיציעל געהערען דאָס אייגענטום פון יעדער יוניאָן, יעדער קאָמונע, און זאָגאַר פון יעדען איינצעלנעם, וואָס געהערט צו דער פעדע־ראַציע. דאָס איז אַ באַוואָרעניש געגען פאַרשידענע געפאַהרען.

אויב אַ מאַיאָריטעט מיטגלידער פון אַ גרופּע זאָל באַשליסען פון איהר אַרויסצוגעהן, זאָלען זיי ניט קענען מיטנעמען דער גרופּע'ס אייגענטום.

דער פולער און אָפיציעלער נאָמען פון דער פעדעראַציע איז: „הסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל” (די אַל־געמיינע אָרגאַניזאַציע פון די אידישע אַרבייטער אין ארץ ישראל).

אָבער איהר גאַנצען טיטול געברויכט מען קיינמאָל ניט. געוועהנליך באַנוצט מען זיך מיט דעם ערשטען וואָרט. דער ערשטער וואָרט אין דעם נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע איז אויך „הסתדרות”. דאָך ווען מען געברויכט דעם וואָרט (די אויסשפּראַך איז „היסטאַדרוט”) מיינט מען נאָר די אַרבייטער פעדעראַציע. אַזוי איז שוין דאָס אָנגענומען.

דעם „סולל בונה” קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער ווערט קאָנ־טראָלירט פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון פּאַלעסטינע, האָב איך שוין דערמאָנט פיל מאָל. דאָ וויל איך אָבער וועגען איהם ריידען אויספיהרליכער.

דאָס איז אַ זאָנדערבאַרע אַרבייטער אינסטיטוציע און אין דער איצטיגער לאַגע פון פּאַלעסטינע שפּילט זי אַן אויסער־געוועהנליך גרויסע ראָלע.

זי איז ערשינען אונערוואַרטעט, און אונערוואַרטעט שנעל

איז געווען איהר וואוקס. איהר גאנצע עקזיסטענץ און ערפאָלג זיינען אזא איבערראשונג, אז די פיהרער פון דער פאלעסטינער ארבייטער באוועגונג האָפען כמעט אויף נסים פון איהר. זיי גלויבען, אז זי קען איבערקעהרען דעם געוועהנליכען גאנג פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג אין פאלעסטינע.

א פאָר ערקלערונגען.

דאָס איז געווען א קורצע צייט נאָך דער מלחמה. אין די עטליכע יאָהר פון קריג, ווען פאלעסטינע איז געווען א שלאכט געגענט, איז זי געווען פארשלאָסען פאר אימיגראציע. דער־נאָך — הויפטזעכליך ווען דער פרידענס־קאָנפערענץ האָט פאלעס־טינע איבערגעגעבען צו ענגלאנד מיט א צוזאָג צו מאכען איהר פאר א אידישע „היימלאנד” — האָט מען אהין ווידער אָנגע־הויבען צו פאָהרען. עס זיינען געקומען מענשען איינפאך ווייל עס איז ניט געווען קיין אנדער פלאַץ וואו זיך אהין צו טאָן. עס זיינען אָבער אויך געווען ציוניסטען, יונגע לייט מיט א הייסען וואונש צו העלפען אויפבויען ארץ ישראל. צו דיזע דארף מען צורעכענען די, וואס זיינען אהין געקומען אלס סאָל־דאטען פון דעם ציוניסטישען לעגיאָן.

סתם אין דער וועלט אריין בויען ארץ ישראל קען מען ניט. איידער וואס ווען, מוז מען מאכען א לעבען. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין גרינגע פראגע.

דער אידעאל פון די יונגע לייט איז געווען צו ארבייטען אויף די פעלדער. יעדער פון זיי וואָלט זיך גערן פארדונגען אויף א פארם. אזעלכע שטעלעס זיינען אָבער געווען זעהר ווייניג. גרויסע שטרעקעס ערד, וועלכע מען וואָלט געקענט בע־ארבייטען, זיינען געשטאנען לעער און וויסט. מען האָט גע־האָפט זיי ביסלעכווייז אָפצוקויפען און פארוואנדלען אין פרוכט־בארע קאָלאָניעס. אָבער דערווייל האָבען זיי נאָך געהערט צו אראבישע פריצים און זיי האָבען געפוסטעוועט. און די אַלטע אידישע קאָלאָניסטען האָבען געהאלטען אראבישע ארבייטער, וועלכע שטעלען זיך צופרידען מיט עטליכע סענט א טאָג, און וויסען פון קיין יוניאָנס ניט.

עס איז געשטאנען די פראגע וועגען מיטלען צו פארגרע־



דוד בן-גוריון, פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער אָרגאַניזאַציע
הסתדרות אין פּאַלעסטינע.

סערען די אידישע איינוואַנדערונג. אז גאָט האָט שוין יאָ צו־געשיקט אַ „באַלפור דעקלאַראַציע" מיט אן ענגלישען מאַנדאַט, מיט אַ אידישע היים־לאַנד, דאַרף מען דאָך זעהן אז די אידישע באַפעלקערונג זאָל וואָס שנעלער שטייגען און פון אַ קליינער מי־נאָריטעט זאָל זי צוקומען צו אַ מאַיאָריטעט. ווען אידען זאָלען אין פּאַלעסטינע געפינען פּרנסה, וועלען זיי אהין עמיגרירען. וואו זשע נעמט מען דאָרטען פּרנסה פאַר נייע מאַסען?

דאָס איז געווען די פראַגע אין אַלגעמיין ריידענדיג. אין אַן ענגערען זין אָבער, אין אַ דייטליכער און הייסערער פאָרמע, איז זי נאָך דער מלחמה געשטאַנען אין באַצוג צו די יונגע ציוניסטען וואָס האָבען זיך דאַן אָנגעזאַמעלט אין פּאַלעסטינע. עס איז ניט געווען קיין טעאָרעטיש־פּאָליטישער ענין. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען באַלדיגע חיונה פאַר אַ פּאָר טויזענד מענשען.

איך האָב שוין דערמאָנט, ווי מיט דער הילף פון פּנחס רוטענבערג (דעם באַריהמטען טעראָריסט פון דער פּאַרטיי סאָ־ציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכער איז שפּעטער באַגייס־טערט געוואָרען פאַר'ן ציוניזם און האָט פיל אויפגעטאָן פאַר פּאַלעסטינע מיט זיינע אינזשענערישע אונטערנעמונגען) האָט די פּאַלעסטינישע ארבייטער אָרגאַניזאַציע ביי דער ענגלישער רעגי־רונג באַקומען אַ קאָנטראַקט אויף צו בויען אַ שאָסע־וועג אויף אַ געוויסע שטרעקע. ווען מען וואָלט מיט אַ יאָהר פריהער גע־זאָגט אז די יונגע טרוימער וועלען זיך נעמען פאַר אַזא ארבייט, וואָלט זיך קיינעם ניט געגלויבט.

אָבער נויט ברעכט אייזען און אין דיזען פאַל איז די ארבייט געווען אביסעל גרינגער: ס'איז אויסגעקומען צו ברע־כען שטיינער.

ווען מיר זאָגען „גרינגער" איז דאָס נאָר פאַרהעלטניסמע־סיג. עס איז אַ שרעקליכע ארבייט. די יונגע לייט און די מיידלאַך פון דער פּאַלעסטינער ארבייטער אָרגאַניזאַציע האָבען אָבער די ארבייט דורכגעפיהרט אויפ'ן בעסטען אופן. און איצט דערצעהלען זיי אייך וועגען דעם מיט פרייד און מיט שטאָלץ. די רעגירונג איז געווען צופרידען און רוטענבערג'ן

איז ניט שווער געווען ביי איהר צו קריגען נאך דריי קאנטראקט־טען פאר זיי.

אט אויף דיזער ארט איז די ארבייטער פעדעראציע פון פאלעסטינע, אליין ניט ערווארטענדיג, אריין אין געשעפט אלס בוי־קאנטראקטאר; און איין מאל האט זי זיך צו דעם געשעפט גענומען, איז זי אין איהם געגאנגען ווייטער און ווייטער.

דער קאאפעראטיוו האט געבויט פריוואט הייזער, האס־פיטעלער, פריוואט־אפיס־געביידעס, רעגירונגס־געביידעס, וואק־זאלען, אנדערע געביידעס צום אייזען־באהן, שוהלען, צוריכטונ־גען אויף צו טריקענען זומפיגע פלעצער, אויף אויסצוגלייכען און פלאסטערען גאסען א. אז. וו.

עס האט זיך פארגרעסערט די אימיגראציע, מען האט גע־בויט נייע קווארטאלען אין תל אביב, אין ירושלים, אין חיפה און אין טבריה, און אין אלע דיזע פלעצער האט דער בוי קא־אפעראטיוו באקומען די מייסטע פון די קאנטראקטען.

עס זיינען געקומען אידען מיט געלט פון פוילען. מען האט געבויט נייע וואוינונגען. געבויט און געבויט. תל אביב איז געוואקסען מיט אן איבערראשענדער שנעלקייט, און צוזא־מען מיט איהר איז געוואקסען די טעטיגקייט און די מאכט פון דעם בוי־קאאפעראטיוו.

פריהער האט ער זיך גערופען „מיסראד". שפעטער אבער האט ער ארויסגענומען א טשארטער אונטער דעם נאמען „סא־לעל־באנע" (וועג־מאכער און בויער).

ווען איהר קוקט דורך דעם טשארטער, זעהט איהר אז עס איז כמעט ניטא אזא סארט אונטערנעמונג אין אינדוס־טריע, האנדעל, טראנספארט, ערציהונגס־ארבייט, פארשפרייטונג פון צייטונגען, אדער ליטעראטור, מיט וועלכער דער „סולל בונה" קען זיך ניט באשעפטיגען. ער פארמעסט זיך אדער ער קלייבט זיך צו פארמעסטען אויף די ברייטסטע און ווייט־סטע צווייגען פון פאבריקאציע און מסחר.

פריהער פון אלץ איז זיין אמביציע אליין צו שאפען די רויהע מאטעריאלען, וועלכע ער געברויכט אין זיין בוי־טעטיג־

קייט, צו ענטוויקלען א זעלבסטשטענדיגע בוי־מאטעריאל אינדוס־טריע; א סטאָלעריי אינדוסטריע א. אַ. וו.

ווי איינער פון די פיהרער האָט זיך אויסגעדריקט, ריידענ־דיג מיט מיר וועגען דעם קאָאָפעראטיוו און זיין צוקונפט:

— ווען מיר האָבען צו בויען אַ גרויסע צאָהל הייזער, קענען מיר שוין האָבען אונזערע אייגענע פאבריקען. שטעלט אייך פאָר, אז מיר דארפען האָבען זעקס הונדערט פענסטער מיט א מאָל, דאן לוינט שוין אונז די פענסטער אליין צו פאבריצי־רען.

אין יאפא איז פאראן אַ סטאָלעריי־קאָאָפעראטיוו, וועלכער איז אויך פארבונדען מיט דעם „הסתדרות"; און ער טוט א סך ארבייט פאר דעם „סולל בונה". אלזאָ, האָפען די פיהרער פון דער באוועגונג, אז דיזער סאָרט קאָאָפעראטיוו פאבריקאַ־ציע, מיט דעם „סולל בונה" אלס צענטער, וועט זיך שנעל ענט־וויקלען און פארשפרייטען זיך אויף די פארשידענסטע אָפּ־טיילונגען פון דעם עקאָנאָמישען לעבען פון פאלעסטינע.

אין סך הכל האָט דער „סולל בונה" אין די פינף יאהר פון זיין עקזיסטענץ געטאָן ביי אַ העלפט פון דער גאנצער בוי־ארבייט, וואָס איז פאר דיזער צייט געטאָן געווארען אין ארץ ישראל — ארבייט פאר אַ סומע פון זעקס מיליאָן דאָ־לער. און ווען איך בין געווען אין פאלעסטינע האָט ער גע־האט בוי־קאָנטראקטען פאר אַ נייעם מיליאָן דאָלער.

די אָרגאַניזירטע בוי־פאכען פון פאלעסטינע האָבען 4500 מיטגלידער, און מעהר ווי אַ העלפט פון דיזער צאָל (2500 אר־בייטער) האָבען אין אוגוסט און סעפּטעמבער געארבייט ביי דעם „סולל בונה".

80 פראָצענט פון די ארבייט וואס פאדערט זיך ביי דעם בויען פון די רוטענבערג סטאנציעס, איז געטאָן געווארען פון דעם „סולל בונה".

דער קאָאָפעראטיוו גיט ארויס סוב־קאָנטראקטען צו קלע־נערע קאָאָפעראטיוון (וועלכע געהערען אויך צו דעם „הסתדרות") און אין אייניגע פאלען צו איינצעלנע בעל־מלאכות. א

גרויסע טייל פון זיין ארבייט ווערט אָבער געטאָן דירעקט פאר איהם.

א גרויסער מאיאריטעט פון די, וואס ארבייטען אין די בוי־פאכען פון פאלעסטינע זיינען אין דער היים קיין בעל־מלאכות ניט געווען. זיי האָבען זיך די פאכען אויסגעלערענט ביי דעם „סולל בונה".

* * *

דער „סולל בונה" האָט זיינע אייגענע איין־און־פופציג אינזשינערען און טעכניקער. (17 פון זיי זיינען אויסגעשטודירטע פון דייטשע, שווייצארישע אדער פראנצויזישע אוניווערזיטעטען).

ער האָט א הויפּט אָפיס און פיר לאָקאלע אָפיסעס. דער הויפט אָפיס געפינט זיך אין תל אָביב און די לאָקאלע אין תל אָביב, ירושלים, חיפה און טבריה. אין תל־אָביב געפינען זיך אלזאָ צוויי אָפיסעס זיינע.

דער געהאלט פון א דיפּלאָמירטען אינזשיניר איז פון 125 ביז 150 דאָלער א מאָנאט; פון אן אסיסטענט אינזשיניר — פון 60 ביז 100; פון די פארוואלטער — פון 60 ביז 110.

וואס אנבאלאנגט דעם ארבייטער־לוין איז ער צוטיילט אויף פיר קלאסען — דריי קלאסען קוואלפיצירטע (5, 4 און 3 דאָלער א טאָג), און איין קלאס פאר ניט־קוואליפיצירטע (א דאָלער און 75 סענט א טאָג).

די ציפער האָט מיר געגעבען גענאָסע רעמעז, דער פאר־וואלטער פון דעם הויפּט אָפיס, דאָס הייסט פון דעם גאנצען „סולל בונה", וועלכער איז אויך איינער פון די וויכטיגסטע פיהרער פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

ווען איך האָב איהם געפרעגט וועגען די פּריוואט קאָנטראַק־טאָרס, מיט וועלכע דעם „סולל בונה" קומט אויס צו קאָנ־קורירען, האָט ער געזאָגט:

— פאָרלויפיג האָבען מיר געהאט צו קאָנקורירען נאָר מיט קליינע אונטערנעמער, מיט אידען וואס קומען פון פוילען מיט אביסעל געלד. איצט אָבער הויבט זיך אָן צו באווייזען אויסלענדישער קאפיטאל אין פאלעסטינע — קאָמפּאניעס מיט

גרויסע פלענער. אין דעם שטעקט א גרויסע געפאהר פאר אונז. מיר וועלען אויך מוזען פארגרעסערען אונזער פעלד. מיר וועלען זיך נויטיגען אין קאפיטאל. דיזע געפאהר איז פארבונדען מיט א צווייטער. אונזערע מעכטיגע נייע קאנקור־רענטען וועלען נעמען אראבער צו דער ארבייט, ביליגע ניט־ארגאניזירטע הענט. פאר אונז איז דעריבער וויכטיג וואס שנע־לער אריינצונעמען דעם בוי־געשעפט אין אונזערע הענט — איידער ניט־יוניאן ארבייטער וועלען אין איהם אריינדרינגען.

א דאנק געוויסע מיטלען, גלויבען די פיהרער, איז דער „סולל בונה" באווארענט געגען א געפאהר אריינצופאלען אין די הענט פון פריוואט אינטערעסען, — באווארענט אלס סאציא־ליסטישע אינסטיטוציע, אלס דאס אייגענטום פון דעם „הסתדרות".

אַ געשפּרעך מיט אַ פירער פון די אַראַבער

ביי דר. י. ל. מאַגנעס אין הויז. — ער באַקלאָגט זיך אויף אידישער ספּעקולאַציע. — אַ דיסקוסיע. — דר. מאַגנעס נעמט אַנטייל.

זינט איך בין אנגעקומען קיין פּאַלעסטינע האָב איך אפּגע־מאַכט ביי זיך, זיך צו דערשלאָגען צו אַלע ראַיעלע קוואַלען פון אויסקינפטע וועגען דער אַנטי־אידישער באַוועגונג וואָס גייט אָן צווישען די אַראַבער. מיט איין וואָרט, וועגען דיזען ענין צו קריגען אַזאַ פּאַלשטענדיג בילד, ווי עס איז נאָר מעגליך.

איך האָב שוין פריהער געהאַט געזעהן זיך און גערעדט מיט אייניגע אַראַבער און האָב אויסגעהערט אַלערליי פּערזאָנען וואָס האָבען געהאַט עפּעס צו זאָגען וועגען די באַציהונגען צווי־שען די צוויי פעלקער, אדער צו געבען וועלכע עס איז אויס־קינפטע וועגען דער באַדייטונג פון דער אַנטי־אידישער באַווע־גונג, און וועלכע שאַנסען זי האָט אויף ערפאָלג. אָבער איצט האָב איך געפיהלט, אַז מיינע אונטערזוכונגען וועגען דיזער פראַגע וועלען ניט זיין פּאָלקאָם, סיידען איך וועל אויך האָ־בען אַ געשפּרעך מיט דעם סאַמע קאָפּ און פיהרער פון דעם אַראַבישען פראָנט. גראָד האָבען זיך געמאַכט עטליכע געלעגענ־הייטען דאָס צו טאָן. די בעסטע געלעגענהייט איז געקומען דורך דר. יהודה לייב מאַגנעס, וועלכער האָט זיך ניט לאַנג צוריקגע־קערט פון אייראָפּע צו זיך אהיים אין ירושלים. מיר האָבען זיך דורכגעשריבען עטליכע טעג איידער איך בין ארויסגעפאָהרען אויף מיין צווייטען באַזוך קיין ירושלים. ווען איך בין אָנגעקו־מען קיין ירושלים און האָב באַזוכט דר. מאַגנעס׳ן וועלכער האָט מיך איינגעלאַדען אויף מיטאָג, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דער אַראַבער, מיט וועלכען איך וויל האָבען אַ געשפּרעך, וועט קומען צו איהם, צו דר. מאַגנעס׳ן, האַלב נאָך דריי דעם זייגער.

וואָס פאַר אַ סאָרט מענש איז דער אַראַבישער פיהרער?

דער אַראַבישער פיהרער איז געווען פּינקטליך. ער איז אָנגעקומען 3:30 צו דער מינוט. זיין נאָמען איז דזשאַמעל הוסיאני. ער איז דער הויפּט־סעקרעטאַר פון דעם אַראַבישען קאָנגרעס, וואָס איז באַקאַנט אַלס די „מוסולמאַניש־קריסטליכע קאָמיטע". ער באַלאַנגט צו דער העכסטער אַראַבישער אַריסטאָקראַטיע אין לאַנד. ער איז אַרום זעקס־און־דרייסיג יאהר אַלט, העכער פון מיטעלען וואוקס, צימליך שלאַנק, און ער געהט געקליידעט נאָך דער לעצטער אייראָפּעאישער מאָדע. אויסער דעם „פעז", וועלכען ער האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ די גאַנצע צייט וואָס ער האָט מיט אונז פאַרבראַכט און האָט געזופּט זיין קאַפּע, אַזוי ווי עס איז שוין דער מנהג ביי די מאַכמעדאַנער. ער רעדט ענגליש פאָלקאָם. פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט אַן אַראַבישען אַקצענט, אָבער ער באַהערשט די שפּראַך וואונדערבאַר און פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָהל ווערטער. אויב ער האָט זיך פון צייט צו צייט אַביסעל פאַרהאַקט אין זיין שפּראַך איז דאָס געווען פּונקט אַזוי ווי עס פּאַסירט מיט יעדען געבילדעטען אַמעריקאַנער, ווען ער קען גראָד ניט געפינען דעם פּאַסיגען וואָרט וואָס ער דאַרף. אָבער יעדען מאָל כמעט האָט ער גלייך געפונען דעם ריכטיגען וואָרט, אָדער ער האָט ביי־געקומען די שוועריגקייט אויף אַ געשיקטען און קלוגען אופן. ער איז אַ געענדיגטער פון דעם אַמעריקאַנישען קאַלעדזש אין ביירוט, סיריען, און ער האָט גערעדט ווי אַ געבילדעטער און קולטורעלער מענש.

דר. מאַגנעס קען זיך מיט איהם און ער האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אַהיים פאַר דעם אינטערוויו מיט מיר, און דער יונגער אַראַבישער פיהרער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך דורכוואַרפען מיט עטליכע העפליכע באַמערקונגען, האָב איך איהם געפרעגט:

„נו, וואָס איז אייער טענה?"

„זעהר איינפאַך, — האָט ער געענטפערט, — ווי אייך איז גוט באַקאַנט, לעבען מיר שוין אין פּאַלעסטינע 1340 יאהר. אין אמת'ן האָבען אונזערע שבטים שוין דאָ געלעבט נאָך אַ

סך פריהער, אָבער מיר וועלען דאָס דורכלאָזען. איך רעכען שוין נאָר די צייט וואָס מיר לעבען דאָ אָהן אונטערברעכונג. און דאָס איז 1340 יאָהר. דעריבער האָבען מיר אַ גרעסערע חזקה אויפ'ן לאַנד ווי די אידען, וועלכע זיינען דאָ געווען בלויז 400 יאהר".

דר. מאַגנעס האָט זיך דאָ אריינגעמישט אין דעם געשפּרעך און האָט איהם ערקלערט, אז ער מאַכט אַ טעות. ווארים נאָכדעם ווי די אידען זיינען אוועק אין גלות זיינען זיי געקומען צוריק. אַ לעבהאַפטע דעבאַטע האָט זיך ענטוויקעלט צווישען הוסיאַני און דר. מאַגנעס, וועמעס גוטע באקאַנטשאַפט מיט אידישע געשיכטע, מיט פאַקטען און דאַטען, איז געווען אביסעל צופיל פאַר'ן אראבישען פיהרער. אָבער דער געענדיגטער פון ביירוטער קאלעדזש האָט זיך גאַנץ קלוג ארויסגעדרעהט פון אזעלכע ארגומענטען און שוועריגקייטען וואָס ער האָט ניט געקענט פאַרענטפערען. עס איז געווען אן אינטערעסאַנטע סצענע צו זעהן ווי אַזוי די ציווי פאַרטרעטער פון צוויי פיינדלאַכע לאַגערען פיהרען אַ שלאַכט, ניט מיט וואַפען, נאָר מיט קולטור, אין אַ פאַלירטען ענגליש און אין אן אומגעבונג פון גאַסט-פריינדליכקייט, יעדער פון אונז ביי אַ טאַס טערקישען קאַפע. זיי האָבען דעבאַטירט וועגען דעם רעכט פון דעם און יענעם פאָלק צו לעבען און האָבען אַ נאַציאָנאַלע היים. איינער — אן איבערגעגעבענער פריינד און קעמפּער פאַר זיין פאָלק, און דער אנדערער — אַ קעמפּער אין דער באוועגונג וואָס איז געגרינדעט געגען זיי. ביידע זיינען געווען אביסעל אויפגערעגט און צופלאַמט, אָבער ביידע זיינען געבליבען העפליך ביז'ן העכסטען גראַד אין זייער באַנעהמונג איינער צום אַנדערען. אויף דר. מאַגנעס'עס געזיכט האָט די גאַנצע צייט געשפּילט אַ לייכטער שמייכעל. אויף הוסיאַני'ס פּנים איז קיין שמייכל ניט געווען. אָבער עס איז אויך ניט געווען קיין ביטערקייט אָדער גאַל אין זיין שטימע. ער האָט גערעדט ווי אַ מענש, וואָס האָט אַ קריוודע, און לעגט ארויס זיינע טענות. ביידע האָבען גערעדט אָפענהערציג, אָהן צוריקהאַלטען זיך.

פאַר מיר איז דיזע דעבאַטע געווען דער אינטערעסאַנטסטער

טייל פון מיין אינטערוויו. ווען זי האט זיך געענדיגט האב איך ווייטער גענומען שטעלען פראגען. איך האב הוסיאני׳ן אויפמערקזאם געמאכט אויף די וואונדערבארע אינדוסטריעלע טעטיגקייט פון די אידען אין אמעריקא, אויף דער געוואלדיגער גרויס, צו וועלכער זיי האבען אויפגעבויט די נאדעל אינדוסטריען, אויף דעם, ווי אזוי זיי האבען אויפגעבויט ניו יארק. איך האב גערעדט וועגען דער טובה וואס די אידען קענען ברענגען פאלעסטינע, דורך ענטוויקלען איהרע אוצרות און באררייכערען דאס לעבען פון פאלק.

„מיר האבען ניט דאגעגען אז אידען זאלען קומען קיין פא־לעסטינע — האט מר. הוסיאני געזאגט — זאלען זיי קומען. זיי זיינען ווילקאמען. וואס מיר האבען דאגעגען איז, וואס זיי ווילען באהערשען דאס לאנד, עטאבלירען דא א אידישע רעגי־רונג. זיי רופען עס ארץ ישראל. מיר זיינען דורכאויס געגען דער ציוניסטישער פאליטיק.

„ווי איך האב אייך שוין געזאגט, — האב איך זיך אבגע־רופען צו איהם — בין איך ניט קיין ציוניסט, אבער איך האב ארומגערייזט דא אין לאנד און האב געזעהן. איך האב געזעהן א סך ביישפילען פון גוטע שכנ׳ישע באציהונגען צווישען אראבער און אידען״.

איך האב אויסגערעכענט עטליכע אינטערעסאנטע פאלען, וואו אראבער זיינען געווען העכסט צופרידען פון די לעבהאפטע ביזנעס און גוטע שכירות וואס די אידען האבען מעגליך גע־מאכט פאר זיי, דורך זייער טעטיגקייט און אינדוסטריע.

„אייערע שטעדט, וואס זיינען געווען כמעט טויט, — האב איך געזאגט — הויבען אן בליהען. אייער האנדעל איז פיל פארגרעסערט געווארען, און אייערע פארמערס און אר־בייטער האבען געקראגען פיל בעסערע געלעגענהייטען ווי פריי־הער. איך האב געהערט א סך אראבער זיך אויסדריקען מיט צופרידענהייט וועגען דעם״.

„א, דאס איז נאר אזוי פון העפליכקייט וועגען, א מין

חניפה," האָט הוסיאַני געזאָגט — „אונזערע אַראַבער האָבען זיך דאָס אויסגעלערענט אונטער דער טערקישער הערשאַפט. אָבער דאָס האָט קיין באַדייטונג ניט. די 4000 אידישע אימי־גראַנטען וואָס קומען קיין פאַלעסטינע יעדען מאָנאַט זיינען ניט קיין טובה פאַר אונז. זיי בויען נייע הייזער, אָבער זיי מאַכען אונזער רענט העכער. זיי מאַכען אויך די לעבענס־קאָסטען טייערער. די פּרייזען זיינען געשטיגען שרעקליך און די לעבענס־הוצאה אין פאַלעסטינע איז היינט העכער ווי אין קאַירא. איז דאָס ניט שרעקליך?"

דאָ האָט דר. מאַגנעס ווידער אַריינגעשטעלט אַ וואָרט: „די 4000 מענשען קומען אָהער ניט אוועקצונעמען, נאָר צוצוגעבען צום וואוילזיין פון דעם פאָלק. זיי אַרבייטען דאָ. זיי שאַפען, זיי בויען אויף אינדוסטריען, און אינדוסטריע פאַרקלענערט פּרייזען."

„זייערע אינדוסטריען אין דיזען לאַנד, — האָט דער אַראַ־בישער פיהרער געענטפערט — זיינען ניט געווען קיין ערפאָלג. זייער קנעפּעל־פאַבריק איז דורכגעפאַלען, זייער מעבעל־פאַב־ריק איז דורכגעפאַלען, זיי האָבען געפּרובט מאַכען טעפּיכער און דאָס איז דורכגעפאַלען. זייער טעקסטיל אינדוסטריע איז אויפ'ן שוועל פון באַנקראָט. זייער וויין־אינדוסטריע איז אַ דורכ־פאַל."

„פאַר אינדוסטריע איז דאָ זעהר שווער, — האָט דר. מאַגנעס געענטפערט, — מען מוז צופיל זאַכען אימפּאָרטירען פון אויסלאַנד. אפילו הילצערנע קעסטלעך און פלעשער מוז מען ברענגען פון אויסלאַנד. פאַלעסטינע האָט ניט קיין רויהע מאַ־טעריאַלען, קיין קוילען, קיין אייזען. פאַלעסטינע איז הויפּט־זעכליך אַ לאַנד פון ערד־אַרבייט, און אין ערד־אַרבייט האָבען די אידען דאָ אויפגעטאָן וואונדער. מיט זייער שווערער פּראַ־צע, זעלבסט־אויפאָפּפערונג און אינטעליגענץ פאַרוואַנדלען זיי נאַקעטען, שטיינערנעם באָדען אין אַ גן־עדן."

דארויף האָט הוסיאַני געענטפערט:

„אָבער אַרום 75 פּראָצענט פון אייער גאַנצער האָרעוואַניע

און געלד ווערט אריינגעבראכט אין די שטעדט און אין ספעקולאציעס. דאס איז א גרויסער שאדען פאר אונזער לאנד. אזוי ווי איהר האט ניט קיין ערד, דארפט איהר פארקלענערען די צאהל פון אייערע אימיגראנטען.״

דא האט דר. מאגנעס אנגעוויזען, אז זייט די נייע אימיגראציע האט זיך אנגעהויבען איז אבסאלוט קיין ארבייטסלאזיגקייט ניטא, און דורך די אידען וועט די אראבישע באפעלקערונג געווינען קולטור און בילדונג. זייער סטאנדארד פון לעבען וועט זיך אויפהויבען העכער, זייערע באדערפענישען וועלען גרעסער ווערען און דאס וועט געבען א גרויסען שטויס די אינדוסטריע און בילדונג, און וועט מאכען דאס לעבען רייכער און נאבעלער.

דער אראבישער פיהרער האט דאן אנגעוויזען אויף אונז און געזאגט:

„אבער וויפיל פון אייך רײדען אזוי ווי איהר? די מאיאריטעט פון די אידען רעדט ניט אזוי. זיי זיינען פיינדליך צו אונז, און מיין פאלק וויים עס, און איז פארביטערט. ווען איך וואלט זיי געזאגט דאס וואס איך האב היינט געהערט פון אייך, וואלטען זיי מיך צוריסען אויף שטיקער.״

ווען ער האט געענדיגט האבען מיר העפליך אויסגעדריקט דעם געדאנק, אז וואס ער האט געזאגט איז שטארק איבערטריבען, און דאן האב איך אויפגעהויבען די פראגע פון די פאגראמען אין פאלעסטינע.

רײידענדיג וועגען דעם פאגראם אין ירושלים האט מר. הוסיאני געווארפען די גאנצע שולד אויף די אידען. „מיר האבען געהאט א רעליגיעזע פראצעסיע — האט ער געזאגט — און טויזענדער אידען זיינען געשטאנען ארום און געשטערט, ביז א אידישער סאלדאט האט א שפיי געטאן אויף איינער פון אונזערע רעליגיעזע פאהנען. דערמיט האט זיך עס אנגעהויבען. מיר האבען געהאלטען רעדעס און געבעטען אונזערע מענשען צו זיין רוהיג און געדולדיג, ניט צו באנוצען קיין געוואלד, און זיי זאלען זיך פארלאזען אויף געזעצליכע מיטעל צו פארניכטיגען די עולות נעגען זיי.״

אין איין אָרט אין דער דיסקוסיע האָט דר. מאגנעס געמאכט פאָלגענדע אינטערעסאנטע באמערקונג:

„איהר זאָגט אז דאָס איז אייער לאנד ווייל איהר האָט דאָ געלעבט 1340 יאהר. אָבער די קריסטען רופען פּאַלעסטינע זייער הייליגע לאנד אויך, און עס זיינען פאראן א סך אינדישע פעלקער, וואס באַטראַכטען עס פאר זייערס, דערפאר ווייל דאָ זיינען זייערע רעליגיעס געבאָרען געווארען. איהר זעהט, אלזאָ, אז פּאַלעסטינע איז אנדערש ווי אלע לענדער אין דער וועלט, און דעריבער דאַרף מען עס אנדערש באהאנדלען. אין דער הינזיכט געפין איך דעמזעלבען טעות אין מאַנכע שריפ־טען ביי אונז. פּונקט אזוי ווי אין אייער טענה. פּאַלעסטינע האָט פאר מיר אן אינטערעס ניט דערפאר וואס אימיצער האָט דאָ געלעבט אין אזא צייט אָדער אין אן אנדער צייט, נאָר דערפאר וואס זי באלאנגט צו אלע רעליגיעס, דערפאר וואס זי איז דער פונדאמענט פון אינטערנאַציאָנאַליזם. איך בין געגען אייערע רייד פון אראבישער איבערהערשאפט, פּונקט אזוי ווי איך בין געגען די רייד פון אידען וועגען אידישער איבערהערשאפט. ווער עס קומט אהער און גיט זיין ארבייט צו ענטוויקלען דאָס לאנד האָט א רעכט אויף איהר. איך סימפּאַטיזיר מיט דער אראבישער נאציאָנאַלער באוועגונג, ווייל איך סימפּאַטיזיר מיט יעדען פאָלק וואס איז געווען אונטערדריקט, און אייער פאָלק איז געווען אונטערדריקט.”

„יא, אונזער פאלק איז געווען צו לאנג אונטערדריקט — האָט הוסיאני געזאָגט, — אזוי לאנג אז זיי האָבען פאר־לאָרען זייער לעבענס־קראפט. און דעריבער קענען זיי ניט קאָנקורירען מיט די אידישע אימיגראנטען, וועלכע קומען אהער א סך בעסער געבילדעט און האָבען געלד, און זיי ווערען גע־שטיצט פון אנדערע וואס האָבען געלד. און וואס איז דער רעזולטאַט? אין די לעצטע פינף יאָהר איז דער עקספּאָרט גע־ווען נאָר איין פינפטעל פון דעם אימפּאָרט, אָבער א לאנד איז נאָר דעמאָלט רייך ווען עס עקספּאָרטירט מעהר ווי עס אימפּאָר־טירט”.

דאָ האָב איך און דר. מאגנעס אָנגעוויזען אז דאָס קומט

דערפון, וואס עס ווערען געמאכט אינוועסטמענטס אין מאשינערי, נעציינג פאר ערד־ארבייט, רויהע מאטעריאלען, וועלכע ווען ביסלעכווייז באשאפען א גרעסערען מארק און ברייטער מאכען דאס עקאנאמישע לעבען פון לאנד.

ער האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט, אבער דערפון האט זיך זיין באציהונג צו אידען אין פאלעסטינע ניט געענדערט.

צווייטער טייל

צווייטער באַזוך — נאָך די בלוטיגע פּאָגראָמען און דעם העלדישען זעלבסט־שוץ פון 1929.

ווידער אויפ׳ן וועג קיין פּאַלעסטינע

אין די טעג פון בלוטיגע פּאַסירונגען. — איינדריקע אויף אַ פראַנצויזישער שיף, וואָס גערט פון מאַרסעיל קיין יאַפאַ.

די שיף הייסט „פּיערר לאָטטי״, נאָך דעם באַריהמטען פראַנ־צויזישען שריפטשטעלער, וואָס האָט באַשריבען די געגענדען, וואוהין זי געהט. זי געהט פון מאַרסעיל, פראַנקרייך, און זי אַקערט דורך די גאַנצע לענג פון דעם מיטעל־לענדישען ים, וועלכער טיילט אָפּ אַפריקע פון אייראָפּאַ. זי געהט זעהר לאַנגזאַם. איהר וועג האָט אָבער אַ סך אינטערעסאַנ־טעס פאַר׳ן אויג; און נאָך אינטערעסאַנטער זיינען מיר איינינגע פון די זאַכען, וואָס איך הער און זעה אויף דער שיף גופא — זאַכען פון דעם מין, וואָס דריקען זיך אָפּ אין זכרון פון מוח און אין זכרון פון האַרצען.

איך זיץ און שרייב ביי אַ טישעל אין דעם קליינעם שמאָלען שרייב־צימער. די שיף טרייסעלט זיך היינט עטוואָס — צום ערשטען מאָל אין די פיר טעג, וואָס זי פיהרט אונז. דאָס שטערט מיר אַביסעל. דורך דעם אָפּענעם פענסטער קוק איך פון צייט צו צייט אויפ׳ן טונקעל־בלויען ים. ער איז ניט גלאַט. דאָ און דאָרט הויבט זיך און בליסטשעט אַ שטיקעל שוים, ערטער־ווייז ווי אַן איינצעלנער פּערל און ערטערווייז ווי אַ פּערל־שנירעל. דער הימעל איז קלאָר, ליכטיג און גוטמוטיג. זיין לויטערקייט הענגט איבער דער טונקעל־בלויער אונרוהיגקייט פון דער וואַסער־פלאַך אין אַ געגענזאַץ, וואָס זינגט אַ ליד פון פרידען און טרוים־וועלטען.

היינט איז דער 14טער סעפּטעמבער, 1929. דעם 23טען אויגוסט האָבען זיך אָנגעהויבען די גרויזאַמע שחיטות אויף אידען. איידער מיר וועלען אָנקומען קיין יאַפאַ און תל־אביב וועלען **אוועקגעהן** נאָר פיר טעג. אַמאָל דוכט זיך מיר אַז יעדער טאָג איז אַ

יאָהר; אָבער מייסטענס פליהט דער טאָג אוועק איידער מ׳זעהט זיך ארום. אזוי שפּאַנענד זיינען מיר מאַנכע פון די סצענעס, וואָס איך בעאָבאַכט דאָ און מאַנכע פון די געשפּרעכען צו וועלכע איך הער זיך צו.

איך פאָהר קיין פּאַלעסטינא זעהן וואָס דאָרטען טוט זיך איצט — ווי די אידען פיהלען זיך, וואָס זיי ערוואַרטען, וואָס זיי זאָגען, איך פאָהר מיט אַ הארץ פול מיט סימפּאַטיע צו די אבלים און צו דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינא. קיין מיינונג וועגען דער צוקונפט האָב איך ניט. איך פאָהר זיך ערקונדיגען, ניט באַשטעטיגען אַ פאָראויס־ערוואָרבענע איבערציינונג. מיין צוועק איז צו פּרובירען פאַרשטעהן די פאַקטען פון דער טראַגעדיע און דאָס, וואָס זיי לערנען אונז וועגען דער צוקונפט.

* * *

די ערשטע פּאָר שטונדען האָב איך געמיינט, אז איך בין דער איינציגער איד אויף דער שיף. קיין אנדער שפּראַך ווי פראַנצויזיש האָב איך ניט געהערט, און דערקענען אַ אידיש קינד צווישען פראַנצויזען (אָדער איטאַליענער) איז געוועהנליך שווער. עס איז פאַראַן אַ היבשע צאָהל פראַנצויזישע אָפיצירען און עטליכע גלחים. און ווייטער מאַכט דער עולם דעם איינדרוק פון פראַנצויזישע ביהגער, ביזנעסלייט וואָס האָבען געשעפטען אין עגיפּטען אָדער סיריען; ווארים יאַפאַ איז נאָר איין סטאַנציע אויף דער רייזע פון דער „פּיערר לאָטטי". זי שטעלט זיך פריהער אָפּ אין אַלעקסאַנדריע, און פון יאַפאַ געהט זי ווייטער.

הייסט עס, אַז אידען פאָהרען ניט אין פּאַלעסטינא אין דיזע שווערע טעג? הייסט דאָס אויך, אַז די וואָס וואוינען דאָרטען און זיינען געווען אויף אַ קורצע צייט אין אייראָפּעאישע לענדער לעגען אָפּ זייער אַהיים־פאָהרען? איך האָב געוואוסט, אַז עס איז ניט אַזוי. איך האָב געוואוסט, אַז אַפילו נייע חלוצים, אַ גאַנצע גרופּע, איז אַהין אוועקגעפאָהרען נאָך פריהער ווי די „פּיערר לאָטטי" האָט פאַרלאָזען מאַרסעיל.

די איינציגע פּערזאָן, וואָס האָט מיר אויסגעזעהן ווי אבסאָלוט אידיש, איז געווען אַ מיידעלע פון אַ יאָהר דרייצעהן־פערצעהן.

האָב איך גענומען נאָכקוקן ווער איהרע עלטערן זיינען, און דאַן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די פאַמיליע איז אבסאָלוט ניט קיין אידישע. אויף אַ געוויסער פרוי האָב איך אויך געהאַט אַ שטיקעל חשד, אַז זי איז פון אונזערע. איך האָב זיך שוין אָבער אָפּגע־בריהט מיט מיין ערשטען „טרעפען", האָב איך מיין חשד אין דיזען פאַל אויך „בארוהיגט". באַלד האָב איך די פרוי געזעהן צוזאַמען מיט איהר מאַן און טאָכטער און, אויב פון מיין פערדאַכט איז נאָך געבליבען אַ שפור, איז ער דאַן אויך פארשוואונדען; וואָרים איהר מאַן — אַן עלטערער מענש מיט אַ פראַנצויזיש בערדעלע — האָט אַן עכט פראַנצויזישען אויסזעהן, און זייער טאָכטער האָט אויך אַ ניט־אידישען פנים.

די דאָזיגע מוטער מיט דער טאָכטער טראָגען טרויער־קליידער, און איך האָב ביי זיך גע'פסק'ענט, אַז זייערע שוואַרצע קליידער און שוואַרצע זאָקען און זייער גאַנצער גאַנג האָט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון דעם פראַנצויזישען מיטעלקלאַס.

אין דעם עס־זאַל זיצט די דאָזיגע פאַמיליע ביי דעם נעקסטען טיש פון מיר. איידער מען האָט דערלאַנגט דעם ערשטען געריכט, האָב איך פון קעשענע אַרויסגענומען אַ רוסישע צייטונג. דער־ביי האָט זיך מיר געדוכט, אַז די פרוי, וואָס טראָגט טרויער, קוקט זיך צו פון וויטען צו דער איבערשריפט אויף דער צייטונג און אַז זי זאָגט עפּעס שטילינקערהייט צו איהר מאַן וועגען דעם. הייסט עס, אַז זי פארשטעהט רוסיש? הייסט עס, אַז דער „עכטער פראַנצויז" מיט דער פראַנצויזישער בערדעלע איז גאָר אַן עכטער איד און אַז מיין „חשד" איז געווען אַ באַגרינדעטער? און אפשר האָט די פרוי גאָר געקוקט אויף עפּעס אַנדערש און ניט אויף מיין צייטונג. אפשר זיינען זיי פאַרט פראַנצויזען. מיין נייגעריגקייט איז געשטיגען ווי ביי דעם לעזער פון אַ שפּאַנענדען ראָמאַן. די פאַמיליע האָט מיר ניט געלאָזען צורוה. זיינען זיי קריסטען? זיינען זיי אידען? איך האָב געבעטען ביי גאָט אַז זיי זאָלען זיין אידען.

אַ פאָר שטונדען שפּעטער האָב איך געזעהן ווי דער מאַן מיט דער פראַנצויזישער בערדעלע נעמט פאַנאַנדער אַ צייטונג. פון וויטען האָב איך ניט געקענט אורטיילען אויף וואָסער

שפּראַך דאָס איז. אָבער באַלד האָב ער די בלאַט איבערגעקעהרט, און — איך האָב דערזעהן דעם גרויסען וואָרט „ה י י נ ט“, די איבערשריפט פון דער אידישער צייטונג וואָס געהט ארויס אין ווארשע און אין פּאַריז.

מיין תפילה איז אַלזאָ מקוים געוואָרען.

עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז דאָס איז דער באַקאַנטער ציוניסט, דער פּאַלעסטינער באַלעבאָס יצחק ליב גאָלדבערג, מיט וועמעס ברודער, אויך אַ באַקאַנטער ציוניסט (איצט שוין טויט), איך האָב זיך פילע מאָל באַגעגענט אין ניו יאָרק. די פאַמיליע איז פון ווילנא, וואו גאָלדבערג האָט געפיהרט אַ געשעפט פון אַפּטייק־אַרטיקלען. אין פּאַלעסטינע האָבען זיי זיך באַזעצט מיט צעהן יאָהר צוריק. זיי זיינען אהין געקומען מיט אַ היבשען קאַפּיטאַל. (דיזער יצחק ליב גאָלדבערג האָט דאָס דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע געשאָנקען דאָס שטיקעל לאַנד מיט דעם באַ־ריהמטען בארג, וואו עס געפינט זיך דער ירושלים'ער אוניווערזי־טעט. ער האָט איהם אָפּגעקויפט ביי דעם ענגלישען לאָרד, צו וועמען דער בארג האָט פריהער געהערט און וועלכער האָט דאָרטען פאר זיך אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ — און די געביידע איז איצט אַ טייל פון דער אוניווערזיטעט).

גאָלדבערג'ס אינגסטער זוהן, אַ געבילדעטער בחור מיט'ן נאָמען בענדזשאַמין, אַ סטודענט פון דעם אָקספאָרד אוניווערזיטעט, איז דערמאָנט געוואָרען אין די באַריכטען פון די לעצטע פּאַלעסטינער שחיטות און פון דעם בראַווען קאַמף וואָס די אידישע יונגעלייט האָבען אָנגעפיהרט געגען די בוליגאַנעס. אין אַ געוויסען אָרט זיינען צוויי פון יענע מוטיגע קעמפער געווען אין געפאַהר; איז בענדזשאַמין, אָדער בנימין, אהין געקומען צו פליהען אויף אַן אָטאָמאָביל. די צוויי קעמפּפער האָט ער דאָס לעבען געראַטעט. ער אַליין אָבער איז דערביי גע־פאַלען. די עלטערען זיינען דאַן געווען אין אייראָפּאַ. דאָרטען האָבען זיי באַקומען די טרויעריגע נאַכריכט.

דאָס איז די אורזאַכע פאַרוואָס די פרוי גאָלדבערג און איהר טאָכטער טראָגען שוואַרצע קליידער.

די גאָלדבערגס האָבען מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ צווייטע

„פראנצויזישע" פאר פאלק. דער מאן איז דער באקאנטער ארויס־געבער פון העברעאישע ביכער, ז. זאלצמאן. פאר דער מלחמה האט ער ארויסגעגעבן די געזאמעלטע שריפטען פון ביאליק און שניאור און אלע העברעאישע איבערזעצונגען פון דער אידישער און רוסישער ליטעראטור. ער איז אויך געווען דער ארויסגעבער פון דער ציוניסטישער רוסישער צייטונג „ראזסוויעט". זיין הויפט־געשעפט איז אבער געווען א פריוואטער פאפיר־האנדעל, און ער איז געווען זעהר רייך, ביז עס איז געפאלען די קערענסקי־רעגירונג. זייענדיג א הייסער ציוניסט, האט ער דאן זיך באזעצט אין פאלעסטינע.

אין אונזער געשפרעך האט זיך ארויסגעצייגט, אז אין אנהויב פון די נײנציגער יאהרען האט ער דריי יאהר פארבראכט אין אמעריקע און האט אנטייל גענומען אין דער סאציאליסטישער באוועגונג. דעם שטארקסטען איינדרוק האט אויף איהם גע־מאכט אונזער גענאסע ב. פייגענבוים. ער רעדט וועגען איהם מיט רעספעקט, ליבע און באוואונדערונג.

— איך בין געווען א תלמודיסט, און פייגענבוים'ס לומדות און חריפות האבען מיך בוכשטעבליך באצויבערט — האט ער געזאגט. — אויך אלס מענש און אלס סאציאליסט האט ער געוואונען מיין ליבע און פארגעטערונג. איך בין געווען איינער פון זיינע ווארימסטע חסידים.

נאך דעם קישענעווער פאגראם איז הערר זאלצמאן איבער־געגאנגען צום ציוניזם. ביאליק און שניאור זיינען צווישען זיינע בעסטע פריינד און ער רעדט וועגען זיי מיט ווארימע ווערטער פון א „ידיד" און א פארעהרער.

אין דעם עס־זאל זיך איך ביי איין טיש מיט א יונגען בחור און מיט א מאן פון די מיטעלע יאהרען. דער בחור איז פון עלזאס, די דייטשע פראווינץ וואס מען האט נאך דער מלחמה צוגענומען ביי די דייטשען און אוועקגעגעבען פראנקרייך. ער איז א דייטש און ביידע לשונות זיינען זיינע מוטער־שפראכען. ער האט אויסגעשטודירט אויף געאלאג און זיין ספעציאליטעט איז קעראסין־קוואלען. ער פאהרט קיין סיריע, אלס אנגעשטעלטער

פון א פראנצויזישער קאמפאניע, וועלכע זוכט צו ענטוויקלען די דארטיגע נאפט־פעלדער. דער יונגער געאלאג איז א קריסט.

מיין צווייטער טיש־שכן, א בלאנדער נעט־געקליידעטער מאן, וועלכער רעדט גוט פראנצויזיש, האט אויך א ניט־אידישען אויס־זעהן. איך בין צוערשט געוועזן זיכער, אז ער איז אויך א קריסט. אבער — ווידער ניט געטראפען! אויפ׳ן צווייטען טאג האב איך זיך דערוואוסט, אז ער איז א רומענישער איד, וואס וואוינט שוין איין־און־פערציג יאהר אין פאלעסטינע. מיר רעדען ביים טיש דייטש — צוליב דעם עלזאסער יונגענמאן. אזוי אבער שמועסען מיר אויפ׳ן „עכטען" רומעניש־ליטווישען מאמע־לשון. ער איז שוין פילע יאהרען אן אנגעשטעלטער אין איינעם פון די אפיסעס וואס פארוואלטען די גערטנער, פארמס און אנשטאלטען, וועלכע דער אלטער באראן ראטהשילד האלט אויף אין פאלעסטינע.

צווישען די פראנצויזישע אפיצירען, וואס פאהרען קיין סי־ריע, געפינט זיך, ווי מיר האבען זיך דערוואוסט, אויך א איד. אין דעם ערשטען קלאס זיינען אויך פאראן עטליכע ענגלישע אידען. איינער פון זיי — דייוויד גערטיין — איז דער נייער רעדאקטאר פון דעם ענגלישען בולעטין, וואס די „איטא" גיט ארויס אין פא־לעסטינע. ער איז א לאנדאן־געבוירענער, געביל־דעטער יונגערמאן, אן עכטער ענגלענדער לויט דער שפראך און בילדונג און אן עכטער איד לויט דער ערציהונג וואס זיינע אר־טאדאקסישע עלטערען האבען איהם געגעבען. זיינע עלטערען זיינען אויך געבארען אין ענגלאנד. זיי שטאמען אבער פון אונ־גארן און פון דייטשלאנד. קיין אידיש פארשטעהט מיסטער גערטיין ניט. ער קען אבער העברעאיש און ער האט געלערענט א סך גמרא (ביי א געבילדעטען רבי׳ן, וועלכער האט דעם תלמוד איהם ערקלערט אויף ענגליש). איך שמועס מיט איהם אפט און עס איז מיר זעהר אינטערעסאנט, ווארים ער איז א הויך־אינטע־ליגענטער מענש אויף דעם ענגלישען שטייגער, און ער פארשטעהט די וועלט און מענשען אויף א פארנינפטיגען, געלאסענעם, עכט־ענגלישען אופן.

ער איז דער איינציגער פאסאזשיר, וואס פוצט זיך יעדען

אוועגנד אוים אין א טאקסידא און א געקראכמאלעטע ווייסע העמד.

א היבשע צאהל אידען געפינט זיך אין די אנדערע קלאסען, הויפטזעכליך אין דעם פערטען, וואו די פאסאזשירען שלאפען אויף דער פאלובע און עסען זייערע אייגענע שפייז. פאר אזא רייזע צאהלט מען 3 פונט (וועניגער ווי 15 דאלער). דאס זיינען דורכאוים אידישע יונגעלייט פון פאלעסטינע. אייניגע פון זיי רעדען ניט קיין אנדער שפראך ווי העברעאיש. א פאר אנדערע רעדען אויך ענגליש, און די איבעריגע רעדען צווישען זיך העברעאיש און מיט מיר אידיש אדער רוסיש. די ביכער וואס זיי זיי לייענען דא זיינען העברעאישע אדער רוסישע. זיי זיינען אלע אינטעליגענט, און איינער פון זיי — יעווזעראוו — איז איינער פון די רעדאקטארען פון אן עקאנאמישער צייטשריפט וואס ערשיינט אין פאלעסטינע אויף ענגליש און העברעאיש.

אויף א פאר פון דיזע אידישע בחורים האב איך פריהער גע־מיינט, אז זיי זיינען עגיפטער, הויפטזעכליך אויף א יונגענמאן, וועלכער איז א סטודענט אין דעם אוניווערזיטעט, וואס אמעריקאנער האלטען אויף אין ביירוט, סיריע. אין דעם אוניווערזיטעט לערענט מען אלץ אויף דער ענגלישער שפראך, און אלע פון זייערע הויפט־פראפעסארען זיינען אמעריקאנער. מיט דיזען יונגענמאן האב איך אויך געהאט א פאר אינטערעסאנטע שמועסען.

ווען איהר מיינט אויף אימיצען, אז דאס איז געווים א גוי, און דערנאך צייגט זיך ארוים, אז דאס איז א איד, ערקונדיגט איהר זיך גלייך אז ער האט „טאקע אן עכט־אידישען פנים". און איהר וואונדערט זיך אויף זיך אליין, ווי אזוי איהר האט געקענט האבען אזא „לעכערליכען טעות"... אזוי איז דאס שוין מיט פילע אנדערע זאכען אויך — ווי דער מוח דענקט, אזוי זעהען די אויגען. און דאס איז אפשר א שטיקעל קרוב פון דעם באריהמטען כלל, אז ווי דאס הארץ ווינשט אזוי דענקט דער מוח.

* * *

אין דעם געדרוקטען פאסאזשירען־ליסט געפינט זיך א שורה „דעפוטאט רענאדעל און פרוי". זאגט צו מיר מיין יונגער טיש־

שכן, דער געלאַג: „איהר האָט באמערקט? מיט אונז צוזאַמען פאָרט דאָך א דעפּוטאַט — רענאַדעל!...”

מיט עהרפורכט און שטאָלץ האָט ער דאָס געזאָגט. אז רענאַדעל איז א סאָציאַליסט, האָט ער געוואוסט. דאָס האָט איהם אָבער ניט אינטערעסירט. ער איז א דעפּוטאַט! — דאָס איז דער עיקר.

יוי באַקאַנט, איז רענאַדעל איינער פון דעם קאָמיטעט פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס דאַרף באַזוכען פאַלעסטינע און דערנאָך אָפּגעבען א באריכט. אז דער קאָמיטעט, אָדער יעדענפאַלס רענאַדעל, פאָהרט שוין אהין און אז ער געפינט זיך אויף דער „פּיערר לאָטי”, איז פאַר מיר געווען א זעהר אנגענעמע איבערראַשונג. איך בין אמאָל מיט איהם באַקאַנט געוואָרען אין פאַריז, מיר האָבען אָבער צוזאַמען פאַרבראַכט נאָר א פאָאר מינוט, און פון זיין אָנבליק האָב איך א גאַנץ אונדייטליכען באַגריף. אלזאָ, האָב איך גענומען פאַנאַנדערפרעגען, ווער פון די פּאַסאַזשירען איז דער באַריהמטער דעפּוטאַט רענאָדעל. האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז זיין נאָמען איז אין דעם ליסט אַריינגעקומען דורך א טעות.

דער טשיף־סטוארט זאָגט, אז רענאַדעל איז קיין פאַלעסטינע אוועקגעפאָהרען מיט א פריהערדיגער שיף, און אז ער איז שוין דאָרטען.

רענאָדעל איז א וויכטיגע פּערזענליכקייט און א וויכטיגער סאָציאַליסט, א טרייער און פּראַקטישער. זיין באַזוך אין פאַלעסטינע וועט זיין וויכטיג.

זייענדיג אין זשענעווא, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אז צווישען די דעלעגאַטען פון דער „ליג אָוו נעישאָנס” איז, מיט א פאָאר אויסנאַמען, די סימפּאַטיע צו דער אידישער פאַלעסטינע זעהר גרויס. די עפענטליכע מיינונג וואָס דאָס קען באַשאַפען קען האָבען א באַדייטונג, און אזעלכע מענער יוי וואַנדערוועלדע און רענאָדעל קענען שפּילען א ראָלע דערביי.

* * *

אויף די שפורען פון בלוט און חורבן.

איך שטעה מיט א גרופע פון די דערמאָנטע אידישע יונגע לייט און מיר שמועסען. עס איז מיר אָהן א ברעג אינטערע־סאַנט. אט זאָגט איינער פון זיי:

— וויפיל אידען האָבען מיר אין די שחיטות פארלאָרען? ביי דריי הונדערט... וואָס פאר א באַדייטונג האָט דאָס אין דער געשיכטע פון א לאַנד? מיר זיינען באַרייט אויף ווייטערע קרבנות. איהר האָט געלעזען ווי אונזערע בחורים האָבען פאר־טיידיגט תל־אביב און פילע פון די קאָלאָניעס? זיי האָבען די בלוט־כוליגאַנעס אזוי צוריק־געשטויסען, אז זיי וועלען שוין אזוי גיך זיך צו אזעלכע זאכען ניט נעמען. זיי וועלען פאר־זאָגען א צעהנטען.

ער זאָגט דאָס רוהיג, געלאסען, מיט א טאָן פון טיפען גלויבען און ניכטערען מוט און אָפּפערוויליגקייט.

פילע פון דיזע פאלעסטינער יונגלייט האָבען פון דער היים באַקומען בריף, פון חברים וואָס האָבען איינטייל גענומען אין די קאַמפען; פון מענשען וואָס האָבען מיט זייערע אויגען גע־זעהן די שחיטות. איינינע פון די דאָזיגע בריף האָט מען גע־לייענט פאר מיר. עס איז געווען שרעקליך צו הערען. אין איין בריף אזעלכען ווערט, צום ביישפיל, דערצעהלט ווי די כוליגאַנעס האָבען ביי א אידיש קינד אויסגעדרעהט, צובראָכען און אָפּגעריסען די הענטלעך פאר דער מוטער אין די אויגען; ווי זיי האָבען זייערע קרבנות געשניטען און געשטאָכען, מאַכענ־דיג צעהנדליגע וואונדען אין אַן אידישען קערפּער אין א וואהנ־זין פון טייוועלשער רציחה, וועלכע עראינערט אָן די ווילדסטע פון די רוסישע פּאָגראָמען.

פאר מיר דאָ, אויף דער שיף, איז אין דעם מאָמענט דאָס וויכטיגסטע די אָרט ווי אזוי די פאלעסטינער אידען, מיינע מיט־רייזענדע, ריידען וועגען דיזע זאכען. מיט א רוהיגען טאָן פון ענטשלאָסענהייט און מוט ריידען זיי. אָהן געשרייען, אָהן נער־וועזע קאָכעניש. אפילו די, וואס מאכען באמערקונגען וועגען דער צוקונפט מיט אַן אָפּקלאַנג פון צוריקגעהאַלטענעם פעסימיזם, אפילו זיי ריידען אין אזא טאָן.

עס איז געווען אמאל א צייט ווען אידען פלעגט מען האל־טען פאר טרוסען, און ווען זיי אליין פלעגען זיך אויך אזוי באטראכטען. יענע צייטען זיינען שוין לאנג פאראיבער. די זונ־דעלעוויטשעס און די גערשונים, די בונדיסטען און די אנדערע בראווע אידישע רעוואלוציאנערען פון די פארשידענע סאציא־ליסטישע לאגערען האבען דעם איינדרוק אפגעמעקט. איצט איז דער פאקט, אז אידען זיינען צווישען די שעהנסטע העלדען, ווי־דער באשטעטיגט געווארען — אין פאלעסטינע. איך פיהל דאס דא. איך פיהל עס מיט א באזונדערער דייטליכקייט, בשעת איך הער זיך צו צו די רייד פון די דערמאנטע אידישע יונגעלייט, ווען זיי שמועסען מיט א געלאסענעם שטאלץ און אפפערפערטיגקייט וועגען די העלדישקייטען פון די אידישע קעמפער אין די בלוטיגע טעג פון פאלעסטינא.

* * *

די שיף איז פארביינגעשוואומען דעם וואולקאן סטראמבאלי, גאנץ נאהענט לעבען איהם — ביי א פאר הונדערט טריט פון איהם. דיזער פייער־שפייענדער בארג איז א קליינער פעל־זען־אינזעל. מיט פייער שפייט ער איצט גראד ניט; ער קען דאס אבער ווידער טאן. א שטענדיגע געפאהר... פון זיין שפיץ געהט איצט א רויך, הגם ניט קיין געדיכטער. אויף זיינע משופע־דיגע זייטען זעהט זיך פארהארטעוועטע לאווא, דער הייסער צו־שמאלצענער שטאף, וועלכען ער האט אמאל ארויסגעווארפען פון זיך און וועלכער איז שוין לאנג פארשטיינערט געווארען.

אונטען, אונטער דעם בארג, אויף א קליינעם שמאלען שטח צווישען איהם און דעם ארומיגען ים, שטעהען הייזער — א גאנצער דערפעלע.

דער הויכער בארג, וועלכער וואקסט פלוצלונג ארויס פון מיטען ים, מאכט א מערקווירדיגען איינדרוק, און דער שוואכער רויך, וואס קרייזעלט זיך און שפרייט זיך פון זיין שפיץ, מאכט דעם איינדרוק נאך אינטערעסאנטער און שטארקער...

אן איינזאמער טייוועל, אין דער געשטאלט פון א בארג, וואס איז ניט גרויס אבער הויך. ער שטעהט אין רעכטען מי־

טען וואסער... אט־אט וועט ער זיך צוקאכען און נעמען ברעכען מיט פייער און מיט צושמאלצענע פעלזען־שטיין...

סטראמבאלי! עס קלינגט מיר ווי א פאסענדער נאמען פאר א שד...

מיר זיינען אלע געשטאנען און געקוקט. דאס וואס די שיף געהט אזוי לאנגזאם איז דיזען מאל ווילקאמען געוועזען.

— איהר זעהט, — זאגט צו מיר איינער פון די אידישע יונגעלייט — מענשען וואוינען דא. זיי בעארבייטען זייער שטיקעל ערד. זיי ציהען זייער חיונה פון איהר. זייערע קינדער ווערען דא געבוירען. יעדע מינוט קען סטראמבאלי זיך פאנאנדערלאזען, ווידער שפייען מיט פארניכטונג. שטעלט דאס דיזע דארפסלייט אפ? א האר אויך ניט! זיי טראכטען וועגען דעם אפילו ניט. עס איז זייער היים... דאס זעלבע איז מיט אונז, אידען פון פאלעסטינא. די שחיטות, וואס מען האט געגען אונז ארגאניזירט, וועלען אונז ניט אפשרעקען. פאלעסטינע איז אונזער היים. מיר וועלען אונזער היים אויפבויען און מיר וועלען קעמפען פאר איהר, אויב ס'וועט זיין נויטיג.

שפעטער אביסעל זיינען מיר געשוואומען צווישען דעם דרום־ברעג פון איטאליען און דעם אינזעל סיצילען. אויף דער סיצילישער זייט, ביים ברעג, ליגט די שטאדט מעסינא; און אויף דער זייט פונ'ם איטאליענישען הויפטלאנד ליגט די שטאדט רעדזשיא. מיר זיינען געשטאנען און געקוקט אויף ביידע שטעדט — א קוק רעכטס, א קוק לינקס. א זעלטען אינטערעסאנטער צווילינגס־בילד, מיט א שמאלען פאס ים צווישען די צוויי שטעדט.

— איהר געדענקט די ערד־ציטערניש, וואס איז פארגעקומען אין מעסינא פאר עטליכע יאהרען? — זאגט צו מיר א צווייטער יונגערמאן, וועלכער האט אנטייל גענומען אין דעם געשפרעך. — וואס פאר א חורבן דאס איז געוועזען! האט דאס אבער די איינוואוינער פארטריבען פון דארטען? ניין! זיי האבען איבערגעלעבט דעם אונגליק און זיי בעארבייטען ווייטער זייער ערד. זיי לעבען ווייטער אין זייער היים. פונקט אזוי איז מיט

אונז. מיר זיינען געקומען אין פאלעסטינא און וועלען דארטען בלייבען. קיין זאך אין דער וועלט וועט אונז ניט אפשרעקען.

און ער האט פארגעלעזען אן אויסצוג פון א בריף וואס ער האט ערהאלטען פון א ברודער פון פאלעסטינע. עס ווערט דארטען גערעדט וועגען די בלוטיגע פאגראמען, וועגען איינצעל־הייטען פון דעם העלדישען קאמף און וועגען דער צוקונפט — אלץ אין דעם זעלבען טאן, ווי דער יונגערמאן האט זיך אויס־גערעדט וועגען די איינוואוינער פון מעסינא.

* * *

נאך מיטאג פון דעם זעלבען טאג זאגט צו מיר אן אנדערער פון די אידישע יונגע לייט: „גאלדבערג וויל זאגען קדיש נאך זיין העלדישען זוהן. מיר שטעלען צונויף א מנין פאר איהם."

איך בין מיטגעגאנגען מיט זיי. דער מנין האט זיך פאר־זאמעלט אין גאלדבערג'ס קאיוטע. מען איז געשטאנען צוזא־מענגעדריקט. אלע האבען געטראגען היטלען אדער העטס. מיט ערנסטע שווייגענדע פנים'ער זיינען זיי געשטאנען און מיט א טיפען רעספעקט האבען זיי זיך צוגעהערט צו דעם אבל'ס תפילה. זיי זיינען ניט רעליגיעז, דיזע אינטעליגענטע בחורים. דאס איז געווען זייער אויסדרוק פון רחמנות און ליבע צו דעם פאטער, און פון עהרע און ליבע צו דעם אנדענקען פון זיין מארטירער־זוהן.

דער פאטער האט אפגעדאווענט מנחה און דערנאך געזאגט קדיש. ער האט געקעמפפט מיט די טרערען, וואס האבען איהם געשטיקט דעם אטעם, און מיר אלע האבען אויך זיך שיער ניט צעוויינט.

אן אונפארגעסליכע טרויער־דעמאנסטראציע...

* * *

א אידישע פרוי רעדט וועגען דעם, ווי אונזער שיף וועט אנקומען קיין יאפא. צום ברעג קענען שיפען דארטען ניט צו קומען. די פאסאזשירען און זייער באגאזש נעהמט מען דארטען אראפ אויף לאדקעס, און די לאדקעס ווערען געטריבען פון אראבער.

— דער האפען איז איצט באוואכט פון ענגלישע מיליטער, — זאגט די פרוי — און די אראבער וועלען ניט וואגען טאן עפעס שלעכטס. אבער דאך... אויפ׳ן הארצען וועט אפשר זיין קאלעמוטנע... אין זייערע לאדקעס צו זיצען וועט זיין ניט אנגענעהם.

— זייט ניט אונרוהיג! — רופט זיך אפ א צווייטע אידישע פרוי — מ׳שרייבט מיר פון פאלעסטינא, אז די לאדקעס, וואס נעהמען אראפ די פאסאזשירען, ווערען איצט געטריבען ניט פון אראבער נאר פון ענגלישע מאטראסען, און ביים ברעג שטעהען סאלדאטען מיט ביקסען און מיט א מאשין־ביקס.

די יונגע לייט הערען זיך צו און שווייגען. איינער פון זיי זאגט, אז די שטארקע וואך איז מסתמא שוין אפגעשוואכט געווארען. די הייסע מינוט איז שוין פאראיבער. דאך האט ער און די איבעריגע יונגעלייט קיין מורא ניט. זיי זיינען איבערצייגט, אז אין יאפא אדער תל־אביב אדער ירושלים וועלען די כוליגאנעס איצט ניט סמייען צו באגעהן זייערע פארברעכענס. און דאס איז דער געפיהל ביי אלע אידישע פאסאזשירען. זיי פאהרען אהיים, אזוי ווי דארטען וואלט גאר ניט פאסירט. בלויז ווען מען צורעדט זיך, הערט מען א ווידער־קול פון די שחיטה־טעג און אויסדרוקען פון א שטימונג פון מוטה און אפפער־פערטיגקייט.

— אין בערלין האב איך פון איינינגע רוסישע אידען געהערט, אז איצט איז שוין פאר דער אידישער פאלעסטינא קיין האפנונג ניטא, — דערצעהלט א יונגערמאן. — איהר פארשטעהט, זיי, ניט־ציוניסטען, מענשען, וואס האבען קיינמאל מיט אונז ניט סימפאטיזירט זיינען אין פארצווייפלונג וועגען אונז. זאלען זיי נאר ניט זארגען פאר אונז. מיר אליין האבען קיין אורזאכע ניט צו צווייפלען, און זיי, די פרעמדע, געגנער אונזערע, זיי זיינען שטארק פארזארגט וועגען אונזער שיקזאל.

מיט א טאן פון גוטמוטיגען סארקאזם האט ער דאס ארויס־געריידט.

דער געשפרעך איז אונטערבראכען געווארען. די שיף האט גענומען הויך טרובען. מיר גיבען א קוק: גאנץ נאהענט לעבען אונז, אין דער געגענזייטיגער ריכטונג, געהט א שיף. יענע טרו־

בעט אויך. די צוויי דאמפפער באגריסען זיך. די פאסאזשירען מאכען איינע צו די אנדערע מיט טאשען־טיכלאך. די שיף איז אזוי נאהענט צו אונז, אז מיר קענען לייכט איבערלעזען איהר נאמען. „שולענסיאן" הייסט זי. זי געהערט צו דער זעלבער קאמפאניע ווי די „פיערר לאטטי".

עס איז פרעהליך. דריי קליינע מיידעלעך, פראנצויזישע, געהען איבער דער „פאלובע" ארומנעמענדיג איינע די אנדערע ארום די העלזער. זיי געהען שפרינגענדיג לוסטיג. עטליכע פון די אידישע יונגע לייט און פרויען זינגען א ליד אויף העברעאיש...

* * *

איינער פון די אידען, וואס וואוינען שוין לאנג אין פאלעסטינא, א פראקטישער מענש, האט שמועסענדיג וועגען דער לאגע אנגעהויבען מיט א גאנץ ניט־פראקטישער באמערקונג וועגען דער ראלע וואס די ענגלישע רעגירונג שפילט דא. ער גלויבט, אז זי האט דאס איינענטליך ארגאניזירט די אראבער געגען די אידען, ווייל דאס לוינט זיך איהר. ווען די צוויי פעלקער וועלען זיך רייסען צווישען זיך, וועט מען איהר דארפען האבען צו האלטען ארדנונג. אלזא וועט זי האבען א שטענדיגע ערקלערונג פאר וואס זי הערשט איבער'ן לאנד.

דערנאך אבער האט ער אויסגעדריקט א וויכטיגערען געדאנק. ער האט, צום ביישפיל, געזאגט דאס פאלגענדע:

ווען אן אראבער לענדלארד האט א הויז צו פאררענטען, הענגט ער מייסטענס ארויס א אידישע שילד און ניט קיין אראבישע. ווארים די אידען זיינען די בעסטע טענענטס. זיי צאהלען מעהר רענט און זיי צאהלען פינקטליך. די אידען זיינען איבערהויפט די בעסטע קונדען ביי די אראבער. די אראבער פראָ־דוצירען גרינסען, מילך, פוטער, קעז, זיי האבען גערטנער און בהמות און זיי ברענגען זייערע פראדוקטען אויפ'ן מארק, וואו דער איד איז ביי זיי דער אנגעלעגטסטער קונה. דאס זעלבע איז מיט די אראבישע בעל־מלאכות, ווי שניידער, שוסטער, שמידען, סטאליארעס, שטיוועל־פוצער. דער אראבער דארף ווייניג האבען און אז ער געהט שוין עפעס קויפען, צאהלט ער די נידעריגסטע פרייזען. ווען אין פאלעסטינא וואלטען ניט געבליבן קיין אידן,

וואלטען די פרייזען שטארק ארונטערגעפאלען, עס וואלט פאר די אראבישע בעל־מלאכות און פויערים ניט זיין קיין ארבייט, און זייערע קלייטען וואלטען פוסטעווען. אדער נעהמט די אראבער, וואס מאכען א לעבען פון אויסלאדען און אנלאדען די שיפען. דער גרעסערער סארט מסחר איז ביי אידען אין די הענט. זיי ענטוויקלען איהם. אהן זיי וואלט דער האנדעל פון פאלעסטינא געווארען אזוי קליין און מאגער ווי פאר טויזענד יאהרען. דער גאנצער עקאנאמישער לעבען וואלט שטארק געליטען.

דאס פארשטעהען און פיהלען ניט נאר די אראבישע ארימע לייט, נאר אויך די גוט־באזיצער, לאנד־באזיצער. צוליב די אידען זיינען זיי רייך געווארען.

— אלזא, — זאגט דיזער פאלעסטינער איד — איז אן אונ־זין צו גלויבען, אז די שחיטות לוינען זיך פאר די אראבער.

דערביי דריקט ער אויך אוים אזא געדאנק: אומעטום שטאמט דער אנטיסעמיטיזם פון עקאנאמישע אורזאכען. ער ווערט אויפ־געבלאזען פון דעם אידענ'ס קריסטליכע קאנקורענטען אין געשעפט. ביי אונז אין פאלעסטינא איז אבער אזא פונדאמענט פאר אידען־האס ניטא. פארקעהרט: די עקאנאמישע אומשטענדען זיינען גראד געגען אידען־האס. דער אראבער האט גאר אן עקאנא־מישען גרונד צו זיין געגען אידען פארפאלגונגען. אלע אונזערע צרות שטאמען פון א גיפטיגער אגיטאציע וואס ווערט אנגעפירט פון געוויסע פערזאנען; און די וואס רופען זיך אויף איהר אפ, זיינען מייסטענס אונפעראנטווארטליכע מענשען, וואס זיינען בערייט צו ראבעווען און באגעהן אלערליי אנדערע פארברעכענס. עס פארשטעהט זיך, ווען עס ווערט א מהומה, האט דער אנשטענ־דיגער אראבער מורא צו שטעלען זיך דאגעגען. ער מוז כלומרשט מיטהאלטען מיט דער פארשפרייטער שטימונג. ביי זיך אין האר־צען ווייס ער אבער אז פאר דער אראבער באפעלקערונג זיינען דיזע אויפהעצענישען ניט קיין טובה, נאר א רעה.

אן אנדער ערפאהרענער איד, א אינטעליגענט און א גוטער בעאבאכטער, ווי עס שיינט, האט וועגען דיזען פונקט גערעדט אין א טאן פון צווייפעל.

— וועגען אזעלכע זאכען קען ניט זיין קיין באשטימטער

כלל, — האָט ער געזאָגט — א פעסטער כלל איז דאָס רוב אַן איינזייטיגער כלל. עס איז טאַקע אמת, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם אַנטיסעמיטיזם קומט פון עקאָנאָמישע אומשטענדען, אָבער נ י ט ב ל ו י ז פון דעם. אַ סך פיינדשאַפט צו אונז האָט ניט אונטער זיך קיין עקאָנאָמישען פונדאַמענט. מען האָט פשוט פיינט דעם אידען... דעריבער קען מען ניט זאָגען, אַז אָהן אַגיטאַציע וואָלטען די אַראַבער קיין מאָל אונז ניט באַפאַלען. צו וואָס זאָלען מיר זיך דאָס איינרעדען?

דער איד, וואָס האָט אַזוי גערעדט, האָט געגעבען אַ משל: ווען עס ברעכט אויס אַ סטרייק, האָבען פאַבריקאַנטען אַ כלל — די אַרבייטער פירער האָבען די אַרבייטער אויפגעהעצט. אַז די אַרבייטער אַליין האָבען דעם סטרייק געפאָדערט, דאָס ווילען זיי ניט צוגעבען.

— נאַטירליך, אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרס, פאָליטישענס, וועלכע האָבען אַן אינטערעס צו כאַפּען פיש אין מוטנע וואַסער, זיי האָבען אָרגאַניזירט די שחיטות. דאָס איז דאָך אַזוי דייטליך, — האָט דער זעלבער מאַן ווייטער ערקלערט — איך מיין בלויז צו זאָגען, אַז מיר טאָרען ניט זיין צו אָפּטימיסטיש און איינזייטיג. מיר טאָרען זיך ניט פאַרלאָזען צופיל אויף עקאָנאָמישע אינטערעסען. דער אַראַבער קען אין זיך טראָגען אַ שנאה צו אונז טראָץ זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסען. די הויפּטזאַך איז, אַז די רעגירונג זאָל איהם מאַכען פיהלען, אַז זי וועט יעדע כוליגאַנסטוואָ שטרענג באַשטראָפען, ווי טערקיי פלעגט טאָן. דאַן האָבען די אַראַבער מורא געהאַט. איין טערקישער סאָלדאַט אָדער פּאָליציאַנט פלעגט מיט אַ נאַגאַיקע צוטרייבען אַ גאַנצע מחנה. וועט דאָס אָבער ענגלאַנד טאָן? קען זי זיך פון איהר שטאַנדפּונקט, דאָס פאַרגינען? דאָס איז די וויכטיגסטע פראַגע, גלויב איך.

* * *

די שיף דרוקט אַלע טאָג אַ ציטונגעל. די נייעס באַקומט זי אויפ'ן דראָטלאָזען טעלעגראַף. עס איז אָבער׳ אַ גאַנץ מאָגערער עסק. וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, און הויפּטזעכליך אין פאַלעסטינא, קען מען פון דער „ציטונג" ניט וויסען.

אַלזאָ, האָט אַ פרוי באַמערקט: ווער ווייס וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען אין די עטליכע טעג וואָס מיר זיינען אויף דער שיף?

— ס'איז גאָר ניט פאָרגעקומען, — האָט זיך אָפּגערופען אַ צווייטע פרוי — אַ פּאָגראָם איז אַזוי ווי אַ יאַריד. אַז ער געהט אַריבער, איז שטיל. קיין צווייטע „חתונה" אַזעלכע וועט אַזוי גיך ניט זיין.

און צוויי יונגעלייט, וואָס זיינען געשטאַנען דערביי, האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ.

עס האָט גענומען בלאָזען אַ ווינט. דער ים האָט אָנגעהויבען זיך צו הויבען און קייקלען. די שיף האָט אָנגעהויבען זיך צו וואַרפען. אייניגע פון די פּאַסאַזשירען זיינען פאַרשוואונדען פון דער „פּאַלובע".

—אַמאָל האָב איך מורא געהאַט פאַר'ן ים, — זאָגט צו מיר די פרוי, וואָס האָט פאַרגליכען אַ פּאָגראָם צו אַ יאַריד — איצט שוין ניט. מען ווערט צו אַלץ צוגעוועהנט. אַ סאָלדאַט אויפ'ן שלאַכטפעלד ווערט צוגעוועהנט צו די קוילען, וואָס טראָגען זיך אַרום איהם. מיר האָבען אַ סך דורכגעמאַכט אין פּאַלעסטינע. מיר האָבען פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט.

* * *

מיסטער זאַלצמאַן האָט אַרויסגענומען אַ העברעאישען בריף פון קעשענע און גענומען איהם בלעטערען. דער בריף איז באַשטאַנען פון עטליכע בויגעלאַך פּאַפּיר. דאָס איז געוועזען פון זיין זוהן. אַ 12-יאָהריגער אינגעל, וועלכער געפינט זיך די גאַנצע צייט אין פּאַלעסטינע. אין די טעג פון צוזאַמענשטויסען מיט די כוליגאַנעס איז ער געוועזען איינער פון אַ מחנה אינגלעך, וואָס האָבען געקעמפט צוזאַמען מיט די עלטערע בחורים. אין דעם בריף באַשרייבט ער אַלע איינצעלהייטען פון די פּאַסירונגען אין דער פאָרמע פון אַ טאָגע-בוך. ער שרייבט ווי אַן ערוואַקסענער מענש. פילאָזאָפישע ניכטערקייט איז געמישט מיט אַ גייסט פון מוט און מיט אביסעל הומאָר. דער זעלבער טאָן ווי דער, וואָס איך הער דאָ אויפ'ן שיף פון די יונגע לייט. אַ זעלטענע שטימונג, אַ זעלטענער גייסט. זעלטענע יונגעלייט. אַ זעלטענע צייט.

אַ העלדישע פאַרטיידיגונג

די שרעקליכע נאַכט אין דער קאָלאָניע הר טוב, נעבען ירושלים.—20 אידישע פארמערס געגען הונדערטע מערדער, רויבער און אונטערצינדער.—וואָס בולגארישע אידישע קאָלאָניסטען ראָבען מיר דערצעהלט.

ווען איך האָב דערגרייכט פאלעסטינע, איז תל־אָביב געווען מיין ערשטע סטאַנציע. דאָרטען איז שוין געווען דער מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס", חיים ליבערמאַן, וועלכער איז אהין געקומען פון פראַנקרייך מיט א פּאָר וואָכען פריהער. ער האָט שוין געשיקט טעלעגראַפישע באַריכטען וועגען די שחיטות און דעם וואונדערבאַרען זעלבסט־שוץ. זיינע דעפּעשען האָבען געמאַכט אַן אונגעהויערען איינדרוק אין אמעריקע.

— וואו קען איך זעהן די קרבנות פון די פּאָגראָמען, וועלכע האַלטען זיך איצט אויף אין תל־אָביב?

מיט דער פראַגע האָב איך זיך געווענדעט צו ליבערמאַנען און צו אונזערע פריינד פון דעם הסתדרות, ווען איך בין אָנגעקומען אין תל־אָביב.

אין דער צייט פון די שחיטות זיינען די אידען פון פילע קאָלאָניעס געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזען זייערע פּלעצער. זיי האָבען העלדיש געקעמפט, אָבער ענדליך האָבען זיי געמוזט זוכען זיכערהייט אנדערשוואו, ווייל מען האָט אונטערגעצונדען זייערע שייערען און הייזער.

די פּאַלעסטינער אידען פון אנדערע פּלעצער האָבען זיי

אַלעמען אויפגענומען מיט אַ וואַרימער ליבע און באַזאָרגט מיט ציטוווילינע היימען.

פּלעצער, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען קרבנות, זיינען אין תל־אָביב געווען עטליכע. אַלזאָ, האָט מען מיך אוועק־געפיהרט אויף איינעם פון זיי — אין אַ געביידע, וועלכע איז פאַרבונדען מיט די טעטיגקייטען פון די סאָציאַליסטישע געווערק־שאַפטען. דאָרטען, אין צוויי צימערען, האָבען מיר געטראָפען צוויי גרויסע גרופּען — מענער, פרויען און קינדער. זיי זיינען אַלע געווען פון דער קאָלאָניע הר טוב, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון ירושלים. זיי זיינען געזעסען און געשמועסט גאַנץ געמיטלעך. אויפ׳ן ערשטען בליק איז ניט געווען צו דערקענען, אַז דאָס זיינען מענשען, וואָס זיינען געצוואונגען געוואָרען צו פאַרלאָזען זייערע היימען, אום צו ראַטעווען זייערע לעבענס. האָב איך, אין אַ שפּאַסיגען טאָן, געמאַכט אַ באַמערקונג וועגען דעם.

— ערשטענס, איז מען שוין מיד געוואָרען צו דאגה׳נען, — האָט געענטפערט איינער פון די אַנוועזענדע, מיט אַ שמייכעל — און צווייטענס, וואָס העלפט דאָס וויינען און דאָס זיפצען ?

מיין באַגלייטער האָט איהם אונטערבראָכען:

„זיי האָבען זייער קאָלאָניע אַזוי גיך ניט פאַרלאָזען, — האָט ער צו מיר געזאָגט — זיי האָבען פריהער געקעמפט. אָך, ווי זיי האָבען געקעמפט! ווי אמת׳ע העלדען! פילע שטונדען האָבען זיי זיך געהאַלטען געגען אַ ריזיגער מאַסע באַוואָפענטע אַראַבער, וועלכע האָבען געדורשט נאָך זייער בלוט. ביי אַ צוואַנציג מענער געגען אַ פּאָר טויזענד ווילדע חיות. ערשט דאַן, ווען עס איז געקומען הילף פון דער רעגירונג און אַן ענגלישער אָפיצער האָט זיי געצוואונגען אַריבערצופאָהרען אין אַ באַוואַכטען פּלאַץ, האָבען זיי פאַרלאָזען הר טוב. און דאַן האָבען די כוליגאַנעס, וועלכע עס האָט זיך ניט איינגעגעבען צו זיין פּילפּאַכע מערדער, זיך גענומען צו דער אַרבייט פון רויבען און ברענען. אַ קאָלאָניע פון זעקס און דרייסיג יאָהר בויען מיט שוויים און מיט ליבע האָבען זיי פאַרניכטעט.״

— ווען מיר וואָלטען זיך פאַרנומען מיט קרעכצען, —

האט איינער פון די קאלאניסטען זיך ארייגעמישט — וואל־טען מיר שוין לאנג אויף דער וועלט ניט געווען. עס איז קיין צייט ניט געווען צו קרעכצען, מען האט באדארפט שטעהן מיט ביקסען אין די הענט און פארטיידיגען זיך און אונזערע פרויען און קינדער. צווישען אונזערע קעמפער איז ניט גע־ווען איינער וואס האט פארלארען זיין מוט.

ער האט גערעדט אויף העברעאיש, און זיינע ווערטער האט א באגלייטער מיר איבערזעצט אויף אידיש. אבער אייגענטלאך איז דאס איבערזעצען, אין די ערשטע מינוטען ווענינגסטענס, געווען איבעריג: אין די אויגען פון דעם קאלאניסט און אין זיין גאנצען פנים וואלט מען געקענט לייענען דעם פשט פון זיינע רייד.

אין גאנצען זיינען אין דער קאלאניע הר טוב געווען עטליכע און פערציג פערזאן, און אלע האבען זיי זיך איצט געפונען אין דער געביידע פון דעם הסתדרות, אין תל־אביב. אבער אין די־זען מאמענט זיינען ניט אלע געווען אויפ׳ן פלאץ. איינינגע זיי־נען געווען אוועק ערגעץוואו. מ׳האט מיך פארגעשטעלט פאר דעם עלטסטען פון דער גרופע, וועלכע האט מיך איצט דא ארומ־גערינגעלט. גבריאל לוי (לעווי) איז זיין נאמען, א איד פון די מיטעלע יאהרען, א ברונעט מיט א זעהר אנגענעמען שמייכעל, אן אנגענעמע שטימע און אנגענעמע מאניערען. עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז ער איז געווען דער קאפיטאן פון דעם זעלבסטשוץ, דער קאמאנדיר פון דער קאלאניע, ווען זי האט זיך פארטיידיגט געגען די אראבער.

מיר זיינען געזעסען און געשמועסט. אום צו האבען א קלארען באגריף וועגען דעם וואס דארטען איז פארגעקומען האב איך געשטעלט פארשידענע פראגען — ניט דוקא וועגען זייער ביטערען קאמף נאר אויך סתם וועגען דער קאלאניע הר טוב, וועגען איהר פארגאנגענהייט און וועגען איהר לעבען אין דער לעצטער צייט, וועגען די באציהונגען צווישען די אידען און זייערע אראבישע שכנים א. ז. וו. וואס א מינוט איז זייער גע־שיכטע געווארען אינטערעסאנטער.

די געשיכטע פון א קאלאניע.

אלע קאלאניסטען פון הר טוב זיינען פון בולגאריען, אדער קינדער אדער אייניקלאך פון בולגארישע אידען, וועלכע האבען די קאלאניע געגרינדעט אין יאהר 1894. כמעט אלע ריי־דען זיי גוט אראביש און גוט העברעאיש. די עלטערע ריידען אויך שפאניאליש*)

„מיין פאטער איז געוועזן איינער פון די גרינדער פון דער קאלאניע, — האט גבריאל לוי דערצעהלט — אין דער היים איז ער געוועזן א געשעפטסמאן. ער איז געוועזן זעהר פרום און ער האט געטרוימט וועגן באזעצען זיך אין ירושלים און באשעפטי־גען זיך מיט ערד־ארבייט.

„בולגארישע אידען האבען דאן, מיט אכט־און־דרייסיג יאהר צוריק, געגרינדעט א ספעציעלע געזעלשאפט פון פופציג פאמי־ליען וואס האבען געהאט דעם זעלבען צוועק ווי מיין פא־טער. איך בין נאך דאן געוועזן א קינד".

איצט האט גבריאל צוויי זיהן און דריי טעכטער. אלע גע־בארען אין דער קאלאניע הר טוב. גבריאל איז דער מיטעל־סטער פון דריי זיהן. זיינע צוויי ברידער זיינען אויך מיטגלי־דער פון דער קאלאניע.

„מיין פאטער, — האט גבריאל ווייטער דערצעהלט, — האט געקענט ריידען גוט בולגאריש, אבער אין שטוב ביי אונז איז די שפראך געוועזן שפאניאליש. איך קען נאך איצט אויך אבי־סעל ריידען שפאניאליש. און מיינע עלטערע קינדער ריידען נאך אויך דעם לשון אביסעל, אבער די גאנץ קליינע שוין ניט."

ער האט זיך צורעדט וועגן די אמאליגע יאהרען, ווען די משפחה איז נאך געוועזן אין בולגאריען און ווי אזוי זיי זיינען אריבערגעקומען אין ירושלים. עס איז מיר געוועזן אזוי אינטערע־סאנט, אז איך האב געוואלט וויסען אלערליי איינצעלהייטען.

---

*) א שפאנישער לשון אביסעל געמישט מיט העברעאיש און אנ־דערע שפראכען, וועלכער ווערט געברויכט פון אידען וואס שטאמען פון די וואס מען. האט ארויסגעטריבען פון שפאניען אין דער צייט ווען קאלומבוס האט ענטדעקט אמעריקא פאר דער שפאנישער מלוכה.

אָבער דיזע נייגעריגקייט מיינע האָט גבריאל ניט געקענט צופרידענשטעלען, ווייל מיט 38 און 36 יאהר צוריק איז ער נאָך געווען א „ילד קטן” ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט (א קליין קינד).

— איז צווישען אייך ניט געבליבען קיינער פון די עלטערע מענשען, פון די וואס האָבען געגרינדעט די קאָלאָניע? — האָב איך געפרעגט.

— יא, געוויס איז דאָ. אונזער ישראל גורין, צום ביישפיל, וועלכער איז איינער פון די גרינדער. ער איז עד היום אונזער מוכטאַר (אן אַראַבישער וואָרט, וואָס מיינט דער אויסערוועהלטער פיהרער פון א דאָרף).

מען איז איהם געגאנגען אויפזוכען. און א פּאָר מינוטען שפּעטער איז אריינגעקומען א מאַן, ניט קיין הויכער, ניט קיין דיקער, מיט א ווייסע בערדעל און מיט גרויע אויגען. מען זעהט, אז דאָס איז א מאַן פון עטליכע און זיבעציג, אָבער א געזונטער, א קרעפטיגער פּארמער אויפ'ן אויסזעהן. דאָס איז געווען ישראל גורין. ער רעדט אויך העברעאיש, הגם ניט אזוי גוט ווי די אינגערע. ער האָט אָבער דערצעהלט זיין געשיכטע פליסיג. צייטענווייז האָט איהם אויסגעפעהלט א וואָרט, פלעגען איהם די אינגערע אונטערזאָגען. וואָס מעהר ער האָט דערצעהלט, אַלץ אינטערעסאנטער איז געוואָרען. איך האָב איהם פארהאַלטען מיט פראַגען און דאָס האָט אין זיין ערצעהלונג אריינגעגעבען פארשידענע איינצעלהייטען. שעהנע עטליכע שטונדען זיינען מיר אזוי אָפּגעזעסען.

* * *

הר טוב איז אַלזאָ געגרינדעט געוואָרען אין 1894. איהרע גרינדער זיינען געקומען פון א בולגארישער שטעדטעל מיט'ן נאָמען טאטארבאזארדזשיק, וועלכע ליגט לעבען פיליפּאָפּאָל. זי האָט געהאַט צוואנציג טויזענד איינוואוינער, פון וועלכע פופצען טויזענד זיינען געווען אידען. די ניט־אידישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון בולגארען און א קליינער צאָל טערקען. מייסטע פון די אידען זיינען געווען קרעמער אָדער הענדלער. איינינע זיינען געווען בעל מלאכות, איינינע מלמדים. אלע

האבען געגעבען זייערע קינדער אין חדר. מען האט געלערענט תנ"ך און אויך אביסעל גמרא. קיין גרויסע לומדים זיינען אין שטעדטעל ניט געווען. די „אליאנס איזראעליט" האט דארטען געגרינדעט א מאדערנע שולע וואו דער אונטערריכט איז געווען אויף פראנצויזיש. העברעאיש האט מען אין דיזער שולע געלערענט ווייניג. איך האב געפרעגט אויב עס האט זיך געפיהלט צווישען די קריסטען פון שטעדטעל אנטיסעמיטיזם.

„קיין סך איז ניט געווען. עס איז אבער געווען גענוג", — האט דער אלטער גורין מיר געענטפערט.

„א גרויסען שטוים צום געדאנק וועגען באזעצען זיך אין ארץ ישראל האט אונז געגעבען אן עלילת דם געשיכטע. אין יענע יאהרען איז נאך קיין ציוניסטישע פארטיי ניט געווען. עס האט זיך אבער געהערט וועגען די חובבי ציון (ליבהאבער פון ציון), און מען האט זיך ביי אונז אינטערעסירט מיט זיי. דאך וואלט ווארשיינליך צו קיין באשטימטען פלאן וועגען פאהרען קיין פאלעסטינע ניט געקומען ווען ניט די טרויעריגע געשיכטע וואס איז ביי אונז פארגעקומען. מען האט באשולדיגט א אידישע פאמיליע, אז זי האט גע'הרג'עט א קריסטליך קינד, און דאס בלוט פארברויכט אויף מצה. דאס איז פארגעקומען אין 1892. די מעשה איז געווען אזוי..."

דא האט ער גענומען דערצעהלען ווי אזוי די געפאהר האט זיך אנגעפאנגען.

די פאסירונג וועלכע האט געסטראשעט מיט א גרויסער טראגעדיע פאר די אידען פון טאטארבאזארדזשיק האט גראד ארויסגעשפראצט אין דעם הויז וואו גורין אליין האט געוואוינט. אין דעם זעלבען הויז האט געוואוינט אן ארימע בולגארישע פאמיליע וועלכע האט געהאט א סך קינדער. אין א געוויסען דינסטאג, א פאר טעג פאר פסח, איז דער מאן און די ווייב פון דער פאמיליע אוועק אויף א חתונה איבערלאזענדיג די קינדער אין שטוב. דער מאן איז געווען א גרויסער שכור און יעדעס מאל ווען ער איז געווארען שכור פלעגט ער זיין ווייב מערדערליך שלאגען. אין דער נאכט פון דער חתונה איז די פרוי געקומען

אהיים פריהער פון דעם מאַן. זי האָט געפונען איהר צוויי־יאָהריגען קינד טויט.

דער אמת איז געווען, אַז דאָס קינד איז אַראָפּגעפאַלען פון די טרעפּ און איז גע'הרג'עט געוואָרען. די פרוי האָט געוואוסט דעם אמת. אַלץ איז געווען קלאָר. זי האָט אָבער מורא געהאַט, אַז איהר מאַן וועט איהר מערדערען, האָט זי איהר טויט קינד, אַ מיידעלע, אַריינגעוואָרפען אין וואַטער־קלאָזעט. שפּעטער, ווען עס איז געקומען איהר מאַן און גענומען פרעגען אויפ'ן קינד, האָט זי זיך געמאַכט אַז זי ווייס ניט וואו זי איז.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט מען גענומען קלאַפּען אין פּויק און אויסרופען איבער די גאַסען אַז אַ קריסטליך קינד איז פאַרלאָרען געגאַנגען. אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר פּסח, האָבען די אידען שוין פאַרשטאַנען מיט וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס שמעקט פאַר זיי. קריסטען האָבען מאַרשירט דורך די גאַסען מחנות־ווייז, זוכענדיג אומעטום דאָס קינד. אַזוי איז פאַריבער דער גאַנצער מיטוואָך; און דאָנערשטאָג איז געווען דאָס זעלבע. די אויפרעגונג איז אַלץ געוואַקסען. דאָנערשטאָג האָט מען שוין גענומען זוכען אין אידישע הייזער.

די אידישע קהלה פון טאַטאַרבאַזאַרדזשיק האָט דאַן אוועקגעשיקט אַ דעלעגאַציע קיין סאָפיא, די הויפּט־שטאָדט פון בולגאַריען. די רעגירונג האָט זיך אין דיזער אַנגעלעגענהייט אויפגעפיהרט גאַנץ אָנשטענדיג. זי האָט אין טאַטאַרבאַזאַרדזשיק געשיקט סאָלדאַטען צו באַשיצען די אידען.

— זיינען די סאָלדאַטען געקומען אויפ'ן שטעל? — האָב איך געפרעגט.

— תיכף, תיכף, — האָט ער געענטפערט.

— די בולגאַרישע רעגירונג האָט זיך אַלזאָ אויפגעפיהרט ווי געהעריג איז?

— אַ סך, אַ סך בעסער ווי די ענגלישע באַאַמטע פיהרען זיך אויף אין פּאַלעסטינא, — האָט ער געענטפערט.

צוליב די סאָלדאַטען איז שטיל געוואָרען. דער בולגאַרישער עולם האָט זיך ניט ווילענדיג באַרוהיגט. יענעם שבת האָבען די אידען אין שול געבענטשט גומל. ניט ווייט פון דער שול האָבען

געוואוינט צוויי פראטעסטאנטישע בולגארען. אלס פראטעסטאנ־טען האבען זיי א סך געלעזען די ביבעל. האבען זיי ערקלערט פאר די אנדערע קריסטען, אז חושד צו זיין אידען אין קוילען א קריסטליך קינד איז לעכערליך, ווארים די אידישע תורה פארבאט שטרענג בלוט־פארגיסונג. מיט אזעלכע רייד האבען זיי זיך אויך געווענדעט צו דעם פאטער פון דער פארשוואונדענער מיידעלע. „זוך איהר ביי זיך אין דער היים, אפשר וועסטו איהר קערפערל געפינען ערגעץ־וואו”, האבען זיי איהם געראטען.

די צוויי פראטעסטאנטען זיינען מיט איהם געגאנגען צו איהם אהיים און איהם געהאלפען זוכען. זיי זיינען צוגעגאנגען מיט איהם צום וואטער־קלאזעט, פיליכט איז עם דארטען. מיט א שטעקען האבען זיי גענומען זוכען. זיי האבען דערטאפט א קליידעל און מיט'ן קליידעל האבען זיי ארויסגעשלעפט דאס קינד.

די אידען וואס זיינען געווען דערביי זיינען דאן אריבערגע־לאפען אין שול מיט דער גוטער בשורה, אבער דער פאטער פון דער מיידעלע האט גענומען שרייען, אז די אידען האבען אויס־געצאפט דאס בלוט פון דעם קינד און דערנאך איהר אונטערגע־ווארפען. דאן האט די רעגירונג געהייסען דאקטוירים מאכען אן אונטערזוכונג פון דעם קערפער, און דער באריכט איז געווען, אז קיין בלוט האט מען פון דעם קינד ניט ארויסגעצויגען. דאן האט די מאסע גענומען שרייען, אז די דאקטוירים זיינען אידען, הגם דאס איז ניט געווען אמת. די דאקטוירים זיינען געווען קריסטען. די מאסע איז ווידער געווארען אויפגערעגט. די רעגירונג האט אבער גענומען שטרענגע מיטלען ניט צוצולאזען צו קיין בייזעס. די פאליציי האט אנאנסירט, אז יעדער וואס וועט פארשפרייטען דיזע ליגענם וועט שטרענג באשטראפט ווערען.

מיט דעם האט זיך די געשיכטע געענדיגט. אויף די אידען אבער האט זי איבערגעלאזען א שווערען איינדרוק.

* * *

אין יענע צייטען פלעגט אין דער דערמאנטער שטעדטעל אנקומען דער „המגיד”, א העברעאישע טעגליכע צייטונג, וואס פלעגט ערשיינען אין דער דייטשער שטאדט ליק. דער אבא־

נענט פון דער צייטונג איז געווען א לעהרער פון העברעאיש, א יונגער משכיל. דער „המגיד" פלעגט פרעדיגען די אידעען פון די די חובבי ציון און פלעגט וועגען דעם עניין האבען אפטע ארטיק־לען. איצט אלזא, אלס רעזולטאט פון דעם עלילת דם, האט מען גענומען רעדען וועגען גרינדען א געזעלשאפט אויף צו באזעצען זיך אין ארץ־ישראל (מען דארף האבען אין זינען אז בולגאריען געפינט זיך פארהעלטניסמעסיג ניט זעהר ווייט פון ארץ ישראל, א סך נעהענטער, יעדענפאלס, ווי פוילען אדער ליטע, צום ביישפיל).

ענדליך האט מען געגרינדעט א געזעלשאפט, וועלכע איז באשטאנען פון צוועלף מיטגלידער און דער נאמען איז גע־ווען „שנים עשר אחים" (צוועלף ברידער). יעדער מיטגליד האט געצאהלט בייטראגען. דער צוועק איז געווען אנצוזאמלען א פאנד אויף אוועקצושיקען צוויי דעלעגאטען נאך ארץ־ישראל. וועגען קאלאניעס אין ארץ ישראל האט מען שוין געוואוסט טאקע פון ארטיקלען וואס זיינען געווען געדרוקט אין דעם „המגיד". דאר־טען איז א סך געשריבען געווארען וועגען די ערשטע פיאנערען „בילו" (בית יעקב לכו ונלכה), וועלכע האבען זיך אוועקגעלאזען קיין פאלעסטינע פון רוסלאנד נאך די פאגראמען פון 1881 און 1882. (אין דער זעלבער צייט, ווען עס האט זיך אנגע־פאנגען די גרויסע עמיגראציע קיין אמעריקע). דער יונגער לעהרער איז מיט דער דאזיגער פאלעסטינא באוועגונג געווען גוט באקאנט און ווארשיינליך אונטער זיין איינפלוס האט מען צוזאמענגעשטעלט א פלאן וועגען קויפען לאנד אין דער קאלאניע פתח תקוה. ישראל גורין, דער מוכטאר פון דער איצטיגער קאלאניע הר טוב, וועלכער האט מיר דערצעהלט די געשיכטע, איז געווען דער צווייטער מיטגליד וואס איז אריינגעטראטען אין דער געזעלשאפט. א איד מיט'ן נאמען יוסף לעווי, דער פאטער פון דעם אויבען־דערמאנטען גבריאל לעווי, איז אויך געווען איינער פון די צוועלף. צו דער זעלבער צייט האבען זיך עהנ־ליכע חברות געגרינדעט אין אנדערע בולגארישע שטעדט.

אין א קורצער צייט ארום איז אין דעם „המגיד" געווען געדרוקט א נאטיץ, אז לעבען ירושלים קען מען קויפען א שטיק

לאַנד. די טאַטאַרבאַזאַרדזשיקער גרופּע האָט זיך מיט דעם פאַר־אינטערעסירט. אָבער זי אַליין האָט ניט געהאַט גענוג געלד דערצו. האָט זי זיך פאַראייניגט מיט חברות פון אַנדערע בולגאַרישע שטעדט.

צו די אידען פון טאַטאַרבאַזאַרדזשיק זיינען געקומען שלוחים פון סאָפיא, די הויפּט־שטאָדט. מען האָט אָפּגעהאַלטען אַ פאַר־זאַמלונג, און מען האָט באַשלאָסען אַז די סאָפיאַ׳ר חברה זאָל אָפּקויפען איין העלפט פון דעם לאַנד לעבען ירושלים, און די טאַטאַרבאַזאַרדזשיקער חברה די אַנדערע העלפט. דער באָדען, וועגען וועלכען מען רעדט דאָ, איז געווען דאָס אייגענטום פון אַן ענגלישער מיסיאָנערען־געזעלשאַפט, וועלכע האָט געהאַט אַלס אויפגאַבע אָפּצו׳שמד׳ן אידען. קיין „גוטע געשעפטען” האָט די געזעלשאַפט דאָרטען ניט געמאַכט. אין דער גאַנצער צייט פון איהר טעטיגקייט האָט זיך איהר איינגעגעבען אָפּצו׳שמד׳ן בלויז איין אידען, אַ בעסאַראַביער בחור מיט׳ן נאָמען סימאָן. ער האָט זיך באַשעפטיגט מיט מאַכען קליינע צלמים פון בלומען. דאָס פלעגען ביי איהם קויפען קריסטען וועלכע באַזוכען די הייליגע קריסטליכע פלעצער אין ירושלים (איצט געפינט זיך דער דאָזיגער סימאָן אין אַמעריקאַ, וואו ער האָט דיזעלבע אַלטע ביזנעס. ער באַקומט די בלומען־צלמים פון ירושלים און פאַר־קויפט זיי אין אַמעריקאַ). אַלזאָ, האָט מען אָפּגעקויפט דאָס שטיקעל לאַנד. אין 1894 זיינען פיר פון די מיטגלידער אַריבער־געקומען אַהין און דאָרטען, אויפ׳ן באָדען, וואָס זיי האָבען אָפּגעקויפט, האָבען זיי אויסגעגראָבען אַ ברונעם. די נייעס האָבען זיי טעלעגראַפירט אַהיים קיין טאַטאַרבאַזאַרדזשיק, און דאָרטען האָט מען געמאַכט אַ גרויסע שמחה איבער דעם (דריי פון די פיר מיטגלידער וואָס האָבען געגראָבען דעם ברונים זיינען דערנאָך געפאָהרען אַהיים). עס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ פאַרזאַמלונג און מען האָט באַשלאָסען אַרויסצושיקען צעהן פאַמיליען און אַז יעדער פון די אַנדערע פאַמיליען זאָלען ביי־שטייערען הונדערט נאַפּאָלעאָנען, דאָס הייסט פינף הונדערט אַמעריקאַנער דאָלאַר. די צעהן פאַמיליען אָבער זיינען פון געלט־צאָהלען גלייך געווען באַפרייט. זיי האָבען געדאַרפט צאָהלען

מיט ארבייט. לויט דעם פלאן האָבען די צעהן פאמיליען גע־דאַרפט אָפזיין אויפ'ן לאַנד זיבען יאָהר און דאַן, ווען די פארמס וועלען שוין זיין גוט ענטוויקעלט און מען וועט אָנאַזמלען א פאָנד, זאָלען אריבערקומען די אַנדערע.

אין א אידישער שוהל מוז מען נאַטירליך האָבען א כהן און א לוי. אלזאָ, האָבען די ערשטע צעהן משפחות ענטהאלטען א כהן פון סאָפיע — א איד מיט'ן נאָמען ניסן כהן — און א לוי פון טאטארבאזארדזשיק. דער לעצטער איז געווען דער פאָטער פון דעם אויבען־דערמאָנטען גבריאל לוי.

ישראל גורין איז אין דער היים געווען דער גבאי פון דער חברה קדישא. דערפאַר איז אויף איהם, אלס א קהל'שער מענש, געפאלען דער גורל צו זיין איינער פון די צעהן, און ער האָט די פליכט אָנגענומען. ער איז דאַן געווען נאָך גאָר א יונגער־מאַן, זיבען־און־דרייסיג יאָהר אלט. ער און ניסן כהן פון סאָפיא זיינען געווען די ערשטע צוויי, וואָס זיינען אוועקגעפאָהרען אלס מיטגלידער פון דער קאָלאָניע. ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין פאלעסטינא, איז דער מיטגליד, וועלכער האָט זיך דאָרטען געפונען — דאָס הייסט, איינער פון די פיר וואָס האָבען גע־גראָבען דעם ברונים — צוריקגעפאָהרען אהיים.

מען האָט אָפגעמאַכט, אז ווען יענעם יאָהר וועט ביי אימי־צען פון די מיטגלידער געבוירען ווערען א זוהן, זאָל מען איהם א נאָמען געבען בן־ציון. ישראל גורין און ניסן כהן האָבען באַדאַרפט אָפפאָהרען זונטאָג, האָט זיך גראָד געמאַכט, אז פריי־טאָג, דאָס הייסט, מיט צוויי טעג פריהער, האָט ישראל'ס ווייב געבוירען א אינגעל. דורך דעם איז די רייזע אָפגעלעגט גע־וואָרען אויף צוויי וואָכען. דעם אינגעל האָט מען א נאָמען געגעבען בן־ציון.

ווען דער אלטער ישראל גורין האָט דאָס ערקלערט, איז אימיצער פון דער גרופע ארויסגעגאַנגען פון דעם צימער, וואו מיר זיינען אלע געזעסען ארום א לאַנגען טיש. אין א פאָר מינוט שפּעטער איז אין צימער אריינגעקומען א געזונטער מאַן פון עטליכע און דרייסיג יאָהר.

— אט דאס איז דער בן ציון. דאס איז מיין זוהן, — האט ישראל איהם פארגעשטעלט פאר מיר.

דערביי האט מען מיר דערצעהלט, אז אין זעלבען יאהר איז אויך געבארען געווארען א זוהן ביי דעם לוי און איהם האט מען אויך א נאמען געגעבען בן ציון. האב איך זיך שוין פאר־אינטערעסירט צו זעהן דעם צווייטען בן ציון און מען האט אריינגעבראכט א צווייטען געזונטען מאן פון עטליכע און דריי־סיג יאהר.

די רייזע איז אלזא אפגעלייגט געווארען אויף צוויי וואכען צוליב דעם געבורט פונ'ם אינגעלע, וואס איז איצט ביי אונזער לאנגען טיש געזעסען אין דער „פארמע" פון א זעקס־און־דרייסיג יעהריגען פארמער.

— איך האב געוואלט האבען מיט זיך א קינד, — האט דער טער אלטער גורין פארטגעזעצט זיין ערצעהלונג. — אלזא, האב איך מיטגענומען מיין ניין־יעהריגע טעכטער'ל, רחל'ע. ערשטענס, איז געווען היימליכער צו האבען איהר ביי זיך, און צווייטענס קען דאך שוין א ניין־יעהריגע מיידעלע זיך נוצליך מאכען און מיר זיינען דאך געווען איינע אליין, אהן הילף.

איך האב גענומען שמייכלען. פרעגט גורין:

— וואס שמייכעלט איהר?

— איך וועל אייך זאגען: פאר איין וועג וואלט איך שוין וועלען זעהן די ניין־יעהריגע מיידעלע אויך, — האב איך איהם געענטפערט.

— רוף אריין רחל'ען, — זאגט גורין צו די אינגערע לייט.

אין א פאר מינוט ארום איז אריינגעקומען א שווארץ־חנ'עוודיגע פרוי מיט באזילבערטע שווארצע האר. מען האט אונז פארגעשטעלט. איהר פאטער האט איהר עפעס געזאגט אין העברעאיש און דאן האט זי געזאגט צו מיר:

„יא, איך בין געווען די ערשטע. איך בין דאס די ניין־יאהריגע רחל'ע פון פאר 36־יאהרען".

מען האט מיר ערקלערט, אז רחל'ס מאן איז יצחק לוי, גבריאל'ס עלטסטער ברודער, אז די ניין־יאהריגע רחל'ע איז שוין א באבע פון דריי אייניקלאך.

די קאָלאָניסטען פון הר טוב האָבען זיך משדך געווען צווישען זיך.

— וואָס איז געוואָרען מיט דעם משומד ווען איהר האָט זיך באַזעצט אויף דער ערד, וואו ער האָט געוואוינט?

— אָה, ער איז ביי אונז געווען אויף קעסט. ער איז ניט געווען קיין געפעהרליכער משומד, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

פאַרזעצענדיג זיין ערצעהלונג האָט ער דערמאָנט געוויסע שוועריגקייטען וואָס די קאָלאָניע האָט געהאַט. טערקיי האָט דאַן געהאַט א געזעץ געגען פאַרקויפען לאַנד צו אויסלענדער. די הר טוב'ער קאָלאָניסטען זיינען דערפאַר געווען אין געפאַהר, מען זאָל ביי זיי אוועקנעמען דעם באָדען וואָס זיי האָבען געקויפט. עס האָט זיך געצויגען א פּלאָנטער מיט א פּראָצעס, מיט אדוואָקאַטען, מיט ביטעס צו אַלערליי באַאַמטע — א פּאַסירונג וועלכע איז איינע פון די טראַגעדיעס אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניע. אָבער דורך דער הילף פון באַראָן ראָטשילד האָט אַן איינפלוסרייכער מאַן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיך אָנגענומען פאַר זיי און די רעגירונג האָט זיי ערלויבט צו בלייבען. זיי האָבען אויך געהאַט צרות מיט געוויסע אַראַבישע שכנים, וועלכע זיינען געווען זעהר פריינדליך בייטאָג און גרויסע גנבים ביינאַכט. אַן עפענדי מיט'ן נאָמען סאַלים האָט אָבער צו דיזע גנבות געמאַכט א סוף.

דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען אויף א סעודה וואָס מען האָט געמאַכט פאַר סאַלים'ען, ווען ער האָט באַזוכט דעם אַראַבישען דאָרף לעבען הר טוב. צו דער סעודה זיינען געקומען פיר אידען אויך. מ'האָט געשאָכטען שעפּסען לכבוד דעם גאַסט. דאַן האָבען די אידען דערצעהלט וואָס פאַר א צרות זיי שטעהען אויס פון איינינע פון זייערע שכנים, און דער עפענדי האָט די אַראַבער געוואָרענט, אַז זיי זאָלען זיך אויפפיהרען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— איך וויל מעהר ניט הערען פון אַזעלכע זאַכען! — האָט ער געשריען. — יעדען וואָס מ'וועט כאַפּען ביי א גנבה וועט מען הענגען.

דאַן האָבען די גנבות אויפגעהערט.

— איהר דארפט ניט מיינען, אז בלויז ביי אונז האָבען די אראבער גע׳גנב׳עט, — האָט דער אַלטער גורין מיר ערקלערט.
— זיי גנב׳ענען איינע ביי די אנדערע אויך. ווען אַן אראבער לעגט זיך שלאָפען אויף אַ פעלד, טוט ער אויס די שיך און לעגט זיי צוקאָפּענס.

* * *

מען האָט ניט געהאט גענוג ערד צו שפּייזען אַלעמען דורך פּאַרמעריי, האָבען איייניגע פון די מיטגלידער זיך באַ־שעפטיגט מיט קליינע אינדוסטריען. צום ביישפּיל: זיי האָ־בען פון די שטיינער, וואס געפינען זיך אין דעם געגענד, אויסגעברענט קאַלך, און צעהן פּראָצענט פון אַלע הייזער אין תל אביב זיינען געבויט געוואָרען מיט זייער קאַלך. אייניגע פון זיי האָבען אָוועקגעשטעלט אַ מיהל וואו די אראבער פון די ארומיגע דערפער פלעגען קומען מאָהלען זייער תבואה — אַ מיהל, וואָס איז געווען צוגעריכט אויפ׳ן היינטיגען שטייגער, מיט אַ שטאַרקען מאָטאָר. אנדערע האָבען געמאכט אַ געוויסען סאָרט אויל. ווידער אַנדערע האָבען זיך באשעפטיגט מיט גערטנעריי אָדער מיט האָדעווען בהמות: זיי האָבען פאַרקויפט גרינסען און מילך־פּראָדוקטען. אין סך הכל האָט זיך דער קאָלאָניע געלעבט גוט. מען האָט געארבייט שווער, מען האָט אָבער די ארבייט ליב געהאט און מען האָט פאַרדינט.

— ווי אַזוי האָט איהר געלעבט מיט אייערע אראבישע שכנים? — האָב איך געפרעגט — אַן ענין, וועלכער האָט מיר ספּעציעל אינטערעסירט אויף דיזער רייזע מיינער קיין פּאַלעס־טינע.

— מיר זיינען געווען אין די בעסטע באַציהונגען מיט זיי, — האָט געענטפערט גבריאל לוי, און די אַנדערע וואָס זיינען געווען דערביי האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ.

— האָט איהר געהאט אַן אמת נאָהענטען פריינד צווי־שען זיי?

ווען דיזע פראגע מיינע איז איבערזעצט געוואָרען אויף העברעאיש, האָט גבריאל׳ס פּנים אויפגעלויכטען מיט זיין אָנ־גענעמען שמייכעל.

— לא ידיד, הרבה ידידים! (ניט איין פריינט נאר א סך פריינט), — האט ער געזאגט.

איך האב די עטליכע ווערטער ניט ווילענדיג פארצייכענט אויף העברעאיש; ווארים זיי האבען אין זיך געהאט א זאנ־דערבאר ווארימען קלאנג.

— מיר פלעגען זיך געבען מתנות איינע די אנדערע, — האט גבריאל פארטגעזעצט, — מיר האבען זיך זעהר אפט ארויס־געהאלפען מיט געלט. זיי פלעגען צו אונז קומען צו גאסט אויף עטליכע טעג, עסען, נעכטיגען ביי אונז. און ווען מיר פלעגען קומען צו זיי, פלעגען זיי אונז אויפנעמען מיט גרויס כבוד און מיט א הארציגער גאסט־פריינדליכקייט. אויף מיין חתונה זיינען געקומען פופציג אראבער. זיי זיינען געקומען צו רייטען און זיי האבען זיך ביי אונז אויפגעהאלטען מיט זייערע פערד, קעמלען און אייזלען עטליכע טעג נאכאנאנד, געהוליעט מיט אונז צוזאמען.

— מסתמא זיינען צווישען זיי געווען אויסנאמען אויך, — האב איך באמערקט.

— נו, געוויס. עס זיינען געווען איינעגע אזעלכע מענשען, גנבים, אבער געווג אמת־עהרליכע מענשען אויך, און די גנבים פלעגען גנב'ענען ניט בלויז ביי אידען. יעדענפאלס האט אן אראבער אונז קיינמאל ניט באליידיגט אלס אידען. מיר האבען געהאט א סך ווארימע פריינט צווישען זיי. זיי האבען אונז געשעצט. און ווען זיי פלעגען זיך צוקריגען צווישען זיך, פלעגען זיי קומען צו אונז יעדער צד מיט זיינע טענות, און ווי מיר פלעגען פסק'ענען אזוי פלעגט בלייבען. אין 1921, ווען עס איז געווען דער פאגראם אין ירושלים און אין יאפא, האבען די נאהענטע שכנים פון הר טוב די אידישע קאלאניסטען בארוהיגט:

„האט קיין מורא ניט", האבען זיי אונז פארזיכערט. „מיר וועלען אייך באשיצען".

און דיזען מאל, דריי טעג איידער עס האט זיך אנגעהויבען דער פאגראם אין הר טוב, האבען די אראבער געזאגט צו די אידען דאס זעלבע:

„דאגה'ט ניט. וואס עס זאל ניט טרעפען אין אנדערע

פלעצער, אייך וועט קיין בייז ניט געשעהן. מיר וועלען ניט צולאָזען דערצו".

און די אידישע קאָלאָניסטען פון הר טוב האָבען געגלויבט אין זייערע ווערטער, און זיי האָבען זיך געפיהלט זיכער ביי זיך.

אזוי ווי אין הר טוב איז ניטאָ קיין טעלעפאָן, האָבען די אידען ניט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין ירושלים, וואו דעם 23טען אויגוסט איז געווען א פאָגראָם. אויך האָבען זיי ניט געוואוסט, אז אויף מאָרגען, שבת, דעם 24טען אויגוסט, איז פאָרגעקומען א שרעקליכע שחיטה אין חברון.

— מיר האָבען קיין באגריף ניט געהאַט וואָס עס טוט זיך דאָרטען, — האָט גבריאל ווייטער געזאָגט. — עס האָבען זיך אָבער געלאָזט מערקען אונאַנגענעמע צייכענס. עס האָט זיך געפיהלט, אז צווישען די אראבער קומט עפּעס פאָר, הגם וואָס האָבען מיר ניט געוואוסט.

אַן אויטאָמאָביל פול מיט אראבער, וועלכער איז געפאָהרען פון חברון נאָך דער בלוטיגער „ארבייט", וואס זיי האָבען דאָרטען אָפּגעטאָן, איז דורכגעפלויגען דורך הר טוב. די אראבער פון דעם אויטאָמאָביל האָבען אויסגעשריען צו אראבער, וואָס האָבען גע־אַרבייט ביי די אידען פון הר טוב: „וואָס וואַרט איהר? פאַרוואָס קוילעט איהר ניט די אידען?"

„א רוח אין דיין טאַטענ'ס באָרד אריין!" — דאָס איז געווען דער ענטפער, וואָס זיי האָבען באקומען פון אַן אראבער, וועלכער האָט געאַרבייט ביי גבריאל'ן.

פרייטאָג איז שוין געווען געפעהרליך צו געהן צום וואַקזאַל, וועלכער געפינט זיך ניט ווייט פון הר טוב. פון ווייטען האָבען זיך באוויזען גרויסע גרופּען אראבער מאַרשירענדיג מיט אייזען־קעפּיגע שטעקענס.

נאָך מיטאָג איז גבריאל און אַן אַנדער אידישער קאָלאָניסט אריבערגעגאַנגען אין דעם דערבייאיגען דאָרף, וועלכען די אראַבער רופען אויך הר־טוב, אום צו זעהן, וואָס עס טוען דאָרטען די פרעמדע אראבער, וואָס זיינען אהין געקומען אויף אויטאָמאָבילען.

— איך האָב געפרעגט ביי דעם מוכטאַר. קיין קלאָרען ענט־

פער האָט ער מיר צוערשט ניט געגעבען, דערנאָך אָבער האָט ער ארויסגערעדט אזוי ווי ניט ווילענדיג: „זיי האָבען געבראכט א בריף פון דעם גרענד מופטי (דער אראבישער כהן גדול אין ירושלים), אז מיר זאָלען קומען אין ירושלים און העלפען פאר־ניכטען די שטאָדט״.

„וואָס־זשע קלייבט איהר זיך צו טאָן?״ — האָב איך געפרעגט.

״מעגסט זיין רוהיג, גבריאל״, — האָט ער מיר געענט־פערט. — „פונקט ווי דו געהסט ניט אין ירושלים, אזוי וועלען מיר ניט געהן אין ירושלים״.

גבריאל האָט זיך דאן אומגעקערט אין דעם אידישען הר טוב און האָט דאָס אלץ איבערגעגעבען. די אידען האָבען זיך באַ־רוהיגט. באלד איז אריינגעקומען דער אלטער ישראל גורין. ער האָט דערצעהלט, אז ער האָט געזעהן די מוטער פון דעם אראבישען מוכטאר און זי האָט איהם געזאָגט, אז מען האָט צווישען די אראבער פארשפרייט א באריכט, אז אידען האָבען געוואָרפען באָמבעס אין דעם אראבישען טעמפעל אין ירושלים.

דעם אָווענט פון דעם פרייטאָג, וועגען וועלכען גבריאל האָט מיר דערצעהלט, איז א יונגערמאן מיט'ן נאָמען מאיר מירסקי, א חלוץ פון רוסלאנד, וואָס האָט געארבייט אין דער בולגראַישער קאָלאָניע די לעצטע צייט, אריבערגעגאנגען צום וואָקזאל. ער האָט געפרעגט ביי דעם סטאנציע־מייסטער (אן אראבער), וואָס עס הערט זיך, ווארים דער סטאנציע־מייסטער האָט א טעלעפאָן, און ער האָט געוואוסט, וואס עס טוט זיך אין אנדערע פלעצער. דער ענטפער איז געווען, אז אין ירושלים איז געווען א גרויסע שחיטה אויף אידען. מעהר האָט דער סטאנציע־מייסטער ניט געוואָלט רעדען.

וועגען דעם ירושלים'ער פאָגראָם האָבען די אידען אויך געהערט פון זייערע אראבישע שכנים. די באציהונגען צווישען זיי זיינען נאָך אלץ געווען גוט און מען האָט נאָך געשמועסט איינע מיט די אנדערע. דאָך איז געווען לייכט צו באמערקען, אז ביי די שכנים זיינען שוין די הערצער און די מוחות פאר־גיפטעט. „מען פאָהרט ארום און מען דערצעהלט, אז אידען

האבען פארשוועכט אונזער הייליגען מאסק", האט איין אראבער געזאגט צו א פאר אידען.

די קאלאניסטען פון הר טוב האבען זיך אבער ניט געקאנט פארשטעלען אז זייערע שכנים וועלען זיי שלעכטס טאן.

א מעת־לעת פון אנגסט און שרעק.

שפעטער אביסעל האט מען דערהערט ווי מען שיסט. עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז מען האט דורכגעשאסען און דורכ־געבראכען א לאך אין א וואנט, און מען האט געקענט זעהן, אז מען קלייבט זיך ארויסצו'גנב'ענען שעפסען. ביי יענעם ארט האבען די אידען דערזעהן צוויי אראבער און אביסעל ווייטער נאך פיר אראבער, האבען די אידען גענומען שיסען — ניט אויף זיי, נאר בלויז זיי איבערצושרעקען. די זעקס אראבער האבען זיי אפגעענטפערט מיט שיסערייען און זיינען אנטלאפען. די קוילען האבען אבער קיינעם ניט געטראפען.

ווען אזא זאך וואלט פאסירט פריהער, וואלטען אונזערע שכנים גלייך געקומען צו אונז און אנגעבאטען הילף נעגען די גנבים, — האט גבריאל באמערקט. — איצט איז קיינער פון זיי ניט געקומען. דאס איז געווען דער ערשטער ערנסטער צייכען, אז אונזערע פריינט זיינען געווארען שונאים אונזערע.

ווען גבריאל האט דאס געזאגט, האט איינער פון די אנ־דערע הר טוב'ער קאלאניסטען, וועלכע האבען זיך באטייליגט אין אונזער געשפרעך, באמערקט דאס פאלגענדע:

— פריהער, ווען עס פלעגט זיך מאכען א שרפה ביי אונז, אדער עפעס אן אנדער אונגליק, פלעגט דער גאנצער דארף דערא־באן, וואס געפינט זיך אביסעל ווייטער פון אונז ווי דער ארא־בישער הר טוב, אונז קומען צו הילף. איין מאל איז ביי אונז אריינגעפאלען א פערד אין ברונים, איז אין דעראבאן קיין מענש ניט געבליבען, אלע זיינען געקומען ארויסשלעפען דעם פערד. איהר פארשטעהט, זעקס גנבים זיינען געקומען מיט ביקסען גנב'ענען שעפסען, עס האט זיך געהערט א שיסעריי און קיינער איז אונז ניט געקומען צו הילף, ניט אונזערע נאהענטע שכנים און ניט די אראבער פון דעראבאן. מיר האבען יענע נאכט

שוין ניט געקענט שלאָפען. דאָך איז יעדער פון אונז געבליבען אין זיין הויז. מיר האָבען זיך ניט פארזאמעלט אינאיינעם, כדי צו באשיצען זיך. אזוי ווייט איז אונזער מורא פאר א פאָגראָם נאָך ניט געגאנגען.

אויף מאָרגען איז א גרויסער אויטאָמאָביל פול מיט אראבער פארבייגעפלויגען פארביי הר טוב. א פאָר פון דיזע אראבער האָבען די אידען געסטראשעט מיט די פויסטען. שפעטער א ביסעל, דעם זעלבען טאָג, האָט אן אראבישע מיידעל, וועלכע האָט געדינט ביי איינעם פון די אידישע קאָלאָניסטען, דערצעהלט, אז אין דעם נאָהענטען אראבישען דאָרף רעדט מען וועגען א באריכט פון ירושלים, אז מען וועט אויס׳הרג׳ענען אלע אידען אין פאלעסטינע. זי האָט דעריבער מורא געהאט צו בלייבען און זי איז אוועק.

שבת, ארום אכט אזייגער אין דער פריה, איז דער רוסישער יונגערמאן מאיר מירסקי געגאנגען צום באהן. ער האָט אנגעטראָפען א מחנה אראבער. אומגעפעהר א צוויי הונדערט מאן פון ארומיגע דערפער זיינען דאָ געווען פארזאמעלט. זיי האָבען מירסקי׳ן גענומען סטראשען מיט זייערע שטעקענס און אראבישע אינגלאך האָבען אויף איהם גענומען ווארפען שטיינער. ער איז געצוואונגען געווען זיך אומצוקערען. מיט א פאָר שטונדען שפעטער האָט ער ווידער פרובירט געהן צום באהן, אלץ מיט דעם זעלבען צוועק: דערגעהן וואָס עס הערט זיך ביי די שכנים און וואָס עס קומט פאָר מיט די אידען אין אנדערע פלעצער. ער האָט ווידער געפונען א מאסע אראבער. ער האָט זיך אָפגעשטעלט פון ווייטען. גראָד דאן איז אָנגעקומען א צוג. פון איינעם פון די וואגאָנעס איז אראָפגעשפרונגען א אידישער יונגערמאן און ער האָט גענומען לויפען צו דעם אידישען הר טוב צו. ער האָט געבראכט שרעקליכע נייעס: שחיטות! אומעטום קוילעט מען אידען!

* * *

אין דעם אידישען הר טוב איז געקומען גבריאל׳ס אינטימער פריינט, וועלכער האָט מיט איהם אָפט געפיהרט געשעפטען. דאָס איז געווען אן אראבער מיט׳ן נאָמען אבונאמי, דער

מוכטאר פון ביתר, וועלכע איז די נעקסטע סטאנציע צו הר טוב. אבונאמי האט דערצעהלט, אז אין דעראבאן זיינען געקומען פרעמדע אראבער און מען האט דארטען אפגעהאלטען א פאר־זאמלונג וועגען מאכען א פאגראם. די פרעמדע אראבער זיינען געקומען אלס פאגראם־אגיטאטארס. אבער די דעראבאנער האבען קיין באשלוס ניט אנגענומען. פילע פון זיי זיינען געווען אב־סאלוט געגען א פאגראם, וועהרענד די אנדערע האבען זיך גע־קווינקעלט.

אבונאמי איז ספעציעל געקומען איינ׳טענה׳ן מיט די דע־ראבאנער, אז זיי זאלען ניט טשעפען די אידען, נאר פארקערט, העלפען זיי געגען פאגראמשטשיקעס.

„איך וועל אליין זיין אין הר טוב״, האט דער מוכטאר פון ביתר געזאגט צו די איינוואוינער פון דעראבאן. „אויב איהר וועט זיי שעדיגען, וועט איהר מיר אויך שעדיגען״.

אבונאמי האט אויך געשריבען בריף קיין דעראבאן און אין אנדערע דערפער, אלץ אין דעם זעלבען זין. ער איז אימער געווען א נאהענטער פריינט פון דער לוי משפחה. האט ער איצט באזוכט יצחק לוי׳ן, גבריאלים עלטערען ברודער. ער האט אנגע־פאנגען מיט פריינדליכע פראגען, אויפ׳ן אראבישען שטייגער:

— וואס מאכט איהר? ווי זיינען די קינדער? ווי זיינען די בהמות? ווי געהט אן די ארבייט אין פעלד?

— אלע זיינען געזונט, אלץ געהט גוט, בלויז מיין טאכטער איז אביסעל ניט געזונט, — האט יצחק געענטפערט. ער האט געמיינט זיין פארהייראטע טאכטער, די פרוי פון א קאלאניסט מיט׳ן נאמען יהודא בעכאר.

יצחק האט איהם מכבד געווען מיט וויינטרויבען און דער גאסט האט גענומען עטליכע טרויבען. דאן האט ער געזאגט:

— לאמיר געהן זעהן וואס דיין טאכטער מאכט.

און אזוי געהענדיג צו בעכאר׳ס הויז, האט אבונאמי אנגע־פאנגען צו רעדען:

— ווייסט, יצחק, עס איז ניט גוט. אין ירושלים שלאגט מען זיך. לעבען באהן האט מען דארטען געשלאגען אידען און אויף דער יאפא׳ר גאס האט מען אידען געשאסען.

דער אַראַבישער גאַסט האָט גערעדט מיט אַ טאָן פון מיט־לייד און שמערץ, און אין דעם זעלבען טאָן האָט ער גערעדט זיצענדיג ביי דער בעט פון יצחק׳ס קראַנקער טאָכטער. דערנאָך האָט ער און יצחק זיך אומגעקערט אין יצחק׳ס הויז, וואו ער איז פאַרבליבען עטליכע שטונדען און געגעסען מיטאָג מיט דער פאַמיליע.

ארום פיר אזייגער האָט אַ גרופּע אידישע קאָלאָניסטען זיך פאַרזאַמעלט אין יצחק׳ס הויז, וועלכע איז די גרעסטע אין הר טוב.

ענדליך האָט אבונאַמי זיך געזעגענט און איז אַוועק צו דער סטאַנציע. ווען ער איז צוגעקומען צו דער סטאַנציע האָט זיך דאָר־טען אָפּגעשטעלט אַן אויטאָמאָביל מיט אַראַבער. איינער פון זיי האָט זיך געווענדעט צו די אַראַבער, וואָס זיינען געשטאַנען דערביי:

— פאַרוואָס שווייגט איהר? וואָס וואַרט איהר? מיר האָבען שוין געענדיגט מיט די אידען פון חברון. מיר האָבען זיי אויסגעקוילעט. מיר האָבען אויך געמאַכט אַ שטיקעל אַרבייט אין ירושלים.

— לאָזט צורוה! — האָט געזאָגט אבונאַמי, — מאַכט ניט אָן קיין צרות!

אזוי האָט אבונאַמי דערנאָך דערצעהלט אין יצחק׳ס הויז, וואוהין ער האָט זיך באַלד אומגעקערט אום זיינע אידישע פריינד איבערצוגעבען די טרויעריגע נייעס.

ארום פינף אוהר איז געקומען אַן אָטאָמאָביל און זיך אָפּגע־שטעלט לעבען דער מיהל, וועלכע געהערט צו די אידען. פון דעם אָטאָמאָביל זיינען ארויסגעשפּרונגען צוויי אַראַבער און זיי זיינען אריין אין דעם אַראַבישען הר טוב. אויך זיינען געקומען צוויי אַראַבישע רייטער מיט אַ בריף. די צוויי אַראַבער זיי־נען געקומען אַגיטירען פאַר אַ פּאָגראָם און דער בריף האָט ענטהאַלטען אַן אויפרוף.

וועגען דעם האָט דער אַלטער ישראל גורין געהערט פון אַן אַראַבער. ישראל האָט דאָס דערצעהלט אויף אַראַביש אין זיין איידים׳ס הויז אין דער אַנוועזענהייט פון אבונאַמי, וועלכער איז דאָרטען דאַן געזעסען.

— גיט מיר אַ פערד — האָט אַבונאַמי געזאָגט, — איך וועל אַריבערפאָהרען און זעהן וואס דאָרט טוט זיך און וואס איך קען טאָן.

ער איז אַוועקגעריטען.

יצחק לוי האָט געהאַט אַן אַראַבישען דינער אין שטוב, האָט ער איהם געשיקט צו דער סטאַנציע, זיך ערקונדיגען צי די איינוואוינער פון דעם אַראַבישען הר־טוב און פון דעראַבאַן האָבען צוגעשיקט אַן ענטפער אויף אַבונאַמי׳ס בריף צו זיי. אַלזאָ, זיינען די אידען איצט געבליבען אָהן איין אַראַבער. דאָס האָט פאַרגרעסערט זייער געפיהל פון עלענדקייט און געפאַהר. ווען עס האָבען זיך געפונען אַ פּאָר אַראַבער צווישען זיי, האָבען זיי זיך פאַרגעשטעלט, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס וועלען אפשר ניט וועלען שיסען, טאָמער טרעפען זיי אין די אַראַבער. איצט אָבער זיינען די כוליגאַנעס פון אַזאַ שטערונג שוין פריי.

דער הויפּט געפיהל איז באַשטאַנען אין אַן אַלגעמיינעם באַוואוּסטזיין, אַז זיי זיינען איינע אַליין, — פאַרלאָזענע, עלענדע, אַ קליינע מינאָריטעט צווישען דערפער פול מיט פיינדליכע אויפגעהעצטע אַראַבער.

*   *   *

עס איז געווען שפּעט נאָכמיטאַג. עס איז געוואָרען פאַרנאַכטליך. פלוצלונג האָבען די אידישע פאַרמערס דערזעהן אַ גרופּע אַראַבער. דריי פון דער גרופּע — דער מוכטאַר פון דעם אַראַבישען הר טוב און צוויי זקנים פון דעם דאָרף — זיינען אַריין אין יצחק׳ס הויז.

— שלעכטע נייעס! שלעכטע נייעס! — האָט דער מוכטאַר געזאָגט צו יצחק׳ן — לאָמיר באַטראַכטען וואָס צו טאָן.

זיי האָבען באַשפּראָכען די לאַגע מיט יצחק׳ן און מיט אַנדערע אידען, און זיי האָבען פאָרגעשלאָגען די אידען זיי צו באַשיצען ביי זיך, אין דעם אַראַבישען דאָרף.

— קומט אַלע צו אונז — האָבען זיי געזאָגט — מיר וועלען אייך באַהאַלטען אין אונזער געבעט־הויז, אייך מיט אייערע ווייבער און קינדער. מיר וועלען אייך אַרויספיהרען אויפ׳ן צוויי־

טען עטאַזש און מיר וועלען אלע זיין פאַרזאַמעלט אונטען. מיר וועלען אייך באַשיצען.

ביי די אידען איז געוועזן אַ מיינונגס־פאַרשידענהייט. די ברידער לוי־יצחק, גבריאל און בן ציון — און אויך איינינע אַנ־דערע קאָלאָניסטען זיינען געווען געגען דעם פּלאַן.

— אונז האָט זיך ניט געוואָלט איבערלאָזען אונזערע היי־זער מיט אונזער גאַנצען האָב און גוטס אויף הפקר — האָט גבריאל מיר ערקלערט — אַ חוץ דעם: ווער ווייס וואָס עס וועט זיין? אויב מיר וועלען געצוואונגען זיין צו קעמפען פאַר אונזערע לעבענס, וועלען מיר ביי זיך אין דערהיים דאָס קענען טאָן אַ סך בעסער. אין דער אויפריכטיגקייט פון דיזע אַראַבער האָבען מיר ניט געצווייפעלט. מיר זיינען געווען זיכער, אַז זיי מיינען מיט'ן גאַנצען הארצען אונז צו ראַטעווען. אָבער וועגען די אַנדערע אַראַבער האָבען מיר זיך אַזוי זיכער ניט גע־פיהלט. מאַלע וואָס עס קען מיט זיי פּאַסירען, ווען מען העצט זיי אויף! ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך אין זייערע הערצער, אונטער אַזעלכע אומשטענדען! צוליב די העצעס און ליגנערישע מעשות פון די אַגיטאַטאָרס האָט זיך אַלץ איבערגעדרעהט.

דער אידישער מוכטאַר, דער אַלטער ישראל גורין, האָט אויך אַזוי גערעדט.

געהן זיך באַהאַלטען אין דעם אַראַבישען דאָרף, דאָס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אַריינקריכען צו אַ טיגער אין מויל און דאָר־טען זוכען רעטונג. אַזאַ געפיהל האָבען געהאַט איינינע פון די קאָלאָניסטען. אַנדערע אָבער זיינען געווען בערייט אָנצונעמען דעם פּלאַן פון די דריי אַראַבער. עס האָט זיך אַלץ ניט גע־גלויבט, אַז זיי קענען אויף זייערע שכנים זיך ניט פאַרלאָזען.

מען האָט זיך מישב געווען און עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו וואַרטען ביז אבונאַמי וועט צוריק קומען. ווי ער וועט זאָ־גען, אַזוי וועט מען טאָן. צו איהם האָבען אַלע געהאַט דעם פאָלשטענדיגסטען צוטרוי.

דער אַראַבישער מוכטאַר און די צוויי זקנים זיינען אַלץ געבליבען ביי יצחק'ן אין שטוב. זיי האָבען אויך געוואַרט אויף אבונאַמי. יעדע מינוט איז ביי די אידען געווען אַ שעה.

ענדליך האט מען זיך דערוואַרט. אבונאמי איז געקומען. עס איז געווען זיבען אזייגער און שוין גוט פינסטער.

ווען ער האט געהערט וועגען וואס עס האנדעלט זיך, האט ער געזאגט:

— מיין מיינונג איז, אז איהר זאלט אהין אריבערגעהן. דא איז די געפאהר צו גרויס. דארטען וועט מען אייך באַשיצען.

ווען זיי זיינען אזוי געזעסען און געשמועסט, איז אנגעקומען נאך איינער פון דעם אראבישען הר טוב. ער האט אבער געהאט גאר אן אנדער אינטערעס אין זינען. ער איז פשוט געקומען זיך באווארענען א חוב וואס ער האט געהאט ביי איינעם פון די אידישע קאלאניסטען. יהודה בעכאר, יצחק לוי׳ס איידעם, האט מיט א קורצע צייט פריהער ביי איהם געבארגט פערציג פונט (צוויי הונדערט דאלאר). אלזא, האט ער געזאגט צו איהם:

— מען קען ניט וויסען, וואס מיט אייך אידען וועט היינט פאסירען. וויל איך דעריבער, אז דו, ליבער פריינד, זאלסט מיר געבען א וועקסעל פאר דער סומע. טאמער מאכט זיך עפעס מיט דיר, וועל איך דאס געלט קענען אפנעמען ביי דיינע יורשים.

האט בעכאר אויפגעשריבען א וועקסעל אויף פערציג פונט און איהם געגעבען.

דער סוף איז געווען, אז די אידען האבען פארט באשלאסען אריבערצוגעהן אין דעם אראבישען דארף. אבער איידער דאס איז געטאן געווארען איז ישראל גורין און אבונאמי אריבערגעגאנגען אין דעם אראבישען הר טוב, אום זיך צו ערקונדיגען וואס פאר אן אויפנאמע די אידען קענען דארטען ערוואַרטען.

די דארטיגע אראבער האבען זיך פארזאמעלט און אבונאמי האט זיך צו זיי געווענדעט מיט דער פראגע:

— זייט איהר אלע איינשטימיג, אז אייערע שכנים, די אידען, זאלען צו אייך קומען און אז איהר וועט זיי באשיצען?

די עלטערע דארפסלייט האבען געשוויגען. די פרויען און די יונגעלייט אבער האבען געגעבען א בייזען ענטפער:

— מיר ווילען זיי ניט האָבען! אפשר וועט מען זיי אטאקירען און קוילען, וועט מען אונז קוילען צוזאמען מיט זיי. מיר ווילען ניט זיי זאָלען קומען צו אונז.

דאָס אַלץ האָט מיר איצט, אין תל אָביב, דערצעהלט ישראל גורין אַליין.

— און וואָס פאר א מיאוס'ן בייזען פנים יעדער פון זיי האָט דערביי געהאט, — האָט ער געזאָגט. איך בין אוועקגעגאנגען און אפילו אונזער פריינד אבונאמי איז מיט מיר שוין ניט מיטגעגאנגען. ער איז פארבליבען ביי די אראבער.

— איך קען זיך פארשטעלען ווי אייך איז דאן געווען אויפ'ן הארצען — האָב איך באמערקט.

— איך האָב שוין ניט געקענט הויבען די פיס — האָט ישראל געענטפערט. — איך האָב זיך געטראכט: זאָל די ווירטשאפט געהן צום טייוועל. לאָמיר ראטעווען אונזערע לעבענס. אויפ'ן וועג אהיים האָב איך באגעגענט איינינע פון אונזערע פרויען מיט די קינדער אין די אָרעמס. זיי זיינען געגאנגען צו אונזערע שכנים זוכען באשיצונג. „קעהרט זיך גלייך אום צוריק!" — האָב איך צו זיי געזאָגט. ווען איך בין געקומען אהיים, בין איך געווען אזוי שוואך, אז איך האָב זיך געמוזט צולעגען. ביי מיין אידעם אין שטוב איז דאָס געווען. דאָרטען האָבען זיך אויך פארזאמעלט איינינע פון אונזערע פרויען און קינדער.

אין גאנצען איז אין דאָרף געווען ביי 135 נפשות. דיזע 135 נפשות זיינען געווען צוזאמענגעפרעסט אין די פינף צימערען פון יצחק לוי'ס וואוינונג.

די בולגארישע אידישע קאָלאָניסטען פון הר טוב האָבען זיך גענומען גרייטען צום קאמף געגען די פאָגראָמשטשיקעס. אז זייערע פריינדליכע שכנים זיינען פארוואנדעלט געווארען אין בלוטדורשטיגע שונאים, דאָס איז יעדע מינוט געווארען דייטליכער. אויך איז דייטליך געווען, אז די ענדערונג איז געקומען דורך די פרעמדע אראבער, וועלכע זיינען געפלויגען פארביי הר טוב אויף אָטאָמאָבילען — שלוחים, וועלכע א טייוועלשע גרופע האָט

ארויסגעשיקטע צו פארשידענע אראבישע דערפער מיט ליגנערישע בלבולים.

וואס פאר אן אוועגט דאס איז געווען! די ערשטע רו־סישע פאגראמען זיינען זעלטען געווען באגלייט מיט מארד; דאך, ווען אידען האבען זיך גערינכט אויף אן איבערפאל, פלע־גען זיי אומגעהן ווי צומישטע פון שרעק. דא אבער איז בא־שטימט געווארען, ניט קיין געוועהנליכער פאגראם, נאר א אן אלגעמיינע שחיטה.

א קעלט געהט אריבער איבער׳ן לייב, ווען מען שטעלט זיך פאר די שטונדען ווען די קאלאניסטען פון הר טוב האבען זיך גערינכט אויף די פאגראמשטשיקעס.

אזוי ווי א גרויסע אידישע טראגעדיע וואלט מען פון תנ״ך ארויסגענומען און איהר אין א בלוטיגער היינטיגער ווירק־ליכקייט פארוואנדעלט; און טאקע אויף דעם זעלבען ארט, וואו דער תנ״ך איז מיט טויזענדער יאהרען צוריק א ווירקליכקייט געווען.

מאמענטענווייז האט זיך מיר געדוכט, אז די גרופע אידען, וואס זיצען מיט מיר צוזאמען ביים טיש, אט דא אין תל אביב, זיינען ניט קיין אידישע פארמערס פון מיין צייט נאר אידישע פארמערס פון ירמיהו׳ס צייטען.

די שרעקליכע נאכט. — דער מוטיגער קאמף.

די קאלאניסטען פון הר טוב האבען מאביליזירט זייער זעלבסט־שוץ.

גבריאל לוי אלס קאמאנדיר האט צוטיילט די ביקסען און די אמוניציע. אין אלעמען האבען אין דעם זעלבסט־שוץ זיך באטייליגט ביי צוואנציג מאן. צעהן זיינען געווען אינוועניג אין הייזער ביי די פענסטער, און צעהן — די אינגערע — פון דרויסען.

דער צענטער־פונקט פון דעם זעלבסט־שוץ איז געווען די הויז פון בן ציון לוי, גבריאל׳ס אינגערער ברודער, ווייל זי גע־פינט זיך אין רעכטען מיטען פון דער קאלאניע, און פון דארטען זעהט זיך דער גאנצער געגענד ארום. די פרויען און די קינדער

האָט מען פאַרזאַמעלט אין דער הויז פון גבריאל׳ס עלטערען ברודער, יצחק לוי, וועלכע איז די גרעסטע הויז אין הר טוב.

אַלע קעמפער זיינען שוין געווען אויף זייערע באַשטימטע פּאָסטענס, ווען אַבונאַמי, דער טרייער אַראַבער, איז צוריקגע־קומען.

— קינדערלאַך, מען קלייבט זיך ביי אייך צו מאַכען אַ שחיטה, — האָט ער געזאָגט. — מען מוז בעטען הילף ביי דער רעגירונג. ווער פון אייך וועט מיט מיר געהן צו דער סטאַנציע בעטען, אַז מען זאָל טעלעפאָנירען קיין ירושלים?

— איך וועל געהן, — האָט גבריאל זיך אָפּגערופען.

זיי זיינען אַוועק. אום די אַראַבער זאָלען אויפ׳ן וועג ניט דערקענען, אַז דאָס איז גבריאל, האָט אַבונאַמי פון זיך אַראָפּגע־נומען זיין „אַבאַיע" (אַ ווייסער צודעק אויפ׳ן קאָפּ) און דאָס אָנגעטאָן אויף איהם. דאָס האָט איהם געמאַכט אויסזעהן ווי אַן אַראַבער. אַזוי איז ער געגאַנגען מיט אַ פּיסטאָלעט אין האַנט.

אין דער קאָלאָניע האָט געוואוינט פריילין דרוקער, אַ דאָק־טאָרין, וועלכע איז איצט געזעסען ביי אונזער טיש אין תל אביב בשעת מען האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע. זי איז אָבער געווען אַזוי פאַרנומען מיט שרייבען און רעכענען פאַר אַ באַ־ריכט, וואָס זי האָט באַדאַרפט צוזאַמענשטעלען, אַז אין אונזער געשפּרעך האָט זי קיין אַנטייל ניט גענומען — אפילו דאַן, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען איהר אַליין.

מען האָט מיר דאָ דערצעהלט, ווי זי האָט פון האָס־פּיטאַל באַזאָרגט באַנדאַזשען און מעדיצין, אין פאַל עס וועלען זיין פאַרוואונדעטע.

ווען אַבונאַמי און גבריאל זיינען צוגעקומען צו דער סטאַנ־ציע, איז דער פּלאַץ שוין געווען פוסט. זיינען זיי אַריבערגע־גאַנגען צו דער הויז פון דעם סטאַנציע־בעאַמטען (אַן אַראַבער), און ער האָט טעלעפאָנירט נאָך הילף.

— מען וועט שיקען הילף, — האָט ער איבערגעגעבען דעם ענטפער, וואָס ער האָט באַקומען.

גבריאל און אַבונאַמי האָבען זיך דאַן אומגעקערט אין

הר טוב. אויפ'ן וועג האָבן זיי פון ווייטען דערהערט געזאַנג און געשרייען פון אַ מחנה אַראַבער:

„דין מחמד בסיף!" (די מאַכמאַדאַנישע רעליגיע ווערט פאַרשפּרייט מיט'ן שווערד).

עס איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרען, און דאַן האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי אין דעם טויער פון אַ פאַרם, וועלכע האָט געהערט צו דעם אויבען־דערמאָנטען יצחק לייב גאָלדבערג, דער באַקאַנטער ציוניסט פון תל־אָביב, און וועלכע געפינט זיך באַלד לעבען דער קאָלאָניע הר־טוב.

די פּאָגראָמשטשיקעס זיינען אַריינגעדרונגען אין דער פאַרם.

גבריאל איז שוין דאַן געווען ביי זיך אין דער היים, צוריק אויף זיין פּאָסטען אַלס קאָמאַנדיר פון דעם זעלבסט־שוץ.

עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי — דריי שאָסען. די הר טוב'ער קעמפער זיינען צוגעפאַלען צו דער ערד. איינע פון די קוילען איז דורכגעגאַנגען דורך די הויזען פון איינעם פון זיי. אַ צווייטע האָט כמעט אָנגעריהרט די באַק פון אַ פרוי. אַ דריטע איז אַריין דורך אַ פענסטער פון דער זעלבער שטוב, האָט אָפּגעשאָסען אַ שטיקעל פון דעם קאַלך פון דער וואַנט און דאָס שטיקעל קאַלך האָט דער פרוי אַ זעץ געטאָן אין פּנים.

באַלד האָט זיך דער רעליגיעזער מלחמה־רוף פון די אַראַבער דערהערט ביי הר טוב גופא.

„דין מחמד בסיף! דין מחמד בסיף!"

אויף אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרען. דערנאָך האָבען די אַראַבער גענומען שיסען.

די אידען האָבען אָפּגעענטפערט מיט זייערע ביקסען.

יצחק לוי האָט אַרויסגעשיקט צוויי באַוואָפענטע שלוחים צו די צעהן קעמפער, וועמעס פּאָסטענס זיינען געווען פון דרויסען.

— יצחק הייסט, אַז מען זאָל ניט שיסען קיין מענשען, סיידען עס וועט זיין אַבסאָלוט נויטיג צו ראַטעווען אונזערע לעבענס, — האָבען די שלוחים געזאָגט.

עס איז ווידער געווען שטיל. מען האָט געוואַרט וואָס ווייטער וועט זיין, און דאָס וואַרטען איז געווען ערגער ווי די שיסעריי.

אכט פון די צעהן יונגע זעלבסט-שוץ זעלנער, וואָס זיינען געוועזען אויסגעשטעלט אויפ'ן הויף, ארום בן ציון'ס הויז, זיינען געווען הר טוב'ער געבאָרענע, קינדער פון דער קאָלאָניע. די אנדערע צוויי זיינען געווען יונגע רוסישע אידען — מאיר מירסקי און נאָך איינער, וועלכע האָבען ביי די קאָלאָניסטען אויפ'ן פארם געארבייט פאר וועכענטליכע שכירות. מיט מירסקי'ן, וועלכען איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, בין איך באקאנט געוואָרען, און ער האָט פאר מיר געשילדערט אייניגע מאָמענטען פון דעם קאמף.

וואָס מאיר מירסקי האָט מיר דערצעהלט.

— איך האָב דורכגעלעבט שרעקליכע פּאָגראָמען אין רוסלאנד, — האָט ער געזאָגט. — דערפאר איז פאר מיר דיזע ערפאהרונג ניט געווען קיין נאָווינע. איך האָב אין פּאָגראָמען פארלאָרען מיין מוטער און א ברודער; און שפּעטער, אין רעטשיצא, לעבען האָמעל, בין איך אריין אין דער סאַמאָ-אָבאָראָנע (זעלבסט-שוץ). וועגען שרעקען זיך האָט אלזאָ קיין רייד ניט געקענט זיין. די מינוטען, ווען מען ווארט און מען ווייס ניט וואָס די נעקסטע סעקונדע וועט ברענגען, זיינען אָבער שרעקליך. איידער מיר האָבען זיך געשטעלט אויף אונזערע פּאָסטענס האָבען מיר גענומען א שנאַפּס און מיר האָבען זיך אָנגעגרייט ברויט מיט קעז, וואָרים מיר האָבען זיך געקליבען צו שטעהן א גאנצע נאכט אויף דער וואך. מיר האָבען געהאָפט, אז עס וועט קומען הילף. דאָס איז אָבער געווען א שוואכע האָפנונג. מיר האָבען זיך געמוזט פארלאָזען אויף זיך אליין.

ווען מיר זיינען שוין געשטאנען מיט די ביקסען אין די הענט און געווארט, אז די אראבער וועלען נעמען שיסען אויף אונז און דאן וועלען מיר זיך פארטיידיגען, — אָט דיזעווארטעניש פאר דעם ערשטען שאָס איז געווען שרעקליך. אזוי אָבער איז דאָס הארץ ביי יעדען פון אונז געווען פארוואנדעלט אין שטיין.

— האָט איהר גערעדט צווישען זיך?

— וועניג. נאָר דאָס וויכטיגסטע. איך געדענק ווי מיר

האבען געזאגט איינער צום אנדערען: „סיידען איבער אונזערע טויטע קערפערס וועלען זיי אריבערגעהן”.

דאס אלץ איז געווען איניגע מינוטען נאך אכט אזייגער אין אווענט. עס איז געווען פינסטער, אבער אין הימעל האט געשיינט די לבנה.

ארום האלב נאך אכט האט זיך געהערט ווי אן אויטאמאביל פליהט פארביי. זיין לאמפ איז געווען אויסגעלאשען. ער האט זיך געטראגען אין דער ריכטונג פון די אראבישע דערפער.

איינער פון די צעהן יונגע זעלנער האט זיך צוהיצט. ער האט זיך געריסען ארויסצולויפען צו די פאגראמשטשיקעס און שיסען אימיצען. „איך מוז נעמען נקמה”, האט ער געזאגט. די אנדערע נייך האבען איהם בארוהיגט.

שפעטער אביסעל האט א צווייטער פארלארען זיין געלאסענקייט. ער האט זיך גענומען נערוועז בייזערען פאר וואס מען ברענגט אונז ניט קיין וואסער. אום צו בארוהיגען זיינע נערוועז, איז איינער פון אונז, קריכענדיג אויפ'ן בויך, אריין אין איינע פון די הייזער און איהם געבראכט וואסער.

— דער עיקר איז געווען, אז מען זאל זיך ניט פארלירען, מען זאל בלייבען געלאסען, — האט מירסקי פארטגעזעצט. — דעריבער האבען מיר ספעציעל אכטונג געגעבען אויף די נערוועזע מיטגלידער. דעם יונגענמאן, וואס האט זיך געריסען געהן נקמה נעמען — שמעון הייסט ער — האב איך די גאנצע צייט געהאלטען אונטער מיין קאנטראל. אבער אזעלכע זיינען ביי אונז געווען נאר צוויי, און זיי זיינען אויך געווען מוטיגע, בראווע חברים. אלע אנדערע זיינען געווען אי מוטיג, אי געלאסען.

— דאס, וואס מיר האבען גלייך אפגעענטפערט מיט אונזערע ביקסען אויף דער שיסעריי פון אונזערע אנגרייפער, האט ביי זיי אויף א געוויסער צייט אוועקגענומען דעם חשק אריינצודרינגען אין אונזערע הייזער, — האט מירסקי מיר ווייטער דערצעהלט, — צוערשט האבען זיי אנגעהויבען צו ברעכען שויבען, פלאנקענס, טויערען. צו דעם האבען אונזערע קוילען געמאכט א סוף. זיי האבען זיך פון אונזערע געביידעס און

פלאנקענס צוריקגעצויגען. זיי האבען גענומעןווארפען שטיי־
נער. דערנאך האבען זיי ווידער אנגעהויבען צו שיסען.

— אין פארלויף פון דרייסיג מינוט איז אנגעגאנגען א
קוילען־שלאכט פון ביידע זייטען. דאן איז פון זייער זייט די
שיסעריי געווארען שוואכער און שוואכער ביז זייערע ביקסען
זיינען איינגאנצען אנשוויגען געווארען.

— באלד אבער האט ווידער אויסגעבראכען א ווילדער
געשריי און שיסעריי צווישען די אראבער. זיי זיינען שוין
געווען אויפ'ן הויף פון אונזער פארם. זיי האבען זיך ווידער
גענומען ברעכען שויבען.

— פון צייט צו צייט פלעגט אימיצער פון אונז צוקריכען
צו יצחק'ס הויז (אמאל פלעגען מיר זאגאר פשוט געהן אונטער
פייער, עס זאל זיין גיכער). מיר האבען געדארפט וויסען, וואס
דארטען הערט זיך. איך, צום ביישפיל, און נאך פינף פון
אונזערע האבען אונזערע פאסטענס געהאט אויף דער ווייטערער
זייט פון דער הויז. מיר האבען דעריבער ניט געקענט זעהן
דורך וועלכער זייט דער שונא דרינגט אריין. אמאל
פלעגט זיך הערען א געשריי פון די צושראקענע פרויען און
קינדער, פלעגט אימיצער פון אונז אריבערגעהן זיי בארוהיגען,
פארזיכערען זיי, אז מיר וועלען דעם שונא ניט אריינלאזען.

— איינער פון אונזערע שלוחים, וואס איז געגאנגען זעהן
וואס עס הערט זיך אין יצחק'ס הויז, איז צוריקגעקומען מיט דער
נאכריכט, אז די הויז איז נאך גאנץ, אבער אז די פרויען און
קינדער זיינען זעהר היסטעריש. די דערוואקסענע מיידלאך הא־
בען זיך געהאלטען גוט, און זיי האבען בארוהיגט די עלטערע.
מיט די קינדער איז געווען פיל שווערער. איינינע פון די פרויען
האבען אויך גע'חלש'ט. מען האט זיי אפגעמינטערט מיט יום־
כפור־טראפענס, וואס אונזער דאקטארין האט אנגעגרייט.

— דער, וואס איז געגאנגען זעהן וואס עס טוט זיך אין
יצחק'ס הויז, האט דארטען אלעמען פארזיכערט, אז עס איז
ניטא קיין געפאהר, אז אונזערע ביקסען באשיצען אלעמען פאל־
שטענדיג. אין אמת'ן האט אבער געהאלטען שמאל, ווארים די
הייזער פון הר טוב זיינען צוזייהט און צושפרייט און די קאלאניע

איז אָפּען פון אַלע זייטען. סיי ווי סיי האָבען די באַרוהיגענדע ווערטער ווייניג געהאָלפען. ביי יעדען נייעם שאָס האָט אויס־געבראָכען אַ נייער געשריי.

— באַלד האָבען מיר דערפיהלט, אַז די אראבער זיינען אריינגעדרונגען אין אייניגע פון די הייזער. עס האָט זיך דער־הערט אַ בראַזגערייי פון געשיר. מיר האָבען געוואָלט לויפען אהין, ראַטעווען דאָס אייגענטום. פון אונזער קאָמאַנדיר איז אָבער געקומען אַ באַפעהל:

„תצילו לנו רק את הנפשות" (ראַטעוועט נאָר אונזערע לעבענס).

— מיר, די מיטגלידער פון דעם הר טוב'ער זעלבסטשוץ, האָבען דאַן צווישען זיך דיסקוטירט, פרעגענדיג זיך: ווי לאַנג וועלען מיר זיך קענען האַלטען? וואָס וועט זיין מאָרגען? וואו וועלען מיר נעמען קוילען? ווי אַזוי וועלען מיר באַשיצען די פון אונזערע חברים, וואָס וועלען נעמען אונזערע טויטע אָדער פאַרוואונדעטע צו דער סטאַנציע?

— איך קען זיך פאָרשטעלען ווי אייך איז געווען אויפ'ן האַרצען, — האָב איך ניט ווילענדיג באַמערקט.

— ס'איז געווען ביטער, נאַטירליך. אָבער ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, זיינען אונזערע הערצער געווען פאַרשטיי־נערט. מיר האָבען וועגען די אַלע פראַגען גערעדט זאַכליך, ווי מען רעדט סתם וועגען זעהר ערנסטע ענינים.

— אַזוי ווי מיר זיינען געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, האָבען מיר ניט געקענט זעהן, וואו עס קומט די געפאַהר און אין וועלכע ערטער מיר דאַרפען שיסען. איז איינער פון אונז ארויף אויף אַ דאַך און דאָרטען ליגענדיג האָט ער אונז געגעבען סיגנאַלען. אַלע צוזאַמען האָבען מיר שוין מעהר ניט געשאָסען, וואָרים מיר האָבען געמוזט זיין זעהר שפּאָרעוודיג מיט די קוילען. איינער שיסט אויס, דערנאָך אַ צווייטער אַנדערש־וואו, דאַן אַ דריטער אפשר ווידער אין אַן אַנדער פּלאַץ... איך גלויב, אַז דער שונא האָט קיין באַגריף ניט געהאַט ווי שוואַך אונזערע קרעפטען זיינען, וואָרים זיי האָבען מורא געהאַט צוצו־קומען צו אונז. אפשר האָבען זיי געמיינט, אַז צו אונז איז

צוגעקומען א סך הילף פון אנדערע אידישע קאָלאָניעס אָדער פון ירושלים.

אזוי זיינען געגאנגען די שטונדען. די אראבער האָבען אונטערגעצונדען איינע פון די אידישע הייזער, וואָס האָט זיך געפונען אָן א זייט; דערנאָך א צווייטע און א דריטע. די פלאַמען זיינען פאר די בראווע פארטיידיגער געווען שרעקליכער ווי שיסעריי. מאיר מירסקי האָט שוין אויך פארלאָרען דעם געדולד. ער און שמעון, דער יונגערמאן, וועמען ער האָט די גאנצע צייט זיך געסטארעט צו בארוהיגען, זיינען צוגעקראָכען צו א באלויכטענער הויז, אין וועלכער עס האָבען זיך באוועגט שאָטענס, און זיי האָבען אהין אריינגעשאָסען דורך די פענסטער.

— וואָס האָט איהר דאָרט געזעהן? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס? פארברענטע קישענס, מאטראצען, צובראָכענע כלים. דאָ צינדט זיך אָן א מאטראץ, דאָ א בארג מיט ספרים. עס איז שרעקליך געווען צו קוקען, א סך שרעקליכער ווי פון דער שיסעריי. מיר האָבען געזאָגט איינער צום אנדערען: „לאָמיר אויסשיסען אַלע קוילען, וואָס מיר האָבען, און זאָל זיין א סוף פון אונז!" אַלזאָ, זיינען מיר געגאנגען נאָך די ווילדע קולות פון די כוליגאנעס מיט'ן צוועק צו שיסען אויף זיי. פלוצלונג זאָגט מיר שמעון, מיין באגלייטער: „אז מיר וועלען פאַלען, וועלען דאָך אונזערע ביקסען ביי זיי בלייבען. דאָס טויג ניט".

— איך האָב ניט באוויזען צו ענטפערן, ווי מיר האָבען דערהערט א געשריי פון יצחק'ס הויז, און מיר זיינען געלאָפען אהין. דאָס איז אָבער געווען נאָר א געשריי פון שרעק. אונזערע האָבען אונז מעהר ניט געזעהן, האָבען זיי געמיינט, אז עס איז שוין א סוף צו אַלעמען. מיין געלאַסענקייט איז דאן אינ־גאנצען פארשוואונדען. איך האָב געשאָסען וואו איך האָב נאָר געזעהן א צייכען פון כוליגאנעס, און שמעון האָט אויך אזוי געטאָן. מיר זיינען געגאנגען אין פארשיידענע ריכטונגען, און וואו נאָר מיר האָבען געזעהן א שריפה, האָבען מיר געשאָסען.

— מיר איז א וואונדער, וואָס זיי האָבען זיך אפילו דאן מיט אייך ניט געקענט ספּראווען, — האָב איך באמערקט. —

זיי זיינען דאָך שוין געווען לעבען איך, האָבען זיי דאָך געקענט זעהן ווי אָרים איהר זייט אין קרעפטען און מיטלען.

— דאָס, וואָס זיי האָבען זיך גענומען צו רויבעריי, האָט צובראָכען זייער דיסציפּלין און אָרדנונג, — האָט ער געענטפערט. — אין זייער זשעדנעקייט נאָך פרעמדען אייגענטום האָבען זיי פארלאָרען די קעפּ. אז ניט, וואָלטען זיי אונז ווירקליך אַלעמען פארניכטעט.

איין מאָל האָט מירסקי געדארפט אריינגעהן אין שטוב אויף אַ מינוט; האָט ער דאָרטען געפונען אַ שרעקליכע סצענע: די ווייבער זיינען געלעגען צוגעדריקטע צו די סאַמע ווענט. טויט־שרעק איז געווען אויסגעמאָלען אויף זייערע פּנים׳ער.

— איין מאָמענט, ארום צוויי אוהר, האָבען מיר דערזעהן אַ גרופּע אראבער גאַנץ נאָהענט לעבען אונז. צו נאָהענט זיינען זיי אָבער דאָך ניט צוגעקומען. זיי האָבען זיך אינטערעסירט מיט די הייזער, וואו זיי האָבען געקענט רויבען...

— ארום דריי אזייגער האָבען מיר פון וויטען דערזעהן ליכט. אויטאָמאָבילען זיינען געקומען פון דער ירושלים׳ער זייט. אונזער דאָרף געפינט זיך אויף אַ בארג, און דער אויטאָמאָביל־וועג ליגט אין אַ טאָל, האָבען מיר זיי גוט געזעהן. פּלוצלונג אָבער זיינען די ליכט פון די אויטאָמאָבילען אויסגעלאָשען געוואָרען. מיר האָבען ניט געוואוסט ווער דאָס איז — שונאים אָדער פריינד. די הערצער האָבען ביי אונז געציטערט פון האָפנונג און פארצווייפלונג, פון ביידע געפיהלען אין איינעם. די אויטאָמאָבילען זיינען אוועק צום סטיישאָן. זיי האָבען ארויסגעוואָרפען פון זיך שטארקע ליכט־שטראַלען. מיליטערישע אויטאָמאָבילען מסתמא...

— אזוי ווי איך קען ריידען ענגליש, האָט מען מיר געהייסען געהן צו דער סטאַנציע. גבריאל און נאָך איינער זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטען. אַלע דריי זיינען מיר געווען באוואפענט. מיר האָבען אָפּגעמאַכט, אז אויב איך וועל שיסען, וועט דאָס זיין אַ צייכען, אז דאָס זיינען שונאים און זיי וועלען אויך שיסען.

— ווען מיר זיינען צוגעקומען נאָהענט צו דער סטאַנציע, האָב

איך אויסגעשריען: „האַלאָו, אינגליש טרופּס!" דער אויטאָ־מאָביל איז אָבער געווען אַ געפּאַנצערטער, האָבען די סאָלדאַטען ניט געהערט מיין קול. האָב איך אויסגעשאָסען אין דער לופטען צו ציהען זייער אויפמערקזאַמקייט. דאַן האָבען זיי אָפּגעענט־פערט מיט אַ ראַקעטע. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, האָבען זיי געוואָרפען אַ ליכט־שטראַם אין מיינע אויגען. איך האָב געפּרופט אַרויסציהען זיך פון דער בלענדענדער ליכט. זייער ליכט־שטראַם האָט מיר אָבער נאָכגעפאָלגט וואוהין איך האָב זיך נאָר געקערט. איך האָב אויפגעהויבען די הענט. דאַן האָבען זיי מיר גע־הייסען צוריקטרעטען צעהן פוס, און איך האָב אַזוי געטאָן. פון איינעם פון די אויטאָמאָבילען האָט אַרויסגעשטעקט אַ האַנט מיט אַ פּיסטאָלעט.

— ווער ביזטו? אַ פריינד אָדער אַ פיינד? — האָט אַ שטימע געפרעגט ביי מיר.

— אַ פריינד, אַ איד. — האָב איך געענטפערט, שטעהענדיג מיט מיין ביקס אויסגעשטעלט מיט ביידע הענט. — פאַרוואָס זייט איהר ניט געקומען פריהער?

— מיר האָבען דעם באַפעהל געקראָגען ערשט מיט אַ האַל־בער שטונדע צוריק.

איין מאַשין מיט צוויי סאָלדאַטען איז אַוועק, און אַנדערע צוויי מיט דריי סאָלדאַטען אין יעדער פון זיי זיינען מיט מירסקי'ן אַוועקגעפאָהרען אין דער אידישער קאָלאָניע.

די אַראַבער זיינען אַלע פאַרשוואונדען. די סאָלדאַטען האָ־בען געשאָסען אין דער לופטען. אין דעם אויטאָמאָביל איז געשטאַנען אַ מאַשין־ביקס. געברויכען איהם אָבער האָט מען ניט באַדאַרפט.

מירסקי האָט די סאָלדאַטען און אָפיצירען געפיהרט פון הויז צו הויז. יעדע איז געווען פול מיט רויך און מיט סליאַדען פון רויבעריי און פאַרוויסטונג. די סאָלדאַטען האָבען ערקלערט, אַז אין יאַפאַ, דעם מיליטערישען צענטער פון פּאַלעסטינע, איז פאַראַן צו ווייניג אויטאָמאָבילען און צו ווייניג סאָלדאַטען, אָבער אַז מען ערוואַרט יעדע מינוט ענגלישע חיל פון עגיפּטען.

הר טוב האָבען די סאָלדאַטען פאַרלאָזען, ערקלערענדיג, אַז

זיי האָבען ניט קיין באפעהל דאָרטען צו בלייבען און אויסדריי־קענדיג די איבערצייגונג, אז די אראבער וועלען ניט וואגען אזוי גיך זיך אומצוקערען און אז איידער וואס־ווען, וועט אָנקומען הילף. מירסקי'ן האָבען זיי מיטגענומען אין יאפא אלס איבער־זעצער און כדי ער זאָל דאָרטען אָפּגעבען א באריכט וועגען דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען.

אויפ'ן וועג קיין יאפא האָבען זיי איהם דערצעהלט וועגען דער חברונ'ער שחיטה און אז גאַנץ פּאַלעסטינע איז אין בלוט און אין פלאַמען.

גבריאל לוי גרייט זיך אומצוקערען קיין הר טוב.

אזוי גיך ווי עס איז געקומען הילף, האָבען אַלע הר טוב'ער קאָלאָניסטען פארלאָזען זייער היים. מ'האָט זיי געבראַכט קיין תל אביב און באַזעצט אין דער הויז פון די סאָציאַליסטישע יוניאָנס, וואו איך האָב זיי געפונען.

ווי מיר זיינען אזוי געזעסען און געשמועסט וועגען דער טראַגעדיע, רופט זיך אָפּ גבריאל לוי:

— איך וואָלט גלייך געפאָהרען צוריק אַהיים. איך בין איבערצייגט, אַז אונזערע שכנים וואָלטען אונז מעהר קיין בייז ניט געטאָן.

עס איז געוואָרען אַ שטיקעל דעבאַטע. צוערשט האָט ער געשוויגען. דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט פעסטקייט:

— מען האָט זיי אויפגעהעצט, דערצעהלט זיי ליגענס אויף אונז. זיי וועיסען שוין, אַז עס איז ליגען. איך וואָלט זיך ווידער געפיהלט זיכער צווישען זיי. די ערשטע צייט וועלען אונזערע באַציהונגען זיין אָנגעשטרענגטע. דאָס וועט אָבער שנעל איבער־געהן. זיי וועלען ווידער זיין גוטע שכנים צו אונז. איך בין איבער־צייגט. אַן אַראַבער פון אַ דערבייאיגען דאָרף איז נעכטען דאָ געוועזען ביי מיר. ער האָט פאַרגעשלאָגען מיר צו באַרגען געלט. „דאַנקען גאָט, וואָס איהר האָט אייערע לעבענס געראַטעוועט", האָט ער צו מיר געזאָגט. פילע אַראַבער האָט מען געצוואונגען צו געהן אויף אונז, מיט רעוואָלווערן האָט מען זיי געסטראַשעט. איך בין באַרייט צו פאָהרען אַהיים און שלאָפען דאָרטען אפילו

איינער אַליין. מען האָט זיי משוגע געמאַכט מיט העצעס, אָבער דער משוגעת איז שוין איבערגעגאַנגען, זיי האָבען חרטה.

ער איז ווידער אַנשווייגען געוואָרען. דאַן האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרטראַכטען שמייכעל:

— אַ פלאַץ, וואו מען האָט אָפּגעלעבט 36 יאָהר און אין וועלכען מען האָט אַזוי פיל אַרבייט אַריינגעלעגט, לאָזט מען אַזוי גיך ניט אָפּ. יאָ, מיר וועלען צוריק זיין אין הר טוב, אויפבויען וואָס עס איז פאַרניכטעט געוואָרען. מען דאַרף שוין אָבער האָבען מעהר אידען. מיר מוזען זיין שטאַרקער און מיר מוזען וואוינען געדיכטער צוזאַמען...

— ווער זיינען געווען די אַראַבער, וואָס זיינען אייך באַ־פאַלען? — האָב איך ביי איהם געפרעגט.

— אָנגעהויבען האָבען אַראַבער פון אַנדערע דערפער, — האָט ער געענטפערט. — דערנאָך אָבער זיינען אין די רויבע־רייען צוגעשטאַנען איינינע פון אונזערע שכנים אויך. אָבער פילע פון אונזערע שכנים האָבען זיך ניט באַטייליגט. איינינע, ווייל זיי האָבען טאַקע ניט געוואָלט; אַנדערע, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די רעגירונג וועט זיי באַשטראָפען.

וואָס יהודה בעכאַר האָט מיר דערציילט.

דער אינטעליגענטסטער מיטגליד פון דער קאָלאָניע איז יהודה בעכאַר, יצחק לוי׳ס איידעם, דער מאַן פון דער אמאָ־ליגער 9־יאָהריגער רחל׳ע. ער איז אויך אַ בולגאַרישער איד, ער שטאַמט פון דער שטאָדט פּלעוונא. ביי אונזער גע־שפּרעך מיט די אַנדערע קאָלאָניסטען איז ער ניט אַנוועזענד געווען. מיט איהם האָב איך זיך געזעהן שפּעטער. מיין ערשטע פראַגע איז געווען וועגען דעם אַראַבער אבונאַמי. ער איז גע־בליבען אַ געטרייער פריינד פון די אידען און מען האָט מיר דערציילט, אַז ער בעט ביי די אַדוואָקאַטען, אַז מען זאָל אַכטונג געבען אויף זיין פרוי, אויב די פּאָגראָמשטשיקעס וועלען איהם טויטען אויס נקמה.

איינינע פון די אידישע קאָלאָניסטען האָבען געצווייפעלט אין זיין אויפריכטיגקייט. אַ פּאָר האָבען איינפאַך חושד געווען,

אז ער האט געשפּילט א פאלשע ראָלע ביי די אידען, אלס א מין פּראָוואָקאטאָר פאר די אראבער.

ווען איך האָב וועגען דעם געפרעגט בעכאר'ן, האט ער גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ מיט א פעסטען „ניין".

— אבונאמי איז מיינער א פריינד, — האט ער געזאָגט. — ער איז אבסאָלוט אויפריכטיג. מעגליך, אז ווען ער וואָלט פאָר־אויסגעזעהן ווי גרויס די געשיכטע וועט ווערען, וואָלט ער מורא געהאט זיך ארייננצומישען. ער האט געמיינט, אז עס איז נאָר א קליינע אויפרעגונג און אז ער וועט די אידען קענען העלפען. און איינמאָל איז ער אריין אין דער זאך, האט ער שוין ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט זיך צוריקציהען. איהר דארפט ניט פארגעסען, אז פילע אראבער זיינען געווען געגען די פּאָגראָמען. אלע ווייסען, אז די גאנצע קאשע האבען פארקאָכט עטליכע עפענדי פאמיליעס, וועלכע האבען אן אינטערעס אין דעם, און אז לײדען וועט דערפון דער פעלאך, דער אראבישער פויער, ווען די עפענדים ווילען האלטען אלס שקלאפען אויפ'ן פארצייטיגען שטייגער. אבונאמי ווייס, אלזא, אז ער איז ניט איינער אליין, הגם די אנדערע האבען דערווייל מורא ארויסצוקומען אָפען.

ריידענדיג וועגען דעם כאראקטער פון די אראבער אין אל־געמיין, האט בעכאר געזאָגט:

„צווישען דעם שטאָדטישען אראבער און דעם פעלאך איז א גרויסער אונטערשייד. דער ערשטער איז זעהר פויל און צו־לאָזען, ווערענד א גרויסער טייל פון די פעלאכען זיינען פלייסיגע, שווער־ארבייטענדע מענשען. זיי שטעלען מיט זיך פאָר דעם עכטען תנ"ך־טיפּ, און א סך פון די אלטע מנהגים, וועלכע אידען פלעגען אָפּהיטען אין די צייטען פון די נביאים, ווערען ביי זיי אָפּגעהיט עד היום, אָהן שום ענדערונגען. אויב זיי זיינען ביטרע, און פילע פון זיי זיינען גענויגט צו פאלשקייט און בארמלאָזיגקייט, איז דאָס דער רעזולטאט פון די פילע יאָהרהונדערטען, וואָס זיי האבען פארבראכט אין דער טיפסטער אָרימקייט און שקלאפעריי אונטער דעם יאָך פון עפענדים. צו אידען האבען זיי געוועהנליך די בעסטע געפיהלען. זיי רעספּעק־טירען אונז מעהר ווי זייערע אייגענע. צו א גוטען, עהרליכען,

פריינדליכען אידען פיהלען זיי אמת'ע ליבע און א טיפע אכטונג.

— איינער פון די כאראקטעריסטישע שטריכען פון א פעלאך איז לייכט צו פארגעסען א שנאה און ווידער צו ווערען א גוטער פריינד. ער איז פון דער נאטור איבערהויפט שטארק געניגט צו פריינדליכע געפיהלען. די, וואס קענען גוט זיין שפראך און פארשטעהען איהם, זיינען איינפארשטאנען, אז ער איז א גוטער שכן און א סימפאטישער מענש איבערהויפט. מיר אלע ריידען אראביש מיט א פעלאכישען אקצענט, פונקט ווי זיי, און זיי זיינען געווען אמת'ע גוטע פריינד צו אונז. זיי זיינען זעהר פרימיטיוו, זעהר נאאיוו. טראץ זייער ביטרעקייט, קען מען זיי איינריידען אלץ אין דער וועלט. דעריבער איז די מופטים און עפענדים געווען אזוי גרינג איינצושמועסען זיי, אז מען דארף אויסקוילענען די אידען.

— פריהער איז צווישען דעם פעלאך און דעם שטאדטישען אראבער געווען ווייניג פארבינדונגען, און דער פעלאך איז ניט זעהר רעליגיעז. דערפאר פלעגען זעהר ווייניג פעלאכען געהן דאווענען. זינט ענגלאנד האט איבערגענומען די הערשאפט, איז די שייכות צווישען דארף און שטאדט פיל פארגרעסערט געווארען, און איצט געהען אלע אין מאסק אריין, אפילו די פרויען. „די רעגירונג איז א קריסטליכע, מוזען מיר אונזער רעליגיע אויך וויזען", אזוי רעדט מען אומעטום. דער רעזולטאט איז, אז די רעליגיע באקומט א פאליטישען כאראקטער. און די עפענדי־משפחה, צו וועלכער עס געהערט דער גרענד מופטי, נוצט דאס אויס צו איהרע צוועקען.

דער בראַווער קאַמף אין חולדה

פערציג אידען געגען צוויי טויזענט באַוואָפּענטע אַראַבער. — אַ הויז אונטער אַ האָגעל פון בליי און אַרומגערינגעלט מיט אונטערגעצונדענע געביידעס.—אפרים טשיזיק.— אַ העלדישער טויט. — א נייער קאָמאַנדיר. — סצע־נעס וואָס מ'פאַרגעסט ניט. — צוויי שוועסטער. — אַ ברודער זאָגט קדיש. — אַן אַלטע מאַמע.

די קאָלאָניע חולדה, אָנדערהאַלבען שטונדען מיט'ן אויטאָ־מאָביל פון תל־אָביב, האָט ארום 40 יונגע פאַרמערס און פיר פאַרמערקעס. זיי זיינען א קבוצה, דאָס הייסט אַ קאָמונע. די מיטגלידער אַרבייטען שווער און געפינען גליק אין זייער אַרבייט, ווייל זי איז געווידמעט צו אַן אידעאַל.

צי מיר זיינען איינפאַרשטאַנען מיט אַלע טיילען פון זייער פּראָגראַם, צי ניט — באוואונדערען זייער ריינעם, פּאָרטגעשרי־טענעם לעבען און זייערע הויכע, נאָבעלע שטרעבונגען מוזען מיר.

אין די „געשעהענישען" האָבען זיי געפיהרט א מערקווירדיגען קאמף געגען אַ פּאָר טויזענד אַראַבער, וואָס זיינען זיי באפאלען מיט ביקסען, מעסערס און אונטערצינדונגס־פייערען.

מיט פיר פון זייערע בחורים בין איך שפּעטער ספּעציעל אַריבערגעפאָהרען אַהין פון תל־אביב. מיר האָבען געזעהן דעם חורבן, וואָס די פּאָגראָמשטשיקעס האָבען ביי זיי איבערגעלאָזען. מיר האָבען אויך באקוקט די גרויסע שטיינערנע הויז, וואָס האָט די קעמפער פון דעם זעלבסט־שוץ געדינט אַלס אַ פעסטונג. דאָרטען, שטעהענדיג ביי די פענסטער מיט ביקסען אין די הענט, האָבען זיי זיך געוועהרט געגען די באוואפענטע אָנגרייפער. עטליכע שטונדען האָב איך פאַרבראַכט אויפ'ן פּלאַץ. די פיר

יונגע לייט האָבען מיר אַלץ ערקלערט, אָנווייזענדיג אויף די ערטער, וואו די פארשיידענע מאָמענטען פון דעם קאמף זיינען פאָרגעקומען.

דערנאָך האָב איך געהאט א רייהע לאַנגע געשפּרעכען, פריהער מיט די פיר דערמאָנטע חלוצים (בוקס, יאש, דיאמאָנד און רובין) און שפּעטער מיט צוויי פון זיי (בוקס און יאש). די שמועסען זיינען פאָרגעקומען אין דעם „פּאַלאטין" האָטעל אין תל־אביב, וואו איך בין איינגעשטאַנען. און די גאַנצע געשיכטע איז פארצייכענט געוואָרען מיט זייערע אייגענע ווערטער. דערביי האָט מיר געהאָלפען יציב שפּיגעלמאַן, א סאָציאַליסט פון תל־אָביב, וועלכער האָט אויף מיין צווייטען באזוך אין פּאַלעסטינע מיר געגעבען זיין מיטווירקונג אלס באַגלייטער און סעקרעטער.

צוערשט וועגען דער קאָלאָניע חולדה אין אַלגעמיין, און א פּאָר פּאַסירונגען, וואָס זיינען דאָרטען פאָרגעקומען א קורצע צייט פאר די פּאָגראָמען. זי איז געגרינדעט געוואָרען מיט א יאָהר צוואנציג צוריק פון דער ציוניסטישער פּארטיי. ארום צעהן יאָהר האָט מען איהר געברויכט אַלס איינע פון די צופערטיגונגס־שולען, וואָס די פּארטיי האָט אין פּאַלעסטינע אויף צו לערנען יונגע אידישע אימיגראנטען ערד־ארבייט. דערנאָך איז זי איבער־געגאַנגען צו א גרופּע חלוצים, וואָס האָבען זיך דאָרטען באזעצט אַלס א קאָמונע. זייער אידעאַל איז א דאָפּעלטער: דער ריין־סאָציאַליסטישער אידעאַל און א שטרעבונג אויפצובויען ארץ־ישראל. ביי פערציג יונגע לייט, מעהרסטענס פון פוילישע שטעדט און שטעדטלאך, און מעהרסטענס גמרא־אינגלאך, וואָס האָבען זיך דערנאָך געבילדעט אויף א מאָדערנעם שטייגער; באַלעזענע אידעאַליסטען, וואָס ארבייטען פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטער־גאַנג אין פעלד און פארברענגען די אָוונדען אויף לעזען, ביי־וואוינען לעקציעס, דעבאטירען, אדער אויף אונטערהאלטונגען, וואָס שימערען מיט דעם גלאַנץ פון א שעהנעם גייסטיגען לעבען.

צוויי בערגלאך. אויף איינעם שטעהט די אידישע חולדה און אויפ'ן אַנדערען, נאָהענט דערביי — אן אראבישער דערפעל, וועלכער הייסט אויך חולדה.



צוזאַמען מיט אב. קאהאן זיינען דאָ פאָטאָגראַפירט ג. בוקס און ישראל יאש, צוויי פון די העלדישע חלוצים וואָס האָבען פארטיידיגט די קאָלאָניע חולדה געגען 2,000 אַראַבער אין איינעם פון די פּאַלעסטינער פּאָגראָמען.

בלויז אַכט פאַמיליעס וואוינען אין דער אַראַבישער חולדה. לאַנד האָבן זיי אָבער אַ סך, און זומער־צייט, ווען עס איז דאָ פיל אַרבייט אויף די פעלדער, קומען האַלב־ווילדע בעדואינער מיט זייערע פּאַלאַטקעס און פאַרדינגען זיך ביי זיי.

די אידישע חולדה איז געווען פעסט איינגעפונדעוועט און פיין ענטוויקעלט — מיט טראַקטאָרס, דרעש־מאַשינען, פּרעס־מאַשינען, אַנדערע מאַשינעריי; מיט אַ סך בהמות, עופות, מיט שייערן, שפּייכלער, אַ גרויסע שטיינערנע הויז און עטליכע הילצערנע געביידעס, מיט צוויי וועלדלאַך, מיט אַ גרויסן הויף, וועלכער האָט געטראָגן דעם זיגעל פון אַ ברייטער געראָטענער ווירטשאַפט. עס איז אויך געווען אַ פיינע, פאַרהעלטניסמעסיג רייכע ביבליאָטעק, אַ היימישער מוזעאומעל פון באָטאַנישע, זאָאָלאָגישע און מינעראַלאָגישע זאַמלונגען, אַ מיטינג־זאַל, אין וועלכן עס פלעגן פאָרקומען פאָרלעזונגען, דעבאַטען, קאָנ־צערטען.

אַרום און אַרום חולדה געפינען זיך אַראַבישע דערפער.

פאַר די פּאָגראָמען פון דיזען זומער (1929) האָבן די קאָלאָ־ניסטען פון חולדה מיט זייערע אַראַבישע שכנים מייסטענס גע־לעבט זעהר גוט. מיט די איינוואוינער פון דעם דאָרף סידון, צום ביישפּיל, וואָס האָט צוויי הונדערט איינוואוינער, אָדער פון סאַטאַריא, וואו עס געפינען זיך דריי הונדערט איינוואוינער, זיינען די חולדה־קאָלאָניסטען געווען אין די בעסטע באַציהונגען. זיי פלעגן זיך איינע די אַנדערע אויסבאָרגען פאַרשיידענע אַרטיק־לען, גערשטען, געצייג, זיך טאָן טובות.

דעם וואָרט „מייסטענס" ברויכען מיר דאָ, ווייל עס איז אימער געווען איין אויסנאַהם: די נעהנטסטע שכנים פון דער קאָלאָניע, די פעלאַכען (פּויערים) פון דער אַראַבישער חולדה — מיט זיי איז שטענדיג געווען צרות. די עטליכע פעלאַכען זיינען ניט קיין פרידליכע מענשען. זיי רייסען זיך שטענדיג אַרום צווישען זיך אויך. אַ באַוויז אויף דעם איז דער פאַקט, אַז זיי האָבען צוויי מוכטאַרען (עלטסטע). די אַכט משפּחות זיינען צוריסען אויף צוויי לאַגערן. מיט דיזע אַכט פאַמיליען האָבען די חלוצים פון דער אידישער חולדה, אַלזאָ, אימער געהאַט שווע־

ריגקייטען. צום ביישפּיל, די דאָזיגע אראבער פלעגען ארויפ־טרייבען בהמות אויף דעם באָדען פון די חלוצים, און דוקא אויף די יונגינקע בוימעלאך פון זייער הערצל־וואלד.

מיט א צייט פריהער — עטליכע מאָנאטען פאר די פּאָ־גראָמען, איז זאָגאר געקומען צו א שיסעריי, און געשאָסען האָבען פעלאכען פון דער אראבישער חולדה. צוויי מיטגלידער פון דער קבוצה האָבען געזעהן ווי זייערע שכנים פאשען בהמות אויף זייערען א פּלאַץ, וואו מ'האָט אָקאָרשט פאַרפלאַנצט בוימער. אויך האָבען זיי געכאַפּט צוויי אראבער, וואָס האָבען אויסגעהאקט אויסגעוואקסענע בוימער און זיי געטראָגען צו זיך אין דאָרף. אַנדערע חלוצים, וועלכע האָבען זיך דאַן געפונען אויפ'ן הויף, האָבען געהערט א פייפעריי אונטען אין טאָל — א סיגנאַל פון די חלוצים, וואָס האָבען געכאַפּט די גנבים — האָבען זיי זיך אראָפּגעלאָזען אהין און ביי די גנבים צוגענומען זייער קעמעל. האָט זיך פארזאמעלט א היבשע צאָהל אראבער און ניט געלאָזען נעמען דעם קעמעל. עטליכע פון די אראבער האָ־בען אָנגעהויבען צו שיסען און צו ווארפען שטיינער. דער רעזולטאט איז געווען, אז די אידישע יונגע לייט זיינען אויך געצוואונגען געווען צו נעמען געוועהר, און אזוי ווי זיי זיינען מעהר געניט מיט ביקסען און פּיסטאָלעטען, האָבען זיך יענע דערשראָקען (הגם די חלוצים האָבען געשאָסען נאָר אין דער לופטען) און די אידישע בחורים האָבען דעם קעמעל פאָרט צוגע־נומען. די אידען האָבען דאַן געגעבען צו וויסען דער רעגירונג פון ראמלע, אן אראבישע שטעדטעל, וועלכע איז די אָפיציעלע קרייז־שטאָדט פון דעם געגענד און וועלכע געפינט זיך א האַלבע שטונדע גאַנג פון חולדה. עס זיינען געקומען פּאָליסלייט (אראַ־בישע) און זיי האָבען צוזאמענגעשטעלט א פּראָטאָקאָל, פאַר־שריבען די נעמען פון די אראבער, וואָס האָבען אויסגעהאקט די בוימער. דער אראבישער פּאָליסמאַן, וואָס האָט געשריבען דעם פּראָטאָקאָל, האָט אָבער דורכגעלאָזען דעם פאקט, אז די אראבער האָבען די ערשטע גענומען שיסען.

די געשיכטע איז אָנגעקומען אין געריכט. דעם שטיין־ווארפער, וואָס האָט פאַרוואונדעט א אידישען יונגען מאַן, האָט

מען באַשטראָפט מיט אַ חודש טורמע, און דער וואָס האָט אויס־גערויסן דעם בוים האָט באַצאָהלט פינף פונט (25 דאָלאַר) שטראָף.

דאָס איז פאָרגעקומען אין מערץ. אין יולי, עטליכע וואָכען פאַר די פּאָגראָמען, האָט אימיצער געשאָסען אויף אַן אַראַבער, וואָס האָט באַוואַכט אַ גאָרטען. געשאָסען האָט ניט קיין איד. דאָך האָבען די אַראַבער פאַרקלאָגט אַ אידען. זיי האָבען זיך צוגעטשעפּעט צו אַ יונגען מאַן, וועל־כען זיי רופען מיט דעם נאָמען כאַוואַדזשי סולימאַן און וועלכער איז אַ חלוץ מיט'ן נאָמען שלמה סעגאַל. ער קען גוט אַראַביש און פאַרברענגט אָפט מיט אַראַבער, האָבען זיי אָנגע־געבען זיין נאָמען, פשוט ווייל קיין אַנדערע אידישע נעמען האָבען זיי ניט געוואוסט ווי אָנצורופען. סעגאַל איז אָבער דאַן שוין אַכט טעג ניט געווען אין חולדה. ער איז גאָר געווען אין דער קאָלאָניע מקוה ישראל. האָט די פּאָליציי איהם אויפגעזוכט און מען האָט איהם פאַרשפּאַרט אין טורמע. מען האָט איהם באַלד אַרויסגענומען אויף בעיל און צוליב די פּאָגראָמען איז זיין פּראָ־צעס פאַרצויגען געוואָרען.

אַ ביסעל שפּעטער איז געקומען דער שעיך (פאָרשטעהער) פון דעם אַראַבישען דאָרף חולדה, צוזאַמען מיט דעם מוכטאַר, און זיי האָבען פאָרגעלעגט מען זאָל מאַכען שלום. דער ענטפער פון די אידען איז געווען, אַז מען זאָל אָפּוואַרטען עטליכע טעג. זיי האָבען געוואוסט אַז דער שלום איז ניט קיין אויפריכטיגער, אַז די אַראַבער מיינען עפּעס דערמיט.

ווי שוין געזאָגט, האָבען די דערפער סידון און סאַטאַריא געלעבט זעהר פריינדליך מיט דער אידישער חולדה. די אי־דען פלעגען זיי לאָזען פּאַשען זייערע שאָף אין דעם עלטערען וואַלד פון דער אידישער חולדה, וואו עס איז פאַראַן גוטע גראָז. האָבען אַלזאָ די חולדה'ר אַראַבער געוואָלט אויסנוצען זייער שלום אום דערוויייל אויך צו האָבען דאָס רעכט צו פּאַשען זייערע שאָף אין דעם אידישען וואַלד. די חלוצים האָבען דאָס פאַר־שטאַנען און דאָס איז געווען די אורזאַכע פאַרוואָס זיי האָבען זיך צוריקגעהאַלטען. זיי האָבען אָפּגעלעגט דעם פאָרמעלען שלום

ביז נאָך שבת. דערווייל אָבער איז פאָרגעקומען די געשיכטע מיט'ן בלבול אויף שלמה סעגאַל, און דער שלום איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

סאַלים באַסטה, דער אַראַבישער הויפּט פון דער פּאָליציי איבער'ן גאַנצען געגענד, איז אַן אָרענטליכער מאַן. ער איז געווען זיכער, אַז דער פּראָצעס געגען סעגאַל'ן וועט זיך ענדיגען צו גונסטען פון סעגאַל'ן; האָט ער די אידען פאָרגעלעגט אַז גלייך נאָך דעם משפט זאָל געשלאָסען ווערען שלום צווישען דער אידישער חולדה און דער אַראַבישער. מען האָט אָפּגעמאַכט, אַז לכבוד דעם שלום זאָל מען שעכטען אַ שעפּס.

* * *

דאָס ברענגט אונז צו דעם אָנהויב פון די שווערע טעג. דאָס ווייטערדיגע גיב איך דאָ איבער, ווי געזאָגט, מיט די ווערטער פון די חולדה'ער בחורים, וועלכע האָבען די געשיכטע אונז דערצעהלט. און דערצעהלט האָבען אונז הויפּטזעכליך די אויבען־דערמאָנטע צוויי חלוצים בוקס און יאש (אַמאָל האָט גערעדט דער, אַמאָל יענער). זיי האָבען גערעדט געלאַסען, איינפאַך און ערנסט. פון צייט צו צייט האָב איך זיי אָפּגעשטעלט מיט אַ פראַגע וועגען עפּעס אַן איינצעלהייט אָדער זאָגאַר אַ קליינינקייט. און דאָס האָט אָפט אַרויסגעבראַכט אַ אינטערעסאַנטען שטריך אָדער בילדעל.

דאָס ווייטערדיגע איז אַלזאָ זייער אייגענע ערצעהלונג.

* * *

ניט ווייט פון אונז ליגט אַן אַראַבישער דאָרף דזילאַ. מיט אַן אויטאָמאָביל קומט מען אַהין פון חולדה אין צוואַנציג מינוט. פאַראַן דאָרטען אַן עפענדי, פלעגט ער ביי אונז דינגען אונזער דרעש־מאַשין. מיט דער מאַשין פלעגט מיטפאָהרען אונזערער אַ מיטגליד, וועלכער פלעגט טאָן די אַרבייט פאַר איהם, און דער עפענדי פלעגט באַצאָהלען ניץ־געלד פאַר דער מאַשין און פאַר דער אַרבייט. היי־יאָהר האָט ער ביי אונז געדונגען אונזער פרעס־מאַשין. ווי געוועהנליך, איז מיטגעפאָהרען אונזערער אַ חבר. דאָס איז געווען רובין. דריי טעג איז רובין אָפּגעווען דאָרט

און אַלץ איז געגאַנגען גלאַט. דער אַראַבישער דאָרף האָט זיך צו איהם פאַרהאַלטען זעהר פריינדליך, ווי אימער. עס איז געקומען פרייטאָג, ווען אין ירושלים איז שוין געווען דער פּאָגראָם. רובין האָט דערפיהלט אַן ענדערונג אין דער שטימונג פון די דזילער אַראַבער. איינינע פון זיי האָבען איהם געזאָגט, אַז אין דעם מאָסק אָמאר (דעם גרויסען אַראַבישען טעמפּעל) אין ירושלים האָבען אידען געוואָרפען אַ באָמבע און אַז דעריבער דאַרף מען אויס'הרג'ענען אַלע אידען.

רובין איז אריין צו דעם עפענדי און ערקלערט אַז איהם איז אונמעגליך מיט די אַראַבער איצט צו ארבייטען, אַז זיי ריידען עפּעס וועגען אויס'הרג'ענען די אידען. איז דער עפענדי ארויס מיט אַ שטעקען און האָט די אַראַבער, וואָס האָבען דאָס געזאָגט, געשלאָגען ביז בלוט. אַלזאָ האָט מען אויפגעהערט צו רעדען.

פיר אַזייגער נאָכמיטאָג האָט רובין אוועקגעלעגט די ארבייט צוליב שבת, און ער האָט ביי דעם עפענדי געבאָרגט אַן אייזעל אויף צו פאָהרען אין חולדה. די פּרעס־מאַשין האָט ער אָבער איבערגעלאָזען. ער האָט זיך געקליבען נאָך שבת צוריקצוקומען פאָרטזעצען זיין ארבייט. אויפ'ן וועג איז רובין דורכגעריטען דורכ'ן אַראַבישען דאָרף גזאז. דאָרטען האָבען איהם ארומגע־רינגעלט איבער הונדערט אַראַבער. זיי האָבען איהם פאָרגע־לייענט פון אַ צייטונג, אַז אידען האָבען אין ירושלים אויסגע־הרג'עט אַ סך אַראַבער. איינער פון זיי האָט דעם לעזער אונ־טערבראָכען און געזאָגט: „ער איז דאָך אַ איד! לאָמיר איהם הרג'ענען". רובין האָט ניט געוואוסט וואָס דאָ טוט זיך. ער האָט געמיינט אַז עס איז אַ וויץ, און ער האָט געלאַכט. ער האָט אָבער געלאַכט נערוועז. אויב דאָס איז אַ שפּאַס, איז דאָס אַ מאָדנער שפּאַס. און באַלד האָט ער דערפיהלט אַז די זאַך איז ערנסט.

„איך בין איינער און איהר זייט הונדערט, — האָט ער זיך אָפּגערופען, — אַ קונץ איז מיר צו טויטען?"

איינינע אַראַבער זיינען דאַן צוגעגאַנגען צו איהם, איהם אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט:

„גיה, ברודער, מען וועט דיר דאָ ניט טשעפּען. אָבער אין עטליכע טעג אַרום וועלען מיר קומען צו אייך אין חולדה און מיר וועלען אייך אַלעמען אויסשעכטען".

ער איז אַוועקגעריטען אַהיים.

ביי אונז פלעגט אימער ביינאַכט אַרומגעהן אַ וועכטער מיט אַ ביקס אין האַנט און באַוואַכען די קאָלאָניע. דאָנער־שטאָג ביינאַכט, דאָס הייסט פאַר דעם פרייטאָג ווען רובין איז געקומען פון דזילא, האָט אונזער וועכטער באַמערקט צוויי רייטער. ער האָט זיי אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט אַז דאָס זיינען אַראַבישע פּאָליסלייט. זיי האָבען איהם ערקלערט, אַז זיי באַוואַכען די געגענד, ווייל די צייט איז אַן ערנסטע. דער וועכטער אונזערער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי מיינען, וואָרים ער האָט נאָך וועגען קיין בייז ניט געהערט, אַלזאָ האָט ער קיינעם פון אונז ניט אויפגעוועקט. ערשט אין דער פריה האָט ער אונז דערצעהלט וועגען דעם.

בייטאָג זיינען די זעלבע פּאָליסלייט געקומען מיט זייערע פערד. זיי האָבען אָפּגעגעסען ביי אונז וואַרימעס, אָבער אַריינ־געהן אין איינעם פון אונזערע שלאָף־צימערען זיך צולעגען אָפּ־רוהען האָבען זיי ניט געוואָלט. זיי האָבען זיך געלעגט אונטער אַ פייגען־בוים. מיר האָבען נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ געפאַהר עס הענגט איבער אונז. דעם גאַנצען טאָג האָבען מיר געאַרבייט ווי געוועהנליך. אויפ'ן פעלד האָבען מיר דאַן געכאַפּט אַן אַראַבער גנב'ענענדיג מיסט, האָבען מיר איהם איבער־געגעבען צו די פּאָליסלייט. זיי האָבען געוואָלט מאַכען אַ גאַנ־צען פּראָצעס געגען איהם און אַלס „האַנט־געלט" האָבען זיי איהם גוט אָנגעבראָכען די ביינער. דער אַראַבער האָט זיך ביי אונז געבעטען מען זאָל איהם אָפּלאָזען, און מיר האָבען איהם נאָכגעגעבען. מיר האָבען איהם בלויז געוואָרענט ער זאָל דאָס נאָך אַמאָל ניט טאָן, און ער איז אַוועק אַ צופרידענער. די פּאָליסלייט זיינען געוועזען ערשטוינט פון אונזער גוטהאַרציגקייט.

דאָנערשטאַג בייטאָג האָבען מיר אַוועקגעפיהרט צוויי וואָגען ווייץ אין דער אַראַבישער שטעדטעל ראַמלע, און נאָכדעם ווי מיר האָבען פאַרקויפט די ווייץ האָבען מיר דאָרטען באַזוכט אַ

באַקאַנטען אַראַבער. ער האָט אונז פאַרבעטען אויף מיטאָג. עס זיינען געווען נאָך באַקאַנטע אַראַבער און זיי זיינען אַלע געווען פריינדליך צו אונז. מיר האָבען דאָרט פאַרבראַכט ביז פאַרנאַכט.

פרייטאָג אין דער פריה זיינען פיר חברים אונזערע אוועקגע־פאָהרען קיין תל־אביב. אַלץ איז געווען שטיל און רוהיג. פינף אוהר פאַרנאַכט איז צו אונז געקומען רייטענדיג אַ חבר פון רחובות. זיין פנים איז געווען ערנסט. ער האָט אָבער צוערשט גאָר ניט דערצעהלט. ער האָט געוואַרט ביז מיר וועלען ענדיגען די אַרבייט. האָבען מיר זיך צוזאַמענגעקליבען אין אונזער פאַר־זאַמלונגס־זאַל.

— חברה, האָט ער דאַן געזאָגט, — מיר דאַרפען זיך צו־גרייטען. אין ירושלים קומען פאָר געשלעגען.

פאַר אונז איז דאָס געווען אַן איבערראַשונג, וואָרים דאָס וואָס די אַראַבער האָבען געזאָגט צו רובינ׳ען האָבען מיר דאַן נאָך ניט געוואוסט. דער חבר פון רחובות האָט אונז דערצעהלט, אַז אַ אידישער אויטאָמאָביל איז פאָהרענדיג פון דער קאָלאָניע עקרון באַוואָרפען געוואָרען מיט שטיינער. די שויבען פון אויטאָ־מאָביל האָט מען דורכגעבראָכען און צוויי פון די אידען, וואָס זיינען געזעסען אינוועניג, זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען. דאַן האָבען מיר זיך גענומען פרעגען וואָס עס איז איצט מיט אונזער רובינ׳ען אין דזילא. ער איז דאָרטען איינער געגען אַזוי פיל אַראַבער. עס איז אונז געוואָרען זעהר קאָלעמוטנע אויפ׳ן האַרצען פון דעם. אָבער ווי מיר זיינען אַזוי געזעסען און גערעדט וועגען איהם, איז ער אָנגעקומען רייטענדיג אויף אַן אייזעל.

רעדענדיג האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, האָט רובין דערצעהלט וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען, ווי אַזוי די אַראַבער האָבען „צוגעזאָגט" צו קומען אונז אַלעמען אויסקוילענען.

נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך אָנגעהערט פון דעם חבר וואָס איז געקומען פון רחובות און פון רובינ׳ען, האָבען מיר שוין פאַרשטאַנען אַז די לאַגע איז טאַקע אַן ערנסטע, און אַז מיר מוזען זיך צוגרייטען.

בוקס, וועלכער איז איינער פון אַ קאָמיטע פון דריי, וואָס

האָט פאַרוואַלטעט די קאָלאָניע חולדה, האָט דאַן אַנאָנסירט אַז גלייך נאָך אָוונט־ברויט מוזען מיר זיך פאַרזאַמלען און זעהן וואָס מען דאַרף טאָן. אָוונט־ברויט האָבען מיר דאַן געגעסען שטיל. קיינער האָט כמעט ניט ארויסגערעדט קיין וואָרט. יענעם אָוונט האָבען מיר פאַרשטאַרקט די וואָך. אָנשטאָט איין וועכ־טער האָבען מיר אָוועקגעשטעלט פיר. נאָכ'ן עסען האָבען מיר זיך פאַרזאַמעלט אין דעם זעלבען עס־צימער. מען האָט גערעדט וועגען דעם, אַז מיר זיינען צו ווענינ אין צאָהל און אַז אפילו אונזערע אייגענע מיטגלידער זיינען אויך ניט אַלע אין דערהיים. פיר פון אונזערע חברים האָבען זיך געפונען דאַן אין אַנדערע פלעצער. און גראָד זיינען די דאָזיגע פיר געווען געניטע קעמפער, וואָרים זיי האָבען זיך באַטייליגט אין זעלבסט־שוצען געגען פּאָגראָמשטשיקעס אָדער געדינט אין מיליטער; פולוועך געשמעקט. איצט זיינען זיי געווען אין תל־אביב. אַלזאָ, האָבען מיר באַשלאָסען זיי צוריקצורופען.

צוואַנציג מינוט רייזע מיט'ן אויטאָמאָביל פון אונז געפינט זיך די סטאַנציע נחל שרק (וואו שמשון האָט געקעמפט מיט די פלישתים). האָבען מיר באַשלאָסען פון דאָרטען אוועקצושיקען אימיצען קיין תל אביב צו לאָזען וויסען אונזערע פיר חברים אַז זיי מוזען גלייך קומען צוריק. אגב זאָל מען ביים סטאַנציע־בעאַמטען געוואָר ווערען, וואס עס טוט זיך אין ירושלים.

מיר האָבען באַקוקט אונזער געוועהר און אַמוניציע, באַ־טראַכט די סטראַטעגישע לאַגע אין חולדה, אין פאַל עס וועט זיין אַן אַטאַקע אויף אונז. די נאַכט איז אָבער אַריבער רוהיג.

שבת אין דער פריה, דעם 24טען אויגוסט, זיינען פיר פון אונזערע חברים געגאַנגען צו דער סטאַנציע. עס איז אָנגעקומען די באַהן. אין די וואַגאָנעס האָט זיך ניט געפונען קיין איין אידי־שער פּאַסאַזשיר — דורכאויס אַראַבער. דער הייצער אָבער פון לאָקאָמאָטיוו איז געווען אַ איד, און ער האָט דערצעהלט אין איילעניש:

— אין ירושלים טוט זיך חושך. מען הרג'עט אידען.

ער איז געווען זעהר אויפגערעגט, דער הייצער, אָבער ער האָט סיי ווי סיי קיין צייט ניט געהאַט אַ סך צו ריידען, וואָרים

דער צוג שטעהט דאָרטען נאָר צוויי מינוט. קיין איינצעלהייטען האָבען מיר פון איהם ניט געקענט קריגען. האָבען מיר געהאַט א געשפרעך מיט דעם סטאַנציע־בעאַמטען, וועלכער איז אַ קריסט־ליכער אַראַבער.

— איהר זייט געקומען געוואָהר ווערען וויפיל אידען מען האָט אוועקגעלעגט אין ירושלים? — האָט ער געפרעגט סאַר־קאַסטיש. און ער האָט צוגעגעבען מיט א גיפטיג געלעכטערל: „איהר האָט אויך מורא, הא?"

— ניין, מיר האָבען ניט קיין מורא, מיר האָבען אויך הענט, — האָט איינער פון אונזערע איהם אָפּגעענטפערט.

— איהר זייט גבורים, — האָט דער קריסטליכער אַראַבער ווייטער גערעדט. — איהר זייט בריות, ווען אַן אַראַבער פאַלט אויף אייך אָן מיט אַ מעסער, אָבער געגען קוילען זייט איהר דאָך אויך ניט קיין גרויסע כוואַטעס.

אונזערע האָבען געענטפערט מיט אַ שמייכעל און זיינען אוועק אהיים.

גרינגער איז פון דעם געשפרעך אויף די הערצער ניט גע־וואָרען. מיר האָבען געזעהן אַז דער סטאַנציע־בעאַמטער וויים פון זאַכען, פון וועלכע מיר האָבען קיין באַגריף ניט. וואָס קומט דאָרטען פאָר? וואָס טוט זיך מיט אונזערע ברידער? וואָס וועט דאָ פאָרקומען ביי אונז?... מיר האָבען ניט גערעדט קיין סך. די פראַגען זיינען אָבער געפאַלען ווי שווערע שטיינער אויף אונזערע הערצער. מיר האָבען זיך דערמאָנט אָן אַ געשפרעך וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוויי וואָכען פריהער צווישען דעם סטאַנציע־בעאַמטען און איינעם פון אונזערע חברים, וועלכער באַשעפטיגט זיך מיט אונזערע ביהנשטאָקען. דער בעאַמ־טער האַלט זיך פאַר אַ פּאָליטיקער און איבערהויפּט פאַר אַ גאַנ־צען קנאַקער אין אונזער געגענד.

— וואָס מיינט איהר? — איהר, אידען, וועט ביי אונז צו־נעמען דעם כותל־מערבי? — האָט ער געזאָגט. — איהר האָט טאַקע אַ סך אויפגעטאָן אין לאַנד אין די לעצטע צעהן יאָהר. איהר האָט ענטוויקעלט קאָלאָניעס. איהר האָט אויפגעבויט אַ גרויסע שטאָדט תל־אָביב. אָבער פון דעם אַלעם קען מען דאָך

אין אַ פּאָר טעג מאַכען אַ באַרג אַש. איינס, צוויי, דריי — און עס וועט פון דעם קיין סליאַד ניט בלייבען.

אין דיזען מאָמענט איז אָנגעקומען דער צוג און דער סטאַנציע־בעאַמטער האָט ניט געקענט פאַרטזעצען. געוועהנליך פיהרט זיך דער זעלבער בעאַמטער אויף ווי אַ גוטער־ברודער אונזערער. צום ביישפּיל: ווען איינע פון אונזערע פרויען פלעגט אָנקומען מיט דעם צוג פאַרנאַכט, פלעגט ער איהר באַגלייטען אַהיים, און אום איהר צו באַשיצען, פלעגט ער האַלטען אַ רעוואָלווער אין האַנט. ווען אונזערער אַ חבר האָט ניט געהאַט קיין מזומן גראַד צו באַצאָהלען פאַר אַ בילעט, פלעגט ער איהם געבען אַ בילעט אויף באָרג. ער פלעגט פון אונזערטוועגען זאָגאַר טאָן אַזאַ זאַך: ווען ער פלעגט זעהן, אַז איינער פון אונזערע חברים פאָהרט צו דער באַהן און אַז ער פאַרשפּעטיגט דעם צוג, פלעגט ער פאַרהאַלטען דעם צוג צוליב איהם, אמאָל זאָגאַר אויף גאַנצע צעהן מינוט.

צוועלף אוהר בייטאָג זיינען געקומען צוויי חברים פון די פיר, וועלכע האָבען זיך געפונען אין תל־אביב. זיי האָבען אונז דערצעהלט, אַז דאָרטען, אין תל־אביב, איז די שטימונג אַן אומרוהיגע. איינער פון די אַנדערע צוויי חברים, דיאַמאָנד, איז פאָרלויפיג פאַרבליבען אין תל־אביב, וואו ער איז אריבערגעגאַנגען צום צענטער פון דער זעלבסט־שוץ אָרגאַניזאַציע און געבעטען, אַז עטליכע חברים זאָלען קומען העלפען אָרגאַניזירען דעם זעלבסט־שוץ אין חולדה.

אַלס רעזולטאַט דערפון זיינען דערנאָך פון תל־אביב צו אונז געקומען, צוזאַמען מיט דיאַמאַנד'ן, אפרים טשיזשיק (אַ ברודער פון דער אויבען־דערמאָנטער חנה טשיזשיק, די פאַרוואַלטערין פון דער פרויען־קאָלאָניע נחלת יעקב) און נאָך אַ חבר, וועלכען מיר וועלען רופען יעקב. זיי זיינען געקומען אין אַן אָטאָמאָביל. מיט'ן באַהן צו פאָהרען איז שוין פאַר אידען געווען געפעהרליך. און דיזע חברים זיינען געפאָהרען ניט מיט דעם שאָסע דורך דער אַראַבישער שטעדטעל ראַמלע, נאָר דורך די אידישע קאָלאָניעס רחובות און עקרון. זיי זיינען אָנגעקומען אין חולדה דריי אוהר נאָכמיטאָג. זיי האָבען דערצעהלט,



אפרים טשיזיק, דער פיהרער פון די העלדישע קאָלאָניסטען פון
חולדה וועלכער איז געפאלען אין קאמף.

אַז אין ירושלים קומען פאַר גרויסע הריגות. זיי האָבען אָפּגע־געסען און זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט צו אָרגאַניזירען אונז אַלעמען צו דער זעלבסט־פאַרטיידיגונג, אויב עס וועט זיין אַן איבערפאַל אויף אונז.

אפרים טשיזשיק איז געווען דער קאַמאַנדיר. ער האָט גוט באטראכט אַלע פּלעצער און געהייסען צוגרייטען דאָס געווער. מיט אונז צוזאַמען האָט ער באטראכט די פּאַרטיידיגונגס־פּונק־טען און ער האָט באשטימט אַלס אונזער לעצטען פּונקט די שטיינערנע הויז. דאָס הייסט, אַז אויב עס וועט שוין אין אַנ־דערע ערטער זיין געפערליך צו בלייבען, זאָל אונזער פּאַרטיי־דיגונג קאָנצענטרירט ווערען אין דיזער הויז, וועלכע וועט דינען אַלס אַ פעסטונג. די וואַך האָט מען פארגרעסערט שוין אויף אכט מאַן. און אפרים האָט באשטימט יעדען פון אונז זיין פּאָסטען. קיין באַנדאַזשען און אנדערע מעדיצינישע ארטיקלען פאַר פאַרוואונדעטע זיינען ביי אונז ניט געווען. אַלזאָ, האָט מען באשלאָסען צו שיקען אימיצען קיין תל־אביב דאָס אַלץ צו ברענגען. צו פאָהרען קיין תל־אביב איז געווען זעהר געפעהר־ליך, וואָרים אויפ׳ן וועג געפינען זיך אומעטום אַראַבער, אָבער יעדער פון אונז האָט געטאָן זיין פליכט. די שטימונג איז גע־ווען אַ שטימונג פון פעסטקייט און ענטשלאָסענהייט.

יעדער האָט געוואוסט וואָס ער האָט צו טאָן אין דער ווירטשאַפט און מען האָט געאַרבייט אַזוי ווי יעדען טאָג, אַזוי ווי עס וואָלט גאַר ניט געשעהן. מען האָט געאַרבייט און צו דערזעלבער צייט איז אָרגאַניזירט און צוגעגרייט געוואָרען אַלץ וואָס איז נויטיג צום קאַמף. די פיר פרויען פון אונזער קאָ־לאָניע האָבען זיך אויך געהאַלטען שטאַרק, ניט ערגער פון די בחורים.

אין דעם אַראַבישען דאָרף חולדה איז פאַרלויפיג ניט געווען קיין שום ענדערונג. וואָס ביי זיי איז געווען אין די הערצער, איז אַן אַנדער זאַך. פון דרויסען אָבער האָט מען דאָס פאַר־לויפיג ניט געקענט זעהן.

עס איז געווען פאַרנאַכטלעך. די אַכט וועכטער זיינען גע־ווען יעדער אויף זיין פּאָסטען מיט געוועהר אין האַנט און די

איבעריגע פון אונזערע חברים האָבען פיבעריש געארבייט צו־גרייטענדיג זיך צו דער פארטיידיגונג. מען האָט אָנגעשאָטען זעק מיט זאמד און דאָס האָבען מיר אוועקגעלעגט אויפ'ן באַלקאָן פון דער שטיינערנער הויז, כדי דאָס זאָל דינען אַלס א באַרי־קאַדע.

אָוונט־ברויט האָבען מיר געגעסען שטעהענדיג און אין אייעל־ניש. עס איז געווען געגנוג אַרבייט. די פרויען האָבען אויך געהאַט א סך צו טאָן פאַר דעם קאַמף. זיי האָבען געפוצט די קוילען. אַזוי איז געגאַנגען ביז צעהן אוהר אָוונט. דעם לאָמפּ, וועלכער פלעגט געוועהנליך פארנאכט ברענען אין הויף, האָבען מיר דיזען מאָל ניט אָנגעצונדען. די פאַמיליע וואָס האָט גע־וואוינט אויפ'ן הויף, לעבען וואַלד, דאָרטען וואו עס געפינט זיך אונזער עס־צימער, האָט זיך אַריבערגעקליבען אין דער שטיינער־נער הויז. יעדער וואָס האָט ניט געהאַט צו שטעהן אויף דער וואַך, איז געגאַנגען שלאָפען. מען איז אָבער געשלאָפען אין די קליידער, מיט די שיך, מיט אַלעמען, און אין די צימערען האָט מען קיין ליכט ניט אָנגעצונדען.

האַלב נאָך ניין בין איך מיט מיינע חברים (דאָס דערצעהלט בוקס) געשטאַנען אויף דער וואַך ביים שייער פון תבואה. דער דאָזיגער שייער געפינט זיך ביים וועג, וואָס פיהרט צו דער קליינער אידישער קאָלאָניע כפר־אוריה. די קאָלאָניע, וועלכע באַשטעהט פון זעקס פאַמיליעס, ליגט צווישען בערג. פּלוצלונג האָב איך דערהערט, אַז מען רעדט אויף אַראַביש. אויך האָב איך דערהערט, אַז עס דערנעהנטערען זיך צו אונז טריט. איך האָב געגעבען א סיגנאַל צום צווייטען וועכטער. מיר האָבען שוין איצט גערעדט מיט „פּאַראָלען", קורצע ווערטער וואָס זיי־נען באַשטימט געוואָרען אַלס צייכענס, וואָס מען מאַכט אָפּ פון פריהער. ווען אונזערער א וועכטער זאָגט „הלוך!", למשל, דאַרף יענער ענטפערען „ישר!". דאָס הייסט, אַז ער איז אונזערער. אויב ער ענטפערט ניט אַזוי, הייסט עס, אַז מען דאַרף שטעהן גרייט צו שיסען. איך האָב דעם ריכטיגען ענטפער ניט באַ־קומען און איך בין געשטאַנען גרייט. איך האָב אָבער באַלד דערהערט א קול אויף העברעאיש: „חברים, שומרים, תנו לי

להכנס. אַני מכפר־אוריה. כפר־אוריה בוערת, אַני פּליט" (חברים, שומרים, לאָזט מיך אריין. איך בין פון כפר־אוריה. כפר־אוריה ברענט, בין איך אַנטלאָפן פון דאָרט). האָב איך אויסגערופן: „עמוד על המקום!" (בלייב שטעהן אויפ'ן פּלאַץ). „מיט וועמען האָסטו דאָ גערעדט?" האָט דער כפר־אוריה'ר פון דער ווייטענס געענטפערט: „איך בין איבערגעטאָן אין אַראַבישע קליידער און איך ווער באַגלייט פון צוויי אַראַבישע פריינט". אַלץ שטעהענדיג גרייט מיט מיין ביקס, האָב איך געענטפערט: „שיק דיינע אַראַבער צוריק, און דו קום אריין". ער האָט גלייך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם אַראַבישען מאַנטעל און צודעק און פאַר מיר איז געבליבען שטעהן אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, אַ הויך וואוקסיגער, אַן אויפגערעגטער, אַ צוטומעלטער. ער האָט קוים געקענט רעדען.

איך האָב געלאָזט וויסען אין הויז, אַז אימיצער קומט און אַז מען זאָל איהם אריינלאָזען. דאַן איז צוגעקומען צו מיר אפרים טשיזשיק. איך האָב איהם אין קורצען דערצעהלט וואָס דאָ איז. ער האָט דעם גאַסט מיטגענומען מיט זיך און איהם אַוועקגעפיהרט אין דער שטיינערנער הויז. צו דער זעלבער צייט האָט אפרים געגעבען אַ באַפעהל ווידער צו פאַרשטאַרקען די וואַך. אַלע חברים, וואָס זיינען געשלאָפען, האָט מען אויפגעוועקט. אין אַ מינוט זיינען אַלע געשטאַנען אויף די פיס מיט געוועהר אין די הענט. אפרים האָט נאָך אַמאָל באַקוקט אַלע אונזערע חברים און זיי עקזאַמינירט, געזעהן ווער עס קען בעסער האַלטען אַ ביקס אין האַנט. דאַן האָט ער זיי צוטיילט אויף דריי קלאַסען. אין דעם דריטען קלאַס זיינען אריין די פיר פרויען און די צוויי קראַנקע מענער אונזערע, וואָס האָבען קיין געוועהר ניט געקענט האַלטען.

דער אַנטרונענער פון כפר־אוריה איז דערווייל געקומען צו זיך. דאַן האָט ער דערצעהלט, אַז דער אַראַבישער שעיך פון דעם דאָרף, וואָס געפינט זיך לעבען כפר־אוריה, האָט באַהאַלטען די זעקס אידישע קאָלאָניסטען מיט די פרויען און קינדער ביי זיך אין הויז. עס זיינען געקומען באַנדעס אַראַבער, באַשאַסען די קאָלאָניע. אָבער קיינער איז שוין דאָרטען ניט געוועזן. זיי־

נען די כוליגאַנעס אריין אין די הייזער, צוראַבירט אַלץ און דאָס איבעריגע אונטערגעצונדען.״

* * *

די פיר און צוואַנציג בחורים האָבען זיך געהאַלטען גע־לאַסען, רוהיג און פעסט. ווי געזאָגט, אַ היבשע צאָהל פון זיי זיינען געווען אין זעלבסט־שוץ געגען פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, אָדער געדינט אין מיליטער. בוקס, צום ביישפּיל, האָט צוויי יאָהר געדינט אין דער פּוילישער אַרמעע און פון דיזער צייט האָט ער זיבען מאָנאַטען פאַרבראַכט אויף דעם מלחמה־פראָנט. דער פייערדיגסטער איז געווען אפרים טשיזשיק. ער האָט זיך אָבער גוט קאָנטראָלירט און אַלס קאָמאַנדיר איז ער אַבסאָלוט ניט געווען אויפגערעגט, ער איז געווען געלאַסען און הארט ווי שטאָל.

איך האָב געפרעגט ווי טשיזיק האָט אויסגעזעהן, פון וואַנען ער איז געווען און וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ער האָט געהאַט, און בוקס האָט איהם פאַר מיר אָפּגעשילדערט: מיטעלמעסיג הויך, ברייטע פּלייצעס, גוט ענטוויקעלטע מוסקולען, אַ שאַטען, מיט טונ־קעלע אויסדרוקספולע אָבער ניט גרויסע אויגען; אַ פיר־קאַנטיגער פּנים, גאָרניט קיין מיאוס׳ער, מיט אַ סימפּאַטישען גוטען שמייכעל, מיט פיינע ווייסע צייהן; קיין סך ניט גערעדט, און וואָס גערעדט דאָס געפיהלט און פריהער ערנסט באַטראַכט. מען האָט געוואוסט, אַז ווען ער זאָגט עפּעס מיינט ער דאָס און ווייס וואָס ער רעדט. ער איז געווען אַ ביישפּיל פון טרייהייט און מוט. ער שטאַמט פון בעסאַראַביע. זיין פאָטער איז געקומען אַלס קאָלאָניסט און איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָלאָניע מלחמיה. איינע פון זיינע שוועסטער, שרה טשיזשיק, איז געפאַלען אין דער קאָלאָניע תל־חי צוזאַמען מיט טרומפּעלדאָר׳ן, ווען דאָרטען איז פאָרגעקומען אַ קאַמף מיט די בעדואינער.

* * *

מען האָט נאָך ווייטער פאַרשטאַרקט די וואַך און מען האָט צוגעגעבען ספּעציעל פיר מענשען אויף צו פיהרען די פאַרבינ־דונגען צווישען די פאַרשיידענע וועכטער. די פיר האָבען אויך געבראַכט באַריכטען פון די פאַרשיידענע וועכטער צום הויפּט־

קאָמאַנדיר, צו אפרים׳ן, וועלכער איז געזעסן אויף אַ באַנק לעבן דער שטיינערנער הויז. קיינער האָט זיך שוין ניט געלעגט שלאָפן. מען איז געזעסן לעבן אפרים׳ן מיט געווער אין די הענט. אפרים האָט דערצעהלט מעשיות ווי אַזוי ער האָט געקעמפט אין דעם פּאָגראָם פון 1921 אין תל־אָביב. אַנדערע חברים האָבן דערצעהלט פון די פּאָגראָמען, וועלכע זיי האָבן איבערגעלעבט אין אוקראַינע. מען האָט זיך געוויצעלט, מען האָט גערויכערט ציגאַרעטן.

אום איינס אוהר ביינאַכט — האָט ווייטער דערצעהלט בוקס — האָב איך דערזעהן אַ ראַקעטע פון וועג, וועלכע פיהרט צו דעם אַראַבישען שטעדטעל ראמלע. דערנאָך האָב איך דערזעהן צוויי פייערדיגע אויגען פון אַן אויטאָמאָביל, וועלכער האָט זיך דערנעהנטערט צו אונז. איך האָב דאָס איבערגעגעבען אפרים׳ן דורך איינעם פון אונזערע וועכטער. אפרים האָט גלייך באַפוילען, אַז אַלע חברים וואָס זיינען געווען ארום איהם זאָלען אריין אין הויז און אַז די וועכטער זאָלען זיך צוריקציהען אין וואַלד אריין. דער אויטאָמאָביל איז געפלויגען ארום דעם בערגעל, אויף וועלכען עס שטעהט חולדה, און ער האָט זיך באַוויזען אויף דער צווייטער זייט. דער וועכטער וואָס איז דאָרטען געשטאַנען האָט איהם אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז אין דעם אויטאָמאָביל זיינען געווען צוויי אַראַבישע פּאָליסלייט.

— וואָס הערט זיך? — האָבן זיי געפרעגט — איז ביי אייך רוהיג?

דאַן איז צוגעקומען אפרים, וועלכער רעדט גוט אַראַביש. ער האָט זיי ערקלערט, אַז פּאָרלויפיג איז רוהיג. ער האָט זיי אָבער דערצעהלט וועגען כפר־אוריה. די פּאָליסלייט האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלען ארומפאָהרען אין דעם געגענד און אויב עס וועט זיך עפּעס מאַכען, זאָל מען זיי לאָזען וויסען מיט אַ פייף אָדער מיט אַ שאָס, וועלען זיי גלייך קומען. מיט די ווערטער זיינען זיי אַוועקגעפאָהרען.

צוויי ביינאַכט האָבן מיר געביטען די וואך. דערווייל איז קיין טרעוואָגע ניט פאָרגעקומען. מיר זיינען אָבער געווען געגרייט.

אויף די פאַסטענס האָבען מיר ארום 3 אוהר ביינאַכט געהערט ווי צו דעם אַראַבישען דאָרף חולדה קומט אַ גרופּע אַראַבער מיט געזאַנג. אָבער ביז 5 אוהר האָט גאָר ניט פּאַסירט. 5 אוהר זיינען ווידער געקומען די פּאָליסלייט אין זייער אויטאָמאָביל. זיי האָבען ווידער געפרעגט וואָס עס הערט זיך. אַזוי ווי זיי זיינען פון אונז געפאָהרען קיין עקרון און רחובות, איז מיט זיי מיטגעפאָהרען אונזער חבר דיאַמאַנד. זיין צוועק איז געווען פון דאָרטען צו פאָהרען קיין תל־אביב, כדי צו ברענגען באַנדאַזשען און מעדיצין פאַר ערשטע הילף. דעם זעלבען פאַרטאָג האָבען מיר געזעהן פינף עראָפּלאַנען ווי זיי פליהען פון ירושלים אין דער ריכטונג פון יאפא. דאָס האָט פארשטאַרקט דעם איינדרוק, אַז אין לאַנד איז גאָר ניט רוהיג.

ווען דיאַמאַנד איז אָנגעקומען אין רחובות, האָט ער זיך דאָרט דערוואוסט, אַז די באַהן איבער תל־אביב איז איבערגע־ריסען, אַז אהין צו פאָהרען מיט אַן אויטאָמאָביל איז אַ סכנה; אַז די אַראַבער קלייבען זיך אָנצופאַלען. דיאַמאַנד האָט דער־צעהלט די אידען פון רחובות, וואָס ס׳איז געשעהן אין כפר־אוריה, און ער האָט געפאָדערט, אַז מ׳זאָל געפינען אַ מיטעל אַריבערצופיהרען פון כפר־אוריה די 6 באַהאַלטענע אידישע פאַ־מיליעס, וואָרים לאַנג בלייבען צווישען אַראַבער איז פאַר זיי אַ צו גרויסע געפאַהר. אַ אידישער פּאָליציי־סאַרזשענט מיט דעם נאָמען גאָטליב, פון רחובות, האָט דאַן גענומען אַן אויטאָמאָביל און האָט זיך אַוועקגעלאָזען נאָך די דאָזיגע אידען. אויפ׳ן וועג, אין עקרון, האָט ער געקראָגען אַ צווייטען אויטאָמאָביל. ווען ער און זיינע באַגלייטער זיינען געקומען קיין חולדה, האָבען זיי פון דאָרטען מיטגענומען דעם הויכען יונגען מאַן, וואָס איז צו אונז געקומען פון כפר־אוריה. מיט זיי איז אויך מיטגעפאָהרען דיאַמאַנד. אַלע זיינען זיי אַריבערגעפאָהרען אין דעם אַראַבישען דאָרף וואו די אידען האָבען זיך באַהאַלטען און זיי האָבען פון דאָרטען די זעקס פאַמיליעס געבראַכט קיין חולדה.

דערווייל איז ביי אונז באַשלאָסען געוואָרען אוועקצושיקען פון חולדה די פרויען און קינדער און די צוויי קראַנקע מענער. די פיר פרויען האָבען ניט געוואָלט אוועקפאָהרען אין אַ צייט

ווען אַלע שטעהען גרייט צו באשיצען די קאָלאָניע. אָבער אפרים האָט געגעבען אַ שטרענגען באפעהל, אַז זיי מוזען אוועקפאָהרען, און זיי האָבען געמוזט פאָלגען. זיי האָבען זיך אריינגעזעצט אין די אויטאָמאָבילען וואָס האָבען געבראַכט די זעקס פאַמיליעס פון כפר־אוריה און אַלע זיינען זיי אריבערגעפאָהרען קיין רחובות אונטער דער באגלייטונג פון פאָליציי־סארזשענט גאָטליב.

אויפ׳ן דאַך פון אונזער שטיינערנער הויז איז געלעגען אַ וועכטער, וועלכער האָט באָאָבאַכטעט אַלע פאָזיציעס. האָט ער דעם גאַנצען זונטאָגדיגען טאָג געזעהן ווי בעדואינער, וואָס געפינען זיך לעבען דער אַראַבישער חולדה, מאַרשירען גרופענווייז מיט געזאַנג איבער דעם וועג וואָס פיהרט פון כפר־אוריה. דער איינדרוק איז געווען, אַז זיי האָבען געבראַכט די זאַכען וואָס זיי האָבען אָנגעראַבירט אין כפר־אוריה.

אונזער זונטאָגדיגער מיטאָג איז ניט געווען אַזוי געשמאַקער ווי אימער, וואָרים די פרויען זיינען שוין ניט געווען, און געקאָכט האָבען די מענער. אַלזאָ, איז די רייז־זופּ געווען צו־זיס און דער סאַלאַד פון בראַזשינעס (אַ מאכל פון אַ געווויסען קירבעס־געוויקס מיט אַ סך אייער) איז אויך ניט געווען געראָטען. און גראָד צו דיזען מיטאָג האָבען מיר געהאַט אַ גאַסט — אַן אַראַבער, אַ זוהן פון דעם שעיך פון דעם פריינדליכען דאָרף סאַטאַריאַ. ביים טיש האָבען מיר גערעדט מיט איהם נאָר וועגען געשעפט. וועגען אַנדערע זאַכען האָבען מיר אויסגעמידען צו ריידען. ער האָט געוואָלט ביי אונז קויפען האָלץ. אום פטור צו ווערען פון איהם, האָבען מיר געזאָגט אַ תירוץ און אָפּגעלעגט דעם מסחר אויף שפּעטער. קיין נאַר איז ער ניט, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז, און ער איז לאַנג ניט פאַרבליבען.

איצט איז ביי אונז שוין געשטאַנען אַ וואַך בייטאָג אויך. אין דעם גאַנצען געגענד איז ניט געווען קיין שום באוועגונג. עס איז געווען אַ סך שטילער ווי געוועהנליך. אַזאַ שטילקייט האָבען מיר אין חולדה נאָך קיין מאָל ניט געפיהלט. און דיזע שטילקייט האָט ביי אונז פאַרשטאַרקט דעם חשד, אַז אין דעם אַראַבישען דאָרף חולדה גרייט מען זיך צו עפּעס. ביי אַ צוויי און אַ האַלב שטונדען האָבען מיר פאַרבראַכט באַקוקענ־

דיג און צופערטיגענדיג די געוועהר אינוועניג אין שטיינערנעם הויז. ארום פיר אזייגער האט אפרים געגעבען א באפעהל, אז אלע די וואס האבען ניט קיין באשטימטע ארבייט זאלען געהן שלאפען. דאן האט ער איינגעארדענט די וואך, באשטימט וויפיל יעדער האט צו שטעהן אויף זיין פאסטען, פון וועלכער שעה ביז וועלכער. אזוי זיינען אוועק צוויי שטונדען, ביז 6 פארנאכט. דאן זיינען אין אן אויטאמאביל געקומען צוויי פאליס-אפיצערען און דריי געוועהנליכע פאליסלייט. זיי האבען ערקלערט, אז זיי פאהרען ארום אין דעם געגענד און אויב עס וועט זיך עפעס מאכען א געפאהר, זאל מען זיי געבען א סיגנאל. איינער פון די אפיצערען האט געפרעגט ביי אפרים'ן:

— ווי פיהלט איהר זיך? האט איהר מורא?

— איהר ווייסט דאך אונזערע כחות, — האט אפרים געזאגט. — זאלען מיר עפענען אונזערע פאר'חתמ'עטע שראנקען מיט ביקסען, וואס די רעגירונג האט אונז איבערגעלאזען נאך די פאגראמען פון 1921?

זאגט דער אפיצער מיט א שמייכעל:

— מסתמא האט איהר נאך געוועהר אויך, אויסער די פאר-חתמ'עטע. ערלויבען די פאר'חתמ'עטע ביקסען קען איך ניט.

דערמיט האט זיך געענדיגט דער געשפרעך. דער אויטאמאביל איז אוועקגעפאהרען.

מיט דעם צוג וואס קומט אן זעקס אזייגער פארנאכט זיינען צו אונז אנגעקומען צוויי פון אונזערע חברים וואס האבען זיך געפונען אין תל־אביב און נאך ניין מאן מיט זיי. עס איז שוין געווען טונקעל. אונזערע וועכטער האבען פון ווייטען דערזעהן א גרופע מענשען קומענדיג צו חולדה. זיי האבען געמיינט, אז דאס זיינען אראבער. א טייל פון אונזערע מענשען האבען זיך אין יענעם מאמענט געפונען אין עס-צימער. ווען זיי האבען געהערט אז אראבער געהען אויף אונז, האט מען אויסגעלאשען דעם לאמפ און אלע זיינען אריבערגעלאפען אין דער שטיינערנער הויז. יעדער האט זיך געכאפט צו זיין ביקס. אפרים מיט א ביקס אויפ'ן ארעם איז ארויס צום וועג זעהן וואס דארטען טוט

אַ טייל פון די קאָלאָניסטען פון חולדה, וועלכע האָבען זיך אזוי העלדיש פארטיידיגט געגען די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס.

זיך. אַ מינוט שפּעטער איז ער שוין געווען צוריק, מיט אַ געלעכטער.

„דאָס זיינען ניט קיין אַראַבער, נאָר אונזערע מענשען, — האָט ער ערקלערט. — עס קומט הילף צו אונז פון תל־אביב".

דאָס זיינען געווען די 11 חברים, און איינער פון זיי איז געווען דיאַמאַנד.

אין דער זעלבער צייט איז געקומען אַ סטאַדע פון דריי־און־צוואַנציג בהמות, וועלכע די אַראַבער האָבען ניט באַוויזען אַוועקצורויבען פון כפר־אוריה. די בהמות האָט געפיהרט אַ איד וואָס איז געווען פאַרשטעלט פאַר אַן אַראַבער צוזאַמען מיט אַן אַראַבישען פּאָליסמאַן. די בהמות זיינען זיך פריהער צולאָפען, האָט זיי דער איד צוזאַמענגעטריבען, און איצט זיי געבראַכט צו אונז".

* * *

צו אונזער געשפּרעך איז צוגעשטאַנען יקותיאל סוואַטסקי, דער שאָפער, וואָס האָט געפיהרט די גרופּע פון רחובות קיין חולדה. ער האָט אונז דערצעהלט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויפ'ן וועג.

דיאַמאַנד האָט אין רחובות געטראָפען צעהן חברים פון דער צענטראַלער זעלבסט־שוץ, — האָט ער אָנגעפאַנגען. — ער האָט זיי איבערגעגעבען וואָס עס קומט פאָר אין חולדה. האָבען די זעלבסט־שוץ מענשען זיך גלייך אויסגערופען צו פאָהרען קיין חולדה, העלפען פאַרטיידיגען דעם פּלאַץ. עס איז שווער געווען אַריינצופּאַקען צעהן פּערזאָן אין דעם אויטאָמאָביל. זיי זיינען אָבער בארייט געווען ווי עס איז זיך אַריינצושפּאַרען. האָט אָבער דער אייגענטימער פון דעם אויטאָמאָביל ניט געוואָלט געבען זיין מאַשין. ער האָט מורא געהאַט, אַז די אַראַבער וועלען איהר צונעמען אָדער פאַרניכטען. דאַן האָט זיך אַריינגעמישט אַ רייכער קאָלאָניסט מיט'ן נאָמען זאַקס: „מענשען געהען איינשטעלען זייערע לעבענס און איהר ווילט אַפילו ניט איינשטעלען אייער אויטאָמאָביל?" — האָט ער גע'טענה'ט. — „גוט, איך בין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם אויטאָמאָביל". דער אייגענטי־

מער האָט דאָן אונז געלאָזען נעמען זיין מאַשין און מיר האָבען זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע.

מיר האָבען זיך באַזאָרגט מיט געוועהר. יעדען איינעם האָט מען געגעבען אַ פּיסטאָלעט. אַזוי זיינען מיר געפאָהרען פון רחובות ביז דעם אַראַבישען דאָרף עגר, וועלכער ליגט צווישען די צוויי אידישע קאָלאָניעס, רחובות און עקרון.

איידער מיר האָבען דערגרייכט עגר, איז אַנטקעגען אונז אָנגעקומען אַ הויכער אַראַבער און גענומען שרייען, אַז מיר זאָלען אָפּשטעלען דעם אויטאָמאָביל. מיר האָבען איהם אויסגעלאַכט. איז ער ארויפגעשפּרונגען אויף דער מאַשין לעבען דעם שאָפער און געפּרובירט אונז אָפּשטעלען. די חברים האָבען איהם גענומען שטופּען. ער האָט זיך אָבער געהאַלטען פעסט. דאָן האָט דער חבר וואָס איז געזעסען לעבען דעם שאָפער צוגעשטעלט אַ פּיסטאָלעט צו זיין שלייף: „אינזעל!” (געה אַראָפּ!) — האָט ער צו איהם געזאָגט; און דיזען מאָל האָט דער אַראַבער שוין געפאָלגט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען.

ווען מיר זיינען צוגעקומען נאָהענט צו עגר, — האָט סוואַטסקי ווייטער דערצעהלט, — האָב איך געזעהן, אַז דער גאַנצער אַראַבישער דאָרף איז פאַרזאַמעלט לעבען דעם ברונים און אַז איינער שטעהט און האַלט אַ רעדע פאַר דעם עולם. דאָרטען איז געווען ביי אַ טויזענט אַראַבער און פאַר אונזער הייפעלע מענשען זיך צו שטעלען מלחמה האַלטען מיט זיי איז ניט געווען קיין פּלאַן. מען דאַרף זעהן וואָס גיכער ארויסצוקומען פון דעם קלעם. נאָך אונז זיינען שוין נאָכגעלאָפען אַראַבער, שרייענדיג און וואַרפענדיג שטיינער אויף אונז. צוריקפאָהרען האָבען מיר בשום אופן נישט געוואָלט און סיי ווי סיי איז שוין געווען צו־שפּעט. מיר זיינען שוין געווען צווישען צוויי פייערען. עס איז געוואָרען אַ ליאַרם און אַ געפּילדער. אַראַבישע פרויען און קינדער האָבען זיך געשטעלט אין וועג. זיי האָבען געשריען: „עלי הוים!” (לאָזט זיך אויף זיי). עס האָבען זיך גענומען הערען שיסערייען. איך האָב אַוועקגעלאָזען דעם אויטאָמאָביל אויף זיין העכסטען אימפּעט. פאַר אונז איז געשטאַנען נאָר איין פראַגע — ווי אַזוי זיך ארויסצורייסען פון דעם

פיינדליכען דאָרף, וואָרים דאָ וואָלט מען אונז גלייך אויף שטי־קער צוריסען.

אזוי פליהענדיג זיינען מיר שוין צוגעקומען צו דעם צוויי־טען עק פון דאָרף און דאָרטען איז גראָד אָנגעלאָפען אַ סטאַרע בהמות, וואָס איז געגאַנגען צוריק פון פעלד, און זיי האָבען אונז פאַרשטעלט דעם וועג. האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי זיך צו פאַרקירעווען אָן אַ זייט, אין פעלד אריין. דער אוי־טאָמאָביל איז געשפּרונגען און געטרייסעלט זיך ווי אַ ניט־גוטער. ווי אזוי ער איז געבליבען גאַנץ, איז פאַר מיר אַליין אַ וואונדער.

עס איז שוין געווען פינסטער. קיין ליכט אין אויטאָמאָביל האָבען מיר אָבער ניט אָנגעצונדען, כדי די ארומיגע אַראַבישע דערפער זאָלען אונז ניט דערזעהן. ענדליך האָבען מיר דער־גרייכט עקרון. ביי דעם דאָרטיגען שייער זיינען אונז אַנטקעגען געקומען אידישע וועכטער. זיי האָבען געהערט די שיסעריי ביי דעם דאָרף עגר, האָבען זיי געמיינט, אז דאָס געהט מען אויף עקרון. זיי האָבען געמיינט, אַז מיר זיינען אַראַבער און אַז מיר זיינען דאָס געקומען מאכען אַ פּאָגראָם אויף זיי. זיי האָבען זיך געגרייט צו שיסען אויף אונז. זיי האָבען אָבער דערהערט, אַז אין אויטאָמאָביל רעדט מען העברעאיש, האָבען זיי אַראָפּגע־לאָזט זייערע ביקסען.

אין עקרון איז דערוויל געוואָרען אַ בהלה. צושראָקענע ווייבער און קינדער זיינען ארוים אין גאַס. ווען מיר זיינען אָנגעקומען און זיי האָבען דערזעהן ווער מיר זיינען, האָבען זיך די פרויען ביי אונז געבעטען, מיר זאָלען בלייבען אין דער קאָ־לאָניע. מיר האָבען געענטפערט, אַז מיר מוזען פאַהרען אין חולדה, וועלכע איז אין אַ גרעסערער געפאַהר.

פאָהרענדיג פון עקרון, זיינען מיר דורכגעפאָהרען דעם אַראַבישען דאָרף מאסורא. ביי דעם ברעג דאָרף איז דער וועג געווען פאַרשטעלט מיט דרעש־ברעטער און שטיינער — מיט גאַנצע באַריקאַדען; און פון דער זייט איז געווען אויסגעגראָבען אַ גרוב, וואו עס זיינען געווען באַהאַלטען אַראַבער. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אַהין, זיינען זיי ארוים פון זייער באהעלטעניש און זיך געלאָזט לויפען נאָך אונזער מאשין. איך האָב געזעהן,

אַז קיין וועג האָב איך ניט, האָב איך ריזיקירט און געלאָזען דעם אויטאָמאָביל געהן דורך דעם גרוב. דאָס איז געווען אַ גרויסע ריזיקע. מיר האָבען אַלע געקענט אומקומען. מיר האָבען אָבער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און אין אַזאַ צייט קוקט מען ניט אויף געפאַהר. אונז האָט אָבער אָפּגעגליקט. אונזער אויטאָמאָביל און מיר אַלע זיינען ארויס גאַנץ. אויפ'ן ווייטערען וועג איז יעדע מינוט געווען אַ נייע סכנה, אַז מיר זאָלען זיך איבערקעהרען, אדער ארויסגעשליידערט ווערען און ברעכען האלז און נאַקען. דאָס האָט אָבער ניט פּאַסירט, און מיר האָבען דערגרייכט די פעלדער פון חולדה.

דאַן האָבען מיר אָנגעצונדען די ליכט אין אויטאָמאָביל. אין חולדה איז אָבער געווען פינסטער. עס האָט זיך ניט געזעהן און ניט געהערט קיין סימן פון אַ לעבעדיגען מענשען. מיר האָבען ניט געוואוסט וואָס דאָס באַדייט. באַלד אָבער האָט זיך ארויסגערוקט אַ וועכטער און ער האָט פאַר אונז געעפענט דעם טויער פון הויף. עס איז געוואָרען פרעהליכער אויפ'ן הארצען. מיר האָבען אָנגעהויבען צו דערצעהלען וואָס מיר האָבען דורכגעמאַכט אויפ'ן וועג. מען איז אריין אין דעם עס־צימער. מען האָט אָנגעצונדען אַ לאָמפּ און אונז געגעבען עסען; און די וועטשערע איז טאַקע געווען אַ גוטע אויך — מיט פלייש."

* * *

דאָס ווייטערדיגע דערצעהלט ווידער בוקס; טיילוויז יאש:

מיר זיינען שוין געווען אַ גרופּע פון פיר־און־פערציג מאַן. מיר האָבען זיך געפיהלט שטאַרק, וואָרים מיר האָבען געהאַט די בעסטע חברה פון דעם גאַנצען זעלבסט־שוץ פון פּאַלעסטינא. ווען מיר זיינען אַזוי געזעסען און געגעסען, האָט זיך דערהערט אַ שאָס פון לעבען דעם שייער. אין דעם עס־צימער איז ווידער פארלאָשען געוואָרען דאָס ליכט און מיר האָבען זיך געכאַפּט פאַר די געוועהר. אפרים איז געגאַנגען זעהן וואָס דאָרט טוט זיך. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז אונזערע וועכטער האָבען דאָס געשאָסען. צוויי אראַבער האָבען זיך דערנעהנטערט צום שייער דורך די פעלדער. ווי עס שיינט, האָבען זיי געוואָלט זיך אונטער'גנב'ענען מיט דעם צוועק אונטערצוצינדען אונזער

שייער. ווען זיי האָבן אָבער דערהערט דאָס שיסן (אין דער לופטן), זײַנען זיי אַנטלאָפן. אפרים האָט זיך ווענן דעם אַלעם ערקונדיקט פון אונזערע וועכטער. ער איז צוריק אַרײַן אין עס־צימער און געזאָגט אַ פּאָר ערמוטיקנדע ווערטער צום עולם:

— איצט, חברה, לאָמיר אַ ביסל אַ זינג טאָן! — האָט ער געזאָגט, און מיר האָבן גענומען זינגען אַ פרעהליך ליד, מיט שטילע, צוריקגעהאַלטענע טענער, נאַטירליך.

דאַן האָט ער יעדן פון די נייע חברים אָנגעוויזן דעם פּלאַץ, וואו ער דאַרף שטיין מיט זיין געווער — האָט צוגע־לעגט דער שאָפער סוואַטסקי. — אפרים האָט געזאָגט:

— פון דאַנען, חברים, קענען מיר אַוועקגיין נאָר אַלס זיגער. אָדער אַזוי, אָדער דאָ איז אונזער קבר.

די גאַנצע נאַכט האָט יעדער פאַרבראַכט אויף זיין פּאָסטן. שיסן האָט מען געקענט נאָר לויט אַ באַפעהל פון אפרים׳ען. אחוץ די וועכטער וואָס זיינען געשטאַנען אויף די פּאָסטנס, זיינען געווען פאַרשטאַרקטע פּאַטראָלן. אפרים און זיין אַדיו־טאַנט, יעקב, זיינען געווען אויף די פיס אַ גאַנצע נאַכט, באַזוכט יעדן וועכטער, געזאָגט אַ גוט וואָרט, אַ שפּאַסיגן ווערטל.

די נאַכט איז אַריבער רוהיג. אין דעם געגענד האָט זיך ניט געפיהלט קיין שום באַוועגונג צווישן די אַראַבער. דאָס האָט געמאַכט אויף אונז דעם איינדרוק, אַז זיי ווילן אויף חולדה ניט גיין. אויך אין דער פריה איז געווען רוהיג. אַזוי ווי די בחורים, וואָס זיינען צו אונז געקומען פון רחובות, זיינען געווען פון די, וואָס שטעהן אין צענטער פון דער זעלבסט־שוץ, האָבן זעקס פון זיי זיך אַוועקגעלאָזט מיט׳ן באַהן קיין תל־אָביב. מיר האָבן געפיהלט, אַז אַנדערשוואו נויטיגט מען זיך אין זיי מעהר ווי מיר. מ׳האָט אָבער מיט זיי אָפּגעמאַכט, אַז מיט׳ן צווייטען צוג זאָלען פון תל־אָביב צו אונז קומען אַנדערע קעמ־פער, ניט אַזעלכע געניטע ווי זיי, אָבער אויך מוטיגע און געמוש־טירטע זעלבסט־שוץ־חברה.

אויך די פּאָליציאַנטען, וואָס האָבן זיך געפונען אין אונ־

זער געגענד, זיינען אוועק. זיי האָבען זיך אומגעקערט אין ראמלע, די קרייז־שטאָדט פון אונזער געגענד.

באַלד נאָך דעם אוועקפאָהרען פון די זעקס מאַן האָט זיך באמערקט א באוועגונג צווישען די אראבער אין דער נאכבאר־שאפט פון חולדה. בעדואינער האָבען אָנגעהויבען אריבער־פיהרען זייערעביידלאך טיפער אין די בערג, וואָס ליגען ביי דער זייט פון דער אראבישער חולדה. אויך זיינען אהין אָנגעקומען אנדערע אראבער — מיט קעמלען.

אַזייגער עלף, פאר מיטאָג, איז אָנגעקומען אַן אויטאָמאָביל פון ראמלע און ער איז צוגעפאָהרען צו דער אראבישער חולדה. באַלד האָבען זיך פארזאמעלט מאסען אראבער ארום איהם. מיר האָבען פון ווייטענס געקענט זעהן, אז אין דער מאשין זיצען עטליכע מענשען מיט זעק, און מיר האָבען חושד געווען, אַז אין די זעק געפינט זיך געוועהר. דער אויטאָמאָביל איז דאָרט אָפּגעשטאַנען ביז האַלב פינף פארנאכט. פון דעם אַלעם האָבען מיר געדרונגען, אַז מען גרייט זיך אָנפאלען אויף אונז ביינאכט.

מיר האָבען זיך די גאַנצע צייט געאיבט מיט געוועהר און געהאַלטען די וואך.

האַלב זעקס פארנאכט — מאָנטאג — איז אפרים און בן־ציון גלילי אוועקגעריטען צו דער סטאנציע, אָפּנעמען די עטליכע חברים, וואָס מיר האָבען ערוואַרטעט פון תל־אָביב, אויף דעם פלאַץ פון די זעקס, וואָס זיינען פון אונז אוועקגעפאָהרען.

פון ווייטען האָבען זיי געזעהן, אז ביי דער סטאנציע זיינען פאַראַן א סך אראבער. עס איז נאָך געווען צייט ביז דער צוג האָט באדארפט אָנקומען. זיינען זיי, אפרים און בן־ציון, אראָפּ פון זייערע פערד. בן־ציון האָט געזאָגט צו אפרים׳ען:

— לאָמיר זיך אומקעהרען. עס איז געפעהרליך דאָ צו שטעהן.

האָט אפרים זיך אָפּגערופען:

— עס דארפען קומען חברים פון תל־אביב און מיר וועלען זיי איבערלאָזען אַליין ביים צוג?!

דאן האָבען זיי זיך געלאָזט צום באהן. ביי דער סטאנציע

האָבען זיי באמערקט, אז א גרויסע מחנה אראבער קומט פון דעם אראבישען דאָרף גזאז. ווען אפרים און בן־ציון זיינען צוגעקומען צו דער סטאנציע, זיינען די אראבער אוועק פון דארט אין דער ריכטונג פון חולדה. זיי זיינען אָבער געבליבען שטעהן אין טאָל.

דער צוג איז געקומען, אָבער פון תל־אביב האָט ער אונז קיינעם ניט געבראכט. האָבען אפרים און בן־ציון גענומען די פּאָסט און געלאָזט זיך רייטען אהיים.

בן־ציון האָט אפרים׳ען אויפמערקזאם געמאכט, אז עס איז א געפאהר צו רייטען לעבען די אראבער וואָס שטעהען אין טאָל. אויף דעם האָט אפרים פרעהליך געענטפערט:

— שרעק זיך ניט! נאָכדעם ווי דו וועסט אוועקלעגען צוויי פון די מערדער, מעגסטו אויך פאלען.

זיי האָבען געהאט ביי זיך בלויז פּיסטאָלעטען. וואָרים מיט קיין ביקסען קען מען צו דער סטאנציע ניט פאָהרען.

זיי זיינען אוועקגעריטען. ווען זיי האָבען געהאלטען ביים ברעג טאָל האָבען די אראבער געפּרואווט זיי ארומרינגלען און אָנגעהויבען שיסען אויף זיי. האָבען אונזערע צוויי בחורים זיי אָפּגעענטפערט מיט א שאָס און זיך געלאָזט לויפען א גאַלאָפּ מיט די פערד. די אראבישע קוילען האָבען זיי ניט געטראָפען.

אז מיר האָבען אין חולדה דערהערט די שיסעריי, האָבען מיר פארשטאַנען, אז דאָס שיסט מען אויף אונזערע צוויי רייטער. זיינען פינף מאַן מיט ביקסען אוועק זיי צוהילף און אלע איבעריגע האָבען זיך צושטעלט אויף זייערע פּאָסטענס ארום דעם הויף. באלד זיינען אָנגעקומען די צוויי חברים.

אין חולדה זיינען איצט געווען אכט און דרייסיג מאַן. פון זיי האָט אפרים אָפּגעקליבען פינף און צוואנציג און האָט זיי איינגעטיילט אין פינף סעקציעס, צו פינף מאַן אין א סעק־ציע, יעדע סעקציע מיט אַן אָנפיהרער. אויסער דעם איז געווען איין סעקציע אין רעזערוו און פיר מאַן אין שטאַב, מיט אפרים טשיזשיק אלס קאָמאנדיר. נאָך א סעקציע פון פיר מאַן האָט געארבייט אין הויף — געפיטערט די בהמות, די פערד און די עופות, און געגרייט עסען פאר אלעמען. אין

דער צייט פון אַן אָנפאַל, האָבען די זעלבע פיר געדאַרפט דער־לאַנגען אַמוניציע און וואַסער, און אַזוי ווייטער.

די וואַכלייט זיינען געווען צושטעלט אויף אַ ווייטקייט פון פופציג ביז הונדערט מעטער פון די הייזער, פון אַלע זייטען.

וואָלטען געקומען קליינע באַנדעס, וואָלטען די וואַך-מענער געדאַרפט בלייבען אויף זייערע פּלעצער און אָפּטרייבען זיי.

אויב די אָנפאַלער וואָלטען זיין גרויס אין צאָהל און אויב עס וואָלט געווען אַ געפאַהר, אַז די אַראַבער זאָלען זיך דורכ־גנב'ענען דורכ'ן וואַלד און איבעררייסען די פאַרבינדונג צווי־שען אונזערע וואַכלייט, האָבען די וואַכלייט זיך באַדאַרפט צוריקציהען אין די געביידעס פון די הויפען, קעמפען און ניט לאָזען די אַראַבער ראַבירען דאָס פאַרמעגען וואָס האָט זיך דאָרטען געפונען.

אויב די אָנפאַלער וואָלטען געקומען אין גאָר גרויסע באַנ־דעס און עס וואָלט שווער געווען צו האַלטען פּאָזיציעס אין די הויפען, האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז אַלע אונזערע וואַכלייט זאָלען זיך פאַרזאַמלען אין דער שטיינערנער הויז. דאָס איז שוין די לעצטע פּאָזיציע, אונזער פעסטונג צו באַשיצען דאָס לעבען.

ווי אַזוי דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבען.

די ערשטע שאָסען אויף אונזערע רייטער, וועלכע זיינען געפאָהרען צוריק פון דער סטאַנציע, זיינען געווען אַ סיגנאַל פאַר אַלע אַראַבער, וואָס זיינען געווען פאַרזאַמעלט אין באַנדעס צווישען די בערג, און פון אַלע זייטען האָבען זיי זיך אַ לאָז געטאָן אויף חולדה. זיי זיינען געלאָפען און לויפענדיג האָבען זיי געשאָסען. די לופט איז געווען פול מיט געשרייען. הינ־טער די שיסער זיינען געווען קעמלען און אייזלען, און דאָס אַלץ איז געלאָפען צו אונז.

אונזערע וואַך־מענער האָבען זיך געהאַלטען רוהיג, געלעגען אויף דער ערד מיט די ביקסען און געוואַרט אויף אַ באַפעהל צו שיסען.

אפרים איז דאַן אריין אין הויף, און געגעבן אַ קאָמאַנדע, אַז אַלע וואַך־לייט זאָלן געבן פייער.

אפרים איז געווען אבסאָלוט רוהיג, און ווען מען זאָל ניט וויסען וואָס עס טוט זיך וואָלט מען אין זיין געזיכט גאָרניט דערקענט. ער איז אראָפּ פון פערד, האָט געהייסען פאַרשטאַרקען די וואַך לעבען שייער. פון דרום־זייט זיינען די אראַבער צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צו אונזער וואַך, וואָס איז געשטאַנען אין וואַלד. אין דער „שדרת אהבה” (ליבעס אַלעע) האָבען זיי אָנגעהויבען אַ שטאַרקע שיסעריי פון דריי זייטען. זיינען אונזערע וואַך־לייט געצוואונגען געווען זיך צוריקצוציהען צום הויף.

דערזעהענדיג דאָס, האָט אפרים אַ געשריי געטאָן צו זיי מיט צאָרן:

— ווער האָט אייך ערלויבט צו פאַרלאָזען אייער פּאָסטען? גלייך צוריק!

סטראַשענדיג זיי מיט זיין רעוואָלווער, האָט ער זיי צוריק־געיאָגט. ערשט אין אַ פּאָר מינוט ארום, ווען די אראַבישע שיסעריי האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט ער זיי געהייסען פאַר־לאָזען דעם פּלאַץ און ער האָט זיי אוועקגעשטעלט לעבען דעם שטאַל פון די פערד.

די וואַך ביים שייער האָט געזעהן, ווי פון דרום־זייט שפּאַרט זיך אַ גרויסע באַנדע אראַבער, אויסגעסטראַיעטע אין אַ האַלבען קרייז. זיי זיינען געלאָפען צו אונז און געשאָסען. פאָראויס זיינען געלאָפען דריי אראַבער מיט ברענענדע פאַקלען אין די הענט. אונזער וואַך האָט געעפענט אַ שטאַרקע שיסעריי אויף זיי. איינער פון די דריי אראַבער, וואָס האָבען געטראָגען די פאַקלען, איז געפאַלען. האָט אָבער באַלד אַן אַנדערער ארויסגענומען ביי איהם דעם פאַקעל און ווייטער געלאָפען צו אונזער שייער. צו דער זעלבער צייט זיינען נאָך עטליכע אראַבער געקומען זיי צו הילף.

די וואַך, וואָס איז געשטאַנען אין דער פּאַלמען־אַלעע, איז באַשאָסען געוואָרען דורך די אראַבער פון אַ זייט. דאָס זעלבע איז געווען מיט אונזער וואַך, וואָס איז געשטאַנען אויף מזרח־

זייט, לעבען דעם וועג וואָס פיהרט צו דער אראבישער חולדה. די אראבער האָבען זיך אריינגעגנב'עט אין אונזער סאָסנע־וואלד און פון דאָרטען האָבען זיי שטארק געשאָסען פון צווי־שען די געדיכטע בוימער. די שיסער האָבען מיר ניט געקענט זעהן.

דאַן האָט אפרים געגעבען אַ באפעהל, אז די וואך־לייט זאָלען זיך צוריקציהען אין הויז אריין.

די אָפטיילונג, וואָס איז געשטאַנען אין דער פאלמען־אַלעע, איז געוועזן די לעצטע וואָס האָט זיך צוריקגעצויגען. די סטאַדע בהמות, וואָס איז געבראכט געוואָרען פון כפר־אוריה, איז געשטאַנען אין הויף ארומגענומען מיט אַ צייט־ווייליגע צוים. ווען עס האָט אויסגעבראָכען די שיסעריי האָבען זיך די בהמות דערשראָקען און אָנגעהויבען לויפען צו דער זייט פון דער אַלעע. דאָס האָט אויסגענוצט די וואך וואָס איז דאָ געשטאַנען, און האָט פון הינטער די בהמות געגעבען פייער אויף די אָנפאַלער, וועלכע זיינען שוין צוגעקומען נאָהענט. דאָס האָט די אראבער אָפּגעשלאָגען, און דאַן איז די וואך אריין אין הויף.

יעדער וואך־מאַן האָט פארנומען זיין פּלאַץ. די פּאָס־טענס זיינען איצט געוועזן אין די געביידעס, אין די שטאַלען, אין די שפּייכלערס און לעבען דעם שייער הינטער דעם גע־מויערטען פּלויט.

איינער פון אונזערע חברים איז געוועזן אַ דייטשער חלוץ, מיט'ן נאָמען רפאל וורא צלאַוועד. ער האָט געארבייט אין הויף און ביי די הינער. אַלזאָ, ווען אַלע האָבען זיך צוריקגעצויגען אין הויף, האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער האָט ניט פארשלאָסען די הינער־שטייגען, וואָס געפינען זיך אויסער'ן הויף. האָט ער זיך געלאָזט, אונטער דעם האָגעל פון קוילען, פארשליסען די הינער־שטייגען.

— מען קען דאָך ניט איבערלאָזען די היהנער אויף הפקר, — האָט ער געזאָגט.

צוויי הינער־שטייגען האָט ער באוויזען צו פארשליסען.

ביים דרי̆טען אָבער האָט ער באקומען א שטרענגען באפעהל פון אפרים׳ען צו געהן צוריק אין הויף.

איצט זיינען אַלע געווען אין הויף, און ווי נאָר אַן אראבער איז צוגעקומען נאָהענט האָט מען איהם מכבד געווען.

די באַלאַגערונג, די שלאַכט און די טראַגעדיע.

אָבער די אַנפאַלער האָבען ארומגערינגעלט דעם הויף פון אַלע זייטען, באהאַלטענדיג זיך צווישען די בוימער און הינטער׳ן שייער.

באַלד האָבען זיי אונטערגעצונדען דעם שייער. די וואַך־מענער, וואָס האָבען געשיצט דעם שייער, האָבען געשאָסען אָהן אַן אויפהער. יעדערער פון זיי האָט געשאָסען ביז הונ־דערט קוילען. די אראבער איז אָבער פאָרט געלונגען אונטער־צוצינדען איהם.

די צאָהל אראבער איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט. עס האָט זיך אָנגעזאַמעלט א מחנה פון איבער פופצעהן הונ־דערט מאַן — נעהנטער צו צוויי טויזענד.

ווען זיי האָבען געזעהן, אַז די שיסערייי פון אונזער זייט קומט בלויז פון הויף, האָבען זיי פּרובירט שיסען אויף דער שטיינערנער הויז.

דאַן האָט אפרים געגעבען א באפעהל, אַז אַלע זאָלען אריבער אין הויז. עס איז שוין געווען קלאָר, אַז געגען אַזא גרויסער צאָהל וועט מען דעם הויף נישט קענען באשיצען.

די אראבישע שיסעריי האָט ניט אויפגעהערט. קריכענדיג אויף אַלע פיר האָבען מיר זיך אַלע אריבערגעקליבען אין דער שטיינערנער הויז.

די פון אונזערע חברים, וואָס זיינען נאָך פון פריהער גע־ווען אין הויז האָבען געהאַלטען אין איין שיסען. מיט דעם האָבען זיי אי אָפּגעהאַלטען די אראַבער אי באשיצט די חברים וואָס זיינען איצט געקומען פון הויף.

אפרים איז געשטאַנען אויפ׳ן הויפעל, ביי דער שטיינער־נער הויז און באָאבאַכטעט אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען. דער־זעהענדיג אַז אין דעם אויסערליכען וועלדעל, לעבען דעם שייער,

האָבען זיך פארקליבען א סך אראבער, האָט ער אויף זיי אויסגעשאָסען אַלע קוילען וואָס ער האָט געהאט אין זיין ביקס. ער האָט דאן גענומען שיסען פון זיין פיסטאָלעט. עטליכע אראַבער זיינען געבליבען ליגען אויפ׳ן אָרט.

ווען כמעט אַלע אונזערע חברים זיינען שוין געווען אין הויז, איז ארוים אַן אראבער פון וואַלד און פון דער נאָהענט האָט ער אַ שאָס געטאָן אויף אפרים׳ען.

דער שאָס האָט איהם געטראָפען אין דער לינקער זייט. אפרים האָט געגעבען אַ שאָס אויף דעם אראבער און איז אָפּגעטראָטען עטליכע טריט. גראָד איז דאַן אָנגעקומען אַ חבר, וואָס איז געגאַנגען פון הויף צום הויז. אפרים האָט זיך אויף איהם אָנגעלעהנט.

— אני פצוע! (איך בין פארוואונדעט), — האָט ער געזאָגט.

באַלד איז געקומען אַ צווייטער חבר און ביידע האָבען זיי גענומען איהם אין הויז אריין. צו זיי איז צוגעשטאַנען אַ דריטער. זיי האָבען איהם ארויפגעטראָגען.

קיין באַנדאַזשען האָבען מיר ניט געהאט און אין הויז איז געווען פינסטער — מען האָט קיין ליכט ניט אָנגעצונדען. אַ חבר מיט׳ן נאָמען גאָטליב האָט אראָפּגעריסען פון זיך דאָס העמד און מיט דעם האָט ער פארבאַנדאַזשירט אפרים׳ס וואונד.

אויף דער פּאָדלאָגע פון דער ביבליאָטעק זיינען געלעגען דריי מאַטראַצען. האָט מען איהם דאָרטען אַוועקגעלעגט.

— איך בין דאָס געווען דער דריטער, — דאָס זאָגט בוקס, — וואָס האָט געהאָלפען ארויפטראָגען אפרים׳ען אין הויז אריין. צוויי מאַן זיינען געבליבען מיט׳ן פארוואונדעטען און אַלע איבעריגע חברים האָבען זיך אַוועקגעשטעלט ביי די פענסטער און געעפענט פייער. מיר האָבען געשאָסען פון צעהן פענסטער און פון באַלקאָן.

יעקב, אפרים׳ס טרייער חבר און אדיוטאַנט, האָט געפרעגט אפרים׳ען:

— מה לך? (וואָס איז דיר?)

— יעקב, אני מת! (יעקב, איך שטאַרב), — האָט ער געענטפערט און מיט אַ טיפען זיפץ האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם לעצטען אָטעם.

יעקב האָט אַ נערוועזען געשריי געטאָן. ער האָט זיך אָבער גלייך קאָנטראָלירט:

— עפענט אַ שטאַרקען פייער! — האָט ער געגעבען אַ קאָמאַנדע.

די קעמפער זיינען געשטאַנען אויפ'ן צווייטען שטאָק ביי די פענסטער. אַ טייל אָן אַ זייט פענסטער מיט די ביקסען אין דרויסען אַרויס; דער צווייטער טייל איז געשטאַנען גראָד ביי די פענסטער. זיי האָבען באָאָבאַכטעט יעדע באַוועגונג פון דעם שונא און געגעבען פייער, ניט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר לויט אַ ציל. דאָס זיינען געווען אונזערע בעסטע שיסער, מענשען וואָס קענען גוט אומגעהן מיט געוועהר און האָבען שוין פולווער געשמעקט.

אַ דריטער טייל איז געשטאַנען אויף די קני ביי די פענסטער און געגעבען פייער לויט דעם באַפעהל פון די וואָס זיינען געשטאַנען ביי דעם באַלקאָן, וואָס געפינט זיך איבער די טרעפּלעך, ביים אַריינגאַנג אין הויז. דאָס איז געווען אַ געפעהרליכער פלאַץ, דאָ זיינען געלעגען זעק מיט זאַמד און אַ חבר וואָס האָט געדינט אין דעם אידישען לעגיאָן און נאָך אַ גוטער שיסער זיינען דאָרט געשטאַנען מיט זייערע ביקסען.

ווען מיר אַלע זיינען שוין געווען אין הויז האָבען זיך די אַראַבער געלאָזט געהן צום הויף. זיי האָבען אָנגעהויבען צו שיסען מיט ביקסען אויף אונזער הויז. ווילדע הויכע געשרייען פון זייערע פרויען און קינדער האָבען זיי צוגעגעבען מוט. די אַראַבער האָבען זיי מיטגעבראַכט צו העלפען ראַבירען נאָכדעם ווי זיי וועלען אונז אויס'הרג'ענען.

— עלי הוים! (לאָמיר געהן אויף זיי).

— אדבח אל יהוד! (לאָמיר אויסשעכטען די אידען).

— דין מחמד בסיף! (מכמד'ס גלויבען איז מיט דער שווערד).

מיט די דאָזיגע געשרייען האָט זיך די גאַנצע מאַסע גע־

לאַזט געהן אין הויף אריין און צו אונזער הויז צו. מיר האָבען נאָך מעהר פארשטארקט אונזער פייער.

דערוויל האָט זיך דער שייער שטארק צופלאַקערט. אויך דער וואלד, פון דער צווייטער זייט, האָט געברענט, און די הינער־שטייגען האָבען שוין אויך געברענט.

אונזער שיסעריי האָט א ביסעל איינגעשטילט די ווילדע געשרייען פון די אראבער. צעהנדליגע פארוואונדעטע און טויטע זיינען געבליבען ליגען אויפ׳ן פלאַץ. מיר האָבען געזעהן די געפאלענע און געהערט זייערע קרעכצען. די לבנה האָט נאָך ניט געשיינט. עס איז געווען פינסטער. אָבער דער פלאַקער פונ׳ם שייער און דער פייער פון וואלד האָבען באַלויכטען דעם פלאַץ. מיר האָבען געזעהן ווי איינגעבויגענע פיגורען גנב׳ענען זיך מיט ביקסען אין די הענט און ווי איינינגע פון זיי פאלען פון אונזערע קוילען. מיר האָבען אויך געזעהן ווי זיי נעמען צו זייערע טויטע און פארוואונדעטע.

ניט אלע פון אונז האָבען געוואוסט ווי עס האלט מיט אפרים׳ען. אין מיטען דער שיסעריי האָט א חבר א פרעג געטאָן:

— וואָס מאכט אפרים?

א צווייטער האָט איהם געענטפערט:

— זאָרג ניט פאר אפרים׳ען. שטעה אויף דיין פלאַץ און טו דיין ארבייט!

א היבשע ביסעל אראבישע קוילען זיינען אריינגעקומען דורך די פענסטער. זיי זיינען אָבער אריין אין סופיט און האָבען קיינעם ניט געשאדט.

די ערשטע שעה זיינען מיר געווען אויפגעגעגט. אויפ׳ן הארצען איז געווען קאלעמוטנע. מיר זיינען געווען א ביסעל צוטראָגען: מיר זיינען אזוי קליין אין צאָהל, און זיי — אזוי פיל. ווי לאַנג וועלען מיר אויסהאלטען? מען האָט זיך געפיהלט אויפ׳ן ברעג פון אונטערגאַנג. ניין, ניט געפיהלט אזוי. אין אזעלכע מאָמענטען האָט מען ניט קיין באשטימטען געפיהל און קיין באשטימטע געדאנקען. ס׳איז סתם געווען קאַלעמוטנע אויפ׳ן הארצען און מיר זיינען געווען צוטראָגען.

מיר האָבען זיך אָבער כסדר געהאַלטען רוהיג און פעסט. אַ שטונדע שפּעטער זיינען מיר געווען אינגאַנצען רוהיג. אַ סך האָט דערביי געהאָלפען די ווירקונג פון אונזערע קוילען.

אין מיטען דער שיסעריי האָט איינער פון די חברים געבעטען אַ סיגאַרעט. האָבען די חברים איהם ניט געוואָלט געבען, ווייל מיר האָבען ניט געוואָלט ער זאָל אָנצינדען אַ שוועבעלע. ער האָט אָבער געפונען אַ סיגאַרעט און ער האָט באַקומען אַ שוועבעלע, אַ ציה געטאָן דעם סיגאַרעט און געגעבען אַ שאָס. דערנאָך האָבען אויך די אַנדערע געטאָן אַזוי, און דאָס האָט זיי אָפּגעפרישט און געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף זייער געמיט.

איינער איז געוואָרען הונגעריג, האָט ער צווישען איין שאָס און צווייטען געבאַפּט אַ קיי.

— אָט איז איינער! — האָט אַ חבר געזאָגט, אויסשיסענדיג און זעהענדיג ווי עס פאַלט אַן אַראַבער.

— אָט איז אַ צווייטער! — האָט ער געצעהלט די געפאַלענע אַראַבער.

אונזערע שיסער האָבען זיך זאָגאַר גענומען וויצלען. איינער האָט געזאָגט:

— ווייסט, אַ רייכער שטאַרבט און אַן אָרימאַן שטאַרבט; שוין בעסער שטאַרבען אַ רייכער!

געווען מאָמענטען, ווען די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטען ביז די ביקס איז געוואָרען הייס.

איינער פון אונזערע חברים האָט געטאָן אַלע אַרבייטען. איינער זאָגט צו איהם: „גיב קוילען!" — דערלאַנגט ער איהם קוילען; „גיב אַ טרונק וואַסער!" — ברענגט ער איהם וואַסער. ער איז אַרומגעקראָכען אויף די הענט און די פיס און באַדינט די חברים, וואָס זיינען געשטאַנען מיט די ביקסען ביי די פענסטער.

איין מאָל האָט אַן אַראַבישע פרוי אַ געשריי געטאָן:

— קומט אַהער, קינדער! לאָמיר זיי אַלע אויסשעכטען!

זי איז געוואָרען אַזוי ווילד פון בלוט־דורשט, אַז זי איז

צוגעקומען גאנץ נאָהענט צו אונזער שטיינערנער הויז. באַלד איז זי געבליבען ליגען.

איין אַראַבער האָט זיך גענומען רייצען מיט אונז מיט די עקעלהאפטסטע ווערטער, איז ער באַלד געפאַלען.

אזוי האָט זיך געצויגען ביז צעהן אזייגער ביינאכט (פיר שטונדען).

די סכנה איז געוואָרען גרעסער פון דעם, וואָס דער פייער האָט זיך פארגרעסערט און פארשפרייט זיך פון שייער אין וואַלד.

„ווער זייט איהר?"

מיט אמאַל האָט זיך דערהערט א שיסעריי פון א גאַנץ אַנדער ריכטונג — א שיסעריי נעגען די אַראַבער און א פייפעריי. די אַראבישע שיסעריַיען זיינען געוואָרען שטילער און מיר האָבען דערהערט אויסרופען אין ענגליש:

„בריטיש סאָלדזשערס!" (ענגלישע סאָלדאטען).

מיר האָבען מורא געהאט, אז דאָס זיינען אַראַבער, וואָס ווילען אונז ארייננארען אין זאַק אריין. מיר האָבען ניט צו־געלאָזען קיינעם צו זיך. יעקב, אונזער נייער קאָמאַנדיר, האָט א פרעג געטאָן פון פענסטער:

— ווער זייט איהר?

האָבען זיי געענטפערט:

— הילף פאַר אייך!

א פופצעהן־צוואַנציג מינוט האָט געדויערט דער געשפרעך. דאָן האָט יעקב געהייסען, אז דער חבר גאָטשאַל זאָל ארויס־געהן זעהן ווער דאָס איז. דערביי האָט ער אויסגערופען צו די דרויסענדיגע, אז אונזערער געהט ארויס צו זיי. און אונז האָט ער געגעבען א באפעהל, אז מיר זאָלען זיין גרייט מיט אונזער געוועהר און ווארטען אויף א באפעהל.

ווען גאָטשאַל איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ און איז ארויס אויפ'ן הויף, האָט ער דאָרטען באגעגענט צוויי ענגלישע סאָלדאטען און איין אַראַבישען פאָליסמאַן. מיט זיין פּיסטאָ־לעט אין האַנט האָט ער געגעבען א באפעהל צו די סאָלדאטען:

— די הענט אין דער הויך!

זיי האָבן געפאָלגט.

דאַן האָט ער געפרעגט, צי עס זיינען פאַראַן נאָך סאָל־דאַטען. זיי האָבן געענטפערט, אַז יאָ. זיי האָבן איהם צו־געפיהרט צו זייער אויטאָמאָביל און ער האָט דאָרטען געפונען פיר ענגלישע סאָלדאַטען, צוויי אַראַבישע פּאָליסלייט און אַן אַראַבישען פּאָליציי־אָפיציר, וועלכען ער האָט פּערזענליך געקענט. דאַן האָט ער זיי איינגעלאַדען אין הויז. אויפ׳ן וועג האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט דעם אָפיציר און געזאָגט:

— הער, ביי אונז איז פאַראַן פיל מעהר געווער וויפיל עס איז אונז ערלויבט צו האַלטען. אָבער דו פאַרשטעהסט דאָך: איצט איז ניט קיין צייט צו פיהרען חשבונות.

עס זיינען אריין אין שטוב אַ קאָרפּאָראַל און אַן איינ־פאַכער סאָלדאַט. מיר האָבן אָנגעצונדען אַ לאָמפּ. דער קאָר־פּאָראַל האָט יעדען פון אונז געדריקט די האַנט און געקלאַפּט אין פּלייצע. זיי זיינען געווען איבעררראַשט פון דעם, וואָס מיר האַלטען זיך געגען אַזאַ מאַסע באוואָפענטע אָנפאַלער.

— זיינען פאַראַן ביי אייך פאַרוואונדעטע? — האָט דער קאָרפּאָראַל געפרעגט.

האָבן מיר געוויזען אויף אפרים׳ען. דער קאָרפּאָראַל האָט אָנגענומען אפרים׳ס דופק.

— ער איז טויט! — האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריגער מינע.

מיר האָבן אָפּגעזוכט אַ ווייסען לייַלאַך און צוגעדעקט אפרים׳ען. עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבען אַלע חברים. יעקב האָט געזאָגט עטליכע ווערטער. איינער פון די חברים האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין. האָט יעקב זיך אויף איהם אַ בייזער געטאָן:

— סמרטוטן — האָט ער געזאָגט — אפרים לא רצה שתבכה עליו. עמוד דום! (שמאַטע! אפרים האָט ניט גע־וואָלט דו זאָלסט איהם באַוויינען. זיי שטיל!)

דאַן האָבן אַלע חברים אויפגעהויבען די הענט און גע־שוואָרען צו בלייבען טריי ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט. די ענגלענדער זיינען געשטאַנען ווי ביי אַ מיליטערישען סאַלוט.

דאן האט יעקב אויסגערופען פון אונזער ליסטע די נעמען פון אלע חברים, און יעדער איינער האט געענטפערט: „הנני!" (איך בין דא).

באלד האט ער דערגרייכט אפרים טשיזשיק'ס נאמען. קיינער האט זיך ניט אפגערופען. א ציטער איז דורכגעלאפען איבער אלעמען.

דאן האט יעקב באפוילען, אז יעדערער זאל צוריקגעהן צו זיין באשטימטען פלאץ. דער פאליציי־אפיציר האט באלד געוואלט צוריקפאהרען. יעקב האט איהם געבעטען בלייבען. אבער ער האט געענטפערט, אז ער האט א באפעהל צו ברענגען א רעפארט וואס דא טוט זיך. די ענגלענדער האבען געזאגט:

— אויב דער אפיציר וועט אונז הייסען בלייבען דא, וועלען מיר בלייבען מיט אייך.

דאס האט געדויערט א צוואנציג מינוט. עס איז געווען שטיל. מיט אמאל האבען די אראבער ווידער אנגעהויבען שיסען פון אלע זייטען. דער אפיציר מיט די אראבישע פאליציי־מענער האבען זיך גלייך אריינגעכאפט צו אונז אין הויז. צוויי ענגלישע סאלדאטען זיינען דארט געווען. די אנדערע צוויי ענגלישע סאלדאטען, וואס זיינען געבליבען מיט'ן אויטאמאביל אין הויף, זיינען אוועקגעפאהרען נאך הילף.

דער פאליציי־אפיציר האט זיך אין הויז באלד אויסגעצויגען אויפ'ן פאדלאגע און געהייסען דעם אראבישען פאליציימאן, ער זאל זיך ווענדען צו די אנפאלער און זיי זאגען:

— זייט וויסען, אז איהר באפאלט איצט אויף ענגלענדער. באלד וועלען קומען א סך סאלדאטען און מען וועט אייך אנלערנען. געהט בעסער אהיים!

אזוי האט דער פאליציימאן אויסגעשריען צו די אראבער פון פענסטער. די אראבער האבען געענטפערט:

— איהר האט געמאכט יד אחת מיט די אידען.

האט דער פאליסמאן אויסגערופען:

— דאס רעדט צו אייך עבדול־רחמן (ער איז א גוט־באקאנטער פאליציימאן אין דעם געגענד, נאך פון די טערקישע צייטען). איך זאג אייך נאך א מאל, געהט אהיים!

אין דער צייט פון דעם געשפּרעך איז געוואָרען אַ ביסעל שטילער און צעהנדליגע אראבער האָבען זיך צוגערוקט צו אונ־זער הויז. די ענגלישע סאָלדאַטען זיינען געשטאַנען צוזאַמען מיט אונז ביים פענסטער. דאַן האָט דער ענגלישער קאָרפּאָראַל באַפוילען:

— פייער!

און אַלע האָבען מיר אַ שאָס געטאָן מיט אַמאָל. עטליכע טויטע זיינען געבליבען ליגען ארום הויז.

דאַן האָט דער פּאָליציי־אָפיציר ארויסגעשריען צו די אראבער:

— איז אייך איצט בעסער?

דערויף האָבען זיי געענטפערט מיט אַ נייער שיסעריי. ערשט איצט זיינען זיי אריין אין די הינער־שטייגען, געשלעפּט הינער און גענז און אונטערגעצונדען די הינער־שטייגען. מיר האָבען געשאָסען מיט אַ קאָנצענטרירטען פייער אין די רויבער.

דאָס האָט זיך געצויגען אַ צוויי שעה. מיט אַמאָל האָבען מיר דערהערט אַ שיסעריי פון מאַשין־געוועהר און אַ פייפעריי.

די צוויי ענגלענדער, וואָס זיינען געווען מיט אונז, האָבען אָפּגעענטפערט מיט אויסרופען, אַז זיי געפינען זיך דאָ אין הויז.

איצט איז די שיסעריי שטיל געוואָרען. אַן ענגלישער אָפיציר און פינף סאָלדאַטען זיינען אריין צו אונז אין הויז. דער אָפיציר האָט באַפוילען, אַז מיר זאָלען זיך צוזאַמענקלייבען, מיטנעמען מיט זיך דאָס געוועהר און פאַרלאָזען דעם פּלאַץ. זיי וועלען אונז אַוועקפיהרען מיט זיך.

מיר האָבען ערקלערט, אַז מיר ווילען דאָ בלייבען; אַז ער זאָל איבערלאָזען סאָלדאַטען מיט אונז, און אַז אין דער פריה וועלען מיר זעהן וואָס ווייטער צו טאָן.

דערויף האָט ער שטרענג געענטפערט:

— איך און מיינע סאָלדאַטען וועלען דאָ ניט בלייבען קיין איין מינוט. דאָ איז אַ געפעהרליכער פּלאַץ, און איהר מוזט אויך פאָהרען מיט אונז.

אַלע אונזערע רייד האָבען גאָרניט געהאָלפען. ער האָט באַפוילען מיר זאָלען געהן מיט איהם. איינער נאָכ׳ן צווייטען

האבען מיר אנגעהויבען אראפגעהן פון די טרעפ, מיטנעמענדיג מיט זיך אפרים'ס טויטען קערפער.

ארויסגעהענדיג פון הויף, האבען מיר באמערקט, ווי אין אלע זייטען ליגען אראבישע טויטע. דער שייער האט אלץ געפלאקערט און דער פייער איז אלץ נעהנטער געקומען צו די געביידעס. די בהמות און פערד, צושראקען פון דער שיסעריי און פון פייער, האבען זיך אפגעריסען פון זייערע קייטען און פאנאנדערגעלאפען איבער'ן וואלד. די געביידעס זיינען אונטערגעצונדען געווארען פון אלע פיר זייטען פון הויף.

ארויסגעהענדיג פון הויף, האבען מיר געטראפען אכט אויטאמאבילען, צווישען זיי א געפאנצערטער אויטאמאביל און צוויי מאשין־ביקסען. די סאלדאטען האבען אנגעוויזען מיר זאלען זיך ארייננזעצען אין די לעדיגע אויטאמאבילען וואס זיי האבען געבראכט פאר אונז. מיר האבען איינגעשטיגען אין די אויטאמאבילען, און אין איינעם פון זיי האבען מיר געפרובירט ארייגלעגען דעם טויטען קערפער פון אפרים'ען.

ווען דער ענגלישער אפיציר האט דאס דערזעהן, האט ער געזאגט, אז ער וועט דעם קערפער ניט לאזען ארייגלעגען אין דעם אויטאמאביל.

מיר האבען ערקלערט:

— דאס איז געווען אונזער קאמאנדיר, און מיר קענען דא ניט איבערלאזען זיין קערפער.

דערויף האט ער געענטפערט מיט קלעפ. ער האט דריי פון אונזערע חברים געשלאגען.

דאן האבען מיר אלע אויסגערופען:

— אהן דעם קערפער געהען מיר פון דאנען ניט.

און מיר האבען זיך ניט געריהרט פון ארט.

האט דער אפיציר ארויסגענומען זיין רעוואלווער און גע־זאגט:

— ווער עס וועט נישט איינשטייגען אין אויטאמאביל, ווערט פון מיר דערשאסען!

האבען מיר אנגעהויבען איינשטייגען. די צוויי ענגלישע

סאַלדאַטען, וואָס האָבען צוזאַמען מיט אונז געקעמפט מעהר ווי צוויי שטונדען, האָבען געהאַט טרעהרען אין די אויגען.

ערשט איצט האָבען מיר דערזעהן דעם חורבן, וואָס די אַראַבער האָבען געמאַכט פון אונזער אַרבייט. אַלע געביידעס האָבען געברענט. דער שייער איז שוין געווען כמעט פאַר־ברענט. דער וואַלד האָט געברענט; די הינער שטייגען האָבען געברענט; **פון די בהמות איז אין הויף** שוין קיין איינע מעהר ניט געווען, און מיר האָבען געוואוסט, אַז נאָך אונזער אַוועק־פאָהרען וועט אויך דאָס וואָס איז נאָך פאַראַן צוראַבירט ווערען.

אונזערע הערצער זיינען שוין אָבער געווען פאַרשטיינערט. קיינער האָט קיין זיפץ ניט געטאָן.

מיר זיינען אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן וועג וואָס פיהרט קיין ראַמלע. צוערשט האָבען די אויטאָמאָבילען ניט אָנגעצונדען קיין ליכט. דערנאָך, אַז מיר זיינען שוין אַרויסגעפאָהרען פון דער פאַלמען־אַלעע, האָבען די שאָופערס ליכטיג געמאַכט און די סאָלדאַטען זיינען געוואָרען פריינדליך מיט אונז, געטיילט סיגאַרעטען און געפּרובירט ריידען מיט אונז.

נאָך אַ האַלבע שעה פאָהרען האָבען די אויטאָמאָבילען אונז געבראַכט אין אַ מיליטערישען לאַגער. סאָלדאַטען האָבען גרופּען־ווייז זיך אַוועקגעשטעלט ביים וועג, וואָס פיהרט אין דעם אַראַ־בישען דאָרף נאַרא, אויפ'ן וועג פון חולדה.

דאָן האָט מען אונז געהייסען אויסשטייגען און מען האָט ביי אונז צוגענומען דאָס געוועהר. מיר זיינען דאָ געשטאַנען אַרום צוויי שעה. דערנאָך האָט מען אונז אַריינגעזעצט אין די אויטאָמאָבילען. פאַר אונז איז געגאַנגען אַ געפּאַנצערטער אויטאָ־מאָביל מיט אַ היבש ביסעל סאָלדאַטען. מיר זיינען אַוועק קיין ראַמלע — די הויפּט־שטאָדט פון דעם קרייז, צו וועלכען עס געהערט אויך חולדה.

אין ראַמלע האָבען סאָלדאַטען אונז איבערגעגעבען צו דער

פּאָליציי, צווישען וועלכער עס געפינט זיך איין אידישער פּאָליס־מאַן. ער איז טאַקע באַלד אַוועק און געקויפט פאַר אונז עסען. דאָ האָט מען אונז ערקלערט, אַז מיר וועלען דאָ איבערנעכטיגען

אונטער׳ן שוץ פון דער פאליציי און באלד אין דער פריה וועט מען אונז מיט א וואך אוועקשיקען קיין תל־אביב.

די עטליכע שטונדען זיינען אוועק. מיר האבען געכאפט א דרעמעל. אכט אין דער פריה זיינען אנגעקומען דריי גרויסע אויטאמאבילען, דערנאך זיינען אנגעקומען סאלדאטען און מען האט אונז אוועקגעפיהרט אין תל־אביב.

מיר זיינען געבליבען שטעהן אין הערצל־גאס. דארטען זיינען מיר אויסגעשטיגען און אוועק צו דער הויז פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון אונזער יוניאן (די יוניאן פון פארם־ארבייטער).

מיר האבען די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע דערצעהלט אלע איינצעלהייטען פון דעם, וואס מיט אונז האט פאסירט, און מיר האבען געמאלדען, אז מיר זיינען אלע גרייט צו געהן אין דער זעלבסט־שוץ, וואוהין מען וועט אונז שיקען. מעהר ווי א העלפט פון אונז איז באלד אריבער אויף די פאסטענס פון דער וואך אין תל־אביב. די איבעריגע זיינען דערווייל געגאנגען זיך זעהן מיט זייערע קרובים.

א פארשפעטיגטע לויה.

ווען עס איז געווארען רוהיגער אין לאנד, האט אונזער יוניאן אונז געגעבען פלעצער אויף צו ארבייטען. דער גרעסטער טייל פון אונז ארבייט אין מקוה־ישראל, אן אגריקולטור שולע און א פארם לעבען תל־אביב, וואו עס ווערען באשעפטיגט ביי 150 לאנד־ארבייטער.

זעקס טעג זיינען אריבער ביז מיר האבען געקראגען אן עסקארט פון סאלדאטען, וואס זאלען אונז באגלייטען קיין חולדה, מיר זאלען קענען ברענגען צו זיין קבר אונזער ליבען קאמאנדיר, אפרים טשיזשיק.

צוויי חברים פון חולדה און אפרים׳סביידע שוועסטער: חנה און צפורה, און זיין ברודער ברוך, צוזאמען מיט צעהן סאלדאטען, זיינען געקומען אין חולדה. מיר האבען געפונען דעם קערפער אויפ׳ן זעלבען פלאץ וואו מיר האבען איהם איבערגעלאזען. דער קערפער איז שוין ניט געווען אין קיין גוטען

צושטאַנד און אביסעל איז ער געווען צוברענט פון דעם פייער.

חנה האָט זיך צוואוויינט. זי האָט זיך אָבער באַלד איינ־געהאַלטען. צפורה און ברוך האָבען זיך געהאַלטען שטאַרק. זיי האָבען געוואָלט, אַז מען זאָל איהם טאַקע דאָ באַגראָבען. מיר האָבען אָבער אויסגעקליבען אַן אַנדער פּלאַץ — לעבען דער פּאַלמען־אַלעע. מיר האָבען ניט געפונען קיין לאָפּעטע צו גראָ־בען דעם קבר, האָבען מיר גענומען אַן אַקער־אייזען און אַזוי ביסלאַכווייז האָבען מיר אויסגעגראָבען אַ קבר.

קיין תכריכים האָבען מיר ניט געהאַט. האָט צפורה אַראָפּ־גענומען דעם ווייסען טיכעל פון איהר קאָפּ. מיט דעם האָט זי איהר געשטאָרבענעם ברודער צוגעדעקט.

מיט עטליכע צווייגען פון אַן אָליווען־בוים האָבען מיר באַ־פּוצט דעם קבר. ברוך האָט קדיש געזאָגט.

די רויבער האָבען גאָרניט איבערגעלאָזט. אַלץ איז פאַר־ברענט און צוראַבירט געוואָרען.

אַלע חולדה'ר שטעהען גרייט צוריקצוגעהן און בויען חולדה פון דאָס ניי.

(ווען איך האָב באַזוכט חולדה און באַקוקט די פאַרשידענע פּלעצער, וואו די קאָלאָניסטען האָבען געפיהרט זייער העלדישען פאַרטיידיגונגס־קאַמף, האָב איך אויך באַזוכט אפרים'ס קבר).

דער קאַמף אין תל־אַביב און אין בית אלפא

א שווערער שבת־צו־נאַכט. — בית שאן פריהער און איצט. — אַראַבער פון אַלע זייטען. — דער דרום־באַרג. — אונטערצינדער. — מ'האָט איהם געשיקט און ער איז געגאַנגען. — בית אלפא. — יעקב לאַנדעס און קאַפּי־טאַן בראַנד. — ענגלישער קאַפּיטאַן איז מקנא די העלדישקייט פון די אידישע קאָלאָניסטען.

איינעם פון די וואונדערבאַרסטע קאַמפען האָבען אָנגעפיהרט די חלוצים פון דער גאַליציאַנער קאָלאָניע בית אלפא. נאָר צו־ערשט אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין תל־אָביב.

אויף דער באַריהמטער אידישער שטאָדט זיינען די אַראַבער באַפאַלען פון צוויי זייטען. ווען ניט דער בראַווער זעלבסט־שוץ, וואָלט זי און איהרע איינוואוינער פאַרניכטעט געוואָרען. אַלזאָ, איידער איך געה ווייטער וועל איך ווידמען אַ פּאָר שורות צו איהר פאַרטיידיגונג. ווען די מחנות, וואָס האָבען געפּרואווט איהר נעמען, וואָלטען אין איהר אריינגעדרונגען, וואָלטען זיי אַלץ אויסגעראַבירט און דאָס איבעריגע וואָלטען זיי פאַרברענט. צו־שאָסענע, צוהאַקטע אָדער פאַרברענטע אידישע קערפּערס וואָלטען דאַן געלעגען אין די גאַסען הונדערטערווייז. דער זעלבסט־שוץ האָט אָבער געגעבען אַזאַ העלדישען ווידערשטאַנד, אַז עס זיינען געפאַלען בלויז עטליכע מענשען און די בלוטיגע אָנגרייפער זיינען צוריקגעשטויסען געוואָרען. די שטאָדט האָבען די אַראַבער ניט אָנגעריהרט.

אין דער פאַרטיידיגונג פון תל־אביב האָבען אַנטייל גע־

גומען ניט נאָר מיטגלידער פון דעם דיסציפּלינירטען און אויס־געמושטירטען זעלבסט־שוץ. קינד און קייט האָבען מיטגעהאָל־פען. גרייז־גרויע אָרטאָדאָקסישע אידען, בחורים פון זעכצעהן יאָהר און אינגלאַך פון צוועלף אָדער צעהן זיינען געלאָפען באַ־שיצען זייער שטאָדט מיט אייזענס און מיט שטעקענס. אויך פרויען האָבען זיך באוואפענט, יעדע מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט, און געגאַנגען געגען די אראַבער. דער מוט און קאמפּס־באגייסטערונג, וואָס איז דאַן ארויסגעוויזען געוואָרען אין תל־אביב, זיינען צווישען די מערקווירדיגסטע קאַפּיטלאַך אין דער געשיכטע פון די בלוטיגע אויגוסט־טעג. דער עיקר איז אָבער געווען די ארבייט פון דעם אָרגאַניזירטען זעלבסט־שוץ, וועלכער האָט געקעמפט מיט ביקסען און פּיסטאָלעטען.

אויך איז פול מיטביישפּילען פון אידישען העלדען־מוט די געשיכטע פון דעם פּאָגראָם אין חיפה. איך דערצעהל אָבער הויפּטזעכליך וועגען קאָלאָניעס, וואו קליינע אידישע גרופּען זיי־נען געווען ארומגערינגעלט פון ריזיגע מאסען אראַבער; און פון זיי האָב איך מעהר פון אלץ געהערט וועגען חולדה און בית־אלפא.

אלזאָ, ווען מיר האָבען זיך ארייגנעזעצט אין דעם אויטאָ־מאָביל, וועלכער האָט אונז געפיהרט איבער די קאָלאָניעס, איז בית אלפא אויף מיין רייזע־פּראָגראַם געווען באַצייכענט מיט צוויי שטערענדלאַך. זי האָט ערוועקט ספּעציעלע זאָרג ביי די אידען, ווייל זי ליגט ביי דעם עק פון דער אידישער פּאַלעסטינע. ווייטער זיינען אין יענעם געגענד שוין קיין אידישע קאָלאָניעס ניטאָ. לויטער אראַבער, לויטער בלוטיגע שונאים.

דער פאַרטיידיגונגס־קאַמף איז פאָרגעקומען אין בית אלפא'ער בית־ילדים — א נייע הילצערנע געביידע, ספּעציעל געבויט צו דינען אלס א קינדער־הויז. זי האָט א לופטיגען ברייטען באַל־קאָן כמעט ארום און ארום, מיט גרויסע פענסטער־שויבען, וועלכע זיינען אייגענטליך גלעזערנע ווענט. אָט אויף דיזען באַלקאָן האָבען אין די שטונדען פון טויט־געפאַהר זיך געפונען די אָנפיהרער פון דעם פאַרטיידיגונגס־קאַמף, וואָרים דאָרטען זעהט זיך דער גאַנצער געגענד. פון דאָרטען, ליגענדיג הינטער זעק מיט זאַמד,

האָבען די חלוצים געקענט שיסען אויף זייערע אָנגרייפער פון וועלכער זייט זיי זאָלען ניט קומען.

דעריבער האָבען מיר טאקע אויסגעקליבען דיזען פּלאַץ פאר אונזער געשפרעך. דערצעהלענדיג האָט מען מיר דורך די פענסטער אָנגעוויזען אויף די פּלעצער, וואו עס זיינען פאָרגעקומען די פארשיידענע סצענעס (אין חולדה איז דאָס זעלבע געווען אין דער שטיינערנער הויז).

מיר זיינען געזעסען ביי א טישעל. אויף דרויסען איז געווען וואָרים און די פענסטער זיינען געווען אָפען. עס האָט גע־בלאָזען א מחיה׳דיגער, אָן עכט פּאַלעסטינער ווינטעלע. פון דרום-זייט שטעהט א בארג בלויז עטליכע טריט פון דער קינ־דער-הויז, וואו מיר זיינען איצט געזעסען. ער איז א טייל פון דעם בית־אלפא פארם. דיזער בארג, וועלכען עס איז כמעט מיט דער האנט צו דערלאנגען, האָט געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דעם קאמף, וואָרים אויף איהם האָבען זיך פארזאמעלט מאסען אראבער.

מיין הויפּט־דערצעהלער איז געווען א ניין־און־צוואנציג יאָהריגער חלוץ מיט׳ן נאָמען משה העלענבערג פון טשער־נאָוויץ, בוקאָווינא — א שעהנער אינטעליגענטער יונג, וועלכער רעדט מיט א הארטער מעטאלענער בוקאָווינער אויסשפּראך, קלאָר, צום פּונקט און מיט באגייסטערונג. דערביי זיינען גע־זעסען עטליכע פון זיינע חברים און זיי האָבען אויך אנטייל גענומען אין דעם שמועס. דער הויפּט דערצעהלער איז אָבער געווען העלענבערג. די קאָלאָניסטען פון בית אלפא טוען זייער פּליכט אלס שומרים (וועכטער) נאָך דער רייהע נאָך, בייטענדיג זיך אָלע צוויי וואכען; און ווען עס איז געווען דער איבערפאל, איז גראָד העלענבערג געווען דער שומר.

די קאָלאָניע בית אלפא האָט פופציג פאמיליעס: 114 דערוואקסענע מענשען און 22 קינדער. א גרויסע מאיאריטעט פון די מיטגלידער זיינען פון גאַליציע. א מינאָריטעט איז פון בוקאָווינע, וועלכע האָט פאר דער מלחמה, ווי ווייט דאָס איז שייך צו דער אידישער באפעלקערונג, זיך גערעכענט כמעט פאר א טייל פון גאַליציע. גלייך לעבען בית אלפא געפינט זיך א

צווייטע קבוצה (קאָמונע), וועלכע באַשטעהט הויפּטזעכליך פון חלוצים, וואָס זיינען קיין פּאַלעסטינאַ געקומען פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע. יענע קאָמונע האָט זיבעציג מיטגלידער, מייסטענס מענשען פון אַרום דרייסיג יאָהר אָדער מעהר, און אַ היבשע צאָהל פון זיי האָבען באַקומען אוניווערזיטעט־בילדונג.

שבת פאַרטאָג, דעם 24טען אויגוסט, איז געקומען אַ וועכ־טער פון דער קאָלאָניע עין־חרוד, וועלכע געפינט זיך ניט ווייט פון דאָרטען, מיט אַ נאַכריכט, אַז אין ירושלים איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם. „די שטימונג צווישען די אַראַבער איז אַ שלעכטע, — האָט ער דערצעהלט, — מען מוז זיין געגרייט צו אַ קאַמף".

צוועלף אוהר ביינאַכט יענעם שבת איז פון דער אויבען־דערמאָנטער אַראַבישער שטעדטעל בית שאַן, וועל־כע געפינט זיך אויך ניט ווייט פון בית אלפא, געקומען אַ אידישער רעגירונגס־בעאַמטער. ער האָט ערקלערט, אַז ער איז אַנטלאָפען פון בית שאַן און אַז די דאָר־טיגע אַראַבער זיינען זעהר אויפגערעגט, אַז זיי מאַרשירען אויף דעמאָנסטראַציעס, שרייענדיג: „אדבח אל יהוד!" (קוילעט אידען!).

מיט אַן אויטאָמאָביל קען מען פון בית אלפא אין בית שאַן קומען אין פופצעהן מינוט (צו־פוס וואָלט עס געדויערט ביי אַנדערהאַלבען שטונדען). איך האָב געדענקט די אַראַבישע שטעדטעל פון מיין וויזיט אין 1925. מיר זיינען איהר דורכגע־פאָהרען אין אַן אָוונט, און אונזער אויטאָמאָביל איז דאָרטען פאַרהאַלטען געוואָרען דורך אַ גרויסער סטאַדע בהמות, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די פעלדער. דערווייל איז געוואָרען גוט פינסטער, און אונזער שאָפער איז ניט געווען גענוג באַ־קאַנט מיט דעם ווייטערדיגען וועג. די אַראַבער האָבען זיך פאַרהאַלטען אמת פריינדליך צו אונז. (זעה פּיידזשעס 209 און 210, אין דעם ערשטען טייל פון דיזען בוך). איצט האָט זיך אַלץ געענדערט. דאָס גאַנצע שטעדטעל בית שאַן, ווי העלענבערג האָט מיר דערצעהלט, האָט געברענט מיט בלוט־דורשט געגען די אידען, אַלץ דורך דער בלבול־אַגיטאַציע פון אַ ירושלים'ער גרופּע אַראַבישע אַגיטאַטאָרס.

דאָרטען, אין בית שאן, האָבען געוואוינט פערציג אידישע משפחות, ספרד'ישע, און צוואַנציג חלוצים. האָט מען זיי איצט געשלאָגען; און איין חלוץ האָט מען אַזוי צושניטען מיט מעסערס, אַז ער איז אין אַ פּאָר שטונדען ארום געשטאָרבען. די אַראַבישע אַגיטאַטאָרס האָבען דאָרטען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מחנות אידען קלייבען זיך פון ירושלים אין בית שאן אויסצושעכטען אַלע אַראַבער.

* * *

מיר זיינען, אַלזאָ, געזעסען אויף דעם לופטיגען באַלקאָן פון בית־אלפא. העלענבערג האָט דערצעהלט און איך האָב אַלץ פאַרשריבען. איך האָב איהם געשטעלט פראַגען און ער האָט מיר געענטפערט, אָנווייזענדיג דורך די פענסטער אויף די ערטער, וואו די אדער יענע געשעהעניש איז פאָרגעקומען. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלינגעריי.

— דאָס קלינגט מען אויף מיטאָג, — האָט העלענבערג מיר ערקלערט, איינלאַדענדיג מיך מיטצוגעהן מיט איהם און די אַנדערע חלוצים.

מיר זיינען ארונטערגעגאַנגען אויפ'ן הויף און אַריבערגעגאַנגען אין עס־צימער — אַ צימליך־גרויסער זאַל מיט עטליכע רייהען טישען, ניט קיין גרויסע, צו פינף טישען אין אַ צייל. ביי יעדען טיש זיינען געזעסען צעהן פּערזאָן, אַלץ יונגע חברה, געזונטע, לעבענס־לוסטיגע בחורים. זיי זיינען אַלע געווען אָנגעטאָן אין קורצע ווייסע לייוועטענע רעקלאַך און אין ווייסע לייוועטענע הויזען, קורצליבע און ברייטליבע. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געווען זעהר אַן אַנגענעמער, און אויך זעהר אַן אינטערעסאַנטער — כאָטש נעם און מאָל אַ בילד פון דער סצענע.

זיי זיינען אַלע אָקאָרשט געקומען פון זייער פעלד־ארבייט.

אלס „קעלנערינס" האָבען געדינט חבר'טעס, אויך אין ווייסען.

דער מאָלצייט איז באַשטאַנען פון פלייש געקאָכט אין רייז און אַ פּודינג פון פרוכט מיט רייז. איך ווייס ניט, צי איך האָב זיך גוט אויסגעהונגערט פאָרענדיג דורך די פרייע פעלדער, צי דאָס עסען איז געווען אַזוי געראָטען. ס'איז געווען אונזער בעסטער מאָלצייט אויף דער גאַנצער רייזע.

נאָכ'ן עסען האָבען מיר זיך אומגעקערט אין דער קינדער־הויז, און העלענבערג האָט פאַרטגעזעצט די געשיכטע פון דעם איבערפאַל.

* * *

אין בית אַלפא זיינען געקומען דריי רייטענדע פּאָליסלייט, צוויי אַראַבער און איין איד. האָט דער איד דערצעהלט, אַז ער האָט צוגעהערט אַ געשפּרעך צווישען די צוויי אַראַבער וועגען אַ אידישער פרוי, וואָס האָט ארויפגעקלעטערט אויף דער וואַנט פון דעם כותל מערבי און פון דאָרטען געוואָרפען באָמבעס אין דעם גרויסען מאַכמעדאַנישען טעמפּעל אין ירושלים.

שבת, דעם 24טען אויגוסט, האָבען די חלוצים פון בית אַלפא באמערקט, אַז ביי דעם מערב־ברעג פון זייער וועלדעל באַהאַלטען זיך רייטענדיגע בעדואינער. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אומגעוועהנליכע זאַך. באַלד האָבען די חלוצים פון בית אַלפא זיך פאַרזאַמעלט אין דעם עם־צימער זיך צו באַראַטען וואָס צו טאָן. דאַן איז צו זיי אריינגעקומען דער עלטסטער פון אַ בעדואינער שבט, באַגלייט מיט עטליכע פון זיינע מענשען. דער עלטסטער האָט ערקלערט, אַז ער קומט אַלס פריינד און זיינע באַגלייטער האָבען גענומען אויפשטעלען פּאַלאַטקעס לעבען דער קאָלאָניע אַלס פריינדליכע באַזוכער. ער האָט אויך דערצעהלט וועגען דער אַנטיסעמיטישער דעמאָנסטראַציע אין בית שאן.

— די פּאָליציי איז צו קליין אין צאָהל, — האָט ער געזאָגט, — זי קען אייך ניט העלפען, און ווי איך הער, קלייבען זיך די אַראַבער פון בית שאן אייך צו אַטאַקירען.

די חלוצים פון בית אַלפא האָבען ניט געוואוסט קלאָר וואָס דאָס באַדייט. איז דאָס אַלץ ניט מעהר ווי אַ תירוץ זיי אויס־צושפּיאָנירען און צו דערגעהן, אויב עס זיינען ניטאָ קיין סאָל־דאַטען ארום בית אַלפא? אָדער אפשר וויל ער בלויז זיך אָנ־גרייטען מיט דער פריינדשאַפט פון די אידען, כדי אין פאַל די אַטאַקע וועט דורכפאַלען און די אידען וועלען זיין די זיגער, זאָל ער ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר זייער נקמה?

דיזער בעדואינער פיהרער איז מיט די אידען פון בית אַלפא אימער געווען אין גוטע באַציהונגען; ער פלעגט ביי זיי קריגען

א הלואה — אביסעל פיטער פאר די פערד, אדער עפּעס אנ־דערש. ער האָט זיך געקוואפּעט אויף א ביסעל וויינטרויבען אדער אויף א ביסעל האָלץ. צווישען זיך פלעגען די חלוצים איהם רופען שנאָרער.

ווען ער און זיינע באגלייטער זיינען אוועק, האָבען זיך די חלוצים גענומען גרייטען צו דער פארטיידיגונג. די צוויי שכנ'ישע אידישע קאָלאָניעס האָבען זיך פאראייניגט אין איין זעלבסט־שוץ. די קינדערלעך, זיבען־און־פערציג אין צאָהל, האָט מען אוועקגע־שיקט אנדערשוואו. די פרויען אָבער, וואָס זיינען ניט נויטיג געווען צו די קינדער, זיינען געבליבען, און זיי האָבען זיך אויך באוואָפענט צום קאמף, ווער מיט א האק און ווער מיט א האמער.

אין די צוויי קאָלאָניעס האָט זיך געפונען א היבשע צאָהל מענשען, וואָס זיינען אמאָל געווען אין דער עסטרייכישער ארמעע און געוואוסט ווי צו האלטען א ביקס אין האנט.

מען האָט גענומען זעק, זיי אנגעשאָטען מיט זאמד און אויסגעלעגט זיי אויף די גאניקעס. מען האָט אויסגעגראָבען טרענטשעס אויף צו פאראייניגען די קינדער־הויז מיט דער נעקס־טער הויז. טאָמער וועט מען יענע הויז שוין ניט קענען האל־טען, און אלע קעמפער וועלען זיך מוזען פאראייניגען אין דער קינדער־הויז, זאָל מען דורך די טרענטשעס אריבערפּויזען אהין.

די דאָזיגע טרענטשעס זיינען נאָך געווען, ווען איך האָב באזוכט בית אלפא. איך האָב אויך געזעהן פילע סמנים פון קוילען אין די ווענט. אייניגע פון זיי זיינען געווען דורך און דורך דער וואנט פון דעם גאניק אין דער פאָרמע פון גרויסע, ניט קיין גלאטע, קיילעכדיגע לעכער. איך האָב געפרעגט ווי דאָס קומט, אז א לאָך פון א ביקסען־קויל זאָל זיין אזוי גרויס. האָט מען מיר געענטפערט, אז די וואנט איז א ווייכע און אז פון דער קויל האָט זיך דורכגעבראָכען א שטיק ארום.

אלס קאָמאנדיר פון דעם זעלבסט־שוץ האָט מען אויסגע־קליבען מנחם רייזנער'ן, וועלכער האָט אין דעם יאָהר 1920, צוזאמען מיט אנדערע אידישע יונגעלייט, געגרינדעט דעם זעלבסט־שוץ אין סאמבאָר, גאליציע (טאקע דעם זעלבען יאָהר איז ער



א גרופּע פון די וויכטיגסטע מיטגלידער פון דער הגנה (זעלבסט-שוץ) אין בית-אלפא.

געקומען קיין פּאַלעסטינא, וואו ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דעם זעלבסט-שוץ).

יענעם אָוונט איז קיינער ניט געשלאָפן. די פּאַטרולען האָבן געבראַכט ידיעות וועגן סמנים, אַז אַראַבער קומען פון אַלע זייטן. דעם זעלבן אָוונט, שבת־צו־נאַכט, האָט איינער פון די פּאַטרולען זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַראַבישע פּאַט־רולען. „ווער איז דאָרטן?" — האָט ער געפרעגט, און אָנ־שטאָט אַן ענטפער האָט מען גענומען שיסן. די קוילן האָבן אָבער קיינעם ניט געטראָפן. די אידישע וועכטער האָבן גע־ענטפערט מיט קוילן. די אַראַבער זיינען פאַרשוואונדן. דאַן איז שטיל געוואָרן.

עס איז געווען אַזוי פינסטער, אַז מען האָט אבסאָלוט קיין זאַך ניט געזעהן. אַפילו אויף דעם נאָהענטסטן באַרג פון דרום זייט, וועלכער געפינט זיך אין דער קאָלאָניע גופא, האָט מען אויך גאָרניט געקענט זעהן. דאָס האָט אַלעמען באַאומרוהיגט. מען האָט געפיהלט, אַז מען קען בית-אלפא ארומרינגלען און אַלעמען פאַרניכטען איידער די חלוצים וועלען זיך זאָגאַר דער־וויסען, אַז מען קומט צו נאָהענט צו זיי. אין די הייזער האָט מען נאַטירליך קיין ליכט ניט אָנגעצונדען און קיין סיגאַרעטען האָט מען ניט גערויכערט. עס איז געווען אַ גרויסע סכנה, אַז די אַראַבער זאָלען אונטערצינדען דעם בית־אלפא וואַלד, אָדער די שייערן איידער די חלוצים וועלען נאָך באַמערקען די אונטער־צינדער. דאָס וואָלט זיי געצוואונגען ארויסצוקומען פון זייערע פּאָזיציעס, און קיין פלעש-לאַיטס (בליץ-ליכט) האָבן זיי ניט גע־האַט. די געפאַהר איז געווען אונגעהויער גרויס.

ביסלאַכווייז האָט זיך גענומען הערען אַ שיסעריי פון אַלע זייטען. די חלוצים האָבן אָפּגעענטפערט מיט זייערע ביקסען און זייערע בלייענע ענטפערס האָבן זיך געלאָזט פיהלען.

דאָך איז דאָס געווען אַ נאַכט פון נערוועזער אומבאַשטימט־קייט, אַ נאַכט פון אַנגסט. ווען די קעמפער וואָלטען געקענט זעהן אימיצען פון דעם שונא, וואָלט זיי געווען לייכטער. אַזוי אָבער האָבן זיי פאַרבראַכט די נאַכט אין אַ געהיימניספולער פינסטערניש און אומבאַוואוסטקייט, אין אַ שיסעריי פון אַ שונא,

וואָס מען האָט זאָגאר ניט געקענט וויסען ווי ווייט ער געפינט זיך פון אייך. זייער מוט און געלאַסענקייט האָבען די אידישע בחורים אָבער ניט פארלאָרען אויף איין סעקונדע און זייערע ביקסען האָבען דעם שונא צוריקגעהאַלטען עטליכע שטונדען נאָכאַנאַנד.

זונטאָג אין דער פריה זיינען אייניגע פון די חברים ארויס־געגאַנגען אויפ׳ן הויף, ניט קוקענדיג אויף דער טויט־געפאהר, און געבראַכט נאָך זאַמד. די פרויען האָבען אויפגענעהט נאָך זעק און זיי אָנגעשאָטען. אויך האָט מען געמאַכט באַריקאַדען, ברויכענדיג דערצו דעם טראַקטאָר און די אַנדערע פארם־מאַשי־נעריי, וואָס די קאָלאָניע האָט פארמאָגט. מיט דעם האָט מען פארצאַמט יעדען צוטריט. דאָס איז געווען אַ פארזיכערונג, אַז רייטער זאָלען ניט קענען אריינגאַלאָפירען.

די חלוצים האָבען געזעהן ווי אַראַבער באַוועגען זיך אין די וועלדלאַך, וואָס געהערען צו די צוויי אידישע קאָלאָניעס. די צוויי קאָלאָניעס זיינען איצט געווען איינגאַנצען אָפגעשניטען.

— איהר זעהט יענעם פּלאַץ, — האָט העלענבערג געזאָגט צו מיר, אָנווייזענדיג דורך אַן אָפענעם פענסטער אויף אַן אָרט ביי אַ האַלבע מינוט גאַנג פון דער קינדער־הויז, — דאָרטען איז געשטאַנען אַ גרויסער באַרג קוקורוזע אונזערע, האָבען מיר גע־זעהן ווי אַראַבישע פרויען און קינדער צושלעפּען דאָס. זיי האָבען אונזער קוקורוזע, די פרוכט פון אַ סך אַרבייט אונזערער, געלעגט אין זעק און אוועקגעטראָגען. מיר האָבען אויך געזעהן ווי זיי ברענגען זייערע בהמות און פיטערען זיי אויף אונזערע פעלדער, מיט גרוים חוצפּה, גלייך פאַר אונזערע אויגען. מסתמא האָבען זיי ערוואַרט, אַז מיר וועלען ארויסקומען באַשיצען אונ־זער אייגענטום, און דאַן וואָלטען זיי אונז באַפאַלען פון אַלע זייטען מיט זייערע מעסערס און אייזערנע שטעקענס.

זונטאָג אַרום עלף אוהר איז דער אויבען-דערמאָנטער פיהרער פון דעם בעדואינער שבט ווידער געקומען, — דיזען מאָל מיט צוויי באַגלייטער. זיי האָבען זיך געשטעלט ביי דעם ברעג פון די באַריקאַדען. דער מוכטאַר (עלטסטער) פון בית אלפא, צבי וואולף, איז ארויסגעקומען צו זיי.

— וואָס פאַרלאַנגט איהר? — האָט ער געפרעגט.

— די אַטאַקע אויף אייך איז שוין אין גאַנצען אָרגאַניזירט. ליידער בין איך קראַנק. ווען איך וואָלט געווען געזונט וואָלט איך געקעמפט אויף אייער זייט. איך וויל ניט, אַז איהר זאָלט מיר האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם וואָס וועט פאָרקומען. איך קען זיין פאַראַנטוואָרטליך נאָר פאַר מיינע נאָהענטסטע קרובים. איך ראַט אייך צו ווענדען זיך צו דער פּאָליציי.

צבי וואולף האָט זיינע חברים איבערגעגעבען וואָס דער בעדואינער האָט צו איהם געזאָגט. דערנאָך האָט ער זיך צו איהם אומגעקערט מיט אַן ענטפער, אַז די אידישע קאָלאָניסטען זיינען איהם זעהר דאַנקבאַר פאַר זיין פריינדליכקייט. צו דער זעלבער צייט האָבען די חלוצים געהאַלטען זייערע ביקסן אַזוי, אַז ער זאָל זיי זעהן. זאָל ער וויסען, אַז די חלוצים זיינען באַוואפענט און גרייט צו באַגעגענען אַנגרייפער. די אידישע קאָלאָניסטען האָבען אַלץ חושד געווען, אַז ער איז געקומען אויסצושפּיאָנירען.

אַ גרופּע בעדואינער האָט זיך געלאָזט געהן צום שייער, וואו די קאָלאָניע האָט געהאַלטען ניט גֶעדראָשענע תבואה און שטרוי. עס איז געווען דייטליך, אַז זיי קלייבען זיך דאָס אונטערצוצינדען. איז גלייך פון הויף אַרויסגעלאָפען אַ חלוץ מיט'ן נאָמען א. טרייבער, פון טורקע, גאַליציע. ער האָט אויסגערופען צו זיינע חברים, די וואַכלייט, וואָס זיינען געשטאַנען לעבען דער הויז, אַז זיי זאָלען געבען פייער. זיי האָבען אַזוי געטאָן. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שיסעריי פון ביידע זייטען. דער שייער איז אָבער געראַטעוועט געוואָרען.

אַ שטונדע שפּעטער האָבען זיך גענומען זאַמלען גרופּעס אַראַבער אין דעם וועלדעל, וואָס געפינט זיך ביים מזרח־עק פון בית־אלפא. זיי זיינען אַלע געווען אויסגעפּוצט יום־טוב'דיג, אין ווייסע באַלאַטען. די לאַגע איז געוואָרען קריטיש. די אַראַבער זיינען געווען צו נאָהענט און קיין שטאַרקע שטיינערנע הויז וואָס זאָל דינען ווי אַ פעסטונג, ווי דאָס איז געווען אין חולדה, האָבען די חלוצים דאָ ניט געהאַט. זייער קינדער־הויז איז אַ הילצערנע און ווען מען זאָל אונטערצינדען די דערבייאיגע הייזער וועט זי

אויך גאנץ ניט בלייבען. מען האט זיך מישב געווען, אז מען מוז אימיצען שיקען טעלעפאנירען נאך הילף. דער נאהענטסטער פלאץ וואו עס איז פאראן א טעלעפאן, איז אין עין חרוד, ביי דריי־פערטעל שעה גאנג פון בית־אלפא.

דער קאמאנדיר האט אויסגעקליבען דעם חלוץ יעקב לאנעס, אז ער זאל געהן. לאנעס איז אפט געווען א שומר, א וועכטער, ביינאכט געגען גנבים. ער איז געוואוינט צו פארברענגען א גאנצע נאכט מיט א ביקס אויף דער פלייצע, און ער קען יעדען טריט פון דעם געגענד, און קיין טרוס איז ער אודאי ניט.

די שליחות האט שטארק געשמעקט מיט טויט. לאנעס האט באדארפט געהן צופוס ביי א דריי־פערטעל שעה, געהן צווישען גרופעס אראבער, וועלכע זיינען געווען באוואפענט און גע־גרייט צו א מאסען־מארד. דאך האט ער דעם באפעהל גלייך אנגענומען.

בשעת ער איז געגאנגען האט ער אפט פון פארשיידענע זייטען געהערט ווי מען שיסט. מען האט געשאסען הויפטזעכליך פון דעם אויבען־דערמאנטען בארג, וואס שטעהט פון דרום זייט פון דער קאלאניע.

אום אויסצומיידען די געפאהר ווי וויט מעגליך, איז ער געגאנגען אין זיגזאגען, געדרעהט זיך אהין און אהער.

עס האט איהם אפגעגליקט. ער איז דערגאנגען ביז דער קאלאניע תל יוסף, ריכטיגער געזאגט, ביז דעם פלאץ וואו פריהער האט זיך געפונען די קאלאניע תל יוסף. ווארים מיט א קורצער צייט צוריק האבען זיך די דארטיגע קאלאניסטען ארי־בערגעצויגען אין נייע געביידעס, וועלכע זיי האבען אויפגעבויט אויף א בארג, ספעציעל אויף א פלאץ, וועלכער איז אין א סטרא־טעגישען זין, אין פאל פון אן אטאקע, א סך זיכערער.

אויפ'ן אלטען פלאץ זיינען אבער געבליבען צעהן מיט־גלידער צו היטען די וואסער־קאוולען, מען זאל זיי ניט פאר־גיפטען. פאר די דאזיגע צעהן חברים האט לאנעס דערצעהלט, וואס עס קומט איצט פאר אין בית אלפא, און פון דארטען איז ער געריטען מיט די בהמות, וועלכע די צעהן חברים האבען איהם געבעטען אוועקפיהרען אין דעם נייעם תל יוסף. אויפ'ן מיטען

וועג, לעבען די פעלדער פון תל יוסף, זיינען אָנגעפאַלען אויף איהם אראַבער און אוועקגענומען ביי איהם די טשערעדע. ער אליין איז אנטלאָפען. מען האָט איהם נאָכגעשאָסען. עס איז איהם אָבער געלונגען זיך צו ראַטעווען. ענדליך האָט ער דער־גרייכט עין־חרוד און פון דאָרטען האָט ער טעלעפאָנירט צו דער פאָליציי.

— קען איך זעהן אייער חבר לאַנעם? — האָב איך גע־פרעגט, פול מיט באוואונדערונג פאַר דעם מערקווירדיגען מוט, וואָס דיזער חלוץ האָט ארויסגעוויזען מיט יענעם גאַנג זיינעם.

אימיצער איז ארויסגעגאַנגען און אין עטליכע מינוט ארום האָט זיך באוויזען אַ דאַרער, פארהאָרעוועטער יונגערמאַן אין ארבייטס־קליידער.

— דאָס איז ער, חבר לאַנעם! — האָט העלענבערג איהם פאָרגעשטעלט. — איצט איז ער אַ פאַסטוך ביי אונזערע שעפסען.

איך האָב דעם יונגענמאַן באקוקט. איך האָב איהם עפּעס געוואָלט פרעגען. איך האָב אָבער ניט געוואוסט פון וואָס אָנ־צופאַנגען. איך האָב זיך פּשוט פארשעמט פאַר איהם. אָבער דער העלדישער חברה־מאַן האָט זיך נאָך מעהר פארשעמט ווי איך. און איידער וואָס־ווען — איך גיב אַ קוק: ער איז שוין פארשוואונדען.

— וואו איז ער אהינגעקומען? — האָב איך גענומען מאָנען.

מען איז איהם געגאַנגען זוכען. מען האָט איהם אָבער ניט געקענט געפינען.

אין עין־חרוד גופא האָט לאַנעם אויך געפונען אַכט פאָליס־לייט — 7 איינפאַבע און איינעם אַ פאָליציי־קאַפּיטאַן, אַן ענג־לענדער מיט'ן נאָמען בראַנד, — און זיי זיינען טאַקע גלייך אריבערגעריטען קיין בית־אלפא.

זיי האָבען די דאָרטיגע קאָלאָניסטען געפונען ארומגערינגעלט מיט געדיכטע מאסען אראַבער, וועלכע זיינען געווען פארטיפט אין ראַבעווען, אַז ניט וואָלטען זיי די בראַווע אידישע קעמפער לייכט געקענט אויסשעכטען.

באַלד זיינען געקומען צוועלף גרענעץ־פאָליסלייט, אלע

טשערקעסען, און זיי האָבען מיט זיך געבראכט צוויי מאשין־ביקסען. אזוי־ארום איז שוין איצט געווען צוואנציג מאן מיט מאשין־געוועהר. זיי זיינען צוגעקומען נאָהענט צו דער קאָלאָניע און בראנד האָט גענומען פאַכען צו די אראבער זיי זאָלען אוועק־געהן.

די אראבער האָבען זיך שוין דאן געפונען בלויז פינף הונדערט טריט פון דער קינדער־הויז. זיי האָבען בראנד'ן גע־ענטפערט מיט זייערע ביקסען. אָבער אזוי ווי אַלם שיסער זיינען זיי קאַליקעס, האָבען זיי קיינעם ניט געטראָפען. בראנד און זיינע מענשען האָבען גענומען שיסען צוריק. ער האָט גע־געבען א קאָמאנדע, אז מען זאָל שיסען מיט די מאשין־ביקסען, אָבער אין דער הויך, די כוליגאנס בלויז אָפצושרעקען. דאָך איז איין אראבער געפאַלען.

עס איז ווידער געוואָרען א שיסעריי. די גרענעץ־פּאָליציי האָט גענומען צילעווען גלייך אין די אַנגרייפער. מען האָט גע־זעהן ווי נאָך אראבער פאלען.

פון בית שאן זיינען אָנגעקומען אראבישע רייטער און זיי האָבען צוגעגעבען די אנדערע מוט. באלד האָט מען דערזעהן א גרויסע, געדיכטע מאסע אראבער. איינער פון דער מאסע האָט געהאַלטען א גרינע פאָהן. די שיסעריי האָט זיי אָבער באלד געצוואונגען זיך צוריקצוציהען.

פּלוצלונג האָט מען גענומען שיסען פון דעם דרום־בארג. דאן האָט קאפּיטאן בראנד געהייסען אריבערטראָגען די מאשין־ביקסען און זיי אוועקשטעלען אזוי, אז אָנשטאָט צו צילעווען זיך אין מזרח־זייט זאָל מען שיסען אויף דעם בארג.

ביסלאכווייז איז שטיל געוואָרען. די חלוצים האָבען ווידער ארויסגעשיקט פּאטרולען. די אראבער האָבען אָבער ווי־דער גענומען שיסען. עס איז אונמעגליך געווען זיך צו בא־וועגען, צו באקומען שפּייז (דריי טעג האָט זיך די קאָלאָניע גע־פונען אין אזא באַלאַגערונגס־צושטאנד).

דער עלטסטער פון'ם אראבישען שבט ראזאי פון עמק הירדן האָט אוועקגעשיקט זיין אדיוטאנט ערקלערען די אראבער, אז די אטאקע איז א דורכפאל און אז ער ראט זיי צו געהן צוריק.

ווען דער אַדיוטאַנט האָט געריטען מיט דיזער שליחות, איז דער פערד אונטער איהם געפאַלען פון אַ קויל. ווען ביי אַראַבער פאַלט אַזאַ „אַריסטאָקראַטישער" פערד, ווערט דאָס ביי זיי פאַר־רעכענט פאַר אַ גרויסען אונגליק.

ענדליך האָבען די אַראַבער אָנגעצונדען די היי און די שטרוי פון דער קאָלאָניע. אין סך הכל האָט דאָס באַטראָפען עטליכע טויזענד דאָלאַר. דער פייער האָט באַלויכטען דעם גאַנ־צען געגענד אַרום. ער האָט זיך געזעהן אַזש אין תל־יוסף. דאַן זיינען אָנגעקומען נאָך סאָלדאַטען.

די אַראַבער האָבען זיך צוריקגעצויגען, אָבער זעהר לאַנג־זאַם. מאָנטאַג, צוועלף אַזייגער, האָבען זיי אונטערגעצונדען דאָס ביסעל היי וואָס איז נאָך פאַרבליבען (דאָס איז געווען אַן אָפּ־געזונדערטער באַרג היי. דעריבער האָט דער פריהערדיגער היי־פייער איהם ניט פאַרניכטעט). יעדער פלאַקער, וואָס זיי האָבען געמאַכט, האָט די אַראַבער פון דעם גאַנצען געגענד געדינט אַלס אַגיטאַציאָנס-סיגנאַל פאַר אַנדערע אַראַבער צו קומען ראַבעווען און ברענען.

ענדליך, מאָנטאַג, איז געקומען מאַיאָר סמיטה מיט צוואַנציג סאָלדאַטען און דריי אויטאָמאָבילען. ער האָט געזעהן ווי די אַראַבער צינדען אונטער די שטרוי און ער איז גלייך צו זיי צוגעפלויגען מיט זיין אויטאָמאָביל. האָבען אייניגע אַראַבער געשאָסען אויף זיין מאַשין. סמיטה האָט אָפּגעענטפערט. אַזוי ווי ער איז אַ בעסערער שיסער איז איין אַראַבער דערשאָסען געוואָרען אויפ'ן אָרט און אַ צווייטער איז געפאַלען אַ פאַרוואונ־דעטער. זיבעצעהן אַנדערע, וועלכע האָבען ביי זיך געהאַט מע־סערס און אייזערנע שטעקענס, האָט ער פאַרשלאָסען אין זיינע אויטאָמאָבילס. ער האָט זיי געבראַכט צו די קאָלאָניסטען פון בית־אלפאַ און זיי האָבען זיי אויפגענומען אַזוי ווי קריגס־גע־פאַנגענע, זיי געגעבען עסען און טרינקען.

סמיטה האָט זיי פאַנאַנדערגעפרעגט. זיי האָבען אָבער גע־ענטפערט, אַז זיי ווייסען ניט פון וואָס צו זאָגען. די זיבעצעהן געפאַנגענע האָבען איבערגענעכטיגט אין צוויי צימערען פון דער קאָלאָניע בית אלפאַ, אונטער אַ שטאַרקער וואַך. אויף מאָרגען

האָט מען זיי אַוועקגעשיקט אין בית שאן, וואו מען האָט זיי פארשפארט אין דער דאָרטיגער געפענגניש.

* * *

איינינע טעג שפּעטער, ווען מאיאָר סמיטה האָט געהאַט א געשפרעך מיט קוירנעל קיש פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיוו קאָמיטע, האָט ער ריידענדיג וועגען דער בית אלפא'ער געשיכטע באמערקט:

— ווען אַלע מיינע סאָלדאטען וואָלטען געוועזן אזוי פעסט און געלאַסען ווי די קאָלאָניסטען פון בית אלפא, וואָלט איך געקענט אויפטאָן וואונדער.

געגומען אויפ'ן סטאַנציע אין תל-אָביב עטליכע מינוט פאַר קאַהאַנ'ס אָפּפאָהרען. 1 אב. קאַהאַן, 2. בן-גוריון, 3 בערל קאצענעלסאָן, 4 רובאשאָוו, 5 הארצפעלד 6 ניישטאַט, 7 שפּיגעלמאַן, 8 ח. ליבערמאַן (ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס" וועגען די שחיטות), 9 מ. סענדערס.

די בלוטיגע דראַמע אין צפת

אידען און אראַבער פאַר דער מהומה. — די פלוצלינגע ענדערונג. — דער בלוטיגער דאָנערשטאָג. — אין די הייזער, וואו אראַבער האָבען געמאָרדעט, געברענט און געראובט.

דער וועג אַהין. — עראינערונג אָן די צויבער־ביל־דער פון קרים און די קעטסקילס.

מיר זיינען געפאָהרען קיין צפת, וואו ס'איז פאָרגעקומען איינע פון די גרעסטע שחיטות, — א רייזע דורך געגענדען פון צויבער און געהיימנים; און ווען איהר קומט אהין, דוכט זיך אייך, אז דאָס איז א שטאָדט פון טויזענט־און־איין־נאכט.

מיר זיינען געפאָהרען אויף אן אויטאָמאָביל — איך, יציב־שפיגעלמאַן, פון דער סאָציאַליסטישער „הסתדרות", און א שאָופער. מיר האָבען זיך אויף א פּאָר שטונדען אָפּגעשטעלט אין דער אַלטער שטאָדט טבריה, וואו אין פאַרלויף פון די לעצטע פיר יאָהר, זינט מיין פריהערדיגען באַזוך, איז צוגעקומען א פיינער, מאָדערנער האָטעל, און אַנדערע שעהנע, היינטיגע מויערען. פון דאָרטען זיינען מיר געפאָהרען ביז דער קאָלאָניע ראש פינה. ביז אהער איז דער וועג געגאַנגען מעהר אָדער ווייניגער גראַד. איצט אָבער, נאָך ראש פינה, האָט ער זיך פּלוצלונג א הויב געטאָן ארויף־באַרג. אָפט האָט זיך געדוכט, אז דער אויטאָ־מאָביל קלעטערט איבער א גלייכע וואַנט.

בערג און בערג, פון וויטען און פון נאָהענטען. און איהר באַוועגט זיך איבער איינעם פון זיי. אַלץ ארויף, ארויף.

אונטען ליגט אויסגעשפּרייט א גרויסער, פלאַכער טאָל. דער טאָל דערווייטערט זיך פון אייך. אַזוי ווי ער וואָלט געזונקען טיפער און טיפער. דער אויטאָמאָביל געהט ביים ברעג פון א

תהום. איין פאלשער ריהר און די מאשין פליהט מיט אייך צוזאמען אהין, אַן דאָרטען, אונטען, צו פאַרניכטונג... ניט קיין אנגענעמער געפיהל... אייערע אויגען קוקען בעסער אין דער אנדער ריכטונג.

דער אויטאָמאָביל קלעטערט אַלץ העכער און העכער. עס דוכט זיך אייך, אז וואָס ווייטער איהר פאָהרט אויף אייער וועג צום שפּיץ בארג, אַלץ ווייטער ווערט ער פון אייך. ער אנטלויפט פון אייך און איהר יאָגט זיך נאָך.

וועט קיינמאָל ניט נעמען קיין סוף? איין מאָמענט פאַר־לויט איהר די גערולד. דעם נעקסטען מאָמענט געפינט איהר זיך אין א פאַרקערטער שטימונג: איהר וואָלט, דאכט זיך, דעם גאַנצען לעבען אזוי געפאָהרען — ארויף, ארויף, ארויף...

די לופט איז אזוי געשמאַק און זי ווערט אַלץ געשמאַקער; און דאָס בילד ארום אַלץ כשופ'דיגער. איך דערמאָן זיך אָן מיין ערשטע רייזע צו די שפּיצען פון די קעטסקילס. איך דער־מאָן זיך אָן מיין אויטאָמאָביל רייזע איבער די בערג פון קרים. צויבער בילדער, צו וועלכע עס זיינען קיין ווערטער ניטאָ.

אייגענטליך איז גאַנץ פּאַלעסטינע א צויבער בילד. אן אויטאָמאָביל־שפּאַציר דורך ארץ ישראל איז א שפּאַציר דורך א וועלט וואָס איז שעהן מיט דער שעהנקייט פון מוזיק. דער ירדן־טאָל, דער איזרעאל־טאָל, די כנרת־אָזערע מיט די בערג ארום — זיי באזינגען אייך אויף דעם שטייגער ווי א ניגון בא־זינגט אייך. און שפּעטער דאכט זיך אייך, אז זיי האָבען אין אייער הארצען טאַקע א ניגון איבערגעלאָזען.

אָבער ארויף אויף א הויכען בארג בין איך פריהער געפאָה־רען בלויז שפּעט ביינאַכט — אויפ'ן כרמל. מיין רייזע פון ראש פינה קיין צפת איז געווען אַן ערפאהרונג פול מיט איבערראשונ־גען, פול מיט גן־עדן שטימונגען.

די בערג ציהען זיך ארום און ארום. איהר טראָגט זיך צו זיי, און זיי באוועגען זיך. זיי לויפען — אי ארום און ארום, אי אוועק ערגעץ־וואו. אזא געפיהל האָט איהר. זיי פארשווינ־דען און דאָך בלייבט איהר אַלץ ארומגערינגעלט מיט זיי. איהר געפינט זיך אינווייניג אין א ריזיגער וואזע. די וואזע בייט זיך

און בייט זיך. אַרום אייך ענדערט זיך אַלץ, אַזוי ווי עס ענדערען זיך די טענער פון אַ מעלאָדיע. אַלע ווילע אַן אַנדער טאָן, אָבער אַלע געהערען זיי צו דערזעלבער מעלאָדיע.

און די לופט איז אימער אַ מחיה׳דיגע. לייכט, קוויקענד, אַ תענוג צו אָטעמען. דאָס און די צויבערליכע נאַטור־בילדער זיינען מסתמא אַ טייל פון דער פילפאַכער אורזאַך, פאַרוואָס ארץ ישראל באַצויבערט אַזוי די אידען וואָס וואוינען אין איהר און הויפּט־זעכליך די חלוצים, וואָס באַאַרבייטען איהרע פעלדער און גערטנער.

פלוצלונג גיט זיך אייער אויטאָמאָביל אַ לאָז אַרונטער. איהר פאָהרט צום תהום־צו... בערג באַוואַכען אייך כמעט פון אַלע זייטען. זיי זיינען רויט, די בערג.

פעלזען, פעלזען, רויטע פעלזען, מעכטיג־שטילע.

ווידער פאָהרט איהר אַרויף־צו, און דאַן ווידער אַראָפּ.

פלוצלונג דערזעהט איהר געביידעס. פון דער רויטער פעל־זען־וועלט האָבען זיי פון העלער הויט אַרויסגעשפּראָצט. און די הייזער זיינען פון שטיקלאַך פעלז געמויערט, אָבער ניט רויט, נאָר גראָה.

די שטאָדט. — צוויי סאָרטען אידען.

איהר געפינט זיך ביי דעם אַריינגאַנג צו אַ שטאָדט אָדער אַ שטעדטעל. איהר ווייסט נאָך ניט ווי דאָס אָנצורופען. דער ברוק איז פון ניט־געצעסעטע שטיינער, אָהן אַ פאָרמע, שפּיציגע.

איהר פאָהרט אַריין אין אַ גאַס. די נידעריגע הייזער און די פּלאַסטערונגען זיינען פון דעם זעלבען מאַטעריאַל. אַ האַרטע, גרויע שטאָדט, און אַרום, נאָהענט און ווייט — פעלזען־בערג, מייסטענס רויטע. אַ גרויער נעסט אין אַ ריזיגען רויטען בוזים.

אייער אָטעם קען זיך ניט אָנזעטיגען מיט דער לופט. אייער אויג קען זיך ניט אָנקוויקען מיט דער נאַטור־סצענע און מיט דעם געשטאַלט פון דער זאָנדערבאַרער גאַס, איבער וועלכער איהר באַוועגט זיך.

אָט דאָס איז צפת? אָט דאָס איז די פאַרצייטיגע אידישע שטאָדט? איהר האָט געהערט נאָר וועגען איהרע פרומע אידען,

די קבלה־רבנים פון פאר דריי־פיר הונדערט יאהר. און דיזע שטאט קוקט אייך אוים אזוי ווי זי וואלט געבויט געווארען מיט טויזענ־טער יאהרען צוריק, און אזוי ווי זי וואלט אזוי פארבליבען, ניט געענדערט, ניט אנגעריהרט. עס גלויבט זיך כמעט ניט, אז דא וואוינען היינט מענשען. איז דאס דען די צפת, וואו עס איז ערשט פארגעקומען דער פאגראם? עס פארט זיך עפעס ניט.

* * *

מיר זיינען צוגעפאהרען צו א האטעל, דעם בעסטען וואס צפת פארמאגט. דער באלעבאס, וואס האט אונז אויפגענומען, איז א באלעבאטישער איד פון דעם אלטמאדישען שניט, מיט א לאנגע קאפאטע, מיט הארט־איינגעגרייזעלטע פאות'ן.

א שעה שפעטער בין איך ארויסגעגאנגען א קוק טאן אויף די דערבייאיגע גאסען.

דיזע זייט פון צפת איז באוואוינט פון אונזערע אידען, „אשכנז'ישע", ווי מען רופט זיי. דאס הייסט, אזעלכע, וואס ריידען אידיש. אינגאנצען איז אין צפת פאראן פיר טויזענד אידען (פריהער איז געווען א סך מעהר). א טייל פון זיי זיינען ספרדים, און זיי וואוינען א ביסעל ווייטער, ארונטער־בארג, נעהנטער צו די אראבישע געגענדען. אראבער איז אין צפת פאראן א סך מעהר ווי אידען.

די אשכנז'ישע אידען זיינען אויך מייסטענס דארטיגע פון געבוירענשאפט אן, און דאס רוב זיינען זייערע עלטערען אויך דארטען געבוירען געווארען. זיי ריידען אידיש מיט א פוילישען אקצענט — דעם לשון, וועלכען זיי האבען גע'ירשנ'ט פון זייערע טאטעס און זיידעס. און זיי האלטען אן דעם טיף־ארטאדאק־סישען לעבען פון זייערע זיידעס, מיט אלע זייערע מנהגים, מא־ניערען, געשמאקען. עס איז אבסאלוט קיין אונטערשייד צווישען א צפת'ער איד פון דיזען קלאס און אן אלטמאדישען פוילישען אדער גאליציישען אידען פון אונזער צייט, אדער פון פריהערדיגע צייטען. דער זעלבער ארט קליידען זיך, דער זעלבער סארט ריידען, די זעלבע אוואיעס.

מען דארף באמערקען, אז א גרויסער טייל פון די אשכנזים פלעגען לעבען פון דער „חלוקה", פון די שטיצע־געלט, וואס

פרומע אידען פלעגען צושיקען אין פּאַלעסטינע פון דער אַלטער היים. איבערהויפּט איז די באַפעלקערונג געווען זעהר אַן אָרטאָ־דאָקסישע, זעהר אַ פּאַרציייטיגע.

די ספרדים, ווידער, שטאַמען (ווי פאַר דעם לעזער איז קיין נייעס ניט), פון די אידען וואָס מען האָט ארויסגעטריבען פון שפּאַניע ארום דער צייט, ווען קאָלאָמבוס האָט ענטדעקט אַמע־ריקע. זיי זיינען צוזייט איבער פארשיידענע לענדער, ווי טערקיי, בולגאַריען, יוגאָסלאַוויע, פּאַלעסטינע. דאָס רוב פון זיי ריידען שפּאַניאָליש. עס זיינען אָבער פאַראַן ספרדישע אידען, וואָס רעדען אַראַביש. דאָס איז זייער מוטער־שפּראַך. און זיי ריידען איהר פונקט ווי די אַראַבער. אָט צו דיזען טיפּ געהערען די ספרדים פון צפת. פילע פון זיי ריידען אויך העברעאיש, אָבער דאָס איז שוין אַ צווייטע שפּראַך ביי זיי. דורך זייער צוזאַמענ־לעבען מיט אשכנזים האָבען אייניגע פון זיי זיך אויסגעלערענט אידיש אויך. מיין איינדרוק איז אָבער, אַז דער הויפּט פּאַרקער צווישען די צוויי פאַרשיידענע טיפּען אידען קומט פאָר אויף העברעאיש. דאָס ווערט שטאַרק פאַרגרעסערט דורך די העברע־אישע שולען, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען גע־גרינדעט איבער גאַנץ פּאַלעסטינע. פאַראַן ספרדישע אידען, וואָס ריידען שוין העברעאיש בעסער ווי אַראַביש, הויפּטזעכליך די וואָס געהערען צום יונגען דור.

די טייל פון צפת, וואוהין מיר זיינען אריינגעפאָהרען, איז די אשכנזישע טייל. אָבער איצט, זינט דעם פּאָגראָם, האָבען זיך דאָרטען געפונען אַלע ספרד'ישע אידען אויך, וואָרים ביי זיי זיינען פאָרגעקומען די גרעסטע שחיטות און אונטערציינדונגען. האָבען זיי זייערע היימען פארלוירען אָדער זיי האָבען איצט אין זיי פשוט מורא געהאַט צו זיין.

איך בין, אַלזאָ, געגאַנגען באַקוקען אַ ביסעל די שטאָדט. איך בין אריבער אין אַ צווייטער גאַס און אַ דריטער — אַלץ אַזעלכע, וואָס געהען פּאַראַלעל צו דער גאַס, וואו איך בין איינ־געשטאַנען. יענע גאַסען זיינען אַ סך שמעלער ווי די, און זיי זעהען אויס אַנדערש אויך. קיין פּלאַץ פאר אַ וואָגען דורכצו־פאָהרען איז אבסאָלוט נישטאָ. אזוי שמאָל זיינען זיי.

דער שטיינערנער ברוק פון יעדער גאַס איז אין דער לענג צוטיילט אויף דריי טיילען. די וואַס גנעהען נעהנטער צו די הייזער און שפּילען די ראָלע פון טראָטואַרען זיינען ברייטער ווי די מיטעלסטע טייל. אין סך הכל מאַכט דאָס דעם איינדרוק, אַזוי ווי אינמיטען פון דעם ברוק וואָלט מען געמאַכט אַ גראָבען, און איהם אויסגעפלאַסטערט מיט דיזעלביגע שטיינער ווי די טראָטואַרען. דיזע שמאָלינקע, מיטעלסטע טייל, די טיפערע, איז פאַר אייזלען דורכצוגעהן. און ווי איך האָב שפּעטער געזעהן, האָבען אַזאַ פּנים אויך די געשעפטס־גאַסען, וואו אַלע קראָמען זיינען. אויף די אייזלען ברענגט מען די וואַרע אַהין. און ווען עס קומט אַן אויטאָמאָביל, אָנגעלאָדען מיט סחורה, געהט ער בלויז דורך דער הויפּט־גאַס, וועלכע איז ברייטער, און ער שטעלט זיך אָפּ ביים אריינגאַנג צו דער געשעפטס־גאַס. דאָרטען לאָדעט מען פון איהם אויס די וואַרע און די מענשען טראָגען די משא צו די קראָמען.

די הייזער זיינען קליינינקע, נידעריגע. דער ערשטער איינדרוק מיינער איז געוועזען עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען געוועזען צו־קליין אַז מענשען זאָלען אין זיי קענען וואוינען. אין סך הכל האָבען די צוויי גאַסען, וועלכע איך האָב דאַן באַזוכט, מיר אויס־געזעהן ווי שפּאַלטען אין די פעלזען־בערג, וואָס רינגלען אַרום די שטאָדט. אַבסאָלוט ניט ווי גאַסען, ווי מיר פאַרשטעהען געוועהנליך דעם וואָרט. אין אַ געוויסען זין זיינען זיי נאָך זאָנדערבאַרער אויפ'ן אויסזעהן ווי פּאָמפּעי, די פאַרצייטיגע רוימישע שטאָדט, וועלכע איז העכער ווי 18 הונדערט יאָהר געלעגען אונטער דער ערד.

צפת איז אַ שטאָדט, וואו אַראַבער האָבען אויסגעקוילעט 21 אידען, פאַרברענט הייזער און אַבסאָלוט אויסגעראַמט אַלע אידישע קלייטען. די שטאָדט אַן און פאַר זיך — דער פּלאַץ, וואו זי ליגט, און דער אויסזעהן פון איהרע גאַסען, — מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. און דאָס, וואָס איך האָב זיך דאָרטען אָנגעזעהן און אָנגעהערט, זיינען פון די זאַכען, וואָס אַ מענש קען קיינמאָל ניט פאַרגעסען. איך וועל אָנהויבען מיט איינ־

צעלהייטען פון צוויי פּאַסירונגען, וועגען וועלכע איך האָב דאָרטען געהערט פון די, וואָס האָבען זיי דורכגעמאַכט.

איך האָב צוזאַמענגעשטעלט אַ צעטעל פון מענשען און זאַכען, וואָס זיינען ווערט צו זעהן, און אויף איין בלעטעל פון מיין נאָטיץ־ביכעל זיינען געווען אויפגעשריבען די ווערטער:

„יונגער מאַן שמואל פינקוס. אַראַבער שיסען אויף איהם. ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט. כמעט צוויי מעת־לעת אָהן שפּייז, באַהאַלטענדיג זיך און לויפענדיג פון מערדער".

איך האָב גענומען פרעגען וואו איך קען איהם זעהן. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז מיר שטעהען ביידע איין אין דעם זעלבען האָטעלכעל — אַ פרומע אָרטאָדאָקסישע אכסניה, וואו אַלץ ווערט געפיהרט אויף אַן עכט־רעליגיעזען שטייגער. (שבת־דיגע מאכלים ווערען דאָרטען אָנגעגרייט פון פרייטאָג; די וואַרימקייט ווערט אין זיי אויפגעהאַלטען 24 שעה, אָבער ניט ווי טשאָלענט אָדער ווי „קאַכליע־טהע", נאָר מיט אַ מין נייעם „פּעטענט".)

אַ יונגערמאַן דערצעהלט, ווי ער האָט געראַטעוועט זיין לעבען.

איך האָב איהם איינגעלאַדען צו מיר אין צימער, און דאָרטען האָט ער מיר אַלץ דערצעהלט. פון צייט צו צייט האָב איך איהם אונטערבראָכען מיט אַ פראַגע. ער האָט מיר אויף אַלץ געענטפערט, ערקלערט, און איך האָב אַלץ פאַרצייכענט.

ער האָט גערעדט מיט אַ שטילער ערנסטקייט. ער איז אַ באַשיידענער, צוריקגעהאַלטענער מענש. אין זיינע פשוט'ע שטילע ווערטער האָט זיך געפיהלט, וואָס פאַר אַ טיפע שפּורען זיין שרעקליכע ערפאַרונג האָט איבערגעלאָזען אין זיין הארצען און אין זיין מח. און דורך דעם האָט יעדער מאָמענט, וואָס ער האָט געשילדערט אַזוי איינפאַך, בוכשטעבליך געלעבט פאַר מיר. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך מאַך דורך יענע מאָמענטען און געפיהלען מיט איהם צוזאַמען.

אַרום דריי שטונדען זיינען מיר אַזוי געזעסען אין מיין צימער. ער דערצעהלענדיג, און איך צוהערענדיג זיך צו זיינע

רייד, שטעלנדיג איהם מיינע פראַגען, אָדער אַזוי שמועסענדיג צוזאַמען וועגען פּאַסירונגען. און ווען אונזער געשפּרעך האָט זיך געענדיגט, און איך האָב אויפ'ן זייגער געזעהן, אַז ס'זיינען אַריבער דריי שעה, בין איך ערשטוינט געוואָרען. איך האָב גע־מיינט, אַז עס איז נאָך אַפילו קיין שעה ניט.

פינקוס איז אַ יונגערמאַן פון 31 יאָהר. ער איז העכער פון מיטעלען וואוקס, אַ ברונעט מיט שעהנע, רעגעלמעסיגע געזיכטס־שטריכען. ער איז פון רימאַנאָוו, גאַליציע. קיין פּאַ־לעסטינע איז ער געקומען אין 1921 אלס חלוץ. ער האָט צוויי ברידער אין אַמעריקע און ביידע וואוינען אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. ער איז געקליידט נעט, אויף אַ מאָדערנעם שטייגער.

זייענדיג אין פּאַלעסטינע, האָט ער זיך אויסגעלערענט דאָס פאַך פון ערד־מעסטען (סוירוועיאינג). און פון דיזער ארבייט ציהט ער זיין חיונה די לעצטע זעקס יאָהר.

וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען אין די בלוטיגע טעג, האָט פּאַסירט ניט אין צפת גופא, נאָר אין אַ דאָרף, וואָס געפינט זיך נאָהענט דערביי. דאָס זיינען אייגענטליך צוויי דערפער צוזאַ־מען, אַ אידישער און אַן אַראַבישער. דער אידישער דאָרף הייסט עין זיתים (עס ווערט אויסגעשפּראָכען „איין־זייטים"). דער אַראַבישער דאָרף הייסט „איין־זייטון". אַזוי איז אין איינינע אַנדערע פלעצער אויך אין פּאַלעסטינע. צוויי צווילינג־דערפער מיט דעם זעלבען נאָמען, איינער אַ אידישער און דער אַנדערער אַן אַראַבישער. ווי מיר האָבען געזעהן אין הר טוב און אין חולדה. און זעהר אָפּט איז דער נאָמען אַ גאַנץ אַלטער. ער ציהט זיך פון ביבלישע צייטען אָן.

עין זיתים איז איינע פון באַראָן ראָטשילד'ס קאָלאָניעס. זי געפינט זיך נאָר אַ האַלבע שטונדע גאַנג פון צפת. דאָס לאַנד געהערט איצט שוין צו פּריוואַטע אידישע אייגענטימער. געזעצ־ליך אָבער איז דאָס נאָך אַ שטיק צייט געווען דאָס אייגענטום פון'ם באַראָנ'ס „פּיקא" (פּאַלעסטינער אידישע קאָלאָניזאַציאָנס אַסאָסיאיישאָן). אום פאָרמעל איבערצוגעבען די פאַרמס צו די פּריוואַטע באַלעבאַטים, זיינען נויטיג געווען צוויי ערד־מעסטער, וואָס זאָלען באַשטימען די גרעניצען פון יעדען באַזונדערען

פאַרם; און פּינקוס איז געווען איינער פון זיי. דאָס געצאָלט פאַר דער ארבייט איז געוועזליך געווען פערציג פּיאַסטער (צוויי דאָלער) א טאָג א חוץ הוצאות.

דער צווייטער ערד־מעסטער איז געווען א יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען הארטענשטיין. געדונגען האָט זיי א קאָנטראַקטאָר מיט׳ן נאָמען ניישטאַט.

„מיר האָבען דאָרטען אָפּגעארבייט אכט טעג, - - האָט מיר פּינקוס דערצעהלט. — דאַן האָבען זיך גענומען טראָגען קלאַנגען וועגען פּאָגראָמען; מיר האָבען דערפאַר באַשלאָסען די ארבייט צו אונטערברעכען און אריבערפאָהרען קיין חיפה. מיר האָבען געגלויבט, אז דאָרט וועט זיין פיל זיכערער. דעם באַשלוס האָבען מיר אָנגענומען דאָנערשטאָג, דעם 29טען אויגוסט. מיר האָבען אָפּגעמאַכט, אז מאָרגען וועלען מיר אוועקפאָהרען. פיר אזייגער נאָכמיטאָג יענעם דאָנערשטאָג האָבען מיר ניישטאַט׳ן אוועקגעשיקט אין צפת, ער זאָל פון דאָרטען ברענגען אַן אויטאָמאָביל פאַר אונז דריי: פאַר זיך, הארטענשטיינ׳ען און מיר.

„פאַרלויפיג האָבען מיר אין עין זיתים ניט געזעהן קיין סמנים פון אומרוהען. וועגען די פּאָגראָמען אין ירושלים און אטאַקעס אויף תל־אביב האָבען מיר געהערט נאָר גאַנץ אונדייטליכע קלאַנגען, און קיין צייטונגען האָבען מיר ניט באַקומען, ווייל זיי זיינען דאַן געווען אָפּגעשטעלט. אָבער א טשערקעס, א וועכטער, וואָס האָט געארבייט אין דער קאָלאָניע עין זיתים, האָט אונז געזאָגט, אז צפת ברענט. ער האָט אונז דאָס דערצעהלט ווען מיר זיינען געווען אינווייניג אין שטוב. דאַן האָט ער אונז אויך געזאָגט, אז מען וועט מסתמא אין עין זיתים אויך מאַכען א פּאָגראָם — אז מען קלייבט זיך אויף אונז.

„ווען מיר זיינען ארויס אין דרויסען, האָבען מיר דערזעהן זאַכען, וואָס האָבען באַשטעטיגט זיינע ווערטער. מיר האָבען פון ווייטען געזעהן, אז צפת ברענט טאַקע. און ניט ווייט פון אונז האָבען זיך געקליבען אראַבער. די לאַגע איז פּלוצלונג געוואָרען זעהר ערנסט. מיר זיינען אריינגעלאָפען צוריק אין שטוב, אראָפּגעוואָרפען פון זיך די ארבייטס־קליידער און אָנגעטאָן אונ־

זערע שבת׳דיגע קאסטיומען. ווארטען אויפ׳ן אויטאמאביל האָ־
בען מיר שוין ניט געוואָלט. מען האָט זיך געמוזט ראַטעווען.

„די פאמיליע, ביי וועמען מיר זיינען איינגעשטאַנען, האָ־
בען מיר גערופען זיי זאָלען מיט אונז מיטגעהן, אָבער די באַלע־
באָסטע האָט ניט געוואָלט הערען דערפון. „איך געה ניט. פאַ־
ראַן אַ גאָט אין הימעל. ער וועט אונז היטען” — האָט זי גע־
ענטפערט. איהר מאַן האָט יאָ געוואָלט מיטגעהן, אָבער ניט אַנ־
דערש ווי מיט אַ מוטיגען שומר. מיר האָבען זיך אומזיסט גע־
בעטען ביי זיי. עס איז געוואָרען שפּעט. יעדע מינוט איז געווען
אַ יאָהר. מיר זיינען געצוואונגען געווען צו געהן אָהן זיי.

„עס איז געוואָרען זעקס אַ זייגער. מיר האָבען זיך אוועקגע־
לאָזען. אומעטום האָבען זיך געזאַמעלט אַראַבער. איין גרופּע
זייערע האָט זיך צו אונז געווענדעט מיט בייזע סטראַשונקעס.
„מען וועט אויסשעכטען אַלע אידען” — האָבען זיי געזאָגט.

* * *

„איך דאַרף אייך ניט זאָגען ווי צושראָקען מיר זיינען גע־
ווען — האָט פּינקוס פאָרטגעזעצט — מיר האָבען זיך אָבער גע־
מאַכט קוראַזש און געשפּרייזט ווייטער. ווען מיר זיינען אָפּגע־
גאַנגען צעהן מינוט אויפ׳ן וועג צו צפת, זיינען מיר צוגעקומען
צו דעם אַראַבישען דערפעל „איין־זייטון”. די דאָרטיגע אַראַבער
האָבען אויסגעזעהן ווילד, בלוט־דורשטיג. עס איז געווען שרעק־
ליך צו געהן, אָבער מיר האָבען דאָך קיין ברירה ניט געהאַט.
דאָ האָט סאַי־ווי־סאַי געשמעקט מיט טויט פאַר אונז!

„אונז איז אויסגעקומען צו געהן דורך גרויסע גרופּען אַראַ־
בער. מייסטע פון זיי זיינען געזעסען אויף דר׳ערד, אונטער בוי־
מער. צוערשט האָט קיינער פון זיי גאָרניט געזאָגט צו אונז. ווען
מיר זיינען אָבער צוגעקומען צום רעכטען מיטען פון דאָרף, זיי־
נען אַרום צוואַנציג אַראַבער צוגעלאָפען צו אונז, מיט שטעקענס
מיט גרויסע אייזערנע גאַלקעס אין די הענט. איינער פון זיי
האָט געהאַלטען אַ ביקס, און ער האָט געזאָגט: „איך מוז אייך
שיסען!”

„אַן אַראַבישע פרוי מיט אַ קינד אין די אָרעמס איז צוגע־

לאָפען צו איהם און זיך גענומען בעטען מיט טרערען אין די אויגען: „אין גאָט'ס נאָמען, שים זיי ניט!"

„דער אראבער האָט מיט זיין ביקס איהר אָפּעגשטויסען פון זיך. אין דעם זעלבען מאָמענט זיינען די אנדערע פון די צוואנציג ארויפגעפאלען אויף אונז און אונז גענומען שלעפען."

— ווי האָט איהר זיך געפיהלט אין יענעם מאָמענט? — האָב איך געפרעגט פינקוס'ן.

„איך געדענק גאנץ גוט ווי איך האָב זיך געפיהלט — האָט ער געענטפערט מיט א טיף־ערנסטע מינע — איך האָב צו זיך געזאָגט, אז איך האָב אליין גענומען דעם טויט אויף זיך. ווען מיר וואָלטען געבליבען אין שטוב, וואָלטען מיר אפשר געבליבען לעבען. איך האָב זיך אויך געטראַכט, אז דעם מוט טאָר מען ניט פארלירען אויף איין סעקונדע. אפשר איז נאָך פאראן א האָפ־נונג זיך צו ראטעווען, אָבער אָהן מוט קען מען ניט האָבען קיין פארשטאנד אויף דעם. אין אמת'ן איז ביי מיר אין הארצען קיין האָפנונג ניט געווען און אין מיין מח איז געווען א מישעניגע".

ער האָט פאָרטגעזעצט זיין דערצעהלען:

„דער אראבישער דאָרף איין־ זייטון געהט אראָפּ־בארג און אויף איין פלאַץ זיינען געווען צוזאמענגעלייגט שטיינער אזוי ווי א וואנט. דאָס האָט מען אויפגעשטעלט כדי אויפצוהאלטען א גערטענדעל וואָס געפינט זיך אויבען. צו ד ע ר וואנט האָט מען אונז צוגעשפארט.

„צוויי אראבער האָבען מיך געהאלטען פאר די הענט און צוויי אנדערע האָבען געהאלטען הארטענשטיין'ען. די אנדערע אראבער האָבען אונז גענומען שלאָגען מיט די אייזערנע קעפּ פון זייערע שטעקענס. מיר האָבען געשריען פון יסורים און פארצווייפלונג. אין דער צייט ווען דאָס איז פארגעקומען, האָט אן אנדער אראבער אונז באזוכט און ארויסגענומען אלץ וואָס ער האָט געפונען אין אונזערע קעשענעס. יעדער פון אונז האָט געהאַט צוויי פונט (צעהן דאָלער), א זייגער און א ביכעלע, וואו עס איז געווען א באריכט פון דער ארבייט וואָס מיר האָבען גע־טאָן אין די זעקס טעג. זיי האָבען צובלוטיגט מיין קאָפּ און פנים. מיינע קליידער זיינען געוואָרען נאַס פון בלוט. מיין

היטעל איז פארשוואונדען. איך האב דערפיהלט, אז מיין לינ־קען אָרעם קען איך ניט באוועגען.

„די צוויי אראבער האבען מיך אפּגעלאזען און איך האב דערהערט צוויי שאָסען. אין דערזעלבער סעקונדע האב איך אויך דערהערט א שרעקליכען געשריי פון הארטענשטיינ׳ען, דאן א קרעכץ. איך האב געזעהן ווי ער לויפט אפּ עטליכע טריט און ער פאלט.

„א געדאנק איז דורכגעלאָפען דורך מיין מח: אפשר קען איך זיך ראטעווען. איך לעב דאָך. הייסט דאָך דאָס, אז מיר האט זייער קויל ניט געטראָפען. איך האב דאָך סאַי־ווי־סאַי ניט וואָס צו פארלירען. דאָ בין איך דאָך געוויס א פארלאָרענער. איך מוז פּרואווען. איך האב זיך געפיהלט שרעקליך שוואך, נאָר מיט דעם אימפּעט פון פארצווייפלונג האב איך זיך א לאָז געטאָן אראָפּ בארג.

„איך האב געפיהלט ווי דאָס בלוט רינט פון מיר איבע־ראל. איך האב א שפּרונג געטאָן בארג אראָפּ און בין געלאָפען ניט מיט מיינע כחות. אינסטינקטיוו האב איך לויפענדיג זיך געהאלטען הינטער בוימער און געלאָפען בין איך ניט אין א גלייכער ליניע, נאָר אהין און אהער, אין א זיג־זאג.

„לויפענדיג האב איך געהערט ווי מען שיסט כסדר נאָך מיר. אומגעפעהר פופצען שאָס וואָלט מען געקענט איבער־צעהלען. יעדע מינוט האב איך זיך אומגעקוקט צו זעהן אויב מען לויפט מיר נאָך; און די אראבער האבען זיך ווירקליך נאָכגעיאָגט נאָך מיר.

„איך בין געלאָפען אלץ ווייטער. ענדליך בין איך צוגעקו־מען צו א טאָל. דאָרטען זיינען געשטאַנען עטליכע אוילבירט בוימער. איך האב זיך אָפּגעשטעלט און באטראכט וואס צו טאָן. די צוואנציג אראבער זיינען אלץ נאָכגעלאָפען. זיי זיינען אָבער געווען א היבשע שטרעקע פון מיר. איך האב געהאט א געדאנק — ארויפקלעטערען אויף א בוים! דאן וועלען זיי מיך ניט זעהן. און ארויפקלעטערען אויף א בוים וואָלט איך געקענט אזוי אז זיי זאָלען דאָס ניט באמערקען. איך בין אָבער געווען צו שוואך דערצו. איך בין אריין אין טאָל. מיין וואונש

איז געווען צו לויפען נאָך צפת. איך האָב אָבער שוין קיין כח ניט געהאַט. האָב איך זיך פארקירעוועט אין א פאַרקער־טער ריכטונג. מיין צוועק איז געווען צו געפינען עפּעס א פּלאַץ, וואו מ׳קען זיך באַהאַלטען. און אזוי ווי איך האָב זיך געפונען אין טאָל און זיי זיינען געווען נאָך אַלץ אויבען, האָבען זיי מיך ניט גע־קענט זעהן און זיי האָבען ניט געוואוסט, אז איך האָב זיך פאַר־קירעוועט. זיי האָבען געמיינט, אז איך לויף אַלץ צו צפת צו, און זיי זיינען דערפאַר אויך געלאָפען אין דיזער ריכטונג. דער טאָל איז א שמאָלער, ניט מעהר ווי אומגעפער צוואַנציג יאַרד אין דער ברייט.

„א געוויסע שטרעקע בין איך געלאָפען ארויף־באַרג. ענד־ליך האָב איך זיך באַהאַלטען צווישען גרויסע פעלזען. א נייעם שטראָם פון האָפנונג האָב איך דאָ דערפיהלט, אָבער ניט אויף לאנג.

„א פּאָר מינוט בין איך אזוי געלעגען — און טיילווייז גע־זעסען — צווישען די פעלזען, ווען איך האָב ווידער דערהערט שטימען און טריט. די אַראַבער זיינען צוגעקומען נאָהענט צו מיין באַהעלטעניש און מיך געזוכט. דאָס בלוט אין מיר איז ווידער פאַרגליווערט געוואָרען פון טויט־שרעק.

„באַלד האָב איך געהערט ווי איינער פון זיי זאָגט: „לויפט גלייך אַרונטער אין טאָל! זוכט ד אָ ר ט ע ן צווישען די פעלזען. ער איז געוויס דאָרטען. ער באַהאַלט זיך. איהר וועט איהם געוויס געפינען. מען מוז! אז ניט, וועט ער דערצעהלען וואָס מיר האָבען געטאָן מיט זיין חבר”.

„איך האָב איינגעהאַלטען דעם אָטעם. עס האָט מיר ווידער גענומען שיינען א האָפנונג, אז איך וועל זיך ראַטעווען פון זיי־ערע הענט און בלייבען לעבען, וואָרים זיי זיינען ווירקליך אוועק פון מיר אין טאָל אריין. איך דאַרף אייך ניט דערצעהלען ווי אנגענעם עס איז מיר געווען די שטילקייט אַרום מיר. קיינער איז ניטאָ! ניטאָ די וואָס זוכען מיך מיט זייערע אייזערנע שטע־קענס און ביקסען.

„צום גליק האָבען זיי מיין פּאַטשיילקע ניט צוגענומען. אַלזאָ, האָב איך זי איצט אַרויסגענומען פון קעשענע און ארויפּ־

געליינט אויפ׳ן קאָפּ אום צו פאַרהאַלטען דאָס בלוט. עס האָט גענומען ווערען טונקעל און ווען עס איז שוין געווען אמת פינס־טער, האָב איך ווידער גענומען געהן איבער דעם שמאָלען וועג וואָס פיהרט צו צפת צו. אָבער באַלד האָב איך ווידער דער־הערט שטימען און אויסגעשרייען, וואָרים זיי זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, אַלץ זוכענדיג מיר. פון צייט צו צייט האָבען זיי אויס־געשאָסען אין דער לופטען. ווארשיינליך האָבען זיי מיך גע־וואָלט איבערשרעקען, אוועקנעמען ביי מיר דעם מוט און רו־היגען פאַרשטאַנד, כדי איך זאָל ניט וויסען ווי זיך צו ראַטעווען פון זיי. האָב איך זיך ווידער באַהאַלטען צווישען גרויסע פעל־זען. אויפ׳ן האַרצען איז ווידער געווען קאַלעמוטנע. אין פאַר־צווייפלונג בין איך שוין אָבער כמעט ניט געווען. איך האָב גע־האַט אַ האָפנונג, אַז זיי וועלען מיך ניט כאַפּען.

„אין מיין נייער באַהעלטעניש בין איך פאַרבליבען ביז מיטען־נאַכט, דאַן האָב איך באַשלאָסען צו געהן ווייטער. אום ניט צו מאַכען דעם קלענסטען גערויש, האָב איך אויסגעטאָן די שיך און אַזוי, אַ באָרוועסער, בין איך ווידער געגאַנגען צום טאָל צו.

„די בלוט וואָס האָט פריהער פון מיר גערונען פון עטליכע ערטער, איז אין פאַרלויף פון די עטליכע שטונדען פאַרטריקענט געוואָרען און מעהר איז שוין קיין בלוט ניט געגאַנגען.

„באַלד האָב איך ווידער דערהערט שטימען. איך האָב נאָך פריהער מורא געהאַט, אַז זיי וועלען אוועקשטעלען וועכטער אויפ׳ן וועג מיך צו פאַרהאַלטען, ווען איך וועל אַרויסקומען פון מיין באַהעלטעניש, און אַזוי איז טאַקע געווען. אַלזאָ, האָב איך זיך ווידער באַהאַלטען אין די פעלזען. איך בין געזעסען און זיך צוגעהערט, ניט נאָר מיט די אויערען, נאָר מיט אַלע חושים, דאַכט זיך.

„אַזוי בין איך געזעסען ביז עס האָט גענומען טאָגען.

„ווען עס איז געוואָרען ליכטיג, האָב איך געזעהן ווי זיי געהען אוועק. ווארשיינליך האָבען זיי שוין אויפגעגעבען די האָפנונג מיך צו געפינען. זיי האָבען מסתמא געגלויבט, אַז איך בין שוין אין צפת.

„איך בין ווידער אָפּגעגאַנגען ביי א צוויי־דריי קילאָמעטער. איך בין געגאַנגען מיט'ן טאָל און מיט דעם שמאָלען וועג. די געפאַהר איז נאַטירליך געווען גרויס. איך האָב אָבער קיין ברירה ניט געהאַט. עס איז אויסגעקומען צו געהן אַרויף־באַרג. באַלד האָב איך דערהערט א סך שטימען, אַראַבישע. גאַנץ נאָהענט לעבען מיר איז קיינער ניט געווען. געהן ווייטער וואָלט אָבער קיין זין ניט געהאַט. די געפאַהר איז געווען זעהר גרויס. איך בין ווידער געווען אין טויט־שרעק. איך האָב זיך דערפאַר אויס־געקליבען אַ פּלאַץ וואו איך זאָל קענען פאַרבלייבען א גאַנצען טאָג, ביז עס וועט ווידער ווערען פינסטער. אין דער פינסטער־נישט איז פאָרט דאָ מעהר מעגליכקייט זיך צו רעטען.

„דער געגענד איז דאָרטען א ווילדער, פול מיט פעלזען. עס איז געווען לייכט צו געפינען אַ פּלאַץ צווישען זיי, וואו קיינער וואָלט מיך ניט געקענט זעהן. און אַזאַ פּלאַץ האָב איך באַלד געפונען. דאָרטען בין איך פאַרבליבען א גאַנצען טאָג, אַלץ אָהן א ברעקעל שפּייז און אָהן אַ טראָפּען וואַסער. אַלע ווײַלע האָב איך געזעהן ווי ס'געהען פאַרביי אַראַבער מיט אייזלען און פערד אָנגעלאָדען מיט פאַרשידענע זאַכען, וואָס זיי האָבען אָנגעראַ־בעוועט ביי די אידען פון צפת. איך האָב אָבער אויך דער־זעהן עראָפּלאַנען אין דער לופטען און פון דעם איז מיר אַביסעל גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען. וואָרים דאָס האָט דאָך גע־הייסען, אַז ס'איז שוין געקומען מיליטער. ווען איך אָבער קע־נען אַריינקומען אין צפת? — דאָס איז געווען די פראַגע.

„איך האָב געזעהן אַראַבישע פאַמיליעס, וואָס זיינען אַנט־לאָפען אין דער ריכטונג פון טבריה. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס זיינען פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבען געראַבעוועט און גע־שאָכטען אידען אין צפת און איצט, אַז ס'איז שוין דאָ ענגלישע מיליטער, האָבען זיי מורא, אַז מען וועט זיי אַרעסטירען. איך בין געווען שרעקליך הונגעריג און שוואַך, אָבער מעהר פון אַלץ האָט מיך געמאַטערט דער דורשט.

„ענדליך בין איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש און זיך געלאָזען געהן ווייטער. ביי איין פּונקט האָב איך דערהערט ווי איין אַראַבער זאָגט צו אַנדערע: „עס הערען זיך עפּעס טריט".

זיי האָבען גענומען שיסען און זוכען. איך האָב זיך אומ־געקערט צוריק.

„איך בין געגאנגען אהין און אהער און אזוי האָב איך זיך ארומגעשלעפּט דריי שטונדען ביז איך האָב דערגרייכט א אידישען בית־עולם. דאָס איז געווען ארום צוויי אזייגער ביי־טאָג, שבת. עס האָט זיך געהערט אַ שווערע שיסעריי, מסתמא פון סאָלדאטען. די אראבער האָבען אָפּגעענטפערט. איך האָב זיך געדרוקט הינטער בוימער. מיין צוועק איז געווען אזוי צו בלייבען נאָך אַ טאָג, ביז ס'וועט נאכט ווערען. ווען די לבנה איז ארויסגעקומען, בין איך אוועק ווייטער. איך האָב געזעהן, אז איך בין שוין לעבען צפת.

„אין איין פּלאַץ האָב איך דערזעהן אַן אראביש הייזעל. אין דעם זעלבען מאָמענט האָב איך דערהערט דאָס מורמלען פון אַ וואסער־קוואל. איך בין געווען אזוי פארשמאכט, אז איך האָב געשטעלט מיין לעבען אין סכנה און בין צוגעגאנגען זיך אָנטרינקען. דאן האָב איך זיך צוגעזעצט אָפּרוהען. דערנאָך בין איך געגאנגען ווייטער. אין צעהן מינוט ארום בין איך אריין אין צפת דורך דעם אלטען טייל פון דער שטאָט. עס זיינען געשטאַנען ענגלישע סאָלדאטען מיט ביקסען אין די הענט. זיי האָבען צו מיר אויסגעשריען: „סטאָפּ!” האָב איך אָפּ־געענטפערט: „דזשאָי!”

פינקוס האָט קיין ענגליש ניט געקענט. ער האָט עפּעס גע־הערט, אז אַ איד הייסט „דזשו” אויף ענגליש. איהם האָט דאָס אָבער געקלונגען ווי „דזשאָי”, האָט ער אזוי אויסגעשריען צו די סאָלדאטען. אַ ניט־איד איז אַ „גוי”, און אַ איד איז אַ „דזשאָי”— צום גראַם, הייסט עס. אזוי האָט עס איהם געקלונגען.

די סאָלדאטען האָבען אָבער פארשטאַנען.

— קאָם אָן! — האָבען זיי געזאָגט. (דיזע צוויי ווערטער האָט ער פאַר מיר אויסגערעדט ריכטיג. ער וועט זיי דעם גאַנצען לעבען ניט פארגעסען. זיי האָבען איהם געקלונגען מיט לעבען, מיט אַ פארזיכערונג, אז זיין אנגסט און טויט־שרעק איז געענדיגט: אז ער איז געראַטעוועט.)

ער איז צוגעקומען אַ פּאָר טריט נעהענטער צו די סאָלדאַ־

טען. דאַן האָבען זיי איהם ווידער אָפּגעשטעלט און אויסגע־שטרעקט די ביקסען געגען איהם.

ער איז געוואָרען אַ דערציטערטער. פון פאַרצווייפלונג האָט ער גענומען ריידען אויף העברעאיש צו זיי.

— שיסט ניט! שיסט ניט! — האָט ער געשריען — איך בין אַ „דזשאָי".

זיי האָבען ווידער געענטפערט: „קאַם אָן!"

„צו מיר זיינען צוגעגאַנגען פינף סאָלדאַטען מיט אויסגע־שטרעקטע באַיאָנעטען — האָט פינקוס מיר ווייטער דערצעהלט — זיי האָבען מיר אַרומגעזוכט. זיי האָבען נאַטירליך קיין גע־וועהר אויף מיר ניט געפונען. זיי האָבען באַמערקט די פאַר־טריקענטע בלוט. זיי האָבען מיך איבערגעגעבען צו די אַנ־דערע סאָלדאַטען — אַ קליינע מחנה פון אַ דרייסיג מאַן. מען האָט מיר געגעבען וואַסער. איך האָב אָנגעטאָן מיינע שיך און מען האָט מיך אוועקגעפיהרט אין דעם „הדסה" האָספּיטאַל פון צפת. דאָרטען האָבען די שוועסטער (נויירסעס) מיר געגעבען טיי און מילך.

„ווען איך בין אָפּגעלעגען אַ פּאָר טעג, האָב איך זיך גע־פיהלט שטאַרקער און דאַן האָט מען מיך, צוזאַמען מיט די אַנ־דערע פאַרוואונדעטע אידען — קרבנות פון צפת'ער פּאָ־גראָם — אוועקגעשיקט אין דעם הדסה האָספּיטאַל אין חיפה. איך האָב געהאַט אַ טיפע וואונד אין קאָפּ און האָב פאַרלאָרען אַ סך בלוט. מיין אָרעם איז געווען שוואַרץ און געשוואָלען פון די קלעפּ. אין דעם חיפה'ר האָספּיטאַל בין איך אָפּגעלעגען אכט טעג. דאַן האָט מען מיך גענומען צוריק אין צפת אלס עדות. צווישען די אַרעסטירטע אַראַבער וואָס מען האָט גע־בראַכט אין האָספּיטאַל, אַז די פאַרוואונדעטע אידען זאָלען זיי באַקוקען, האָב איך דערקענט די צוויי אַראַבער, וועלכע האָבען מיך און הארטענשטיינ'ען צוגעשטעלט צום וואַנט און אונז גע־שלאָגען מיט זייערע אייזערנע שטעקענס.

„הארטענשטיינ'ען האָט מען פריהער ניט געקענט געפינען. אום איהם צו פאַרבאָרגען האָבען די אַראַבער איהם פאַרברענט. דאָס, וואָס איז געבליבען פון זיין קערפּער, האָבען זיי צוגע־

דעקט מיט א טויטען אייזעל, כדי מען זאל ניט וויסען, אז דא ליגט דאס איבערבלייבעניש פון א מענשען. איך האב איהם אבער דערקענט לויט א שוך וואס איז געבליבען אויפ'ן קערפער, און לויט שטיקלעך פון זיין העמדעל, זיין רעקעל און זיינע הויזען. אויך האב איך דערקענט דריי שטיקלעך פאפיר מיט שורות, געשריבען אויף א שרייב־מאשינקע, אויף וועלכע מען האט גע־קענט איבערלעזען דאס ווארט „הארטענשטיין".

פינקוס האט מיר דערצעהלט, אז הארטענשטיין איז געווען א קאמוניסט, אבער אז די לעצטע טעג, ווען עס האט זיך גענו־מען הערען פון פאגראמען, האט ער אנגעהויבען זיך צו וואק־לען אין זיינע איבערצייגונגען אין באצוג צו דער פראגע וועגען פאלעסטינע. איין מאל, ריידענדיג וועגען דעם, דאס קאמוניסטען זיינען מיט דער מיינונג, אז די אידען דארפען פארלאזען פא־לעסטינע, האט ער געזאגט: „איך זעה ניט אין פארוואס. מען האט דאך דא אוועקגעלייגט אזוי פיל ארבייט. איך גלויב, אז דאס וואלט געווען א גרויסער טעות".

אן עלטערער איד שילדערט, ווי מ'האט ערמאר־דעט זיין פרוי.

אין דעם זעלבען האטעל־צימער מיינעם, אויף דעם זעלבען שטול, וואו מיט א פאר שטונדען פריהער איז געזעסען שמואל פינקוס און מיר דערצעהלט זיין מערקווירדיגע געשיכטע, איז געזעסען אן אלטער מאן פון א יאהר זעכציג. ער האט גע־טראגען א מין קיטעל, ווי א שלאף־ראק, פון א ווייסען שטאף, מיט ברוינע פאסען, מיט א גארטעל פון דעם זעלבען שטאף. ער האט גערעדט אידיש מיט א פוילישען אקצענט. ער איז אבער געבוירען געווארען אין צפת. שלמה יונה גאלדצוויג איז זיין נאמען.

ער האט אין צפת געהאט א גאלאנטערעי־קראם, וועלכע די אראבער פאגראמשטשיקעס האבען אויסגעלעדיגט. עס זיינען געבליבען בלויז אבסאלוט־פוסטע פאליצעס. ער האט אויך גע־האט מזומן געלד דריי הונדערט פונט (1,500 דאלאר) און דאס האבען זיי אויך צוגענומען. אבער ניט דאס איז געווען דער

עיקר פון דעם, וואָס ער האָט מיר דערצעהלט. וועגען זיין פרוי האָט ער גערעדט.

די אַראַבער האָבען איהר פאַרברענט.

ער איז געזעסען און גערעדט מיט זיין טיף־פּוילישען אַק־צענט — אַ פּאַראָרימעטער, אַן עלענדער און עפּעס ווי אַ צוטו־מעלטער. אַזאַ איינדרוק האָט געמאַכט זיין טאָן, זיינע האַוואַיעס, די בליקען וואָס זיינע אַלטע טונקעלע אויגען האָבען פון צייט צו צייט אַנגעשטעלט אויף מיר. ער האָט אַלץ פאַרלאָרען, און ער האָט פאַרלאָרען זיין פרוי שיינדעל.

ער קען זיך נאָך אַלץ ניט פאַנאַנדערקלייבען אין דער נייער לאַגע אין וועלכער דער פּאָגראָם האָט איהם אריינגעוואָרפען. ער האָט מיט שיינדלען אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָהרען. זי איז איהם געווען אַ גוטע איבערגעבענע ווייב, אַ ליבע חבר'טע. און פילע, פילע יאָהרען האָבען זיי געהאַט די גאַלאַנטערעי־קלייטעל. זיי זיינען ניט געווען רייך, אָבער פּרנסה האָבען זיי געהאַט. ער פלעגט רוהיג געהן אין בית־מדרש דאַוונען, זאָגען תהלים און שיינדעל האָט געפיהרט אַ באַלעבאַטיש אידיש הויז. ער האָט געהאַט אַ היים, וואו פריינד פלעגען אריינקומען און פאַרברענגען. שבת איז געווען שבת און יום־טוב איז געווען יום־טוב. ער איז אַ פרומער איד, ר' שלמה יונה, און אין אַזעלכע טעג פלעגט זיין שטוב מיט דער נשמה־יתירה לייכטען.

עפּעס האָט ער זיך געפּלאָנטערט אין די רייד. ער האָט ניט געקענט גוט איבערגעבען און אויסטייטשען וואָס ער וויל זאָגען.

פאַר מיר איז אַלץ געווען קלאָר, אָבער ניט פאַר איהם. ער קען זיך ניט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז עס איז ניט ווי געווען — אַז שיינדעל איז מעהר ניטאָ. די גאַנצע וועלט איז פּלוצלונג אַנדערש געוואָרען. ער פאַרשטעהט יאָ, און ער פאַר־שטעהט ניט. אַלץ איז אַנדערש.

ער האָט דערצעהלט:

„פינף אַזייגער איז דאָס געווען (אין יענעם דאָנערשטאָג, דעם 29טען אויגוסט). אַ שכן מיינער, אַ שוחט, האָט באַדאַרפט קוילען עופות. בין איך געגאַנגען צו איהם מקיים זיין די מצוה

פון כסוי־דם (צודעקען מיט אש דאָס בלוט וואָס רינט פון די געקוילעטע). איך בין ארויס אויפ׳ן גאַס, ווען מיין טאָכטער איז צוגעלאָפען מיט א געשריי, אז מען קוילעט אידען אין דער פראַנקישער גאַס (די גאַס וואו עס וואוינען די ספרד׳ישע אידען. זי ליגט אראָפּ־באַרג צו, נעהנטער צו די אראבישע קווארטאַלען, ווי די אשכנז׳ישע גאַסען).

„מיר זיינען אריין אין שוחט׳ס חצר (הויף) און דורך די גראַטעס פון הויף האָבען מיר געזעהן א חברה אראבער, פופצעהן אָדער צוואַנציג. זייער פיהרער איז געווען אַן אראבער, וועלכען מיר קענען גאַנץ גוט. זיין נאָמען איז מאהאָמעד חאדזשי איב־ראהים. ער האָט געשריען צו אונז: „הינט וואָס איהר זייט, איהר זייט נאָך דאָרטען?״ איין אראבער האָט געוואָרפען א שטיין אויף די גראַטעס. אין יענער מינוט איז דער שוחט ארויסגעלאָפען פון זיין שטוב. אַן אראבער מיט׳ן נאָמען מא־האָמעד האדזשי האָט מיט א רעוואָלווער געשאָסען אין די גראַ־טעס. ער האָט געשאָסען גלייך אין מיר אריין. ער האָט מיר אָבער ניט געטראָפען. א דריטער אראבער, מאהאמעד אלי, א שוסטער, האָט אויך געוואָרפען שטיינער אויף די גראַטעס. דורך די גראַטעס האָב איך געזעהן ווי מיין פרוי פארשליסט זיך אינ־וועניג אין שטוב. זי האָט אויפגעהאַנגען א הויכען שלאָס אויף איין טיר און די אַנדערע דריי טירען האָט זי פארשלאָסען פון אינוועניג. עס איז מיר גרינגער געוואָרען אויפ׳ן הארצען. איך האָב געגלויבט, אז זי איז מיט איהר לעבען פארזיכערט.

„דאָ, ביי דעם שוחט אין חצר, האָבען זיך פארזאמעלט פופצעהן נפשות, מענער, ווייבער און קינדער. מיר האָבען געזוכט א פּלאַץ וואו זיך צו באהאַלטען. ביי אונז אין צפת, אין אונזערע אידישע גאַסען, קען מען אריבערגעהן פון איין דאַך אויפ׳ן אַנדערען (די הייזער זיינען נידעריגע און צו די דעכער קען מען צוקומען מיט טרעפּ וואָס געהען פון דרויסען). ווייטער אביסעל איז פאראַן א חצר פון ספרדים. דאָרטען האָט געוואוינט א ספרדי מיט׳ן נאָמען אברהם רובע. דאָס איז דער זעקסטער חצר. מיר זיינען אהין אריבערגעגאַנגען פויזענדיג איבער די דעכער, פון איינעם צום אַנדערען. מיר האָבען דאָס געטאָן דורך

אַ הינטער־גאַס, אַזוי אַז די אַראַבער וואָס האָבן געזוכט אונזער בלוט, האָבן אונז ניט געקענט זעהן.

„עס איז פינסטער געוואָרען. איך האָב ניט געקענט רוהען. איך האָב געוואָלט וויסען וואָס עס טוט זיך מיט מיין פרוי. האָב איך שטילינקערהייט געקלעטערט צוריק, ווידער איבער די דעכער. די אַנדערע פערצעהן זיינען געבליבען אין דעם ספרד׳יר־שען חצר. ווען איך בין צוגעקומען צום שוחט׳ס דאַך, האָב איך דערזעהן, אַז מיין הויז ברענט פון אַלע זייטען. אויפ׳ן גאַניק פון אונזער שטוב זיינען געלעגען קישענס. זיינען זיי געווען אָנגעצונדען. איך האָב געוואָלט שרייען: „שיינדעל! שיינדעל!" וואָלטען די אַראַבער אָבער געהערט און זיי וואָל־טען מיך געשאָסען.

„איך האָב געהערט ווי די אַראַבער שרייען: „איטבאחו, אינחאבו!" (קוילעט! ראַבעוועט!). איך האָב געזעהן ווי אַן אַראַבער, מיינער אַ שכן, שלעפּט די סחורה פון מיין קראָם. איך האָב שטילינקערהייט אַראָפּגעקלעטערט און בין צוגעקומען צו אַ אידישער פרוי מיט׳ן נאָמען לאה. דער מאַן איהרער הייסט אהרן. איך האָב ביי זיי גענומען אַ גרויסען צעבער מיט וואַסער און אַ קוואָרט און איך האָב גענומען לעשען דעם פייער פון מיין הויז. מען האָט מיך אָבער באַלד דערזעהן און אַן אַראַבער האָט גענומען שרייען: „אָט איז אַ איד!" מען האָט גענומען שיסען און איך האָב געמוזט אויפהערען גיסען דאָס וואַסער און זיך ראַטעווען.

„איך האָב געזעהן אַן אַראַבישען פּאָליציאַנט, און האָב זיך גענומען ביי איהם בעטען ער זאָל מיר העלפען ראַטעווען מיין פרוי. ער האָט מיר אָבער געענטפערט, אַז ער איז איצט פאַר־נומען און אַז ער וועט דאָס טאָן שפּעטער. איך האָב זיך גע־ווענדעט צו אַן אַנדער פּאָליציאַנט ער זאָל אויף מיר רחמנות האָ־בען און העלפען ראַטעווען מיין פרוי. האָט ער מיר געענטפערט: „וועמען זאָל איך ראַטעווען — איינע אָדער דריי הונדערט?"

„אַ יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען הערשעל בערענסאָן און נאָך איינער זיינען צוגעקומען נאָהענט צו מיין הויז. זיי האָבען געהערט ווי מיין פרוי קרעכצט. דאָס הויז איז שוין געווען אינ־

גאנצען אין פלאמען. צוקומען נאהענט איז געווארען אונ־מעגליך".

„די אראבער האבען געזעהן ווי זי פארשפארט זיך אין הויז און בשעת זיי האבען אונטערגעצונדען די שטוב האבען זיי געוואוסט, אז זי איז אינוועניג. זיי האבען איהר פארברענט".

פלוצלונג האט זיך דער אלטער שלמה יונה אפגעשטעלט אזוי ווי אין א הינער־פלעט און האט געזאגט:

„וואס זאל איך אייך ווייטער דערצעהלען, מיין ליבער פריינד? אויף מארגען האט מען איהר געפונען א פארברענטע, א דערשטיקטע, מיין שיינדעל. מען האט איהר געפונען זיצענדיג, נעבאך, אויף דער פאדלאגע, אנגעשפארט אויף א שטיין, א נאקעטע. די קליידער זיינען געווען פארברענט. די אויגען זיינען געווען גלע און געשוואלען און די האר איז געווען צוסמאליעט".

ער האט זיך ווידער אפגעשטעלט, מיר גענומען קוקען אין די אויגען, אזוי ווי ער וואלט ניט געזעהן אויף וואס ער קוקט:

„הלואי וואלט איך געווען מיט איהר צוזאמען, וואלט איך פטור געווארען פון מיינע צרות!" — האט ער געזאגט.

און דערנאך, ווען ער האט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן, און דערביי גענומען פארבינדען דעם גארטעל פון זיין ווייסען כאלאט מיט די ברוינע פאסען, האט ער צוגעלייגט:

„איך בין געווען א מענש מיט מענשען צוגלייך ווען שיינ־דעל האט געלעבט. איצט איז דאס (אנווייזענדיג אויף דעם כאלאט) אלץ וואס איך האב... אבער גאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט".

ווי אזוי די שחיטה האט זיך אנגעהויבען.

אין צפת וואוינט א ברודער פון קלארא יולאדעק, די פרוי פון ב. וולאדעק, פון „פארווערטס". זיין נאמען איז יעקב ריטשמאן, א ניו יארקער, אן אמעריקאניזירטער, אינטעליגענטער יונגערמאן. אין ניו יארק איז ער געווען אן ערפאלגרייכער געשעפטסמאן און דארטען, אין צפת, האט ער אויך געפיהרט געשעפטען. ער וואוינט דארטען מיט זיין אמעריקאנער געבארענער פרוי און זייערע פיר קינדער און מיט זיין מוטער. דיזער מיסטער ריטש־

מאַן האָט מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט פאַרשיידענע מענשען, און איינער פון זיי איז געווען מתתיהו לונץ, דער פאַרשטעהער פון דער „אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק" אין צפת, דאָס הייסט, דער פאַר־וואַלטער פון דער דאָרטיגער אָפּטיילונג, מיט וועלכער עס איז ענג פאַרבונדען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

לונץ איז אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר פינף־און־דרייסיג אָדער ווייניגער. ער איז איינער פון די פיהרער פון דער אידישער באַפעלקערונג. ער האָט דאָס מיר דערצעהלט די אַלגעמיינע גע־שיכטע פון דער שחיטה. איך האָב איהם באַזוכט ביי איהם אין הויז, וועלכע זעהט אינווייניג אויס ווי אַ פיין־מעבלירטער אַפּאַרט־מענט אין ניו יאָרק.

אַ פּאָר שטונדען זיינען מיר געזעסען און געשמועסט. ער האָט דערצעהלט, ערקלערט. איך האָב איהם געשטעלט פראַגען און ער האָט געענטפערט. אונזער געשפּרעך איז פאָרגעקומען אויף אידיש, אָבער לונץ קען אויך ענגליש, און אָפט פלעגט ער אַריינוואַרפען אַ ענגלישע פראַזע.

די ערשטע צעהן אָדער פופצעהן מינוט פון זיין דערצעהלען זיינען געווען פאַרנומען מיט אַ שילדערונג פון די באַציהונגען צווישען די אַראַבער און די אידען פאַר דעם פּאָגראָם. זיי האָבען געלעבט דורכאויס בשלום. די פּאַרהלעטניסען צווישען זיי זיינען געווען פון דעם פריינדליכסטען סאָרט. הער לונץ אַליין איז געווען גאַנץ נאָהענט באַפריינדעט, זאָגאַר אינטים, מיט די אָנגעזעהענסטע אַראַבער פון שטאָדט. עס געפינט זיך אַן איינ־פלוסרייכער קלאַס צווישען זיי (מייסטענס לעהרער אָדער באַ־אַמטע אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטען) און ער איז געווען גאַנץ נאָהענט כמעט מיט אַלע פון דיזען קלאַס.

„יעדען אידישען יום־טוב פלעגט מיין שטוב זיין אַ גאַנצען טאָג פול מיט אַראַבער, וואָס פלעגען קומען צו מיר גוט־יום־טוב ביטען", האָט לונץ געזאָגט. „און, ווי זייער מנהג איז, פלעגען זיי ניט קומען מיט לעדיגע. צוויי פון מיינע צימערען זיינען געווען פול מיט טאַצען אָנגעלאָדען מיט מתנות — מיט ברויט מיט האָניג, סמעטענע, פּוטער, אייער, גרינסען אַלערליי. די רייכערע אַראַבער פלעגען אָפט ברענגען גאַנץ קאָסטבאַרע מתנות.

„איהר זעהט אט־דאס?" — האט לונץ אנגעוויזען אויף א פיינעם, געשמאקפולען טעפיך, וועלכער ליגט אויף זיין פאדלאגע — „דאס האט מיר געבראכט א וואהלהאבענדער אראבישער סוחר. יא, אבער אין דער צייט פון דעם פאגראם איז ער געווען איינער פון די רויבער און מערדער..."

פילע פון די אלע מענשען זיינען געווען קונדען אין זיין באנק. זיי פלעגען קומען בארגען געלט, און צווישען זיי האבען זיך געפונען מופטים (אראבישע גלחים). זיי זיינען ניט רייך, דיזע מופטים. זיי פלעגען אפט באזוכען די אנגלא־פאלעסטיין באנק, און אויך לונץ'ס הויז.

„ווען האט זיך דאס געקענט חלומ'ען, אז עס וועט קומען צו אזא געשיכטע?" האט הער לונץ געזאגט, און ער האט גענומען געבען ווייטערע ביישפילען פון די גוטע באציהונגען וואס האבען עקזיסטירט צווישען די אראבער און די אידען.

דער צפת'ער פאגראם האט אויסגעבראכען דעם 29טען אויגוסט. אבער נאך מיט דריי־פיר וואכען פריהער האט זיך שוין גענומען פיהלען עפעס אונגעוועהנליכעס.

„שוין דעם 3טען, דעם 4טען און דעם 5טען אויגוסט, האט מר. לונץ דערצעהלט, האבען מיר באמערקט א סך פרעמדע אראבער צווישען אונזערע שכנים. און דעם 15טען אויגוסט האט מען דערצעהלט, אז אין דעם מאסק (אראבישער טעמפעל) געהט אן אן אגיטאציע געגען אידען. איך האב געפרעגט ביי א אידישען פאליסמאן, צי וויים ער עפעס וועגען דעם, האט ער געזאגט, אז ער האט אויך עפעס באמערקט, און אז ער האט דאס באריכטעט צו זיינע עלטסטע. דאך, ביז דעם 22טען איז דא אלץ געווען מעהר אדער ווייניגער שטיל און רוהיג. עפעס אזוי ווי פלוצלונג האבען מיר זיך דערפיהלט אויפ'ן שוועל פון א גרויסען אומגליק. מיר האבען גלייך גענומען טראכטען וועגען א הגנה (זעלבסטשוץ).

„איך דארף אייך באמערקען, אז פריהער האבען זיך דא געפונען ביי אונז ביי אכצעהן חלוצים, מוטיגע קעמפער. אבער דאן איז געווען אבסאלוט שטיל. ווען זיי זיינען אוועקגעפאהרען, איז פלוצלונג געווארען אן ענדערונג. איהר

ווייסט דאָך שוין ווי די חלוצים האָבן פאַרטיידיגט די קאָלאָניעס און אויך תל־אביב און ווי בראַוו זיי האָבן געקעמפט אין ירושלים און אין חיפה. מיר זיינען געבליבן אָהן זייער הילף; האָבן מיר גענומען טראַכטן וועגן אָרגאַניזירען אַ הגנה פון אונזערע אייגענע מענשען.

שבת, דעם 23טען אויגוסט, אין דער פריה, בין איך אריבער־געגאַנגען אין דער רעגירונגס־הויז. איך האָב זיך געזעהן מיט'ן הויפּט פון דער פּאָליציי, וועלכער איז, נאַטירליך, אַן ענגלענדער. איבער'ן טעלעפאָן ריידען מיט איהם האָט מען שוין ניט געקענט, ווייל די טעלעפאָנען האָבן שוין די רעגירונגס־פאַרשטעהער גע־האַט אָפּגעשניטען. אָבער זעהן זיך מיט'ן טשיף פערזענליך איז אויך געווען אונמעגליך. זאָגאַר צו זיין אַסיסטענט, וועלכער איז אַ איד, איז אויך געווען שווער צוצוקומען. זיי זיינען אַלע געווען זעהר שטאַרק פאַרנומען און אויפגערעגט. זיי האָבן גע־וואוסט, אַז די אַראַבער האָבן אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע איבער'ן שטאָדט, און דאָס האָט, נאַטירליך, געשמעקט מיט אַ גרויסער געפאַהר פאַר די אידען.

אַרום צעהן אַזייגער אין דער פריה, געהענדיג צוריק אַהיים, האָב איך דערהערט ווי מען קלאַפּט אין אַ פּויק, ווי דאָס ווערט געטאָן ווען מען רופט די אַראַבער אין מאָסק אַריין. יונגע אַראַבער זיינען געגאַנגען צווישען די אַראַבישע קלייטען, פון קלייט צו קלייט, זאָגענדיג יעדען, אַז ער זאָל פאַרמאַכען זיין גע־שעפט און געהן אין מאָסק.

„עס האָט אויסגעזעהן גאַנץ ערנסט. דאָך, אויף דעם גרונט פון אונזערע פריהערדיגע גוטע באַציהונגען מיט די אַראַבער, האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט, אַז עס זאָל ווירקליך קומען צו בייזען. זיי זיינען דאָך געווען אַזעלכע פריינט צו אונז, אַזעלכע אָפּטע באַזוכער. אַלזאָ, האָב איך זיך געטראַכט, אַז אויב די אידען וועלען נאָר אויסמיידען צוזאַמענצוטרעפען זיך מיט די אַראַבער, וועט דער טראָבעל איבערגעהן. איך און מר. קלינגער (אַ אידישער באַלעבאָס, וועלכען מר. לונץ האָט באַצייכענט אַלס פּריוואַטען באַנקיר, און וועלכער איז איינער פון די אָנגעזעהענסטע אידען אין שטאָדט) זיינען געגאַנגען איבער די אידישע גאַסען,

און מיר האבען אלעמען ערקלערט, אז זיי זאלען בעסער בלייבען אין זייערע שטיבער. און וואס אנבאטרעפט די אראבער, האבען מיר געפלאנעוועט זיך ווי עס איז צו זעהן מיט אונזערע באַקאנטע צווישען זיי. אונזער צוועק איז געווען צו ווירקען, אז זיי זאלען בארוהיגען זיך און זייער מאסע.

„ווען מיר זיינען פארבייגעגאנגען מיין הויז, איז דארטען געשטאנען א מאסע פון א פאר הונדערט יונגע אראבער, אריינ־רעכענענדיג קינדער פון דרייצעהן יאהר, מייסטענס פון די ארימערע קלאסען. זיי זיינען געווען באוואפענט מיט ווילד־אויסזעהענדע גרויסע מעסערס און מיט שטעקענס מיט אייזערנע גאלקעס. זיי זיינען געווען אויפגערעגט און געשריען: „אן אראבישע רעגירונג! אן אראבישע רעגירונג!” אבער מיט זיי צוזאמען זיינען געגאנגען פארשטעהער פון זייער אריסטאקראטיע. זיי האבען די יונגע בויאנעס גענומען שלאגען, פארוואס זיי מאכען דעם גערודער. ווי איהר זעהט, זיינען זיי דאן נאך געווען געגען א פאגראם, אט די דאזיגע אנגעזעהענע אראבער. און די פאליציי, אפילו די אראבישע פאליסלייט, האבען דאן אויך געפרואווט טאן זייער פליכט. דאך איז די מאסע אריינ־געדרונגען אין די אידישע גאסען און גענומען ווארפען שטיינער אין די פענסטער. אבער די אנגעזעהענע אראבער און דער פאליציי האט זיך איינגעגעבען זיי צו פארטרייבען פון דארטען.

„די מאסע, וואס איז געווען פארזאמעלט אין מאסק, האט זיך דערנאך אוועקגעלאזען צו דער רעגירונגס־הויז, מיט פאדע־רונגען מען זאל אפשאפען די באלפור־דעקלאראציע. דאס איז געווען די פרוכט פון דער אגיטאציע, וואס איז ארגאניזירט גע־ווארען אין ירושלים. צו דער זעלבער צייט האט מען איבער'ן מאסק אויפגעהאנגען א שווארצע פאהן, א רעליגיעזע. די מאסע האט זיך דערנאך צוטיילט. איין טייל איז אוועק אין דעם אידישען קווארטאל. דאס איז זיי געווען מעגליך צו טאן, ווייל דאס איז פארגעקומען נאך דעם ווי זייערע אריסטאקראטען זיינען אוועקגעגאנגען אין דער רעגירונגס־הויז, אום אנטייל צו נעמען אין א פרידליכער דעמאנסטראציע געגען דער באלפור־דעקלאראציע. אבער אין דעם אידישען קווארטאל האבען די

בויאַנעס דאַן נאָך קיין שאָדען ניט געטאָן. מיט דער הילף פון דער פּאָליציי האָט מען זיי פאַרטריבען פון דאָרטען.

„א גאַנצען טאָג האָבען הונדערטער באוואפענטע אַראַבער מאַרשירט דורך די אידישע גאַסען. זיי האָבען געטראָגען שטעקענס מיט אייזערנע גאָלקעס, און מאַרשירענדיג האָבען זיי זיך געריצט מיט די אידען, סטראַשענדיג זיי אומצוברענגען. אָבער די אידען האָבען ניט געענטפערט, און קיין שלעכטס האָט ניט פּאַסירט.

„שבת האָט די רעגירונג געשיקט מענשען דורכצוזעהן די אידישע הייזער, טאָמער איז דאָרטען פאַראַן וואפען. אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען מיר געשיקט א דעפּוטאַציע צום הויפּט פון דער פּאָליציי. מיר האָבען איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער נעמט צו די וואפען ביי אידען און לאָזט איבער ביי די אַראַבער מעסערס מיט אייזערנע שטעקענס. אלס פּראָטעסט, האָבען מיר ערקלערט, אז מיר וועלען ניט עפענען אונזערע קראָמען. זיין ענטפער איז געווען א גאַנץ פריינדליכער: „אינגאַנצען האָב איך 14 פּאָליסלייט, האָט ער געזאָגט, און נאָר צוויי פון זיי זיינען אידען. די אַנדערע צוועלף זיינען אַראַבער. ווען איך וועל באַקומען מעהר שטיצע, וועל איך מיט די אַראַבער ריידען גאָר אַן אַנדער שפּראַך". ער האָט אונז דערצעהלט, אז ער איז געווען אין מאַסק, און אז דאָרטען האָט מען איהם געזאָגט, דאָס ניט אַראַבער קלייבען זיך אויף אידען, נאָר אידען גרייטען זיך צו אַטאַקירען די אַראַבער. ווי ער האָט אונז געגעבען צו פאַרשטעהן, האָט ער געמוזט שפּילען פּאָליטיק, און ער האָט צו די אַראַבער געזאָגט, אז זיי זאָלען זיך פאַרלאָזען אויף איהם, אז ער וועט ניט צולאָזען צו קיין שלעכטס געגען זיי. שפּעטער האָט ער געזאָגט: „איך האָב שוין מאַשין־ביקסען, און איהר וועט שוין זעהן וואָס פאַר א שפּראַך איך וועל איצטער ריידען מיט די אַראַבער".

„דעם זעלבען טאָג האָבען די אַראַבער געמאַכט א צווייטע דעמאָנסטראַציע. דאַן איז דער הויפּט פון דער פּאָליציי געקומען און האָט זיי פאַנאַנדערגעטריבען. ער האָט געגעבען א פייף, און האָט ערקלערט, אז ביי דעם צווייטען פייף, אויב די אַראַבער

וועלען זיך ניט פאנאנדערגעהן, וועלען זיינע מאשין־ביקסען זיך נעמען צו זייער ארבייט. צו דער זעלבער צייט האָט ער גע־נומען שלאָגען איינעם אראבער מיט זיין שטעקען, ביז דער שטעקען איז צובראָכען געוואָרען. די אראבער האָבען אויסגע־שריען: „דו האָסט דאָך געזאָגט, אז דו ביזט אונזער פריינד. האָסט אונז אָפּגענארט!" דאָך, ווען מען האָט געגעבען א צוויי־טען פייף און עס האָט גענומען שמעקען מיט א שיסעריי פון די מאשין־ביקסען, זיינען זיי זיך צולאָפען.

„מיר האַלטען דאָ, אלזאָ, ביי מאָנטאָג און דינסטאָג. דיזע צוויי טעג האָבען די אראבער שוין געהאט א זעהר פיינדליכען אויסזעהן. מיט קריגערישע אוואַיעס און מיט חוצפה'דיגע אויס־געשרייען האָבען זיי געשפּאצירט דורך די אידישע גאסען אין קליינע גרופּען, אלע באוואָפענט מיט מעסערס און מיט זייערע אייזען־קעפּיגע שטעקענס. די אראבער, וואָס האָבען געארבייט ביי אידען, האָבען פּלוצלונג גענומען פאָדערען מען זאָל זיי באַ־צאָהלען אלץ וואָס זיי קומט. „איך וויל מיין געלט", האָט יעדע־רער פון זיי געשריען. קליינע אראבישע קינדער זיינען אומגע־גאנגען מיט גרויסע, שווערע שטעקענס מיט שווערע אייזערנע גאָלקעס. פינף־יאָהריגע אינגעלעך האָבען אזעלכע שטעקענס גע־טראָגען. די אידישע קראָמען זיינען, נאַטירליך, געווען פאר־מאכט. די אידען האָבען מורא געהאט זיך צו באווייזען.

„פון ירושלים האָט די רעגירונג געשיקט א פּראָקלאמאציע, אז ס'איז פארבאָטען צו טראָגען שטעקענס אָדער מעסערס. אָבער אונזער פּאָליציי האָט זיך צו די אראבער פארהאַלטען זעהר העפליך, און די פּראָקלאמאציע איז געבליבען אויפ'ן פּאפּיר. מיר האָבען חושד געווען, אז עס איז פון ירושלים אויך געקומען א געהיימער דאָקומענט צו דער פּאָליציי, אז זיי זאָלען ניט צו־רייצען די אראבער, אז זיי זאָלען זיך באגעהן מיט זיי איידעל. דאָך האָט פאראדעי, דער הויפּט פון דער פּאָליציי, יענעם טאָג מיט א רעוואָלווער אין האנט אָפּגעשטעלט זיבען אראבער. ער האָט זיי באזוכט און ביי איינעם פון זיי געפונען דריי גרויסע מעסערס, וועלכע ער האָט געהאַלטען פארבאָרגען אין גרויסע קעשענעס, וואָס זיינען געווען ספּעציעל געמאכט דערצו. ער האָט די מע־

סערם אוועקגענומען, אָבער דעם איינגענטימער האָט ער ניט ארעס־טירט.

„מען מוז זיין גערעכט צו איהם, צו פּאַראַדעי'ען. עס איז א פאַקט, אַז ער האָט ניט אויפגעהערט צו טעלעפאָנירען קיין ירושלים, בעטענדיג, אַז מען זאָל איהם שיקען סאָלדאַטען, אום ניט צו דערלאָזען צו אַ פּאָגראָם. דינסטאָג האָט ער גערופען צו זיך דעם מופטי און אַנדערע איינפלוסרייכע אראַבער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די דאָזיגע אראַבער האָבען ארויסגע־לאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע, פאָדערענדיג, אַז די אראַבישע מאַסע זאָל ניט ברעכען קיין געזעץ און זיך האַלטען אין אָרדנונג. „גאָט וועט אונז העלפען און אונזער פאָדערונג וועט מען באַ־וויליגען", איז געשטאַנען אין דער פּראָקלאַמאַציע.

„דעם זעלבען טאָג האָט פּאַראַדעי גערופען אונז, די פאָר־שטעהער פון דער אידישער באפעלקערונג. ער האָט פאָרגע־שלאָגען צו שיקען פּאָליציי צו באוואכען דעם גרענעץ צווישען די אידישע קלייטען און די אראַבישע. און ער האָט זיין צוזאָג טאַקע ערפילט אויך. מיטוואָך איז געווען שטיל. ער האָט אונז אָבער פאַרזאָגט, אַז דאָנערשטאַג אין דער פריה זאָלען די אידישע געשעפטען זיין געשלאָסען. אויב עס וועלען אוועקגעהן צוויי שטונדען און אַלץ וועט זיין שטיל, דאַן קענען מיר עפענען, האָט ער ערקלערט.

„אומעטום אין פּאַלעסטינע זיינען אונרוהען", האָט פּאַ־ראַדעי געזאָגט. „מיין דיסטריקט איז דער איינציגער, וואו עס קומט ניט פאָר קיין פּאָגראָם". מיר האָבען איהם געענטפערט, אַז מיר וועלען מיט פאַרגעניגען טאָן אַלץ וואָס ער הייסט און אַז מיר זיינען באַרייט צו האַלטען פאַרמאַכט אונזערע געשעפטען אַ גאַנצען טאָג, און ניט נאָר דאָנערשטאַג, נאָר פרייטאָג אויך.

„פון געוויסע אראַבער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז זייער פּראָגראַם איז געווען אונטערצוצינדען די אידישע קלייטען, וואו מען פאַרקויפט בענזין, און מיט דעם מאַכען אַ שרעקליכע שרפה ביי אונז. מיר האָבען וועגען דעם געלאָזט וויסען פּאַ־ראַדעי'ען, און ער האָט גלייך געשיקט פּאָליציי צו באוואכען יענע קלייטען".

דער בלוטיגער דאָנערשטאָג.

פאראדעי איז געקומען צו לונץ'ן אין דעם פאלעסטיין־באנק און געזאָגט, אז ער ערוואַרטעט מיליטער, און אז ווען די סאָלדאטען וועלען אָנקומען וועט זיין לאַגע זיין א גאַנץ אַנדערע; אז דאן וועט די אידישע באפעלקערונג זיך קאָנען פיהלען אבסאָלוט זיכער. אָבער אן אראבישער שאָופער, וועלכער האָט געפיהרט די אָפיצירען קיין צפת, האָט זיך אזוי געדרעהט, אז א רייזע, וואָס דארף געדויערען ווייניגער ווי א שטונדע, האָט ביי איהם גענומען זעקס שעה, און איידער די סאָלדאטען זיינען געקומען האָט זיך אָנגעפאנגען דער פאָגראָם.

„איך — האָט מר. לונץ פאָרטגעזעצט, — דר. וואיל פון דעם הדסה־האָספיטאל, און נאָך א פּאָר אידען האָבען זיך בעראטען, און אונזער אלעמענס איינדרוק איז געווען, אז די געפאהר איז שוין אריבער. וואָרים די אראבער האָבען געוואוסט, אז יעדע מינוט קען קומען די מיליטער, און אז דער הויפּט פון דער פּאָליציי וועט קיין איבערפאל אויף אונז ניט צולאָזען. מיר זיינען געווען אזוי זיכער אין דעם, אז ווען ס'איז געקומען א באריכט, אז אראבער האָבען זיך פארזאמעלט ארום די אידישע קלייטען און גענומען זיי בעראבעווען און אויסראמען, האָבען מיר צוערשט דאָס ניט געוואָלט גלויבען. איהר קענט זיך פאָרשטעלען ווי אזוי מיר האָבען זיך געפיהלט, אז וועהרענד די לעצטע טעג האָב איך אימער געהאַלטען א רעוואָלווער אין מיין קעשענע, בין איך יענעם דאָנערשטאָג געגאנגען אין באנק אָהן מיין געוועהר.

„מיר, די עטליכע פאָרשטעהער, זיינען געווען אין מיין באנק. און מיט אונז צוזאמען זיינען אין באנק געווען ביי צוואנציג אַנדערע אידען, מייסטענס פון די ארומיגע קאָלאָניעס. זיי זיינען געקומען בעטען הילף. אין א געוויסען מאָמענט, ווען איך האָב זיך געקליבען געהן אין דער רעגירונגס־הויז, ווי איך האָב געטאָן יעדען טאָג, איז אריינגעלאָפען א איד מיט א ווילדען געשריי: מען מערדערט מענשען אויף דער ספרד'ישער גאַס!

„דער געשריי האָט אויף אלעמען ארויפגעוואָרפען אן אימה. איך האָב זיי געפּרואווט בארוהיגען. אָבער דער שרעק און דער

טומעל פון די פאַרצווייפעלטע זיינען געוואקסען. איך האָב זיך אריבערגעכאַפּט צו מיר אהיים (לונץ'ס דירה איז ניט ווייט פון דער באַנק) צו באַרוהיגען מיין פרוי, און, אגב, האָב איך גענומען מיין רעוואָלווער און בין אַוועקגעגאַנגען צו מיין פּאָסטען אלס אַ מיטגליד פון דער זעלבסטשוץ. מיין פּאָסטען איז געווען אויף איינער פון די דעכער."

אין דער זעלבער הויז, וואו עס געפינט זיך לונץ'ס באַנק, האָט אַן אַראַבישער דאָקטאָר געהאַט זיין אָפיס. ער האָט דאָרטען געוואוינט מיט זיין פאַמיליע. האָט ער איינגעפּאַקט זיינע וויכטיגסטע זאַכען און איז אַוועק.

„די לופט איז געווען פול מיט דינאַמיט פון שנאה, — האָט מר. לונץ ווייטער דערצעהלט. — מיר, אידען און אַראַבער, וואָס האָבען אימער גוט געלעבט צווישען זיך, זיינען פּלוצלונג פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרען אויף צוויי טויט־פיינדליכע לאַגערען.

„די אידישע קראָמען געהען פון איין זייט, און די אַראַבישע פון דער אַנדער זייט. האָט די פּאָליציי, אַלזאָ, אַוועקגעשטעלט וועכטער אין מיטען, אויף דעם גרעניץ צווישען די צוויי מאַרקעטס. זי האָט אויך אַוועקגעשטעלט וועכטער לעבען די בענזין־קראָמען. די דאָזיגע וועכטער זיינען געווען טיילווייז ענגלענדער און טיילווייז אַראַבער. האָט די מחנה געשריען אויף זיי, געזידעלט זיי.

„אונטען, אַראָפּ־באַרג־צו, וואו די ספרדים האָבען געוואוינט, איז די לאַגע געוואָרען אזוי געפעהרליך, אַז די ענגלישע וועכטער זיינען אנטלאָפען פון זייערע פּאָסטענס. די צוויי אַראַבער פּאָליסלייט, וואָס זיינען געבליבען אַליין, האָבען דאַן צוגעלאָזען כוליגאַנעס מיט אָנגעצונדענע העלצער. אַנדערע אונטערצינדער האָבען פון די בענזין־קראָמען דאַן גענומען גרויסע קאַנען בענזין. אָנצוצינדען דאָס אויפ'ן אָרט, האָט מען זיי ניט געלאָזען, אָבער טראָגען דאָס אַנדערשוואו האָט מען זיי ניט געשטערט; האָבען זיי די קאַנען מיט דעם ברען־שטאָף אַוועקגעטראָגען צו אידישע וואוינונגען. דאָרטען האָבען זיי געגאָסען די בענזין אויף די הייזער און אינוועניג האָבען זיי אריינגעוואָרפען ברענענדיגע טיכער.

„איך זאָג, אַז די שטאָדט איז פּלוצלונג פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרען אין צוויי פיינדליכע לאַגערען. די אַראַבישע אינטע־ליגענטען און אַריסטאָקראַטען, וועלכע האָבען מיט אַ פּאָר טעג צוריק נאָך געשלאָגען די אַראַבער וואָס האָבען געוואָלט מאַכען אַן איבערפאַל, האָבען פּלוצלונג זיך גענומען אַליין באַטייליגען אין די בויאַנסטוועס. אַן ענגלישער פּאָליסמאַן איז איצטער אַן עדות געגען זיי. ער האָט זיי אַלעמען דערנאָך דערקענט, און מען האָט זיי אַרעסטירט. דער זעלבער פּאָליסמאַן דערצעהלט, אַז דיזע מענשען האָבען זיך באַטייליגט ביים אונטערצינדען די אידישע הייזער. די באַלעבאַטים פון דיזע קראָמען אָדער וואוי־נונגען זיינען אַרויסגעלאָפּען און געפּרואווט לעשען דעם פייער. אָבער די פלאַמען האָבען זיך שוין גענומען פאַרשפּרייטען, און דער טייפעלשער שפּיל פון רויב און פאַרניכטונג האָט זיך פאַנאַנ־דערגעפלאַקערט.

„דער זעלבער פּאָליסמאַן זאָגט עדות, אַז די דערמאָנטע אַראַבישע אינטעליגענטען און „פּני” זיינען געקומען מיט זעק און זיי אָנגעפילט מיט אידישע גוטס”.

ביי דיזען פּונקט האָט לונץ ווידער אָנגעוויזען אויף דעם שעהנעם טעפּיך, וואָס ליגט ביי איהם אויף דער פּאָדלאָגע און האָט באַמערקט: „איינער פון זיי איז געווען דער אָנגעזעהענער אַראַבישער באַלעבאָס, וואָס האָט מיר געגעבען דיזע מתנה”.

„דאָן האָבען מיר זיך דערוואוסט, — האָט ער פאָרטגע־זעצט, — אַז מיט אַ טאָג פריהער איז פון ירושלים געקומען אַן אַראַבער, וועלכער האָט דערצעהלט, אַז אין ירושלים איז איהם אויסגעקומען צו בראָדזשען ביז די קני אין אַראַבישע בלוט, וועלכע אידען האָבען פאַרגאָסען. דאָס איז געווען איינער פון די חוצפה׳דיגע ליגענס, מיט וועלכע די קאָנספּיראַטאָרס האָבען געהעצט זייערע מאַסען. מען האָט אויך דערצעהלט ביי די אַראַבער אַז אַ אידישע פרוי האָט אַרויפגעקלעטערט אויף דער הויכער וואַנט וואָס איז אַרויפגעמויערט אויף דעם כותל מערבי און פון דאָרטען אַריינגעוואָרפען פיר באָמבעס אין דעם מאָסק אָמאַר. פּונקט פיר...

„אין דער צייט וואָס די רויבערייען זיינען פאָרגעקומען אין

דעם אשכנזישען קוואַרטאַל, האָבען אַנדערע אַראַבער גענומען אונטערצינדען הייזער און אַטאַקירען מענשען אין דעם ספרד'ישען קוואַרטאַל. דאָרטען האָט זיך געגאָסען אידישע בלוט. **זיי האָבען אונטערגעצונדען אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט אַ איד מיט'ן נאָמען שלום קאָהען, וועלכער איז פריהער געווען** דער פּערזישער קאָנסול אין צפת. ער און זיין זוהן האָבען אָהן שום וואפען, מיט לעדיגע הענט, געקעמפּט געגען פערצעהן בלוט־דורשטיגע כוליגאַנעס, ביז ענדליך זיינען זיי געפאַלען — דער פאָטער מיט זיבעצעהן וואונדען. זיי זיינען אָבער געבליבען לעבען. די הויז זייערע איז פאַרברענט געוואָרען.

„אַן אַנדער גרופּע אַראַבער האָט אַטאַקירט די הויז פון דעם דירעקטאָר פון דער העברעאישער שול, יהודה ענדבי, און פּאָר זיינע אויגען האָבען זיי געקוילעט זיין איידעם, וועלכער איז געווען דער איינציגער אידישער אַדוואָקאַט אין צפת. אַלס אַדוואָקאַט איז ער געווען דער איינציגער אידישער קאָנקורענט צו די אַראַבישע אַדוואָקאַטען, זיינען יענע איהם באַפאַלען מיט שטעקענס און מיט מעסערס. זיי האָבען איהם געשטאָכען אין רוקען, ביז ער איז געפאַלען טויט. אויף דיזען אָרט זיינען זיי פּטור געוואָרען פון זייער קאָנקורענט. זיי האָבען אויך פאַרוואונדעט זיין פרוי און קינדער. די עלטערען האָבען זיך געבעטען ביי זיי, זיי זאָלען רחמנות האָבען אויף די קינדער. עס האָט ניט גע־האָלפען. אָבער ווי דורך אַ נס זיינען די קינדער געראַטעוועט געוואָרען. איצטער זיינען זיי די הויפּט־עדות געגען אַן אַראַ־בישען אַדוואָקאַט, וועלכער איז געווען דער הויפּט־מערדער.

„די זעלבע גרופּע איז דאַן אַוועקגעלאָפען אין אַנדערע אידישע גאַסען, און דאָרט האָבען זיי אונטערגעצונדען הייזער. אַזוי לויפענדיג האָבען זיי באַגעגענט אַ אידען מיט'ן נאָמען יצחק סמן, אַ בעל־מלאכה, האָבען זיי איהם דער'הרג'עט אויפ'ן אָרט. זיי האָבען זיך געקליבען אונטערצוצינדען אַ פאַס מיט אויל, אָבער פּאַראַדעי איז אָנגעקומען און האָט גענומען שיסען. איין אַראַבער האָט ער אַוועקגעלעגט טויט אויפ'ן אָרט און איינעם האָט ער פאַרוואונדעט. דאָס האָט געראַטעוועט די העכערע טייל פון די אידישע קוואַרטאַלען פון די שרפות.

„די באנדיטען זיינען דאן ארונטערגעלאפען אראפ־בארג־צו, צו די ספרדים. דארטען האבען זיי ערמארדעט דעם ספרדישען רב, ישמעאל כהן, א 84־יאהריגער מאן, וועלכער איז צעהן יאהר ניט ארוים פון שטוב, געזעסען און געלערענט. ער איז געווען דער וויכטיגסטער רב פון צפת. זיי האבען איהם בוכשטעבליך צושניטען אויף שטיקער, איהם מיט זיין ווייב. דאן זיינען זיי געלאפען צו דעם אשכנזישען רב, אבער א ספרד׳ישער איד, אברהם קישעק, וועלכער איז געשטאנען אויפ׳ן דאך פון זיין שטוב (ער האט דארטען עפעס געבויט), האט עס צוגעזעהן און ער האט גענומען ווארפען שטיינער אויף זיי, און מיט דעם האט ער געראטעוועט דעם רב׳ס לעבען.

„א אידישער בחור׳ל פון זעכצעהן יאהר האט גענומען שרייען: „גיב מיר די באמבעס!" אין אמת׳ן האט ער געמיינט די ציבעלעס. ער האט אומישנע געברויכט דעם ווארט, אום די אראבער איבערצושרעקען. און דער ווארט האט געווירקט.

„א דריטע גרופע אראבער איז אוועקגעלאפען נאך ווייטער בארג־אראפ־צו, וואו די ספרדישע אידען וואוינען, דאס הייסט, נאך נעהנטער צום אראבישען קווארטאל. דארטען האבען זיי דערזעהן א אידישע פרוי ווי זי זיצט ביי אן אפענעם פענסטער, האבען זיי דורכ׳ן פענסטער איהר גלייך דערשאסען. דערנאך האבען זיי דערשאסען אנדערע — מענער, פרויען און קינדער.

„זייער פלאן איז געווען פון דארטען אנצופאנגען די שחיטה און נאכהער צו געהן צוריק בארג־ארויף דורך די אלע אידישע גאסען, ספרדישע און אשכנזישע, און אויס׳הרג׳ענען דארט אלע אידען. זיי האבען זיך אבער געשראקען פאר אונז, ווארים זיי האבען איבערטריבען די כחות פון אונזער הגנה. זיי האבען געהערט, אז אין אנדערע פלעצער אין פאלעסטינא, אין קאלא־ניעס און אין שטעדט, פארטיידיגט זיך אונזער הגנה זעהר בראוו, אז קליינע גרופען שטעלען זיך מעכטיג געגען גרויסע אראבישע מאסען. האבען זיי געמיינט, אז מיר האבען אויך אזא שטארקען זעלבסטשוץ. אבער יענע הגנות באשטעהען הויפטזעכליך פון חלוצים, און פון צפת זיינען די חלוצים אוועק. צפת איז אין אלגעמיין ניט קיין חלוצים־שטאדט. איהר אידישע באפעלקערונג

באַשטעהט הויפּטזעכליך פון אָרטאָדאָקסישע מענשען. די אַראַ־בער האָבען אויך געמיינט, אַז מיר האָבען אַ סך באָמבעס, אָבער וואָס מיר האָבען אין אמת׳ן געהאַט איז געווען ציבעלעס.

„די גאַנצע בלוטיגע געשיכטע האָט געדויערט פון פינף אוהר ביז זיבען. איצט זאָגט פאַראַדעי, אַז ער האָט זיך קיינמאָל ניט געריכט אויף שחיטות, אז ווען ער וואָלט חושד געווען דאָס די אַראַבער וועלען זיך נעמען צו בלוט־פאַרגיסונג, וואָלט ער זיי אַלעמען פאַרניכטעט.

„ארום זיבען אוהר האָבען מיר אָנגעפאַנגען צוצונעמען אונ־זערע טויטע און פאַרוואונדעטע. די גאַנצע ספרדישע באַפעל־קערונג האָבען מיר אַריבערגעבראַכט אין אונזער קוואַרטאַל. פילע פון זיי האָבען מיר פאַרזאַמעלט אין אונזער באַנק, און אַנ־דערע אין אונזערע הייזער. אַלע גאַראַזשען זיינען געוואָרען פאַר־נומען. די עלטערע ספרדים האָבען מיר געטראָגען אין די אָרימס ווי קינדער (די רוצחים זיינען שוין דאַן אַלע געווען פאַרשוואונ־דען). עס האָט געדויערט צוויי שטונדען איידער מיר האָבען אַריבערגעקליבען אַלע ספרדים, די טויטע און די לעבעדיגע, די פאַרוואונדעטע און די געזונטע. דאַן איז געקומען פאַראַדעי צו אונז און האָט ערקלערט, אַז אַלע אידען מוזען אַריבערגעהן אין דעם רעגירונגס הויז, אַז ניט קען ער ניט גאַראַנטירען אונזער זיכערקייט. מעהר ווי דריי טויזענד נפשות, מענער, פרויען און קינדער, האָט מען אַריינגעשפּאַרט אין אַ קליינעם שטח, וואו עס איז קוים דאָ פּלאַץ פאַר אַ פּאָר הונדערט״.

איך האָב דעם פּלאַץ אויף מאָרגען באַזוכט. עס האָט זיך מיר בוכשטעבליך ניט געגלויבט אַז דאָ איז מעגליך צו „פּאַ־מיעסטשען״ אפילו צוויי הונדערט נפשות. מר. ריטשמאַן, וועל־כער איז געצוואונגען געווען דאָרטען צו פאַרברענגען מיט זיין מוטער, פרוי און קינדער צוויי מעת־לעת, האָט פאַר מיר באַ־שריבען מיט איינצעלהייטען, וואָס די מענשען האָבען דאָ געהאַט אויסצושטעהן. צווישען אַלע גלות־סצענעס, וועגען וועלכע מען האָט אַמאָל געלעזען, איז דאָס איינע פון די שרעקליכסטע. קיין שפּייז איז ניט געווען און וואַסער איז געווען זעהר ווייניג, און די וואָס זיינען דאָרטען געלעגען, אדער געשטאַנען, אין דער

שרעקליכער ענגשאפט, אָהן די אבסאָלוט־נויטיגסטע באַקוועמליכ־קייט, האָבען נאָך דערביי געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אז אין דער צייט וואָס זיי געפינען זיך דאָ, צינדט מען זייערע הייזער און מען באַראַבעוועט זייערע קראָמען. וואָרים די מערדער, וואָס האָבען געקוילעט אידען אין דעם ספרד׳ישען געגענד, האָבען זיך נאָכהער גענומען צו דער ארבייט פון אונטערצינדען און ראַבעווען. און אַזוי ווי דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען ווייניג, איז אין אַ געוויסען מאָמענט אין דער צוזאַמענגעקנוילטער מאַסע אויך געוואָרען אַ פּאַניק. פּלוצלונג מינוטען האָבען סאָלדאַטען געשאָסען אין דער לופטען און ווען די שיסעריי איז פאַראיבער האָט זיך ארויסגעצייגט, אז זיבען פון די אידען זיינען פארוואונ־דעט געוואָרען און צוויי פון זיי זיינען נאָכהער פון די וואונדען געשטאָרבען. פאַר וואָס מען האָט גענומען שיסען קען מען ריכ־טיג ניט דערגעהן. די סאָלדאַטען האָבען דערנאָך ערקלערט, אז אימיצער האָט אויסגעשאָסען אויף זיי.

לונץ האָט פאָרטגעזעצט:

„אבסאָלוט יעדע אידישע קלייט האָט מען אויסגעראַבעוועט. די סאָלדאַטען וואָס זיינען געשטאַנען דערביי האָבען די רויבער ניט געשטערט. די אראַבישע פּאָליציאַנטען, ווידער, האָבען ניט נאָר ניט געשטערט די פּאָגראָמשטשיקעס, נאָר זיי האָבען זיי נאָך געהאָלפען אין זייער מחבל׳שע ארבייט.

„איך האָב פאַראַדעי׳ן דורך מיין פענסטער אָנגעוויזען אויף אַראַבישע פרויען, וואָס האָבען געטראָגען אויף די פּלייצעס נעה־מאַשינען, פעק מיט זיידענס און וואָלענע וואַרע, אַלץ פון אידישע קראָמען. זיבען און צוואַנציג אידישע קלייטען האָט מען פאַר־ברענט יענעם דאָנערשטאָג און אַלע אַנדערע האָט מען באַראַבע־וועט אין די נעקסטע צוויי טעג. מיר האָבען צוזאַמענגערעכענט די אוועקגעראַבעוועטע וואַרע און, ווי ווייט מיר האָבען געקענט וויסען, האָט דער שאָדען באַטראָפען דרייסיג טויזענד פונט (דאָס הייסט 150 טויזענד דאָלער). דאָס איז אָבער ווייט ניט די גאַנצע סומע.

„איין אידישע פרוי האָבען די אַראַבער געוואָלט שענדען, האָט זי גענומען שרייען „וואָס ווילט איהר פון מיר, איך בין

דאָך אַן אַלטע פרוי". האָבען די מערדער אויפגעשניטען איהר בויך און אין גאַנצען פאַנאַנדערגעעפענט.

„אייניגע אידען, וואָס זיינען געלעגען אין דעם מענשליכען קנויל אין דער רעגירונגס־הויז, האָבען ענדליך פאַרלאָרען זייער געדולד און האָבען זיך אויפגעהויבען און אוועק אהיים. וואָס ווערט זיין וועט זיין! דערנאָך האָבען מיר געפונען טויטע קערפערס אויף די גאַסען און אויך טויטע הינער וואָס זיינען געפאַלען פון הונגער. אין איין פלאַץ האָבען מיר געפונען אַ פאַרברענטע פרוי (דאָס איז די פרוי פון שלמה יונה גאָלדצוויג).

„ערשט זונטאָג האָבען מיר מקבר געווען אונזערע טויטע. די רעגירונג האָט אָבער אַלעמען ניט ערלויבט צו געהן צו דער לויה — בלויז צוואַנציג פאַרשוין. אַלע איבעריגע האָבען זיך געזעצט אויף דער ערד מיט דעם אשכנז'ישען רב אין מיטען און אַזוי האָבען מיר באַוויינט אונזערע טויטע. דער וואָס האָט די סצענע בייגעוואוינט, וועט איהר דעם גאַנצען לעבען ניט פאַרגעסען."

לונץ איז אַנטשוויגען געוואָרען. ער האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט שטילע ווערטער:

„איך האָב איבערגעקוקט די ליסט פון אונזערע אַראַבישע קליענטען אין אונזער באַנק, און צו מיין שמערץ האָב איך געפונען, אַז ניינציג פראָצענט פון זיי זיינען געווען פון די, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין דעם פאָגראָם — מענשען, וואָס זיינען געווען בכבוד'ע בירגער, אנשטענדיגע געשעפטס־לייט, מענשען וואָס האָבען מיט עטליכע טעג פריהער נאָך מיט אַלע קרעפטען זיך געמיהט דעם המון צוריקצוהאַלטען פון כוליגאַנסטווא, מענשען וועלכע קענען ניט פיהרען זייער ביזנעס אָהן אידען...

„ווי ערקלערט זיך דאָס? עס איז קלאָר, אַז מען האָט זיי פאַר'שיכור'ט מיט אַ בלוטדורשטיגער אַגיטאַציע, וואָס האָט צווישען זיי פאַרשפּרייט הימעלשרייענדע ליגענס. מיר ווייסען, צום ביישפּיל, אַז אַ קליינער אַראַבישער בעאמטער איז געקומען פון ירושלים און האָט דערצעהלט דעם לומפּיגען ליגען, אַז אידען האָבען געוואָרפען באָמבעס אין דעם מאָסק אָמאַר (דער גרעסטער

אראבישער טעמפעל פון ירושלים, דער וועלכער געפינט זיך פון דער אנדער זייט פון דער כותל מערבי). דער מופטי האט זיי געגעבען א היתר אויף צו קוילענען אידען און פארברענען זייערע הייזער און צוראבעווען זייערע קראמען".

דערנאך האט הער לונץ גענומען ריידען וועגען דער צו־קונפט פון צפת:

„מיר האבען גלייך גענומען באטראכטען פלענער ווי אזוי אונזער שטאדט אויפצובויען. ניט נאר דארף מען איהר אויפ־בויען, נאר מען דארף מאכען ענדערונגען אין גאנצען עיקר פון אונזער לעבען דא. איך מיין אין באצוג צו דעם פאקט, אז פילע אידען פון צפת לעבען פון חלוקה. דאס מוז ווערען א זאך דער פארגאנגענהייט. קיין שנארעריי! מען דארף אויפבויען דאס לעבען אונזערס אויף פעסטע עקאנאמישע פונדאמענטען, אזוי ווי עס איז אין תל־אביב אדער אין חיפה. הער אפיען, דער הויפט דירעקטאר פון דער פאלעסטינער באנק און אויך דער הויפט פון דעם ווידעראויפבוי־פאנד פון חיפה, תל־אביב און צפת, איז זינט דעם פאגראם דא ביי אונז געווען דריי מאל. מיר האבען אלץ באטראכט. מען האט אין זינען דעם ווידער־אויפבוי ניט נאר פון צפת, נאר אויך פון די ארומיגע אידישע דערפער און קאלאניעס."

פרייטאג־צו־נאכט.

ווען עס איז געווארען פינסטער האט מיך מיסטער ריטשמאן געפיהרט דורך די גאסען פון אשכנז'ישען קווארטאל, דורך יענע שמאלע גאסען מיט די ברייטע שטיינערנע טראטוארען און מיט די שמאלינקע אייזעל־וועגען אין מיטען.

די טירען זיינען אומעטום געווען אפען און ביי יעדער טיר איז געזעסען א אידישע פרוי, אמאל צוויי, אדער דריי, אלע אויסגעצוואגען און אויסגעפוצט שבת'דיג מיט שטערן־טיכלעך, מיט א פארצייטיגען בכבוד'יגען געמיט. און דער שבת האט אויך געשיינט אינעווייניג אין די שטיבער. ליכטיג, מיט נאך־ליכט־בענשענדיגער ליכטיגקייט, אויפגעראמט, ריין, ציכטיג. פון די בתי מדרשים און די שוהלען האבען זיך געהערט קבלת־שבת־שטימען.

די שטיינערנע געסלעך, מיט די קלייניקע שטיינערנע הייזע־לעך האָבען געשמעקט מיט מיטעל־אַלטער.

* * *

שפּעטער אָביסעל, אין יענעם פרייטאָג צו נאַכט, זיינען מיר געזעסען אויף דעם גראַמען, גרויסען באַלקאָן פון ריטשמאַנ׳ס יואוינונג, אין דעם הויז וואו עס געפינט זיך די באַנק. די לופט איז געווען נאָך געשמאַקער ווי בייטאָג. אין דער געדיכטער טונקלקייט פון דער נאַכט האָבען די בערג אויסגעזעהן ווי ריזיגע געהיימניספולע שאָטענס.

פּלוצלונג האָבען מיר דערהערט א געזאַנג פון פילע שטי־מען, אַן אונבאַקאַנטער סאָרט זינגען, זעהר אַן אַנגענעהמער. „דאָס זינגען די ספרדים ׳לכה דודי׳,” האָט מיר ריטשמאַן ער־קלערט. מיר האָבען זיך אריבערגעבויגען איבער דעם באַלקאָן און עטליכע הייזער ווייטער האָבען מיר דערזעהן א גרויסע גרופּע ספרדישע אידען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף א גאַניק און געזונגען ליידענשאַפטליך. זייערע דונקעלע געזיכטער זיינען געווען באַלויכטען פון די פרייטאָג־צו־נאַכטיגע ליכט, וואָס האָבען געברענט אינוויינינג. די ספרדים האָבען זיך זייערע באַזונדערע מנהגים און דאָס איז אַלזאָ זייער קבלת שבת.

צו דער זעלבער צייט האָט זיך אָביסעל פון ווייטען דער־הערט דאָס שפּילען פון טרומייטען — דער נאַכט רוף פון דער ענגלישער מיליטער, וואס איז געקומען באַשיצען די אידען. לייי־דער צו שפּעט.

צוזאַמען איז אַרויסגעקומען א פאַנטאַסטיש־האַרץ־דריקענ־דער קאָנצערט. און דיזער קאָנצערט, די גן־עדן לופט און דער טיפער איינדרוק וואָס לונץ׳ס געשיכטע האָט אין מיר איבערגע־לאָזען, דאָס אַלץ האָט מיך אריינגעבראַכט אין א שטימונג, וואָס וואָלט מיר ניט געווען לייכט צו באַשרייבען.

וואָס איך האָב געזעהן און געהערט יענעם שבת.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך באַקוקט אַלע פּלע־צער, וואו עס זיינען פאָרגעקומען די שחיטות, אונטערצינדונ־גען און רויבערייען. איך האָב באַזוכט יעדע הויז און יעדע קלייט. דערנאָך האָב איך געהאַט לאַנגע געשפּרעכען מיט נאָך

קרבנות, וואס זיינען לעבען געבליבען און מיט נאך אנדערע וואס האבען געזעהן די הריגות.

עס איז געווען שבת, דעם 27טען סעפטעמבער, עלף אזייגער אין דער פריה.

מיר זיינען געגאנגען באקוקען די פלעצער וואו עס זיינען פארגעקומען די שחיטות, שריפות און רויבערייען. אזוי ווי די גרעסטע צאהל מארדען זיינען די אראבער באגאנגען אין דעם קווארטאל פון די ספרד'ישע אידען, זיינען מיר געגאנגען אהין. מיך האט באגלייט דער אמעריקאנער בירגער, מיסטער ריטשמאן, מיין מיטרייזענדער, יציב שפיגעלמאן, און א גרופע אנדערע אידען, מייסטענס צפת'ער געבוירענע. אויפ'ן וועג זיינען צו אונז צוגעשטאנען נאך אנדערע. וואס ווייטער מיר זיינען געגאנגען אלץ גרעסער איז געווארען די גרופע. פיר וואכען זיינען שוין פאריבער פון די שרעקליכע טעג, ווען דער אומגליק האט פאסירט, און דיזע אידען האבען זינט דאן נאך דעם פלאץ ניט באזוכט. די ספרדים זיינען פון זייער קווארטאל אנטלאפען און פילע פון זיי האבען נאך אויף זייערע היימען, אדער אויף די ערטער וואו זייערע היימען זיינען פריהער געווען, ניט א קוק געטאן. איצט, אז איך בין אהין געגאנגען מיט מיינע צוויי פריינט, האבען זיי מיט א זשעדנעקייט זיך אנגעשלאסען אן אונזער געזעלשאפט. אנדערע ספרדים האבען שוין זייערע היימען יא באזוכט און איניגע פון זיי האבען זיך טיילוויז שוין זאגאר ווידער באזעצט דארטען (בלויז טיילוויז, ווארים נעכטיגען דארטען איז נאך געווען געפעהרליך). די מאיאריטעט איז פארלויפיג אלץ געבליבען וואוינען ביי די אשכנז'ישע אידען, וועלכע האבען זיי צו זיך אריינגענומען.

כ'האב שוין דערמאנט, אז דער ספרד'ישער קווארטאל פון צפת געהט אראפ בארג. אין איניגע ערטער איז ער אזוי משופע'דיג, אז פאר דעם וואס איז ניט געניט, איז א געפאר דארט צו געהן. דא און דארטען איז דער ברוק אזוי אלט, אז ער איז צובראכען און צוברעקעלט. די שטיינדלאך צושיטען זיך אונטער די פיס און איהר פיהלט אז איהר זייט אין געפאהר זיך אראפצוגליטשען בארג אראפ. און אפילו אויב די שטיינער

זיינען גאַנץ, זיינען זיי אַזוי אַלט און אָפּגעניצט און אַזוי גלאַט, אַז איהר גליטשט זיך אַרונטער איבער זייער גופא.

אַזוי זיינען מיר געגאַנגען דורך די פּאַרציייטיגע גאַסען און געסלעך. אָפּט מיט דער הילף פון אַ פּאָר צפת'ער אידען וואָס האָבען מיך צוגעהאַלטען און געהאָלפען אויסמיידען אומזיכערע טריט. ענדליך זיינען מיר געקומען צו אַ גאַס, וואָס ליגט ביים סאַמע ברעג פון אַ באַרג. אונטען אין אַ מין תהום, אויף דער אַנדערער זייט הויבען זיך אָן אַראָבער גאַסען. דער תהום איז טיילוויז פאַרשטעלט מיט אַ געמויערטען פּלויט, ווי אַ וואַנט פון אַ פעסטונג. דער באָדען איז דאָ גוט אויסברוקירט. פון איין זייט גאַס שטעהען קליינע, נידעריגע הייזער און פון דער אַנדערער זייט די פעסטונג־וואַנט.

ספרד'ישע מיידלאַך האָבען געטראָגען טעפּ מיט טשאָלענט אַהיים. אידען אין שטריימלאַך מיט טליתים אונטער די אָרעמס זיינען פון דאַוונען געגאַנגען. ביי דער טיר פון איינער פון די קליינע הייזער פון דרויסען אויפ'ן ברוק, איז געזעסען אַ ספרד־ישער איד מיט די פיס אונטער זיך, פּונקט ווי אַראַבער האָבען ליב צו זיצען. עס זיינען פאַרביינעגאַנגען נאָך אידען מיט טליתים אונטער די אָרעמס און מיט שטריימלאַך אויף די קעפּ.

די ספרדים זיינען אַ סך טונקעלער ווי אונזערע אידען. מאַנכע פון זיי זיינען גאָר טונקעל. ווען איהר זעהט נאָר איינעם, קענט איהר פיליכט ניט באַמערקען קיין אונטערשיד, ווען איהר האָט אָבער פאַר זיך אַ היבשע צאָהל וואַרפט זיך דאָס אין די אויגען. עס דאַכט זיך אייך אַזוי ווי זיי וואָלטען געהערט צו גאָר אַן אַנדער פאָלק. די פנים'ער זיינען אָבער דאָך אידישע און די שטריימלאַך און די טליתים אודאי... די תימנ'ער אידען, פון וועלכע עס איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל אין תל־אָביב, זיינען נאָך פיל טיפערע ברונעטען ווי די ספרד'ישע, וועגען וועלכע מיר ריידען דאָ.

מיר זיינען געגאַנגען דורך דיזער גאַס און דורך אַנדערע, וואָס געפינען זיך נאָהענט דערביי. מיר האָבען באַקוקט דאָס, וואָס עס איז איבערגעבליבען פון די פאַרברענטע הייזער. מייסטע זיינען שוין איינגעפאַלען. עס האָט געשמעקט מיט סמאַלעניש.

דאָ וואו דער דאך איז ניט איינגעפאלען, איז ער אויסגעבויגען ווי א סקלעפּ. אזוי זיינען דאָ די היי־זער געבויט — אין דעם „מורישען סטיל". עס וואלגערען זיך שטיקער האלב־פארברענטע מעבעל. בערגלאך מיט האלב־פארברענטע קליידער, הויז־זאכען, וועש, א שטיק פון א קאַ־פּאָטע, פון א יאַקעל, פון א סוועטער. שווארצע ווענט אָפּגע־סמאַליעטע און צווישען זיי — א פלאָנטער פון שמאטעס פאר־רויכערטע. אָט שטעהט א האלב פארברענטער קאַמאָד מיט שטיק־לעך פון א צושמעטערטען שפּיגעל. אין פילע פלעצער איז די פּאָדלאָגע באדעקט מיט פעדערען, וואָרים די אראבער שלאָ־פען ניט אויף קישענס ווי די אייראָפּעער, האָבען די כוליגאנעס אויסגעשאָטען די פעדערען און צוגענומען בלויז די ציכען.

מען רעדט וועגען דעם ספּעציעלען חורבן וואס איז פאָרגע־קומען אויף דעם פּלאַץ, וועלכען מיר באקוקען אין יענער מינוט, און פארבייגעהענדיג וואַרפט מען אריין א באמערקונג וועגען אנ־דערע פּאַסירונגען. ביי יעדען איז דער מוח און די נשמה פול מיט הארץ־דריקענדע עראינערונגען. אָט דערצעהלט מען מיר דאָס פאָלגענדע:

צוויי אידען, מאיר כהן און אלישע קלירס, זיינען אָנגעקומען אין אַן אָטאָמאָביל פון טבריה. דאָס איז געווען אין רעכטען מיטען פון דער שחיטה. ניט וויסענדיג וואָס דאָ קומט פאָר, זיי־נען זיי דורכגעפאָהרען דורך דעם אראבישען קווארטאל, און דאָרטען איז מען זיי באפאלען צוערשט מיט מעסערס און דער־נאָך מיט א האַק. מען האָט זיי צושטאָכען און צוהאקט, און אזוי ווי די „ארבייט" וואלט נאָך ניט געווען געענדיגט האָט מען זיי טויטערהייט געשאָסען.

דאָס אלץ האָט צוגעזעהן א איד מיט'ן נאָמען אברהם לעווי (לוי), וועלכער איז דאַן געווען באהאלטען אונטער א פּארקאַן אין דער העברעאישער שולע, וואס ווערט געשטיצט פון דער אַליאַנס איזראעליט. שפּעטער, ווען ער האָט עדות געזאָגט נעגען די מערדער פאר דעם אונטערזוכונגס־ריכטער, האָט ער דער־צעהלט, אז בשעת איינער פון די מערדער האָט ארויסגעצויגען זיין רעוואָלווער פון זיין קעשענע אום צו שיסען די אידען, האָט

ער די קעשענע צוריסען. און דאָס איז באַשטעטיגט געוואָרען, וואָרים די פּאָליציי האָט ביי דעם דאָזיגען אַראַבער ווירקליך גע־פונען אַ צוריסענע קעשענע אין זיין ראָק. וועגען אַ צווייטען אַראַבער האָט דער זעלבער לעווי עדות געזאָגט, אַז אויף דעם קערפּער פון דעם אָקאָרשט ערמאָרדעטען מאיר כהן האָט ער דער־נאָך אַרויפגעטראָטען מיט׳ן פוס און אַז דערביי האָט אַ שפּריץ געטאָן בלוט און פאַרשפּריצט די הויזען ביי דעם כוליגאַן, איז דאָס אויך באַשטעטיגט געוואָרען, וואָרים בשעת דער אונטערזוּ־כונג האָט מען אויף איהם טאַקע געפונען בלוט־פלעקען.

דער נאָמען פון דעם דאָזיגען אַראַבער איז סעיד. ער רעדט גוט אידיש און איז אימער געווען אינטים מיט אידען. ער איז געווען אַן אמת׳ער פריינט צו זיי. עס האָט זיך אָבער פאַרשפּרייט די טייוועלשע אַגיטאַציע, וועלכע די אַראַבישע קאָנספּיראַטאָרים פון ירושלים האָבען אָנגעצונדען איבער׳ן לאַנד. מען האָט אין די מאָסקען געגומען פרעדיגען רויב און מאָרד, און סעיד איז פאַר׳שכור׳ט געוואָרען צוזאַמען מיט אַנדערע אַראַבער.

פאַרבייגעהענדיג דערצעהלט איינער פון מיינע באַגלייטער וועגען אַ אידישער פרוי, ביי וועמען מען האָט אָפּגעשניטען די ברוסט, און דאָס אין איהר טויטען מויל אַריינגעשטעקט. און אין דער נעקסטער מינוט הערט איהר וועגען אַן אַראַבער וואָס האָט ביי זיך אין שטוב באַהאַלטען צוויי־און־צוואַנציג אידישע נפשות און זיי באַשיצט פון די מערדער.

מיר זיינען געגאַנגען ווייטער, פון הויז צו הויז. דאָ און דאָרטען האָב איך אויפגעהויבען עפּעס א חפץ אלס אָנדענקען פון דער שרעקליכער טראַגעדיע: א גלעזערנע וואזע, וואס איז פון פייער צושמאָלצען געוואָרען און זעהט אויס ווי א שטיק גרינע מעטאַל, א פוסטען מעשענעם „פּאַטראָן" פון א קויל, וואס איז אויסגעשאָסען געוואָרען. צוויי האַלב־פאַרברענטע זיידענע זאָקען מיט בוכשטאַבען פון וועלכע מ׳זעהט, אַז דאָס איז גע־קומען פון אמעריקע, א מתנה פון אַ קרוב מסתמא.

אין איין פּלאַץ האָבען מיינע באַגלייטער מיך אָפּגעשטעלט ביי א פענסטער.

— אַט דורך דיזען פענסטער האָט מען דערשאָסען אַ אי־

דישע פרוי מיט'ן נאָמען לעלא פּאַרדיאַן. זי איז דאָ געזעסען אינווייניג, און דאָס פענסטער איז געווען אָפען. מיט איהר צוזאמען איז געווען איהר יונגע טאָכטער, אָבער איהר האָט מען ניט געטשעפּעט. די מיידעל קען דעם מערדער און זי וואָלט געקענט אויף איהם אָנווייזען. ער איז אָבער אנטלאָפען.

— און אָט איז איהר שוועסטער, — האָט מען פאר מיר פאָרגעשטעלט אַן עלטערע פרוי, וועלכע איז געשטאַנען פון דרויסען לעבען דעם פענסטער.

זי האָט זיך צואווינט.

מיר זיינען אריינגעגאַנגען אינוועניג. מיר האָבען געזעהן קישענס וואָס זיינען באַגאָסען מיט פארהארטעוועטע שווארץ־געוואָרענע בלוט... דאָס בלוט פון דער ערמאָרדעטער פרוי...

דורכקוקנדיג דעם צימער האָב איך אויף דער ערד געפונען א צוטראָטענעם, צוקוועטשטען זילבערן רינגעלע. די שוועסטער פון דער ערמאָרדעטער האָט מיר ערלויבט דאָס מיטצונעמען אלס אָנדענקען.

לעלא פּאַרדיאַן האָט, אחוץ איהר טאָכטער, איבערגעלאָזען פיר זיהן. צוויי פון זיי וואוינען אין דמשק, סיריען. זיי זיינען געקומען זעהן זייער מוטער און האָבען איהר געפונען טויט. די אנדערע צוויי זיהן וואוינען אין אַמעריקא.

מיר קומען אריין אין א צווייטע שטוב. א טייל איז חרוב און פארברענט. דאָ איז געקוילעט געוואָרען אַן אָרימער פּערסישער איד. מען האָט איהם איבערגעשניטען דעם האלז און דאַן האָט מען איהם ארויפגעלעגט אויף א בארג העלצער און אונטערגעצונדען.

עטליכע שטונדען שפּעטער האָט א שכן מיט'ן נאָמען סימאָן לעווי דעם פארברענטען קערפּער געפונען. דערביי האָט ער געזעהן, אַז לעבען איהם ליגט א קליין אינגעלע א דריי יעהריגער. לעווי האָט געמיינט, אַז דער אינגעלע איז אויך טויט. עס האָט זיך אָבער ארויסגעצייגט, אַז ער שלאָפט נאָך. דער ערמאָרדעטער איז געווען זיין פאָטער. דאָס קינד האָט ניט פארשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זעהענדיג אַז דער טאַטע ליגט, האָט ער זיך געלעגט לעבען איהם און איז אַזוי אנטשלאָפען געוואָרען.

אויפ׳ן זעלבען הויף איז מיט מעסערס צושניטען געוואָרען אויף טויט א איד מיט׳ן נאָמען ראובן מזרחי. זיין פרוי איז שטארק פארוואונדעט געוואָרען. די מערדער האָבען גע־מיינט, אַז זי איז אויך טויט, זיינען זיי אוועק. זי איז אָבער געבליבען לעבען.

אין אַן אנדער הויז האָבען מיר באקוקט דעם פארברענטען אויסשטייער וואָס א כלה האָט זיך געהאַט אָנגעגרייט צו איהר חתונה — פיינע אויסגעהאפטענע וועש און קליידער, פארברענטע שטיקער פון זיידענע זאָקען...

מען ווייזט אונז אָן אויף א קעלער־שטוב וואו עס האָבען זיך באהאַלטען פערציג אידען. אַן אנדער איד האָט אויף זיי ארויפגעלעגט א גרויסע שאַפע און אַליין איז ער געגאַנגען זיך באהאַלטען אנדערשוואו. די שאַפע האָט די פערציג אידען גע־ראַטעוועט. די כוליגאַנעס האָבען ניט חושד געווען, אַז אונטער איהר באהאַלטען זיך אידען.

אַזוי געהענדיג און שמועסענדיג מיט אונז צוזאַמען, דער־צעהלט מיר מר. ריטשמאַן וועגען זיינעם א שכן, אַן אַלטער אַראַבער פון א יאָהר אַכציג, וועלכער וואוינט כסדר צוזאַמען מיט אידען. ער איז זיי אימער געווען טריי. ער איז רייך, אָבער זעהר קאַרג. ער פארגינט זיך ניט צו קויפען א סיגאַרעט, למשל. ביי איין אידישען שכן נעמט ער א שטיקעל פאַפּיראָסען פאַפּיר, ביי א צווייטען א ביסעל טאַבאַק און ביי א דריטען א פּאָר שוועבעלאַך. אין דעם פּאָגראָם האָט ער פארגעסען, אַז ער האָט דעם גאַנצען לעבען געוואוינט צווישען אידען, געווען א גוטער פריינד זייערער און געהאַט אַלערליי טובות פון זיי. ער איז אויך געגאַנגען באַראַבעווען אידישע הייזער.

א היבשע צייט האָבען מיר פארבראַכט אין דעם הויז, וואו עס איז ערמאָרדעט געוואָרען דער באַריהמטער ספרד׳ישער רב חכם ישמעאל כהן און זיין פרוי.

נאָך דעם דאָפּעלטען מאָרד האָט אימיצער דאָ פארשפּאַרט די טיר. מיר זיינען געווען די ערשטע וואָס זיינען אריין אַהין זינט יענעם בלוטיגען דאָנערשטאָג. דער הויפּט צימער איז א ליכטיגער, אַן אנגענעמער. ווען מיר זיינען אריינגעקומען, איז

דיזער צימער געווען פול מיט סמנים פון דער שחיטה. די סאָפּאָ, די קישענס אויף איהר, די האנטיכער — אלץ איז געווען באדעקט מיט פארטריקענטע שווארץ־געוואָרענע בלוט. די סאָפּאָ שטעהט ביים פענסטער. ביי אן אנדער וואנט שטעהט אן אלמער מיט גלעזערנע טירען, דורך וועלכע עס זעהען זיך פּאַליצעס פול מיט ריין־געהאַלטענע ספרים. אויף דער פאדלאָגע ליגען בערג־לאך פון פארשיידענע זאכען וואָס די מערדער האָבען צואוואָרפען, צובראָכען, צוריסען. סליאַדען פון בלוט געהען איבער דעם צימער אין א צווייטען צימער אריין, איבער דער שוועל און איבער דעם פאָרהויז.

די איינצעלהייטען פון דער טראַגעדיע האָט מיר דערצעהלט מרדכי לעווי, א קצב, א איד מיט א שווארצע באָרד, וועלכער האָט געוואוינט אויפ'ן צווייטען עטאזש, גלייך איבער דעם רב'ס וואוינונג. איצט איז מרדכי צוגעשטאַנען צו אונזער געזעלשאפט. ער האָט צוגעזעהן די שרעקליכע סצענע. ער האָט דערצעהלט אויף אידיש, אלזאָ בין איך געווען איבערצייגט, אז ער איז איינער פון אונזערע אידען. לויט זיין אויסשפּראך, האָב איך ביי זיך באשלאָסען, אז ער איז א וויטעבסקער. ווען איך האָב איהם געפרעגט וועגען דעם האָט ער און די אנדערע זיך צולאכט.

— ניין, איך בין א ספרדי, — האָט ער געזאָגט, — אידיש האָב איך זיך אויסגעלערענט ביי די אנדערע שכנים, ביי די אשכנזים.

„דער טויער פון הויף איז געווען פארשלאָסען, — האָט ער דערצעהלט, — אָבער א באַנדע אראַבער האָט זיך דאָך אריינ־געריסען און איז צוגעקומען צו דער שטוב פון חכם ישמעאל. צוערשט האָבען זיי ניט געטאָן קיין שאָדען, זיי זיינען גלייך אוועק. האָט דער רב געמיינט, אז ער איז שוין נצול געוואָרען, דאָך האָט ער פארשפּארט די טיר. ער איז דאַן צוגעגאַנגען צו דער רבי'צין און געבעטען ביי איהר אביסעל בראַנפען צו דערכאַפּען דאָס הארץ. ער האָט נאָך ניט געענדיגט טרינקען דאָס גלעזעל בראָנפען, ווען מען האָט גענומען קלאַפּען און ברעכען די טיר. ער האָט זיך געלאָזט לויפען צו די טרעפּ, וועלכע געהען פון זיין שטוב אויף דעם העכערען עטאזש, דאָ וואו איך וואוין".

„דערווייל זיינען די אַראַבער אריין אין שטוב, געכאַפּט דעם רב און מיט אַ האַק צוהאַקט זיין קאָפּ. די רבי׳צין האָבען זיי צושטאָכען. זי האָט אָבער נאָך געהאַט כח צו לויפען צו די טרעפּ צו. זי איז אָפּגעלאָפען עטליכע טריט. אָט זעהט איהר, דאָס זיינען די פלעקען פון דעם בלוט וואָס האָט פון איהר גערונען, — האָט מרדכי אָנגעוויזען אויף דער ערד, אויפ׳ן שוועל און ביי די טרעפּ, — עס איז אַזוי איינגעגעסען געוואָרען, אז מען קען דאָס ניט אָפּוואַשען״.

איך האָב גענומען איבערקוקען די זאַכען וואָס זיינען גע־לעגען אויף דעם רב׳ס פּאָדלאָגע. איך האָב דאָרטען געפונען אַ סך בריף וואָס מען האָט צו איהם געשריבען, איינינגע אויף ענגליש, אָבער מייסטע אויף העברעאיש. מיר האָבען איבערגע־קוקט יעדער זאַך, יעדען ווינקעלע. די פאַרבלוטיגטע זאַכען האָבען מיר איבערגעטאַפּט צו עטליכע מאָל. עס איז שווער געווען אויפ׳ן האַרצען אָהן אַ שיעור, אָבער אַוועקגעהן פון דאַנען איז אונז אויך געווען שווער.

* * *

מיר זיינען אַריינגעקומען אין דעם „אידישען מארק״, די וויכטיגסטע געשעפטס־גאַס פון די צפת׳ער אידען.

די קראָמען געהען פוןביידע זייטען גאַס, איינע נאָך די אַנדערע. אין צוויי געדיכטע גענענזייטיגע ציילען. זיי זיינען אַלע געווען אָפען, און אַלע —

אבסאָלוט לעדיג!

ארום די ווענט האָבען זיך געצויגען פּאָליצעס, איינינגע פון זיי פאַנאַנדערגעצאַמט אין דער פאָרמע פון אָפענע קעסטלאַך. יעדע פּאָליצע און יעדע קעסטעל איז געווען פּוסט, אויס־געראבעוועט, אַזוי ווי מען וואָלט זיך מיט דער קראָם אַריבער־געקליבען אויף אַן אַנדער פּלאַץ.

די גאַנצע גאַס איז געווען פּוסט. קיין מוטער־נפש האָבען מיר דאָרט ניט געזעהן. דאָס, וואָס אַלץ איז דאָ געווען גאַנץ, ניט פאַרברענט, ניט צובראָכען, און דאָס וואָס די קעסטלאַך זיינען געווען אַזוי אבסאָלוט לעדיג און ריין, — דאָס האָט אויף מיר אַ מאָדנע־שווערען איינדרוק געמאַכט.

און זינט דאַן, יעדעס מאָל וואָס איך דערמאָן זיך אָן צפת, און פאַר מיר שטעהען אויף די בלוטיגע סליאַדען פון דער דאָר־טיגער שחיטה, מיט די געשטאַלטען פון די פאַרוואונדעטע, וואָס זיינען אַזוי ווי דורך אַ נס לעבען געבליבען; יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך וועגען דעם, קוקען אויף מיר די ציילען מיט די פוסטע קעסטלאַך וואָס איך האָב געזעהן אויף דער פוסטער מאַרק־גאַס פון דער אומגליקליכער פאַרצייטיגער שטאָדט.

* * *

דעם זעלבען שבת האָב איך באַזוכט די רעגירונגס־הויז. מען האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר מעידזשאָר קאָנעלי, אונטער וועמעס קאָמאַנדע צפת האָט זיך דאַן געפונען. ער האָט מיר געבעטען זיצען. ווען ער האָט געהערט, אַז מיט עטליכע וואָכען פריהער האָב איך באַזוכט איירלאַנד, האָט ער זיך פאַראינטערע־סירט, וואָרים ער שטאַמט פון דאָרטען.

יעדע מינוט איז אריינגעקומען אַן אַנדער סאָלדאַט און איהם אָפּגעגעבען כבוד אויף אַ שטרענג מיליטערישען שטייגער, — מיט אַ האַסטיגען טראַט מיט איין פוס אָן דער פאַדלאָגע און מיט אַ האַסטיגען מאַך מיט דער רעכטער האַנט צום שטערען. דער מעידזשאָר האָט יעדען פון זיי אויסגעהערט און געגעבען איהם אַ באַפעהל.

ביים אריינגאַנג אין דער רעגירונגס־הויז, לעבען דעם טויער, געפינט זיך דער פּריזאָן וואו מען האָט דאַן געהאַלטען די אַרעס־טירטע וואָס זיינען געווען באַשולדיגט אין מאָרד און רויבעריי אין דער צייט פון די פּאָגראָמען. די גראַטעס פון דעם פּריזאָן קומען אַרויס האַרט ביים טויער. די אַרעסטאַנטען האָבען אינ־וועניג זיך געשפּאַרט צום פענסטערעל. מיט די פּנים'ער צוגע־דריקט צו די גראַטעס האָבען זיי אַרויסגעקוקט אויפ'ן הויף. אַ ביסעל ווייטער, אויפ'ן גאַס, לעבען דעם אָפענעם טויער, איז געשטאַנען אַ צאָהל אַראַבער, עלטערע און אינגערע, מענער און פרויען. זיי זיינען געקומען מיט עסענוואַרג פאַר די געפאַנגענע. אָבער ווייטער ווי ביז'ן טויער האָט מען זיי ניט צוגעלאָזען. אַ פּאָליסמאַן האָט ביי זיי צוגענומען די שפּייז און דאָס אריינ־געטראָגען די אַרעסטירטע.

אייניגע מינוטען בין איך געשטאַנען און געקוקט אויף די גראַטעס. אַ היבשע צאָהל פון די געפאַנגענע זיינען געווען גע־קליידט גאַנץ מאָדערן, מיט קראַגענס און מיט שניפּסען און די פּנים׳ער זייערע האָבען אויסגעזעהן אינטעליגענט.

עס זיינען דאַן אויך געקומען אידען, מייסטענס פרויען. זיי האָט מען אריינגעלאָזט אינוועניג אין רעגירונגס־הויז, וואָרים דאָרטען איז געלעגען אַ גאַנצער באַרג מיט זאַכען, וואָס די פּאָ־ליציי האָט אוועקגענומען ביי די אַראַבער נאָכ׳ן פּאָגראָם — זאַכען וואָס זיי האָבען אָנגעראַבעוועט ביי זייערע אידישע קרבנות. אַלזאָ, זיינען איצט די אידען געקומען באַקוקען די דאָזיגע זאַכען טאָמער וועלען זיי דערקענען זייער אייגענטום. און פּילע האָבען טאַקע דערקענט. צווישען די, וואָס זיינען געקומען מיט דיזען צוועק, איז אויך געווען די יונגע מאַדאַם ריטשמאַן. ווי עס איז שוין פריהער דערמאָנט געוואָרען, איז זי אַן אַמעריקאַנער געבוירענע. מיט פיר חדשים פריהער איז זי גע־קומען פון אַ וויזיט אין ניו יאָרק. ווען זי האָט באַקוקט די אָנ־געראַבעוועטע חפצים, האָט זי צווישען זיי דערקענט פאַרשידענע זאַכען פון איהר הויז, מייסטענס אַזעלכע וואָס געהערען צו איהר שוויגער (די מוטער פון מיסעס וואָלאַדעק), וועלכע וואוינט ביי איהר זוהן אין צפת. זי האָט אויך דערקענט דעם זשאַקעט פון אַ קאָס־טיום וואָס איהר שווענעריין (די פרוי פון ב. וואָלאַדעק) האָט איהר געגעבען אַ מתנה פאַר איהר אָפּפאָהרען צוריק קיין פּאַלעסטינע.

* * *

רעדענדיג וועגען די באַציהונגען צווישען די אידען און די אַראַבער פאַר דעם פּאָגראָם, האָב איך צווישען אַנדערע זאַכען געהערט דאָס פאָלגענדע:

די יונגע מאַדאַם ריטשמאַן האָט זיך אויסגעלערענט גוט רייטען אין פּאַלעסטינאַ. זי פּלעגט אוועקרייטען אויף אַ שפּאַציר גאַנץ ווייט פון שטאָדט דורך די געדיכטסטע טיילען פון די אַראַבישע געגענדען פון צפת גופא און פון די אַרומיגע דערפער. וועגען זיין נערוועז, מורא האָבען וועגען עפּעס אומ־אַנגענעמליכקייטען פון די אַראַבער איז דאַן ביי קיינעם קיין פראַגע ניט געווען.

איינער פון די צפת'ער אידען האט מיר באזוכט אין מיין האטעל און האט וועגען דעם זעלבען ענין מיר געזאגט דאס פאלגענדע:

„עס גלויבט זיך ווירקליך ניט, אז די שרעקליכע מעשים זיינען געשעהן. די אידען וואס האבען געהאנדעלט מיט די אראבער אדער געווען שכנים זייערע, וואלטען עס זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט. אויף פסח פלעגט יעדער אראבער זיינע אידישע באקאנטע ברענגען מתנות: האניג, פוטער, סמעטענע, גרינסען, אויבס; און מיר פלעגען זיי געבען מצה. אונזער מצה האבען זיי זעהר ליב און ניט נאר זיי האבען א מין אבערגלויבען, אז דער אראבער וואס עסט ניט קיין מצה פסח לעבט ניט איבער דאס יאהר".

* * *

אין יענע פאר טעג האב איך זיך א סך אנגעהערט וועגען דעם וואס עס קומט פאר צווישען די אראבער וועמעס פאטערס, ברידער אדער מענער זיינען ארעסטירט געווארען אלס מערדער אדער רויבער אין דעם פאגראם. זיי האבען געברענט מיט כעס אויף דעם מופטי, דעם הויפט גלח פון צפת. פילע פון די פרויען, וואס זייערע מענער זיינען ארעסטירט, האבען געשריען אויף איהם פארוואס ער האט זייערע מענער אריינגעשלעפט אין אזא אומגליק. די ארימערע פון זיי איז דער מופטי געצוואונגען געווען צו געבען שטיצע פינף פיאסטער (25 סענט) א טאג. ער איז אבער אליין ניט רייך און דאס איז איהם געווען שווער, האט ער פרובירט זאמלען געלד ביי אנדערע אראבער. ער האט אויך געפאדערט שפייז, פרוכטען, אויל פאר די פאמיליעס פון די ארעסטירטע. איין אראבישער געשעפטסמאן, צו וועמען ער האט זיך געווענדעט, האט איהם געענטפערט:

„איך האב זיך ניט באטייליגט אין די רויבערייען. פאדערט שטי־צע ביי די, וואס האבען אפגעלעקט א ביינדעל פון דעם פאגראם."

דער מופטי איז אליין אויך געווען איבערגעשראקען. ער האט געפיהלט, אז ער האט איבערגעכאפט די מאס אין דער אגיטאציע פאר פאגראמען. ער האט נאכהער געשיקט זיין ברו־

דער זיך חנפה׳נען צו די אידען און זיי טרייסטען. רעדענדיג מיט איינינע פון זיי, האָט דער ברודער זיי געפּרואווט פאַר־זיכערען, אַז דער מופטי האָט געזוכט אָפּצושטעלען די פּאָגראָמ־שטשיקעס, אָבער אַז זיינע רייד האָבען קיין ווירקונג ניט געהאַט. די אידען האָבען איהם געענטפערט מיט איראָנישע שמייכלען.

איין אַראַבער האָט פאַרגעשלאָגען די אידען פופציג פונט (250 דאָלאַר) אויב זיי וועלען צוריקציהען זייערע עדות געגען די אַראַבישע מערדער און רויבער; און ווען זיי האָבען איהם אויסגעלאַכט, האָט ער מיט אַ סטראַשענדען טאָן אויסגעשריען: „געלד אָדער טויט״. זיי האָבען איהם אָבער נאָך מעהר אויסגעלאַכט.

אַ באַאַמטער פון דער פּאַלעסטינע־באַנק פון צפת, וועלכער פלעגט קאָלעקטירען חובות ביי די אַראַבישע ביזנעס־לייט, האָט דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

איינער פון די געשעפטסלייט האָט נאָכ׳ן פּאָגראָם צו איהם געזאָגט: „איך שעהם זיך דיר צו קוקען אין די אויגען. פאַר־שאָלטען זאָלען ווערען די וואָס טראָגען אויף זיך די אמת׳ע שולד פאַר דער געשיכטע״.

אַנדערע אַראַבער שיקען זייערע קללות דירעקט צו דעם מופטי, און זיי טוען דאָס גאַנץ אָפען. זיי האָבען זיך ערקונדיגט, אַז די אַלע מעשיות וואָס מען האָט זיי דערצעהלט געגען די אידען, זיינען ליגענס, און אַז זיי, די אַראַבער, האָבען פון די שחיטות נאָר אַן אומגליק.

אַ איד האָט מיר איבערגעגעבען, וואָס אַן אַראַבישע פרוי האָט געזאָגט צו אַ אידישער פרוי:

„פילע פון אונזערע מענער זיינען אַרעסטירט און האָבען אויף זיך גרויסע פּראָצעסען און אונזערע געשעפטען זיינען טויט. איצט איז ניטאָ מיט וועמען צו האַנדלען, ביי וועמען צו קויפען און וועמען צו פאַרקויפען. ניטאָ קיין אידען, איז אַלע אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבען ביי אונז. צו וואָס האָט זיך דאָס אַלץ געלוינט?״

צווישען די זאַכען, וואָס איך האָב פאַרצייכענט אין מיינע נאָטיץ־ביכלאַך, זייענדיג אין צפת, געפין איך אויך אַזאַ זאַך:

„בשעת דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט אויסגעפרעגט

די אַרעסטירטע, האָבען צוויי פון זיי געֿ׳טענה׳ט, אַז זיי האָבען געזעהן ווי אידען האָבען דער׳הרג׳עט אַן אַראַבישען איינגעל. האָט מען ארויסגעשיקט די צוויי עדות מיט פּאָליסלייט, אַז זיי זאָלען ווייזען וואו דאָס איז געוועזן. מען האָט זיי גענומען באַזונדער. אַלזאָ, האָט איינער אָנגעוויזען אויף איין גאַס און דער צווייטער אויף אַן אַנדער גאַס. די אַראַבער, וואָס קלערען אויס אַלערליי גוואַלדיגע בלבולים אויף די אידען, זיינען זעהר נאַרישע ליגנערס״.

וואָס שושנה האָט דערצעהלט

מ׳האָט ערמאָרדעט איהר פאָטער און מוטער פאַר איהרע אויגען. — די מערדער האָבען געמיינט, אז זי איז שוין אויך טויט. — איינער פון די בלוטיגסטע קאפּיטלעך אין דער טראגעדיע פון צפת.

שושנה איז א ספרדישע מיידעל פון צוואנציג יאָהר מיט קורץ־געשאָרענע שווארצע האָר, מיט קלוגע שווארצע אויגען און מיט אן אינטערעסאַנטען קיילעכדיגען ברונעטען פּנים. זי איז געקליידעט מאָדערן. א קורץ קליידעל און קורצע ארבעל. דאָס קליידעל איז שווארץ. שושנה איז אין טרויער.

איך האָב איהר געזעהן צווישען די צפת׳ער אידען, מיט וועלכע איך האָב גערעדט וועגען דעם פּאָגראָם.

— זי קען אייך דערצעהלען עטליכע פון די שרעקליכסטע זאכען, וואָס מיר האָבען דאָ איבערגעלעבט, — האָט מען מיר געזאָגט, בשעת מען האָט איהר פאָרגעשטעלט פאַר מיר.

מ׳האָט אונז פאָרגעשטעלט דורך אן איבערזעצער, וואָרים זי רעדט ניט קיין אידיש און ניט קיין ענגליש. איהר מוטער־שפּראך איז אראביש (זי רעדט אָבער גוט העברעאיש אויך.)

איהר פאָטער, משה אפריאט, איז געווען א לעהרער אין א תלמוד־תורה. ער האָט אָבער אויך געגעבען פּריוואט־לעסאָנס אויף שפּראַכען. אזוי ווי ער איז געבאָרען געוואָרען אין אַל־זשיר, וועלכע געהערט צו פראַנקרייך, האָט ער גוט געקענט פראַנצויזיש. אלזא, פלעגט ער געבען פּריוואט־לעקציעס אויף פראַנצויזיש און אויף העברעאיש. ביי זיי איז געווען אן אינ־טעליגענטע שטוב, און שושנה איז אן אינטעליגענטע מיידעל.

מיר האָבען אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפען אין דער וואוינונג פון מר. לונץ. זי האָט מיר די געשיכטע דערצעהלט דורך מיין איבערזעצער, יציב שפּיגעלמאַן, פון דער סאָציאַליס־

טישער הסתדרות, וועלכער האָט אַלץ פאַרשריבען. זי האָט אַלץ געשילדערט לעבהאַפט, און דורך דער טראַגעדיע האָבען זיך ביי איהר דורכגעוואָרפען שטיקלאַך טרויעריגע הומאָר. כמעט אַ מאָנאַט איז שוין פאָראיבער זינט זי האָט איהרע עלטערען פאַרלאָרען. זי האָט די שרעקליכע געשיכטע שוין געהאַט איבער־דערצעהלט צעהנדליגע מאָל, און אַנדערע אידישע קינדער, וואָס האָבען אויך זייערע ליבסטע און טייערסטע פאַרלאָרען אין דער בלוטיגער מהומה, האָבען פאַר איהר זייערע הערצער שוין אויס־געוויינט. עס איז שוין ניט געבליבען מעהר קיין טרערען און די אויסגעמוטשעטע נערווען זיינען שוין טעמפּ געוואָרען... שושנה האָט וועגען איהר אומגליק דערצעהלט מיט אַ געלאַסענקייט, אין וועלכער עס האָט זיך געפיהלט גייסטיגע מידקייט... זי האָט אַ חנ׳עוודיגען קלוגען שמייכעל. האָט ער אַ פּאָר מאָל אין פאַרלויף פון איהר דערצעהלען איהר ברונעטען פּנים באַלויכ־טען — באַלויכטען מיט דער האַרץ־דריקענדער שיין פון אַ טיף־טראַגישען הומאָר.

איך האָב איהר געבעטען אונז דערצעהלען, וואָס מיט איהר פאַמיליע איז פאָרגעקומען יענעם נאָכמיטאָג, מיט אַלע איינצעל־הייטען, מיט יעדער ברעקעל, און זי האָט אַזוי געטאָן; און בשעת זי האָט גערעדט, האָבען מיר איהר אָפּט אונטערבראָכען מיט אַ פראַגע, וועלכע האָט פון איהר ארויסגעבראַכט נאָך אַן איינצעלהייט, נאָך אַ שטריך, אָדער אפשר אַ דייטליכערע ערקלערונג פון דעם וואָס זי האָט פריהער איבערגעגעבען מיט אַלגעמיינע ווערטער.

„דאָנערשטאג איז דאָס געווען, — האָט זי אָנגעפאַנגען, — עס איז געווען עטוואָס שפּעטער ווי 5 אוהר נאָכמיטאָג. איך געדענק פּינקטליך... ווער קען דאָס פאַרגעסען? ס׳איז געווען 10 מינוט נאָך 5. איך בין געזעסען און גענעהט און מיין מוטער איז געשטאַנען און געפּרעסט. פּלוצלונג הערען מיר אַ קול. אימיצער האָט געשריען, אַז אַראַבער זיינען באַפאַלען אידען. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער. איך גיב אַ קוק: די גאַס איז פול מיט אַראַבער. „טאַטע, פאַרשלים די טירען!" האָב איך געזאָגט, און ער האָט אַזוי געטאָן. אין שטוב זיינען דאָן געווען דער טאַטע, די מאַמע, איך און מיינע צוויי קליינע

ברידערלאך. מיין גרעסערער ברודער איז דאַן ניט געווען אין דערהיים. ער ארבייט אין אַן אַפּטייק; איז ער געווען דאָרטען".

דער גרעסערער ברודער שושנה'ס איז איצט געשטאַנען דערביי, בשעת זיין שוועסטער האָט פאַר אונז דערצעהלט איהר טראַגישע געשיכטע. ער האָט פון אונז ניט אָפּגעטראָטען. נאָר וועגען איהם ווייטער.

„גלייך ווי מיין פאָטער האָט פארשלאָסען די טירען, האָט זיך דערהערט א ליארם. עס איז אָנגעקומען א באנדע אראבער. זיי האָבען די טירען אויפגעבראָכען און אריין אינוועניג — א גרויסע צאָהל זייערע. צוזאמען מיט זיי איז אריינגעקומען צו אונז אַן אראבישער פּאָליסמאַן. מיר האָבען גענומען שרייען צו איהם ער זאָל די באנדיטען ארויסטרייבען. האָט ער זיי ווירק־ליך ארויסגעטריבען. ער האָט אָבער אַליין אויך גענומען געהן. האָב איך איהם אָנגעכאַפּט פאַר איין זייט און מיין מוטער פאַר דער אנדער זייט, און מיט געוויין האָבען מיר איהם געבעטען ער זאָל אונז ניט איבערלאָזען אַליין, אָהן באשיצונג. „איך מוז געהן, — האָט ער געענטפערט, — איך דארף ראַטעווען אייערע שכנים. דערנאָך וועל איך קומען צו אייך". מיר האָבען געשריען, אַז דערנאָך וועט שוין אפשר זיין צו שפּעט, זיך גע־בעטען ער זאָל אונז ראַטעווען פון די באנדיטען. ער האָט זיך אָבער ארויסגעריסען פון אונזערע הענט און איז אנטלאָפען. מיר זיינען געבליבען אַליין. איהר קענט זיך פאָרשטעלען ווי מיר האָבען געפיהלט — אָט, אָט קומען די מערדער ווידער אריין.

„די גאַס איז געווען געפּאַקט מיט אראבער. דער טאַטע האָט א צווייטען מאָל פארשפּאַרט די טיר. דיזען מאָל שוין ניט אויפ'ן שלאָס, נאָר מיט וואָס עס האָט זיך געמאַכט. ער האָט צוגערוקט דעם טיש, שטולען. א קנאַפּע באוואָרענונג. וואָס האָבען מיר אָבער געקענט טאָן? דאַן זיינען מיר אַלע דורך אַן אנדער טיר אריבערגעגאַנגען צו אונזער שכנ'טע, די אַלמנה מזל־כהן. דאָרטען האָבען מיר געפונען די אַלמנה, איהר טאָכטער, איהר זוהן פון א יאָהר צוואַנציג און א מיידעל מיט'ן נאָמען מרים מזרחי, וועלכע איז מזל־כהנ'ס א קוזינע.

„איך האָב פארשפּאַרט דער אַלמנה'ס טירען און בין ארויף

אויפ׳ן פענסטער. (די פענסטער זיינען דאָרט זעהר הויך, און מען קומט צו זיי צו אויף טרעפּ אַזעלכע, אַזוי ווי פּאַליצעס, וואָס דינען אַלס סאַפּאָס).

„דורכ׳ן פענסטער האָב איך געזעהן ווי די אַראַבער דרינגען ווידער אריין צו אונז אין הויף, ווי זיי הויבען אָן צו ראַבעווען און אונטערצינדען. אַ טייל פון זיי ראַבעוועט, און אַ טייל צינדט אונטער. „שווייג, מיין טאָכטער, שריי ניט. אפשר וועלען זיי צו אונז ניט קומען", — האָט מיין מאַמע צו מיר געזאָגט. אָבער באַלד זיינען די אַראַבער צוגעקומען צו דער טיר און זיי האָבען אָנגעהויבען אריינדרינגען אינוועניג. מיין מוטער איז צוגעלאָפען און מיט אַלע כחות די טיר צוגעהאַלטען. האָבען די אַראַבער דורכגעבראָכען אַ לאָך אין דער טיר. אָבער מיין מוטער איז אַליץ געשטאַנען און צוגעהאַלטען די טיר מיט ביידע הענט. „לאָזט אָפּ! געהט ניט אַהער!" — האָט זי זיך ביי זיי געבעטען. דורך דעם לאָך האָבען די אַראַבער צושניטען איהר האַנט. בלוט האָט זיך געגאָסען פון איהר. זי האָט אָבער די טיר ניט אָפּגעלאָזען.

„דערוויל האָב איך פון וויטען דערזעהן, אַז איינער פון די אָנגרייפער איז פואַד כאַגאַזי, אַ באַאַמטער אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג ביי דער רעגירונג. ער איז געווען מיין טאַטענ׳ס אַ שילער. ער פלעגט ביי איהם נעמען פראַנצויזישע לעקציעס און ער פלעגט זיין ביי אונז ווי אַן אייגענער מענש אין שטוב. האָב איך צו איהם געשריען: „פואַד, דו ביזט דאָך אונזערער אַ הויז־מענש. זעה, אַז מען זאָל אונז קיין שלעכטס ניט טאָן". האָט ער געענטפערט: „ניין, איצט איז אַן אַנדער צייט. איצט דאַרף מען האַלטען מלחמה פאַר אונזער רעליגיע. עס איז אַ בלוטיגע צייט". און ער האָט אַ געשריי געטאָן צו די אַראַבער: „געהט אריין אינוועניג און הרג׳עט איינעם נאָכ׳ן אַנדערען. אויב איהר וועט דאָס ניט טאָן, וועל איך אייך הרג׳ענען. ווי די הינט וועל איך אייך אַוועקלעגען".

„די אַנדערע האָבען וויטער געבראָכען די טיר. די מאַמע האָט ניט אָפּגעלאָזען, און וואַרפענדיג פון צייט צו צייט בליקען אויף מיר, האָט זי די לאָך פאַרשטעלט מיט אַ טיש. און צום

טאַטען האָט זי געזאָגט: „זעה נאָר ווי דאָס מיידעל זעהט אויס! גיב איהר אַביסעל וואַסער”. מיט אַלע כחות האָט זי צוגע־האַלטען די טיר, כדי מיך צו ראַטעווען, איך זאָל ניט אַריינפאַלען צו די אַראַבער אין די הענט.

„דערוויילע האָבען די מערדער צובראָכען די טיר, און מיין מוטער האָבען זיי גענומען האַקען מיט זייערע גרויסע מעסערס. ענדליך האָבען זיי איהר געגעבען אַ שניט אין די לונגען, און זי איז געפאַלען. איהר געזיכט און איהרע לעצטע ווערטער זיי־נען געווען געווענדעט צו מיר. איך בין איהר עלטסטע טאָכטער. זי איז געפאַלען אויפ'ן קאַמאַד וואָס איז געשטאַנען עטליכע טריט פון דער טיר. איך האָבען אַרויסגע־לאָזען אַ ווילדען געשריי און בין צוגעלאָפען צו איהר. „טאַטע, טאַטע! די מאַמע איז טויט! — האָב איך געשריען צו מיין פאָטער. — זאָג כאָטש איבער איהר שמע ישראל”.

„איך האָב איהר גענומען אין מיינע אָרעמס. איך האָב איהר געוואָלט אַוועקלעגען אָן אַ זייט, אָבער די אַראַבער האָבען זיך אַ לאָז געטאָן מיט זייערע אייזערנע שטעקענס צו מיר. איינער פון זיי האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און אין אָרעם, און אַ צווייטער האָט מיר דריי מאָל געשטאָכען אין זייט און אין האַנד. מיין מוטער'ס קערפּער איז אַרויסגעפאַלען פון מיינע אָרעמס. פון מיין קאָפּ האָט געגאָסען בלוט. מיין גאַנצער פּנים איז פאַרגאָסען געוואָרען. פון מיינע זייטען האָט זיך אויך גע־גאָסען בלוט. האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און זיך געמאַכט טויט. „גענוג. צוויי האָבען מיר שוין דאָ אַוועקגעלעגט”, — האָט געזאָגט איין אַראַבער צום צווייטען.

„אָבער מיין טאַטע און מיינע צוויי ברידערלאַך האָבען זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען. זיי האָבען נעבאַך געוויינט און געשריען. „וועה איז מיר, זיי האָבען דער'הרג'עט מיין פרוי און מיין טאָכטער!” — האָט מיין טאַטע געיאָמערט. די קולות האָבען די רוצחים איבערגעשראָקען און זיי זיינען אַרויס פון אונזער שטוב אויף דער גאַס...”

דאָ האָט שושנה זיך אַליין אונטערבראָכען: „אַך, ווען ביי

אונז וואָלטען כּאָטש געווען צוויי חלוצים אין שטוב, וואָלטען אַלע געבליבען לעבען!״

קיין שטאַרקע נערווען האָבען זיי ניט, די אַראַבער. פון דער קלענסטער זאַך ווערען זיי צושראָקען און צוטומעלט. אַ גרופּע בראַווע זעלבסט־שוץ בחורים האָבען געקענט ווידערשטעהן נעגען צאַהלרייכע מחנות זייערע.

שושנה האָט פאָרטגעזעצט איהר דערצעהלען:

„קיין אַראַבער זיינען אַלזאָ אין שטוב מעהר ניט געבליבען. האָב איך זיך אָנגעשטרענגט צו ווייזען מיין טאַטען, אַז איך לעב. פרוי מזל־כּהן איז דערווייל אַראָפּ פון דער סאָפאַ ביים פענסטער. זי איז צוגעקומען צו מיר. איך האָב זיך קוים גע־האַלטען אויף די פיס. בלוט האָט פון מיר גערונען פון אַלע זייטען.

„מיט אַמאָל זיינע ווידער אריינגעקומען אַראַבער אין שטוב. זיי האָבען גלייך אָנגעהויבען צו שטעכען די אלמנה מיט אַ מעסער — צוערשט אין איין ברוסט און דערנאָך אין דער צוויי־טער. מיך האָבען זיי איצט שוין ניט געטשעפּעט. איך האָב אויסגעזעהן ווי איין שטיק בלוט, האָבען זיי געמיינט, אַז איך בין שוין סאַי ווי אַ פּאַרפּאַלענע. איך האָב פרוי מזל־כּהן צוגע־דעקט מיט איהר קאָפּטעל, אום צו פאַרהאַלטען איהר בלוט, און אַזוי איז זי געלעגען אויף דר'ערד. דערנאָך בין איך ווידער צוגעגאַנגען צום פענסטער און אָנגעהויבען שרייען. איך האָב דאָס געטאָן, ווייל איך האָב געזעהן אַז מיט געשרייען שרעקט מען די אַראַבער איבער; און זיי זיינען טאַקע ווידער אַנטלאָפען פון שטוב. קוקענדיג דורכ'ן פענסטער האָב איך אונטען דער־קענט נאָך אַ שילער מיין טאַטענ'ס, ראַשיד חולי. דאָס איז דער זוהן פון איינער פון די אַריסטאָקראַטישסטע אַראַבישע פאַמיליעס אין צפת. צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער ביי מיין טאַטען גענומען לעקציעס אין העברעאיש. האָב איך צו איהם געזאָגט: „ראַשיד, זעה אַז זיי זאָלען ניט אריינגעהן אַ צווייטען מאָל אַהער. מיין מוטער און די שכנה האָבען זיי שוין דער'הרג'עט, און איך וועל דאָך אויך באַלד שטאַרבען. איז זיי ניט גענוג?״ ראַשיד האָט אויפגעהויבען אַ מעסער און אויסגעשריען צו מיר: „אַוועק

פון פענסטער! שריי ניט! אייך אַלעמען, אַלעמען וועלען מיר אויסקוילען!" איך האָב געשריען מיט די לעצטע כחות. מיין קליינינקען ברודערל האָב איך באהאַלטען אונטער'ן בעט, און דעם גרעסערען — אויפ'ן בעט. די דאָזיגע בעט געפינט זיך אין דער הויך אויף דעם טרעפ, וואָס איז אויבען ביים פענסטער. אונטער'ן בעט האָט ער ניט געוואָלט ליגען. אויך דער יונגער־מאַן און דאָס מיידעל זיינען געווען אויפ'ן בעט.

„מיין טאַטע איז געווען אויבען ביים פענסטער. די באַנדע איז ווידער אריין אין שטוב. די זעלבע רוצחים זיינען צוגע־לאָפען צו איהם און מיט אַ בייסענדער איראָניע האָבען זיי געזאָגט: „ביטע שעהן, געהען זיי אַראָפּ פון פענסטער און שטעלען זיי זיך אויף דער ערד". ער האָט זיך ביי זיי געבעטען זיי זאָלען האָבען רחמנות: „האָט איהר ניט גענוג קרבנות?" — האָט ער געזאָגט. — „מיין פרוי און די אַנדערע פרוי האָט איהר דער'הרג'עט, און מיין טאָכטער וועט אויך באַלד שטאַרבען. לאָזט באַטש מיר און מיינע צוויי קינדער לעבען".

„אום צו ראַטעווען די קינדער, איז ער אַראָפּ מיט אַ שטאַ־פּעל נידעריגער. איז צו איהם צוגעלאָפען איינער פון די מערדער און מיט אַ האַק איהם גלייך צושפּאָלטען די קאָפּ. ווען דער מערדער האָט געפּרואווט צוריק ארויסשלעפּען די האַק, האָט ער ניט געקענט. האָט ער מיין טאַטענ'ס קערפּער געשלעפּט אַ אַכט־צעהן אינטשעס. דאַן איז די האַק באַפרייט געוואָרען, און מיין טאַטענ'ס קערפּער איז געבליבען ליגען אויף דער ערד מיט'ן פּנים אַראָפּ. דער טאַטע האָט אפילו קיין געשריי ניט געגעבען. בשעת דער ערשטער אַראַבער האָט געשלעפּט מיין פאָטער מיט דער האַק, איז צוגעלאָפען אַן אַנדער אַראַבער און איהם נאָך צוגעגעבען אַ שטאַרקען זעץ מיט אַ האַק־מעסער אין קאָרק.

„גיט מיר שוין אויך אַ זעץ און לאָזט מיר שטאַרבען וואָס שנעלער" — האָב איך צו זיי געשריען. איך בין ווידער אַנידער־געפאַלען און געבליבען ליגען אָהן באַוועגונג. האָט דער זעכס־יעהריגער אינגעלע, וואָס איז געלעגען אויפ'ן בעט, גענומען שרייען אויף אַראַביש: מאַחו, מאַחו! (דער'הרג'עט, דער־

הרג׳עט!). האבען די מערדער דאן געמאכט זייער חשבון: —
„מיר האבען דא אוועקגעלעגט פיר!" און מיט דעם זיינען זיי ארויס אויף דער גאס זעהן צי די פאליציי איז נים געקומען. דאן בין איך ווידער אויפגעשטאנען. מיט מיין קלייד האב איך אפגעווישט דאס בלוט וואס האט מיר פארדעקט די אויגען, און בין ווייטער צוגעגאנגען צום פענסטער און גוט באקוקט די מערדער. איך האב זיך געטראכט: אפשר וועל איך בלייבען לעבען, וועל איך וועניגסטענס וויסען ווער זיי זיינען. איך האב געזעהן ווי די אראבער געהען פון הויז צו הויז און רויבען. איך האב געזעהן ווי אן אראבער מיט׳ן נאמען נאמאל אל חולי, א באקאנטער אונזערער, געהט מיט א קאן בענזין, באגיסט יעדע אידישע הויז און צינדט איהר אונטער.

„פון די בלוט, וואס פון מיר האט גערונען, האב איך פארלארען די כחות. איך האב זיך אנגעשפארט אן א קישען. מיט אמאל דערזעה איך, אז די מערדער זיינען ווידער דא אין שטוב — שוין צום פינפטען מאל. איינער מיט אן אייזערנעם שטעקען אין האנט, און א צווייטער מיט א שווערען הילצערנעם שטעקען. דער צווייטער האט פון הינטען מיט זיין שטעקען א האק געטאן אונזער שכנ׳טעס טאכטער אין קאפ, און א שטראם בלוט האט זיך א גאס געטאן פון איהר. צו דער זעלבער צייט האט דער אראבער, וואס האט געהאלטען דעם אייזערנעם שטעקען, זעהענדיג אז איך לעב נאך, זיך א לאז געטאן צו מיר. האב איך אין פארצווייפלונג, מיט מיינע געשוואלענע, פארבלוטיגטע הענט און מיט מיינע לעצטע כחות געכאפט א קליינעם טישעל, וואס איז געשטאנען לעבען מיר, און דאס אווארף געטאן אויף איהם. ער האט געכאפט א קלאפ און איז אנטלאפען.

„אין יענעם מאמענט האב איך דערהערט ווי איין אראבער זאגט צו א צווייטען: „איצט לאמיר אונטערצינדען". איינער פון זיי איז ארויס אויף א מינוט. באלד האט ער זיך אומגעקערט מיט א ברענענדיגען מאטראץ, וועלכען ער האט געהאלטען אויף א שטעקען, און האט דאס מיט די פלאמען אוועקגעלעגט ביי מיין מוטער׳ס קערפער. דאס איז ווידער געווען מיין טא-

טעג'ס אַ שילער. ער האָט ביי איהם אויך געלערנט העברעאיש. זיין נאָמען איז מאַכמוד אַוואַד.

„איך האָב זיך נאָך אַמאָל צוגעלעגט. יעדער סעקונדע בין איך געוואָרען שוואַכער. אָבער דער פייער האָט זיך דער־ווייל צופלאַמט. האָב איך ניט ווילענדיג גענומען שרייען. איך האָב געשריען, אַז מיר ווערען פאַרברענט. אין דעם זעלבען מאָמענט האָב איך דורכ'ן פענסטער געזעהן, אַז עס געהט אַן ענגלישער פּאָליסמאַן מיט צוויי אַראַבישע פּאָליסליים. איינער פון די אַראַבישע איז געווען סעיד אַסקאַרי. דאָס איז געווען דער זעלבער, וואָס איז געווען ביי אונז אין שטוב, ווען די אַראַבער זיינען אריין צום ערשטען מאָל. דאַן האָב איך זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל בלייבען אונז באַשיצען, און ער האָט זיך גלייכגילטיג געענטפערט, אַז ער דאַרף געהן ראַטעווען אַנדערע, און אַז שפּעטער וועט ער קומען צוריק. דער ענגלישער פּאָליסמאַן איז אריין דער ערשטער, און סעיד אַסקאַרי נאָך איהם. איך האָב צו סעיד'ן גענומען שרייען: „געה! דיך וויל איך דאָ ניט זעהן מעהר. איצט, אַז מען האָט שוין דער'הרג'עט מיין פאָטער און מיין מוטער און מען האָט אונטערגעצונדען דאָס הויז, איצט ביזטו געקומען".

„דער ענגלישער פּאָליסמאַן האָט זיך צוואוויינט.

„סעיד אַסקאַרי אָבער האָט צו מיר געזאָגט: „שוויינ! שוויינ! רעד בעסער ניט אין אַזאַ צייט".

„איצט ערשט האָב איך זיך שטאַרק צוואוויינט. דאַן האָט דער צווייטער אַראַבישער פּאָליסמאַן מיך גענומען טרייסטען. הערט אָבער וואָס פאַר אַ טרייסט דאָס איז געווען: „אַלץ איז פון גאָט, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז פאַר אייערע זינד, פרויען. איהר טראָגט קורצע קליידער און קורצע אַרבעל. עס זעהען זיך אייערע נאַקעטע אָרעמס און פיס, און דו טראָגסט געשאָרענע האָר אויך. אַט דערפאַר האָט אייך גאָט געשטראָפט".

„און דאָס אַלץ האָב איך געהערט אין דער צייט ווען אַרום אונז האָט געברענט און מיין פאָטער און מוטער זיינען געלעגען געקוילעטע. איך האָב זיך כמעט צולאַכט היסטעריש".

און שושנה'ס קלוגער, סימפּאַטישער שמייכעל האָט אַ בליץ

געטאָן מיט יענעם הומאָר, וועלכער איז אזוי פול געווען מיט טראַ־געדיע.

„דער ענגלישער פּאָליסמאַן איז צו מיר צוגעגאַנגען און גע־זאָגט צערטליך: — קום מיט מיר, איך וועל דיך טראָגען אויף די הענט.

— ניין, ניין, נעם בעסער די קליינע קינדער אויף די הענט.

„איך האָב זיך אויפגעהויבען, און מיט מיינע לעצטע כוחות האָב איך זיי געהאָלפען נעמען די קינדער, און אזוי זיינען מיר אלע אוועק מיט אונזערע שכנים צוזאמען. די פּאָליסלייט האָ־בען אונז אריבערגעפיהרט אין אַן אנדער הויז צווישען אנדערע אידען.

„צוערשט האָב איך מורא געהאַט דאָ צו זיין. איך האָב געמיינט, אז מען וועט אונז ווידער באַפאַלען. אָבער די פּאָ־ליסלייט האָבען אונז פארזיכערט, אז דאָ זיינען מיר אויסער געפאהר.

„אריינקומענדיג אין שטוב, האָב איך געפונען ביי אַ צוואַנ־ציג מענשען. אייניגע פון זיי זיינען געווען פארוואונדעטע, וואָס מען האָט געבראַכט פון אַן אנדער פּלאַץ. איינער פון זיי איז אַ ברודער פון דער באַלעבאָסטע פון הויז.

„איך בין געווען אזוי צובייזט און צוקיילט און צובלו־טיגט, אז איך האָב זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. די קינ־דער האָט מען אוועקגעזעצט אין אַ זייט. איך בין געווען פאַר־שמאַכט און גע׳חלש׳ט נאָך אַ טרונק וואסער. אָבער קיינער האָט קיין צייט ניט געהאַט מיר צו באַדינען. מען איז געווען פאַרנומען מיט די אנדערע פארוואונדעטע. דאַן האָט מען מיר דערלאַנגט אביסעל וואסער און אַ פרוי האָט צוריסען איהר בלוז־קע און מיר געגעבען אַ שטיקעל צייג דערפון. דאָס האָב איך ארויפגעלייגט אויפ׳ן קאָפּ. אָבער דאָס בלוט האָט ניט אויפגע־הערט צו גיסען. באַלד האָבען מיר דערהערט אַ גערויש פון גאַס. מיר זיינען אלע פארציטערט געוואָרען. מיר האָבען זיך געלאָזט לויפען אין קעלער. מיינע צוויי ברידערלאך האָבען מיך אָנגעכאַפּט אַן קלייד און האָבען זיך צוגעטוליעט צו מיר.

מיר האָבען זיך אוועקגעזעצט אונטען אויף די קעלער־טרעפּלאַך. מיין גרעסערער ברודער'ל האָט זיך געשפּאַרט אָן מיר און האָט גראַד אָנגעטראָפען אויף מיין צושטאָכענער זייט. איך האָב ניט ווילענדיג א געשריי געטאָן פון וועהטאָג, האָט דער זעקס יאָ־ריגער איינגעלע, מיין איינגסטער ברודער'ל, זיך צו מיר אָפּגע־רופען: „דעם טאַטען מיט דער מאַמען האָט מען דער'הרג'ט און צו דיר, אַז מען ריהרט זיך צו, שרייסטו!"

„אַזוי זיינען מיר געזעסען אין קעלער ביי אַ שעה צייט, ביז עס איז געוואָרען אַכט אַזייגער אין אָווענט. דאַן איז מיין על־טערער ברודער געקומען פון אַפּטייק.

„ווער איז דאָ פאַראַן?" — האָט ער געפרעגט דורך דער פינסטערניש פון קעלער. מיר האָבען דערקענט זיין שטימע און מיר האָבען אָנגערופען אונזערע נעמען און איהם אַלץ דער־צעהלט. ער האָט שוין אָבער אַלץ געוואוסט".

דער נאָמען פון שושנה'ס ברודער איז חביב דוד אַפריאַט. ער איז אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר אַכטצען. אין דעם אַפּטייק, וואו ער ארבייט, האָט ער זיך באַהאַלטען פון פּאָגראָם. ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז ער געווען דערביי בשעת זיין שוועסטער האָט אונז דערצעהלט איהר טרויעריגע געשיכטע. ביי דיזען פּונקט האָט ער אונז אַליין דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

„איך בין געווען באַהאַלטען אין אַפּטייק, אָבער ארום זיבען אין אָווענט בין איך ארויס אין גאַס. ווען דער פייער האָט זיך צופלאַמט האָב איך פון די פלאַמען געהאָלפען ראַ־טעווען די וואָס זיינען געווען אין געפאַהר פאַרברענט צו ווערען. דאַן בין איך אַוועק צו אונז אַהיים. אויפ'ן וועג האָב איך באַגעגענט דעם אַראַבישען פּאָליסמאַן סעיד אַסקארי. געהענ־דיג מיט מיר האָט ער מיר איבערגעגעבען די בשורה, אַז מיין פאָטער און מוטער זיינען דער'הרג'עט. ער האָט מיך אוועק־געפיהרט צו מיין שוועסטער און צו מיינע ברידערלעך, וועלכע זיינען געלעגען אין קעלער. דאַן האָט אַן אַראַבישער אָפיצער מיט'ן נאָמען שיקאַט גענומען מיין שוועסטער און איהר אוועק־געפיהרט אין דעם הדסה האָספּיטאַל און איך האָב גענומען די קינדער און זיי אַוועקגעשיקט אין דער פּאַלעסטינער באַנק,

וואו פילע אידישע קינדער האָבען זיך געראטעוועט פון די מער־דער.

„איך בין געווען די צווייטע פארוואונדעטע, וואס מען האָט געבראכט אין האָספיטאל, האָט שושנה באמערקט", און דער־ביי האָט זי איבערגעגעבען די פאָלגענדע איינצעלהייט פון דער שחיטה:

„כאדזש קאברא, א. צפת'ער אראבישער גייסטליכער, איז געגאנגען פאראוים, אָן דער שפיץ פון די באנדעס. ער איז געגאנגען מיט א שווערד אין האנט און האָט געשריען: „איהר זאָלט ניט רויבען, איהר זאָלט ניט ברענען, בלויז מאָרדען!" דערביי האָט ער געזאָגט דעם פסוק פון קאראן, אז מיט דער שווערד ווערט פארשפרייט די מאכמעדאנישע רעליגיע (דין מחמד בסיף!)"

שפעטער האָט שושנה ביי דעם אונטערזוכונגס־ריכטער דער־קענט דרייצעהן פון די מערדער און רויבער.

„געהענדיג אין רעגירונגס־הויז", האָט זי ווייטער דער־צעהלט, האָב איך באגעגענט א באקאנטע אראבישע פרוי, וועל־כע איז געווען אונזערע א שכנ'טע און האָט פריהער געוואר־בייט ביי מיין זיידען. האָט זי מיך געפרעגט: „וואָס מאכסטו, שושנה, ווי געהט עס דיר?" האָב איך געענטפערט מיט קללות. האָט זי מיר געזאָגט: „וואָס זיינען מיר שולדיג? פאר וואָס שילטסטו אונז? שילט די אמת'ע שולדיגע. דעם מופטי'ס פרוי איז געקומען צו אונז און יעדען איינעם פון אונז האָט זי גע־זאָגט: „זאָגט אייערע מענער, זיי זאָלען געהן הרג'ענען די אי־דען דערפאר וואָס זיי האָבען צוגענומען דעם בוראק (כותל מערבי)."

חביב דוד, שושנה'ס ברודער, האָט כמעט ניט אָפּגעטראָטען פון אונז. די גאנצע צוויי טעג, וואָס איך האָב פארבראכט אין צפת, האָב איך מייסטענס איהם געזעהן ארום מיר.

ניט איך פערזענליך האָב איהם פאראינטערעסירט, נאָר מיין אינטערעס אין דער שחיטה. ארום מיר איז שטענדיג גע־ווען א גרופע צפת'ער אידען און מען האָט דורכאויס גערעדט

וועגען די בלוטיגע געשעהענישען. אָט דאָס האָט איהם געצויגען צו מיר. ער האָט ניט געקענט אָפּטרעטען פון די געשפּרעכען.

זיין שוועסטער איז געווען דערביי ווי מען האָט דער׳הרג׳עט זייער פאָטער און מוטער, ער אָבער איז געקומען ווען זיי זיי־נען שוין געווען טויט. און זיין בענקעניש נאָך זיי איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין פּנים. דער אומגליק האָט פּאַסירט מיט פיר וואָכען פריהער, זיין עלענד איז אָבער ניט שוואכער גע־ווארען. איהם האָט געצויגען וועגען דעם אומגליק צו ריידען און צו הערען, ווייניגסטענס.

צווישען די אשכנזים האָט ער זיך אויסגעלערענט אביסעל אי־דיש, האָט ער אימער געפּרואווט צו מיר ריידען אויף מיין לשון. עס האָבען איהם אָבער אויסגעפעהלט ווערטער, און דאָס האָט נאָך מעהר פאַרגרעסערט מיין געפיהל פון רחמנות צו איהם. א בחור׳ל מיט א שרעקליכער טראַגעדיע אין הארצען וויל זיך אויסריידען זיין פאַרוועהטאָגט הארץ און עס פעהלען איהם ווערטער! זיין שוועסטער, שושנה, קען גאָר ניט ריידען קיין אידיש, האָט זי די שוועריגקייטען ניט געהאַט, וואָרים זי האָט דורכאויס גערעדט דורך מיין איבערזעצער. ער אָבער, חביב דוד, ער האָט זיך געפרעהט וואס ער קען מיט מיר ריידען מ י י ן לשון און מיר דערצעהלען. מיט זיין שוואכען אידיש איז איהם צו דערצעהלען אָבער געווען ניט לייכט. יעדעס מאָל ווען איהם האָט אויסגעפעהלט א אידיש וואָרט, האָט א וועהטאָג זיך אָפּ־געשפּיגעלט אין זיינע אויגען. איך פלעג איהם פּרופען ארויס־העלפען. אָבער ניט אימער האָט מען געקענט פאַרשטעהן וואס ער מיינט. סוף כל סוף פלעגט ער דאָס מוזען זאגען אויף העב־רעאיש, און זיינע רייד פלעגט מען מיר איבערזעצען. דאָס האָט איהם שטארק פאַרדראָסען. ער האָט געדורשט אליין אלץ צו דערצעהלען, זיין גאַנץ הארץ אויסגיסען פאַר מיר האָט זיך איהם געוואלט.

צו זיין שוועסטער, שושנה, האָט ער ארויסגעוויזען א צו־געבונדענקייט וואָס האָט אין זיך געהאַט אן אָפּקלאַנג פון זייער גרויסען געמיינשאַפטליכען אומגליק.

נאָכוואָרט

(געשריבען אין ניו יאָרק דעם 6טען מאַי, 1934)

איך האָב פאַרלאָזען צפת מיט אַ בלוטענד האַרץ. איך האָב זיך געפיהלט נידערגעשלאָגען, און, ניט־ווילענדיג, האָט איך זיך פאַרגעשטעלט אַז דער עולם אין תל אָביב, וואוהין איך בין איצ־טער געפאָהרען, איז אויך נידערגעשלאָגען.

איך זאָג „ניט־ווילענדיג", ווייל איידער כ'האָב פון תל־אָביב זיך אוועקגעלאָזען אויף מיין רייזע איבער די פלעצער פון די פּאָגראָ־מען און שחיטות, האָב איך געזעהן אַז די אידישע באַפעלקערונג איז פול מיט לעבען און שטרעבען, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט. דאָך איצט, ווען איך האָב שוין געהאַט געזעהן די סליאַדען פון אַזיאַטישע בלוט־דורשט און פון אידישע העלדיש־קייט, און הויפּטזעכליך נאָך דעם, ווי איך האָב געזעהן בלוט־פלעקען און אָפּקלאַנגען פון דער צפת'ער טראַגעדיע, איצט האָב איך כמעט פאַרגעסען וואָס איך האָב פריהער בעאָבאַכטעט אין דער נייער אידישער שטאָדט און אין די סאָציאַליסטישע אידישע קאָלאָניעס. מיר האָט זיך ווידער געדוכט, אַז נאָך אַזעלכע דורכ־לעבונגען זיינען די אידען דאָרטען געוואָרען אָפּהענטיג.

ווען איך בין אָבער אַהין געקומען, האָב איך געפיהלט נאָך דייטליכער ווי פריהער אַז זיי זיינען פול מיט ענערגיע און אונ־טערנעמונגס־גייסט, מיט מוט און באַגייסטערונג. די אָנפאַלען פון די אַראַבישע כוליגאַנעס און דער וואונדערבאַרער אידישער ווידערשטאַנד האָבען פאַרגרעסערט די ליבע פון די אידען צום לאַנד, זייער קאַמפּס־לוסט און חשק צו פאַרטיידיגען זייערע דער־גרייכונגען, זייער דורשט ווייטער צו בויען, ווייטער אויפצוטאָן.

דער געפיהל פון זיכערקייט איז אין זיי ניט געמינדערט געוואָרען אויף אַ האָר. און דאָס, נאָכדעם, וואָס איך האָב גע־זעהן אויף מיין רייזע, האָט מיין איבעראַשונג נאָך גרעסער געמאַכט.

איך האָב זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען. צו מיין באַגייס־טערונג פאַר די מענשען איז ניט געווען קיין שיעור.

* * *

אין מיינע קינדער יאָהרען אין רוסלאַנד, פלעגט אַ אידישער אינגעל זיך האָדעווען אין אַ געדאַנק, אַז אַ איד איז אַ פייגלינג, און אַז עס איז גוט אַזוי, וואָרים מיר זיינען אַ הילפלאָזע הייפעלע צווישען צענדליגע מיליאָנען שונאים. שפּעטער האָבען אין דעם פּרייהייטס־קאַמף זיך באַוויזען אידישע העלדען; און דער אַלטער געפיהל איז אין פילע פון אונז פאַרשוואונדען.

איך האָב שוין דאָס איין מאָל געזאָגט. איך דערמאָן דאָס דאָ נאָכאַמאָל, ווייל וועגען דיזען פאַקט האָב איך אַ סך געטראַכט ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט פון צפת קיין תל־אָביב. געפינענדיג זיך אַ צווייטען מאָל אין תל־אָביב און אין די קאָלאָניעס האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער איבערקערעניש וואָס איז מיט עטליכע צענדליג יאָהר צוריק פאָרגעקומען אין מיין באַגריף וועגען די מעגליכקייטען פון דעם אידישען גייסט. און זינט איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט די סאָציאַליסטישע אידישע קאָלאָניעס פון פּאַלעסטינע, האָב איך אין מיין געדאַנק געזעהן געשטאַלטען פון העלדישע חלוצים צוזאַמען מיט בראַווע אידישע פיגורען פון דעם אַלטען רוסישען קאַמף.

* * *

אין די פילע שטונדען וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין די קאָלאָניעס פון דער „הסתדרות״ האָבען אין מיין גדעכנים אויפגעלעבט ערינערונגען פון אַן אַנדער מין — ערינערונגען פון אונזערע ערשטע יאָהרען אין אַמעריקאַ. אין 1882 איז דאָס געווען. מיט שעהנע טרוימען זיינען מיר אין דעם וויטען לאַנד געפאָהרען. מיר האָבען געפּלאַנעוועט דאָרטען צו גרינדען קאָלאָניעס פון אידישע ערד־אַרבייטער, לויט דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל. מיר זיינען אַהין געקומען. פּראָבעס זיינען געמאַכט געוואָרען. קיין ערפאָלג איז אָבער ניט געווען. די פּאָר עקספּערימענטען האָבען זיך געענדיגט מיט ביטערע ענטוישונגען.

פונקט אַזעלכע אָנפאַנגען זיינען מיט יאָהרען שפּעטער געמאַכט געוואָרען אין פּאַלעסטינע, און דאָרטען איז פון דעם נאָבעלען טרוים געוואָרען אַ בליהענדע ווירקליכקייט, קאָלאָניעס

פון דעם רייַנסטען סאָציאַליסטישען אידעאַליזם. איך האָב זיי באַזוכט, און די טעג, וואָס איך האָב אין זיי פאַרבראַכט, זיינען געווען טעג פון גליק.

מיינע צוויי וויזיטען אין ארץ ישראל האָבען אין מיר איי־בערגעלאָזען טיפע איינדרוקען. דאָס, וואָס איך האָב דאָרטען געזעהן און דורכגעלעבט, איז אַ טייל פון די ליבסטע ער־פאהרונגען אין מיין לעבען. איך בין פון פאַלעסטינא אוועק־געפאָהרען מיט אַ זאַמלונג פון געדאַנקען־בילדער, וועלכע גע־הערען צו די טיי‍ערסטע אוצרות אין דער גאַלעריע פון מיין זכרון.

* * *

זינט יענע צוויי רייזעס זיינען אין פאַלעסטינע פאָרגעקומען באַדייטענדע ענדערונגען אין די קאָלאָניעס און אין די שטעדט. תל אָביב, חיפה און אנדערע צענטרען פון טעטיגקייט זיינען היינט גרעסערע, בליהענדערע און וויכטיגערע שטעדט, ווי זיי זיינען גע־ווען ווען איך האָב זיי באַזוכט. דאָס גאַנצע אידישע לעבען האָט זיך אין ארץ ישראל פאַנאַנדערגעוואַקסען און פאַנאַנדערגעבליהט. פון מיין ערשטען באַזוך ביז דעם צווייטען זיינען שוין פאָרגע־קומען איינדרוקספולע ענדערונגען. די קאָלאָניעס, צום ביישפּיל, האָבען אין יענע פיר יאָהר געמאַכט פאָרטשריט, וואָס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען. עס האָט זיך געמערקט אַן אינ־טערעסאַנטער פּראָגרעס אין אַן עקאָנאָמישען ווי אויך אין אַ גייסטיגען און פּסיכאָלאָגישען זין.

אין אַלגעמיין אָבער קען מען מיט זיכערהייט זאָגען, אַז די איינדרוקען, וואָס ווערען דאָ איבערגעגעבען, שפּיגלען אָפּ דעם איצטיגען לעבען אין פאַלעסטינע. די קאַפּיטלעך וועגען די פּאָ־גראָמען, צוזאַמען מיט די קאַפּיטלעך פון דעם ערשטען טייל, שטעלען פאָר אַ די באַגייסטערונג און גליק פון דעם דאָרטיגען לעבען, אַ די געפאָהרען און דעם בראַווען קאַמף; די ריזיגע בוי־אַרבייט און די אָפּפערוויליגקייט פאַר אַ אידעאַל; די אַנגסטען און ליידען, די פּאָעזיע פון שטערבען, די פּאָעזיע פון נאָבעלע ערפאָלגען.